אוא"א היה עם פפיות
שלוחי עמך בית ישראל

די געשיכטע פון חזנות

ארויסגעגעבען צום

30 יאָהריגען יובילעאום

פון

אגודת חזנים דאמריקה וקנדה

זונטאג דעם 3טען פעברואר, 1924

רעדאַגירט פון

אהרן ראָזען

Copyright, 1924
by
The Jewish Ministers Cantors Association of America.

Pinski-Massel Press, Inc.
446
Bowery, New York.

Cantors' Ass'n
Jewish Ministers
of America.
JACOB RAPAPORT, PRESIDENT
ZAVEL KWARTIN
PHOTOS
COPYRIGHTED
Spiess'
STUDIO
NEW YORK

בעאמטע פון חזנים פארבאנד

יעקב ראפאָפּאָרט — — — — — — — — פּרעזידענט
פ. יאסינאָווסקי — — — — — — 1טער וויס-פּרעז.
א. זינגער — — — — — — — — — 2טער וויס-פּרעז.
ס. וויסער — — — — — — — — פינאנץ סעקרעטער
ה. קאטיליאנסקי — — — — — רעקאָרדינג סעקרעטער
מ. אראנאָוו — — — — — — — — — טרעזשורער
מ. ערסטלינג — — — — — — — קאָרעספּאָנדינג סעק.
י. פרענק — — — — — — — האָנאָרערי סעקרעטער
ס. אויערבאך — — — — — — — — ביבליאָטעקאר

באָארד אָוו דירעקטאָרס

נ. אייבראהמסאָן
נ. קאנטאר
ב. הגי
ג. אפרת
ס. פיין
מ. הילמאן
א. לעווין
ל. ליפּיכין
ע. ספּיוואק
מ. שעכטער
ס. שלאגער

אדוויזערי באָארד

איזידאָר פרענק,
טשערמאן
מ. גאנן
מ. הערשמאן
ס. קוואַרטין
נ. ג. מעלטצאָוו
ה. ניומארק
יוסף ראָזענבלאט
ד. רויטמאן
י. וויינשטאָק

עקס פּרעזידענטען

אברהם מינקאָווסקי
סיימאן שלאגער
סאָלאָמאָן בוים
נייטהען אייבראמסאָן
יעקב שווארטץ
מיכל מרדכי הילמאן

די אראנזשמענט קאָמיטע פון 30 יאָהריגען יובילעאום

פעברואר דעם 3טען 1924 (כ״ה שבט תרפ״ד)

פרעזידענט יעקב ראפּאָפּאָרט — — — — — — טשערמאַן
נ. אייבראהמסאָן — — — — — — — — — — טרעזשורער
מ. ערסטלינג — — — — — — — — — פינאנס סעקרעטער
י. אפּפּעל — — — — — — — — רעקאָרדינג סעקרעטער
מ. אראנאָוו
ס. ווייסער } — — — — — — — — קאָנטראָלערס
י. וויינשטאק

קאָנצערט קאָמיטע

פ. יאסינאָווסקי
א. זיגגער
נ. קאנטאָר
מ. הילמאן
ח. קאָטיליאנסקי
ס. שלעגער
מ. שעכטער
א. פריעדמאן
י. קעלמאנסקי
ע. ספּיוואק

פינאנס קאָמיטע

פ. יאסינאָווסקי
טשערמאַן
מ. ערסטלינג
י. וויינסטאק
י. זאלטצמאן
י. קעלמאנסקי
א. פריעדמאן

פרעס קאָמיטע

ע. ספּיוואק
פ. יאסינאָווסקי
י. זאלטצמאן
מ. ערסטלינג
א. פריעדמאן

שליכטונגס קאָמיטע

נ. קאנטאָר,
טשערמאַן
ח. קאטליאנסקי
מ. הילמאן
ס. לעווין
מ. גאנן
י. גאָלד
ב. חני
מ. שעכטער
א. פראכטענבערג
א. לעווין
ה. מילקאָווסקי
מ. זשארניטצקי

עדיוקיישאָנעל קאָמיטע

פנחס מינקאָווסקי
פ. יאסינאָווסקי
ח. קאָטיליאנסקי
ל. ליפּיטין
מ. גאנן
נ. אפרת
ע. ספּיוואק
מ זשארניטצקי
ע. וואליצקי

מוזיקעל קאָמיטע

נ. אייבראמסאָן,
טשערמאַן
י. קאמינסקי
י. וואסילקאָווסקי
ל. ליפּיטין
א. פראכטענבערג
יעקב ראפּאָפּאָרט
פ. יאסינאָווסקי
י. וויינשטאק

עהרענמעמבערס

לעאן מ. קראמער
פּראָפ. נ. זעליקאָוויץ
ר׳ זיידעל ראוונער
דן פוקס
בערנארד ק. מארקוס
דר. סעמועל ביכלער
יוסף באראָנדעס

פּאָזישאָן קאָמיטע

נ. אייבראמסאָן,
טשערמאַן
מ. שעכטער
ז. עסקאָוויטץ
נ. קאנטאָר
מ. אראנאָוו
נ. אפרת

רעליעף קאָמיטע

א. לעווין,
טשערמאַן
ה. מילקאָווסקי
ר. מינסקי
ג. וואלמאן
ה. סוקאָוו
א. שאפּירא

מעמבערשיפּ קאָמיטע

ל. ליפּיטין,
טשערמאַן
פ. קראסנאָוו
מ. יאפּפּע
ב. בראווערמאן
א. פראכטענבערג
א. האָלין

JEWISH MINISTERS
SAM WEISER FIN. SECY.
P. JASSINOWSKY 1ST. V. PRES.
CH. KOTYLIANSKY REC. SECY.
Officers
1923
PINCHUS MINKOWSKY HON. PRES.
JACOB RAPAPORT PRESIDENT
M. ARANOFF TREAS.
A. SINGER 2D. V. PRES.
I. FRANK HON. SECY.
CANTORS ASSOCIATION OF AMERICA
PHOTO BY Spiess N.Y.

באַארד און דירעקטאָרס:

ערשטע רייהע — פון לינקס צו רעכטס, שטעהענדיג: ח. קאטיליאנסקי, רעק. סעק. נ. קאנטאר, ש. פיין, א. לעווין, ג. אפרות.
צווייטע רייהע פון רעכטס צו לינקס: מ. ערשטלינג, א. ספיוואק, מ. שעכטער, ב. חגי, ל. ליפיעץ, ס. ווייססער, גענ. סעקרעטער.
דריטע רייהע זיצענדיג פון לינקס צו רעכטס: א. זינגער, 2טער וויס פרעז. נ. אייבראמסאן עקס פרעז. י. ראפאפארט פרעז. מ. הילמאן עקס. פרעז. מ. אראנאוו טרעזש.

צו מיינע פיעלגעליבטע חברים,

מיטגלידער פונ׳ם „חזנים פֿאַרבאַנד“ אין אַמעריקא.

פופצעהן טויזענט אידען כ״י, מיינע טייערע קאָלעגען, האָבען זיך היינט, זונטאג, דעם 3טען פעברואר, 1924 (כ״ח שבט תרפ״ד) פֿאַרזאַמעלט דאָ אין דעם ריזיגען מעדיסאָן סקווער גארטען, אייך אָבצוגעבען אַ „מזל טוב“ צו אייער 30־יעהריגען יובילעאום. די אַלע אידען, מיט זייערע פרויען און קינדער, וועלכע איהר זעהט דאָ פֿאַר זיך, זאָגען א ברכה שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אַז זיי האָבען ב״ה זוכה געווען מיט זייערע אייגענע אויגען צו זעהן אַזאַ פראַכטפאָל בילד, פון איבער 500 פון ישראל׳ס בעסטע זינגער. זיי גיבען אַ שבח צום בורא עולם, וואָס זיי קענען הערען אַזאַ געטליך געזאַנג. אַלס פרעזידענט און טשערמאַן פון דעם 30 יעהריגען יובי־לעאום, באגרים איך אייך, מיינע געשעצטע קאָלעגען, און ווינש אייך בכל לבבי ובכל נפשי, אַז איהר חזנים און זינגערס בכלל, און די אַלע וועלכע זיינען היינט דאָ פֿאַרזאַמעלט בפרט, זאָלען אַלע זוכה זיין צו פייערן אונזער 50 יעהריגען יובילעאום, אין אונזער הייליגער שטאָדט ירושלים, אמן.

יעקב ראפאפאָרט,

פרעזידענט „חזנים פֿאַרבאַנד“.

עקס פרעזידענט שוואַרץ'ס מעסעדזש

איך ווייס ניט צי איז מיין מזל, אָדער עס איז טאַקע געווען ערנסטע, ענערגישע אַרבייט, אָבער איינס איז זיכער, אַז אין די צוויי און אַ האַלב יאָהר, וואָס איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען צו זיין דער פאָרזיצענדער פון דעם חזנים פאַרבאַנד, האָט דיעזע אָרגאַניזאַציע וואונדערליכען פראָגרעס געמאַכט. איך גלויב, אַז איך מעג זאָגען, אַז די ערשטע פעסטע טריט, אין דער עפענטליכקייט איז געמאַכט געוואָרען אין פאַרלויף פון מיין אַדמיניסטראַציאָן אין די יאָהרען 1920, 1921 און האַלב 1922.

איך האָב געהאַט זעהר אַ שווערע צייט אויך — דאַרף מען ניט פאַרגעסען. עס זיינען געווען פריש די קרבנות פון דער מלחמה. די בריעף פון איירָאָפּאַ האָבען ערשט אָנגעפאַנגען אריינצוקומען, און מיר האָבען געמוזט שיקען הילפע. צעהנדליגע נאַציאָנאַלע אידישע און ניט אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבען געזוכט אונזער הילפע און מיר האָבען ניט געקענט ענטזאַגען, און דאָך קען איך זאָגען, אַז די $2\frac{1}{2}$ יאָהר פאַרנעהמט איינע פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלאַך אין מיין לעבען, אַזוי גוט ווי אין דעם לעבען פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן. עס איז געווען אַ פרוכטבאַרע צייט, וואָס האָט אונזער אָרגאַניזאַציאָן געמאַכט פאַר אַ וויכטיגע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט.

איך האָב געהאַט נאָך אַ קאַריערע אין חזנים פאַרבאַנד, אַלס סעקרעטער און עס איז אויסגעקומען אין מיין טערמין צו פייערען דעם 25-יעהריגען יובל, מיט 5 יאָהר צוריק אין רודף שלום טעמפּעל, ביי וועלכען עס זיינען אַנוועזענד געווען יעקב שיף, ע"ה, דזשאָדזש ראָזאַלסקי און אַנדערע וויכטיגע מענער.

איך האָב געמוזט רעזיגנירען פאַר-אַ-יאָהרען פּשוט דערפאַר, ווייל די פאָדערונגען פון'ם חזנים פאַרבאַנד זיינען געוואָרען צו גרויס, און מיין אידעע פון שאַפען מאָדערנע חזנים, פאַר די נייע אויפבליהענדע אַמעריקאַנער קהלות האָט געפאָדערט צופיעל פון מיין צייט. עס טוט מיר זעהר לייד, וואָס איך האָט זיך געמוזט אָבטיילען פון דער אַרבייט — אָבער עס פרעהט מיך, וואָס יעצט ליגט די אַרבייט אין די הענד פון אַן אַנדער יעקב — חזן יעקב ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז אַן ענערגישער און זעהר אַ פעהיגער עקזעקוטיוו, און איך בין זיכער, אַז ער וועט ברענגען דעם חזנים פאַרבאַנד צו דער שטופע, וואָס עס פאַרדיענט צו זיין.

ער איז אַ גרעסערער אונטערנעהמער, ריזיקאַלישער, אַרבייט זאַכען אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב. איך בין מעהר קאָנסערוואַטיוו און האָב ליעב צו געהן אויף אַן אייזערנעם בריק. איך באַוואונדער אָבער אַ מענשען, וואָס קען מאַכען דאָפּעלטע שריט, וואָס קען מאַכען, אַז דער וועג זאָל קירצער ווערען, וואָס קען דערנעהענטערען די גאולה... און דאָס חזנות דאַרף האָבען די גאולה...

עס בלייבט פאַר מיר צו זאָגען בלויז: זאָל דער רבש"ע שטאַרקען די האַנד פון אַלע, וועלכע אַרבייטען מיט לייב שטאַרקען די האַנד פון אַלע. וועלכע אַרבייטען מיט לייב און זעעלע צו דערהויבען דעם כבוד פון חזנות אַזוי גוט ווי דעם מצב החזנות. איך בין זיכער אַז ווען אַלע ברידער וועלען צולייגען אַ האַנד וועט אין גיכען זיין אַן אייגענע בית ועד לחזנים, אַ האַום פאַר קראַנקע הייטמאַזע, אַ פאַנד פאַר שטעלענלאָזע; הילפע פאַר די אַלמנות און יתומים; שטיצע פאַר די אונגליקליכע אויף יענער זייט ים, און פריהער פאַר אַלץ — עס וועט געבויט ווערען אַ שוהלע צו שאַפען חזנים וואָס וועלען זיין ווירדיג צו שטעהן ביים עמוד, און ווייטער טראָגען דאָס טראַדיציאָנעלע חזנות, וואָס האָט אונז געגעבען האָפנונג און מוטה אויף אונזער לאַנגען גלות וועג.

חזן יעקב שוואַרץ,

טעמפּעל בני ישורון.

ניו יאָרק, דעצ. 15, 1923.

ליעבע חברים פון חזנים פאַרבאַנד!

היינט, אין דעם היסטאָרישען מאָמענט פון אונזער „חזנים-פאַרבאַנד“, פאַר וועלכען מיר האָבען אַזוי פיעל ענערגיע און פיליינט א שטיק פון אונזער נשמה אוועקגעגעבען, איהם צו ברענגען צו דעם מצב, וואָס ער געפינט זיך היינט, אין דעם מאָמענט ווען יעדען חזן׳ס האַרץ איז איבערפולט מיט שמחה און בעסטע וואונשען, — ווילט זיך מיר אויסרופען, זה היום שקוינו לו, אשריכם חזנים! וואָס איהר האָט דערלעבט צו פייערען דעם 30 יאָהריגען יובילעאום פון הזנות איז אמעריקא.

30 יאָהר הזנות אין אמעריקא!

ווייסט איהר וואָס דאָס מיינט?

טייכען חזנ׳ישע טרערען! אַ ים מיט ליידען, אַלע יאָהר וואַנדערן פון איין שטעלע אויף דער צווייטער! ערנידערונגען, באַליידיגונגען פון אונזערע זאָ-גענאַנטע „דזשאַב-געבער“...

איך באַגריס אייך, מיינע ליעבע חברים! איך ווינש אייך, אַז דער „חזנים פאַרבאַנד“ זאָל אין דער צוקונפט זיין דאָס, וואָס ער וואָלט געקאָנט און באדארפט זיין, נעמליך:

אַ מעכטיגע שוץ-וואַנט פאַר אַלע אונזערע ליידענדע חזנים, וואָס ווערען, צום באַדויערען, אַזוי אָפט מיסהאַנדעלט...

איך באגריס אונזער פרעזידענט יעקב ראפּאָפּאָרט און ווינש איהם נאָך פיעלע יאָהרען צו ארבייטען לטובת החזנים והחזנות.

איך באגריס אַלע באאמטע און פריינד חזנים, מיט וועלכע איך האָב צוזאמען געארבייט, און ווינש צו ארבייטען מיט אייך נאָך פיעלע, פיעלע יאָהרען.

יהושע ווייסער, גענ. סעקרעטער.

חברים חזנים!

גליקליך זיינען מיר וואס מיר האָבען זוכה געווען צו פייערען אונזער גרויסע שמחה — דעם 30 יעהריגען יובל פון אונזערע שעהנע און וויכטיגע אגודת החזנים דאמריקה וקנדה.

איך, אלס טרעזשורער, וואָלט געדארפט זאָגען צו אייך, אז „אם אין קמח אין תורה“, אָבער אנשטאט דעם זאָג איך „אם אין תורה אין קמח“, אויב מיר וועלען ניט נעמען בויען, באפעסטיגען זיך, דערהויבען די חזנות צו איהר ריכטיגען מצב, דאן וועט געלד ווענינ וואָס העלפען.

מיר דארפען זיך שעצען גליקליך, וואס מיר האָבען היינטיגען יאָהר אזא ענערגישען און מוטהיגען פיהרער — חזן יעקב ראפאָפּאָרט, אונזער פּרעזידענט. פיעלע שרייען, אז דער „יאָך“ איז געוואָרען צו גרויס, אָבער ווען איהר וועט זיך ארייַנטראכטען, אז די ארבייט ווערט געטהאָן פאר אייך און פאר דעם גאנצען פאך, ווען איהר וועט זעהן, אז יעצט האָט מען אָנגעפאנגען טהאָן, דאן וועט איהר זאָגען, אז געבענשט זאָל זיין די ארבייט פון די אלע, וועלכע טהוען מיט אן אמת, פאר דעם כבוד פון׳ם חזנים־פאך, און פאר דער צוקונפט פון אונזערע ברידער!

ברידער! עס איז א גרויסער יום טוב! עס איז אן עפּאָכע־מאכענדע פאסירונג! עס איז א טאָג פון ווידער־געבורט! עס איז א נייַ קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון חזנות! זעהט אז מיר זאָלען האָבען א קאפּיטעל, אויף וועלכען מיר זאָלען קענען שטאָלץ זיין.

מנחם מענדעל אראָנאָף, טרעזשורער.

דרייסיג יאָהר חזנות! א גרויסע פּעריאָדע! און דערצו איינע פון די שטורמדיגע פּעריאָדען! וועלטען זיינען חרוב געוואָרען! נאציאָנען זיינען אונטערגעגאנגען!

דרייסיג פון די ערשטע יאָהרען פון דאָס אידישע חזנות, האָט דורכגעמאכט פיעלע מאָדולאציאָנען. און איך וויים נאָך היינט ניט צו מיר זינגען יעצט אין׳ם „ריכטיגען שליסעל“.

אָבער אם ווינציגסטענס צייגט זיך יעצט אן התחלה פון ארבייט; א שטרעבען עפּעס צו שאפען, עטוואָס צו בויען; עטוואָס צו באפעסטיגען. מיר האָבען שוין א שטיקעל געשמאק, מיר האָבען א ווילען, מיר האָבען קיין ע״ה א קערפּערשאפט און א מאכט, און מיר האָבען אָנערקענונג.

איך באגריס אלס אייגער פון די עקס פּרעזידענטען דעם יעצטיגען פיהרער. חזן יעקב ראפאפּארט, א יונגערמאן אין יאָהרען, אָבער אלט אין שכל און א קרעפטיגער עקזעקוטיוו. וועלכער האָט אונז ארויפגעפיהרט אויף דעם וועג.

איך האָף אז אונזערע ברידער וועלען פארשטעהן אז אונזער 30 יעהריגער יום טוב, איז אייגענטליך אונזער געבורטסטאָג, ווייל יעצט ווערען מיר אויפסניי געבוירען, און די וועלט וועט פון היינט אָן און ווייטער קוקען אויף אונז און אונז אויך פרעגען: „וואָס טהוען מיר“?

מיר האָבען געדארפט דורכמאכען די שרעקליכע מלחמה אום צו קענען האָבען די זכיה צו האָבען אלע אונזערע חברים, גרויסע פּערזענליכקייטען פון עמוד, הא מיט אונז היינט. זאָלען זיי אונז דיענען אלס אינספּיראציאָן צו טהאָן אונזער ארבייט ניט נור פאר זיך, נור אויך פאר חזנות.

נייטהען אייבראמסאָן

באגריסונג פונ'ם פרעזידענט פון די פאר־אייניגטע שטאטען, קאלווין קולידוש

THE WHITE HOUSE
WASHINGTON

December 29, 1923.

My dear Mr. Rapaport:

Your invitation to the recital which the Jewish Ministers Cantors'Association is giving on February 3rd, is received. It would be a pleasure to accept and be with you at that time, if it were among the possibilities, which I regret that, owing to the demands of affairs here, it is not. The excellent work the Association is carrying on is deserving of all consideration and assistance, and I hope it may be most helpful to those whom you are aiming to assist.

Very truly yours,

Mr. Jacob Rapaport, President,
Jewish Ministers Cantors' Assn.,
40 Second Avenue,
New York, N. Y.

ווהייט הויז, וואשינגטאָן, דעצעמבער 29טען:

„מיין ליעבער הער ראפאָפּאָרט: —

„אייער איינלאדונג צו דעם ריסייטעל וואס דער חזנים־פארבאנד פון אמעריקא גיט דעם גטען פעברואר, ערהאלטען. עס וואָלט געווען א פארגעניגען די איינלאדונג אָנצונעהמען און זיין מיט אייך, ווען עס וואָלט געווען מעגליך, וואָס איז ליידער צוליעב פיעלע פליכטען דאָ, ניט מעגליך. די אויס־געצייכענטע ארבייט פון אייער אָרגאניזאציע איז ווערטה יעדע אויפמערקזאמקייט און הילף, און איך האָף, אז איהר וועט האָבען ערפאָלג צו העלפען אלע די וואָס איהר בעאבזיכטיגט צו העלפען".

ערגעבענסט אייערע,

קאלווין קולידוש.

באגריסונג פון סעקרעטערי אָוו סטייט טשארלס ע. יוהז

THE SECRETARY OF STATE
WASHINGTON

December 29, 1923.

I send my cordial greetings to the Jewish Ministers Cantors' Association of America and I trust that they will have abundant success in their endeavor to raise funds for the superannuated members of this honored profession, which has so largely contributed to perpetuate the most worthy traditions of Jewish music and the ethical precepts of their faith.

סעקרעטערי אָוו סטייט, טשארלס ע. יוהז, שרייבט:

„איך באגריס דעם חזנים פארבאנד פון אמעריקא און איך האָף, אז איהר וועט האָבען גרויס ערפאָלג אין אייער אונטער־נעהמונג צו שאפען א פאָנד פאר די שטעלענלאָזע אין אייער זעהר געשעצטע פּראָפעסיאָן, וואָס האָט אזוי פיעל געהאָלפען צו פאראייביגען די טייערסטע טראדיציאָנען פון אידישער מוזיק און די עטהיק פון אידישען גלויבען".

טשארלס ע. יוהז.

באגריסונג פונ'ם אידישען יונייטעד סטייטס סופרים קאורט
ריכטער, און ציוניסט לואיס ד. בראנדייס

Supreme Court of the United States.
Washington, D.C.

Dec 27/23

Dear Mr Rapaport:

Judicial office precludes acting upon the very cordial invitation contained in yours of yesterday.

I trust that this - and all other meetings of your association will make Palestine development a part of the urgent business.

With best wishes
Cordially Louis D Brandeis

Mr Jacob Rapaport

סופרים קאורט זשאַדזש לואיס בראנדייס שרייבט, אז ער
האָפט, אז חזנות וועט האָבען א גרויסען חלק אין דער אויפבוי־
אונג פון ארץ ישראל.

באגריסונגען פון הרב גוטה און רעוו. מאסליאנסקי

ב״ה נויארק, יום א״ לס׳ בא ר״ח שבט תרפ״ד

לכבוד אגודת החזנים אשר באמריקה שלום!

אגודתכם הנכבדה אשר הולכת לחוג חג היובל של שלשים שנה לקיומה בקול רנה ותודה נבטח יאות לקראתו חג האסיף כי נאספתם כולכם באסיפת חברים — כלי שיר של עולם הנגון בקול אשר ישמח אלהים ואנשים, קול ענות גבורה. מטרתכם הגדולה להיות שלוחי דידן ושלוחי דרחמנא כמלאכי אלהים עולים ויורדים בנצוח ונגון וכל בעלי השיר יוצאים בשיר ומושכים בשיר. ועתה אשר אתם נתכנסים לחוג את חג יובלכם גם המוני מטה אשר אתם ציריהם יחוגו אתכם וקרבת וחפצון ליקח חלק בשמחתכם. וגם מצדי הנני מברך אתכם שתזכו לעת מלאת מהיום עוד עשרים שנה בעת אשר תחוגו חג היובל של חמשים שנה תהיו כולכם דשנים ורעננים כיום הזה ויהיה קולכם אז כקולכם עתה; ערב ונעים ואל יחר גרונכם כקול השופר אשר הלך וחזק מאד.

ידידכם

בנימין ברוך גוטה, רב בנויארק.

מיין ליעבער פריינד חזן יעקב ראפאָ־פּאָרט, פּרעז. לאגודת החזנים דאמע־ריקא וקנדא.

ערלויבט מיר פריינד צו גראטולירען אייך, און דורך אייך, צו אייערע הונדערטע געעהרטע הברים פון דעם „חזנים פארבאנד״ צום דרייסיג יעהריגען יובל פון דער אגודה.

איך גלויב אז א גרויסע טייל פון אייך ווייסען פון מיין פריינדשאפט און איבערגעבענהייט צו אייך אידישע קינסט־לער פון דער אידישער מוזיק; איך ווייס און פיהל די גרויסע נוצען וועלכע איהר, חזנים, האָט געבראכט צו אונזער אומ־גליקליכען פאָלק אין זיין צוויי טויזענד יאָהריגען גלות וואנדערונג, איבער דעם גאנצען ערדבאל.

טרוקען, עלענד און פינסטער איז געווען דער אידישער לעבען אין די גהעטא׳ס אין דעם מיטעלאלטער, און זאָגאר אין די לעצטע יאָהרהונדערטע אין דער „טשערטא־אָסעד־לאָסטי״ אין רוסלאנד, איז אונזער טרויעריגער לעבען גע־ווען מאָנאָטאָנא, טריעב, חשך און קאלט, קיין פונק, קיין שטראל פאר דער פינסטערער טרויעריגער גלות נשמה פון דעם גלות פאָלק.

איהר, נור איהר, הזנים מיט אייער גאָט געבענשטע טאלאנטען האָט איהר ערקוויקט, ערמונטערט און ערמור־טהיגט דעם פאָלק ישראל צו איבערטראָגען זיין שרעקליכען גלות שיקזאל.

געהט ווייטער אין אייער וועג; פארשטארקט אייער לאנער, העלפט אייערע ברידער, און מיר אלע זאָלען זוכה זיין צו פייערען אייער „יובל החמישים״.

אייער איבערגעבענער פריינד

צבי הירש מאסליאנסקי

לבחירותו של הנשיא מר יעקב רפופורט נ״י

ידידי הנעלה !

קבל נא ברכתי מלבי נובעת
ליום עלותך על כסא המלוכה
עלה וצלח בגדל המעש
ותהיה עבודתך פוריה וברוכה.

רבים כבר עלו, רבים כבר ירדו
ורבים הנם שלעשות הבטיחו
ונאים הדורשים ואינם מקימים
וטרם התחילו, וטרם הצליחו.

— פנו דרך לטוב מכם
כי רבה המכשלה תחת ידיכם
משכמו ומעלה גבה מכם
וקטנו עבה ממתניכם.

אל יפול רוחך אם תכבד העבודה
לסדר ולארגן אגודת החזנים ;
לחזק ולאמץ, ליפות ולשכלל
שנחרב ונהרס מימים ושנים.

החנם שמנוך לראש עלינו ?
רועה נאמן לצאן קדשים ?
שליח צבור לשליחי צבור
לאלה שמול ארון הקודש גשים.

בל יפול רוחך אם תראה אחיך
תעו ותועים באין מטרה
תחזקנה ידיך ותראה נפלאותיך
לחלצם ממצר, להוציאם מצרה.

לאסף ולקבץ, לאגד ולאחד
את כל אחינו באשר הם שם
להעיר ולעורר, ולהקיץ נרדמים
ויראה, וישמע, ויבין וקם.

כעם גבורתו, כאיש חכמתו
החנם שמנוך לראש ?
חכם ונבון הנך מאז
עלה וצלח ! עלה ורש !

חזק ואמץ, איש משכיל ונבון
ומקול עלה נדף בל תירא ;
לך בכחך זה והושיע
לחברים בדעה, לחברים בשירה.

יעקב ליב וסילקובסקי

י״ג ימים לחודש איר שנת תרפ״ג

אונזער פרעזידענט — יעקב ראפאפארט

הקדמה

אייגענטליך וויל איך דאָ ניט שרייבען קיין הקדמה, נור אן ענטשולדיגונג.

שוין פון לאַנג האָט זיך ביי מיר אין מח געפּלאָנטערט די פראגע: פארוואָס איז ניט פארשריבען, פארצייכענט ערגעץ וואו די טהעטיג־קייט פון א חזן? דאַכט זיך ער ברענגט אזוי פיעל יום טוב׳דיגקייט אריין אין׳ם לעבען פונ׳ם איד; ער שפּיעלט דאַכט זיך אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון יעדען אידען פון זיין וויגעלע ביז צום קבר, פון זיין מזל טוב ביז צום עליו השלום, און דאָך ווייסט מען ניט פון דעם חזן. אזוי שנעל ווי ער פאַרלאָזט דעם עמוד, אָפט אפילו נאָך איידער ער איז ארויף אין הימעל צו זינגען שירה מיט די מלאכים?..

איך האָב נאָך ווייטער אריינגעקוקט אין לעבען פון א חזן און האָב געזעהן אַז ער איז אימער א מענש וואָס ארבייט פאר׳ן כלל. בויט מיט זיין געלד און מיט זיין טאַלאַנט אינסטיטוציס; העלפט מיט זיין טאַלאַנט דעם אומגליקליכען, דעם קראנקען, דעם נויטליידענדען; איך האָב געזעהן ווי דער חזן בעט פאר יענעם, און טהוט נור פאר יענעם, פאר׳ן כלל און פאר זיך גאָר ניט, און דאָס ניט פארצייכענען איז שוין אן עוולה.

אַז עס איז געקומען דער פּלאַן פון פייערען דעם יום טוב, האָב איך דעם פּלאַן פאָרגעשלאָגען. פיעלע וואָס האָבען פאַרשטאַנען דעם ווערטה דערפון האָבען זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד. אַנדערע אָבער — געוועהנליך אַזעלכע וואָס האָבען ליעב צו זיין פון די צושטערער, — זיינען געבליבען קאַלט, און אָבגעפרעמדט דערפון. זעהר פיעלע האָבען די געלעגענהייט פּשוט .פאַרנאַכלעסיגט, צוליעב דעם וואָס זיי זיינען באַשעפטיגט; אַנדערע האָבען מיר פּשוט ניט געקענט דערגרייכען אין צייט.

דערפאַר בין איך שולדיג אן ענטשולדיגונג וואָס דאָס ווערק איז ניט פאָלשטענדיג.

איך בין אָבער זיכער אַז אויב די התחלה איז דאָ וועט שוין דאָס איבריגע קומען. יעצט, אַז מ׳זעהט וואָס פאַר אן אוצר פון מאַטעריאַל עס איז דאָ אין׳ם פאַך וועט מען זיך שוין נעהמען די מיה דאָס אויפצולעבען, אויפצוזוכען, צו באַאַרבייטען און פאָל־שטענדיג צונויפשטעלען.

אָבער אויב מיר האָבען געקענט נור דאָס ביסעלע אויפטהאָן, אין אַזאַ קורצער צייט — אויב מיר האָבען געקענט פאַרצייכענען די נעמען פון די הונדערטער גדולי החזנות פון לעצטען דור וואָס האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון׳ם חזנות, האָבען מיר שוין אויך געטאָן אן ארבייט, וואָס מיר האָפען וועט אָבגעשאַצט ווערען פון אַלע אידען וואָס האָבען ליעב חזנות.

אין יעדע ביאָגראַפיע זיינען דערמאָנט חזנים וואָס דער עולם האָט זיי שוין כמעט ווי פאַרגעסען; און דאָס אליין איז שוין אַ גענוגענדע באלוינונג פאַר אונזער ארבייט.

פיעלע יונגע חזנים האָבען אייגענטליך קיין ביאָגראַפיע — זייער ביאָגראַפיע באלאנגט נאָך צו דער צוקונפט. אָבער ווען מ׳זעהט פון וואָס פאַר אַ מקור זיי שטאַמען, קען מען שוין זעהן ווי זיי וועלען זיך ענטוויקלען.

איך וויל דאַנקען די אַלע חזנים און אַלע גוטע פריינד פון חזנים און דיריגענטען וואָס האָבען געמאַכט מעגליך אַז דיזער בוך זאָל קענען ארויסקומען אין דער ליכטיגקייט.

איך דאַנק אייך אַלע פון טיעפסטען האַרצען, און ווינש אייך אַז איהר זאָלט אַלע דערלעבען דעם יובל החמישים, און דאַן זאָל די געשיכטע פון חזנות זיין אַ פאָלקאָמענע ווערק.

יעקב ראַפּאָפּאָרט.

אגודת החזנים דאמעריקא וקנדה
חזנים פערבאנד
JEWISH MINISTERS CANTORS' ASSOCIATION OF AMERICA

המנון לאגודת החזנים באמריקה וקנדה

הבו אחים „הבו גדל
— כבוד אל דגלנו.“
אם בתפלה או בשיר
אח לאגודתנו.

יחד נשיר „יחד נבכה
אחד גורלנו.“
נשפוך שיח לפני עליון
אחת דמעתנו.

נשא מרום את „דגלנו
דגל מחנה יה.“
נדבקה באגודתנו
ובכל הקרוש לה.

יעקב ליב וסילקובסקי

דרייסיג יאָהר ארבייט פון׳ם חזנים פאַרבאַנד

די חזנים אין אמעריקא פייערען היינט דעם 30 יעהריגען יובילעאום, זייט די קאנטאָרס אסאָסיאיישאָן האָט זיך צום ערשטען מאָל געגרינדעט. האָבענדיג די זכיה און דעם כבוד צו זיין דער פרעזידענט פון היינטיגען יאָהר, ווען דער חזנים פארבאנד, האָט גראדע, זעהר פיעלעס צו פערצייכענען, בנוגע איהר גוטער ארבייט פאַר דעם מצב החזנות אין אמעריקא, איז צו דערזעלבער צייט אויך אויף מיר ארויפגעוואָרפען געוואָרען די פליכט, דעם לעזער צו בעקענען מיט דער גרויסער היסטאָריע פון׳ם חזנים פארבאנד, וועלכער האָט אויך צו דערצעהלען א טרויעריגע געשיכטע!

צו באשרייבען א פאלשטענדיגען בעריכט, מיט אלע איינצעלהייטען, און אויך דערמאָהנען יעדען׳ס נאָמען, וועלכער פערדיענט דערמאָהנט צו ווערען, איז ערשטענס, פאַר מיר א פיזישע אונמעגליכקייט, אין אזאַ קורצער צייט, דאָס צוזאמענשטעלען, און צווייטענס, וואָלט דער חזנים־פערבאנד, געדארפט, אָבדרוקען איינינע בענדער, אז זי זאָל וועלען עהרליך זיין צו יעדען איינעם. איך בין אָבער זיכער, אז דער לעזער, פארלאנגט פון מיר ניט, אזא פיזישע אונמעגליכקייט, און כדי דער לעזער זאָל אָבער האָבען א בעגריף, וואָס דער חזנים פערבאנד האָט דורכגעמאכט אין פערלויף פון זיין אונרוהיגער עקזיסטענץ, זייט ער האָט די לעבעדיגע ליכט דערזעהן, וועל איך מיך דאריבער פאסען אין קורצען, און וועל מיט איינינע אינטערעסאנטע פאקטען, פאַר אייך אויפדעקען, די געשיכטע פון אונזער חזנים פערבאנד, זייט ער האָט זיך געגרינדעט, בכלל — און דעם אָנפאנג פון זיין טהעטיגקייט צו דעם אלגעמיינעם מצב פונ׳ם חזן אין אמעריקא — בפרט.

מיט 33 יאָהר צוריק, ווען חזנות אין אמעריקא, איז געשטאנען בתכלית השפלות, און די דאמאָלסדיגע חזנים, זיינען איינפאך אויסגעשטאָרבען פון הונגער, האָבען די פאָלגענדע חזנים וועלכע זיינען שוין אלע אויף דעם עולם האמת (לויט ווי איך האָב איבערגענומען א סירקולאר פון דעם דאמאָלסדיגען סעקרעטער, דעם אמאָליגען חזן, רעוו. מ. באלאך, זאָל לאנג לעבען געוועזענער חזן פון דער עסטרייך אונגארישע פועל צדק), רעוו. מאַקס ראפאפארט, ברוך שאָהר, ס. ראבינזאָהן, נ. שטאדלער, דוד שאָהר, י. בעהר, י. מארקמאן, און ר׳ ישראל מיכאלאָווסקי, צוזאמען מיט דעם דערמאָהנטען סעקרעטער, ארויסגעלאָזט א קול קורא צו אלע חזנים אין אמעריקא אַז זיי זאָלען זיך אלע פאראייניגען, אום צו בעשיצען זייערע אלגעמיינע אינטערעסען. דער לעזער וועט געוויס באמערקען, אַז דער חזנים פארבאַנד האָט זיך פארשפעטיגט מיט זיין היינטיגען יובילעאום, דער אמת איז אָבער, אַז 3 יאָהר זיינען אוועקגעגאנגען, זייט דער היסטאָרישער קול קורא פון 2טען סעפטעמבער, 1891 איז גערופען געוואָרען, ביז די חזנים האָבען איינגעווילינט זיך צו פעראייניגען אונטער אן אלגעמיינעם פעראיין, און ניט וועניגער פון 10 יאָהר האָט געדויערט, ביז די דאמאָלסדיגע חזנים, האָבען בעקומען גענוג מוטה, צו קריגען ביי זיך זעלבסט די ערלויבנים, צו מעגען קומען צו א חזנים פערזאמלונג, אזוי האָט דאָס אָנגעהאלטען ביז 1905.

אין דיעזען שרעקליכען יאָהר, ווען עס איז אין רוסלאנד פארגעקומען, די טרויעריגע בלוט פאָגראָמען, האָט זיך אונזער חזנים פערבאנד בעגעגענט מיט א גרויסען אידישען אימיגראציאָנס שטראָם, וועלכער האָט מיט זיך, מיטגעבראכט פערשיעדענע חזנים פון אייראָפא. און פונקט ווי אונזערע שוהלען אין אמעריקא, ווילען זיך קיינמאָל ניט פעראייניגען, אזוי, האָבען אויך די אריבערגעקומענע חזנים, זיך געשטאַנען פיעלע יאָהרען פון ווייטענס, און זיך ניט געוואָלט אָנשליסען אין אונזער אגודה. יעדער איינער פון זיי, האָט זיך געלעבט סעפעראט, נאָך מעהר, זיי האָבען זיך גאָר אָנגעהויבען צו קאָנקורירען, איינער מיט דעם צווייטען, און זיי האָבען זיך זאָגאר אויסגעהיט, צוזאמען צו קומען ווען עס איז אונטער איין דאך. די שולד, מוז אָבער געוואָרפען ווערען אויף די דאמאָלסדיגע מנהיגים פון די אָרטאָדאָקסישע שוהלען, וועלכע האָבען מיט זייערע הנהגות געטריבען און געצוואונגען די חזנים אז זיי זאָלן זיך מוזען בעטראכטען, ווי די ביליגסטע קאָמעדיאנטען, וועלכע שטעלען זיך פאר גאָר ניט אָפּ, אויב נאָר, זיי קענען א מאָמענטאלען סוקסעס ערוייכען, פון דעם ביליגען פובליקום.

אומזיסט. יאָ גאנץ אומזיסט, איז געוועזן דאָס בעטען זיך, ביי די צוגעקומענע חזנים, אז זיי זאָלען פרעמיידען די ביליגע עפעקטן פון זייערע תפילות, און אויסמיידען די קאָנקורענץ, וועלכע האָט סוף כל סוף געמוזט אונטערגראָבען דעם עקאָנאָמישען צושטאנד פון דעם אָרטאָדאָקסישען חזן. זייער אנטוואָרט איז אָבער געוועזן „אם אין קמח אין תורה“, מיר ווערען דאָ אין אמעריקא, בלויז אויף 1 יאָהר אנגאזשירט, און מיר מוזען טהאָן וואָס אונזערע בעלי־בתים פארלאנגען פון אונז, אויב נאָר מיר ווילען ניט פארלירען אונזער אָרעם שטיקעל ברויט.

מעגליך זיי זיינען פון זייער אמעריקאנישען שטאנדפונקט גערעכט געווען, דער רעזולטאט האָט אָבער געפיהרט, אז דער פערבאנד האָט געמוזט פערבלייבען א פאסיווע אָרגאניזאציע, אָדער בעסער געזאָגט א געוועהנליכער פעראיין פאַר פיעלע יאָהרען ביז ענדע 1913.

מיט דעם אָנפאַנג פון 1914, בעווייזען זיך שוין אין פערבאנד גאנץ נייע, יונגע און אינטעליגענטע חברים מיט אן אמביציע, ארויף צו ארבייטען די חזנישע פּראָפעסיאָן. זיי ווערען אקטיוו, און א דאנק זייער ענערגישע ארבייט, האָבען זיי באשאפען א 12ער קאָמיטע, וועלכע פערדיענט אין דער היסטאָריע, דערמאָהנט צו ווערען, יענע 12 מענשען, א ברכה אויף זייערע קעפּ, האָבען אונערמידליך געארבייט, און אוועקגעשטעלט דעם דורכשניטליכען חזן, אויף א מדרגה, אז ער זאָל זיך מיט זיינע שכירות ניט דארפען שעהמען פאר דעם געוועהנליכען ארבייטער. אום דאָס צו אילוסטרירען, וועט גענוג זיין דער פאקט, אז די העכסטע סאלערי, וואָס דער גרעסטער אָרטאָדאָקסישער חזן האָט צו יענער צייט בעקומען, איז געווען ניט מעהר, ווי 2400$ א יאָהר, בעסער געזאָגט, יענער בעוואוסטער חזן, האָט איינפאך געמוזט אָפּקאָנצערטעווען גאַנצע 52 שבתים אחוץ ימים טובים, פאר ניט מעהר ווי 2400$. היינט קענט איהר זיך פאָרשטעלען וואָס דער געוועהנליכער, אונבעקאנטער חזן, האָט געקענט צו יענער צייט בעקומען ! די נעמען פון יענע 12 חזנים, וועלכע, האָבען געהאָלפען דעם חזנים פערבאנד, אז דער חזן זאָל אזוי ניט זיין הפקר, זיינען ווי פאָלגט : מ. שעכטער, ל. ליפּיטץ, א. זינגער, א. לעווין, י. לעווין, י. קעלמאנסקי, ע. ספּיוואק, מ. הילמאן, מ. אראָנאָף, נ. אייבראמסאָן, מיט נייטהען קאנטאָר אלס איהר טשערמאן, און דעם שרייבער פון דיעזע ציילען אלס איהר טשערמאן אָוו פּרעסס.

אָבער גראדע, אין דיעזער צייט, ווען דער פערבאנד האָט שוין עפּעס אָנגעהויבען צו פארצייכענען א סוקסעס אין זיין עקזיסטענץ, האָט פּאסירט דער גרויסער חורבן פון דער וועלט מלחמה. די ערשטע אונדירעקטע מלחמה־קרבנות, — ווי עס איז געווען צו ערווארטען, זיינען אונזערע אומגליקליכע אייראָפּייאישע חזנים געווען. אין פּריעדענס־צייט, ווען אידען לעבען אפילו בשלוה, קען זיך אויך אמאָל פאר א נאָווינע געפינען א חזן א קרבן, ובפרט נאָך, אין קריעגס־צייט, ווען אונזערע שוהלען זיינען חרוב ונחרב געוואָרען.

דער פערבאנד זעהט זיך געצוואונגען אָפּצושטעלען זיינע אינערליכע ארבייט, בנוגע צו אמעריקאנער חזנים, און ווארפט זיך אריין אין א פיבערהאפטע טהעטיגקייט, צו שאפען הילפע און שטיצע פאר אונזערע אומגליקליכע קאָלעגען אין אייראָפּא. צום ערשטען האָט זי אויף דעם רוף פון דער פּיפּעלם רעליעף אראנזשירט א גרויסען קאָנצערט אין דער 14טע סטריט ארמאָרי, נוי יאָרק, וואו 12000 אידען האָבען בעצאָהלט פאר דער פּריווילעגיע צו קענען הערען אלע חזנים אין איין אבענד. די גאנצע הכנסה איז אוועקגעגעבען געוואָרען צום פּיפּעלם רעליעף.

דער פערבאנד האָט אָבער איינגעזעהן, אז ער קען ניט אָנפארטרויען זיינע חזנים אויף פרעמדע הענד, און האָט דעריבער אליין זיך געווענדעט קיין אייראָפּא, אז וואו נאָר עס געפינט זיך א חזן אין די מלחמה געגענדען, זאָל מען זאָפאָרט מעלדען צום חזנים פערבאנד, און עס האָט לאנג ניט געדויערט, ביז דער פערבאנד איז פארפלייצט געוואָרען מיט הערצרייסענדע בריעף פון אונזערע אומגליקליכע קאָלעגען. יעדער פון זיי איז פון אונז ב"ה געשטיצט געוואָרען, אזוי לאנג, ביז אונזער גאנצע קאסע איז אויסגעליידיגט געוואָרען.

פאָלגענדע סומען זיינען זייט די לעצטע 15 יאָהרען אויסגעגעבען געוואָרען פון דעם חזנים פערבאנד פאר פערשיעדענע אונטערשטיצונגען :

אויסגעצאָהלט דורך די 15 יאָהר צו פּאָסטענלאָזע חזנים	$12.500
אויסגעצאָהלט דורך די 15 יאָהר די קראנקע אָרעמע חזנים	8.250
אויסגעצאָהלט דורך די 15 יאָהר די אייראָפּייאישע חזנים אין מלחמה צייט	18.420
הלואות צו חזנים וועלכע מיר קענען פון זיי קיין מאָל ניט אָפּנעהמען	6.400
דאָניישאָנס (נדבות) צו פּריוואטע אינסטיטושאָנס	3.600
געדרוקט פארשידענע מוזיק פון זולצער, לעוואנדאָווסקי, נאָמבערג, ברוך שאָר, אבראַס, נאָוואקאָווסקי, הילער, זילבערטס און אנד.	2.250
צוזאמען	$51.420

די אלע געלדער האָט דער חזנים פערבאנד געמאכט הויפּזעכטליך פון זיינע גרויסע קאָנצערטען, א חוץ געוועהנליך, פון די יעהרליכע צאָהלונגען וואָס יעדער מיטגליד איז פערפליכטעט צו צאָהלען, אויב ער האָט נאָר א שוהל וואו צו דאווענען. דער חזנים פערבאנד האָט אויך אין פערשיעדענע צייטען פון זיין עקזיסטענץ, אוועקגעגעבען פּרייע קאָנצערטען צו שוהלען און ווערטפאָלע אינסטיטוציעס, און מיט אזעלכע נדבות, זיי אָפּטמאָל פערזיכערט זייער צווייפעלהאפטען עקזיסטענץ. אין דער מלחמה־צייט האָט אונזער געזאנג זעהר פיעל געהאָלפען צום פערקויפען די אלע ליבערטי באנדס, וואָס די גאָווערנמענט האָט צו יענער צייט ארויסגעלאָזט. דאָס אלעם האָט דער פערבאנד אויפגעטהאָן אין דער צייט, ווען ער איז בלויז געווען א לאָקאַלער פעראיין.

דער פערבאנד פּראָבירט צום ערשטען מאָל אין זיין היסטאָריע צו פאררופען א קאָנפערענץ פון חזנים און שוהל פּרעזידענטען, אויף דעם 19טען נאָוועמבער, 1922, אין האָטעל אסטאָר, ניו יאָרק. צום גרויסען בעדויערען זאָל עס יעצט פערשריבען ווערען, אז וואָס אנבלאנגט צו דער אנוועזענהייט פון חזנים, רבנים און כלל טוער גוטע פריינד, איז דער קאָנפערענץ געווען א גרויסער ערפאָלג, אָבער עס האָט זיך זעהר געמערקט די אבוועזענהייט פון כמעט אלע ניויאָרקער שוהל פּרעזידענטען מיט דער אויסנאהמע פון א פּאָר פריינדליכע שוהל פּרעזידענטען.

דער פערבאנד האָט אבער דעם מוטה ניט פערלוירען, און האָט מיט דער הילף פון די פילאדעלפיער און טשיקאגאָ'ער חזנים פאררופען די ערשטע לאנד קאָנווענשאָן פון חזנים אין אמעריקא, וועלכע איז אָפּגעהאלטען געוואָרען דעם 29־30־31טען מאי, 1923, אין עדיוקיישאָנאל עלייענס אויף איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

צו דער קאָנווענשאָן זיינען צוזאמען געקומען דעלע־

גאַטען חזנים פון גאַנץ אמעריקא און קענעדע, און די ערשטע קאָנווענשאָן וועט לאַנג פערבלייבען אין זכרון ביי די אלע וועלכע האָבען איהר בייגעוואָהנט.

א גרויסען דאנק קומט די עקס פּרעזידענטען, קאַנטאָר שלעגער און קאַנטאָר בוים, פאַר זייער אונערמידליכער ארבייט, אין דער צייט ווען זיי האָבען דעם אמט בעקליידעט. דער חזנים פערבאַנד און ספּעציעל אלע איהרע עלטערע מיטגלידער וועלען געדענקען די שווערע ארבייט, וואָס אונזער עהרען מעמבער, געוועזענער דירינגענט פון חזנים פערבאַנד, מר. לעאָן מ. קרעמער, האָט אין אלע יאָהרען פון דעם פערבאַנדס עקזיסטענץ אָהן געצאָהלט אזוי שווער געאַרבייט. דער שרייבער פון דיעזען בעריכט געדענקט גוט, און שעצט אויך היינט זיין ווירדיגע בענעהמונג, וואָס וואָלט געמעגט דיענען אלס א מוסטער פון העכסטער אינטעליגענץ, און בעדויערט גלייכצייטיג, וואָס אזא גרויסער מוזיקער ווי הערר קרעמער, האָט קיין צייט ניט געהאט מיט צו ווירקען אין אונזער היינטיגען יום טוב. איך דאנק אויך עקס פּרעזידענט שוואַרץ פאַר זיינע צוויי יאָהר און דריי מאָנאַטען ארבייט, און בעדויער זעהר, וואָס ער האָט רעזיגנירט אין מיטען פון זיין צייט, אָבער צו דערזעלבער צייט, פּארדיענט, א גרויסען דאַנק דער עקס פּרעזידענט הילמאַן, וועלכער האָט אויסגעפילט די איבריגע 9 מאָנאַטען אויף דעם פּאַסענדסטען וועג. אַ דאַנק אויך צו מיינע וויים־פּרעזידענטען, יאסינאָווסקי און זינגער. א דאנק צו אונזערע סעקרעטערס קאטליאנסקי און ווייססער. א דאַנק צו ברודער פּרענק און ערסטלינג. אַ דאנק צו אונזערע געטרייע אראנדזשעמענט קאָמיטע פון דעם 30 יעהריגען יובילעאום, און א ספּעציעלען דאנק צו עקס פּרעזידענט נ. אייבראַמסאָן און אונזער טרעזשורער מ. אראָנאָף, פאַר זייער אונשעצבארען סופּאָרט צו מאכען דעם 30 יעהריגען יובילעאום פאַר א סוקסעס. א דאנק אויך צו די ברידער וויינשטאָק, אפּעל, ליפּעטץ און ספּעציעל קאַנטאָר — ובפרט צו אונזער דיריגענט מר. זאוועל זילבערטס, פאַר זיינע וואונדערבארע קאָמפּאָזיישאָנס. א דאנק אויך צו מיין פריינד, דיריגענט טראכטענבערג, פאַר איינשטודירען די אלע קינדער צו דעם ריזיגען קאָנצערט. אַ דאַנק די אלע טענערע און בעסע, וועלכע האָבען מיטגעווירקט צו אונזער יום טוב. אַ דאַנק צו מיין פריינד אהרן ראָזען, ווען ניט ער וואָלט דאָס ארויסגעבען פון דיעזען בוך געוועזען אַבסאָלוט אַן אונמעגליכקייט. אַ דאַנק אויך צו אונזער ביבליאָטעקאר חזן אורבאַך. אַ דאַנק אויך אונזער אַלטען באַליעבטען חבר אברהם פראכטענבערג. ואחרון אחרון חביב. איך דאַנק אלע מיינע חברים, קאָלעגען פון חזנים פּאַרבאַנד, וועלכע זיינען געווען געטרייע סאָלדאַטען און האָבען אלע מיטגעווירקט און מיט געלד בייגעשטייערט, אז די „געשיכטע פון חזנות" זאָל קענען געדרוקט ווערען. א דאנק צו די אלע, וועלכע איך האָב זייערע נעמען פערגעסען, און בעט ביי זיי ענטשולדיגונג. און בעפאָר איך וועל דאנקען אונזערע אלע אנוועזענדע, וועמען עס קומט אייגענטליך דעם הויפּט דאנק פאַר דעם סוקסעס פון היינטיגען אָווענד, וועל איך מיך ווענדען מיט א פּאָר ערנסטע ווערטער צום גאַנצען אידישען פּאָלק בכלל.

אלס פּרעזידענט פון דעם חזנים פערבאנד, פרעג איך אייך, צו איז שוין ניט די צייט געקומען אז דאָס אידישע פּאָלק זאָל איין מאָל פאַר אלע מאָל ענטשיידען, אויב חזנים בכלל, און די אמעריקאנער חזנים בפרט, וואָס וואָהנען אין דעם גאָלדענעם לאנד, וואו אידען האָבען ב"ה געפונען א מקום מנוחה, א מקום, וואו אידען ווייסען ב"ה ניט פון רדיפות און גרושים בכלל, צי איז דאָס א יושר, פרעג איך אייך אין נאָמען פון די אלע חזנים, אז א חזן אין אמעריקא, וועלכער האָט זיינע יונגע יאָהרען, שטענדיג פאַר זיינע שוהל אידען, מיט מסירת נפש, געוויינט און געבעטען מיט אלע זיינע כחות, „אל תשליכנו לעת זקנה", צי זאָל דער זעלבער חזן פערלאָזען, פערוואָרפען, פעריאָגט און פערהונגערט ווערען אויף די עלטערע יאָהרען ווען זיינע כחות קענען איהם שוין מעהר ניט דיענען?

אונזער גרויסער משורר דוד המלך ע"ה, האָט אונז אויפגעפאָדערט: „עבדו את ד׳ בשמחה, באו לפניו ברננה", און ווער פון דעם אידישען פּאָלק ווייסט עס ניט, אז ביי אלע דורות, צו פערשיעדענע צייטען, און אויף אלע מקומות, האָבען מיר חזנים, שלוחי ציבור, די בעטער פאַר דעם פּאָלק, עהרליך און טריי, מיט מסירת נפש און אָפטמאָל מיט פּקוח נפש, די אידישע נאַציאָן מיט שמחה און געזאַנג אויפגעמונטערט, טראָץ דעם, וואָס מיר חזנים ווייסען, אז ווי נור אונזער עבודה האָט זיך געענדיגט, פערבלייבען מיר ווידער עלענד און אָבגעזונדערט, ווי שטיינער אין דער מדבר.

פאַרוואָס מיין טייער אידיש פּאָלק ווערען אונזערע אלטע, קראנקע און נויטליידענדע חזנים בעהאַנדעלט א סך ערגער ווי די פערשטויסענע ציגיינער באַנדעם? צו בעגרייפט איהר כאָטש, אמעריקאנער אידען, ווי שנעל איהר ווארפט ארויף די עלטער אויף די אמעריקאנער חזנים?

א יונגער חזן, קוים 30 יאָהר אלט, ווערט אין איין יאָהר שפּעטער פון זיין שוהל ערקלערט אלס דער אלטער חזן. ווי קען דאָס זיין חידושט איהר זיך? גאַנץ פּשוט, ווייל א חזן אין אן אָרטאָדאָקסישער שוהל ווערט בלויז אַנגאַזשירט אויף איין יאָהר צייט. א חזן אין אמעריקא ווייסט ניט וואָס עס הייסט א מקום מנוחה. אמעריקא איז ב"ה געוואָרן א מקום מנוחה פאַר אַלעמען, נור פאַר די אָרטאָדאָקסישע חזנים איז נאָך די צייט ניט געקומען, מיר ווערען דאָ ניט אַנגאַזשירט, ווי די רבנים אָדער שמשים, אז מען זאָל אונז כאָטש פערזיכערען א מקום מנוחה פאַר דריי יאָהר צייט. אָרטאָדאָקסישע שוהלען אַנגאַזשירען פאַר יעדען יאָהר אן אַנדער חזן, און דאריבער מוזען ס׳רוב פון די אָרטאָדאָקסישע חזנים כמעט יעדעם יאָהר צוברעכען זייערע היימען. קומט א נייער יאָהר, מיינט עס א נייע שוהל אויף א נייעם פּלאַץ. אַ נייער פּלאַץ איז נייע צרות פאַר דעם חזן, צרות פון אונזערע קינדער, וועלכע קענען קיינמאָל ניט קריגען א געהעריגע סקוהל בילדונג. אונזערע קינדער פיהלען שוין אין דער נייער סקוהל, אַז דער טאַטע דער חזן, האָט שוין ווידער געמופּט. און חוץ דעם, וויפיעל יונגע הערצער פון כלות און חתנים מוזען צובראָכען ווערען, ווייל זייערע טאַטעס זיינען חזנים, האָבען נעבאך געמוזט מיט וועהטאָג דעם וואַנדערשטעקען נעהמען. דעם לך לך באפעהלען זיי איהם, אָבער אין דעם ארץ אשר אראך פארגעסען זיי זיך.

דאָס אידישע פאָלק, ספּעציעל אין אמעריקא איז גענוג איבערצייגט, אז די אלע שוהלען, און די אלע אינסטיטוציעס, צו וועלכע אונזערע שוהל אידען בעלאנגען, עקזיסטירען א דאנק אונזער געטליך־מאגנעטישען קראפט, אריין צו ציהען דעם גרויסען עולם אין די שוהלען. וואָס פאר א צוקונפט ערווארטעט אונזערע בתי מקדש, ווען דער יעצטיגער דור חזנים וועט אלט ווערען? קיין נייע חזנים, וועט אזוי גיך זיך ניט בעווייזען. ערשטענס,, מוז א חזן געבוירען ווערען מיט מתנת אלוקים, און צווייטענס, מוז ער זיינע יאָהרען אוועקגעבען אין שטודירען דאָס חזנות, ווען אבער אונזערע יעצטיגע משוררים, די צוקונפטיגע חזנים, בעטראכטען דעם אמאָליגען חזן, ווי ערשט נעכטען, האָט מיט איהם א וועלט געקלונגען, און היינט, קען איהם שוין קיינער מעהר ניט, קענט איהר פון זיי ערווארטען א חשק צום עמוד?

איך וויל ניט אויסרעכענען אונזערע גדולים פון אמאָל, וועלכע לײדען יעצט זעהר שרעקליך, ווייל דאָס איז שוין דער גורל פון דעם אלגעמיינעם חזן, אז ניט נור ליידעט ער אויף די עלטערע יאָהרען פון „ככלות כחינו“, נאָר ער ליידעט אויך אויף „ואל יבושו שולחי בי“. ער וויל ניט אז זיינע אמאָליגע בעלי בתים זאָלען זיך שעהמען מיט איהם, און אָפטמאָל, מוז נעבאך אן אלטער חזן אויסגעהן פון הונגער, ווייל ער ווייסט אז עס וועט איהם שווער זיין א נדבה צו בעטען, אפילו אין די זעלבע שוהלען, וואו ער האָט זיינע יונגע יאָהרען רואינירט.

א גרויסען טעות מאכען איבערהויפּט די אידען אין אמעריקא, ווען מען מעסט אָפּ די פערדיענסטען פון דעם געוועהנליכען חזן, לויט די שכירות וואָס די עטליכע גרויסע חזנים בעקומען. דער דורכשניטליכער חזן פערדיענט א סך וועניגער ווי דער איינפאכער ארבייטער, און ווי נור די איידעלע סטרונע אין זיין האלז ווערט חלילה איבערגעריסען, אזוי איז ער שוין א חרס הנשבר.

מיט דער האָפנונג, אז דער היינטיגער אווענד וועלכער איז געווידמעט צום אידישען פאָלק אלס אן אפּיעל פאר אונזערע אלטע חזנים, וועט אָבקלינגען אין יעדען אידישען הארץ, ווינש איך אלע אידען בכלל, און אלע חזנים בפרט, אז מיר זאָלען אלע דערלעבען זוכה צו זיין בביאת הגואל, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות, ונאמר לפניו שירה חדשה — הללויה. אָמן.

יעקב ראפּאָפּאָרט,
פרעזידענט חזנים פערבאנד.

אל ועידת החזנים בשנת תרפ"ג

חברים נכבדים!

שלום עליכם מלאכי השרת
משרתי קודש, מנעימי שיר
ברוכים אתם לאל עליון
אורחים יקרים מכל עיר ועיר.

ברוכים הבאים בשעה צלחה
ברוכים המתאספים מכל פנה ופנה
להרים קרן אגודה הצולעת על ירכה
להטיב את מצב משמיעי רנה.

מה גדול היום, יום זה שקוינו
לאסוף ולקבץ פזורנו אנו;
קבוץ גליות קטן מעת גלינו
ונעקרנו ממקומותינו האהובים לנו.

התנערו, התעוררו, הקיצו נרדמים
התגברו, התחזקו וקומו לתחיה
נתקן מה שפגמנו מאז בימים
בהיות האגודה קטנה ועניה.

נרימה קרן החזנות בארצנו,
נרימה קרן קרננו אנו,
נרימה קרן בית תפלתנו,
נרימה קרן כל הקדוש לנו.

שליחי צבור, כהני עליון
כאז במקדש — מלפנים
בהיות הכהנים מקריבי קרבן
ועתה במקומם תפלת החזנים.

יהי רצון כאלו הקרבנו עולה
על טהרת הקודש במזבח;
יהי רצון „הדם" של החזן האומלל
המקריב את עצמו עד כלות הכח.

החזן האומלל אף בימי נעוריו
עת ידאה על בקול רנה
גם אז לא יאכל לשבע נפשו
בשכרו המועט הנתן לו בחנינה.

ומשנה לשנה, מימים ימימה
בהסל חג הפסח כהלכתו
מזהירין לחזן בתנועה נעימה
שעוד מעט וכלה לו שנתו.

כלה לו שנתו ולחמו יחד
בגזרת הנשיא השופט בצדק;
ויש שממעטין את שכרו של החזן
באמתלא שצריך לתקון הבדק.

⁂

אם תפלה כקרבן וחזן ככהן
מדוע תגע בו יד זר?..
ורבים הזרים השולחים בו יד
ומוספים מרירות אל כוסו המר.

כוס גורלו, מנת חלקו
מה הוא לחזן בכלל?
מלבד הלחם אשר הוא אוכל
צרות רבות על כל צד ושעל.

פגיעה קטנה באחד המתפללים
ומה גם בכבודו של הראש
מיד מגישים לו מנחה בצדקה
במדה נכונה: — לענה ורש.

ורודפי כבוד רודפים להזן
עד כי יכרתו אכל מפיו;
בשלמי? בשלמה? אין שומע ומאזין
כבר נעשה הכל בידי מהרהרי ריב.

ולעת זקנתו למה הוא דומה?
לחרס נשבר, אין הפין בו
בדד ונעזב מאדם העיר
אין דורש ומבקש, אין שומע לו.

עמודי העמוד, כהני אל
ראו כי רעה נגד פניכם;
וזרח השמש, ובא השמש...
ומה תעשו אז בכלות כוחכם?

אחים לדעה, אחים לצרה
באו שכם אחד לעזרתנו אנו
נתחזק, נתאמץ, נתגבר, נסתדר
כל עוד כוחותינו ורוחנו אתנו.

ברוך שהחינו והגיענו לזה
ואשרי האגודה שלה ככה;
ברוכים כולכם הנמצאים בזה
להמציא לאחינו פדות ורוחה.

יעקב ליב וסילקובסקי

חזנים־פאַרבאַנד און זיין ערשטע לאַנד קאָנוועגשאָן

פון יהושע ווייססער, גענעראַל סעקרעטער

פיעלע פון אונזערע אקטיווע חברים פון „חזנים־פארבאנד“, די יונגערע חזנים אידעאַליסטען, און דער שרייבער פון דיזע שורות בתוכם, האָבען פאַר יאָהרען און יאָהרען געוועקט דעם פאַרבאַנד פון זיין פיעל־יאָהריגען לעטארגישען שלאָף, ער זאָל אויפשטעהן, זיך אויסרייבען די אויגען, און זעהן אין וואָס פאַר א טרויעריגען מצב דאס חזנות בכלל און די חזנים בפרט געפינען זיך אין אמעריקא, און טאקע זוכען וועגען און מיטלען ווי צו פארבעסערען דעם דאָזיגען באמת־שרעקליכען צושטאנד. פאר א צייט איז געווען אין קול, ואין עונה... אָבער מיר האָבען דעם מוטה ניט פארלאָרען, און פאָרטגעזעצט די אגיטאציאָן פאר א „חזנים־פארבאנד“, וואס זאָל אָרגאניזירען אלע חזנים פון אמעריקא.

און מיינט ניט, אז עס האָבען געפעהלט דעם פארבאנד גוטע עצות, פארקערט, ביי יעדען מיטינג פלעגען געמאַכט ווערען צעהנדליגע פאָרשלעגע, וואָס ווען זיי זאָלען נאָר געווען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען, וואָלט דאָס חזנות געוויס געהאָלפען געוואָרען. דיזע אלע פאָרשלעגע זיינען אָבער געבליבען א „טויטער בוכשטאב“ אין די פּראָטאָקאָלביכער, ווייל עס האָט געפעהלט די מאכט אָדער דער פיהרער, וואָס זאָל די אלע גוטע וואונשען דורכפיהרען אין לעבען. און ווען איינינע פון אונז פלעגען אָפט פאָרשלאָגען צו פאררופען א לאנד־קאָנווענשאָן פון אלע אמעריקאנער חזנים, האָט דאָס צו פיעלע חזנים געקלונגען ווי א ווייטער חלום, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארווירקליכט ווערען.

אָבער אונזער אגיטאציאָן האָט דאָך געפיהרט דערצו, אז מיט דער הילף פון אונזערע אקטיווע חברים בכלל און פון אונזער יעצטיגען פרעזידענט יעקב ראפּאָפּאָרט בפרט, זאָל פאררופען ווערען פריהער א קאָנפערענץ אין האָטעל אסטאָר, און מיט 6 חדשים שפּעטער די ערשטע גרויסע לאנד־קאָנווענשאָן פון חזנים פון גאנץ אמעריקא, אין עדיר־קיישאָנעל עלייענס, נויארק.

פון שיקאגאָ, פילאדעלפיא, באלטימאָר, באָסטאָן, ניו־יאָרק און פיעלע אנדערע שטעדט זיינען זיך צוזאמענגעקומען אריבער 80 דעלעגאטען, וועלכע האָבען פארטראָטען די בעסטע עלעמענטען אין חזנות. אלע זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן מיט דעם ריינעם אבזיכט און פעסטען גלויבען צו לייגען דעם גרונד־שטיין פאר א גרויסע און שטארקע אָרגאניזאציאָן, וועלכע וועט אָרגאניזירען אלע חזנים אין אמעריקא און קענעדע.

די ערעפענונג פון דער קאָנווענשאָן איז געווען זעהר איינדרוקספול. דער טשערמאַן פון קאָנווענשאָן קאָמיטע, חזן אפרים ספּיוואק, עפענט די קאָנווענשאָן און שטעלט נאָכדעם פאָר דעם טשערמאַן פון אָווענד, דר. ס. ביכלער, וועלכער האלט א געלונגענע באגריסונגס־רעדע און ווערט באדאנקט פון די אנוועזענדע מיט רוישענדע אפּלאָדיסמענטען. די חזנים זינגען דאַן א קאפּיטעל תהילים, אונטער דער פיהרערשאפט פון זייער דיריגענט, ה׳ זאוועל זילבערטס, און די איבריגע פּראָמינענטע געסט האלטען זייערע באגריסונגס־רעדען.

באגריסונגס־טעלעגראמען זיינען פאָרגעלעזען געוואָרען פון דר. חיים ווייצמאן, גאָווערנאָר סמיטה, מעיאָר היילען און פיעל אנדערע פּראָמינענטע פערזענליכקייטען פון לאנד.

פאר דער ערשטער זיצונג, אויפ׳ן נעקסטען טאָג, איז חזן מ. גאָן, פון נואַרק, ערוועהלט געוואָרען טשערמאן, און די פאָלגענדע קאָמיטעס זיינען אפּאָינטעט געוואָרען:

רעזאָלוציאָנס קאָמיטע: ט. גרינבערג — טשערמאן, מ. יאפע, י. ביימעל, ח. קאָטילאנסקי.

בודזשעט קאָמיטע: ס. שלייגער — טשערמאן, נ. אבראמסאָן, ד. פּאָרטנאָוו, ס. פיין.

קאָנסטיטוציאָנס קאָמיטע: נ. קאנטאָר — טשערמאן, א. ניומאן, ב. חגי.

קרעדענשעל קאָמיטע: — מ. הילמאן — טשערמאן, ס. פרידמאן, ר. זאָנענקלאַר, ל. בוגאש.

אָרגאניזאציאָנס קאָמיטע: מ. גאן — טשערמאן, א. האָליז, י. וואסילקאָווסקי, ה. סעמיאָטין.

פינאנס קאָמיטע: י. ראפּאָפּאָרט — טשערמאן, ס. ווייסער, מ. ערשטלינג, ש. לעווין.

בענעוואָלענט קאָמיטע: ה. מילקאָווסקי — טשערמאן, ל. ליפּעץ, פ. קראסנאָף, א. קאנטאָר, א. זינגער.

נאָמינײשאָן קאָמיטע: מ. הילמאן — טשערמאן, ד. פּלאָטקין, ע. האָלענדער, א. פרידמאן.

די פאָלגענדע וויכטיגע רעזאָלוציאָנען האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען:

1. נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז ניו יאָרק איז דער גרעסטער אידישער צענטער אין אמעריקא, און אין דער גאנצער וועלט, און אז ניו יאָרק האָט די גרעסטע צאָהל חזנים אין לאנד, און אז דער ניו יאָרקער חזנים פארבאנד, וואָס האָט די קאָנווענשאָן איינבארופען, איז די עלטסטע חזנים־קערפּערשאפט, — זיי עס דארום באשלאָסען, אז דער צענטראלער אָפיס פון פארבאנד, דארף זיך געפינען אין ניו יאָרק.

2. נעהמענדיג אין אנבאטראכט די וויכטיגקייט פון אָנצופיהרען די אָרגאניזאציאָנס־ארבייט צווישען די חזנים

פון לאַנד אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ יאָהר, — זיי עס דאַרום באַשלאָסען, אַז דער חזנים־פאַרבאַנד פאַרפליכטעט זיך אויפצוהאַלטען אַ פּערמאַנענטען אָפיס אין ניו יאָרק מיט באַצאָהלטע אַנגעשטעלטע.

3. נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן קאָנגרעגיישאָנס, וואָס אַנטזאָגען זיך צו שליכטען די כּבסוכים מיט זייער חזן אויף אַ פרידליכען אופן, — זיי עס דאַרום באַשלאָסען, אַז אין פאַל ווען עס איז נויטיג, זאָל דער פאַרבאַנד באַזאָרגען יעדען חזן מיט די נויטיגע לעגאַלע מיטלען, מיט וועלכע דער געקריוודעטער חזן זאָל קאָנען קריגען דורך געזעץ זיינע פאָדערונגען.

4. די קאָנווענשאָן באַשליסט צו ערוועהלען אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט די לאָיערס דיקשטיין און ביכלער, אום אויסצואַרבייטען אַן איינהייטליכען אַגרימענט, מיט וועלכען די חזנים זאָלען זיך קאָנען באַנוצען, אויב זיי ווילען.

5. נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט די וויכטיגקייט פון שטעהן אין בעסטע פריינדליכע באַציהונגען מיט די קאָנגרעגיישאָנס, ווערט באַשלאָסען אַרויסצושיקען אַן ערקלערונג צו די שוהל־פּרעזידענטען פון גאַנצען לאַנד, אַז דער פאַרבאַנד וועט זיך האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די האַנדלונגען פון יעדען חזן בנוגע צו דער פּינקטליכער אויספיהרונג פון זיין אַגרימענט.

דער פאַרבאַנד זאָל אויך אויפפאָדערן יעדע קאָנגרעגיישאָן, דאָס אין פאַל פון אַ סכסוך מיט אַ חזן, זאָל מען זיך באַלד ווענדען אין אָפיס פון פאַרבאַנד, און דער פאַרבאַנד וועט פון זיין זייט אָנווענדען אַלע קרעפטען צו שליכטען דעם סכסוך אויף אַ פרידליכען אופן.

6. אַזוי ווי עס קומען צו שטענדיג נייע חזנים פון אייראָפּא, וועלכע פאַרנעמען די פּלעצער פון איינגעזעסענע חזנים אין ניו יאָרק, אין דער צייט ווען אַנדערע שטעדט נויטיגען זיך מעהר אין חזנים, דערפאַר זיי עס באַשלאָסען, אַז:

עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ קאָמיטע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען ספּעציעל מיט דער קאָנטראָלירונג פון די ניי־אַנגעקומענע חזנים און העלפען זיי צו באַקומען שטעלען אויסערהאַלב ניו יאָרק, אום דאַדורך צו פאַרמיידען אַ קריזיס און אַן איבערפלוס פון חזנים אין ניו יאָרק. דער פאַרבאַנד זאָל זעהן אַריינצוברינגען גוטע חזנים אין פאַרשיעדענע טיילען פון לאַנד, אום צו אַנטוויקלען נייע שטעלען פאַר נאָך חזנים איבער'ן לאַנד.

7. די קאָנווענשאָן באַשליסט, אַז יעדע קאָנגרעגיישאָן זאָל באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן אויפגעפאָדערט ווערען, אַז אין פאַל זי נויטיגט זיך אין אַ חזן, זאָל זי זיך ווענדען צום נאַציאָנאַלען אָפיס פון פאַרבאַנד, וואָס וועט איהר גאַראַנטירען צו באַזאָרגען דעם פּאַסענדען און פאַראַנטוואָרטליכען חזן, אין וועלכען זי נויטיגט זיך.

8. יעדער חזן דאַרף אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען אויסצומיידען צו קריגען אַ פּאָסטען דורך הייטיגע פאַרמיטלער און מעקלערס. נאָר דירעקט דורך דעם אָפיס פון פאַרבאַנד.

9. די קאָנווענשאָן פאַרפליכטעט זיך אויסצואַרבייטען און שאַפען אַ בודזשעט, וואָס זאָל גאַראַנטירען די עקזיסטענץ פון דעם פּערמאַנענטען אָפיס פון פאַרבאַנד און די געהאַלטען פון די אָנגעשטעלטע.

10. די קאָנווענשאָן באַשליסט, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ חזנים־סעמינאַר, וואָס זאָל האָבען די אויפגאַבע צו ערציהען גוטע, פאַראַנטוואָרטליכע חזנים פאַר דעם אַמעריקאַנער אידענטום און אויף דערהייבען דעם גייסטיגען מצב פון הזנות אין אַלגעמיין. צו דיזען צוועק ערוועהלט די קאָנווענשאָן אַ באַזונדערע קאָמיטע פון אַכט מיטגלידער מיט אַ פּרעזידענט, וועלכע מוזען גלייך צוטרעטען צו דער אַרבייט און אויסשליסליך זיך באַשעפטיגען מיט דיזער אַנגעלעגענהייט.

11. די קאָנווענשאָן ערוועהלט אַן „עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע" (בילדונגס־קאָמיטע), וועלכע זאָל זיך באַשעפטיגען מיט אַראַנזשירונגען פון לעקציעס און פאָרטראַגען פאַר הזנים, איבער ענינים וואָס זיינען נוגע צו הזנות.

12. די לאַנד־קאָנווענשאָן פון חזנים־פאַרבאַנד אין אַמעריקאַ און קענעדע פאַרפליכטעט זיך צו שטיצען דעם קרן היסוד און די היילינע אַרבייט פון אויפבויען אַ היים פאַר דעם אידישען פאָלק אין ארץ־ישראל.

13. די לאַנד־קאָנווענשאָן פון דעם חזנים־פאַרבאַנד אין אַמעריקאַ אַנערקענט די גרויסע וויכטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון אַ שטאַרק־אָרגאַניזירטען אַמעריקאַנער אידענטום, וואָס זאָל קענען שטעהן אויפ'ן וואַך פון די אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, און דעריבער איז די קאָנווענשאָן צום גונסטען פון אַ פּערמאַנענטען אידישען קאָנגרעס אין אַמעריקאַ און זי באַגריסט די פּראַקטישע שריט, וואָס ווערען אָנגענומען פאַר דעם צוועק.

14. די לאַנד־קאָנווענשאָן פון חזנים־פאַרבאַנד אין אַמעריקאַ און קענעדע פּראָטעסטירט געגען די פאַרזוכען פון די שונאים פון איינוואַנדערונג צו פאַרשליסען די טויערען פון דער פרייער אַמעריקאַ פאַר די אומגליקליכע און גע־רודפ'טע אידען פון דער גאַנצער וועלט.

15. אַזוי ווי דער חזנים־פאַרבאַנד פון אַמעריקאַ און קענעדע דאַרף זיך זאָרגען פאַר דעם גייסטיגען פאָרשריט פון די חזנים אין דיזען לאַנד, און אַזוי ווי די אָרגאַניזאַציע דאַרף אָנפירען אַ שטענדיגע פּראָפּאַגאַנדע פאַר איהרע ציעלען און אויפגאַבען. דערפאַר זיי עס באַשלאָסען, אַז:

די קאָנווענשאָן פון חזנים־פאַרבאַנד זאָל אָננעהמען די ריכטיגע פּראַקטישע מיטלען, ווי אַזוי צו שטיצען און פאַרשטאַרקען דעם נייעם זשורנאַל, „די אידישע מוזיקאַלישע וועלט", וועלכע גיט זיך אָפּ מיט די פראַגען פון חזנים און חזנות אין דיזען לאַנד און האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ גרויסע הילף צו דער אָרגאַניזאַציע.

16. די קאָנווענשאָן דריקט אויס איהר דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון דער קאָנווענשאָן־קאָמיטע, וואָס האָבען גענומען אויף זיך צוצוגרייטען דיזע קאָנווענשאָן און האָבען פליסיג ערפילט זייער אויפגאַבע.

די קאָנווענשאָן דאַנקט אויך די פאַרוואַלטונג פון דער „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס" פאַר איהר פריינדליכער אויפנאַהמע, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזען צום פאַרבאַנד, אין

דער צייט וואס די קאָנוועגשאָן איז דאָרט אָפּגעהאלטען געוואָרען.

17. די לאנד־קאָנווענשאָן דריקט אוים איהר ווארימ־סטען דאנק און אנערקענונג צום „מאָרגען זשורנאל“, „טאָגעבלאַט“, „טאָג“ און „פאָרווערטס“, ווי אויך צו די אנדערע אידישע און אידיש־ענגלישע צייטונגען פון לאנד פאר זייער שטיצע צו חזנים און צו דער טעטיגקייט פון פארבאנד.

די וואהלען וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט צום סוף, האָבען געבראכט די פאָלגענדע רעזולטאטען: פּרעזידיום: יעקב ראפּאָפּאָרט — פּרעזידענט פאר ניו יאָרק;; ה. ניומאן — פּרעזידענט פאר שיקאגאָ; יעקב ביימעל — פּרעזידענט פאר פילאדעלפיא; ס. ווייסער — גענעראל־סעקרעטער; מ. אראָנאָף — טרעזשורער. קאנטאָר פּנחס מינקאָווסקי איז איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען עהרען־פּרעזידענט פון חזנים־פארבאנד פאר גאנץ אמעריקא און קענעדע

נאָך דעם שלום פון דער קאָנווענשאָן איז געגעבען געוואָרען א גרויסארטיגער באנקעט אין בראָדוויי סענטראל האָטעל, אויף וועלכען עס זיינען געהאלטען געוואָרען זעהר שעהנע רעדעס פון די אנוועזענדע געסט און דעלעגאטען. פּרעזידענט יעקב ראפּאָפּאָרט איז געוועזען טאָאסט־מייסטער פון באנקעט און ער האָט מיט פיעל טאקט און הומאָר אָנגעפירט זיין „ארבייט“. דער עולם האָט זיך גוט אמוזירט ביי די שעהן־געדעקטע טישען ביז האלבע נאכט. צום שלום האָט קאנטאָר פּנחס מינקאָווסקי געבענשט די דעלעגאטען און געזאונשען. אז עס זאָלען פארווירקליכט ווערען אלע ווינשען און פארלאנגען, וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָרען ביי דער קאָנוועגשאָן.

איז דער וואונש פון חבר פּ. מינקאָווסקי מקוים געוואָרען?

אויף דיזער פראגע קען מען ענטפערען יא און ניין. דער צוזאמענפאָהר האָט קודם כל געשטרעבט צו אָרגאניזירען די חזנים אין איין שטארקער קערפּערשאפט, וואָס זאָל זיין בכח צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון יעדען חזן, וועלכער איז נאָר ראוי צו פארנעהמען א פּאָסטען. דער צוזאמענפאָהר האָט אויך אָנגענומען געוויסע מיטלען ווי אזוי אָפּצושאפען די פיעלע איבלען פון וועלכע די פּראָפעסיע ליידעט, ווי די זעהר ניט שעהנע קאָנקורענץ, דאָס אויסכאפּען פון שטעלעס, די מעקלערס און אגענטען, וואס האנדלען מיט חזנים... די באציהונגען פון די שוהלען צום חזן און ז. וו. אין געוויסער מאסען איז דאָס געלונגען. עס באלאנגען יעצט צום פארבאנד כמעט אלע חזנים פון אמעריקא, און די וואָס באלאנגען נאָך ניט, איילען זיך אריינצוקומען, און ביי יעדען מיטינג ווערען אריינגענומען צעהנדליגע נייע חברים.

דער פארבאנד האָט לעצטען ערב ימים נוראים געגעבען פּאָסטענס צו פיעלע פון איהרע מיטגלידער.

דער פארבאנד האָט געשליכטעט אויף א פרידליכען אופן פיעלע סכסוכים צווישען חזנים און זייערע קאָנגרעגיישאָנס.

דער חזנים פארבאנד האָט אויך אראנזשירט א סעריע לעקציעס איבער חזנות און מוזיק, פון אונזער חבר פּנחס מינקאָווסקי, און די לעקציעס האָבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין א גרויסער ערפאָלג.

דער חזנים פארבאנד פּלאנעוועט צו גרינדען א חזנים־סעמינאר, א היים פאר די חזנים. א גרויסע מוזיקאלישע ביבליאָטעק, וואָס זאָל ענטהאלטען אלץ, וואס איז געשאפען געוואָרען אויף דעם געביעט פון רעליגיעזער און וועלטליכער אידישער נגינה.

זיינען מיר צופרידען מיט די רעזולטאטען?

אויף דער וויל יאָ.

איינס קענען מיר זאָגען: דער „חזנים פארבאנד“ איז אויף זיין ריכטיגען וועג, און מיט דער הילף פון אונזער זעהר פעהיגען פּרעזידענט יעקב ראפּאָפּאָרט, און מיט דער הילף און גוטען ווילען פון אלע חברים, וועלען אלע שעהנע פּלענער און רעזאָלוציאָנען פארווירקליכט ווערען אין לעבען.

אל יובל השלשים

התבשרו חברים, התבשרו ידידים
יובל השלשים כבר הנה בָא,
ממזרח, ממערב, מצפון מים
השמיעו, הריעו אל חג הבָא.

יובל השלשים לאגודת החזנים
מה גדול היום בתולדה;
נתאגדו נתאחדו משמיעי רנה
מלפנים לו ספרו והיתה לאגדה.

ועתה עינינו הרואות כל אלה
מהרישים משתאים לדעת;
מה פעל אל בארצות הברית
ודמעה של גיל דומעת...

ויביט המביט, וישאל השואל:
האמנם להם גם מצודה?
מי קבצם, מי אספם, מי תכן רוחם
מי אגד אֹותם לאגודה?

שאל אביך — זקניך ויאמרו
על היי האומלל מָאז;
הראשון לדמעות ואחרון ללחם
בקולו היקר מפז.

בקולו שבקע רקיעים ושחקים
ודמעות כמים נגרו...
בכה על עמו אַך הוא וביתו
בעירם ובהוסר נשאָרו.

ללהום ללחם מי יעיז מי יהין
המזמת רשע בקרבו תנוח?
הן חזן ככהן בקודש יתקדש
הסד — כי ישאַף רוח.

ומשפט החזן בחיים גזרו
למסכן שמוהו זה כבר...
לא ילך בגדולות, לא ידרוש נשגבות
כי רב לו בלחם הצר.

אוי שליח צבור, משורר ומקונן
בכית רב בכי על הרבן עמך
ולמה הסרת לבכות תמרורים
ולשפוך דמעות על חרבן עצמך?

וגדול החרבן ונוראה השממה
ועל מעי מפלה ישבת בעצלתים
כאבל ביגונו, מדוע? שלמה?
הכבה זיק אשך בחיים?

עניי הלחם, עשירי הדמעות
הטוב לכם רדת בתהם הנשיה?
רב לכם שבת, איש איש לבדו
התחברו, התאַגדו וקומו לתחיה.

וקבץ ואסף הראשון בנשיאים
ועשה ופעל וקרא:
מי ל"ד אלי, ויבא
ה"חזן" האָה לצרה.

וירבו הימים, וירבו החברים
ויהיו לאגודה בעזרת שמים
גדלו, הצליחו ועשו גם פרי,
מתהיל במנין וגומר בשנים.

וירד האחד ויעל השני
השלישי, הרביעי והלאה;
איש איש בינתו, איש איש השקפתו
וביד כל אחד הצלה.

וירבו הרופאים במחנה החזנים
לרפא האגודה החולנית;
ממששים בדפק, כותבים פתקאות...
והכל, רפואָתם רק זמנית.

*
**

ותקופה הדשה, תקופה מזהירה
בתולדות החזנות מתהילה,
דרך ככב מיעקב האיש
משכיל ונבון גדל העלילה.

ויתנו המשרה על שכמו לאמר
היה לנשיא ולמנהיג בתוכנו
על פיך ישק כל בית האגודה
ואתה תהיה מגן בעדנו.

ומשים הנשיא לילות כימים
בשביל חג היובל הבא לקראתנו ;
מקריב את עתו, מקדיש את רוחו
בשביל הגנו הוא יובלנו.

וגדול היום, וקדוש החג
ורבה השמחה ורבות הדמעות
על אלה שהלכו ממנו לעולמים
יזכרם לטובה ד" צבאות.

ורבה התכונה, ונהדר המראה
ושרים ומנגנים הפורטים בנבל
ינגנו, יזמרו במאות ישירו
כי חג היום לנו, חג היובל.

ומלאכי השירה,, מלאכי השלום
יקריבו שי, ינענעו בברכה ;
כי נזכה לחג יובל שלום
בעזרת המקשיב שיר ושבחה.

יעקב ליב וסילקובסקי.

חזנות

פון פנחס מינקאָווסקי

א.

אונטער חזנות פאַרשטעהען מיר יעצט די קונסט צו פאַראייניגען דאס הייליגע וואָרט מיט דעם הייליגען טאָן אין דעם גאָטעס־דיענסט אין שוהל. די אידישע ליטורגיע איז פון דעם ערשטען גאָטעסדיענסט אָן, ווען שלמה המלך האָט געעפענט דעם ערשטען בית המקדש, באַשטאַנען פון צוויי עלעמענטען: פון וואָרט און טאָן, ווי שלמה המלך רופט עס אָן „תפלה ורנה“. געגרינדעט איז דאָס אויף דעם דבר ד“ און קול, וואס דאָס איז דער באזיס פון דעם גאַנצען יודענטום. דאמאָלס איז דיזע פאַראייניגונג פון וואָרט און טאָן אויסגעפירט געוואָרען פון 2 פאַרטייען פון כהנים ולוים, ניט נור דורך געזאנג, נור אויך דורך פאַרשידענע כלי זמר. דאמאָלס זיינען די קרבנות געווען הויפטזאכען, און די תפלות זיינען געווען נאָך זעהר וועניג, דאגעגען דער וואקאלער געזאנג און דער אינסטרומענטאלער געשפיעל זיינען געווען זעהר רייך. זיי האָבען געהאט פאר יעדען טאָג דעם שיר של יום, דאָס הייסט יעדער טאָג האָט געהאט זיין טעקסט און זיין מעלאָדיע, אזוי דאס ווען מען האָט געהערט דעם פסאלם און די מעלאָדיע האָט מען שוין געוואוסט, וואס פאר א טאָג עס איז. אויסער דעם איז געווען א באַשטימטע קאָמבינאציאָן פון אינסטרומענטען געשפיעל גלייך פאר יעדען טאָג און איין איינגעריכטעטע צאָהל פון אינסטרומענטען געשפיעל ביי יעדען קרבן. וויפיעל כנורות, אזוי פיעל נבלים חצצרות צו יעדען קרבן. ווייל — ווי דער רמבם ערקלעהרט עס אין מורה נבוכים — האָבען זיי געזוכט אויפוועקען אין הארצען פון דעם יעניגען וואס האָט געבראכט א קרבן א געפיהל פון חרטה אויף די זינד וואָס ער האָט געזינדיגט, ער זאָל ניט מיינען דאס מיט דעם קרבן עולה אָדער קרבן אשם וואס ער איז מקריב ווישט ער אָפּ זיינע זינד, האָט מען צו יעדען קרבן געשפיעלט, דאָס ער זאָל זיך דורך די מוזיק אביסעל טיעפער פארטראכטען; דאָס ניט מיט אקסען בראטען וועט ער איבערבעטען גאָט פאר זיין פארברעכען, ער זאָל ניט מיינען דאס ער קען יעדעם מאָל באגעהן א זינד און דורך זיין קרבן אָפּרייניגען דעם פלעק פון זיך. ווי אונזערע חז“ל האָבען געזאָגט: האומר אחטא ואשוב אין מספיקון בידו... דאָס איז געווען ביים ערשטען טעמפעל.

ווען עזרא הסופר האָט זיך אומגעקעהרט מיט די שבי גולה צוריק נאָך ירושלים אום אויפצובויען דעם צווייטען בית המקדש מיט דעם ווילען צו שטארקען דאס רעליגיעזע געפיהל און נאציאָנאלע ריינהייט פון דעם אידישען פאָלק, האָט ער פארשטאנען, דאס די שטארקסטע הילפסמיטעל דורכצופיהרען זיין אידעאל איז מוזיק, און ער האָט זיך ניט געשעמט מיטפיהרען ניט נור משוררים און מהללים, וואס זיי האָבען געקענט זינגען די אלטע אידישע טעמפעל געזאנגען, זאָנדערן אויך צוויי הונדערט מיט 45 אָדער מיט 40 משוררות, ווייל ביי פיעלע רעליגיעזע און נאציאָנאלע געלעגענהייטען אויסער דעם בית המקדש האָבען פרויען אויך מיטגעווירקט. אין צווייטען בית המקדש האָט געהערשט דער זעלבער גרונד ווי אין ערשטען בית המקדש. תורת משה איז געגאנגען האנד אין האנד מיט מצות דוד. זיינען די אידען געגאנגען אין תורת ד“ האָט מען אין בית המקדש געזונגען די אלע מעלאָדיען, וועלכע דער קעניג דוד, נעים זמרות ישראל, האָט איינגעפיהרט. זיינען זיי אראָפּ פון דער תורת משה האָט מען שוין געזונגען פרעמדע געזאנגען.

. אזוי זעהען מיר, דאס ביים בית ראשון, ווען די מלכי ישראל זיינען אוועק פון תורת משה און האָבען איינגעפיהרט דעם עגיפּטישען אַפּיסקולט פון קעלבער, האָבען זיי אנשטאט דער דוד'ישער מוזיק געזונגען עגיפּטישע ליעדער פון דער איזים און ווארים מוזיק מיט גרויסע ווילדע טאנצען, אזוי ווי מיר לעזען אין אונזער ביבל פון דעם „קול עזות“, וואס די אידען האָבען גענוצט ביים ערשטען עגל הזהב וואס זיי האָבען געמאכט אין דער מדבר. זיי האָבען אויך געהאט גאַנץ אנדערע מוזיק אינסטרומענטען. ווי דער תלמוד דערצעהלט אונז, דאס ווען שלמה המלך האָט חתונה געהאט מיט דער בת פרעה „הכניסה לו אלף מינים זמר“, האָט זי איהם אריינגעבראכט טויזענד סאָרטען פון ליעדער און מוזיק אינסטרומענטען. „ואמרה לו כך עושים לכום פלוני וכך עושים לכום פלוני ולא מיחה בה“ און האָט איהם געזאָגט: אזוי שפּיעלט מען צו דעם אָפּגאָט און אזוי זינגט מען צו דעם אָפּגאָט, און ער האָט ניט פראָטעסטירט. דיזע אינסטרומענטען האָבען זעהר פיעל גענוצט צו ירבעם בן נבט און אלע זיינע נאָכפאָלגער.

די מלכי בית דוד, ווען זיי זיינען אוועק פון תורת משה, האָבען זיי אם מייסטען איינגעפירט די וויסטע קלאגען וואס די פיניציער האָבען געהאט ביים אדונים און אסתרתא קולט, אָדער אין העבראישען בעל ומפלצת געצען דיענסט, וואו מען פלעגט זוכען דעם געטויטעטען בעל („והנה הנשים מבכות את התמוז) און זיך שיטען אש אויף די קעפּ און נאָך 7 טעג איהם געפונען (די זיטטע איז נאכהער איבערגעגאנגען צום קריסטענטום) און איינגעפיהרט עראָטישע געזאנגען, און ווען עס זיינען געקומען מלכים צדיקים האָבען

זיי צוריק איינגעפיהרט די אַלטע טראַדיציאָנעלע מעלאָדיען צוזאַמען מיט דער תורת משה. דאָס זעלבע האָט אָנגעהאַלטען אין׳ם בית שני ווען עס האָט זיך אריינגעדרונגען אין יודענטום דער סיריש העלעניש׳ער איינפלוס, איז דער זמר אויך אריין אין בית המקדש און ווען די חשמונאים האָבען צוריק אריינגעבראַכט דעם גייסט פון תורת משה האָבען זיי אויך איינגעפיהרט די געזאַנגען פון מצות דוד (חשמונאים ב") און דערנאָך איז געווען א גרויסער חלוק פון דעם ערשטען טעמפעל ביז דעם צווייטען טעמפעל, דאדורך ווייל די וואָס זיינען געקומען פון בבל האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט דעם אָנפאַנג פון א נייעם אידישען קולט וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין דער צייט פון די 70 יאָהר וואָס זיי האָבען פארבראַכט אין גלות בבל.

גלות בבל איז געוועזען דער לייכסטער פון אלע גלות׳ן וואָס די אידען האָבען דורכגעמאַכט זייט דאַמאָלס. נאָך דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע פון דעם ערשטען חורבן דורך נבוכדנאצר ווען זיי זיינען געקומען נאָך בבל, האָבען זיי אויפגעהאַנגען זייערע האַרפען און האָבען זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך. עס האָט זיך אָבער זייער אונגליקליכע לאַגע געבעסערט, אזוי דאָס זיי האָבען זיך אויסגעבויט הייזער, איינגעריכטעט אין געמיינדע לעבען, אַרונטערגענומען זייערע האַרפען און טאַקע געשפּיעלט אויף זיי די אַלטע אידישע מעלאָדיען און פאָרטגעזעצט צו זינגען און שפּיעלען די טעמפּעל מעלאָדיען, וועלכע זיינען געווען ביי זיי יעצט אין בבל נאָך פיעל טייערער אַלס ווען זיי זיינען געווען אין ירושלים, אזוי דאָס זיי זיינען געווען אימשטאַנד נאָך 70 יאָהר צו פיהרען זיי צוריק נאָך ירושלים אין דעם צווייטען בית המקדש. ווען זיי האָבען זיך באַרוהיגט און זיך איינגעאָרדענט אַלס געמיינדע האָט זיי געפעהלט אַן אָרט וואו אויסצואיבען זייערע רעליגיעזע געפיהלען, און קרבנות, און כהנים ולוים, און מוזיק אינסטרומענטען, האָבען זיי זיך געגרינדעט פּריוואַט הייזער אָפּצוהאַלטען דאָרט גאָטעס־דיענסטע אונטער דעם נאָמען פון מקדש׳ מעט, און עס האָט אָנגעפאַנגען זיך א קולט אין שיח שפתיים אויף דעם גרונד פון „אינסטיעד“ אין העברעאיש: „במקום“. עס איז אַן אַלט שפּריכוואָרט: „נויט איז די מוטער פון אַלע ערפינדונגען“. די ערשטע נויט פון איינפיהרען א נייעם גאָטעסדיענסט האָט באַשאַפען נייע תפלות, וואָס זיינען גאָרנישט געווען אין בית המקדש. מעלאָדיען האָבען זיי נאָך געהאַט פון דעם בית המקדש וואָס זיי האָבען געזונגען און איבערזעצט אויף די נייע געבעטען; דאָס זעלבע האָבען געטהאָן אַלע אַלטע פעלקער צו איבערטראָגען מעלאָדיען פונאיין טעקסט אויף דעם צווייטען. ווער זאָל אָבער פיהרען דעם נייעם גאָטעס דיענסט? האָט ווייטער די נויט געשאַפען יעדען באַליעבטען אידען וואָס פאַרשטעהט דעם דבר ד׳, דאָס הייסט די העברעאישע שפּראַך און באַזיצט א קול ערב, א סימפּאַטישע שטימע ויש לו הענמה, ער ווייסט די זיסע מעלאָדיע איז כשר פאַרצובעטען אין דעם מקדש׳ מעט.

ווי פּראָפעסאָר שירער באַווייזט זיינען געווען געגרינדעט אין באַבילאָניען (בבל) אין דער צייט פון די 70 גלות יאָהרען איינִיגע און דרייסיג מקדשי מעט. ווען מען איז געקומען דאַוונען האָט מען געוועהלט דעם שעהנסטען אידען וואָס איז געווען זעהר רעליגיעז און מאָראַליש און האָט באַזיצט די מוזיקאַלישע פאָדערונגען און ער האָט פאָרגעבעטען. זיין נאָמען איז געווען „שלוח צבור“, ווייל דער צבור האָט איהם יעדעס מאָל געוועהלט און געשיקט פאָרצובעטען.

ווען זיי זיינען געקומען צוריק פון בבל האָבען זיי מיטגעבראַכט פיעל נייע תפלות און א מקדש מעט פון בבל נאָך ירושלים נעבען דעם גרויסען בית המקדש.

אויך האָט אָנגעהויבען צו פאַלען די עבודה אין בית המקדש דורך דער אונמאָראַלישער אויפפיהרונג פון די מייסטע פון די כהנים וואָס האָבען געקויפט זייער כהונה ביי די רוימער, און עס האָט אָנגעפאַנגען צו בליהען א נייע עפּאָכע פון סופרים אָדער חכמים אין אידענטום, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו שטעלען די תורה העכער פון דער עבודה. אויך דאָס פאָלק האָט דורך די אונווירדיגע כהנים אויפגעהערט צו קוקען אויף דעם צווייטען בית המקדש ווי אויף דעם רעליגיעזען צענטער זאָנדערן ניט מעהר ווי אויף אַ נאַציאָנאַלען צענטער, און די קליינע סינאַגאָגע אויף דער פּראָווינץ ווי אויך אין ירושלים האָט זיך אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אַלס רעליגיעזער פּלאַץ. ווען דער כהן גדול איז אַרויסגעגאַנגען נאָך יום כפור פון דעם בית המקדש און דאָס פאָלק האָט איהם ערוואַרט אין דרויסען אום איהם צו באַגלייטען נאָך הויז און האָבען דערזעהן שמעיהו ואבטליון האָבען זיי צוריק געלאָזען דעם כהן און האָבען באַגלייט די ערשטע סופרים נאָך הויז.

ווערענד די כהנים האָבען מלחמה געפיהרט אין ירושלים צווישען זיך און נאָך מעהר דערנידריגט די קדושה אין גרויסען טעמפּעל האָט זיך אויסגעבויט די ערשטע גרויסע סינאַגאָגע — פון די פיעלע קליינע מקדשי מעט — אין אַלעקסאַנדריען, מצרים, וואו עס האָבען זיך פאַראייניגט אַלע פּראָפעסיאָנעלע אידען אין א גרויסער קהלה. דער נאָמען סינאַגאָגע איז גריכיש. דער פּלאַן פון דער סינאַגאָגע איז געווען צירקוסמעסיג, רונד, קיילעכדיג און ביי די ווענט זיינען געווען געבויט לאָזשען, אין יעדער לאָזשע האָבען געדאַווענט מענשען פון איין פּראָפעסיאָן, שניידערס באַזונדער, שוסטערס באַזונדער, שרייַנערס באַזונדער. אין דער מיט האָט מען אויפגעשטעלט אַן אַלמעמאַר פאַר דעם פאָרבעטער, וועלכען זיי האָבען גערופען מיט דעם גריכישען נאָמען „בימה“. עס איז אָבער געווען אונמעגליך פאַר דעם פאָרבעטער ער זאָל קענען לאָזען הערען זיין שטימע איבער דער גאַנצער גרויסער סינאַגאָגע איז געשטאַנען נעבען איהם א טעמפּעל דיענער, א שמש, מיט א גרויסען פלאַג אין דער האַנד און ווען דער פאָרבעטער האָט דערמאַנט ביי דער ברכה גאָט׳ס נאָמען האָט ער געוועהט דעם פלאַג נאָך רעכטס און דאָס פּובליקום האָט געענטפערט: ברוך הוא וברוך שמו, און ווען דער פאָרבעטער האָט אויסגעלאָזט די ברכה, האָט דער טעמפּעל דיענער א וועה געטהאָן דעם פלאַג נאָך לינקס האָבען זיי געענטפערט: אמן. מיט איין וואָרט, די סינאַגאָגע האָט אָנגעפאַנגען קאָנקורירען מיט דעם בית שני, און דער פאָרבעטער פון דער סינאַגאָגע מיט דעם כהן אין דעם בית המקדש.

די פיהרער פון׳ם פאָלק זיינען געוואָרען במקום די נביאים די סופרים, און אַנשטאַט די כהנים זיינען געוואָרען

די שלוחי צבור. צווישען די אלע וואס האָבען באקומען דאָס רעכט אויסגעוועהלט צו ווערען אלס שלוחי צבור אין די אלע סינאגאָגען איז אריינגעדרונגען א נאָמען וועלכער איז געווען שוין זייט לאנג עפעס א האלבער כלי קדש אין שלוח בית דין, א העלפער ביים כהן גדול איהם אָנצוטהאָן און אויסצוטהאָן אום אלעס זאָל אין אָרדנונג זיין, זיין נאָמען איז געוועזן „חזן". אלע פילאָלאָגען שפרעכען זיך אויס פארשיעדען איבער דעם אורשפרונג פון דיזען נאָמען. אייניגע באהויפטען, ער שטאמט פון דער העברעאישער שפראך פון „חזה" זעהען, ווייל ער האָט געדארפט אויפזעהן די אָרדנונג פון דעם גאָטעס דיענסט אין טעמפעל. דר. גרעץ פארגלייכט איהם מיט דער פרעס־ביטער אין דער קירכע. ער האָט באדארפט אויפזעהן די קינדער זאָלען ריכטיג לייענען אין דער תורה, ער האָט זיי אונטערריכטעט אין דעם טראָפ, די פסקי הטעמים, ער האָט געמאכט די ברכות התורה מיט די יעניגע וואס זיינען אויפגערופען געוואָרען שבת צו דער תורה און האָבען ניט געקאָנט מאכען די ברכה ריכטיג, ער איז אויך געווען א טראנסלייטאָר ביים חכם, ווען דער חכם האָט געזאָגט ד דרשה אויף זיין שוואכער שטימע מיט דער תלמודישער טערמינאלאָגיע און שווערע העברעאישע און אראמישע אויסדריקע, האָט דער חזן אויסגעשריען אויפ'ן קול די גאנצע דרשה אויף דער פאָלקס שפראך, כדי דאָס פאָלק זאָל עס בעסער פארשטעהן.

די רבנים האָבען אביסעל קנאה געקראָגען אויף זייערע חזנים מתורגמנים וואס האָבען אָנגעפאנגען פאָפולער צו ווערען דורך זייער געזאנג ביים פאָלק, האָבען זיי גע'דרשנ'ט אויף „טוב לשמע גערת חכם משמע שיר כסילים אלו חזנים ומתורגמנים", און זייט דאמאָלס זיינען חזנים גערופען געוואָרען מיט דעם טיטעל: „חזנים זיינען נאראָנים".

זיי האָבען אין דער געשיכטע פון די צוויי טויזענד יאָהריגע דיאספארע דורכגעמאכט פיעלע סינאגאָגאלע ארבייטען אין דבר ד' און אין דעם קול ד' ביים יעצטיגען טאָג, פון וועלכען מיר וועלען נאָך שפעטער רעדען. נאטירליך האָבען זיי די אלע עמטער ניט אין איין צייט, און ניט אין איין אָרט דורכגעמאכט. ווי דאָקטאָר קאהוט אין זיין ערוך השלם באהויפטעט, שטאמט דער טיטעל „חזן" פון פערסיען, ווייל אויף פערסיש איז געהאטהא הייסט זאָגען, די ג. ה. איז אין העברעאיש ח., דעם טיטול האָבען זיי ערוואָרבען דורך זייער זאָגען. פרין סמאָלענסקין וויל האָבען דאס חזן איז אברעווירט פון דעם וואָרט ח־ר־זן, ווייל די חזנים האָבען אין מיטעלאלטער פארפאסט פיוטים און חרוזים, און מען האָט זיי דאמאָלס באטיטעלט מיט דעם נאָמען פייטונים און חרזנים. נאָר ווי די זאך איז האָבען די חזני הכנסת דורכגעמאכט גרויסע עוואָלוציאָנען אין זייערע דיענסטע אין דער סינאגאָגע. זיי האָבען געהאט זייער גלאנץ פעריאָדע און זייער דורכפאל, אזוי ווי עס געהט פאָר אין דער געשיכטע פון אונזערע רבנים, אין דער געשיכטע פון אלע רעליגיאָנען, וויסענשאפט און ליטעראטור. אמאָל שאפט דער מענש די צייט, און אן אנדערש מאָל שאפט די צייט דעם מענשען. אזוי קענען מיר אויך זאָגען: די סינאגאָגע האָט געשאפען די חזנים און די חזנים האָבען קאָנסערווירט די סינאגאָגען אין אלע מעטאמאָרפאָזען עד היום הזה.

און אין גרונד גענומען איז „חזנות" מעהר אָריגינאל אידיש אלס „כהונה". כהנים געפינען מיר אין אוראלטע צייטען ביי די עגיפטער, פיניציער און אינדיאנער און נאָך. די אלע פעלקער, וואס האָבען געהאט איין רעליגיאָן פון פארשיעדענע געטטער האָבען אויך געהאט כהנים וואס זיינען געווען זייערע פארטרעטער ביי די געטטער און האָבען געשאפען זייערע תורת כהנים נאָך זייער וואונש און געשמאַק. די אידען זיינען ניט געוועזען די ערשטע אין דעם, דאגעגען חזנות איז אָריגינאל אידיש, און זייער תורת חזנים האָט זיך געבילדעט 1800 יאָהר אויף בעל פה און ערשט אים 1900 יאָהרהונדערט איז געשאפען געוואָרען א תורת חזנים שבכתב דורך גרויסע אקאדעמישע געבילדעטע חזנים, וואס האָבען ענטוויקעלט דאס חזנות צו דער העכסטער שטופע פון קונסט און וויסענשאפט. זיי האָבען עס ארויסגעשלעפט פונ'ם אלטען שלענדריאן און עס ערהויבען צו א קונסט וואס קעניגע, פירסטען און ארטיסטען, פראָפעסאָרען פון וויסענשאפט הערען עס מיט באוואונדערונג.

ב.

וואס עס האָט פאסירט אין דעם ערשטען טעמפעל, האָט אויך פאסירט אין דעם צווייטען טעמפעל. די נביאים האָבען אימער מלחמה געהאלטען מיט די מלכים רשעים און האָבען אויך מעהרערע מאָל פראָטעסטירט געגען דעם אָפפער קולט וואס האָט געווירקט זעהר שלעכט אויף דעם אינטעלעקט פון דעם גראָבען פאָלק, אויך די סופרים פונ'ם צווייטען טעמפעל האָבען פיעל מלחמות געהאט מיט זיי און ווירדיגע כהנים פון די מאקאבעער און האדדיאנער און פון אנדער אונווירדיגע משפחות און האָבען אם ענדע ארונטערגעזעצט די גאנצע עבודה נאָך דער תורה, וועלכעס עס איז ניט געווען ביים ערשטען טעמפעל. זיי האָבען זיך אויך ערלויבט צו קאָנטראָלירען די כהנים אונטער די זקני בית דין, אזוי דאָס דער כהן גדול האָט באדארפט פריהער עקזאַמינירט ווערען פאר יום כפור אויב ער קאָן זיינע תפלות, און שטרענג פארבאָטען ער זאָל זיך ניט ערלויבען עטוואס צו ענדערען אין דעם טעקסט, וואס זיי האָבען איהם געאָרדענט. מיט איין וואָרט ער איז געווען שוין ניט מעהר דער אליינהערשער אין'ם גאָטעס הויז. און אויסערדעם באמערקע מיר א גרויסען קאָנטראסט פון דעם ערשטען טעמפעל ביז דעם צווייטען טעמפעל. די נביאים זיינען געווען אנשי רוח, באגייסטערטע מענשען און די סופרים זיינען געווען אנשי מוח, דענקענדע מענשען; ביי די ערשטע האָט געשפיעלט די הויפט ראָלע דער סענטימענט, דאס הערצליכע געפיהל פון דיכטער, ביי די לעצטע האָט שוין געשפיעלט די הויפט ראָלע דאָס טרוקענע שארפע דענקען, די טרוקענע איבערלעגונג. יענע האָבען אין זייער פראָטעסט געגען דעם אָפפער קולטוס געשאפען פאָעזיע און מוזיק פאר דער אידישער ליטורגיע, די סופרים אָבער האָבען בלויז קאָנסערווירט די טראדיציע פון מצות דוד צוזאמען מיט די תורת משה, זיי זיינען געווען שעפער פון תורה שבעל פה, אָבער זעהר שוואכע שעפער פון פאָעטישען טעקסט אין פארגלייך מיט די נביאים און אין הארצען שטילע געגנער פון מוזיק. אין בית המקדש האָבען זיי נאָך געדולדעט די טראדיציאָנעלע הייליגע מוזיק, אָבער אין דער סינאגאָגע זיינען זיי געווען אויסגעשפראָכענע געגנער. אין זייער באגייסטערונג פאר

דער תורה שבעל פה וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען זייט ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט זיין ישיבה אין יבנה האָבען זיי געלעגט דעם גרונד „מיום שחרב בית המקדש אין לו להקפה אלא ד׳ אמות של הלכה בלב ד׳“. דאמאָלס האָבען זיי אָנגעפאנגען צו פארבאטען אלע זאכען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט עסטעטיק, ווי שער באשה ערוה, קול באשה ערוה, און ווי שעהן האָט שלמה המלך באזונגען דאס ווייבליכע האאר „שערך כעדר העזים“. ווי שעהן האָט מרים און דבורה און אלע 8 נביאות פון די יודען געזונגען, און איבערהויפּט וואס פאר א טייל האָבען די משוררות גענומען אין אלע אידישע פייערליכקייטען, ביי פרייד און ביי לייד. און דער גרויסער לערער און פוריטאנער נאציאָנאליסט עזרא הסופר האָט מיט זיך מיטגעבראכט 245 משוררות נאָך ירושלים. זאָ לאנג דאס אידיישע פאָלק איז געווען אין זיין לאנד און עם הארץ האָט ער באזעסען אלע אירדיישע שעהנהייטען. אין דער מינוט וואס ער איז פארטריבען געוואָרען פון זיין לאנד און איז געוואָרען אן עם הספר, איז ער געוואָרען נאָהענטער צום הימעל אלס צו דער ערד. די סופרים האָבען אָנגעפאנגען צו שאפען געזעצען און פּראָגראמען פאר א שלוח צבור הגון, וואס איז געווען פשוט אונמעגליך פאר איין מענשען דאס אויסצולערנען. דאָס פאָלק אָבער וואס האָט וועניגער מוח און מעהר הארץ און איז נאָהענטער צו דער עבודה ווי צו דער תורה, האָט זעהר געליעבט מוזיק און די גאָטעס דיענסט און האָט זיך ניט געמאכט אזוי פיעל פון דעם שווערען פּראָגראם וואס די רבנים האָבען געשאפען פאר די חזנים.

אזוי איז ענטשטאנען כמעט אלע צוויי טויזענד יאָהרען א צוויסט צווישען רבנות און חזנות און דאדורך געפינען מיר ביי אידען צוויי הייזער: דאָס בית המדרש פאר רבנות און דאָס בית הכנסת פאר חזנות. דאָרטען האָבען געדאוועגט די לומדי תורה מיט זייערע רבנים און היער האָבען געדאוועגט דער המון עם מיט זייערע באליעבטע חזנים; אזוינס געפינען מיר ניט ביי קיין פאָלק. דער רעזולטאט איז געווען דאָס אונזער נציאָנאלע מוזיק וועלכע איז געווען ביים אנפאנג פון אונזער נאציאָנאלער גרינדונג צו ירושלים אזוי גרויס, און אונזערע פסאלמען זיינען געווען — ווי דער פּאָעט הערדער האָט זיך אויסגעדריקט — פול מיט געזאנג און קלאנג, און ווי די קירכע היסטאָריקער טערטוליאָן, קלעמענס פון אלעקסאנדריען און אלע היסטאָריקער ביז פארקעל, אמבראס, בורני, נוימאנו, סוואבאבאדו דערצעהלען דאָס די ערשטע קירכען מוזיק האָבען בייגעשאפען פון אידישער הייליגער אינערליכקייט (musica sacro) דער יודען, און די אויסערע פאָרם פון גריכישע פאָרמען, איז גאנץ פארפעבעלט געוואָרען. דאָרטען האָבען זיי געהאט צוויי וועגען צו ווייטערער אנטוויקלונג: 1) אין דעם טעאטער און 2) טאקע אין דער קירכע, וואו די גרעסטע גייסטליכע ווי בישאף אמברוזיוס פון מילאן אין 4טען יאָהרהונדערט האָט די ערשטע מעלאָדיען געגרינדעט אויף אויטענטישע סקאלען. פאבסט גרעגאָרי דער גרויסער, אין 7טען יאָהרהונדערט, האָט געשאפען מוזיקאלישע שולען, און מוזיקאלישע פלאגאלישע סקאלען און נוסחאות פאר זייערע קירכליכע געזאנגען אין א בוך וואָס הייסט: Antiphonar. דער מאָנאָך גווידאן מענזיראל שאפט נאָטען אין 11טען יאָהרהונדערט און פילע נאָטען סיסטעמען, און אין 16טען יאָהרהונדערט, אין דער עפּאָכע פונ׳ם רענעסאנס, האָט פאבסט אורבען (אויב איך האָב ניט קיין טעות) געשאפען דורך דעם גרויסען מוזיקער פאלעסטרינא נייע קאטוילישע מוזיק, און ווען ס׳איז אויפגעפירט געוואָרען אין פּעטערסקירכע זיין Missa Salemnis דאָס ערשטע מאָל אונטער דער זיצונג פון אלע קארדינאלען, האָט דער פאבסט געזאָגט: ער פיהלט ווי די מלאכים שוועבען ארום אין דער קירכע, האָבען אונזערע רבנים געקעמפט געגען אידישער מוזיק, וואָס איהר איינציג אָרט איז געווען נאָר אין דער סינאגאָגע, און עס איבערגעלאָזט צו די אָרימע חזנים ביז זי איז אין גאנצען פארקריפּעלט געוואָרען ביז דעם 19טען יאָהרהונדערט, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער.

ג.

די דריי הויפּטפּאכען, וואָס דאָס חזנות האָט דורכגעמאכט.

א גרויסער היסטאָריקער (איך געדענק ניט זיין נאָמען, ווייל איך האָב ניט קיין בוך אין מיין ביבליאָטעק) האָט כאראקטעריזירט די פּסיכאָלאָגיע פון די פעלקער, ער זאָגט: ווען שפּאניער נעמען ערגעץ אָפּ א ווילדע קאָלאָניע מאכען זיי באלד א מלחמה צווישען די הונען און צווישען מענשען און אָקסען. ווען איטאליענער נעמען ערגעץ אָפּ א קאָלאָניע הערט מען באלד איהרע נעאפּאליטאנישע לידער. ווען אמעריקאנער נעמען אָפּ אירגענד וואו א ווילדע קאָלאָניע פיהרען זיי באלד איין שים הייזער און פייטינג און באקכינג. ווען דייטשען נעמען אָפּ ערגעץ וואו א נייע קאָלאָניע פיהרען זיי באלד איין ביער האלען מיט א שטאב טיש. ווען פראנצויזען עראָבערען ערגעץ א קאָלאָניע פיהרען זיי באלד איין א קלוב אָדער קאסינאָ מיט שאנסאָנעטקעס. ווען אידען וואנדערען ערגעץ אוים אין א נייער קאָלאָניע פיהרען זיי באלד איין א מנין אויף קדישה וברכו.

אלזאָ, מיר ווייסען מעהר אָדער ווייניגער פון זייער עבודה מיט זייער כהונה אין די ביידע בתי מקדש אין ירושלים. דאגעגען איז אביסעל טונקעל די געשיכטע, און באזונדאָערס דער אָנפאנג פון חזנות. אין פרט ווייסען מיר נישט, ווייל די געשיכטע פון די אידען אין אלגעמיין אין דער ערשטער פעריאָדע פון אונזער דיאספּאָרא איז נאָך ביז איצט נישט קלאָר געוואָרען. נאָר וואָס מיר ווייסען יאָ איז אין כלל, דאָס דער ערשטער גרויסער אידישער סענאט פון די אנשי הגדולה האָבען שוין געשאפען א געוויסע אָרדנונג פון תפלות, און באזונדערס האָט זיך דער פאטריארך רבן גמליאל, דאָס אייניקעל פון דעם גרויסען הלל הזקן אויסגעצייכענט דורך זיין אָרדנונגס טאלאנט אזוי, דאָס אידען עמיגראנטען האָבען שוין געהאט גענוג ליטורגישען שטאָף פאר די קליינע מנינים און נאכהער פאר די גרעסערע סינאגאָגען וואָס זיי האָבען געגרינדעט דאָרטען וואו זיי זיינען פארטריבען געוואָרען. זיי האָבען אין רוים, וואוהין זיי זיינען פארטריבען געוואָרען דורך טיטוס, אויך געהאט איינינגע סינאגאָגען. צווישען די פארטריבענע זיינען געווען זעהר א סך לוים וואָס האָבען אליין מיטגעווירקט אין אלע געזאנגען פאר דעם שיר של יום, אויך פיעל

פריוואט מענשען, וואס האבען געקאנט פיל הערען די אלטע טעמפעל מעלאדיען און האבען זיי טייער געהאלטען אלס די לעצטע ירושה, וואס איז זיי געבליבען פון זייער באַריהמטקייט. דער געזאנג פון די לוים איז מגולגל געווארען פונ'ם בית המקדש אין דער סינאגאגע אין דעם נייעם חזנות, וועלכעס זיי האבען פארשפרייט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

וואס איז אבער געווען דער כאראקטער פון דעם לוים געזאנג ?

עס איז דאמאלס נאך ניט געווען קיין ריטמישער געזאנג מיט געוויסע מוזיקאלישע פעריאדען און טאקטען אזוי ווי מיר האבען עס איצט, ווייל די מוזיק האט נאך דאמאלס ניט געהאט די גאנצע מוזיקאלישע ארכיטעקטאניק ווי יעצט. ס'איז בלויז געווען א פריי'ער געזאנגליכער פארטראג, א סילאבישער רעטשיטאטיוו, דאס הייסט, מען האט אזוי פיעל טאנען געזונגען אין יעדען פסוק וויפיעל זילבען עס זיינען געווען. עס האט נישט אויסגעמאכט ווען אין איין זאץ זיינען געווען, צום ביישפיעל, צעהן זילבען און אין צווייטען זיבען. דאריבער הייסט עס : „השיר שהלוים אומרים בבית המקדש“, דער געזאנג וואס די לוים האבען געזאגט אין בית המקדש. אדער ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס : „ודברו הלוים בשיר“, די לוים האבען געזאנגליך געשפראכען; דאס איז געווען וואס די איטאליענער רופען עס : ‘‘Kantilene’’. ווען זיי האבען געזונגען מיט כערע האבען זיי אלע אינאיינעם געזונגען, זיי האבען געליעבט — ווי אלע דאמאליגע פעלקער — הארמאניע פון פארבען אבער נישט פון דער אקארדע פון פארשידענע קולות, ווי מיר פארשטעהען הארמאניע איצט. ווען עס זינגען פארשידענע שטימען צוזאמען איין מעלאדיע, „להשמיע קול אחד“, הערט מען איין געמיש פון פארשידענע פארבען, פונ'ם באס, טענאר, אלט, סאפראן, אבוואהל זיי זינגען אלע איין פרימע, און דאס האבען זיי זעהר געליעבט.

אויך האבען זיי געהאט א געוויסען געזאנג סטיל מיט כאר, וועלכער הייסט ‘‘Antiphonar’’ דאס הייסט : געגען קלאנגען, איין סאליסט האט געזונגען איין האלבען פסוק, ווי צום ביישפיעל : „צדיק ה' בכל דרכיו“ און דער כאר האט געענטפערט „וחסיד בכל מעשיו“, אדער א האלבער כאר האט געזונגען „שומר ד' את כל אוהביו“ און דער אנדערער האלבער כאר האט געענטפערט „ואת כל הרשעים ישמיד“.

אויך, ווייל עס איז אריינגענומען אין חזנות אויך די קריאת התורה האבען די ערשטע חזנים געהאט א זעהר שווערע ארבייט אויסצולערנען די פסוקי הטעמים, וועלכע טראגען אין זיך א הירוגליפישען כאראקטער און אין גריכישען הייסען זיי „נוימע“ (Neumen). פילע אלטע אריענטאלישע פעלקער האבען זיך באמיהט אויסצוגעפינען א מוזיקאלישע שריפט, וועלכע זאל זיי פארגרינגערען דאס לעזען זייערע הייליגע ביכער און אויך זייערע נאציאנאלע מעלאדיען. פריער פלעגען זיי לערנען מיט זייערע תלמידים דעם טעקסט מיט וואונקען דורך דער האנט, דורך די פינגער און אויך דורך די אויגען. עס איז געווען אן ארט כירומאנטיע מיט די הענט און האבען זיך פארשטענדליך געמאכט דורך דער לופט שריפט, צום ביישפיעל א פשטא האט דער לעהרער געמאכט א רונדע באוועגונג מיט דער רעכטער האנט פון אונטען ארויף; א גרשיים האט ער באוועגט זיין האנט 3 מאל פון אונטען ארויף, פון אויבען אראפ און נאך איין מאל פון אונטער ארויף. א שלשלת האט ער געמאכט 6 שיפע באוועגונגען אין דער לופט. נאך דעם האבען זיי פון דער לופט שריפט וואס די רוימער האבען עס גערופען : ‘‘Musica muta’’ (שטימע מוזיק), אנגעפאנגען צו מאכען א שריפט אויפ'ן פאפיר, וועלכע האט אבער זעהר אומדייטליך אנגעגעבען די ריכטיגע גרענעצען אין דער מעלאדיע באוועגונג, אזוי דאס די לעהרער האבען געמוזט קענען די אלע מעלאדישע באוועגונגען בעל פה, און זיך באדינען מיט די נוימען פאר א שטיצע צום זכרון. אין גריכענלאנד הייסט עס, דאס אריסטאפאנעס, א גרויסער גראמאטיקער, האט ערפונדען די נוימען וואס מען פלעגט זינגען מיט זיי האמער'ס געדיכטע פון אדיסייעס און עליאדע און אלע זייערע תפלות. (Prosodien)
און נאכהער די רוימער זייערע פסאלמאדיען. ווי עס הייסט האט אריסטאפאנעס, דער שילער פון זענעדאטאס ערפונדען דיזע נוימען אדער טראפען (Tropen) הונדערט און צוואנציג יאהר פאר דעם חורבן פונ'ם בית שני. די אידען האבען שוין אנגעפאנגען צו זוכען א הילפסשריפט פאר זייער קריאת התורה באלד ווען עזרא האט אנגעפאנגען שטודירען מיט זיי „מקרא מפורש“ און לעזען די ביבעל מיט די הפטרות אלע שבת וי"ט, אחוץ אין דער וואכען, און עס איז באשאפען געווארען די פסקי הטעמים מיט צוויי מסורות פון בן נפתלי און בן אשור, און זייט דאמאלס איז מען מעביר די סדרה מיט'ן טראפ, דיזער נאמען ‘‘Tropus’’, איז אויך גריכיש, די מיינונג איז נייגונגען, ביעגונגען, ווען מען לעזט א טעקסט מיט מעלאדישע ביעגונגען נאך אויבען און אונטען, מיט דינאמישע ניואנסאן, שטארקער און שוואכער, הייסט עס געלעזען מיט'ן טראפ. דיזע שריפט איז געווען די ערשטע נאטענשריפט, א זעהר שווערע און אונקלארע און עס איז אונמעגליך היינט זיך צו באנוצען מיט איהר אין דער מוזיק. נאר איהר קורצקייט איז צו באוואונדערען, מען קאן מיט איין פזר ארויסרופען עלף איצטיגע נאטען און מיט איין קרני פרה ארויסרופען איינאונצוואנציג איצטיגע נאטען.

די ערשטע חזנים האָבען געהאט מעהר ארבייט מיט די פּסקי הטעמים ווי מיט דעם גאָטעסדיענסט, דערפאר איז געווען דער גאָטעסדיענסט א כבוד זאך און א געלט־זאך, יעדעס מאָל האָט מען מכבד געווען א אידען, וואָס האָט געהאט איינינע מעלות, וואָס די סופרים האָבען פארלאַנגט פונ׳ם שליח צבור הגון צום דאַוונען. דאגעגען האָט מען ערלויבט צו צאָהלען שכר פּסקי הטעמים, ווייל דאָס איז געווען ביי אלע פעלקער פאררעכענט אלס זעהר א שווערע מלאכה.

מיט דעם מוזיקאלישען קאפּיטאל האָבען זיך די פאַרטריבענע אידען אוועקגעלאָזט אין דער וועלט צו גרינדען סינאגאָגען און שוהלען פאר קינדער. דאָס מערקווירדיגע דאביי איז דאָס אויך די יונגע תלמודיסטען, וועלכע זיינען געווען זעהר וועניג אנטציקט פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק און אויך פון דער גאנצער סינאגאָגע מיט דעם פּובליקום און זייערע חזנים האָבען זעהר הויך געהאלטען פון מוזיק אין דער שוהלע. אזוי זאָגט ר׳ שפטין אמר ר׳ יוחנן (מגילה ל״ב) „כל הקורא בלי נעומה“, דער וואָס לעזט די ביבעל אָהן דער מעלאָדיע, „לשונה בלי זמרה“ און לערנט משניות אָהן געזאַנג (תוספת מגילה ל״ב) „שהקדמונים היו נוהגים הנגינות למשניות לעזר אל הזכירה“, ועיין רמבם יד החזקה הלכות ת״ת ג׳ יד; מעשה אפוד לדלראן בהקדמתו פ״ח. ובמצרף לחכמה לר״י דלמידלגי ו; ובמאיר עינים ל״ר עזריה מן האדומים פ׳נ׳ט.) עליו הכתיב אומר, זאָגט אויף איהם דער פּסוק „וגם אני נתתי להם חקים לא טובים“. ווייל נאָר דורך דער באַטאָנונג האָט מען געקאָנט ריכטיג פאַרשטעהן דעם זין פונ׳ם טעקסט.

די חזנים זיינען די ערשע יאָהרהונדערטע נאָכ׳ן חורבן בית שני געווען גאַנץ און גאָר אונטער דעם שווערען דרוק פון די רבנים מיט זייערע גרויסע און שווערע פּראָגראַמען פאר א שין הגון, ווייל יעדער איד האָט געקאָנט פארטרעטען א חזן שטעלע.

ביז די אידישע מאסע האָט אָנגעהויבען פארגעסען די העברעאישע שפּראך און עס איז שוין געוואָרען זעהר שווער צו געפינען יעדען מאָל א אידען, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו דאַוונען פאַר׳ן עמוד און מען איז געצוואונגען געוואָרען צו באַשטימען א חזן קבוע, וועלכער ווידמעט זיך צום פאך מיט אלע פאָרבארייטונגען, ווי א ספּעציעלער פּראָפעסיאָנעלער מאַן.

ווען מיר ווילען בלייבען טריי דעם אמת מוזען מיר צוגעבען, דאָס דער גריכישער מוזיקאלישער איינפלוס, וועלכער האָט דאַמאָלס באַהערשט די וועלט, האָט אויך אין א געוויסען גראַד באאיינפלוסט די אידישע מוזיק. דאָס טעאָלאָגישע פאָלק, די איזראעליטען, וועלכע האָבען באַטראַכט אלע שעהנהייטען, אריינגערעכענט מוזיק, אלס מיטעל צום צוועק, אלס שעהנהייט פון דער רעליגיאָן, האָבען ניט געקענט קאָנקורירען מיט דעם עסטעטישען פאָלק, מיט די העלענען, וועלכע זיינען שוין דאַמאָלס געשטאַנען אן דער שפּיצע פון קונסט און וויסענשאפט און האָבען באַטראַכט די מוזיק אלס רעליגיאָן פון שעהנהייט. און צו דעם צוועק האָבען זיי ערפונדען אלע מיטלען, פאָרמען און טערמינאלאָגיען צו מאַכען די מוזיק פאר א רעליגיאָן פאר זיך אליין. זיי זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען איינגעאָרדענט די מוזיק אין סקאַלען (Modi). די סקאַלען זיינען איינגעטיילט אין צוויי טעטראכארדען, וועלכע זיינען אקצעפּטירט געוואָרען נאכהער ביי דער גאַנצער וועלט, און פאַפּסטען האָבען פון זיי געשאַפען קירכען טאָנאַרטען. אין דער צייט ווען חכמת יונית האָט געשפּיעלט זעהר א גרויסע ראָלע אין פּאלעסטינא האָט זמר יוני געשפּיעלט נאָך א גרעסערע ראָלע, ביז דער העלענישער איינפלוס איז שטארק געוואָרען און האָט געדראָהט דאָס גאנצע אידענטום צו פאַרניכטען, דאַמאָלס האָבען עס אונזערע תלמודיסטען פארבאָטען. ביז יעצט האָבען מיר פיעלע טראַדיציאָנעלע מעלאָדיען און נוסחאות וואָס זיי זיינען געבויט אויף דער פאָרמע פון די גריכישע סקאַלען און די מוזיק פון גאנצען אָריענט און באזונדערס פון סלאַווען, זיינען זיי סינאָנים מיט אונזערע שטייגערס, אוןביידע שטאַמען פון העללאַס.

ד.

דער העלענייִשער איינפלוס האָט שטארק אָנגעהאלטען אין דער אידישער מוזיק ביז נאָך דעם זיעבעטען יאָהרהונדערט ווען דער נייער איינפלוס פון די אראבער אונטער זייערע כאַליפאַטען, אונטער וועלכע זיי האָבען ביים אָנפאַנג ערהאלטען אלע פרייהייטען, האָט זיי אנטציקט. די ליעבע פון די אראבער, זייט דעם כאליף אָמאר, צו וויסענשאפט, פילאָזאָפיע, דיכטונג און געזאַנג, אויך די פארוואַנדשאַפט אין׳ם שטאַם צווישען די אראַבער און די אידען, ווי זייער באגריף פון אללאה, וועלכער איז זעהר נאָהענט צום מאָנאָטעאיסטישען באַגריף פון די אידען פון זייער אלהים, האָט זעהר פיעל געווירקט דאָס דיביידע זאָלען קומען אין פאַרבינדונג אין „נעמען און געבען“ איינער ביים אַנדערן. דער גאַנצער אלקוראל איז אַ פאַנטאַסטייִשער אויסצוג פון דער ביבעל. ער איז אויך געגרינדעט אויף איינזייט פון גאָט און באזיצט קיין אורזאַכע צו פירכטען פון איהם אזוי ווי פאַר דעם העלעניזמוס, וועלכער איז געגרינדעט ענטוועדער אויף דעם פּאָליטהעאיזמוס אָדער גאָר אטהעאיזמוס. דארום האָט דער אראַבישער איינפלוס ניט פאַראורזאַכט קיין מורא, אפילו פאר די יעניגע וועלכע האָבען פּראָטעסטירט געגען יעדע אסימילאציאָן. און אין דער אראבייִשער עפּאָכע ווען קיין איינציגער בראַנזש פון דער וויסענשאפט האָט ניט געפעהלט, אין דער פילאָזאָפיע, אין דער מעדיצין, אין דער פּאָעזיע מיט איהרע פאָרמען פון אקרוסטיאָחאָן (שם המחבר בראשי החרוזים) און אין דער ראם (חרוז) און אין דער מוזיק,, וואו זיי האָבען איינגעטיילט יעדע מכמה (סקאַלע) אין 17 טיילען, דאָס הייסט ניט אין האַלבע נאָטען ווי די העלענען, זאָנדערן אין דריטעל, אזוי דאָס די גאנצע סקאַלע (מכמה) האָט געמאַכט 17 דריטעל טענער.



די אידען פלעגען אין אראביען העברעאיזירען אראבישע לידער און געזונגען זיי אויף שמחות ביי אידישע טישען (עיין פרוש המשנה להרמבם אבות פרק א'; הראבן קהלת ה", י'; שות פאר הדור ס" קכט; שו"ת הראשבא אלף תסט; הקדמת אבל תבון לחובות הלבבות: כי מנהג בני אדם בזמן הזה להתגולל ולהתעולל ו"כו; נחמיה חיון בספרן הצד ציד: והנה רוב מסדרי הפיוטים במדינות טורקיי נהגו להתהיל בדבור של קדושה שיהיה דומה לדברו של חול.) זיי זיינען אבער געווען זעהר אנטציקט פון דער אראבישער מעטריק פון דער געדיכטע און נאך מעהר פון דער אראבישער מעלאדיע, וועלכע זיי האבען גערופען „לחן", און זיי האבען זיך ניט צוגעהערט צו די פראטעסטען פון די רבנים. (עיין האמונות להדעות לרבנ במאמר ו" אדות תועל הלחנים ונעימת הזמרה. ובמעשה אפוד בהקדמתן דף י"ט אדות השיר והלחנים. במורה נבוכים ח"ג פ'מ'ה ובספר חסידים סימן ש"ב.)

אויך די רבנים פראטעסטאנטען געגען דעם אראבישען איינפלוס זיינען ניט געווען אזוי גיפטיג ווי געגען זמר יוני, מען האט ניט ארייגעלעגט קיין אידען אין חרם דערפאר וואס ער האט געזונגען אדער געשפיעלט אראבישע געדיכטע מיט אראבישע מעלאדיען, אזוי ווי זיי האבען אמאל פאר'חרמ'ט אחר'ן, ווייל עס האט ניט אויפגעהערט אין זיין הויז איין זמר יוני.

די אראבישע פרייע לופט האט אויך געווירקט אויף די חזנים, וועלכע זיינען געווען אינטעליגענט און האבען פרובירט ארויסגעהן פון דעם ענגען פראגראם, וואס די רבנים האבען זיי פארגעשריבען און האבען אנגעפאנגען צו פארפאסען ניט נאר נייע מעלאדיען לחזנים, זאנדערן צו שאפען נייע טעקסטען, פיוטים און פארשיעדענע פארמען פאר דעם גאטעסדיענסט. די רבנים האבען פראטעסטירט, דער המון עם האט אבער זיי פראטעזשירט, די זיסע מעלאדיען, די נייע, אין אראבישען סטיל, האט אין דער מלחמה מנצח געווען. עס זיינען געווען צווישען זיי חזנים וואס האבען אליין פארפאסט די נייע פיוטים, וועלכע האבען באקומען דעם טיטול „פייטנים" און די ווייניגער גייסטרייכע פלעגען איבערשרייבען די פיוטים און אויסלערנען די מעלאדיען און ארומרייזען פון איין געמיינדע צו דער אנדערער און זיי פארזינגען אזוי לאנג ביז די געמיינדען האבען זיי אקצעפטירט אלס נוסח ספרד אדער נוסח אשכנז און אזוי ווייטער.

דער ערשטער חזן, וועלכער האט געשאפען איבערהויפט דעם נייעם פיוט סטיל איז געווען רבי אליעזר הקליר, וועלכער האט געדיענט אלס חזן (פייטן) אין יאהר 970 אין א קליין שטעדטעל בארי אין איטאליען; לויט די נייע פארשער האט ער גאר געלעבט אין פאלעסטינא. ער האט באריירכערט אונזער ליטורגיע מיט פיעלע נייע פארמען פון יוצר, קרובה, קינה, סליחה, מאורה, אופן, פזמון און נאך. נאך איהם האבען זיך זעהר פיעלע חזנים אויסגעצייכענט אלס פייטנים מיט זייערע כתבים. נאר אזוי ווי אין דער גייסטיגער פעריאדע פון אונזערע נביאים זיינען געווען אויך פאנטאסטישע פארדרעהטע מוחות, וואס האבען זיך זעלבסט אפגענארט און האבען געגלויבט דאס גאטס גייסט רוהט אויף זיי, זיינען געווען פאטהעלאגיש קראנק, ווי אויך אין דער גייסטרייכער פעריאדע פון די גריכישע פילאזאפען זיינען געווען פוסטע שווערמער, פארדרעהטע קעפ, וועלכע זיינען געווען פאררוקטע בטלנים, אזוי האט זיך אויך אין דער גייסטרייכער פעריאדע פון די אראבישע פייטנים אויך ארייגעמישט א חברה פייטנים, וואס זייערע טעקסטען זיינען איינפאך פאררוקט, זינלאז, און ברעכען אויס די צייהן מיט זייער בארבאריזם.

אין דעם 19טען יאהרהונדערט איז אויפגעוואקסען א גאנצע ליטעראטור פון די גרויסע אידישע געלעהרטע, ווי דר. גרעץ, דר. צונץ, דר. לאנדסהוט, מיכאל זאקס, יעללינעק, רשל און נאך אנדערע איבער די נעמען און צייטען פון אלע אונזערע פייטנים אין וועלכער עס זיינען פאראן פיעלע חזנים פייטנים. איניגע חזנים־פייטנים קענען מיר דא אויך אויסרעכענען: ר' מאיר בר יצחק וואס איז געווען חזן אין יאהר 1060 אין ווארמיש און מגנצא, ער האט מחבר געווען דעם אקדמות פאר שבועות. ער איז געווען אן אינטימער פריינד פון רש"י, וועלכער רופט איהם „חברי ומורי השץ צור נאמן נהורא". ר' יוסף בר נתן ש"ץ אין ווירצבורג. ר' יוסף בר יעקב אלקעלאי ש"ץ אין סיציליען. ר' מרדכי בן שבתה ארוך חזן וסופר אין איטאליען און וויען; אברהם בר יצחק בן משה החזן; דער משורר ר' יצחק סאוד אדער סוד וואס האט געלעבט אין דעם 12טען יאהרהונדערט אין טולידא, שפאניען; ר' משה הזקן, דער בארימטער גרא־

מאטיקער אין דעם 13טען יאָהרהונדערט חזן אין לאָנדאָן, און נאָך אנדערע.

די גלאַנץ פעריאָדע האָט געהאַט אויך איהרע דונקעלע זייטען. עס האָט זיך אָנגעפאנגען א קאָנקורענץ צווישען די פייטנים פון ספרד און אשכנז, וועלכע די חזנים פון די ביידע לענדער האָבען עס געבראַכט צו א קנאה שנאה צווישען די געמיינדען. אויך האָבען דאמאָלס אויסגעבראָכען פארשיעדענע נוסחאות וועגען די בני מערבא ומדינתא, איבער'ן נקוד וטעמי המקרא און זייערע מעלאָדיען. אויסער דעם איז אויסגעוואקסען א וועלט מיט נייעם טעקסט, וואָס האָט געמוזט באַקליידט ווערען מיט מעלאָדיען, און ווען די חזנים האָבען ניט געהאַט אייגענע מעלאָדיען האָבען זיי אריינגענומען וואָס ס׳איז זיי געקומען צו דער האַנד; קיין מענש האָט זיי ניט קאָנטראָלירט. און ווען דאָס איז ניט געווען גענוג האָבען זיי דורכגעלאָזען פיעלע טעקסטען פריי, זיי זאָלען זיי באַקליידען ביים עמוד מיניה וביה, וואָס וועט זיי אריינפאלען אין דער מינוט אין מויל אריין. דאדורך איז געשאפען געוואָרען אין דער אידישער ליטורגיע אן אָרט געזאנג, וואס קיין קירכע פון דער וועלט ווייסט ניט דערפון, דאס הייסט: „אימפּראָוויזאציע“, וואס דער זינגער ווייסט ניט פריהער וואס ער וועט זינגען און נאכהער וואס ער האָט געזונגען, און דאָס פובליקום ריזיקירט צו הערען א ווילדען געפּלוידער.

ה.

נאָך דער גרויסער אראבישער גלאַנץ פעריאָדע איז איינגעטראָטען די גרעסטע שווארצע פעריאָדע, די גרעסטע פארפאָלגונגען, וואס טראָגען דעם נאָמען „מיטעלאלטערליכע בארבארייען“. מיר האָבען ניט נויטיג פיעל דעריבער צו שרייבען, ווייל עס איז יעדען באקאנט וואס עס איז געוואָרען פון דעם אידענטום אין די גהעטים מיט די געלע לאטעס אויף די קליידער, מיט די בלבולים, שמדן, בארויבען און פארטרייבען אלע מאָל פון איין אָרט אין דעם אנדערען, אינקוויזיציאָנען און שייטער־הויפען. די אידען האָבען אויסגעהאלטען דעם גרעסטען עקזאמען וואס א פאָלק האָט ווען עס איז אויסגעהאלטען. עס זיינען אָבער אלע גרעסטע סינאגאָגען אין שפאניען, פאָרטוגאל און אויך אין דייטשלאנד ענטוועדער חרוב געוואָרען אָדער פארוואנדעלט געוואָרען אין קאטוילישע קירכען. עס זיינען ענטשטאנען אין די ענגע מנינים שטיבלעך אין די איינגעשלאָסענע געטהעס טעקסטען פון אונפאראנטוואָרטליכע מחברים, אין א צובראָכענער שפראך סטיל מיט מאָנאָטאָנעם אינהאלט, ווי אויך וויסטע מעלאָדיען מיט פארשנערקעלטע אימפּראָוויזאציאָנען.

אין 16טען יאָהרהונדערט איז אויפגעשטאנען א גרויסער מוזיקער סאלאמא דע ראססי אין מאנטיא און ער האָט פארפאסט פיעלע נייע געזאנגען פאַר דער אידישער ליטורגיע, און דער אנדערער ראבינער לעאן דע מודינא — דער מחבר פון דער תפלה „בת עמי לא תח׳צ׳ה“ פאר יו״כ, ק׳ — וואס איז אויך געווען חזן אין דער סינאגאָגע איטאליאני אין ווענעדיק, און ער האָט געהאַט זעהר א שעהנע טענאָר שטימע, ער האָט שוין דאמאָלס געארבייט צו רעפאָרמירען דאָס חזנות און איינפיהרען די געזאנגען פון ראססי. ער האָט אָבער גאָר ניט געקאָנט מאכען, ערשטענס איז דאָס פארקריפּעלטע אידענטום ניט געווען אימשטאנד אריינצונעהמען מוזיקאלישע זאכען אין זיינע פארשטויבטע געטהע־סינאגאָגען מיט זיינע פארמעניוועלטע בעלי תפלות; צווייטענס זיינען געווען — און זיינען אויך יעצט — די ראססיס קאָמפּאָזיציאָנען מעהר קאטוילישע ווי אידיש, זיי זיינען געווען קאָמפּאָנירט אין גייסט פון פאלעסטרינא, וועלכער האָט אין 16טען יאָהרהונדערט געגרינדעט אין דער קירכע דעם קאטוילישען פאלעסטרינא סטיל. אין קורצען ווי האָט געקענט בליהען חזנות ביי א פאָלק וואָס איז אינגאנצען געבראָכען און פארלאָרען דעם עסטעטישען זינן? ערשט ווען משה מענדעלסאָן האָט אין 18טען יאָהרהונדערט אויפגעוועקט דאָס פארשלאָפענע יודענטום צו בילדונג, צו לאנדעס שפראך, צו שעהנהייט און פיינערען געשמאק, און באזונדערס ווען זיי האָבען אָנגעפאנגען צו ערהאלטען זייער עמאנציפאציאָן אלע מאָל אין אן אנדער לאנד און אנשטאט די געטהא־פארשטויבטע קלייזלעך און בתי מדרשים, זיינען אויפגעבויט געוואָרען נייע טעמפּלען אין וועלכע עס האָט געמוזט געענדערט ווערען דער דבר ד׳ און דער קול ד׳ אין שענערע פאָרמען. נאָר ווער זאָל עס רעפאָרמירען? אויב ניט די פארטרעטער פונ׳ם דבר ד׳ און די רעפּרעזענטאנטען פון דעם קול ד׳? זיינע, טאקע געקומען צוערשט די פארטרעטער פון דעם דבר ד׳ מיט העק און מיט מעסערס אין די הענד און האָבען באלד אָנגעהויבען צו שניידען און צוברעכען דאָס אלטע פארשימעלטע — אזוי האָט עס געהייסען — יודענטום. אין דעם עקסטאז איבער דער עמאנציפּאציאָן פון די אידען האָבען זיי געוואָלט, אלס דאנק, אָפּפּערען דאָס יודענטום. א האלבער ראבינער און ענטוזיאסט, ישראל יאַקאָבזאָהן, האָט געעפענט דעם ערשטען טעמפּעל אין סעזען און ער האָט איינגעלאדען פיעל קריסטען צו דער איינווייהונג, מיט דייטשער פרעדיגונג און גלאָקען קלאנג, און מיט פאראכטונג דעם „אלטע זיג זאג“, אזוי ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ווי קינדיש עס איז געווען פון יאַקאָבזאָהן צו דענקען, דאס איין צוויסט וואס קאָסט אזוי פיעל מענשען בלוט הונדערטער יאָהרען, וועט ער גוט מאכען דאדורך וואס ער וועט מאכען אין דער סינאגאָגע דאָס וואס דער אמעריקאנער רופט „מאָנקי ביזנעס“ מיט נאָכמאכען אביסעל דייטשע פרעדיגונג, גלאָקען קלאנג און צוהאקען אויף שטיקלעך די אידישע תפלות?! עס האָט אויסגעבראָכען א קריעג צווישען די נייע ארכיטעקטאָרען. אייניגע ראדיקאלע האָבען געזאָגט: „ערו ערו עד היסוד בה“, די אנדערע, וועלכע זיינען ניט געווען אזוי שנעל אין זייער איבערלעגונג, האָבען געזאָגט: „והיה הנשאר לפליטה“. אין גאנצען גענומען איז די גאַנצע טענדענץ פון די אַלע נייע ארכיטעקטאָרען געווען „סתירה“. זיי האָבען אפילו באהויפּטעט, דאס עס איז א „סתירה לשם בנין“ נאָר יעצט ווען עס איז שוין אריבער הונדערט יאָהר זייט דאמאָלס קענען מיר שוין זעהן, דאָס די סתירה איז געבליבען סתירה.

בארוהיגט די לאגע אין מיטען דעם קולטור קאמף צווישען די רבנים האָבען די פארטרעטער פונ׳ם קול ד׳, די חזנים, וועלכע האָבען געבראַכט א טענדענץ פון אנפאנג ביז איצט,

פון בנין, קאָנסערווירען און ערפרישען די ליטורגיע דורך געזונדע און עסטעטישע מיטלען. דער ערשטער עפּאָכע מאַכענדער חזן איז געוועזן קיין אנדערער ווי שלמה זולצער, חזן אין וויען, וואס וועגען איהם זאָגט דר. גרעץ: „צום גליק האָט אין וויען אויפגעטראָטען א חזן קינסטלער וו זס האָט איינגעפיהרט דעם אָרגעל און אלע רעפאָרמירטע הילפס מיטלען". דאָס חזנות האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זייט דאַמאָלס האָט זי געבראכט געבענשטע קינסטלערישע פרוכטען. מיר וואָלטען געווען אימשטאנד פאָרצושטעלען א גרויסע מענגע פון גרויסע קינסטלער, זינגער, קאָמפּאָניסטען און זעהר ווירדיגע מענער פון אונזער סינאַגאָגע, נאָר מיר קענען ניט דאָ יעדען דעטאל כאראקטעריזירען, אָבער אלס אויסנאהמע ווע‍לען מיר ווידמען דעם ערשטען גרינדער פון דאָס נייע חזנות ישלמה זולצער.

ו.

שלמה זולצער איז געבוירען געוואָרען דעם 30טען מערץ 1804 אין האָהענעמס, עסטרייך. זיינע עלטערען, וועלכע האָבען געוואָהנט אין זולץ, א קליין שטעדטעל אין וויטעמבורג, זיינען נאָך דער פארטרייבונג פון דיזען אָרט, אויסגעוואנדערט מיט זיין זיידע יוסף לוי נאָך האָהענעמס און צום אנדענקען פון דעם אָרט פון וואנען זיי זיינען געקומען האָבען זיי זיך א נאָמען געגעבען „זולצער".

סאָלאָמאָנ׳ס (שלמה׳ס) עלטערן האָבען געוואָלט געבען דעם זוהן א קאָמערציעלע ערציהונג. נאָר זיי האָבען געענדערט דעם פּלאן דורך אן אינצידענט מיט סאָלאָמאָנ׳ען, וואָס האָט איהם שיער דאָס לעבען געקאָסט. אין יאָהר 1811 איז דער טייך פון דער שטאָט, דורך פיקע שנעען און רעגענס ארויס פון זיינע גרענצען און אריינגעשלעפּט דעם זעהר לעבהאפטען אינגעל, וועלכער האָט זיך געשפּיעלט ביים ברעג, אין דער אויספלייצונג הונייך. קיינער האָט נישט געוואגט איהם צו רעטען, און עס האָט איהם ערווארט א זיכערער טויט. נאָר א האָהענעמסער בויער, קארל הוגלער, איז מיט אייגענער לעבענסגעפאהר אריין אין שטראָם און ארויסגעשלעפּט דאָס אינגעל פון די כוואליעס. אויך א קלענערער פריהערדיגער אינצידענט מיט דעם אינגעל, ווען ער איז פארפאלען געוואָרען, און נאָך פיעל זוכען האָט מען איהם געפונען שפּעט ביינאכט שלאָפען אויף זיין פאָטער׳ס שטוהל אין דער סינאגאָגע, האָבען זיינע עלטערען באשטימט צו ערציהען זייער קינד צו דיענען גאָט.

עס איז מערקווירדיג דאָס דאָס אינגעל האָט פון זיין קינדהייט אָן געצייגט א נאטירליכע נייגונג צו גאָטעסדיענסט. איינמאָל, נאָך אלס קינד, שפּיעלענדיג זיך מיט די אינגלאך בויט ער מיט זיי א קליינע געמיינדע, אין וועלכער ער ערוועהלט זיך אליין אלס פאָרשטעהער. זיין זיידע מענדעל האָט איהם, פאר זיין טויט, א גרויסע צוקונפט פאָראויסגעזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אנערקענט זיין גרויסע באגאבטהייט.

סאלאמאן איז אוועק צום חזן פון ענדונגען און איז אויפגענומען געוואָרען אלס הילפסזינגערל אין זיין כאָר און, נאָך דער דאמאָלסדיגער בקשה, איז ער אוועק מיט דעם חזן אויף רייזען דורך פראנקרייך, עלזאס לאָטרינגען און דורכגעמאכט אלע סטראפּאצען פון אזעלכע רייזען. אלס דרייצעהן יעהריגער אינגעל איז ער צוריקגעקומען נאָך האָהענעמס וואו ער האָט געדאווענט אין טעמפּעל מיט עולם. צו דיזער צייט איז די קאנטאָר שטעלע אין דעם טעמפּעל געווען פריי, ווייל דער אויפגענומענער חזן אייכבערג איז, אלס אויסלענדער, פון דער רעגירונג נישט אנערקענט געוואָרען. זולצער׳ס עלטערען האָבען זעהר געוואָלט דאָס סאלאמאן זאָל פארטרעטען דיזע שטעלע. עס זיינען אָבער געווען פיעלע געגנער, וואָס האָבען נישט געוואָלט אויפנעמען א אינגעל אלס חזן. זיין מוטער איז געווען זעהר באגייסטערט פון דער אידעע איהם צו זעהן אין איהר שטאָדט אלס חזן און האָט באהויפּטעט, דאָס א בר מצוה אינגעל האָט אלע רעכט ווי א דערוואקסענער. עס האָט אויסגעבראָכען א מחלוקת אין דער געמיינדע און עס איז געקומען אזוי ווייט ביז קייזער פראנץ יאָזעף דער ערשטער, וועלכער האָט איהם באשטימט צום קאנטאָר פון דיזער געמיינדע, נאָר מיט דעם באדינג, ער זאָל נעמען אן אורלויב אויף דריי יאָהר צו שטודירען. גלייך דארויף איז ער אוועק צום קאנטאָר אייכבערג ער זאָל איהם אונטעררי‍כטען אין חזנות. שפּעטער האָט זולצער געשריבען אויף דעם קאנטאָר אייכבערג, „דאָס ער איז געווען אן עדעלער, פיעל ערפאהרענער מייסטער, וועלכער האָט פאר מיר דאָס חזנישע געביעט געעפענט און אין מיין אויפנעמענדיגער נשמה דערוועקט אָנרעגונג און געפיהל...

דאַן איז זולצער אוועקגעפאָהרען אין דער שווייץ, וואו ער האָט גענומען אונטעררי‍כט ביים חזן ליפּמאן, איינער פון די בארי‍המטעסטע חזנים אין יענער צייט. נאָך א יאָהר שטודיום מאכט ער מיט זיין לעהרער א רייזע דורך פראנקרייך און עלזאס לאָטרינגען מיט גרויס ערפאָלג. קומענדיג פון זיין קונסטרייזע צו זיינע עלטערען, פאָהרט ער נאָך אמאָל אוועק נאָך קארלסרוהע, וואו ער האָט שטודירט א גאַנץ יאָהר. איבער זיינע קונסטרייזען שרייבט זולצער: „איך האָב געטראָפען אידישע געמיינדען אין עלזאס לאָטרינגען, וועלכע האָבען אין מיר ארויסגערופען א טיעפען איינזעהן אין די באדערפעניסען פון דעם סינאַגאָגען לעבען. פון איבעראל האָב איך מיטגענומען איינדריקע, וועלכע האָבען זעהר פיעל געווירקט אויף מיין אויפפאַסונג פון מיין אַמט."

געגוג געשולט און פארבארייטעט, נעהמט דער 16 יעהריגער זולצער איבער דעם אַמט אלס קאַנטאָר אין האהענעמס, וואו ער האָט געדינט 5 יאָהר מיט גרויס צופרידענהייט. ער אָרגאַניזירט א גוט געשולטען כאָר און אויך א קליינעם אידישען אָרקעסטער פון שטרייך אינסטרומענטען, וועלכער ביי באזונדערע פעסטליכקייטען באגלייטען די גאָטעס־דינסט. זולצער׳ס געניאלע פעהיגקייטען האָבען שוין דאמאָלס אַלע באוואונדערט און אנערקענט, און מיט רעכט — ווי דר. טאַנצער אין זיין געשיכטע פון די אידען אין האהאלעמס באריכטעט — איז אַם 9טען יאנואר 1826 זולצער׳ן געגעבען געוואָרען אן עהרענהאַפטער אורלויב אויף 8 וואָכען פאר א רייזע נאָך וויען. זולצר האָט זיך פאַרפליכטעט נאָך דער צייט פון זיין אורלויב צוריק צו קומען נאָך ראהאנעמס. ער קערט זיך אָבער ניט אום צוריק. נאָך

דעם ווי דער וויענער קולטוספאַרשטאַנד האָט אָבגעשאַצט זיינע קענטניסע, איז ער אנגאזשירט געוואָרען פאַר אָבער קאַנטאָר אין וויען. אין אַן העברעאישען בריף בעט זולצער זיין האהענעמסער געמיינדע זי זאָל איהם ערלויבען אָננעמען די וויענער שטעלע, וואו ער וועט אין זיין פיעלער קאַנטאָראַלער טעטיגקייט געפינען די צוקונפט. דער האָהענעמסער פאַרשטאַנד האָט זיך געפיהלט זעהר געעהרט, דאָס א קינד פון זיין שטאָדט קאָן אָננעמען די שטעלע פון אָבער־קאַנטאָר אין וויען, און האָט איהם ערלויבט אָנצונעמען דיזע שטעלע. זולצער'ס עלטערן, פונקט ווי די גאַנצע געמיינדע, האָבען זיך געפיהלט גליקליך איבער זיין כבוד.

אזוי זעהען מיר דעם איין־און־צוואַנציג יאָהריגען סאלאָמאָן זולצער אַלס אָבער קאַנטאָר פון דער וויענער קולטוס געמיינדע, וואו צו דיזער צייט האָט געווירקט דער באריהמטער ראַבינער יצחק נח מאנהיימער. „אין איהם, ווי אין דעם נייעם טעמפעל צו וויען" — שרייבט דר. גרעץ אין 11טען באַנד פון דער געשיכטע פון די אידען — „אומארמט זיך מאָרגען־און אבענד לאַנד. אַלץ איז געוועזן דער וויענער טעמפעל און די געמיינדע איז ווי פון אָנפאַנג באַשטימט געוועזען פאַר דער פאַראייניגונגס ווערק צווישען די אַלטע און נייע פאָרמען, און האָט זיך פאַר דעמזעלבען א געזאַנגס־קינסטלער געפינען (דאָ מיינט ער זולצער'ן), אום מיט זיינע שטיממיטלען דעם העברעאישען געבעט איין פאַסט צויבערישען אויסדרוק פארלירט און דעם אלטען פאַרשנעקעלטען סינאַגאָגען געזאַנג, אין זעעלענשמעלצענדע מעלאָדיען פארוואַנדלען".

אויך אַן אנדער היסטאָריקער H. Zini פון עלבערפעלד שרייבט אין זיין ווערק Urspring und Entvicklung der Synagogengesange:

...די ענגע שראַנקען פון מיטעלאַלטערליכע צושטענדע זיינען דורכגעבראָכען געוואָרען און ווי פון א וואונדערשלאָף האָט אַן ערלעזענדער פריהלינג ערוואַכט און געבראַכט דעם געניוס פון נייע צייטען און פאַר דער מוזיק פון דער סינאַגאָג נייע טענער צום לעבען גערופען. די געטליכע פארזעהונג איז געוועזן אין דעם געניוס־מענשען געשטאַלט, ועמעס נאָמען איז געוועזן „סאַלאָמאָן זולצער".

אַלזא זולצער האָט זיך גענומען צום נייעם בנין פון אונזער חזנות. עס איז אָבער געוועזן צו פיעל פאַר איין מענשען אונטערצונעמען אזא ריזיגע ארבייט. האָט ער איינגעלאַדען צו זיך נאָך גרויסע מוזיקאַלישע קרעפטען ווי קאַפעלמייסטער ריטטער, פון זאפריעד, שובערט, פישהאָף, דרעקסלער איהם מיטצוהעלפען. ביי זאַפריעד זעצט זולצער פאָר זיין שטודיום. וועהרענד ער שטודירט קאמפאנירט ער די נויטיגע געזאנגען פאַר דעם גאָטעס־דינסט. אין דעם האָט ער אויסגעזוכט די פּאָפולערסטע סינאַגאָגאַלע מעלאָדיען און זיי ריטמיזירט און האַרמאָניזירט נאָך די געזעצען פון דער קונסט. ער פאראייניגט זיך אויך מיט דעם ראבינער דר. מאנהיימער אין דעם פארזוך צו געבען נייע פאָרמען דעם גאַנצען גאָטעס־דינסט. איך מוז דאָ באמערקען, דאָס דר. מאנהיימער איז געוועזן איינער פון די געמעסיגסטע צווישען די נייע ראבינערס. ער האָט ניט געברויכט מעסער און העק פאַר רעפאָרם, און דארום איז דער וויענער גאָטעס־דיענסט צו יענער צייט געוועזן דער מאָדעל פאַר גאַנץ אייראָפּא. זולצער'ס שטימע איז געוועזן א מעטאַלענע־ווייכע און טעמפעראַמענטפולע. ער איז געוועזן א גרויסער געזאנגסקינסטלער אין זיינען פאָרטראַגען ביים זינגען סאָלאָ אָדער ביים זינגען רעטשיטאַטיווען. פירסטען, שריפטשטעלער, מוזיקער, קינסטלער, פלעגען באזוכען זולצער'ס גאָטעס־דינסט און פון דעם ווערען באַגייסטערט. פראַנץ ליסדט איז געוועזן איינער פון זיינע באגייסטערטע פארעהרער. קייזער פערדינאַנד האָט אין א פרייטאג אבענד באזוכט זולצער'ס גאָטעס־דינסט און איז געבליבען אין טעמפעל ביז צו ענדע, און פון דעם האָט זיך דאָס גאַנצע עסטרייכישע יודענטום געפיהלט הויך געהערט.

נאָך זיין 25 יעהריגע טעטיגקייט האָט זולצער פאַרעפענטליכט זיין ערשטען בוך: „שירי ציון", וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג אין דער גאַנצער מוזיקאַלישער וועלט און באַזאָנדערס ביי אַלע אייראָפּאישע אידישע געמיינדען. דער וויענער זולצער'ישער גאָטעס־דיענסט איז אנערקענט געוואָרען אלס מאָדעל. אין יאָהר 1866 פאַרעפענטליכט זולצער א צווייטען שיר ציון, וועלכער באהאנדעלט נאָך מעהר די אַלטע נוסחאות פון זיינע שילער חזנים פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבען איהם פאָרגעזונגען די אַלטע נוסחאות. זולצער איז געוועזן עהרענבירגער פון וויען, ריטטער פון קייזערליך עסטרייכישען פראַנץ יאָזעף'ס אָרדען, אָפיצער פון אָסמאַנישען מעדשידשאע אָרדענס, באזיצער פון גרויסען און קליינעם גאָלדענעם רוסישען מעדאַל און פון א מעדאַל פון פאָלהערצאג מאַקס פון בייערן פאַר קונסט און ווי־ענשאַפט, פראָפעסאר פון וויענער קאָנסערוואטאָריום, עהרנמיטגליד פון דער רעאַלע אַקאַדעמיע פון סיציליא אין רוים.

רייך אין עהרע, זאַט אין יאָהרען און גליקליך צו זעהען ווי זיינע שירי ציון האָבען גענומען די גאַנצע אידישע וועלט, האָט ער שבת, דעם 17טען יאנואר 1890 אויסגעהאָכט זיין לעצטען אָטהעם. דעם 20טען יאנואר איז זולצער מיט גרויס עהרע געבראַכט געוואָרען צו קבורה. דר. יעלינעק און דר. גידעמאַן האָבען איהם זעהר פייערליך באַקלאָגט. דער לעצטער האָט געשלאָסען זיין רעדע מיט: "והוא כהן לאל עליון", ער איז געוועזן א פריסטער פון דעם העכסטען גאָט. פאַר דער לייכע האָט מען געטראָגען אויף סאַמעטענע קישענס אַלע אָרדענס און באַזונדערס די שירי ציון.

אין איין־און־אכציגסטען יאָהר, ווען איך בין געקומען נאָך וויען, האָב איך זולצער'ן באזוכט צוויי מאָל אין זיין וואהנונג. ער איז שוין געוועזן האַלב בלינד, נאָר פול מיט הומאָר און וויץ. ער זאָגט צו מיר: „איהר גלויבט, יונגער מאַן, אז אַלעס איז געוועזן אזוי אין טעמפעל ווי איהר זעהט עס איצט? אָה, ניין! מיך האָט עס געקאָסט קאמף, איך האָב געקעמפט און געזיגט". ער האָט מיר געפרעגט ווי עס שטעהט מיט דער גאָטעס־דינסט אין רוסלאַנד. און האָט פאָרטגעזעצט: „חערסאָן שיקט שוין צו מיר דעם צווייטען קאַנטאָר, פריהער איז געוועזן שעסטאָפּאָל און איצט איהר. איך האָב זיי געראטען אז אנשטאט צו שיקען די קאַנטאָרען, זאָל מען בעסער צוערשט שיקען די געמיינדען נאָך אויסלאַנד אום זיך אויסצובילדען, דאַן וועלען די קאַנטאָרען קענען

ברענגען די געווינטשטע נוצען. ער האָט מיר אויך געציייגט אַלע אָרדענס וואָס ער האָט ערהאַלטען אין זיין לעבען. ניט קוקענדיג אויף זיין טיפען עלטער איז זיין פיגור געווען גלייך, ער פלעגט יעדען טאָג שפּאַצירען נעבען זיין הויז, קלאַפּען מיט זיין שטעקען אויף די טראָטואַרען צו אָנטאַפּען דעם וועג.

זולצער האָט אייראָפּעאיזירט דאָס אַלטע חזנות און אריינגעבראַכט אין דעם אַן אַקאַדעמישען עלעמענט. ער האָט אויך איבערגעביטען דעם נאָמען חזנות אויף „קאַנטאָראַט“, און דעם חזן אויף קאַנטאָר. ווען זולצער האָט רעפאָרמירט דעם גאַנצען גאָטעס־דינסט אינערליך און אויסערליך, זאָגאַר מיט די קליידער, האָט ער געזוכט אַ נייעם מאָדערנעם נאָמען פאַר דעם חזן, וועלכער געפינענדיג זיך אין די נעטהאָ סינאַגאָגען האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ קהלשען בטלן. האָט ער אַזאַ נאָמען געפונען אין דער קירכע. סעבאַסטיאַן באַך, דער גרעסטער אָרגאַניסט און קירכען קאָמפּאָניסט אין דער וועלט, וועלכער האָט געשפּילט און קאָמפּאָנירט אין דער טאַמאַס קירכע אין לייפּציג, האָט געטראָגען דעם נאָמען קאַנטאָר, דאָס הייסט, דער מאַן וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מוזיק, פאַר דעם Cantus און אַזוי האָבען זיך גערופען אַלע אָרגאַניסטען און דיריזשאָרען פון דער קירכע. נאָך זולצער'ס מיינונג, נאָכדעם ווי דער אידיישער חזן איז געוואָרען די פאַראַנטוואָרטליכע פערזאָן אין אידישען טעמפּעל פאַר אמת'ע מוזיק, פאַרדינט ער דעם נאָמען קאַנטאָר. אין אַלע זיינע שריפטען און זיינע רעדעס האָט זולצער אימער באַטאָנט, דאָס ער האָפט אַז דאָס נייע קאַנטאָראַט וועט ניט בלייבען שטעהן ביי זיינע שירי ציון און זיינע נאָכפאָלגער וועלען דאָס ברייננגען ווייטער און ווייטער. און ער האָט רעכט געהאַט. די סינאַגאָגען וואָס האָבען ניט געהאַט קיין איין בלעטעל נאָטען בעפאָר זולצער'ן, האָבען יעצט רייכע ביבליאָטעקען פון ביכער און מאַנוסקריפּטען פון נייער אידישער מוזיק, אַ גאַנצע פּליעאַדע פון גרויסע קינסטלער פון קאַנטאָרען און דיריזשאָרען האָבען באַרייכערט אונזער גאָטעס־דינסט מיט עכטע אידישע און מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען, דאָס מיר קאָנען דאמיט ווירקליך שטאָלצירען. עס וועט ניט זיין איבערטריבען ווען איך וועל זאָגען, דאָס חזנות פון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט ניט נאָר צעמענטירט דאָס אידענטום אינווענינ, נאָר עס האָט מקדש השם געווען דעם אידען צווישען די אַנדערע פעלקער. וויען, בערלין, וואַרשאַ, ווילנא, אָדעססאַ, מאָסקווא, שטאָקהאָלם, פעטערסבורג און נאָך גרויסע צענטרען האָבען אריינגעצויגען אין די סינאַגאָגען די גרעסטע פערזענליכקייטען פון דער וועלט, וועלכע האָבען מיט פאַרכאַפּטען אָטעם זיך צוגעהערט צו די זיסע קלאַנגען פון דעם אידישען גאָטעסדינסט פון די מאָדערנע קאַנטאָרען מיט איהרע געשולטע כאָרען. ניקאָלאַי'ס הויף־מיניסטער איז געווען אַ פּסח אין אָדעססאַ און באַטראַכט די בראָדער שוהל. אוועקגעהענדיג האָט ער געזאָגט: וואָס פאַר אַ מערקווירדיג פאָלק עס זיינען די אידען! ניט קוקענדיג אויף די אַלע פאַרפאָלגונגען, איז ווען מען קומט צו זיי אין דער סינאַגאָג, זעהט מען פאַר זיך אַ ריינעם אייראָפּעאישען פּובליקום, אַ קולטורעלע האַלטונג און אַ גאָטעס־דינסט פיעל אינטערעסאַנטער ווי ביי אונז. אַ ווירקליך מערקווירדיגעס פאָלק!... אַזעלכע און נאָך גרעסערע קאָמפּלימענטען האָבען אַלע טעמפּלען געהערט אין דעם 19טען יאָהרהונדערט דורך דעם נייעם קאַנטאָראַט, וואָס האָט געשטיגען אין קדוש השם!

מיר חזנים קענען קוקען צוריק מיט גרויס צופרידענהייט. מיר האָבען ערפילט אונזער הייליגע ארבייט אין דער סינאַגאָגע עהרליך און קונסטפול. דעם ווינקעלשטיין צו נייער חזנות האָט שלמה זולצער געלעגט. ווען שלמה זולצער האָט זיך באַגעגענט מיט דעם באַריהמטען אידישען חזן ר' דודיל בראַדי, האָט ער איהם געבעטען ער זאָל איהם עפּעס זאָגען. ר' דודיל איז געווען אַ גרויסער זאָגער און ער איז זעהר געפעלען זולצער'ן. זאָגט צו איהם זולצער: „תפלה לדוד“. בעט שוין ר' דודיל שלמה זולצער'ן ער זאָל איהם עטוואָס זינגען. זולצער האָט געזונגען און איהם איבערראַשט. זאָגט ר' דודיל צו איהם: „שיר השירים אשר לשלמה“. יאַ, שלמה בן דוד און שלמה בן גבריאל זיינען געווען משוררים פון דאָס וואָרט, און שלמה דע ראססי ווי שלמה זולצער זיינען געווען משוררים פון די טענער. און ווי דער ערשטער שלמה איז אונשטערבליך מיט זיין שיר השירים דאָס וואָרט, אַזוי וועט זיין דער לעצטער שלמה אונשטערבליך מיט זיין שיר השירים פון די טענער.

דער לעצטער בעל תפילה

פון דוד איינהאָרן

געשטאָרבען דער לעצטער בעל־תפלה
פאַרשלאָסען שטעהט איינזאַם די שוהל;
די פענסטער פארשלאָגען — און שאָטענס
פארשעמטע זיי מאכען זי פול...

געשטאָרבען דער לעצטער בעל־תפלה
נישטאָ ווער צום עמוד זאָל געהן;
עס לעשט זיך, און צאנקט דער נר תמיד
ביי זיך אין זיין ווינקעל אליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון ארון,
די שכינה אן עלענדע שטעהט;
איהר קאָפּ איז געבויגען אין טרויער
און שווארץ ווי די נאכט איז איהר קלייד.

און ס'דאכט אירע ליפּען זיי מורמלען
א שטילעס, א לעצטעס געבעט
און ס'הערט זיך א שטים פון פרכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!...



ערקלעהרונג וועגען די בילדער

1) ר׳ ניסן ספּיוואק (בעלזער) פון בערדיטשעוו — זעה ביאגראפּיע פון פראכטענבערג. 2) ר׳ דוד לאַמזער — גרויסער מתפלל. 3) ציריני — גרויסער וואונדערבארע שטימע; חזן פון ברעסלאו. קייזער ווילהעלם האט איהם געגעבען בירגער רעכט—אן אויסנאהמס פריווילעגיע. 4) ר׳ ארי׳ ליב מארכביין פון מעזריטש (זעה ביאגראפיע). 5) חזן ישראל קופּער, געוועזן חזן אין ווילנא, דערנאך אין דער קאלווארייער שוהל, נויארק. 6) גרופּע: פּנחס מינקאָווסקי, זיין ברודער אברהם מינקאָווסקי, און דער בארימטער מוזיקער און דיריגענט דוד נאָוואָקאָווסקי, פון בראדער שוהל, אדעסס. 7) ר׳ ברוך שאָר פון לעמבערג, וועלכער איז געווען א בארימטער קאפּעליטאר און איז געשטארבען ביים עמוד זאגענדיג „ומפני חטאינו“. 8) ר׳ ניסן בלומענטהאל, פון אדעסער בראדער שוהל. 9) ארי׳ ליב שלאָסבערג, דער בארימטער מתפלל „שאגת הארי“. 10) חזן בירנבוים פון קעניגסבערג, גרויסער מוזיקער. 11) ר׳ ירוחם הקטן פון בערדישעוו — זעה פראכטענבערג׳ס ביאגראפיע און קאפּי פון זיין קאנטראקט מיט דער בערדיטשעווער קהלה. 12) ר׳ וועלוועלע שעסטאפּאל פון חערסאָן, גרויסער מוזיקער און מתפלל. געשריבען פיעלע קאמפּאזיציאנען וואס מ׳זינגט נאך היינט.

1) **מאַטעל גאָריס**, ע״ה, דער פאטער פון די באריהמטע חזנים, פיניע און אברהם מינקאָווסקי. (זעה ביאָגראַפיע פון פיניע מינקאָווסקי). 2) **משה בער קרוטאַנסקי**, אָדער ווי מ׳האָט איהם גערופען משה בערהערסאָנער. צעהנדליגע חזנים דערמאָנען איהם אין זייערע ביאָגראַפיעס. 3) **ראַזומני** — איז זיין צייט איינער פון די גרעסטע חזנים. געווען איז אַדעס אין דער שאַלאָשענער שוהל, און אין דער קעשענעווער העקעדישער שוהל. 4) **נחום מאָטענקאַ**, דער באַריהמטער באסס־באַריטאָן פון ניסע בעלזער. געווען חזן אין מאָסקווא. געשטאָרבען אויף א טראַגישען אופן. 5) **חזן אלכסנדר ערסלער** (זעה ביאָגראַפיע). 6) **חזן פנחס שערמאַן**, פון דער טאָלמאַצקער שוהל, וואַרשא, מוזיקער, שריפטשטעלער און פרעזידענט פון פוילישען חזנים פאַרבאַנד. (זעה זיין אַרטיקעל איבער פוילישע חזנות). 7) **חזן יעקב באַכמאַן**, אין עלטער פון 25 יאָהר — געווען א חזן מיט א ריזיגע טענאָר שטימע, גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער וועלט. 8) **חזן בלומענקראַנץ**, פון רישא, בודאַפעסט. 9) **איזישע אייבשיטץ**, באַריהמטער אונגארישער „זאָגער", געווען חזן אין אוהעל מישקאָלץ און אַנדערע שטעדט. 10) **חזן יאַנקעל סאַראַקער** (זעה ביאָגראַפיע). 11) **חזן בערנשטיין פון ווילנא** — איינער פון די גרויסע קאָמפאָזיטאָרס און געלעהרנטע אין חזנות, וועמעס ווערק דער „חזנים פאַרבאַנד" האָפט צו דרוקען אין גיכען. 12) **חזן בעלא גוטמאַן פון וויען**, וואונדערבאַרע באַריטאָן שטימע און אויסנעצייכנעטער קאַנטאָר. 13) גרופע פון 4 עלטסטע חזנים: ר׳ **בצלאל אדעסער**, **יהושע פיינזינגער**, **דוד בראָד** און **ה׳ ווינטראַוב**. 14) **חזן האַלפּערין**, פון לעמבערגער קאָר־שוהל. 15) די לעגענדאַרישע פּערזאָן — **חזן יואל דוד**, „דער ווילנער בעל הבית ל״.

פוילישע חזנות אין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט

פון פנחס שערמאַן

אין דער גרויסער טאָלמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע.

ווען מיר וואַרפען אונזער בליק נישט נור אין דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נור בלויז צו די אנדערע העלפט פון פאָריגען יאָהרהונדערט און נעמען באַטראַכטען דעם גייסטיגען און מאַטעריעלען צושטאַנד פון חזנים און חזנות אין יענער צייט, כאַפּט אונז פּשוט אָן א שרעק, זעהענדיג אין וואָס פאַר א טרויעריגען מצב דאָס חזנות האָט זי דאַמאָלס געפינען. ס׳וועט בלויז גענוג זיין צו באַצייכענען די פונקציעס, וועלכע דער חזן פלעגט ערפילען, און די פאָרם פון באַפרידיגונג, וועלכע ער פלעגט דערפאַר באַקומען, אַז מיר זאָלען זיך מאַכען א פולשטענדיגען באַגריף פון דעם ווי ווייט נידריג דאָס חזנות איז דאַמאָלס געשטאַנען. דער חזן, אָבוואָהל ער איז פון אימער אָן גערעכענט געוואָרען צווישען די כלי קדש, איז דאָך לויט די פאַרשימעלטע מנהגים פון יענער צייט געצוואונגען געוואָרען צו דער מדרגה פון בזוי. וועגען א מעהר וועניגער אנשטענדיגען געהאַלט, וואָס זאָל איהם אויסגעצאָלט ווערען צו דער ריכטיגער צייט, און וואָס זאָל איהם אויך גענוגען אויף פרנסה פאַר זיין פאַמיליע, האָט דאַמאָלס גאָר קיין רעדע נישט געקאָנט זיין. דער חזן פלעגט מוזען זיין ברויט פאַרדינען פון צופעליגקייטען, ווי געהן אויף ברית׳ן און חתונות און מאַכען מי שברך׳ס די איינגעלאַדענע געסט און נאכהער אויפשטעלען די האַנד און בעטען ביים עולם מי שברך־געלד. דער חזן פלעגט אפילו האָבען אויך א געזעצליך מיטעל צו פאַרדינען א פּאָר רובעל אָהן בושה, ווי צום ביישפיל, דער צוואַנגס אָבצאָל פון נדן, דער אזוי גערופענער רח״ש מיט וועלכען דער רב, חזן און שמש האָבען זיך געטיילט. ווי די ראשי תבות פון וואָרט רח״ש מאַכען, אָבער יעדעס מאָל האָט שוין דער מחותן געפינען א תירוץ ווי צו פאַרלייקענען א העלפט פון נדן, כדי דער חזן זאָל חלילה נישט האָבען אביסעל ציפיל...

ווען א בעל הבית האָט געמאַכט א ברית האָט דער חזן געמוזט קומען פרייטאג צו נאַכט אויף דעם זכר און אָבזינגען א היבש ביסעל זמירות. אין טאָג פון ברית האָט ער אויך ביים דאַווענען געזונגען „רוממות“, א חוץ וואָס ער האָט געמוזט זינגען ביי דער סעודה „יום ליבשה“, „נודה לשמך“ און הרחמן׳ס. די באַלוינונג דערפאַר איז אויך געווען נישט מעהר ווי דאָס מי שברך־געלד. טאָמער האָט אַמאָל דער חזן נישט צוגעזונגען דעם בעל הבית א שען שטיקעל ביים „וישלח ברכה“ האָט דער בעל דבר אראָבגעלאָזען די נאָז און גאָר נישט געגעבען.

אלס אילוסטראַציע צו דעם ווי טרויעריג די פאַרהעלטניסען זיינען דאַמאָלס געווען, קען דינען דער פאַקט וואָס א אַלטער חזן פון שידלאָוויעץ (ראַדאָמער גובערניע) האָט מיר אַמאָל דערצעהלט, אַז איינמאָל מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק, קומענדיג אהיים פון א ברית און אויסשיטענדיג דאָס ביסעל צוזאַמענגעקליבענע קליינגעלד, האָט ער צו זיין גרויס ערשטוינונג געפינען צווישען די געלד פיל בלעכענע קנעפלאַך ארומגענייט מיט ווייסען פאָדים, וואָס עס האָט איהם באַוויזען, אַז אנשטאט געלד האָבען איהם די בעלי בתים געגעבען ערזאַץ־געלד אין די פאָרם פון קנעפלאַך, וועלכע זיי האָבען ספּעציעל פאַר דעם צוועק נור וואָס אָבגעשניטען, במחילה, פון די תחתונים.

צו די ווילדע מנהגים פון יענער צייט קען אויך פאַררעכענט ווערען דאָס ארומגעהן פון חזן מיט די משוררים חנוכה, פורים און אלע ערב יום טוב צו זייערע בעלי בתים נאָך געלד ווי געוועגליכע שנאָרער. מאַנכע בעלי בתים פון די בעסערע ספערען פלעגען פאַרלאַנגען פון חזן זיי אָבצוזינגען א שענעם „הנרות הללו“ אָדער אין פורים א „שושנת יעקב“ און דערפאַר שעהן באַפרידיגען. און מאַנכע ווידער פלעגען זיך איינגאַנצען אויסבאַהאַלטען אָדער זיך לעגען שלאָפען פאַר דער צייט אום אויסצומיידען דעם חזן׳ס קאָסטבאַרען וויזיט.

איז אָנגעקומען דער ר״ח אלול האָט שוין דער חזן געמוזט זיצען גאַנצע טעג אויפ׳ן בית עולם און וואַרטען אויף די געהער אויף קברי אבות און פרעגען צו פאַרלאַנגען זיי נישט אַמאָל ער זאָל צו געהן צום קבר מאַכען א „אל מלא רחמים“. אויך ערב יום כפור ביי מנחה פלעגט ער מוזען זיצען ביי דער „קערה“ אויף וועלכע עס איז געלעגען א קוויטעל מיט א אויפשריפט: בעד הש״ץ. און יעדער מתפלל וואָס איז צוריק געגאַנגען פון דאַווענען האָט איהם צוגעוואָרפען א נדבה. פון דעם אלעם זעהן מיר קלאָר ווי דאָס חזנות אין יענער צייט איז געווען נידריג געפאַלען און אלס פועל יוצא דערפון איז אויך געפאַלען די גייסטיגע פיזיאָנאָמיע פון חזן.

ווען אפילו מאַנכע פון די קהלות האָבען שוין יא באַשטימט דעם חזן א געהאַלט, איז דאָס אויך נישט געשעהן אויפ׳ן געזעצליכען וועג אזוי, אַז עס זאָל פיגורירען אלס איינע פון די פּאָזיציעס אין קהלה בודזשעט, וואָס ווערט באַשטעטיגט פון די רעגירונג, ווי דאָס האָט זיך ערשט מיט א שטיק צייט שפּעטער אָנגעהויבען פּראַקטיצירען, נור ער פלעגט בלויז באַקומען א געוויסע סומע פון די „שחיטה“ אָדער פון די צדקה־פושקע, מיט וועלכע דער שוהל־גבאי האָט געקלאַפּט ביים דאַווענען, וואָס עס האָט איהם, נאַטירליך, געצוואונגען צו זיין ווייטער אָנגעוויזען אויף די שענדליכע

נעבענאיינקינפטען, אזוי אז מיט דער צייט האָט זיך אין פוילען אויסגעבילדעט אַ שפּריכוואָרט: אַז דער חזן נעמט אַ געוויסע סומע געלד אַ וואָך חוץ חרפות און בושות...

ווער עס קען די לאַגע אויפ'ן אָרט ווייסט אויך גוט, אַז פיל פון די פּוילישע קהלות פלעגן געבען דעם חזן אַ הכנסה קוועלע אין דער פאָרם פון פארקויפען די בעלי בתים פרייטאג הייווען אויף צו באַקען חלות און אויך וויין אויף קידוש. די דערמאַנטע צוויי פּראָדוקטען האָט מען נישט געטאָרט קויפען ביי אנאַנדערען ווי נור ביים חזן. דאָס ווייזט אַן איבריגע מאָל ווי דעם חזן'ס לאַגע האָט אויסגעזעהן.

ביז יעצט האָב איך געגעבען אַ באַגריף פון דעם חזן'ס פונקציעס אין יענער צייט און אויך די אַרט ביז זייער באַלוינונג. יעצט אָבער וויל איך געבען אן איבערבליק איבער זיין דאַמאָלסדיגען קולטורעלען צושטאַנד. קודם כל וויל איך באַמערקען, אַז צו יענער צייט האָט זעלטען ווען אַ חזן געקענט נאָטען. אין די פּאַרטיטורען פון די מערב אייראָפּייאישע אידישע קלאַסיקער זיינען אין פּוילען בכלל נישט געווען בנמצא. דער חזן האָט דאַרום געמוזט פיהרען זיין חזנות דורך פאַרפאַסען אייגענע נגונים, וועלכע ער האָט אונצעהליגע מאָל איבערגעזונגען ביז זיי זיינען איהם פאַרבליבען אין זכרון. דאָס שליסט אָבער נאָך נישט אויס די מעגליכקייט, אַז דאָ און דאָרט זיינען פאָרט געווען שענע בעלי תפילות, וועלכע האָבען אפילו אונז יעצט געקענט דינען אַלסביישפּיל. אזוי ווייסען מיר, אַז דער באַוואוסטער חזן קאַשטאַן האָט קיין נאָטען נישט געקענט און זיינע הארציגע רעטשיטאַטיוועו, וועלכע זיינען אַ אוצר פון אידישער נגינה, זיינען אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען צווישען די חזנים בלויז אין זכרון, ביז זיין זון דער באַוואוסטען אָבער־קאַנטאָר פון דער קעניגסבערגער גרויסער סינאַגאָגע אַלטוני וויינטרויב האָט זיי אויפגעשריבען און באַגלייטעט און זיי דערמיט פאַראייביגט. די מערהייט חזנים אָבער זיינען געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידריגע שטופע פון מוזיקאַלישער קולטור. עס לעגען זיך דאַרויף פאַרשידענע סבות. ערשטענס האָבען די קהלות אליין מעהר נישט פאַרלאַנגט פון חזן ווי האָבען אַ שען קול און קענען אַבזינגען אַ קנאַקעדיגען מאַרש אויף „לכה דודי“ און „אל אדון“ וואָס עס איז שוין גענוג געווען צו האָבען שאַנסען אָנגענומען צו ווערען פאַר אַ חזן. און צווייטענס טאָר מען ניט פאַרגעסען, אַז אַ דיריגענט מיט מוזיקאַלישער בילדונג, וועלכער זאָל איינזינגען דעם חזן דעם כאָר און מיטהעלפען אויסצובילדען דעם חזן, איז דאַמאָלס איבערהויפּט געווען פון די יקר המציאות'ן. און ווען אזעלכער וואָלט זיך שוין יאָ געפינען וואָלט איהם די קהלה נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט אויסהאַלטען. און דערמיט אליין איז דער חזן געצוואונגען געוואָרען צו זיין זעלבסט דער מנצח בנגינות און שאַפען זיך משוררים דורך ווערבירען קינדער פון גאַנץ אָרימע עלטערן (ווייל רייכע עלטערן האָבען באַטראַכט פאַר אַ פחיתת הכבוד פאַר זיך אָבצוגעבען זייערע קינדער פאַר משוררים) און דערמיט צוזאַמענגעשטעלט די קאַפּעלע, וועלכע האָט פאַרשאַפט דעם בורא עולם און די מתפללים אַ נחת רוח דורך זינגען אויף די ערהאַבענסטע טעקסטען מיליטערישע מאַרשען אָדער וואַלסען און מאַזורען. דאָך וויל איך דעם חזן פון יענער צייט נישט זעצען אויף דער באַשולדיגונגס באַנק דערפאַר, ווייל זייענדיג אליין אַ פּוילישער איד ווייס איך, אַז דאָס חסידיזמוס אין פּוילען אנערקענט איבערהויפּט נישט קיין חזן און קוקט אויף איהם אימער פון אויבען אַראָפּ. די חסידים, וועלכע רעקרוטירען זיך פון די בעסערע ספערען, באַזוכען קיינמאָל נישט די שוהלען. און דער המון וואָס באַשטעהט בלויז פון בעלי מלאכות פאַראייניגען זיך אויך אין פאַרשידענע חברות און בילדען פאַר זיך אייגענע מנינים, אזוי ווייט, אַז די שוהל באַזוכער באַשטעהען אָפט אויסשליסליך פון די גאָר איינפאַכסטע עלעמענטען ווי קצבים, פישער, בעלי מלאכות און טרעגער. איז דען אַלזאָ אַ וואונדער ווען דער חזן האָט זיך געמוזט צופּאַסען צו זייער ווילדען געשמאַק?

דער דאָזיגער טרויעריגער צושטאַנד האָט צו אונזער גליק ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. אין לעצטען פערטעל פון 19־טען יאָהרהונדערט האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע תקופה אין חזנות.

די ווערק פון די חזנ'ישע קלאַסיקער ווי נומברג, זולצער און לעוואַנדאָווסקי, אָבוואָהל זיי האָבען שוין צו יענער צייט געהאַט באַוויזען צו האָבען אַ גוואַלדיגע השפעה אויף די מערב אייראָפּייאישע סינאַגאָגען און אויף וועלכע עס האָבען זיך שוין געהאַט ערצויגען אַ דור פון מאָדערנע חזנים, זיינען נאָך פאַר די ברייטע מאַסען פּוילישע חזנים געווען כמעט ווי אומבאַקאַנט. זיי פלעגען נור בלויז געזונגען ווערען אין די איינצעלנע פּוילישע חאָראַל־סינאַגאָגען, וועלכע מען קען אין פּוילען אויף די פינגער צעהלען. דאַגעגען אָבער די קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוועו פון ניסן בעלזער, בלומענטאַל, פּיטשע אבראַם באַכמאַן, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן עכטען אידישען סענטימענטאַליזם און וועלכע זיינען אויך אַרומגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט אין מאַנוסקריפּט האָבען זיך דורכגעבראָכען אַ וועג קיין פּוילען און האָבען אזוי שטאַרק באַאיינפלוסט די חזנים, אַז זיי האָבען זיך ביסלאַכווייז אָנגעהויבען וועקען פון זייער לעטאַרגישען שלאָף און זיך אַרומזעהן, אַז מען מוז איבעררייסען מיט'ן חזנות וואָס איז פון אַלטען שלענדריאַן און מאַכען פּלאַץ פאַר דעם שענעם חזנות וואָס איז פול מיט אינהאַלט.

צו די וואָס האָבען געלעגט די ערשטע ציגעל צום בנין פון דעם געגענוואַרטיגען מאָדערנעם חזנות און וועלכע האָבען אויך געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף די פּוילישע חזנים, דאַרפען פאַררעכענט ווערען די פאָלגענדע חזנים און מוזיקער: גערשאָוויטש, דונאַיעווסקי, נאָוואַקאָווסקי, מינקאָווסקי, בערנשטיין און אברהם בער בירנבוים. אַ דאַנק זיי איז פאַרטריבען געוואָרען פון די חזנ'ישע רייהען דער אַנאַלפאַבעטיזם. אזוי, אַז נאָך מיט 20 יאָהר צוריק איז שוין געווען אַ גאַנץ זעלטענע ערשיינונג צו טרעפען אַ חזן וואָס זאָל ניט קענען קיין נאָטען לעזען און וואָס זאָל נישט זיין באַקאַנט מיט די קלאַסישע ווערק פון חזנ'ישען רעפּערטואַר. אברהם בער בירנבוים צוזאַמען מיט'ן חזן פּנחס מינקאָווסקי האָבען אין אַמאָליגען זשורנאַל „ירחון החזנים“ און שפּעטער אויך אין פיל העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלען ווי „הצפירה“, „הצופה“, „השלח“ געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם נייעם חזנות און געוועקט די חזנים זיי זאָלען אויפשטעהן לתחיה. בירנבוים האָט ספּעציעל צו דעם צוועק איבערזעצט די האַרמאָניע, קאָנטראַפּונקט און פאָרמען

לעהרע אין העברעאישע און אין אידישע בריעף, כדי צוגענגליך צו מאַכען פאַר די חזנים, וועלכע פאַרשטעהן נישט קיין אייראָפּעאישע שפּראַכען, דעם למוד פון מוזיק. שפּעטער האָט ער אויך געגרינדעט אין טשענסטאָכאָוו א חזנים שולע וואו ער האָט אויסגעבילדעט צעהנדליגער מאָדערנע חזנים.

כדי דער בנין פון נייעם חזנות זאָל ניט איינפאַלען, האָט בירנבוים נאָך לאַנגע און שווערע אנשטרענגונגען אויסגעווירקט א ערלויבניש פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער מאַכט צו רופען אין יאָהר 1906 דעם ערשטען חזנים צוזאַמענפאָהר קיין ווארשא, וועלכער האָט געזאָלט לייגען דעם גרונדשטיין צו א שטאַרקען חזנים פאַרבאַנד פון אַלע רוסיש־פּוילישע חזנים, נור לײדער האָט איהם די רעאַקציאָנערע מאַכט אין רוסלאַנד געלעגט דערנער אויף זיין וועג און פון זיין פּלאַן איז גאָר נישט געוואָרען. טראָץ דעם אַלעם איז זיין לאַנגיאָהריגע ארבייט נישט פאַרלאָרען געגאַנגען.

אַ דאַנק דעם העכערען קולטורעלען צושטאַנד פון חזן, האָט ער זעלבסט אָנגעפאַנגען קעמפּען און פאָדערען פון זיין קהלה בעסערע עקזיסטענץ באַדינגונגען ווי צום ביישפּיל, א פּעסטעם געהאַלט וואָס זאָל איהם קלעקען פולשטענדיג צום לעבען נישט זייענדיג מעהר אָנגעוויזען אויף די שנאָדערישע הכנסות און אויך פיל רעפאָרמען אין די אויספיהרונגען פון זיינע פליכטען. די קהלה פאָרשטעהער האָבען האַדורך אליין שוין אַנדערש אָנגעהויבען קוקען אויף זייער חזן אזוי, אז די אויפבליהענדע געגענוואַרט האָט אונז פאַרשפּראָכען א גלענצענדע צוקונפט.

פּלוצלינג איז אָבער אויסגעבראָכען דער וועלט קריעג וואָס האָט מיט דעם שרעקליכען עקאָנאָמישען קריזיס און די ענטוווערטונג פון אונזער געלד צושטערט אויך אונזער לעבען און פיל געמיינדען, וועלכע זיינען פאַראָרימט געוואָרען, זיינען נישט מעהר אימשטאַנד געווען אויסצוהאַלטען זייערע חזנים און דאַדורך טאַקי האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקע עמיגראַציע פון חזנים קיין ענגלאַנד און אמעריקא צו זוכען נייע עקזיסטענץ מעגליכקייטען.

אין יאָהר 1921 האָבען מיר געגרינדעט אין ווארשא א אגודת החזנים וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די לאַגע פון די חזנים וואָס האָבען נישט די מעגליכקייט צו עמיגרירען. אָבער לײדער איז גאָרנישט מעגליך אויפצוטאָן איבער מאַנגעל אין געלד און אויך דערפאַר, וואָס מיר האָבען נישט קיין אייגענעם לאָקאַל און מוזען אַלע מאָל זיך איינבעטען אין אַנאַנדער אָרט. צו דינגען ביי די היינטיגע באַדינגונגען אין ווארשא א אייגענעם לאָקאַל ברויכען מיר האָבען אמווענִיגסטען א האַלבען מיליאַרד פּוילישע מארק וועגען וועלכען מיר קענען גאָר נישט חלום'ען.

דאָך אָבער וויל איך פון מיר די פּעסימיסטישע שטימונג פאַריאָגען און האָפען, אז די לאַגע וועט זיך מיט דער צייט פאַרבעסערען און ממילא וועט אויך אונזער לאַגע פאַרגרינגערט ווערען. זאָל מיין נביאות וואָס שנעלער מקוים ווערען.

ווארשא, דעם 9טען נאָוועמבער, 1923.

4 ווארשעווער חזנים וועלכע האבען מיט דעם גאון החזנים פּיניע מינקאָווסקי זיך פאַרזאמעלט לעצטען יאהר אין באצוג צו די ניי געגרינדעטע אגודת החזנים דפּויליען.

וואָס דאַרף אַ חזן זינגען ביים עמוד?

פון פנחס יאַסינאָווסקי

ווען די ווענט פון דער סינאַגאָגע זיינען פאַר היינטיגע חזנות ענג געוואָרען און די אַלטע טראַדיציאָנעלע נגונים האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען אויסער דער שוהל, און אויך אַריינדרינגען אין דער גאַס, אין דעם אידישען עפענטליכען לעבען, האָט זיך ערוועקט ביים עולם אַן אויסערגעווענליכע נייגעריגקייט אויסצוגעפינען דעם מקור, פון וואַנען עס שטאַמען אָט די דאָזיגע נגונים, וואָס רייסען זיך אריין טיעף אין זייער עהערצער און לאָזען זייערע וואָרצלען אזוי שטאַרק אין זייער נשמה. פון וואַנען קומען אָט די תפלות וואָס רופען ארויס אזוי פיל בענקעניש, ליבע און אזוי פיל אמת'ע התלהבות פאַר אָט די אַלטע נסחאות?

אין דער אידישער פּרעסע האָט מען זיך לעצטענס פאַרנומען מיט ערקלערונגען און דיסקוסיאָנען איבער דעם ענין, וואָס פלעגט פריהער געוועהנליך איגנאָרירט ווערען. אפילו די גאָר ראַדיקאַלע פּרעסע האָט זיך אָנגעהויבען אינטערעסירען און פרעגען: וואָס איז דאָס אזוינס חזנות? פון וואַנען שטאַמט עס? איז דאָס קונסט אָדער קונץ? זיינען די חזנים קינסטלער אָדער קונצענמאַכער? חזנים אַליין האָבען זיך אויך גענומען אָבצוגעבען אַ רעכנונג איבער די פּראָבלעמען פון חזנים און חזנות. וואָס איז חזנות? איז דאָס אַ רעזולטאַט פון אַ רעליגיעזער קונסט אנטוויקלונג, אָדער די פאָלגען פון באַנאַלער קונצען מאַכעריי, וועלכע קען בלויז אויף אַ צייט פאַרווײַלען די ברייטע מאַסען?

און קינסטלער חזנים האָבען אָנגעהויבען אָפּטיילען, מאַכען אַ מחיצה בין קודש לחול; צווישען ריינער אמת'ער ליטורגיע, וואָס דערהויבט זיך ביז דער העכסטער שטופע פון רעליגיעזער קונסט אנטוויקלונג און פּשוט'ער באַנאַלער קונצענמאַכעריי; צווישען די חזנות וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טראַדיציע פון ריינעם אידישען גייסט אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב די גאַנצע אידישע נשמה פאַר דורות און דורות, דורך דעם לאַנגען גלות וועג, און די חזנות וועלכע איז אויפגעכאַפּט געוואָרען צו זעטיגען דעם טעמפּען געהער פון די מאַסען.

פון דער אנדערער זייט האָט דער בעסערער קלאַס אידען פון די קאָנסערוואַטיווע געמיינדען, וועלכער האָט אין אַלגעמיין אַ שעהנערען געשמאַק און אַ העכערע פאַרשטענדניש פאַר מוזיק בכלל און ליטורגישער קונסט בפרט, איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט פאַר אויסבעסערען די תפלות אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראייניגונג פון וואָרט און טאָן און אַז די תפלה זאָל באַקומען איהר תקון, איהר ווירדיגען מוזיקאַלישען אויסטייטש און די מוזיקאַלישע טרעלען און פּאַסאַזשען זאָלען ניט פאַרשלינגען דאָס וואָרט און די באַדייטונג פון פּירוש המלות.

געטאָן האָבען זיי דאָס אומבאַוואוסטזיניג, פאָדערענדיג פונ'ם חזן וואָס ווייניגער חזנ'ישע קונצען און אַז ער זאָל זיך הויפּטזעכליך אָבשטעלען אויף דער רעטשיטאַטיוו פון נוסח התפלה. אָט די דאָזיגע אויבענדערמאָנטע ערשיינונג האָט ארויסגערופען די פראַגע, וואָס דאַרף אַ חזן ביי דער יעצטיגער צייט זינגען ביים עמוד? אָדער ריכטיגער געפרעגט: וואָס דאַרף ער ניט זינגען אום זיך צו האַלטען ביי דעם טראַדיציאָנעלען נוסח און פון מוזיקאַלישען שטאַנדפונקט און דאָך צופרידענשטעלען די מתפללים?

ווען איך זאָל דאַרפען אויף דער פראַגע ענטפערען צום ברייטען עולם, וואָלט דאָס געווען פאַר מיר אונמעגליך, איך וואָלט פּשוט באַגאַנגען אַן עולה געגען דעם אמת, אָדער אַ נס וואָלט געשעהן און איך וואָלט גלאַט געטראָפען. נור אזוי ווי דער אַרטיקעל איז געשריבען מיט דער כונה פאַר פאַכלייט, וועט מיר אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן זיין פיל לייכטער די זאַך צו ערקלערען.

* * *

חזנות איז אַ פאָלקס פּראָדוקט, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך פאַרשידענע עפּאָכען, און האָט דורכגעמאַכט אַלע גלגולים אין דער צייט פון אונזער וואַנדערונג, וועלכע ציילט ניט בלויז יאָהר הונדערטע, נור אפילו יאָהר טויזענדע; און אזוי ווי צייט איז איינע פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין אונזער לעבען, און אזוי ווי צייטען בייטען זיך, אזוי בייטען זיך אויך מנהגים און מאַניערען פון מענשען און פעלקער.

מיר אַליין קענען זעהן ווי פאַרשידען מיר זיינען פון אונזערע עלטער־זיידעס; מיר קענען אויך באַמערקען דעם גרויסען אונטערשיד צווישען אונז און אונזערע קינדער, היינט אפשיטא שוין דער אונטערשייד צווישען דורות, עפּאָכען און גאַנצע עולמות? די טרעגער פון חזנות, די שלוחי צבור זיינען די קינדער פון פאָלק, ווי דאָס חזנות איז אַ פּראָדוקט פון פאָלק. חזנים זיינען ניט ערצויגען געוואָרען אין די אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס. זיי זיינען ערצויגען געוואָרען אויף דער אידישער גאַס אונטער דער השפעה פון אידישען לעבען און אויסער די ווענט פון וועלכער עס איז שוהלע. אַ חזן איז ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט אַ „סעלף מעיד מען", אַליין זיך אָנגעטאָן די בגדי כהונה און נעמענדיג דעם מהזור מיט דער יאַרמולקע אונטער דער האַנד איז ער געגאַנגען טאָן די עבודת הקודש אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט מיט זיין אייגענער סמיכה. מיר ווייסען אויך גאַנץ באַשטימט אַז מיר זיינען די נאַכפאָלגער פון די לויים, און זיי אונזערע פאָרגענגער האָבען דוקא יאָ דורכגעמאַכט אַ שוהלע, און אזוי ווערט דערמאָנט אין ספר במדבר ח' 24: „זאת אשר ללוים, מבן חמש ועשרים שנה — זאָל דער לוי קומען באַדינען דעם אהל מועד, ומבן

חמישים שנה, זאָל ער זיך צוריקציהען און זאָל מעהר ניט ארבייטען. דארויף פרעגט רש״י: אויף אן אנדער פּלאַץ ווערט דאָך דערמאָנט אז דער לוי זאָל אָנפאַנגען פון דרייסיג יאָהר? איז דער תירוץ אַז די פינף יאָהר האָט ער ג ע ל ע ר נ ט די מלאכת הקודש...

די אורזאכע פאַרוואָס דער לוי האָט געדינט נור ביז פופציג יאָהר איז פּשוט, ווייל די שטימבענדער ווערען שוואכער אויף דער עלטער און דארום זאָלען זיי זייער פּלאַץ אבטרעטען די אינגערע — אָבער שרעקט זיך ניט, מיינע פריינד, מיט פּרנסה האָט זיי די אידישע מלוכה דאַן באַזאָרגט, און זיי האָבען צום „בית ועד לחזנים“ ניט גע־דאַרפט אָנקומען...

די היינטיגע עבודה פאָדערט פון חזן פיעל מעהר פאַר־אַנטוואָרטליכקייט, די תפלות וועלכע זיינען אויך געשאַפען געוואָרען פעריאָדיש אין פאַרשידענע צייטען פון פאַרשידענע משוררים, זיינען זעהר פאַרשידענאַרטיג סיי אין אינהאַלט און סיי אין גייסט, און דעם חזן קומט אוים מתפלל צו זיין אין איין און אין דערזעלבער צייט אויף פאַרשיידענע אופנים... צייטענווייז דאַרף ער זיך אריבערטראָגען מיט זיין גאַנצער רעליגיעזער פאָרשטעלונגס קראַפט אין דער שטילער געטליכער אַטמאָספערע פון עלי הכהן, אין די שופטים צייטען, און נאָר שעפּטשען אַ געבעט, ווי די עקרות אונזער מוטער חנה אין דעם טעמפּעל פון שילה; אין זיין פאָרשטעלונגס קראַפט דאַרף ער מאָהלען פאַר זיך די עפּאָכע פון די גרויסע מענער פון אידישען פאָלק, וואָס האָבען גע־שטרעבט צו פאַרשפּרייטען דעם ריינעם גלויבען און די שעהנע גוטע מידות פון אונזער תורה; צייטענווייז דאַרף ער פייערליך אויסדריקען די באַגייסטערונג, דעם עקסטאַז און אָנצינדען א הייליגען פייער אין זיין גאַנצער עדה אידען און צויבערליך מיטציהען זיי מיט אזא גרויסאַרטיגען הימן ווי „אָן כמוך“ וואָס איז געזונגען געוואָרען אין די רוהיגע צייטען פון שלמה המלך ווען דער קעניג מיט זיין פאָלק האָבען געפייערט דעם חנוכת הבית פון אונזער ערשטען בית המקדש.

די אַלע שטימונגען דאַרפען אויסגעדריקט ווערען פון איין פּערזאָן, אין דער צייט ווען אין דער מאָדערנער מוזיק ווערט יעדער באַזונדערער מוזיקאַלישער אויסדרוק אוועקגעגעבען און פאַרטיילט נאָך דעם כאַראַקטער און די מעגליכע מיטלען פון די אנטייל נעמער, אזוי אז דער לירישער אויסדרוק פון איין טייל ווערט ניט געזונגען פון דער זעלבער פּערזאָן, ווען מען מוז פאָרשטעלען א דראַמאַטישען עפעקט.

דער חזן איז אָבער א כל־בו. ער דאַרף אָנפאַנגען מיט אַ פּרימיטיווען רעטשיטאַטיוו פון די ערשטע ברכות און ענדיגען מיט „אנעים זמירות“ און אויף זיין גאַנצען דרך אריינגעמען אַלעס וואָס איז פאַר איהם מעגליך און אפילו אונמעגליך, און דאָ טאַקע קומען מיר צום האַרץ פון אונזער אייביגער קשיא.

וואָס איז פאַר אונז חזנים געשאַפען געוואָרען ביז יעצט? אין וועלכע מוזיקאַלישע ליטורגישע אוצרות זאָלען מיר זיך גריבלען און נישטערען אום צוזאַמענשטעלען א פּראָגראַם פאַר אונזער ליטורגיע, אַז עס זאָל ניט זיין איבערנאַטירליכע אנשטרענגונג פאַר דעם שליח צבור און אַ מוזיקאַלישער געגוס פאַר דעם אויער פון דעם מתפּלל און זאָל זיך אויך צופאַסען צום גייסט פון היינטיגער צייט?

אום צו געבען א קלאָרען ענטפער מוזען מיר באַטראַכטען די שאַפונגען פון דער ליטורגישער מוזיק ביז יעצט און אויך זעהן די שטערונגען און איבלען וואָס די אומשטענדען שטעלען אוועק ספּעציעל דאָ אין אמעריקא; עס איז אָהן צווייפעל אַז די ערהאַבענע כאָר געזאַנגע פון זולצער, לעוואַנדאָווסקי און נאָמבערג האָבען אנטוויקעלט און אויסגעבעסערט דעם געשמאַק ביי די חזנים זעלבסט און דורך זיי ביים ברייטען עולם. זיי, די טרעגער, פון דער שטיק קולטור וואָס איז שפּעטער ענטוויקעלט געוואָרען דורך די גרויסע טאַלאַנטען נאָוואָקאָווסקי און דונאַיעווסקי און זייערע נייע נאָכפאָלגער האָבען אין גאַנצען אָבגעווישט די פאַרצייטיגע בעלי תפלה׳שע ספרים וועמעס מוזיקאַלישע ליטעראַטור, אויב מ׳קען זיך אזוי אויסדריקען, איז באַשטאַנען מיט דעם אויפצייכענען אין סידור „שתי פעמים באַם“ ושלשה פעמים „בים־באַם“. און ניט קוקענדיג אויף דעם זיינען די ווערק פון די אויבענדערמאָנטע מוזיקער כמעט ווי פאַרשוואונדען פון אונזער סינאַגאָגע און פאַרבליבען זיינען נור זייערע רעספּאָנסען און דער זמרה בצבור ווי מ׳רופט עס דאָ „קאָנגרעגיישיאָנאַל סינגינג“. פאַר וואָס? ווייל זיי האָבען פאַרזעהן איין קלייניגקייט די טראַדיציע פון תפלה וואָס מיר רופען נוסח, זייער גרונד געדאַנק איז געלעגען טיילווייז אין דער איטאַליענישען בעל קאַנטאָ פאַר׳ן חזן און אין דער טעכניק פון געמישטע אָראַטאָרישע כאָר געזאַנגע. די שולד איז אין גאַנצען ניט זייערע. די צייט אין וועלכער זיי האָבען געלעבט און געשאַפען האָט דאָס געפאָדערט, ווייל, ווי געזאָגט, צייטען בייטען זיך און מיט זיי די פאָרמען און באַגריפען.

פונקט ווי די פאָרמע פון׳ם לייכטען גראַציעזען מינועט פון היידען איז פאַרביטען געוואָרען מיט דער לעבעדיגער „סקערצאָ“ פון באַטהאָווען אָדער ווי די סאָנאַטאָ פאָרמע פון בעטהאָווען׳ס צייטען איז פאַרביטען געוואָרען מיט מאָדערנע נייע פאָרמען. אָדער ווי די קהלות אין אַמעריקא זיינען פאַרשידען פון די מערב־אייראָפּעאישע און רוסישע געמיינדען, אָט פונקט אזוי אונטערשיידעט זיך די מערב־אייראָפּעאישע טראַדיציע פון דער אמעריקאַנער — אויב ביי אונז אין אמעריקא איז גאָר אין גאַנצען פאַסיג דאָס וואָרט טראַדיציע.

אין אייראָפּא שפּילט נאָך עד היום א גרויסע ראָלע דער דרך ארץ פאַר די אַלטע מנהגים און באַגריפען. אַלטקייט איז דאָרט פאַרבונדען מיט געשיכטע מיט געשעהענישען פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט ערינערונגען וואָס ווערען הויך געשעצט. דאָ ווידער איז אַלטקייט כמעט ווי א זינד. אַלטקייט מיינט דאָ פאַרוועלקט ווערען, אָבשטאַרבען און פאַרגעסען ווערען לעולם ועד. אָט די פאַרשיידענע באַגריפען האָבען אַ ווירקונג אויך אויף אונזער אנטוויקלונג. ניט דער חזן און מיט איהם זיין קהלה קענען דאָ אַלט ווערען. דער שמעלץ טאָפּ צושטערט און מיט אַ מאָדערנער גבורה טרייבט ער אייך ווערען אַנדעריש, איבערגעשמאָלצען. די שוהל וועלכע האָט ערשט געבליהט און

אנטוויקעלט זיך, ווערט אָפט מאָל פארקויפט פאַר א קירכע אָדער גאָר א גאַראַדזש. נייע איינוואַנדערער שטופּען ארויס די אַלטע תושבים און צווינגען זיי צו זוכען א נייעם געגענד פאַר זיך. ווען זיי זיינען אַזוי עולה רגל אַלע עטליכע יאָהר בייטען זיי אויך, דורך די אומשטענדען, זייער אַרט לעבען, זייערע באַגריפען און אויך זייערע רעליגיעזע אנשויאונגען. ווען פריהער האָט ער באַלאַנגט צו א חברה תורת משה, ווערט ער אין זיין נייעם געגענד א מעמבער פון א האַלב רעפאָרמירטען טעמפּעל און שפּעטער ווען ער מופט ווייטער, ווערט ער מגולגל אין א גאַנץ רעפאָרמירטען אידען. אין א ציִמליך קורצער צייט וועט איהר דעם אידען פון דער אַלטמאָדישער שוהל ניט דערקענען.

דער חזן, וועלכער איז אין די זעלבע אומשטענדען, ווי גוט ער זאָל ניט זיין און ווי פיין זיין האַלטונג זאָל ניט אימפּאָנירען זיינע שוהל מענשען, קען ער זיך ניט העלפען און מוז לויפען מיט די געשעהענישען וואָס טרייבען איהם פון פּלאַטץ צו פּלאַטץ ניט בלייבענדיג לאַנג אויף קיין שטעלע. ווי פעהיג און באַגאַבט ער זאָל ניט זיין צווינגען איהם די דאגות היונה פריהער פאַר אַלעם זוכען זיין ברויט. און דאַרום נעמען פון איהם ארויס די אַלע איבלען די מעגליכקייטען צו שאַפען און פאָרבאַרייטען די עבודת הקודש ווי געהעריג. די שוהלען און קאָנגרעגיישאָנס פון זייער זייט מוזען אויך פריהער פון אַלץ זעהען זיך צו רעטען פון פינאַנציעלען קריזים. זיי זאָרגען ניט אַזוי פאַר דער סינאַגאָגאַלער קונסט, דאָס איז א ביי זאַך, די הויפּט זאַך איז צו וועט דער חזן מיט דעם כאָר זיין ביכולת אויסצוצאָהלען כאָטש א טייל פון דעם מאָרטגעדזש און וועט קענען קאָנקורירען מיט יענער יאַרמולקע וועלכע די שוהל אנטקעגען אַדווערטייזט אַזוי גרויס. און ווען קונסט ווערט פאַרוואַנדעלט אין געשעפט און ווערט קאָמערציאַליזירט, מוז זי פאַרלירען איהר מקור, ווערט עס א ביזנעס און דאַרום איז די חזנות דאָ אין לאַנד אַזוי צרה׳דיג.

טראָץ די אַלע זאַכען, אָבער, איז דאָ אין דער מדינה אַמעריקא א גענוגענדע צאָל מאָדערנע קאָנגרעגיישאָנס, וועלכע פאַרלאַנגען אַזאַ סאָרט חזן, וואָס זאָל צופרידענשטעלען זיינע צוהערער מיט דעם וואָרט און טאָן און זאָל זיין ביכולת איינצושטודירען מיט דער געמיינדע דעם זמרה בצבור און אויך עטוואָס שאַפען אויף דעם געביעט. ער זאָל זיין, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, „ע׳ נייס ענד סוירוויסעבל דזשענטעלמען“, אָט פאַר אַזאַ סאָרט שוהל וועלכע האָט אויך א גרויסען איינפלוס אויף די אַלט־מאָדישע שוהלען, און פאַר אַזאַ סאָרט חזן, איז קיין ליטורגישע ליטעראַטור ניט פאַראַנען. וואָס זשע זאָל ער פאָרט זינגען? וועלכע סאָרט נגונים זאָל ער צופּאַסען צום פאַרלאַנג פון זיינע מתפללים? אויף דערויף ווילען מיר ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

צום אַלעם ערשטען לאָמיר זעהן אויף וועלכע מוזיקאַלישע כללים איז באַזירט אונזער עבודה? און אויף וועלכע מוזיקאַלישע פאָרמען איז פעסטגעשטעלט און באַגרינדעט אונזער דאַווגען וואָס מיר רופען חזנות? אַז מיר ווילען פינקטליך נאָכפאָלגען ווילען מיר זעהן דאָס פאָלגענדע. אונזער עבודה באַשטעהט 1) נוסח התפלה, 2) פעסטגעשטעלטער סטיל (גוסט), 3) סינאַגאָגאַלע טאָנאַרטען, 4) געמישטער פרייער סטיל און 4) רעטשיטאַטיוו.

נוסח איז דער פונדאַמענט, דער גרונדשטיין פון אונזער עבודת הקודש, עס איז דער אויסדרוק פון כלל, פון פאָלק, וועלכעס האָט איבערגעטראָגען די אַלע ליידען און פריידען וואָס אונזערע אבות אבותינו האָבען דורכגעמאַכט אויף זייער לאַנגען מאַרטירער וועג. דאָס איז דער אויסדרוק פון אמת׳ער הייליגער תמימות, דער ביטערער געוויין און וועה געשריי פון די העלדען אונזערע, וועלכע האָבען געגלויבט מיט דער גרעסטער איבערצייגונג און זיך מקריב געווען על קידוש השם פאַר אונז און פאַר אונזערע אידען, און דערפאַר קען קיין אינדיווידועלע מוזיקאַלישע פאָרמע, די שעהנסטע מעלאָדיען פון דעם פיינסטען באַגאַבטען קאָמפּאָזיטאָר ניט פאַרנעמען זייער פּלאַטץ, ווייל דאָס איז די שאַפונג פון פאָלק און „קול המון כקול שדי“ — די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט. יעצט לאָמיר נעמען פאַר א מוסטער א טייל פון אונזערע תפלות, צ. ב. מ ו ס ף ל ש ב ת, און פאָלגליך דורכגעהן דעם גאַנצען חוט הנגינה.

א ב ו ת. — אבות ווערט געזאָגט אין דער פאָרמע פון רעטשיטאַטיוו מיט דעם אויסדרוק „רעטשיטאַטיוו א טעמפּאָ“, וואָס מיינט זיך האַלטען אין טאַקט און פעסטגעשטעלטען נוסח מיט האַלבע קאַדענסען אויף יעדער פראַזע און גאַנצע קאַדענסען אויף יעדער ברכה וואָס בילדעט א פעריאָד. די ווייטערדיגע אנטוויקלונג קען אָנגעהן מיט דעם פּיוט׳ן רעטשיטאַטיוו וואָס מיינט דעקלאַמירען אויף א באַגרעניצטער הויכקייט און אבהיטען דעם קאַנאָנאָזירטען סטיל מיט דעם פעסטגעשטעלטען קאַדאַנס אין נוסח.

ק ד ו ש ה איז א גרויס פעלד פאַר פרייער שעהנער אימפּראָוויזאַציע אין געמישטען מיקסאָלידיעשער גאַמע, וועלכע באַשטעהט פון א געוועהנליכער מאַדזשאָרנער גאַמע מיט א גאַנצען טאָן פון דער סעפּטימע ביז דער אָקטאַווע. נאָך דער קדושה אין טיילווייז איהר ענדע וועט געפירט אין דעם באַקאַנטען נוסח וואָס אויף חזנות בל״ז רופט מען עס „פרעגיש“. די תפלות אין פרעגיש ביז קדיש איז ראַטזאַם מאָדולירען אין די נאָהענטסטע פאַראייניגטע טאָנאַרטען. צ. ב. ש. אין דער מאַדזשאָרנער און מינאָרנער סובדאָמינאַנטע און אין דער מאַדזשאָרנער דאָמינאַנטע (דאָס הייסט אויב מ׳דאַווענט אין מי פרעגיש איז באַקוועמער און לייכטער צו מאָדולירען אין לא מינאָר און מאַדזשאָר און סי מאַדזשאָר) וואָס איז ניט פרעמד און ניט מאָנאָטאָן.



עס איז אויך רירענד שעהן צו מאָדולירען אין אנדערע טאָנאַרטען צ. ב. „רע“ מינאָר אין דעם פּאַראַלעלנעם מאַזשאָר פון דעם גרונט גאַמע, פון וועלכע די פרעגיש

שטאמט אין „דא“ אָבער דאָס איז אביסעל פייערליך, יום טוב'דיג און דערפאר ניט אזוי שבת'דיג...

די אַלע כללים מוזען שטרענג אבגעהיט ווערען אום דער גאַנצער דאוונען די תפלה שבכלב זאָל זיין אקאדעמיש אויסגעהאַלטען. דאָס רעטשיטאַטירען פון דעם קדיש שלם, פאַרענדיגט דעם גאַנצען מוסף ווי אַן אָנפאַנג און פאָרמירט דערמיט אַ געזעצליכע מוזיקאַלישע רעגעל מיט אַ סדר און אַ פאָרמע. ווען די איבענדערמאָנטע רעגעלען ווערען אָבער פאַרנאַכלעסיגט און דער חזן וויל ווייזען גרויסע וואונדער דאַן ווערט דער סטיל צושטערט, דער עולם איז אונגעדולדיג און די תפלה פאַרלירט איהר תקון.

אַזאַ קאַנאָניזירטער סדר הנגנה איז נאָך ביי אונז ניט געשאַפען געוואָרען. איך בין אָבער זיכער אַז די צייט איז זעהר נאָהענט ווען אזא רעפערטואר וועט געשאַפען ווערען אין דער גיכער צוקונפט. עס געפינען זיך געניג מוזיקאַלישע קרעפטען פון חזנים און דיריגענטען, וועלכע באַזיצען אין א געוויסער מאָס דעם רעליגיעזען מוזיקאַלישען חוש אַז זיי זאָלען נעמען אויף זיך די פליכט און פאַראַנטוואָרטליכקייט אזא „סדור“ צו שאַפען און דערמיט וועט געלייזט ווערען א סך פּראָבלעמען פאַר די סינאַגאָגען בכלל און חזנים בפרט.

4 פון די עלטסטע חזנים פון 19טען יאהרהונדערט.

די אידישע קאָנסערוואַטאָריע אין ריגא

איהר באַדייטונג פאַר דער סינאַגאָגאַלער מוזיק־קולטור

פון פּראָפ. בערנהארד קווארטין
(געוועזענער דירעקטאָר פון דער וואָקאַל אָבטיילונג פון דער קאָנסערוואַטאָריע)

וועגען די ערשטע אידישע קאָנסערוואַטאָריע אין ריגא, האָב איך שוין אין פארשידענע צייט־שריפטען בפרוטרוט געשריבען. איך האָב באזונדערס דארויף אָנגעוויזען, אז אזעלכער אינסטיטוט, ווען ער וואָלט אויפגעשטעלט געוואָרען אין רייכערע און בעסערע באַדינ־גונגען, וואָלט ער געהאַט די בסעטע אויס־זיכטען צו ווערען א ריכטיגער צענטער פאַר אידישע מוזיק, וואו אַלע קוואַלען פון דער אי־דישער מוזיק וואָלטען געקאָנט קאָנצענטרירט ווערען און באקומען אן אַקאַדעמישע באַהאַנדלונג.

די ריגער קאָנסערוואַטאָריע איז צו באַטראַכטען אלס די ערשטע פּראָבע צו בילדען אזא מוזיקאלישען צענטער אין א קליינעם מאסשטאב.

עס איז קודם כל א הויכשולע פאַר מוזיק, אזוי ווי אַלע העכערע מוזיק אינסטיטוטען אין אייראָפּא. מען לערנט קלאוויר, געזאנג. וויאָלין, טשעלאָ, מוזיק טעאָריע, קאָמפּאָ־זיציאָן א. אַז. וו.

דער אידישער כאראקטער פון דער קאָנסער־וואטאָריע דריקט זיך אויס אין דאָס פאָלגענדע: עס איז דער ערשטער מוזיק אינסטיטוט אין דער געשיכטע, וואו עס ווערט געלערנט אין די קלאַסען אידישע מוזיק. צוזאמען מיט מוזיק שטוקען פון די אייראָפּעאישע קלאסי־קער ווערט אונטערריכטעט אויך קאָמפּאָזיציעס פון די אי־דישע מוזיקער, ווי ענגעל, סאמינקי, אהרון, ראזאווסקי, מילנער, א. אַז. וו.

אויף די קינסטלער און שילער קאָנצערטען ווערט נעבען די אייראָפּעאישע קלאסישע מוזיק אויך אידישע וואָ־קאַלע און אינסטרומענטאַלע מוזיק אויפגעפיהרט.

עס ווערט געגרינדעט א אידישע מוזיק ביב־ליאָטעק.

עס ווערען איבערזעצט קלאסישע און מאָדערנע אייראָ־פּעאישע יואקאל ווערק אין העברעאיש און אידיש.

עס ווערען מיטעל און באדינגונגען געזוכט פאר די שאַ־פונג פון נייע אידישע קאָמפּאָזיציעס.

עס ווערען פּאָרבארייטונגען אונטערנומען פאר דעם עקספּעריענט אויפצופיהרען א אידישע אָפּערא.

אין די קאָמפּאָזיציאָנס קלאַסען ווערען די שילער צו־געגרייט צו בויען זייערע קאָמפּאָזיציעס אויף דעם יסוד פון דעם אידישען פאָלקס־מאָטיוו, און אזוי ווייטער.

אין דיזען ארטיקעל וויל איך באַטאָנען, וועלכע באַדיי־טונג די קאָנסערוואַטאָריע ביי נאָרמאַלער ארבייט קאָנען און וועלען האָבען פאר די ענטוויקלונג פון דער סינאַ־גאָגאַלער מוזיק קולטור.

צו דעם צוועק איז אָרגאַניזירט א ספּעציעלע סעקציע, וואו עס ווערען געפּאָרשט, אנאליזירט און געלערנט טעמפּעל מוזיק, נוסחאות, טראָפּ, סקאַרבאָווע נגונים, פּאָרבארייטונג פאַר קאַנטאָרען און דיריגענטען.

עס איז די ערשטע אינסטיטוציע אין דער געשיכטע פון דער סינאַגאָגאַלער מוזיק, ווי אויך הזנים באקומען א פולשטענדיגע געזאנגס־קינסטלערישע, אלגעמיין־טעאָרעטישע און סינאַגאָגאַל־מוזיקאלישע אויסבילדונג.

לויט דעם אונטערריכטס פּראָגראם, וועלכעס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פאר דיזער אָבטיילונג, מוזען די סטודענטען־חזנים פאָלגענדעס לערנען:

1) אָטעמטעכניק און שטימביל־דונג פון אָנפאנג ביז צו באהערשונג פון די הויכסטע שטימטעכנישע פּראָבלעמע. דיזען קורס מוזען די סטודענ־טען־קאַנטאָרען געניי, אזוי גוט דורכמאַכען ווי די קאנדידא־טען פאר אָפּערא, אָראטאָריע און קלאסישען קאָנצערט־גע־זאַנג.

2) געזאַנגס קונסט. די אלגעמיינע יסודות פון דעם קלאסישען קונסטגעזאנג.

דיקציע. קלאָרע אויסשפּראך אין העברעאיש און אנדערע שפּראכען.

4) אינטערפּרעטאציאָנס לעהרע.

5) סטיל לעהרע מיט באזונדערער באריק־זיכטיגונג דער פארשידענער אַרטען פון קירכען — און טעמפּעל געזאנג.

6) אלגעמיינע יסודות פון דער מוזיק טע־אָריע.

7) די לעהרע פון טראָפּ.

8) נוסח. די נוסחאות פון אלע תפילות פון וואָ־כען טעג, שבת ימים טובים, אָקאזיאָנס תפילות, א. אַז. וו.

9) אימפּראוויזאציאָנס קונסט („זאָגען“). די קונסט פון אימפּראוויזירען איז אונטערגע־וואָרפען צו א באשטימטער סיסטעם. עס זיינען געוויסע פּרינציפּען פעסטגעשטעלט, ווי אזוי צו געבען דער אימפּראָ־וויזאציאָן א פּרעצידע אין קינסטלערישע פאָרם.

10) מאָדערנער טעמפּעל־געזאנג, ווי זולצער, לעוואנדאָווסקי, א. אַז. וו.

11) די קונסט צו זינגען מיט א כאָר.

12) סינאַגאָגאַלע ליטעראטור.

13) העברעאישע שפראך.

אויסערדעם קענען די סטודענטען־חזנים באזוכען דעם קורס פאר אידישע מוזיק, וואו עס ווערט דורכגעפיהרט אגרינדליכער טעארעטישער אנאליז און א היסטארישע אויספארשונג פון אידישען פאלקס־ליעד, נגונים, ריטועלע ישיהל מוזיק, אידישע טאנץ מאטיוועז, א. אז. וו.

עס איז קלאר צו זעהען וועלכע גרויסע השפעה עס קאן האבען דיזער אינסטיטוט אויף די אנטוויקלונג פון דער סינאגאגאלער מוזיק, ווען ער וועט האבען די מעגליכקייט נארמאל און גוט צו ארבייטען.

די קונסט פון חזנות ווערט צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אן ערנסטער אייראפעאישער מוזיק אנשטאלט באטראכט אלס אן ערנסטע קונסט, און ניט איהר געגוי אזעלכע ווייסענשאפטליכע און קינסטלערישע באהאנדלונג ווי די אנדערע צווייגען פון דער קלאסישער מוזיק און געיאנגם קונסט.

ליידער איז די אידישע געמיינדע אין ריגא צו קליין און ארים און קען ניט אויסהאלטען דיזען וויכטיגען אינסטיטוט, וועלכער איז דערפאר געצוואונגען זיין ארבייטס־פראגראם שטארק צו פארקירצען. טראץ דעם עקזיסטירט די קאנסערוואטאריע שוין באלד דריי יאהר, אנטוויקעלט זיך און האט שוין פיעל גוטעס און היסטאריש־וויכטיגעס אויפגעטאן.

מוזיק, פילאָזאָפיע און קבלה

פון ג. זעליקאָוויץ

דער געזאַנג פון די שטערן. — די מעלאָדיע פון די ספירות און די מוזיק פון דער נשמה.

איהר הערט קיין מוזיק פון די שטערן,
פון פּלאַנעטען קענט איהר קיין טאָן הערען;
דאָך דער דיכטער מיט זיין פּאָעזיע,
הערט זייער אייביגע מעלאָדיע.

דאָס איז די פּאָעזיע, אָבער זינגען די שטערן אין דער ווירקליכקייט? איז דער קאָנצערט פון די פּלאַנעטען אַ פאַקט?

לויט די פּאָעזיע פון אלע ליטעראַטורען, דאַרונטער די פּאָעזיע פון אונזער אייגענער ביבעל (ברן יחד כוכבי בוקר — איוב ל״ח), גיבען ארויס די שטערן אַ וואונדערבאַרע סימפאָניע. די שפּעטערע פילאָזאָפען פון גריכענלאַנד: פּיטהאַגאָראַס, פּלאַטאָן און אנדערע זאָגען אָבער דייטליך אַז די מוזיק פון די שטערן איז אַ ווירקליכע זאַך. זיי האָבען געגלויבט, איבערהויפּט פּיטהאַגאָראַס, אַז יעדער פּלאַנעט זינגט אָדער שפּילט עפּעס, יעדער שטערן גיט ארויס אַ פאַרבאָרגענע נגינה און יעדע סאָלאָ פון די פּלאַנעטען בילדען, אַלע צוזאַמען, אַ זאָרט הימלישע סימפאָניע, אַן אָראַטאָריע פון אַלע זונען, פּלאַנעטען און שטערן. דיזע אַלע הימלישע קערפּער — ערקלערט פּלאַטאָן, דרעהען זיך, באַוועגען זיך, און אַזאַ ריזיגע באַוועגונג קען ניט געשעהן אָהן אַ האַרמאָנישען קלאַנג, אָהן אַ מעלאָדישע עקספּלאָזיאָן, אַ מין גייסטיגע מוזיק פון דער קראַפט פון די גרויסע רעדער וואָס דרעהען די מאַשינערי פון דער וועלט.

מערקט אייך גוט אַז לויט דיזע אַלטע פילאָזאָפען פון גריכענלאַנד איז מוזיק דער צעמענט וואָס האַלט צוזאַמען די פאַרשידענע הימלישע קערפּער, און דיזע מוזיק פון ששת־ימי־בראשית רינגעלט אונז ארום אין אַלע ווינקעלאַך פון ערד־קוגעל אויפ׳ן ים אַזוי גוט ווי אויף דער יבשה. אַי, פאַרוואָס הערען מיר ניט אויף דער ערד דיזע מוזיק? ווייל אַזוי ווי דיזע מוזיק פון די שטערן — זאָגט ווייטער פּלאַטאָ — האָט אַ משונה׳דיגע זאָנדערבאַרע האַרמאָניע וואָס מען קען ניט פאַרגלייכען צו קיין שום מוזיקאַלישען קלאַנג אויף אונזער וועלט, דאַרום קען עס אונזער אויער ניט פאַרנעמען, און מיר הערען עס ניט.

ווי ווייט פּלאַטאָ איז גערעכט מיט זיין פּלפּול־אַרגומענט איז דאָ ניט וויכטיג, דען דער הויפּט פּונקט וואָס מיר ווילען ארויסברענגען איז אַז אַפילו גרויסע פילאָזאָפען וועלכע באַרעכענען אַלעס מיט מאַטעמאַטיק — אויך זיי האָבען אָנגענומען אַלס אַ פאַקט דעם קאָנצערט פון די פּלאַנעטען, און זאָגאַר אַזאַ פּראַקטישער מענש ווי דער רוימישער דיפּלאָמאַט און רעדנער צ י צ ע ר אָ ן האָט געגלויבט ווי פּלאַטאָן און פּיטהאַגאָראַס, אין דער הימלישער מוזיק. עס איז אמת אַז די טרוקענע וויסענשאַפט היינט באַשטעטיגט ניט די מוזיק פון די שטערן. אָבער די וויסענשאַפט לייקענט עס אויך ניט. אייניגע האַלטען פעסט אַז די מוזיק פון די שטערן איז ניט מעהר ווי אַ שעהנע פּאָעזיע גענומען פון דעם געבראַכטען פּסוק אין איוב ל״ח כדי צו געבען די מענשען אַ באַגריף פון דער געטליכער האַרמאָניע וואָס רינגעלט ארום אונזער וועלט, דען האַרמאָניע איז דאָך די נשמה פון מוזיק. עס מיינט די האַרמאָניע פון פאַרשידענע טענער, וועלכע שמעלצען זיך צוזאַמען אין איין קלאַנג און אָט דיזעלבע האַרמאָניע פון פאָלשטענדיגע אחדות הערשט צווישען אַלע פּלאַנעטען.

דאָס שטימט פאָלשטענדיג מיט דעם הויכען געדאַנק פון קבלה, אַז ווען עס זאָל זיך אריינכאַפּען אין קאָנצערט עפּעס אַ פאַלשער טאָן, און ווען די האַרמאָניע פון עולם האצילות זאָל חלילה געשטערט ווערען וואָלטען צוזאַמענפאַלען אַלע זונען, פּלאַנעטען, שטערן, ספירות (ספערען) און די גאַנצע הימלישע סימפאָניע וואָלט זינקען אין גרויסען גאָרנישט, אין דעם תוהו־ובהו, וואָס האָט קיין אָנפאַנג און קיין ענדע, און דער לעדיגער פּלאַץ פון אונזער וועלט וואָלט באַלד אָנגעפילט ווערען מיט די „שברי־כלים“, די צובראָכענע אינסטרומענטען, די צוריסענע האַרמאָניע, און ממילא וואָלט שוין אויך אונזער עולם התחתון מעהר קיין קיום ניט געהאַט.

לויט דער פילאָזאָפיע פון זוהר איז די איצטיגע האַרמאָניע פון די פּלאַנעטען סאַי ווי סאַי ניט ריין האַרמאָניש. עס הייסט אַז מיר האָבען אויך איצט פאַלשע טענער דורך די ח ל ק י ד מ ס ב א (אונריינע חלקים), וועלכע האָבען זיך אריינגעמישט אין די ריינע האַרמאָניע פון ח ל ק י ד נ ה ו ר א (די ליכטיגע חלקים). און דאָס איז דער סוד פון „שבירת הכלים„ לויט דעם געדאַנק פון קבלה וואָס מיינט אייגענטליך אַז ווען ניט דיזע שברי כלים, ווען ניט אָט דיזע פאַלשע טענער, די צוריסענע סטרונעס דורך די ארבייט פון סיטרא־אחרא, וואָלט דאָס לעבען געווען פיל בעסער, די מענשהייט פיל עדעלער און אַ סך קשיות אויף דער הנהגה פון אונזער וועלט וואָלטען לחלוטין ניט עקזיסטירט (נאַטירליך לויט דער קבלה קען דער מענש מתקן זיין אַלעס דורך מעשים טובים צו פאַרטרייבען די שברי כלים.).

אָבער וואָס אונז אינטערעסירט אין דיזען אַרטיקעל איז, אַז לויט דער קבלה איז דער קאָנצערט פון די שטערן אַ ווירקליכקייט, און דאָס וואָס מיר מענשען הערען עס ניט, איז פּשוט ווייל דער מענש איז אַ צופיל מאַטעריעלע באַ־

שעפענים, צופיל גשמיות ער זאָל קענען הערען די מעלאָדיע פון די ספירות וואָס איז די מוזיק פון דער נשמה, ניט פון גוף!

מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען אַז די מחברים פון זוהר האָבען געהאַט אַ פאָלשטענדיגען באַגריף פון היינטיגע אַסטראָנאָמיע פיל מעהר ווי פּלאַטאָן און פיטהאַגאָראַס אין זייער צייט און מען קען דאַרום ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד דעם מיסטיש־פילאָזאָפישען געדאַנק וועגען דעם קאָנצערט פון שטערן אַלס די מוזיק פון דער נשמה, די אוראַלטע מעלאָדיע וואָס דער „עתיק יומין" האָט פעסטגעשטעלט אַלס דער גייסטיגער צעמענט צו באַהעפטען דעם בנין פון בריאת עולם דורך דער געטליכער מעלאָדיע פון אין־סוף.

די אַליאַנץ צווישען מוזיק און קבלה זעהט זיך אַמבעסטען אַרויס ביי די חסידים. אַ גרויסער רב אַ גאון ביי מתנגדים מאַכט זיך באַריהמט מיט אַ שאַרפען פּלפּול, אַ טיפען „חילק" — אָבער אַ גוטער איד ביי זיינע חסידים קויפט זיך אָן אונשטערבליכקייט מיט אַ זמר'ל, עפּעס אַ חסידישע נגינה אָהן ווערטער, און די חסידים דענקען אַז דער רבי האָט די געוויסע מעלאָדיע באַשאַפען ווען ער האָט געהאַט עלית נשמה — עס הייסט ווען די נשמה האָט געהאַט די געלעגענהייט צו הערען די הימלישע מוזיק פון די שטערן און ספירות. ר' אַרעלע קאַרלינער, למשל, וואָלט קיינמאָל ניט באַריהמט געוואָרען ווען ניט זיינע פּרעכטיגע ניגונים, וואָס די מעהרסטע חסידים זינגען נאָך היינט פרייטאָג נאַכט און שבת פריה. דיזעלבע זאַך איז מיט געוויסע ניגונים פון קאַלעווער רבי, פון סאַנדשער רבי און אַנדערע, וועלכע האָבען איבערגעלאָזט פּרעכטיגע מעלאָדישע פּערל, פאַרפאַסט ווען זיי האָבען געהאַט עלית נשמה, לויט ווי די חסידים גלויבען.

די אַליאַנץ צווישען מוזיק און קבלה האָט ניט צו טאָן דירעקט מיט איינפאַכע חזנות, אָבער האָט אפשר אַ סך צו טאָן מיט די מוזיקאַלישע דבקות פון חזן וועמעס האַרציגע מתיקות מאַכען אָפט אַ שטורם אין דער נשמה, כאָטש דעם חזן'ס שטימע איז ניט פון די בעסטע. זאַפטיגע דבקות און האַרציגע מתיקות האָבען אַלע מאָל געשטעלט דעם קאַמערטאָן אויבען־אָן.

אַ פּאָר ווערטער פון אַ געוועזענעם משורר

פון באָרים טאָמאַשעווסקי

אמת, איך בין ניט קיין חזן — איך בין אָבער אזוי פארקניפּט און פארבונדען מיט דער משפּחה חזנים — און איך גלויב, ווען דאָס שיקזאַל זאָל מיך ניט געוועזן אַוועקרייסען אין דעם טעאטערשטראָם וואָלט איך אפשר היינט געוועזן אנשטאט קאָלעגע שוישפּיעלער, קאָלעגע חזן. א סך, א סך מאָהל טוט דאָס מיר באנג. איך וואָלט מיך אפשר געפיהלט גליקליכער און צופרידענער צו שטעהן ביים עמוד און בעטען פאר כל ישראל, איידער צו שפּיעלען אלערליי כאראקטערע פאר די בני ישראל...

און אָט וויל איך פּרובירען שילדערען עטליכע בילדער פון מיין יוגענד אלס משורר ביי מיין זיידען ר' יאנקעל קאמינקער ע"ה, און שפּעטער ביי ר' ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו...

ווען איך בין 5 יאָהר אלט געוועזן האָט מיין זיידע ר' יאנקעל דער קאמינקער חזן ענטדעקט אין מיר א גרויסע כלי... ניט נאָר דער זיידע ע"ה אליין, נאָר אפילו דער טאטע מיינער, וועלכער איז געוועזן א מנגן און געשפּיעלט פידעל און זיך געגראבעלט אין נאָטען פּאפּיר און געשריעבען אייגענע קאָמפּאָזיציעס וואָס קיינער האָט זיי ניט געזונגען. נאָר ער אליין האָט געשריגען אז זיי זיינען גרויסע מייסטערווערקע — האָט אויך געזאָגט אז פון מיר וועט ארויס וואקסען א גרויסער זינגער, א סימן אז איך האָב נאָכגעקוויטשעט אלע משוררים... איך האָב דאָך נאָכגעברומט דעם באסס... נאָכגעשריגען דעם טענאָר, זיך געקוועטשט ווי אן אלט, און געקוויטשעט ווי א סאָפּראן, און אפילו נאָכגעמאכט דעם זיידען, וואָס פלעגט מיט א פינגער זיך אונטערשפּארען דעם האלז און מאכען טרעלען און סטוקאטעס און זיך פארגעהן אויף א קוויטשיקעל. (ס'הייסט היינט פאלסעט), ס'הייסט, ס'האָט דעמאָלט אויך געהייסען פאלסעט, נאָר מיר אידישע קינדער האָבען דאָס אָנגערופען א קוויטשיקעל, ווי א פּייפעלע, ווי א סאָלאָווייטשיקעל, און חברה פלעגען זאָגען, „א נו. ברוך'ל, מאך נאָך דעם זיידען", האָב איך באלד אונטערגעשפּארט די האנט אונטערן האלז און קוויטשען און קאטשען זיך, און אלע האָבען אָנגעקוואָלען פאר גרויס נחת און גדולה האָט מען מיך געכאפּט אויף די הענט און געקושט און געהאלזט, און איך בין ביי זיך געוועזן גדול און זיכער געדענקט, אז קיין גרעסערע זינגערם זיינען גאָר אויף דער וועלט ניט געבוירען געוואָרען. —

און עס איז באשלאָסען געוואָרען ביי דער גאנצער משפּחה און אפילו פון עטליכע בעל הבתים און אויך דעם גבאי פון שוהל, אז ברוך'ל דארף זינגען דעם אדון עולם אי"ה נאָך כל נדרי —

און דער זיידע און דער טאטע האָבען אָנגעהויבען איינשטודירען מיט מיר דעם אדון עולם. זיי האָבען געהאט א שווער שטיקעל ארבייט מיט מיר, ווייל איך בין געוועזן א גרויסער שגץ, אָבער מיט צרות האָב איך דעם אדון עולם איינשטודירט, און בין פארטיג געוועזן אויפצוטרעטען אין דער קאמינקער גרויסער שוהל, און מיט ווירדע און גרויס שטאָלץ האָב איך ארומשפּאצירט איבער די קאמינקער גאסען און געבלאָזען פון זיך, און זיך געהאלטען גרוים און גרעסער פון אלע מיינע קאמינקער חברים —

דאָס גאנצע שטעדטעל האָט געווארט אויף מיין ערשטען אויפטרעטען, און איך אליין האָב געצעהלט די טעג, און געבעטען גאָט, אז דער יום כפּור זאָל קומען וואָס גיכער, איך זאָל שוין ווייזען גאנץ קאמינקע וואָס איך קען —

האָט גאָט געהאָלפען, פּונקט עטליכע טעג פאר יום כפּור האָב איך מיך צוגעקיהלט און געקראָגען א געשוואָלענעם האלז, און דער רופא האָט געזאָגט, אז איך האב א מכה...

נו, נו, האָט זיך אָנגעהויבען א ראטעווען, פּריפּארקעס, האָניג טייגלאך, מיליאטען מיט סיקאָטען, מיט באבסקע רפואות, וואָס זאָל איך אייך זאָגען מיינע טייערע פריינד, איך האָב געהאט א מכה אויף אלע אידישע שונאים געזאָגט געוואָרען —

מיך האָט ניט אזוי געארט דער וועהטאָג פון דער מכה, ווי דער שמערץ, וואָס איך וועל ניט קענען זינגען דעם אדון עולם. די טעג האָבען זיך גערוקט נעהענטער צו יום כפּור, און די מכה איז געוואָרען גרעסער, איך האָב מיך פּרובירט מענשלען, און איינריידען דער באבע און דער מאמע, אז ס'טוט מיר ניט וועה, ביז איך האָב ניט מעהר געקענט איבערטראָגען די יסורים — און איך האָב מיר געמוזט אריינלעגען אין בעט אריין א קראנקער, א דערשלאָגענער, א פארצווייפעלטער. גוואלד, וואָס וועט זיין מיט'ן אדון עולם, האָבען מיך מיינע קינדערשע געדאנקען געמוטשעט...

ס'איז אָנגעקומען דער הייליגער טאָג... ביי נאכט איז יום כפּור. היינט האָב איך געדארפט זינגען אדון עולם היינט איז געוועזן מיין גליקליכער טאָג, אויף וועלכען איך האָב אזוי פיעל געהאָפט און אזוי לאנג געווארט — און איך ליג אין קינדער־בעטעלע קראנק, און די משפּחה טרייסט מיך, איבער א יאָהר אי"ה וועל איך זיין געזונד און איך

וועל קענען זינגען דעם אדון עולם. עס האָט מיך קיינער ניט געקאָנט טרייסטען — מיינע טרעהרען און מיין וויינען און מיין גאָט בעטען האָבען די טויערען פון הימעל געעפענט, און אַלע אויף מיר קוקענדיג האָבען מיטגעוויינט, און די אַלטע באָבע האָט מיך צו איהר האַרצען געדריקט און מיך געטרייסט... גאָט איז א פאָטער אין הימעל, ער קען זיך נאָך מרחם זיין, און ביז נאַכט זאָלסטו ווערען געזונד און זינגען דעם אדון עולם.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט. דער זיידע האָט זיך אָנגעטאָן דעם ווייסען קיטעל מיט דער ראַצעמאַרענער זשופּיצע מיט'ן שטריימעל, דער טאַטע מיינער אויך. די מאַמע און די באָבע האָבען זיך יום טוב'דיג אויסגעפּוצט און מען הויבט אָן געהן אין שוהל אריין, און איך ליג אין בעטעלע און וויין און יאָמער. איך קלאָג, איך וויל מיטגעהן, אָבער איך קען דעם קאָפּ ניט אויפהויבען. דער זיידע, דער טאַטע, די באָבע און די מאַמע בענשען מיך, קושען מיך, געזעגענען זיך מיט מיר, און טרייסטען מיר, זיי וועלען גאָט בעטער פאַר מיר, און ס'הייסט, אז איך וועל בלייבען אין דער היים, און די דינסט, אַ אַלטע גויע, וועט אויף מיר אכטונג געבען.

אַלע זיינען אוועקגעגאַנגען אין שוהל אריין — איך בין געבליעבען אליין. איינער אליין מיט א צובראָכען האַרץ, מיט וועהטאָג אין מיין קינדערשער נשמה. — איך האָב מיך מיט אַלע כחות צוגערוקט צום פענסטער. אין מיין ברענענדיגען מוח צוגעטוליעט צום קאַלטען גלאָז און געזעהן אידען, ווייבער מיט זייערע זיהן און טעכטער, אַלע יום טוב'דיג אויסגעפּוצט ג ע ה ע ן, מ אַ ר ש י ר ע ן, מ אַ נ כ ע ל ו י פ ע ן אין גאָטעס־הויז גאָט בעטען, חשבון אָבגעבען — זיך אויסרעכענען און אָברעכענען. — קינדערלאך אין די יאָהרען וואָס איך טראָגען מחזורים'לאך, וואקסענע גרויסע ליכט אין טעפּלאך — זיי לויפען, זיי שפּרינגען, זיי שפּאַצירען יום טוב'דיג, נאָר איך ליג דאָ אין פיבער און ראַנגעל מיך מיט שרעקליכע שמערצען.

איך בין דאָך נאָך אזא יונג אינגעלע, איך האָב דאָך נאָך גאָר ניט געזינדיגט. איך האָב דאָך נאָך קיין צייט ניט געהאַט וועמען שלעכטעס צו טאָן, פאַר וואָס־זשע שטראָפט ער מיך אזוי, דער גרויסער רבונו של עולם? פאַרוואָס לאָזט ער מיך היינט ניט זינגען דעם אדון עולם? אָט די געדאַנקען האָבען מיך געמוטשעט און געטאָטשעט. און געמאַטערט צום משוגע ווערען. איך בין אזוי אפּנים מיט די געדאַנקען אין מוח איינגעדרעמעלט, און ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז געווען אַלץ שטיל ארום מיר — דורך די פענסטער האָב איך געזעהן די פיעלע ליכט אין די ארומיגע הייזער. די אַלטע גויע איז געלעגען אויף דער ערד לעבען מיין בעטעל און געכראָפּעט.

די גרויסע שוהל איז געווען ניט ווייט פון מיין זיידענ'ס שטוב, און פּלוצים האָב איך דערהערט מיין זיידענס שטימע: כל נדרי... און די משוררים האָבען געענטפערט מיט די געוויסע סקאַרבאָווע אַקאָרדען — און צווישען די שטימען האָב איך אויך מיין טאַטענ'ס שטימע דערקענט, און איך האָב אָנגעהויבען נאָכקוויטשען שטילינקערהייד ווי א פאַרוואונדעטע קעצעלע, כל נדרי — און די אַלטע גויע האָט צוגעכראָפּעט צום טאַקט. מיין קינדערשע הערצעלע האָט ניט געקענט אויסהאַלטען דעם שמערץ, וואָס איך קען ניט זיין דאָרט אין שוהל צווישען אַלע אידען און מיינע אייגענע. איך האָב מיך שטאַרק צעוויינט און דער שמערץ אין האַלז איז געוואָרען נאָך שטאַרקער... און איך בין צוריקגעפאַלען אין בעטעלע און שטאַרק, שטאַרק געוויינט.

די אַלטע גויע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט מיך גענומען טרייסטען, אז גאָט און זיין זוהן, זיין מאַמע און דאָס גאַנצע בינטעל הייליגע וועלען מיר זיכער העלפען, און מיט די טרייסט ווערטער האָט זי מיר צוגעלייגט א הייסע פּריפּאַרקע צום האַלז און איך בין ווידער געבליבען ליגען אין בעטעלע א דערשלאָגענער, א פאַרוועהטאָגטער, א ליידענדער און צובראָכענער מיט טריבע געדאַנקען פון א פאַרצווייפעלט און אונגליקליך קינד. איך בין וואַרשיינליך ווידער איינגעשלאָפען... און גע'חלום'ט אז איך בין גאָר ניט קראַנק, איך בין אין דער גרויסער שוהל און שטעה ביים עמוד לעבען זיידען און לעבען טאַטען צווישען די משוררים און איך זינג און איך פליים מיך, און מיט אזא געפיהל, מיט אזא אידישען קרעכץ, און מיין קול'כעל קלינגט ווי אַ שעהן אינסטרומענטעלע און אַלע אינגלאַך פון שטעדטעל זיינען מיך מקנא, און פּלוצים האָב איך א שטאַרקען וועהטאָג דערפיהלט... אזוי ווי עפּעס א קאַטאַסטראָפע איז מיט מיר געשעהן — עפּעס האָט א צופּ געטאָן און א ריס געטאָן מיר אין האַלז. עס האָט מיר מיין קעפּעלע צושרויפט, אין די אויגען איז מיר פינסטער געוואָרען, — איך האָב געוואָלט שרייען און איך האָב ניט געקענט, איך האָב געכאָרכעלט ווי א געקוילעט שעפּסעלע. די אַלטע גויע האָט דערהערט און מיט גרויס שרעק צו מיר צוגעלאָפען. זי האָט מיין קאָפּ אויפגעהויבען, און אליין אויך אָנגעהויבען שרייען — עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען עטליכע קינדער פון שכנים, וועלכע זיינען ניט געגאַנגען צו כל נדרי — אַלע האָבען געוויינט, געקוויטשעט, געשריגען. אַלע האָבען מיך געראַטעוועט, און ווען די אַלטע האָט מיך אין גאַנצען אָפּגעראַטעוועט און מיך באַרוהיגט, און ארומגעוואַשען דעם שמוץ פון די פּריפּאַרקעס, האָט זי מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אז די מכה האָט געפּלאַצט... און איך וועל שוין זיין אין גאַנצען געזונד... און ס'איז מיר טאַקע באַלד ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. — איך האָב פריי אויפגעאָטעמט און דערפיהלט, אז איך בין ווידער א מענש... א היבשע צייט האָב איך מיך געשפּיעלט מיט די קינדערלאַך. דאָס הויז האָט געקלונגען פון די קינדערשע געלעכטער און שטיפעריי. כ'האָב גאָר אין גאַנצען פאַרגעסען אין כל נדרי און דעם באַריהמטען אדון עולם וואָס איך דאַרף היינט זינגען... אָבער די קינדערשע שמחה האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען — די אַלטע גויע האָט די קינדערלאַך אהיימגעשיקט, ווייל איך טאָר מיך ניט אָנשטרענגען, אזוי האָט דער גויע'שער שכל געטראָגען און מיר זיינען ווידער געבליבען אליין... איך אין מיין בעטעלע... און די גויע אויף דער ערד האָט ווידער געכראָפּעט... פון שוהל האָט זיך געהערט דעם זיידענ'ס קול, דעם טאַטענ'ס קול, די געשרייען פון אידען, דאָס וויינען פון די ווייבער —

און מיין הערצעלע האָט געריסען, געצופּט, געקריינקט.

איך האָב ניט געקענט איינליגען. מיך האָט געצויגען אהין צום זיידען, צום טאטען, צו דער אידישער נגינה, צו דער אידישער תפלה, און איך האָב פרובירט זינגען דעם אדון עולם... און ס'האָט זיך געזונגען זעהר שוואך, און אין העלזעלע האָט וועה געטאָן, ס'האָט געצופּט און געריסען, און איך האָב געוואָלט נעהמען א פעסטען טאָן... אָבער איך האָב געקוויטשעט — וועה געטאָן און געקוויטשעט. די אלטע גויע האָט געשמאק געכראָפּעט און גאָר ניט געהערט... און טאקע באלד איז מיר איינגעפאלען אַן קינדערשער געדאנק. די גויע שלאָפט. זי הערט ניט, און זאָל ניט הערען ווי איך וועל מיך אָנטאָן טאקע יום טוב'דיג, און זיך ארויס'גנב'ענען פון הויז און לויפען אין שוהל אריין...

און אזוי טאקע האָב איך געטאָן. איך האָב אָבגעזוכט מיינע יום טוב'יגע בגדימלאך. — איך האָב מיך אויסגעפוצט, ארומגעוואשען, ארומגעוויקעלט דאָס העלזעלע מיט א ווייס טיכעלע, זיך ארויסגע'גנב'עט פון שטוב און געלאָפען מיט שמחה בין איך, געשפרונגען ווי א יונג ציגעלע. איך האָב ניט געפיהלט די ערד אונטער מיר. אזוי ווי אויף פליגעלאך האָב איך אין דער לופטען געשוועבט. מיין יונג הערצעלע האָט געקלאפּט... דאָס קעפּעל האָט זיך געדרעהט, די פיסעלאך האָבען געוואנקט פון ליגען אזוי לאנג אין בעט. אָבער די שמחה מיינע איז געווען גרעסער און שטארקער ווי די נארישע סימפּטאָמען פון וועהטאָגען, און אזוי שפּרינגענדיג און לויפענדיג האָב איך מיך דורכגעשטופּט דעם גרויסען עולם וואָס האָט אָנגעפילט די קאמינקער שוהל, — און איך האָב מיך צוגעשטופּט צום זיידען וואָס איז געשטאנען ביים עמוד איינגעוויקעלט אין גרויסען, שווערען אלט־מאָדישען טלית. איך האָב מיך אָנגעכאפּט אָן ווייסען גארטעל פון קיטעל. דער זיידע האָט אויפגעציטערט, דער טאטע האָט מיך אויף די הענט געכאפּט, אין שוהל איז געוואָרען א גערודער... וואָס ווייטער איז געשעהן ווייס איך ניט... נאָר ווען איך האָב מיך אויפגעכאפּט בין איך געלעגען אויף היי הינטער דעם ארון קודש. אין דער שוהל איז געווען שטיל ווי אויף א בית עולם. די גרויסע וואקסענע ליכט האָבען געברענט אזוי צאָרנדיג און הייליג... די אידען אין די ווייסע קיטלען האָבען ווי הימלישע מלאכים אויסגעזעהן...

דער שמש האָט געקלאפּט דריי מאָל... און וואָס האָבען מיינע קינדערשע אויגען דערזעהן... ביים עמוד שטעהט א קליין אינגעלע, טאקע מיינער א חבר... ע ר האָט אויך מיטגעהאָלפען מיין זיידען. ישראל'קיל האָט ער געהייסען. און אָט דער ישראל'קיל געהט דאָס אצינד זינגען מיין אדון עולם, — אָט דער וועהטאָג איז געווען פאר מיר א מיליאָן מאָל ערגער ווי טויזענד מכות. דאָס וועל איך ניט דערלאָזען, האָב איך מיר באלד א טראכט געטאָן און טאקע ניט פיעל געווארט, בין איך ווי א ווילד קעצעלע אראָבגעשפּרונגען די עטליכע טרעפּלאך וואָס פיהרען צום עמוד... איך האָב ישראל'קין אראָבגעשלעפּט פון עמוד, און איך האָב מיך מעשה העלד אוועקגעשטעלט ביים עמוד און ניט געווארט אפילו מען זאָל מיר געבען א טאָן, נאָר אליין אָנגעפאנגען צו קוויטשען, אדון עולם. דער זיידע האָט מיך געקווטשט, דער טאטע מיך צום הארצען געדריקט און געהאלזט. אידען האָבען מיך אויף די הענט געטראָגען. די ווייבער האָבען מיך שיעור ניט צוריסען. די מאַמע איז געווען די גליקליכסטע פון שטעדטעל... און אלטע אידען זאָגען, אַז מיין אדון עולם וועלען זיי געדענקען אפילו אויף יענער וועלט...

דאָס איז געווען מיין ערשטע ערפאהרונג אלס משורר. ווען איך בין אלט געווען 11 יאָהר, בין איך אָנגעקומען אלס משורר ביי ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו. — די משוררים זיינען דאמאָלס געווען נחום מאטענקא, דער באריהמטער באריטאן באסס. דער באריהמטער בערעל לולקע מאכער, טענאָר, מאיר'ל דער אלט. איך בין באלד געוואָרען ערשטער סאפּראן, און דעם ערשטען פרייטאָג ביי נאכט האָב איך שוין געזונגען א סאלא. דאָס איז געווען א גרויסע באדייטונג פאר א אינגעל ביי ניסן בעלזער. דורך מיין צייט ביי ניסן בעלזער איז געשעהן פארשידענעס, וואָס אנבאלאנגט צו חזנות. און איך וועל דאָס פרובירען מאכען קורץ ווי מעגליך — דען אום אלץ ארויסצושרייבען דארף איך האָבען מעהר פלאץ ווי אייער ווירדיגער זשורנאל קען מיר געבען.

אָט, צום ביישפּיעל — אלע ווייסען אז נחום מאטענקא איז געווען די זייל פון ניסן בעלזער. אידען פלעגען זאָגען וועט ניט נחום וואָלט ניסן קיין חזן ניט געווען —

און אָט דער גרויסער נחום מאטענקא איז פלוצים אוועק פון ניסן בעלזער קיין אָדעס, פון אָדעס קיין מאָסקאוו, וואו די גרויסע פּאָליאקאָוו'ס האָבען אויפגעבויט א שוהל פאר נחום'ן — די געשיכטע פון נחום'ס לעבען און נחום'ס טויט איז אויך זעהר אינטערעסאנט. אפשר וועט מיר נאָכאמאָל אויסקומען צו שרייבען אין אייער נעקסטען זשורנאל.

ר' ניסן האָט שטארק געליטען פון נחום'ס אוועקגעהן עטליכע חדשים, איז ר' ניסן ארומגעפאָהרען איבער דער וועלט זוכען א באסס ער זאָל פארטרעטען נחום'ן... און ער האָט געבראכט א געוויסען שפּאליאנסקי, און שפּאליאנסקי איז דורכגעפאלען. ר' ניסן האָט שפּעטער געבראכט א גרויסען אָפּערען זינגער מיט א גלעזערנעם אויג. א וואונדערבארער באריטאָן באסס און איז אויך דורכגעפאלען — ר' ניסן האָט ניט געקענט צושטעלען נאָך א נחום'ן — און ביז ר' ניסנ'ס לעצטע יאָהרען האָט נחום'ס פלאץ פארטראָטען ראובן דער באסס — וועלכער האָט פריהער נאָך געזונגען אלס דריטער באסס, טאקע מיט נחום'ן צוזאמען ביי ר' ניסן. איך בין דאמאָלס אוועקגעפאָהרען נאָך אמעריקא.

א שעהנע בילד פון חזנות'שען לעבען האָב איך מיך דערמאָנט און איך מוז דאָס אָנשרייבען — ווער ווייס, אויב ס'וועט נאָך אמאָל זיין איינער פון די לעבעדיגע, וואָס וועלען קענען דעם לעבעדיגען פאקט באשרייבען אָדער דערצעהלען. אין בערדיטשעוו, האָבען דאן געלעבט די צוויי גרויסע שטערען פון דער חזן'שער וועלט, ר' ניסן בעלזער, און ר' ירוחים הקטן — די דאמאָלסדיגע משוררים־וועלט האָט געוואוסט, אז ירוחים הקטן איז ר' ניסן'ס אַן אייגענער פעטער און דאך זיינען זיי זיך געווען

געוואלדיגע שונאים. ר׳ ניסן׳ס נאָמען האָט ניט געטאָרט דערמאָנט ווערען אין ירוחים׳ס הויז, און ירוחם׳ס נאָמען אין ר׳ ניסן׳ס הויז.

אין א ווינטער טאָג איז דאָס געווען, א שרעקליכע זאווערוכע האָט געבלאָזען דעם ווינט און שנעע, אז ס׳איז געווען אונמעגליך אויף דער גאס ארויסצוגעהן.

ר׳ ניסן האָט געדאווענט ביי זיך אין זאל. און איך מיט די סאפּראניסטען האָבען אנגעזונגען א געוויסע קאָמפּאָזיציע אין פראָנט צימער.

פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט און דער אלטער ר׳ ירוחים איז אריינגעקומען פארוויקעלט אין א גרויסען שווערען פּעלץ און א גרויסען שאל ארום האלז. ער האָט צוגעמאכט די טיר, אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם פּעלץ, צובונדען די שארפע, און געוואָלט עפּעס פרעגען. מיר אינגלאך משוררים האָבען אויפגעהערט צו זינגען — און מיט ערשטוינונג געקוקט אויף דעם אלטען ירוחים... און געקלערט ביי אונז, וואָס וועט דאָ זיין... האָבען זיך די צוויי גרויסע שונאים איבערגעבעטען... ווען איז דאָס געשעהן — באלד האָט זיך די טיר פון זאל אויפגעעפענט, ר׳ ניסן איז געבליבען שטעהן נעבען דער טיר אין טלית און תפילין — און דערזעהן דעם אלטען ירוחים...

ביידע שונאים האָבען זיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען. ביידע האָבען א ציטער געטאָן. דער אלטער ירוחים האָט געכאפּט זיין פּעלץ און זיך געלאָזט ארויסלויפען דרויסען, ר׳ ניסן איז צוגעלאָפען צום אלטען באריהמטען חזן ירוחים, איהם אָנגענומען ביים האנט און ניסן האָט געפיהרט דעם פעטער אין זאל... זיי זיינען א לאנגע, לאנגע צייט געזעסען צוזאמען — און ווען ר׳ ניסן האָט צום טיר באגלייט דעם אלטען חזן ירוחים — האָב איך געהערט ווי: ניסן האָט געזאָגט אויף ווידערזעהן, פעטער.

וואָס ווייטער איז געווען — אפשר געדענקען דאָס אנדערע פון אונזערע אמאָליגע משוררים, און היינטיגע גרויסע חזנים. ליעבע קאָלעגען חזנים, איך ווינש אייך גליק און ערפאָלג צו אייער אונטערנעהמונג און בעט אויס גוטע יאָהרען פאר כל ישראל.

מיינע ערפאַרונגען מיט חזנים

פון יוסף רומשינסקי

ביז מיינע 17—18 יאָהר האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אזוי קען מען אויסקומען אויף דער וועלט ניט צו זינגען אָדער דיריגירען א שעהנעם „לכה דודי“, „טוב להודות“ פרייטאָג ביינאַכט אָדער „אין כמוך“ שבת פריה און דאָך איז שוין אוועק א שעהנע פּאָר יאָר זינט איך בין פון דעם אוועקגעריסען געוואָרען. און איך מוז צוגעבען, אז ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם, ד. ה. מיט מיינע פארבינדונגען מיט חזנים און שוהל כאָרען, איז עס מיין זיעסטע עראינערונג אין מיין לעבען.

איך ווייס ניט ווי היינט עס איז, ווייל, ווי שוין געזאָגט, בין איך שוין פון דעם לאַנג אוועק — העכער צוואַנציג יאָהר — אין מיינע 10—12 יאָהר וואָס איך בין געווען מיט חזנים אלעמאָל, איז עס ניט געווען גלאט א „דזשאָב“. עס איז געוון א ישיבה; מ'איז ניט געקומען אָבמאַכען פראָבע, נאָר פארקעהרט מ'איז געגאַנגען אבעסען אָדער אָבטרינקען אויף א שטיקעל צייט — און ווייטער געווען פארנומען אין די זיסע ערהאבענע פארטיטורען פון לעוואַנדאווסקי, סולצער, א. א. וו.

נאָך אלס קינד פון 4—5 יאָהר פלעג איך הערען ביי מיר אין דער היים אָפטע דעבאַטען צווישען מיינע עלטערען, ברידער, שכנים, און געסט; די געשרייען פלעגען געהן ביז צום הימעל ארויף. עס פלעגט קומען צו ערנסטע ארגומענטען, אז מיין מאַמע און מיין שוועסטער פלעגען זיך מוזען אריינמישען און מאַכען שלום. און דאָס איז חלילה ניט געווען פאר קיינע געשעפטען אָדער אזוי פאמיליען קריג, אָדער וועלט־פּאָליטיק, נור, גאַנץ געוועהנליך, מ'האָט נור געהערט חזן חזן און חזן.

קיין אקטיאָרען פּאטריאָטען זיינען דאן ניט געווען. קיין קאָנצערטען האָט מען ניט בייגעוואָהנט, די ווילנער שוהל איז געווען דאָס קאָנצערט הויז, די סימפאָני, און דאָס טעאטער. מ'פלעגט ניט געהן אין שוהל דאַווענען און הערען דאצו א חזן אויך ניין, מ'פלעגט אויפשטעהן פינף פּארטאָג, אָבדאַווענען מיט'ן ערשטען מנין, טאַקע מיין טאַטע אליין פלעגט דאַווענען פאר'ן עמוד. עס איז ניט געווען זיין מלאכה, נור ער האָט זיך געהאלטען פאר זעהר א גרויסען חזן — צווישען אלע קידזשנער איז ער געווען דער בעסטער חזן. איך געדענק נאָך זיין קול'כעלע וואָס פלעגט זיך אָנפאַנגען דאָרט וואו אלע האָבען זיך געענדיגט. ער פלעגט זינגען מיט מתיקות, פלעגט זיך האַלטען פאר זעהר א גרויסען מבין אויף חזנות. ווי געזאָגט פלעגען אלע אָבדאַווענען ביים ערשטען מנין, פלעגען קומען אהיים, מאַכען א שנאַפּס, פארבאַפּען א שטיקעל ווילנער „רעטשיסניק“ מיט קאַלטע לאָקשען וואָס איז איבערגעבליבען פון נעכטען און מ'איז געגאַנגען הערען דעם חזן.

ווילנער שוהל, אין וועלכע עס געהן אריין 3-4 טויזענד מענשען, פלעגט מען זעהן אידען מיט טליתים, פיליכט 50. די איבעריגע פלעגען זיין אָבגעדאוועַנטע — געקומען הערען דעם חזן. דער חזן איז דאַן געווען קאהן. איך פלעג זיך בעטען ביים טאַטען ער זאָל מיר מיטנעמען, פלעגט ער זאָגען: „איך האָב מורא מ'זאָל דיר ניט דערשטיקען“.

ווען מ'פלעגט קומען אהיים פון דאַווענען, פלעגען זיך אָנהויבען די דעבאַטען, די געשרייען, און „מבינות“, פּיעל מעהר ווי יעצט אין די קאָרנערס פון די אידישע טעאטערע. עס זיינען געווען קאהען'איסטען און קופּער'איסטען — די וואָס זיינען געווען חסידים פון קאהן און די וואָס זיינען געווען חסידים פון קופּער'ן. קאהן איז געווען דער נאָכפאָלגער פון קופּער'ן. איך פלעג קיין אנטייל ניט נעמען, איך בין געווען צו יונג, אָבער פון די ארגומענטען האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט און זיך גוט צוגעהערט צו זיי. ביז איך בין אוועק אין הדר ביי מיין רבי'ן איז געווען איינער אויף לאָזשי א יונגערמאַן, וועלכער איז געווען א משורר ביי קאהאַן'ען. אז איך האָב זיך דערפון דערוואוסט, פלעג איך פרעגען: „וואו שלאָפט ער“? האָט מען מיר אָנגעוויזען אויפ'ן אַלקער, און איך פלעג קוקען מיט גרויס יראת הכבוד — דאָ שלאָפט דער זינגער, פלעג איך טראַכטען!

אין א געוויסען פרייטאָג ווען איך האָב געלערענט די הפטורה, און אנטקעגען מיר האָט זיך אריינגעקוקט דעם זינגער'ס בעטעל, און ווי איך פארשטעה האָב איך דאַן געזאָגט די הפטורה מיט מתיקות, און דער זינגער האָט זיך אָבגערופען „קום איך וועל דיר נעמען צום חזן — דו האָסט א שעהן שטימעלע“. און ער און מיין טאַטע זיינען מיט מיר אוועק אויף דעם נעקסטען מאָנטאַג ביינאַכט צום חזן קאהאַן.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען וואָס איך האָב געפיהלט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט הנאה געהאַט פון אזא הארמאָניע, איך בין נאָך קיינמאָהל אין מיין לעבען ניט געווען אזוי איבערראַשט, און איך זוך נאָך עד היום יענע מתיקות, וואָס איך האָב געהערט ווען איך האָב דערהערט דעם געזאַנג פּינ'ם כאָר — וועלכע איך ווייס יעצט איז עס געווען לעוואַנדאָווסקי'ס לכה דודי און „עס דור“.

איך בין צו שוואַך דאָס צו באַשרייבען. נור איין זאַך ווייס איך, אז קיין טרעפּ אונטער זיך האָב איך ניט געפיהלט. איך האָב געפיהלט ווי איך פליה אין די הימלען.

ווי איך פארשטעה איז דער זינגער געקומען שפּעט צו פּראָבע — אָבער ער האָט געהאַט א תירוץ אז ער האָט געבראַכט א משורר'ל.

עס איז פאר אונז ערשינען א מאַן, שעהן אז מ'האָט ניט געקאָנט אריינקוקען אין זיין געזיכט. דאָס איז געווען חזן קאהאַן. דער דיריזשאר איז געווען „איסאַק“, און טאַקע

ביי איהם האָב איך גענומען מיין ערשטע לעקציאָן אין מוזיק.

מ׳האָט מיר גלייך אוועקגעשטעלט צווישען די „רעזערוו" אינגלאך — די וואָס האָבען זיך צוגעגרייט צו ווערען משוררים.

מיין ערשטער פרייטאג אווענד אין דער ווילנער שוהל!

עס האָט זיך גענומען געהן א פּאַראַד פון משוררים, א פּראָצעסיע פון זינגער, וואָס האָט אויף מיר ארויפגעוואָרפען א הייליגע שטימונג. איך בין געשטאַנען פון די לעצטע צווישען די רעזערוו אינגלעך, און נידעריגער אויף די טרעפּ זיינען געשטאַנען די פאַרטיגע זינגער. די שוהל איז געווען געפּאַקט אויסער מיט אידען, אויך מיט א סך אָפיצירען, דאָקטוירים, שטאָדט באאמטע — אלע פלעגען קומען הערען דעם גרויסארטיגען קאָנצערט אין דער ווילנער שוהל.

עס איז ניט געווען קיין **חזן** מיט א כאָר ווי מיר פאַר־שטעהען איהם אונטער די ווערטער — נור אן אינסטיטושאָן.

נאָך דריי יאָהר בין איך אריבער אין כאָר שוהל, וואו איינער א סיראָטא איז געווען חזן. אין דעם כאָר שוהל האָט מען געזונגען נאָך שעהנער ווי ביי קאהאן׳ען, ווייל ביי קאהאן׳ען האָט מען זיך ערלויבט אמאָל צו זינגען א ביליגערע קאָמפּאָזיציאָן, אָבער אין כאָר שוהל האָט מען זיך געהאַל־טען ביי א פּראָגראַם פון לעוואנדאָווסקי, זולצער, וויינטראוב. אויסשליסליך.

נאָך סיראָטא איז אָנגעקומען חזן יפה — א יונגערמאַן מיט א זעהר זיסען באריטאָן שטימע — און שעהן ווי די גאַנצע וועלט. אָבגעווען איין יאָהר און איז געשטאָרבען.

נאכהער איז אָנגעקומען דער בארימטער חזן בערענ־שטיין. ביי בערנשטיין בין איך שוין געווען אין אן אַלט, און אי א האַלבער דיריזשאָר. דאָס הייסט איך פלעג זינגען אַלט און דיריגירען. איך האָב פאַרגעסען אמאָל, און איך האָב זיך אליין דיריגירט מיין אייגענע סאָלאָ.

פון קאהאן׳ען אלס חזן קען איך זיך דערמאָנען צוויי זאכען. איינס, זיין הדרת פּנים — אזא שעהנעם מענשען האָב איך ניט געזעהן. גוים פלעגען זיך בוקען פאַר איהם אין גאַס — און שטימליך איז ער געווען א טאמאניאָ (דער באריהמטער איטאַליענישער טענאָר). איך ווייס ניט צו עס קען געבען אין לעבען א בעסערע קאָמבינאַציאָן, ווי קאהאן מיט זיין גראַנדיעזע שטימע און דער כאָר פון דער ווילנער שוהל.

די כאָר שוהל איז שוין באשטאַנען פון לעהרערס, דאָקטוירים, א געקליבענע געזעלשאַפט, שוין מעהר מיניאַטור — דאָס דאווגען האָט אויסגעזעהן ווי א פּאַמיליען פאַרזאַמ־לונג, און די געזעננגע האָט כמעט יעדעס מיטגליד מיטגעזונ־גען. זיי האָבען ניט געוואָלט קיין נייעס — נור דאָס שעהנע זינגען. מ׳פלעגט הערען אונגעפעהר אזעלכע באמערקונגען. ווען איך בין שוין ביי בערענשטיין א דיריזשאר. איז צוגע־קומען צו מיר א מיטגליד, ניט חלילה קיין מוזיקער, נור אן אייגענטימער פון א פּאָרנישינג ביזנעס און זאָגט מיר. אז „ביי א געוויסע פּוגע האָט מען ניט געהערט גוט דעם אריינ־טריט פון די אַלטען", ד. ה. ווען זיי זיינען געקומען נאָך די סאָפּראַנען, האָט מען ניט געהערט זייער אריינטריט גוט." אויך פלעגט מען הערען פון עולם באמערקונגען, אז די „פּיאַניסימאָ איז אין געוויסע שטעלען די וואָך געווען בעסער ווי פאַראַכטאָגען".

זייענדיג אין ווילנער כאָר שוהל האָט מען אונז אָנגע־זאָגט, אז דער אדעסער ראַזומנאַ וועט קומען געבען קאָנ־צערטען — דאָס הייסט אז ער וועט דאָ דאווגען א פּאָאר שבתים.

די מורא און דעם רעספּעקט אין דעם גאַנצען כאָר וואָס עס איז געוואָרען, מיט די התפּעלות, אַלעס צוזאַמען איז גאָר ניט צו באשרייבען. אזוי ווי מ׳ריכט זיך אויף א קעניג! און ער האָט אונז אַלעמען ווירקליך איבערראַשט.

איך געדענק ווי היינט, ווי ער איז אריינגעקומען אין א מיטוואָך צו א פּראָבע. ווינטער איז עס געווען און ער האָט געטראָגען א שעהנעם פּעלצעל און א קאַראַקולנעם הוט, פונ׳ם זעלבען קאָליר, זעהר עלעגאַנט אָנגעצויגען. ווען ער איז אריין, איז דער זאאַל אָנגעפילט געוואָרען מיט פּאַרפיום. אויף איהם איז געלעגען מעהר אָפּערא־זינגער ווי חזן. גאַ־לאַנט, כמעט ווי טאַנץ מייסטער איז ער געגאַנגען. קיין נייע קאָמפּאָזיציאָנען האָט ער אונז ניט געבראַכט, דאָס הייסט ער האָט געזונגען אונזער רעפּערטואר פון קאָמפּאָזי־ציאָנען. ראַזומני האָט ניט געדאַרפט מאַכען קיין סוקסעס מיט׳ן זינגען, ווען ער האָט געזאָגט „גוט׳ן אָווענד" זאַנפט, אונטער׳ן נאָז, מיט אזא זיסען קלאַנג, האָט מען שוין געהערט מוזיק אין גאַנצען צימער. ווי איך פאַרשטעה איצט איז זיין קונסט באשטאַנען איינפאַך אין זיין געבוירענעם זיסען מויל. ער האָט געהאט א מעטצאָ־וואָטשע וואָס אין דער מעטצאָ־וואַטשע איז געווען אי א פאָרטאָ און אי א פּיאַנאָ. זיין אונגעהייערער גרויסער אָטהעם פלעגט איהם מיטהעלפען זעהר פיעל, צו זיין גרויסען סוקסעס.

ער איז ניט געווען קיין גרויסער אימפּראָוויזאטאָר, ער האָט נור „געזאָגט" געשטעלטע זאכען. ער פלעגט למשל נעמען די טענאָר סאָלען פונ׳ם טענאָר און מיט די פלעגט ער מאַכען זיין גרויסען סוקסעס.

איך געדענק אין א שבת ראש חדש האָט ער געזאָגט אברעסעם „מן המצר". די סאָלא „טוב לחסות" איז געפאַלען אן אַפּלאוז. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געהערט אן אַפּלאָדיסמענט אין א שוהל. איך זייענדיג דער אַלט און דער דיריזשאָר האָב געהאַט מיט איהם א פּאָאר סאָלען צוזאַמען — איך בין איהם זעהר געפעלען געוואָרען — און ער איז געווען די אורזאכע וואָס איך בין אוועק פון ווילנא — ער האָט מיר כמעט ווי צוגע׳גנב׳עט.

זייענדיג מיט איהם נעהענטער באקאַנט, בין איך גע־וואר געוואָרען אז נאָטען קען ער זעהר ווענינ, און דאָך איז ער געווען א גרויסער מוזיקער.

דער איטערעסאנטסטער פון מיינע עראינערונגען פון די חזנים איז י ו ד ע ל ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש. ער איז געווען חזן פריהער אין קאָוונא, נאכהער אין דווינסק. דאָס איז געווען א מערקווירדיגער מענש. א האַרטע שטימע פון נאַטור, און זייענדיג א פּאָאר יאָהר ביי וויינטראוב׳ן האָט ער געמאַכט א שוהלע פון וויינטראוב׳ס רעציטאַטיווען. אָבוואָהל געקינצעלט, ווייל די שטימע איז געווען האַרט, דאָך האָט ער געזאָגט אויף אזא אופן ווי קיין אנדערער האָט גע־קענט. נור ניט אין דעם איז באשטאַנען זיין קונסט. דאָס

איז געווען א גרויסער דיריגענט. זיין פארשטעהן כאָר־געזענגע האָב איך אפילו ביז יעצט קיין צווייטען ניט באַמערקט. ווען ער וואָלט געווען א קריסט וואָלט ער געווען דער דיריגענט פון פאַפסט. ער האָט קיין דיריגענט ביי זיך קיינמאָהל ניט געהאלטען. ער פלעגט מיט'ן כאָר אליין איינשטודירען און דאַן אויסקלייבען איינעם פון זיינע זינגער, אַ טענאָר אָדער א באַסס, וועלכער פלעגט דיריגירען ביים עמוד, נאָך זיין סטודיע. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט זיין ביי איהם, אזוי ווי איך האָב שוין קיין שטימע ניט געהאַט — מיין אַלט שטימע איז געווען אויפ'ן עולם האמת — בין איך געפאָהרען צו איהם סגראַדעוואָל, ווי גאָט וועט ווע‏לען.

און אזוי בין איך ביי איהם געווען דיריזשאר 4 יאָהר צייט — דאָס הייסט דער ערשטער אָנגעשטעלטער דיריזשאָר, און ניט קיין משורר. איך האָב ביי איהם זעהר און זעהר פיעל געלערנט.

דאָס איז געווען א קאָנסערוואטאָריום. יעדער פרייטאג איז געווען א קאָנצערט. איך ווייס ניט צו מ'קען איצטער ביי א גרויסען קאָראַל קאָנצערט פון די גרעסטע פאראיינען הערען אזאַ אינטערעסאנטען שעהנעם זינגען.

עס פלעגט ארומפאָהרען אין רוסלאנד סלאוויאנסקי מיט זיין בארי‌המטען כאָר און געבען קאָנצערטען. דער סלאוויאנסקי איז געווען אין דווינסק און הערענדיג פון'ם שעהנעם זינגען פון שוהל כאָר איז ער געקומען אין שוהל. נאָך זיין קאָנצערט ווען די קריסטליכע פובליקום האָט איהם געמאַכט אזאַ גרויסע אָוואַציע, האָט ער זיי געענטפערט: „גאָספאָדאַ, איהר דווינסקער דאַרפט ניט זיין אזוי איבערראַשט פון מיין זינגען — ווייל איך האָב היינטיגע וואָך געהערט אייער אידישען קאנטאָר מיט זיין כאָר, פיעל אינטערעסאַנטער און שעהנער פון מיין כאָר. אזאַ זינגען האָב איך נור געהערט ביים פאַפסט אין רוים.“

מיר האָבען אויפגעפיהרט אָראַטאָריעס אין העברעאיש. די גאַנצע אָראַטאָריען האָבען מיר אויפגעפיהרט „בראשית“ („די שעפפונג“ פון היידען) ווי עס שטעהט און ווי עס געהט, מיט א גרויסען אָרקעסטער. און חלילה ניט פאַר געלד אינטערעסען. א יאָהר צייט האָט מען געארבייט אויף דעם קאָנצערט. אויסציגע פון אָראַטאָריען אין העברעאיש, דאָס איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער קאָנצערט, אזוי ווי די כאָרען פון „עלײדזישעה“, „מאקאבעער“, „פאולוס“, און אזוי גרויסע כערע פון מענדעלסאָן, און איך מוז צוגעבען אז „הזמיר“ און די געזאַנגס פאַראיינען וועלכע עקזיסטירען יעצט איז דער גרונדשטיין געלייגט געוואָרען פון חזן ראַבינאָוויטש, ווייל פאַר מיר אוועקצוגעהן פון ראַבינאָוויטש'ן, געהן צו א חזן און דיריגירען א „לכה דודי“ און א „ממקומך“ דאָרט מיט עפּעס א כערל, איז שוין געווען אונמעגליך. מ'איז גאַנץ פשוט ארויסגעוואקסען פון די דאָזיגע זאכען. האָב איך אין לאָדז געגרינדעט א „הזמיר“, זאָגאר דער גרינדער פון „הזמיר“ איז יעצט דאָ אין אמעריקא — א געוויסער מר. שאַפּירא.

געגרינדעט האָבען מיר אייגענטליך נור א אידישען פאראיין — איך געדענק נאָך ווי יעצט דעם מיטינג, ווי מ'האָט דעבאַטירט ווי אזוי דער פאראיין זאָל הייסען, און א געוויסער העברעאישער לעהרער, מלאָטעק, טאקע דער אידעם פון דעם גרינדער מר. שאפירא, האָט פאָרגעשלאָגען אַז דער פאראיין זאָל הייסען „הזמיר“, און די אלע „חנוכה קאָנצערטען מיט'ן גייסט פון ראַבינאָוויטש'עס שעהנע כאָרגעזענגע וועלכע איך האָב ביי איהם געלערנט, האָט געווירקט אויפ'ן שעהנעם זינגען פון'ם „הזמיר“.

זייענדיג אין יוראָפּ פאַר־צוויי־יאָהרען האָט זיך צו מיר באַקלאָגט דער דאָרטיגער שוהל דיריגענט דאָגראַזשאנסקי, אַז דער „הזמיר“ האָט גענומען אַ גאַנץ אַנדער ווענדונג נאָך מיר. אנשטאַט די גרויסע שעהנע כערע פון אָראַטאָריעס און פוגען וועלכע מ'האָט געזונגען ביים גרינדען פון „הזמיר“, איז עס געקומען צו פאָלקס־לידלאך. די פאָלקס־לידלאך זיינען זעהר גוט ווען מ'גיט זיי בלויז אַלס אַ צושפּייז, אַלס אַנקאָרס. מיר פלעגען זיי אויך געבען צו ביסעלאך צושפייז, אָבער דער עצם פון געזאַנג איז געווען די שווערע פוגען, די רייכע קאָמפּאָזיציאָנען, און די קאָמפּליצירטע כאָרגעזענגע.

זייענדיג אין לאָדז דער דיריגענט פון „הזמיר“, האָב איך זיך דאָרט באקענט מיט אן אינטערעסאנטען חזן, אברהם בער בירנבוים. ער איז דאַן געווען חזן אין טשענסטאָכאָוו. טשענסטאָכאָוו איז ניט ווייט פון לאָדז, פלעגט ער זיין אין לאָדז מעהר ווי אין טשענסטאָכאָוו. ער איז געווען א איד אַ גרויסער מוזיקער, אָבער ניט גלאַט א גרויסער מוזיקער וואָס קען גוט נאָטען. אז איך זאָג א גרויסער מוזיקער מיין איך אַז ער איז טאקע געווען גרויס — באַהאַווענט אין אַלע סימפאָניעס, האָט פאַרשטאַנען אָרקעסטראַציע, אַ גרויסער קאָנטראַ־פונקטיסט. ביי בירנבוים אַ צייט פאַרטרייב האָט געהייסען נעהמען א טעמע און באַארבייטען מיט אַ פוגע, און מיר פלעגען זיצען ביי גלעזער טהעע און ארבייטען פוגען. דאָס הייסט מיר פלעגען נעהמען בײדע איין טעמע און יעדער פלעגט ארבייטען באַזונדער און נאכהער טרעפען און צייגען איינע די אנדערע די רעזולטאַטען. ער איז געווען א געוואַלדיגער באַגאַבטער איד, אן אָפענער קאָפּ. ער האָט אָבער אַלעם געוואַוסט טעאָרעטיש. נשמה האָט איהם געפעהלט. דאָס הייסט איך דריק מיר אוים שלעכט. ער האָט געהאַט נשמה אויך. אין איהם האָט געפעהלט דער משורר. ער האָט זיך באקאָנט מיט דער מוזיק ווען ער איז שוין געווען א פארהייראַטער מאן; ער איז געווען פון חסידישע עלטערן, און ער פלעגט זיך אויסצייכענען מיט זיין זינגען ביים רבי'ן... זייענדיג חזן ־שוחט אין א קליין שטעדטעל, האָט ער ערשט דאַן זיך גענומען באַקענען מיט דער וועלט מוזיק, אָבער טעאָרעטיש האָט ער אויפגעטאָן אין א טאָג, וואָס עס האָט גענומען אַנדערע אַ גאַנץ יאָהר. ניט נור אין מוזיק נור אויך אין וועלטליכע בילדונג.

ווען ער וואָלט ניט געבאָרען געוואָרען ביי חסידישע עלטערן און וואָלט זיך באקענט מיט מוזיק אַלס קינד, וואָלט ער די וועלט געלאָזען אנשטאט א פּאָאר אידישע סדורים, וועלכע זיינען אינטערעסאנט, אָבער זעהר טרוקען, — ער וואָלט איבערגעלאָזט איינינע אינטערעסאנטע אָפּעראס און וויכטיגע סימפאָניען, ווייל אין דעם איז געלעגען זיין קראַפט — א גרויסער פאַנטאַזיאָר. אַלס חזן, האָט ער עס געפיהלט אינוועניג — און אַרויסגעבען האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. ער האָט געהאַט א באַגרענעצטע ניט איבריג זיסע באַריטאָן שטימע. א גרויסער מוזיקער, א גרויסער זשעניע געווען אָט דער בירנבוים!

ביי דער ערעפענונג פון דער ווארשאווער פילהאַרמאָניק זיינען מירביידע געזעסען. אין מיטען זעה איך ווי בירנבוים וויינט. וואָס איז בירנבוים? — פרעג איך איהם. ברודערקע, איך האָב פאַרשפּילט מיין לעבען, האָט ער געזאָגט, אָט דאָס וואָלט איך געשריבען, און דאָס וואָלט איך איצט דיריגירט. דאָס איז געווען ניט קיין פראַזע. זיכער וואָלט דאָס געווען אברהם בער בירנבוים.

ער איז געווען דער לעצטער מענש ווען איך האָב געזעהן אין איירָאָפּא, ווייל ער איז געווען נעבען גרעניץ און ער האָט געזאָגט: „געה, רומשינסקי, געה אין דער גרויסער וועלט“. ער האָט פון מיר זעהר פיעל ערוואַרטעט, און ווען ער האָט דערהערט וואו איך האָב זיך אָבגעשטעלט, האָט ער מיר געשריבען אַ בריעף מיט פיעל האַרצוועהטאָג, און ער האָט דערמאָהנט אין זיינע טרעהרען ביי דער סימפאָני: אַזוי וועסטו אַמאָל וויינען אויף דיין טהאַט. פילייכט האָט ער רעכט!

קומענדיג נאָך אַמעריקא האָב איך געפונען אַז די שוהל מיט'ן אידישען טעאַטער פיהרען אָן אַ קאַמף. די אידישע שוהלען זינגען האָפּקעס, מ'מאַכט נאָך פלייטען, קלאַרנעטען, טראָמבאָנען, מ'זינגט אונטער'ן נאָז, מ'קלאַפּט מיט די פיס, מ'זינגט אָהן ווערטער, נאָך יעדען „שמע ישראל“ אַ האָפּקעלע. קורץ — איבעראַל טעאַטער עפעקטען. און אריינגעהענדיג אין אידישען טעאַטער זעה איך דעם כאָר אין טליתים מיט יאַרמולקעס, אידען מיט בערד, מיט ספר תורה'לאך און מ'זינגט תפלות — מן המצר'ס, „אשמנו'ס“, אַזוי תפלות, קורץ אַזוי ווי אין שוהל...

בין איך געגאַנגען אין טעמפּעל, בין איך אריינגעפאַלען אין אַ געוויסען טעמפּעל, האָט עס מיר דערמאָנט ווי מ'זאָגט אין אידיש אָדער דריי אָדער דרייסיג. ווער? וואָס? מען נעמט אַ סעיקרעד סאָנג, דעם זעלבען וואָס מ'זינגט אין קירכע און מ'גרילצט, ווי די שיכור'ע גלחים. קיין ברעקעל נגינה, קיין נשמה, און דאָס האָט געוואָרפען אַ געוואַלדיגען אומחן אויף די אַמעריקאַנער שוהל געזאַנגע. ביז איך האָב באַגעגענט אברהם מינקאָווסקי און ער האָט מיר אביסעל באַגייסטערט. זאָגט צו מיר ברודער מינקאָווסקי, לאָמיר געהן צוזאַמען. מיר וועלען דערפון מאַכען אַ היימישען קאָנסערוואַטאָריום. ער איז דאַן געווען חזן אין דער אַמאָליגער הענרי סטריט שוהל און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַז איך וועל בילדען דאָ אַזאַ כאָר ווי ביי ראַבינאָוויטש'ן אין דווינסק, בין געווען פול מיט האָפנונג און שטרעבונגען. שוין צו דער ערשטער פּראָבע האָב איך געזעהן אַז מיין חלום פון אַ שעהנעם כאָר אין אַמעריקא איז ניט מעהר ווי אַ חלום טאַקע. אַ 8—7 אינגלאך, פון וועלכע דריי זיינען אַריינגעפאַלען מיט פאַרפלאַמטע פנים'ער פון באָלל שפּילען, די איבעריגע צוויי האָבען געשריען „פּייפּער“ אין גאַס. די פאַרפלאַמטע פרעכע אינגלאך מיט זייער פרייקייט, מיט'ן „קאַם אָן לעט'ס רעהוירס“, האָב איך געפיהלט, אַז ניט מיט אַזעלכע אינגלאך קען מען דורכפיהרען די רוהיגע שעהנע ניואַנסען וועלכע פאָדערן זיך צו אַן אויסגעבילדעטען ערהאַבענעם כאָר... און אַזוי האָב איך מיר אָבגעמוטשעט אַ פּאָאַר חדשים, פון וועלבע איך האָב קיין געלד ניט געזוכט, נור זיך צופרידענשטעלען... און האָב לײדער ביי די אומשטענדען ניט געקענט בלייבען. זאָגאַר די אונרוהיגקייט פון פּובליקום מיט'ן אַלעמאָל אַ נייער קאָסטאָמער אין שוהל, די נייע פנים'ער ביי יעדען דאַווענען, ווייל ווי שוין געזאָגט, צו כאָר געזאַנגע מוז מען זיך צוגעוועהנען, מ'קען קיינמאָל ניט פיהלען אַ קאָמפּאָזיציאָן צום ערשטען מאָל — און וואָס מעהר זי איז קאָמפּליצירט, אַלץ ווייניגער איז זי פאַרשטענדליך צום ערשטען מאָל — און איך האָב געפיהלט אַז איך וועל דערפון ניט האָבען ניט קיין געלד און ניט קיין פאַרגעניגען, און איך האָב ניט געוואָלט און אויך דאַן ניט געקענט קאָנקורירען מיט די האָפּקעס פון מיינע דאַמאָלסטיגע קאָלעגען דיריגענטען.

בין איך אוועק שפּילען אָרגאַן אין איינע פון די טעמפּלען.. ניט חלילה ווייל איך האָב געזוכט פרנסה, דאָס האָט מיר אַלס מוזיקער ב"ה קיינמאָל ניט געפעהלט, נור גאַנץ איינפאַך איך האָב געדורשט נאָך אַ שעהנעם כאָר געזאַנג, נאָך שעהנע טעמפּעל מוזיק, און פון די דאָזיגע טעמפּעל געזאַנגע האָט מיר איינפאַך געעקעלט. עס איז געווען אַ „קאָמעדיע“. איך פלעג זיך די ערשטע צייט ערגערן, ווי מ'האָט פאַרקריפּעלט די שוהל געזאַנגע, אונטען מיט אַ האָפּקע, און אויבען מיט'ן „בלעקאכצען“, מיט זייער נאָכשפּעטען די טשווירטש געזאַנגע, וועלכע אייריישע שיקסעס פלעגען פאַרקריפּלען די מוזיק מיט'ן טעקסט. איך פלעג זיך ערגערן די ערשטע צייט, דאַן פלעג איך עס נעמען זעהר קאָמיש. איך האָב אַמאָל ביי אַ סיילענט פרייער געשפּילט אין זעהר אַ לאַנגזאַמע טעמפּאָ „יענקי דודל“, איך האָב עס געוועהנליך אַזוי האַרמאָניזירט אין אַדאַזשיאָ, אַז נור די זענגער פלעגען וויסען דערפון, ביז די „טעמפּעל קאָמעדיע“ איז מיר נמאס געוואָרען און איך האָב באַשלאָסען, אַז אויב שוין שפּילען קאָמעדיע, לאָמיר געהן דאָרט וואו מ'דאַרף קאָמעדי. און האָב מיך פון דאָרט צוריקגעצויגען.

ווי שוין געזאָגט איז שוהל געזאַנגע פאַרבליבען נאָך ביז צום היינטיגען טאָג איינע פון מיינע זיסטע עראינערונגען אין מיין מוזיקאַלישער קאַריערע, ווייל דער גרונד פון מוזיק איז דאָך כאָר געזאַנג. ווען מ'לערנט האַרמאָני זאָגאַר מיט'ן צוועק צו שרייבען פאַר אָרקעסטער אָדער פאַר פּיאַנאָ אָדער פאַר אָרגאַן, לערנט מען דאָך דעם גרונד, שרייבען פאַר כאָר געזאַנג. ווייל דער וואָס פאַרשטעהט ניט קיין כאָר געזאַנג, און דער וואָס האָט עס ניט מיטגעמאַכט, איז נאָך מיין מיינונג ניט קיין מוזיקער.

פאַר די לעצטע יאָהרען האָט זיך דער חזנים־פאַך אין אַמעריקא פיל פאַרבעסערט. ווייסען ווייס איך אָבער נור פון איין זייט — דאָס איז די מאַטעריעלע זייט. וואָס אַנבאַלאַנגט די חזני'שע קונסט ווי ווייט זי איז אין אַמעריקא געשטיגען, קען איך קיין מיינונג ניט געבען, ווייל ווי שוין געזאָגט בין איך ווייט דערפון. דאָס הייסט איך בין ניט ווייט פון זיי. מיין ערפאָלג, אויב איך האָב ערפאָלג, אין אידישען טעאַטער, איז דאָס חזנ'אישע וואָס איך האָב געגנאָסען אין מיינע יונגע יאָהרען.

ניט איינמאָל קומט מיר אויף די געדאַנקען ווי אַזוי מ'קען אַראַנזשירען אַ היימישען גרויסען שעהנעם כאָר, אַזוי ווי אַמאָל אין יוראָפּ. די מיטלען האָבען מיר, מיר האָבען דאָס געלד, מיר האָבען די קרעפטע. מיר האָבען פאַר דער לעצטער צייט באַקומען שעהנע קאַנטאָרען און אויך טיכטיגע דיריגענטען, אָבער אונז פעהלט אַטמאָספערע... איאָ? עס

אין אזא סאָרט וואָרט און אזא סאָרט צרעת ווי אַטמאָספערע אַז מ׳קען עס פאַר קיין געלד ניט קויפען, ווייל געלד מיט אַטמאָספערע זיינען צוויי זאַכען, זיי האַרמאָנירען ניט צוזאַמען...

עס קאָכט אין מיר מיין בלוט, ווען איך דערמאָן זיך אין די היימישע זינגערישע אַטמאָספערע. א נייע קאָמפּאָזיציאָן פון א לעוואַנדאָווסקי אָדער א זולצער, האָט מען געזונגען מיט מעהר פּחד, מיט מעהר שרעק, מיט מעהר יראת הכבוד ווי איצטער א פּרעמיער פון א גרויסע טעאַטער פאָרשטעלונג, אין וועלכע עס איז פאַרוויקעלט א סך געלד. היינט גערה און שאַף אַזא אינטערעס אין אַמעריקא ?!

אין דער צייט וואָס דער חזן שטעהט ביים עמוד, דענקט ער וועגן דעם קאָנצערט וואָס ער דאַרף געבען דינסטאג אָדער מיטוואך — און ער דענקט ניט ווי אַזוי דער קאָנצערט וועט שעהן זיין, נור ווי אזוי צו קריגען א גרעסערען אַפּלאָוז, און ווי אזוי צופרידענשטעלען זיין מענעדזשער... און לאָמיר זיך ניט נאַרען... דער גבאי פון דער שוהל איז דאָך אויך אַ מענעדזשער !

איך גערה ניט ח״ו קיינעם ניט קריטיקירען. עס איז אזוי. עס דאַרף אזוי זיין. עס איז אמעריקא ! עס איז „עמ־ריקה“, א לעדיג פאָלק. און גערה זוך דאָ אַטמאָספערע !

דאָך האָף איך אַז איך אַליין וועל נאָך אין אמעריקא זוכה זיין צו הערען, אָדער אַליין דיריגירען פיליכט אזא שעהנעם הערליכען זינגען און פיהלען אזא עונג שבת, ווי אַמאָל אין דער היים.

אין א טעמפּעל, ווען דער קאַנטאָר האָט אָבגעזונגען דעם יהי רצון פון ראש הודש בענשען, איז דעם פּרעזידענט, אזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען אַז ער האָט געגעבען אַן אָרדער, אז דער חזן זאָל יעדען שבת זינגען דעם יהי רצון...

מיט יאָהרען צוריק, ווען כמעט אַלע בעלי תפלות פלעגען זיך ארומוויקלען זייערע העלזער בעפאָר די ימי נוראים, האָט מען פּלוצים אויף דער שוהל גאַס, באַגעגענט א געוועהנליכען אידען, וועמען יעדער איינער האָט גוט געקענט, אַז ער באַלאַנגט גאָר ניט צו די בעלי תפלות, וועלכער געהט אויך ארומגעוויקעלט, אי דאָס נאָך מיט א גרויסע קאָלדרע ארום זיין האַלז, סטייטש ר׳ ברוך, וואָס געהט איהר פאַרבונדען אייער האַלז, דאַוועגט איהר ערגיץ היינטיגען ראש השנה? ניין ענטפערט דער איד, דאַווענען פאַר דעם עמוד, דאַווען איך ניט, נאָר דער גבאי פון גרויסען בית המדרש האָט מיך באַדונגען צו שלאָגען „מלקות“ ערב יום כיפור...

א חזן האָט אַמאָל ביי קבלת שבת, שטאַרק באַטאָנט די ווערטער: כי בא כי בא לשפוט הארץ. האָט זיך א איד שטאַרק געוואונדערט, ווי קומט אז עס דער חזן זאָל זאָגען דעם צווייטען „כי בא“ בעפאָר דעם ערשטען „כי בא“? א צווייטער איד האָט איהם אָבער געבעטען, אז ער זאָל קיין רעש ניט מאַכען, ווייל ער דענקט, אז קיינער האָט סיי ווי ניט באַמערקט...

א גרינער חזן צוריקקומענדיג פון א קאָנצערט פון דעם אוקראַינער נעשאַנעל כאָהר, איז אזוי שטאַרק געווען ענטציקט, אז ווען ער האָט באַגעגענט א באַוואוסטען כאָהר דיריגענט, האָט ער איהם ערקלעהרט אז פון יעצט אָן וועט איהם זיין זעהר שווער צו הערען אַן אנדער כאָר זינגען...

אי, מיין טהייערער פריינד, האָט איהם דער כאָהר דיריגענט געענטפערט, יעצט קענט איהר פאַרשטעהן, ווי אזוי איך פיהל נאָך דעם ווי איך הער א גוטן חזן!...

פאַר וואָס זאָגט מען, אז א חזן איז א נאַר, ווייל די ראשי תיבות פון ח׳ז׳ן מאַכט חזנים זיינען נאַראָנים, ענטפערען אָבער די חזנים, אז עס קען אויך מאַכען חזירים זיינען נגידים, דער אמת׳ער תירוץ פאַר וואָס א חזן איז א נאַר איז אָבער גאַנץ איינפאַך. ווען איינער האַנדעלט מיט גלאָז, איז ער א גלעזער, האַנדעלט ער מיט ציבעלעס, איז ער א ציבעלע הענדלער, האַקט ער האָלץ, איז ער א האָלץ האַקער, דעריבער אַז מען האַנדעלט מיט נאַראָנים, ווערט מען א נאַר...

פאַר וואָס איך האָב ליעב חזנות

פון יוסף באראַנדעס

איך האָב א הייליגע באגייסטערונג און אן אמת'ן עונג רוחני פון חזן'ישער נגינה, ווייל זי איז מסביר פאַר אונז דעם גאנצען ספר הזכרונות פון אונזער פאָלק ישראל. די דאָזיגע נגינה דערצעהלט אונז וועגען די ליידען און פריידען וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט דורך זיין לאַנגען צוויי טויזענד יעהריגען וואַנדערן איבער אַלע עקען און שטרעקען פון דער וועלט.

איך האָב אָהן א שיעור ליעב אונזער הייליג לאַנד, אונזער הייליגע העברעאישע שפּראַך און אפילו די אידישע שפּראַך, וואָס מיר האָבען זיך ערוואָרבען אין גלות. איך האָב אויך ליעב, אָהן א שיעור די אידישע נגינה, וועלכע ציהט זיך ווי א לאַנגע קייט פון דעם בית ראשון ביז צו דער לעצטער איכה פון אונזער שווערען און ביטערען גלות.

איך קען אונזערע זאָגענאַנטע קאָסמאָפּאָליטען, וועלכע זעהען אַלעס וואָס אַנדערע פעלקער פארמאָגען דורך ראָוז־קאָלירטע ברילען און אַלעס וואָס דאָס אידישע פארמאָגט זעהען זיי דורך טונקעלע ברילען. איך קען זיי ליידער גאַנץ גוט. זיי געהען אזוי ווייט אין זייער קאָסמאָפּאָליטיזם, אז זיי ווילען דוקא מאַכען אונציכטיג זייער אייגענע נעסט.

זיי טענה'ן, אז די קונסט ביי די אומות העולם איז אן אמת'ע, א שעהנע, א יוגענדליכע, א קרעפטיגע, ווערענד אונזער קונסט איז א געפעלשטע, אן אבשטויסענדע, א פארעלטערטע און א מאטע. אויף די דאָזיגע אָנפעלע אויף אונזער אידישער קונסט, קען מען ענטפערען אויף צוויי אופנים: ראשית איז עס לחלוטין שקר וכזב, אז אונזער קונסט איז א געפעלשטע. אונזערע חכמי האבות האָבען געגעבען א גוטען רעגעל ווי אזוי צו אורטיילען וועגען דער אָריגינאליטעט פון קונסט, ווען זיי האָבען געזאָגט, אז אום צו מאַכען א צוואַנג מוז מען אפריהער האָבען א פארטיגע צוואַנג.. לויט דעמדאָזיגען פילאָזאָפישען כלל קען מען זאָגען, אז קיין קונסט אין דער וועלט איז אין גאַנצען אָריגינאל, ווייל יעדעס ניי־געשאפענע קונסט־ווערק איז דער רעזולטאט פון שוין פריהער געשאפענע קונסט־ווערק אויף דעם זעלבינען געביט. אַלעס, וואָס מען קען זאָגען וועגען א ניי־געשאפענעם קונסט ווערק איז, אז דעם קינסטלער איז ענטוועדער געלונגען, אָדער ס'איז איהם נישט געלונגען צו פארפאָלקאָמען זיין ווערק. אזוי, למשל קען מען זאָגען, אז קיין שפּראַך איז ניט אָריגינאל, ווייל, ווען אירגענד וועלכע שפּראַך זאָל דורכגעהן אָפּעראציעס פון א פילאָלאָגישער אנאטאָמיע, וועט מען אויסגעפינען, אז איהרע מייסטע ווערטער און שפּרעך־ארטען געפינען זייער אורשפּרונג אין אַנדערע שפּראַכען און אז מען וויל דערגרונטעווען דעם ערשטען מקור קען מען איהם אפילו אין דער סאנסקריט שפּראַך נישט געפינען, ווייל די דאָזיגע שפּראַך איז אויך ענטנומען געוואָרען פון אַנדערע פיעל עלטערע און שוין לאַנג פארגעסענע שפּראַכען פון פיעלע שוין לאַנג פאַר־שטאָרבענע פעלקער. אזוי קען מען אויף אזא'ן אופן שווימען אין חקירה ביז צו א פולשטענדיגען אבסורד.

און, וואָס ס'איז אמת מיט אַלע אַנדערע שפּראַכען, איז אויך אמת מיט דער שעהנסטער פון אַלע שפּראַכען: די מוזיק. און וואָס ס'איז אמת מיט דער מוזיק בכלל איז אויך אמת מיט דער אידישער מוזיק און מיט הזנות אלס דער באדייטענדסטער טייל פון דער אידישער מוזיק. מען זאָגט אונז, אז די נגינה פון כל נדרי, וואָס ריהרט אַלע הערצער, האָט איהר אורשפּרונג אין דער שפּאַנישער מוזיק. דאָס איז אפשר אמת, אָבער די ארט און ווייזע ווי אזוי אונזערע חזנים האָבען אין פארלויף פון פיעלע דורות געזונגען און זינגען נאָך איצטער דעם כל נדרי איז דורכאויס א אידישע און דערפאַר האָבען מיר א רעכט צו באצייכענען אונזער כל נדרי־נוסח אלס אידישע מוזיק. אונזער חזנות מוזיק איז דורכגעוועבט מיט אראבישער מוזיק, וועלכע די תימן'ער אידען האָבען צו אונז געבראַכט. מיר האָבען געשעפּט א סך פון דער ספּאַנישער, טערקישער, רוימישער, איטאַליענישער, סלאַווישער, סקאנדינאַווישער און דייטשער מוזיק, און עס קען אויך זיין, אז מיר האָבען אין אונזער חזנות־מוזיק אנגעאייגענט א היבשען טייל פון דער עגיפּטישער, באבילאָנישער און אלט־גריכישער מוזיק. דאָס קען אַלעס זיין, גראַדע ווי עס קען זיך געשיקען, אז די גענאַנטע פעלקער האָבען זיך אנגעאייגענט א היבשען טייל פון אידישער מוזיק אין זייערע. אָט צוםביישפּיעל האָבען מיר ניט לאַנג צוריק געלייענט אין א היגער צייטונג אן אבדרוק פון א וויסענשאפטליכער סטודיע איבער דער עהנליכקייט פון דער אירלאַנדישער און אידישער נגינה. דער היסטאָרישער פאָרשער (דוקא א קריסט) באַ־הויפּטעט, אז די אירלענדער האָבען די גרעסטע און די בעסטע טייל פון זייער נגינה ענטנומען פון די אידען. עס קען זיין, אז דאָס איז אמת, עס קען אויך געמאָהלט זיין פארקעהרט, און עס קען זיך אויך געשיקען, אז ביידע פעל־קער האָבען איינס ביי דעם אַנדערען ענטנומען און זיך אנגעאייגענט דעם טייל פון זייער נגינה, וועלכע האָט זיך אממעהרסטען צוגעפּאסט צו זייער קולטורעלען, פּאָליטישען און עקאָנאָמישען מצב. דאָס איז אמת וועגען דער געזאַנג־קונסט און דאָס איז אויך אמת וועגען יעדער אַנדערער קונסט, ווייל, גליקליכער ווייזע איז די קונסט א רשות הרבים פאַר אַלע קינסטלער פון אַלע פעלקער.. די קונסט איז אינ־טערנאציאָנאל און זי פאָדערט פון קיין קינסטלער ניט קיין פּאַספּאָרטען און וויזעס. די קונסט איז היימיש און זי איז פריי ווי דער הימעל.

אומקעהרענדיג זיך צו דער טעמא פון חזנות, וויל איך ווידערהאָלען, אז אלעב וואָס אונזער חזנות האָט ענטנומען פון דער נגינה פון אנדערע פעלקער, איז דורכגעגאַנגען דעם פּראָצעדור פון א גר צדק. די פרעמדע טענער זיינען אויסגעטובל'ט געוואָרען און זיינען געוואָרען דורכאוים אידיש.

און, מכח די טענות, אז אונזער מוזיק איז פארעלטערטע, נו, איז וואָס? זייט ווען איז עס ביי אונז געוואָרען א חסרון אלט צו זיין? זייט ווען האָבען חטאת נעורים זיך קונה שם געווען אלס די גרעסטע מעלה. יא, עס פּאַסירט, ליידער, אזוי אָפט ביי אונז, אז מען האָט שוין גאָר ניט, וואָס אויסצוזעצען געגען א חזן, זאָגט מען, אז ער איז אַלט. איך בין איינער פון די, וואָס באַטראַכט דאָס בכלל ניט אלס חסרון. איך ווינש די חזנים, אז זיי זאָלען אלט ווערען מיט יאָהרען און מיט נחת. נאָר אויב אפילו, אז די טענה זאָל האָבען א ממשות. וואָס פאַר א זין האָט עס אָנצוואווענדען די זעלביגע טענה געגען דער אידישער נגינה.

מען קען אָבער אויך געבען א תירוץ אויף דער דאָזיגער קלאָץ־קשיא אויף א גאַנץ אנדערען אופן: אָט איז אן אַלטע מוטער. זי האָט ניט מעהר די יוגענדליכע קראַפט, איהר קערפּער איז איינגעבויגען, איהר פנים צוקאָרטשעט און צוקנייטשט און זי זעהט אין גאַנצען אוים ווי א שברי כלי. — וואָס דיינקט איהר וועגען איהר זוהן, וועלכער זאָגט, אז ווען ער פאַרגלייכט זי מיט אנדערע פרויען און געפינט, אז זיי זיינען שעהנער, געזינטער און אפשר אויך קלינגער און געבילדעטער פאַר איהר, קען ער זי ניט ליעב האָבען, — וואָס דיינקט איהר וועגען אזא בן'אק? און וואָס זאָל מען דיינקען פון אזא קינד פון אונזער אידיש פאָלק, וועלכער לויפט נאָך פרעמדע געטער און פּוצט זיך מיט די פעדערען פון א פרעמדער קולטור, וועהרענד אלעס, וואָס ס'איז זיין אייגענס, וואָס זיין פאָלק האָט זיך אנגעאייגענט אין פארלויף פון יאָהרהונדערטע, דורך דער שווערסטער מיה, איז ער מבזה. — וואָס זאָל מען דיינקען וועגען אזא בן'אָק? קיינער דארף זיך ניט באַמיהען צו באַאַנטוואָרטען די דאָזיגע פראַגע, די תשובה איז קלאָר אויף דער האַנד.

האָט א איד אן אמת'ע אידישע נשמה, ביינקט אָהן גאַרט זיין האַרץ, אז דער אידישער גייסט זאָל זיך פאַר איהם אַנטפּלעקען אין זיין פולער גרויסקייט און ערהאבענהייט, קען ער דאָס דערגרייכען דורך די תפלות, דורך דער טראַדיציאָנעלער נגינה פון אונזערע חזנים. נאָר איין זאַך באַדויער איך, יא, איך באַדויער עס פיעל מעהר ווי איך קען דאָס דורך וואָרט אָדער שריפט אויסדריקען. איך באַדויער ווען דער חזן קעהרט אום זיין רוקען צום עמוד און שטעלט זיך מיט'ן פנים צו דער קאָנצערט־ביהנע. איך בין א שטאַרקער אָנהייגער פון'ם רעגעל, וואָס אונזערע חכמים האָבען אוועקגעשטעלט: „מעלין בקודש ולא מורידין"; אָבער ווי זאָגט שלום עליכם, „א רוח אין געלט'ס טאַטען אריין". עס זיינען אָבער דאָ א סך חזנים, וועלכע פיהרען זייער חזנות און זיך אליין לויט דעם אויבענגענאַנטען רעגעל, וואָס אונזערע חכמים האָבען אוועקגעשטעלט, כן ירבו.

אזעלכע חזנים זיינען באמת משמשים בקודש און זייער חזנות איז כולה קודש.

יא, איך האָב ליעב חזנות.

אויף א קאָנצערט

בראַוואָ, בראַוואָ!...

וואַרט, ר' משה, דער חזן האָט נאָך ניט געענדיגט זינגען.

אך, צום טייפעל! און איך האָב מיך שוין אזוי דערפרעהט.

דער בעלעמער חזן האָט חתונה געמאַכט א טאָכטער, האָט איהם די קהלה אויסגעבאָרגט א פּאָר הונדערט רובעל, און איהם אָבצורעכענען עטליכע יאָהר פון זיינע שכירות.

— איהר מוזט אָבער וויסען — זאָגט דער חזן צו די גבאים — אז דאָס געלט נעהם איך ביי אייך מיט דעם תנאי: וועל איך אויסלעבען די עטליכע יאָהר, וואָס איהר דאַרפט מיר אָבּרעכענען פון די שכירות איז אייער גליק, און אויב ניט — איז מיין גליק.

א חזן איז א נאַר, זאָגט די וועלט.
אָבער ניט אלע „וועלט נאַראָנים" זיינען חזנים!

ח ז ן: מילא איהר שרייט, אז איך קען ניט דאַוונען מוז איך אייך גלויבען, אָבער דאָס מוזט איהר דאָך מיר צוגעבען, אז א שטיקעל מבין אויף א חזן בין איך דאָך נאָך, נאָט צו דאַנקען.

ג ב א י ם: געוויס קאָנט איהר זיין א מבין אויף א חזן!

ח ז ן: בין איך יאָ א מבין אויף א חזן, זאָג איך אייך, אז איך דאַוון אויסגעצייכענט...

מילין דחזנים

— פון —
פינה מינקאָווסקי

ווען עס איז פאַרטיג געוואָרען די פּאָרג'רלייענע שטאָדט שוהל אין אדעססא און מען האָט אָנגעהויבען פּרוּאווען נייע חזנים, האָט זיך בלומענטאל אנידערגעשטעלט אין הויף און געזאָגט: שוהל, שוהל! וואס קומט מיר ארוים וואס דו ביזט נײ און איך אלט? וואָלט דען ניט בעסער געווען דו זאָלסט זיין אלט און איך נײ?!

ווען בלומענטאל איז געקומען נאָך אָדעססא פון יאַסי (רומעניען) האָט ער דעם ערשטען שבת ר"ח געדאַווענט און האָט געזונגען יסור יסרני יה. פרעגט מען נאכהער ר' צלאל'ן ווי געפעלט אייך עפּעס דער נייער חזן? וואָס זאָל איך זאָגען — ענטפערט צלאל — דער יסור (אין וואָרט שפּיעל אויף יאַסי) האָט מיר דעם טויט געמאַכט.

צלאל איז אמאָל געזעסען מיט זיינע גבאים אויף א ברית זעהר שפּעט און מען האָט דאָרט געגאָסען וויין ווי וואסער. זיי זיינען ארויסגעגאַנגען, דער גבאי איז געווען בגלופין און עס איז געשטאַנען ביי דער טיר א פערד און וואָגען. זאָגט דער גבאי: ר' צלאל, מאַכט א מי שברך דעם פערד. האָט צלאל געמאַכט א מי שברך פאַרקערט: הוא יברך את הגבאי בעבור שהסוס הנכבד... דער גבאי איז ניט געווען צופרידען, נאָר צלאל האָט זיך פאַרענטפערט דאָס ער האָט א טעות געמאַכט.

ווען פיצי אבראַס האָט געהאלטען פּראָבע אין דער נייער שוהל, ער איז געווען משורר ביי צלאל און איז ניט געווען קיין מכשף אין די קליינע אותיות'לאך, אָבער ער איז געווען אַ פענאָמענאַלער זינגער. די שול איז געווען פול געפּאַקט. צלאל זיצט און הערט זיך איין, אָבער אַלע מאָל הייבט ער זיך אויף. נאָכ'ן דאַווענען פרעגט מען איהם: ר' צלאל, וואָס זענט איהר אַלע מאָל אויפגעשטאַנען? ענטפערט ער: עס שטעהט „מפּני שיבה תקום", פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, און פיצי מאַכט אַלע מאָל אנאַנדער גרייז, בין איך אויפגעשטאַנען.

איינמאָל געהט צו איהם צו א איד וועהרענד ער טראָגט די תורה און זאָגט איהם: ר' בצלאל, מ'הערט אייך שוין גאָר ניט. ענטפערט ער: און אייך הערט מען שוין לאַנג ניט, און איז רוהיג אוועק מיט דער תורה.

איידער ער איז אָפּגעפאָרען נאָך ארץ ישראל איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיט דעם יונגען באַנקיר אזיאס היוות. דיזער באַנקיר האָט איהם זעהר געליבט. פרעגט ער איהם: ר' צלאל, איהר זענט דאָך אַזאַ חכם, ערקלערט מיר וואָס האַלט איהר די האַנד אונטער דער באַק ווען איהר זינגט? ענטפערט ער איהם: א חכם א יונגער מאַן, איך האַלט מיך שוין 50 יאָהר אונטער דער באַק און וויים ניט פאַר וואָס, און דו ווילסט עס אזוי שנעל וויסען?"

בלומענטאל האָט איהם זעהר חשוב געהאַלטען. איינמאָל האָט ער איהם מכבד געווען זאָגען קינות אין דער בראָדיער שוהל. נאָך די קינות זאָגט בלומענטאַל: שאַדע, ר' בצלאל, וואָס איהר זענט געבוירען געוואָרען פאַר דער צייט. איהר זאָלט געווען געבאָרען ווערען שפּעטער, וואָלט איהר שוין געזונגען פון נאָטען און מיט א ריכטיגען כאָר. עס איז — אמת — ענטפערט איהם צלאל — נאָר עס איז אַ שאָד וואָס דו ביזט געבאָרען געוואָרען פאַר דער צייט.

ווען דו וואָלסט געבאָרען געוואָרען שפּעטער, וואָלסטו דאַן געהאַט אן אָרגעל מיט שעהנע מיידלאך פאַר זינגערינס. אַ שאָד בנאמנות.

ווען ר' דוד'ל טאַלנער איז געקומען נאָך אדעססא האָט מען איהם איינגעלאַדען אין דער שטאָדט שוהל אויף א תחנון ליום ב'. פיצי איז אויך געקומען מיט די לאַנגע האָר, מיט דעם גרויסען צילינדער, און ער איז ניט געווען באַקאַנט ווי אזוי מען דאַרף רעדען מיט א גוטען אידען און באַזונדערס מיט אזאַ קלוגען צדיק ווי ר' דוד'ל. געהט ער צו צו איהם און זאָגט: ר' דוד'ניו, איך וויל ביי אייך זיין שבת צום טיש און וויל ביי אייך זינגען. זאָגט איהם ר' דוד'ל: מה ידידות קענסטו ניט און כי אשמרה שבת ווילסטו ניט, וואָסזשע קענסטו מיר זינגען?

ווען איך בין געקומען מיט ניסי בעלזער צו ר' דוד'ל טאַלנער, איז ער אליין געזעסען אין דעם זאַל ביים טיש מיט דער האַנד אונטערגעשפּאַרט דאָס פּנים, פאַרמאַכט די אויגען און געהערט. ווען מיר מיר האָבען געהאַלטען ביי אָדם יסודו מעפר,, עפענט ער אויף די אויגען און זאָגט: ניסי, גענוג שוין, דו ווילסט מיך מאַכען צו וויינען. וויפיעל קאָסטען דיך די משוררים א יאָהר? זאָגט ניסי: צוועלף הונדערט קערבלאך. ענטפערט ער איהם: אי ניסי, ביזט א גרויסער קמצן, מע באַצאָהלט נאָך דריי הונדערט קערבלאך און מע קריגט שוין עפּעס א גוטען חזן אויך.

נאָך זולצער'ן און זיין צווייטען קאַנטאָר פישער, וועלכער איז געווען אַ זעהר איידעלער מענש, איז געקומען יוסף זינגער אַלס אָבער קאַנטאָר, וועלכער איז געווען זעהר געבילדעט, נור פאַלש געזונגען, און שילער אַלס צווייטער קאַנטאָר, וועלכער איז געווען זעהר פּראָסט. פלעגט דר. יעלינעק, דער ראַבינער, זאָגען: מיר האָבען א זינגער וועלכער קאָן ניט זינגען און אַ שיללער, וועלכער קאָן ניט דיכטען.

די אידישע מוזיק און דער חזן

פון יעקבביימעל

אויב איהר ווילט וויסען ווי ווייט א פאָלק איז מוזיקאליש און מוזיק־ליעבענד, זאָלט איהר קודם־כל שטודירען די פראגע, וועלכען פּלאַץ האָט די מוזיקאַלישע קונסט פארנומען אין דער אמונה, אין דער רעליגיע פון אָט דעם דאָזיגען פאָלק. און אויב אייערע פאָרשונגען האָבען אייך באוויזען, אז דאָס דאָזיגע פאָלק האָט געזעהן אין דער מוזיק א געטליכע קראפט; אויב אייערע אונטער־זוכונגען האָבען אייך געציינט, אז אָט דאָס פאָלק האָט שטענדיג תפלה געטאָן צו זיין בורא מיט מוזיק און געזאנג, און ניט נאָר מיט ווערטער אליין, ווייל ער האָט געגלויבט, אז זיין גאָט איז א „בוחר בשירי זמרה“, זייט זיכער, אז אזא פאָלק איז מוזיקאליש פון דור־דורות, און אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען וועט ער האָבען גרויסע אכטונג און ליעבע פאר די מוזיקאלישע קונסט.

וואָס מיר זאָגען דאָ, איז וויכטיג ספּעציעל, ווען מיר ווילען באהאנדלען די פראגע, וואָס פאר א ראָלע די מוזי־קאלישע קונסט האָט געשפּיעלט אין דעם רעליגיעזען לעבען פונ׳ם אידישען פאָלק אין אלע פּעריאָדען פון זיין געשיכטע.

מיר זאָגען „אין רעליגיעזען לעבען“, ווייל עס איז ניט אונזער אבזיכט צו ריידען דאָ וואָס פאר א פּלאַץ די מוזיק האָט פארנומען אינ׳ם אלטעגליכען לעבען פון דעם אידישען פאָלק; מיר ווילען דאָ ניט באהאנדלען די פראגע ווי אזוי, ווען און ביי וועלכע געלעגענהייטען האָבען זיך די אידען באנוצט מיט וועלטליכער, פּראָפאנער מוזיק. מיר ווילען דאָ נאָר געבען א קורצען איבערבליק איבער די אידישע רעליגיע־זע מוזיק, יענע מוזיק, וואָס האָט זיך נאכהער ענטוויקעלט אין א קונסט, וואָס מיר רופען יעצט אָן מיט דעם נאָמען — חזנות; מיר ווילען דאָ אויך ווידמען איינינע ווערטער צו דער שטעלונג, וועלכע די פאָרשטעהער פון דער אידישער מוזיק, איינשליסענדיג דעם חזן, האָבען פארנומען ביי דעם אידישען פאָלק.

מיר וועלען אָנפאנגען טאקע פון דעם ספר־הספרים, פון דעם תנ״ך אליין.

מיר בלעטערען דאָס היילינע בוך און עס געדויערט ניט לאנג ווי מיר דערגרייכען צו דער שטעלע, וואו מיר לייענען ווי די אידען אונטער דער פירערשאפט פון דעם גרויסען משה, זיינען נאָר וואָס געוואָרען פון שקלאַ־פען א פריי פאָלק, און זיי זעהען מיט זייערע אייגענע אויגען, א גרויסע מפּלה אויף זייערע אונטערדריקער. משה ובני ישראל זינגען א דאנק־ליעד צו גאָט, דאָס וואונדערבארע נצחון־ליעד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אז ישיר“. דאָס פאָלק זינגט עס מיט באגייסטערונג, און טאקע מיט דער באגלייטונג פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וועלכער ווערט געשפּיעלט פון די פרויען אונטער דער „לידערשיפּ“ פון מרים, די שוועסטער פון משה (ו ת ע ן להם מרים וכו, שמות ט״ו).

דאָס איז געווען דער ערשטער גאָטעס־דיענסט מיט געזאנג און מוזיק.

מיר בלעטערען דעם תנ״כ׳יל ווייטער און לייענען: די אידען זיינען שוין אין זייער לאנד, קיין פעסטע רעגיע־רונג איז נאָך ניטאָ. די שבטים ווערען רעגירט פון ריכטער „דזשאַדזשעס“ (שופטים). די גייסטיגע פיהרער אָבער זיינען די נביאים. די דאָזיגע נביאים זאָגען זייער נביאות, דאָס וואָס גאָט האָט זיי געהייסען צו זאָגען, ניט מעשה־„סיפּטש“ נאָר טאקע הויך אויפ׳ן קול, אונטערזינגענדיג און זעהר אָפט דוקא מיט באגלייטונג פון מוזיקאלישע אינסטרו־מענטען“... אז דו וועסט קומען אין שטאָדט וועסט דו באַ־געגענען א קאָמפּאניע נביאים, וועלכע קומען פון דער במה און פאר זיי (זיי טראָגען?) א גרויסע הארפּע, א פּויק, א פלייטע און א קליינע הארפּע און זיי זאָגען נביאות“ (...ולפניהם נבל ותוף וחליל וכנור והמה מתנבאים. שמואל א״ י״.)

דער בונד צווישען נבואה און מוזיק איז געווען אזוי פעסט אין יענע אורא־לטע צייטען, אז דער פּעל (ווערב) „נבא“ האָט באדייטעט סיי נביאות־זאָגען, און סיי שפּיעלען אויף א מוזיק־אינסטרומענט (...„ה נ ב א י ם בכנרות בנבלים ובמצלתים“. דברי הימים א״ כ״ה).

נאָכמעהר, דאָס וואָרט „חוזה“ האָט געהייסען אי נביא, אי מוזיקער. דיזעלבע געטליכע קראפט, וואָס מען האָט צו־געשריבען דעם נביא האָט מען אויך צוגעשריבען דעם מוזיקער. („ואסף והימן ח ו ז ה המלך“. ד״ה ב׳ ל״ה). דאָס באווייזט ווי הויך דאָס אידישע פאָלק האָט געשעצט די מוזיקאלישע קונסט.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די נביאים׳שע מוזיק האָט אין יענע צייטען באאיינפלוסט די דאמאָלסדיגע וועלט־ליכע מוזיק, די פאָלקסמוזיק. אזוי איז דאָס געווען ביי אלע פעלקער אין אלע צייטען. די רעליגיעזע מוזיק האָט משפּיע געווען אויף די פּראָפאנע־און פאָלקס־מוזיק. אָפט האָט אויך פאסירט אומגעקעהרט.

מיר לייענען ווייטער די נביאים. עס ווערט א פעסטע רעגיערונג מיט א קעניג. דער ערשטער אידישער מלך פארליערט א גרויסע מלחמה מיט די פלשתים און נעמט זיך דאָס לעבען אויף דעם שלאכטפעלד. אויף זיין אָרט ווערט דוד קעניג.

גלייך שוין, ווען דוד׳ס נאָמען ווערט צום ערשטען מאָל דערמאָנט אין תנ״ך, ווערט ער אונז פאָרגעשטעלט קודם כל אלס א מוזיקער. (שמואל א׳ ט״ז).

ווען מיר לייענען ווייטער אין תנ"ך זיין לעבענס באַשרייבונג, זעהען מיר, אַז זיין גאַנץ לעבען איז געווען שטאַרק פאַרבונדען מיט דער מוזיקאַלישער קונסט.

ווי וואָלט עס דען געקענט זיין אַנדעריש?

דוד המלך, דער גרויסער משורר, דער גרויסער דיכטער, וועלכען דאָס אידישע פאָלק האָט געקרוינט מיט דעם נאָמען „נעים זמירות ישראל", האָט געמוזט זיין אויך אַ גרויסער מוזיקער אין יענע אוראַלטע צייטען, זיינען פּאָעזיע, געזאַנג און מוזיק געווען שטאַרק פאַרקניפּט, שטאַרק צוזאַמענגעבונדען. דער דיכטער האָט פאָרגעטראָגען זיינע שירים ניט לייענענדיג, נאָר זינגענדיג, אָדער אונטערזינגענדיג, מייסטענטיילס מיט דער באַגלייטונג פון אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט.

אַז דוד המלך איז געווען דער גרויסער דיכטער פון רעליגיע, ווייסען מיר פון זיינע, וואונדערבאַרע לויבגעזאַנגען און בקשות, וועלכע זיינען אונז פאַרבליעבען ביז אויף היינטיגען טאָג אין דעם קליינעם — גרויסען תהלים. אָט דיעזע לויבגעזאַנגען זיינען געוואָרען דער יסוד ניט נאָר פון דעם אידישען גאָטעס־דיענסט, פון דער אידישער עבודה אליין, נאָר זיי זיינען געוואָרען דער פונדאַמענט פון דעם גאָטעסדיענסט פון אַלע מאָדערנע רעליגיאָנען. עד היום זיינען דיעזע וואונדערבאַרע געזאַנגען אימשטאַנד צו ברייגנען טרייסט צו יעדער אָנגעווייטאָגטע האַרץ, צו יעדער פאַרבלאָנדזשעטע נשמה.

באַוואונדערענדיג דוד'ס גרויסע דיכטונגען, האָבען מיר, לידער, קיין שום באַגריף פון זיין מוזיק. פון זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען איז אונז גאָר ניט איבערגעבליעבען. מיר קענען יעצט ניט וויסען ווי אַזוי דאָס דאָזיגע מוזיק האָט געקלונגען.

מיר מוזען אָבער יאָ באַוואונדערען זיינע גרויסע פעהיגקייטען אין אָרגאַניזירן כאָרען און אָרקעסטרען. דוד המלך איז געווען דער יעניגער, וואָס האָט אויך מוזיקאַליש איינגעאָרדנעט דעם גאָטעס־דיענסט, וועלכער איז נאָך איהם איינגעפיהרט געוואָרען אין בית המקדש. ער איז געווען דער יעניגער, וואָס האָט אָבגעגעבען דער מוזיקאַלישע קונסט דעם אויבען־אָן אין'ם גאָטעס־דיענסט, און אַזוי איז דאָס טאַקע פאַרבליעבען עד היום.

אַז דוד המלך האָט זיך בארוהיגט פון די מלחמות מיט זיינע שונאים האָט ער פאַרזאַמעלט אַלע כהנים און לוים און האָט אָרגאַניזירט כאָרען און אָרקעסטרען. ער האָט באַשטימט אַלס פיהרער פון דיעזע כאָרען־אָרקעסטרען הימן, איתן און ידותון מיט אסף אַלס הויפּטדירעגענט (ד"ה ט"ו און ט"ז) אַלע דיעזע פיהרער זיינען געווען ניט נאָר מוזיקער נאָר אויך פּאָעטען. זייערע מזמורים זיינען אונז באַקאַנט פון תהלים. צו דיעזע הויפּט־קאַפּעלמאַסטער האָט ער באַשטימט אויך צווייטע קאַפּעלמייסטער (משנים).

פאַר דיעזע כאָרען און אָרקעסטרען האָט דוד געלאָזט פאַבריצירען פיעל מוזיקאַלישע אינסטרומענטען (ד"ה א. כ"ג, ה'). נאָכמעהר, ער, דער קעניג אַליין, האָט אויך ערפונדען, אויסגעטראַכט נייע מוזיק־אינסטרומענטען. (...כדוד חשבו להם כלי־שיר. עמוס ו' ו').

דיעזע כאָרען און אָרקעסטערס האָבען זיך שנעל ענטוויקעלט און האָבען זיך אַזוי פאַרגרעסערט, אַז אין דער צייט, ווען דוד איז אַלט געוואָרען איז דער לוים־כאָר באַשטאַנען פון פיער טויזענד מנגנים (ד"ה כ"ג.). פיעלע פון די זינגער אין שפּעטער זיינען געווען שטודירטע מוזיקער. זיי האָבען געהאַט אַ באַשטימטען טיטעל, נעמליך: „מלמדי־שיר".

די מוזיק און פאָרמע, וואָס דוד האָט איינגעפיהרט אין'ם גאָטעסדיענסט, האָט וואַרשיינליך אָנגעהאַלטען ביז דער בית ראשון איז חרוב געוואָרען און דאָס פאָלק איז פאַרטריבען געוואָרען אין בבל.

אָבער די ליעבע צו מוזיק, וועלכע איז איינגעפלאַנצט געוואָרען אין פאָלק דורך די נביאים און דורך די לוים איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אפילו געהענדיג אין גלות, האָבען די אידען מיטגענומען מיט זיך זייער באַליעבטען אינסטרומענט, דעם כנור. אָבער עס האָט זיך ניט געזונגען אין קנעכטשאַפט. זיי האָבען אויפגעהאָנגען זייערע האַרפען אויף די ווערבען פון בבל'ס טייכען. ווי האָבען זיי דען געקענט זינגען די געמיליכע דוד'שע געזאַנגען, זייענדיג צווישען געצענדיענער, און אין אַטמאָספערע פון געצענדיענערישע אויסגעלאַסענהייט? ווי האָבען זיי דען געקענט זינגען „גאָט'ס ליעדער אין אַ פרעמדער לאַנד"?

די ליעבע צו מוזיק איז אָבער דאָך געווען אַזוי שטאַרק, אַז אפילו לעבענדיג אין גלות האָבען די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען אָנגעהאַלטען פּריוואַט־כאָרען. צוויי הונדערט פון די דאָזיגע משוררים (ניט אַריינרעכענדיג די לוים'שע כאָרען) האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין ארץ ישראל מיט עזרא (עזרא ב'). די צוריקגעקעהרטע זינגער און מוזיקער פון די לוים האָבען זיך באַזעצט אין קליינע קינסטלער קאָלאָניען (הויפען) אַרום ירושלים, און כל זמן זרובבל און נחמיה האָבען געלעבט האָט דאָס פאָלק אויסגעהאַלטען די דאָזיגע משוררים און מנגנים מיט חיונא בכבוד (נחמיה י"ב, כ"ט און מ"ז)

די מוזיק וואָס דוד המלך האָט איינגעפיהרט אין דער עבודה איז וואַרשיינליך געבליבען טראַדיציע אויף דורך די גאַנצע פעריאָדע פון בית שני, ווייניגסטענס, וואָס אַנבאַלאַנגט די וויכטיגסטע טיילען פון דעם גאָטעס־דיענסט.

די ליטורגישע ליטעראַטור פון מזמורים און תפלות איז געווען אין דער צייט פון בית שני, נאַטירליכערווייז פיעל רייכער אַלס אין דער פעריאָדע פון בית ראשון, ווען די דאָזיגע תפלות און מזמורים זיינען געווען ערשט אין שאַפען.

מיט דער באַרייכערונג פון דער ליטורגישער ליטעראַטור, האָט נאַטירליך אויך געמוזט קומען אַ באַרייכערונג אין דער ליטורגישער מוזיק. און אין דער אמת'ן זעהען מיר, אַז די ליטורגיע האָט אין זמן בית שני אָנגענומען פעסטערע און באַשטענדיגערע פאָרמען. עס זיינען געשאַפען געוואָרען דינים און מנהגים, וועלכע מוזיק־אינסטרומענטען און וויפיעל פון זיי דאַרף מען געברויכען ביי פאַרשיעדענע רעליגיעזע צערעמאָניען און געלעגענהייטען (זעה צום ביישפּיעל, ערכין, דף י. עמוד א'). נאַטירליך זיינען אַזוינע געזעצען געשאַפען געוואָרען אויף דעם גרונד פון טראַדיציע.

אין יענער פעריאָדע איז דאָס אידישע פאָלק אין פאַרשיעדענע צייטען געקומען אין באַריהרונג מיט דער רייכער

גריכישער קולטור. דיעזע קולטור, וועלכע איז געווען רייך אין פילאָזאָפיע, פּאָעזיע, קונסט און מוזיק, האָט געוויס געהאט א שטארקען איינפלוס אויף די אידישע מוזיק. מיר באגעגענען טאקע צו יענער צייט אין ארץ ישראל נייע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, וועלכע שטאמען פון גריכענלאנד, ווי הרדולים (ריכטיגער הדרולים), סימפוניה און אירוס (סוטה דף מ"ט ע"א).

אָהן ספק איז די השפעה פון דער גריכישער מוזיק אויך אריינגעצויגען אין דער עבודה פון בית המקדש, ווייל פיעלע פון די אריסטאָקראטען פון דער כהונה זיינען געווען אָנהענגער פון דער גריכישער קולטור און גריכיש־אסימילאָטאָריש געזאָנען.

דאָס פאָלק אָבער האָט אויף דעם געקוקט קרום. איינע פון די זינד, וואָס אלישא בן אבויה (אחר) האָט באגאנגען, איז געווען וואָס, זמר י ו נ י לא פסק מפומיה (חגיגה, דף ט"ו ע"ב). אלזאָ, דאָס זינגען פון יונ'שע געזאנגען איז באטראכט געוואָרען אלס א שאנדע. דאָס פאָלק האָט זיך געהאלטען פעסט ביי די טראדיציאָנעלע געזאנגען.

די ליעבע צו מוזיק איז אויך דאמאָלס געווען אזוי שטארק, אז ניט נאָר האָט מען געזונגען בלויז ווען מ'האָט תפלה געטאָן, נאָר אפילו ווען מ'האָט געלערנט תורה, ווען מ'האָט שטודירט דינים און הלכות, האָט מען געמוזט אונטערזינגען אָדער אפשר טאקי זינגען מיט א מעלאָדיע. (הקורא בלי נעימה ושונה בלא ז מ ר ה עליו הכתוב אומר וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים. מגילה דף ל"ב, ע"א).

כדי צו פאראייביגען די ארט און וויזע ווי אזוי מ'האָט אונטערגעזונגען, ווען מ'האָט שטודיערט מקרא אָדער משנה, האָט מען שפּעטער ערפונדען א נאטענשריפט, וועלכע איז באקאנט ביי אונז מיט דעם נאָמען „טראפּ" (פסקי־הטעמים). ניט נאָר תורה, נביאים וכתובים האָט מען געשריעבען, און שפּעטער, ווען דער דרוק איז ערפונדען געוואָרען, אויך געדרוקט מיט טראפּ, נאָר אפילו די משנה האָט געהאט טראפּ. נאָך אזוי שפּעט ווי אינ'ם יאָהר 1553, ד. ה. מיט א דריי הונדערט און זיבעציג יאָהר צוריק איז א מסכת פון משנה געדרוקט געוואָרען מיט טראפּ. פּראָפ. שטיינשניידער אין זיין בוך „ספרות ישראל" זייט 224).

אזוי ווי אין די ביבלישע צייטען, אזוי אויך אין די יאָהרען פון בית שני האָט די רעליגיעזע מוזיק באאיינפלוסט די וועלטליכע פאָלקס־מוזיק. און אזוי לאנג ווי עם ישראל האָט געלעבט אין ארץ ישראל, האָט דאָס לאנד געהילכט פון געזאנג און מוזיק.

אָבער דער חורבן איז געקומען. דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, דער ערהויבענער וואונדערבארער גאָטעסדיענסט איז בטל געוואָרען און מיט איהם האָט אויך די רעליגיעזע מוזיק א טויט־שלאג ערהאלטען.

נאָך איידער דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרען האָט מען מתקן געווען איניגע תפלות, אויסער די מזמורים, וואָס מ'פלעגט זינגען אין בית המקדש גופא. עס איז א סברא, אז די אינסטיטוציע פון תפלה שטאמט נאָך פון עזרא'ס צייטען, וועלכער האָט אויך איינגעפיהרט דאָס לייענען פון דער תורה.

אז דער בית שני איז חרוב געוואָרען און די אינכטיטוציע פון קרבנות האָט אינגאנצען אויפגעהערט, האָט תפלה פארנומען דעם פּלאץ פון די קרבנות. אנשטאט דער עבודה אין בית המקדש איז איינגעפיהרט געוואָרען תפלה אין בית הכנסת. איניגע פון די חכמי התלמוד האָבען זעלבסט פארפאסט תפלות. שמעון הפקולי, אָדער שמעון הקטן האָט מסדר געווען די „שמונה עשרה" ברכות (מגילה, י"ז, ע"ב) רב האָט פארפאסט מלכיות, זכרונות שופרות (תקיעתא דרב), א. אז. וו.

אָהן ספק זיינען די מוזיק־נוסחאות פון פיעלע מזמורים, וואָס מ'האָט געזונגען אין טעמפעל אָנגעפאסט געוואָרען אויף די דאָזיגע תפילות, ספּעציעל זיינען די פארשיעדענע נוסחאות פון קריאת התורה, אָנגעפאסט געוואָרען אויף די תפלות.

נאטירליך, פאָרצוטראָגען, ד. ה. זינגען א תפלה מיט א באשטימטער מעלאָדיע אָדער נוסח האָט געקענט נאָר דער יעניגער, וואָס געהאט א שטימע און וואָס האָט געקענט די מעלאָדיע אָדער דעם נוסח. און אזוי ווי תפלה בצבור איז געוואָרען א מוז (חובה) האָט זיך געפאָדערט, אז דער פיהרער פון דער תפלה־בצבור, ד. ה. דער שליח־צבור זאָל האָבען אן אנגענעהמע שטימע (קול נעים) און זאָל זיין א רגיל. דאָס איז טאקע שפּעטער געוואָרען א דין.

ווי געזאָגט, זיינען די דאמאָלסדיגע ווייניגע תפלות געזונגען געוואָרען מיט באשטימטע נוסחאות און מעלאָדיען. מיט דער צייט האָט דאָס געמוזט פיהרען צו א געוויסע מאָנאָטאָניע אין דעם שוהל־גאָטעסדיענסט. דעם אידישען עולם, וועלכער האָט גע'ירש'ענט צוערשט פון די נביאים און נאכהער פון די לוים א שטענדיגען פארלאנג נאָך מוזיק, נאָך נייע געזאנגען, האָט דיעזע איינפארביגקייט ניט באפרידיגט. דאָס פאָלק האָט געלעכצט נאָך נייע נגונים און אפשר אויך נאָך נייע שוהל־פּאָעזיע, נאָך נייע תפלות. דער עולם האָט פארלאנגט, דאָס מען זאָל איהם לאָזען הערען נייע געזאנגען אויסער די טראדיציאָנעלע נגונים, אבוואָהל די לעצטע זיינען ביי איהם געווען הייליג און טייער.

און אזוי ווי אין דער צייט פון בית ראשון, ווען ישראל האָט פארמאָגט גרויסע קינסטלער, וועלכע זיינען געווען גלייכצייטיג דיכטער, קאָמפּאָזיטאָרען און זינגער אָדער שפּיעלער אויף אינסטרומענטען, אזוי איז יעצט אויך אין גלות אויפגעשטאנען צווישען די שליחי־צבור מענשען, — קינסטלער, וועלכע האָבען געקענט אי דיכטען, אי קאָמפּאָנירען, אי זינגען. זיי, די דאָזיגע קינסטלער פון צווישען די שליחי־צבור האָבען געשריעבען פּאָעזיען (פיוטים), האָבען אליין פארפאסט נגונים צו די דאָזיגע פיוטים, און טאקע אליין זיי אויך געזונגען. דיעזע דרייפאכע קונסט האָט מען דאמאָלס גערופען אין העברעאיש „היזון" אָדער "חזנות", און דעם קינסטלער, וואָס האָט געקענט שאפען אזא מין קונסט, האָט מען גערופען מיט'ן נאָמען „חזן".

אין דער אמת'ן זיינען די עלטעסטע פייטנים, און דוקא די וויכטיגסטע פון זיי געווען אויך חזנים.

עס איז כדאי צו דערמאָנען דאָ איניגע פון דיעזע עלטסטע חזנים־פייטנים.

דער עלטעסטער פון זיי איז י ו ס י ב ן ־ י ו ס י,

וועלכער האָט געלעבט אין ארץ ישראל (לערך ד"א ש"ם — ת') ד. ה. מיט א דרייצעהן הונדערט יאָהר צוריק.

א ביסעל שפּעטער פון י ו ס י ב ן ־ י ו ס י האָט געלעבט אין ארץ־ישראל נאָך אַ גרעסערער חזן־פּייטן פון איהם, און דאָס איז געווען י נ א י. ינאי האָט פארפאסט א גאנצען מהזור (מחזור ינאי), וועלכער ענטהאלט ניט נאָר וואונדערבארע פּיוטים נאָר אויך דינים און הלכות אין א פּאָעטישער פאָרמע (זעה פּרופ. ישראל דודזון און זיין ארטיקעל אין „התורן, גליון כ"ב, 1917). ינאי איז אויך געוועז דער מחבר פון „ובכן ויהי בחצית הלילה" פון דער הגדה של פסח.

אָבער דער גרעסטער פון די עלטעסטע פּייטנים־חזנים איז געווען ר' אלעזר הקליר, וועלכער האָט געלערנט חכמת־החיזון ביי ינאי (הודזון). מ'קען זאָגען אויף ר' אלעזר הקליר, אז ער איז געווען דער גרעסטער פּייטן־חזן פון אלע צייטען. ער האָט אָנגעשריעבען זעהר א גרויסע צאָל פּיוטים. די מייסטע פון זיי זיינען אריין אין מהזור און אקצעפּטירט געוואָרען פונ'ם גאנצען פאָלק.

די באריהמטעסטע פון זיינע פּיוטים זיינען: „ובכן לנורא עליהם באימה יעריצו" (יום כפּור, מוסף); „ובכן גדולים מעשי אלוהינו" (יום כפּור, שחרית); „בליל זה יבכיון" (קינות); „אהלי אשר תאבת" (קינות); „אז במלאת שפק יפה בתרצה" (קינות), א. אז. וו. ניט אומזיסט זאָגט פּראָפ. שטיינשניידער, דאָס ר' אלעזר הקליר האָט אויפגעטאָן פאר הכמת־הפּיוט דאָס, וואָס דער מחבר פון פּסיקתא האָט אויפגעטאָן פאר אגדה (ספרות ישראל 237).

ווי געזאָגט האָבען די דריי דערמאָנטע, גרויסע חזנים־פּייטנים געלעבט אַן ערך צוועלף־דרייצעהן־הונדערט יאָהר צוריק. אָבער דער מנהג, אז חזנים זאָלען פארפאסען אייגענע פּיוטים און אליין זיי זינגען ביים גאָטעסדיענסט, האָט אָנגעהאלטען פיעלע הונדערטער יאָהרען.

די מייסטע חזנים־פּייטנים אין שפּעטערע צייטען פלעגען צולעגען צו זייערע נעמען דאָס וואָרט „חזן" אָדער „ש"ץ", אום דורך דעם אָנדייטען זייער הייליגע פּראָפעסיע. צו זיין א חזן איז געווען א כבוד.

יוסי בן־יוסי, ינאי און ר' אלעזר הקליר האָבען, ווי געזאָגט, געלעבט אין ארץ ישראל. אָבער אויך אין איירעָפּא, וועץ אויך עטוואָס שפּעטער, האָבען געלעבט חזנים, וואָס האָבען געשריעבען גלענצענדע, טיעף־רעליגיעזע פּיוטים. די באריהמטעסטע פון זיי זיינען די פאָלגענדע: ר' מ א י ר ב"ר י צ ח ק (געשטאָרבען ארום דאָס יאָהר 1096). פון זיינע פארפאסונגען זיינען ספּעציעל באקאנט די פּיוטים „ליל שמורים", „מערבות לפּסח"; „ויושע אור ישראל" (לשביעי של פּסח) און „אקדמות" (לשבועות). א מ ת י ב ן ש פ ט י ה, דער מחבר פון דער סליחה "איך מכל אומות השפלתי" (חיים בראדי: מהבר השירה העברית). מ ש ה ב ן ש מ ו א ל ב ן א ב ש ל ו ם ה ח ז ן (געשטאָרבען ארום יאָהר 1150) דער מהבר פון „אז בסשוב זגיו" (לשמחת תורה). י ו ס ף ב ן נ ת ן ה ח ז ן פון ווירצבורג, דער פארפאסער פון „מערבות לשמיני עצרת" און „רשות לחתן־תורה" (צונץ: ליטעראטור־געשיכטע דער סינאגאָגאלען פּאָעזיע).

מיר האָבען דאָ דערמאָנט נאָר די באריהמטעסטע פון די חזנים־פּייטנים. חזנים וואָס האָבען געשריבען פּיוטים זיינען אָבער געווען פיעל. אויך זיינען געווען חזנים, וואָס האָבען קיינע פּיוטים ניט געשריעבען, אָבער דערפאר האָבען זיי געשריעבען וויכטיגע ספרים, ווי. למשל, ש ב ת י מ ש ו ר ר ב א ס ס, וועלכער האָט געשריעבען דעם „שפתי ישנים", די ערשטע העברעאישע ביבליאָגראפיע. (א. צ. אידעלזאָן: „החזן בישראל" התורן, תשרי תרפ"ד).

די פּייטנים־חזנים, זיינען די פארפאסער פון די ווערטער און גלייכצייטיג פון די נגינה צו די דאָזיגע ווערטער, האָבען זיך געפיהלט פריי אין זייער קונסט, אין זייער אימפּראָוויזאציע. דיעזע פרייהייט האָט אָפט געפיהרט דערצו, אז איניגע חזנים האָבען געזונגען אויך די אלטע תפלות ניט מיט זייערע טראדיציאָנעלע נגונים נאָר מיט נייע מעלאָדיען, וואָס זיי האָבען אליין פארפאסט. דאָס פלעגט אָפט ארויסרופען פּראָטעסטען מצד די בעסערע חזנים אליין און אָפט אויך מצד דעם עולם.

אום דאָס צו פארמיידען, האָט דער חזן ר' י ע ק ב מ א ל י ן, וועלכער איז באריהמט געווען אונטער דעם נאָמען מ ה ר"י ל, און וועלכער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און אויך א גרויסער חזן, האָט פעסטגעשטעלט (ווי די טראדיציע דערצעהלט) די נוסחאות פון אלע תפלות און אויך פון די באקענטעסטע פּיוטים. דער מהר"יל פלעגט ארומפאָרען אויף דער וועלט דאווגען און די חזנים מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפען אויף זיינע רייזען, האָבען אָנגענומען זיינע מוזיקאלישע מנהגים און אזוי ארום זיינען אנטשטאנען די סקארבאָווע נגונים (נוסחאות־התפלה).

די בעסטע פון די פּיוטים וואָס די חזנים האָבען פארפאסט זיינען אָנגענומען געוואָרען פון כל ישראל. די חזנים אליין פלעגען פארשפּרייטען די פּיוטים צווישען פאָלק, ווייל זיי פלעגען ארומפאָהרען דאווגען אין פארשיעדענע קהילות און צייגען דאָרט זייער קונסט, סיי די פּאָעטישע קונסט און סיי זייער מוזיקאלישע קונסט: אזוי, אויף אזא אופן, האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אַן איינהייטליכער מחזור, וועלכען די מייסטע קהילות האָבען אָנגענומען, נאטירליך, מיט קליינע, אומבאדייטענדע לאָקאלע ענדערונגען. הכל כמנהג המקום.

דער דאָזיגער מחזור, צו וועלכען די חזנים־פּייטנים האָבען דאָס מייסטע ביינעטראָגען איז געוואָרען פארפול. עס איז שוין מעהר ניט געוועזען קיין באדארף אין נייע פּיוטים און מ'האָט פון די חזנים אויך ניט מעהר פארלאנגט זיי זאָלען פארפאסען וועלכע.

פון דעם פערצעהנטען יאָהרהונדערט אָן, האָט דער חזן צו ביסלעך אויפגעהערט צו זיין אויך א דיכטער. ער האָט אָנגעפאנגען זיך צו ווידמען מעהר און מעהר דער מוזיקאַלישער קונסט אליין. עס האָט זיך אָנגעהויבען פארשפּרייטען אויך כאָר־געזאנג. צוערשט פלעגט דער כאָר באשטעהן נאָר פון א באַס מיט א אינגעלע א סאפּראן אָדער אַן אלט. שפּעטער זיינען די כאָרען גרעסער און גרעסער געוואָרען און

דער חזן דער מוזיקאלישער יורש פון די לוים, איז געוואָרען מעהר און מעהר דער פאָרשטעהער, דער רעפּרעזענטאַטיוו פון דער מוזיקאלישער קונסט צווישען די אידען.

און די אידען האָבען געוואוסט ווי צו שעצען אָט די דאָזיגע פאָרשטעהער פון זייער מוזיק. זיי האָבען זייערע חזנים ניט נאָר געאַכטעט און געשעצט, נאָר אויך ליעב געהאט. אזוי באליעבט זיינען די חזנים געוועזען ביים פאָלק, אזוי וויכטיג איז זייער קונסט פאררעכענט געוועזען, אז דער בעריהמטער רא"ש האָט גע׳פּסק׳נט „אז אויב א צבור דאַרף געבען דעם רב אָדער דעם חזן (ד. ה. זיי קענען ניט אויסהאלטען ביידען) איז דער חזן בילכער, סיידען דער רב איז אַ גדול". (שאלות ותשובות הרא"ש, כלל ו׳, ציטירט פון אידעלסאָן אין זיין אויבען דערמאָנטען ארטיקעל).

ווי אזוי זאָל דען דאָס פאָלק ניט האָבען ליעב געהאט דעם חזן? דער חזן איז דאָך געוועזען דער יעניגער וואָס פלעגט בריינגען זיין קהלה נעהענטער צום בורא. דורך זיין אילוסטרירענדען געזאנג פלעגט ער מאכען די תפלות מעהר פארשטענדיג פאר׳ן עולם. ער פלעגט דורך געזאנג אנטפּלעקען דעם עולם די נשמה פון די תפלות. ער פלעגט באשיינען זייערע שמחות און פלעגט זיי בריינגען טרויסט אין אן אומגליק.

דער חזן איז אויך געוועזען דער יעניגער, וואָס האָט דעם פונק, וואָס די נביאים און די לוים פלעגען אָנצינדען אין דעם אידישען פאָלק, דעם פונק פון ליעבע צו דער מוזיקאלישער קונסט און פּאָעזיע, דעם פונק פון מוזיקאלישען פיהלען, אָט דעם דאָזיגען פונק האָט דער חזן געהיט אז ער זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען אין די פינסטערע יאָהרען פון׳ם לאנגען גלות. דער חזן האָט דעם דאָזיגען פונק אלץ מעהר און מעהר דערוואַרימט, כדי ער זאָל מעהר און מעהר לייכטען, און זאָל אָנפיהלען די הערצער מיט האָפנונג.

א דאנק די חזנים איז דער דאָזיגער פונק געוואָרען שפּעטער, נאָך דער אידישער עמאנציפּאציע, א גרויסע העלע ליכטיגקייט.

ווען די טויערען פון׳ם גהעטא זיינען געעפענט געוואָרען און דאָס אידישע פאָלק איז געקומען אין נאָהענטע באריהרונג מיט דער אייראָפּעאישער קולטור בכלל און דער אייראָפּעאישער מוזיק בפרט, האָבען צווישען די אידען זיך באוויזען א אונגעהויער גרויסע צאָהל פון באריהמטע מוזיקער, סיי שאפענדע מוזיקער — קאָמפּאָזיטאָרען, סיי אויסאיבענדע מוזיקער, ווי זינגער, פּיאניסטען, וויאָליניסטען א. אזוי ווייטער.

די גאנצע מוזיקאלישע קראפט פון׳ם אידישען פאָלק האָט זיך יעצט אנטפּלעקט פאר דער גאנצער וועלט. דיעזע קראפט וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק געשעפּט פון דעם קוואַל פון דער נביאים׳שער מוזיק וואָלט געווים געוועזען פארלאָרען געגאנגען אין די הונדערטער יאָהרען פון׳ם פינסטערען גלות, ווען ניט די חזנים וואָס האָבען דורך זייער קונסט (קיין אנדערע מוזיקאלישע קונסט איז ניט געווען אין דעם גהעטא) די דאָזיגע קראפט אויפגעהאלטען און שטענדיג ערפרישט.

אפילו אין אונזערע טעג, איז די באציהונג צווישען די חזנים און אונזערע גרויסע מוזיקאלישע שטערען זעהר גרויס. שטודירט, צום ביישפּיעל, די ביאָגראפיען פון אָט די דאָזיגע קינסטלער, און איהר וועט זעהן, אז ניינציג פון הונדערט פון די אידישע מוזיקאלישע גאונים זיינען ענטוועדער קינדער פון חזנים אָדער קינדער פון משוררים, וואָס האָבען געזונגען ביי חזנים, אָדער זיי אליין, (די גאונים הייסט עס), האָבען קינדערוייז געזונגען ביי חזנים.

אזוי ווי אין די אלטע צייטען האָט די רעליגיעזע מוזיק באאיינפלוסט די וועלטליכע מוזיק אזוי האָט שפּעטער די חזנ׳ישע נגינה באאיינפלוסט דאָס יעצטיגע אידישע פאָלקס־ליעד. פאר דעם מוזיקער, וועלכער איז גוט באקאנט מיט חזנות, איז קלאָר אז די מעלאָדיען פון פיעלע אידישע פאָלקס־ליעדער זיינען קינדער פון חזנ׳ישע נגינה וועלכע האָט ווי אויסגעהאָדעוועט און געמאכט זעלבסטשטענדיג.

דאָס אידישע פאָלק האָט געפיהלט וואָס די חזנים פון אלע צייטען האָבען פאר איהם געטאָן און איז געווען דאנקבאר די חזנים. אפילו די תפלות האָט מען איינגעאָרדענט אזוי, אז עס זאָל זיין באקוועם פאר׳ן חזן צו דאוונען.

מיר ווילען דאָ בריינגען איין־איינציגען ביישפּיעל אום צו צייגען מיט וואָס פאר א ריקזיכט דער חזן איז באהאנדעלט געוואָרען בנוגע דעם דאוונען.

דער אָרגאן פון דער מענשליכער שטימע איז זעהר עדעל און צארט. נאָך יעדער אָנשטרענגונג מוז עס האָבען א ביסעל רוה, כדי די שטימע זאָל וויעדער באקומען איהר פרישקייט. אָפטמאָל איז גענוג צו רוהען איין אָדער צוויי מינוטען אום די שטימע זאָל ווערען וויעדער קלאָר.

יעצט, ווען מיר קוקען דורך דעם מחזור, איך מיין דעם טאטענ׳ס מחזור, דעם אלטען, ליעבען אָרטאָדאָקסישען מחזור, זעהען מיר אז נאָך יעדער תפלה וואו דער בעל־התפלה דער חזן האָט פיעל צו זאָגען, קומט א לאנגע תפלה וואָס די מתפללים, דער עולם מוז זאָגען, כדי דעם חזנ׳ס שטימע זאָל האָבען די געלעגענהייט עטוואָס צו רוהען.

ניט נאָר וואָס אָנבעלאנגט די תפלות איז דער חזן באריקזיכט געוואָרען. אפילו די שוהל מנהגים האָבען געזאָרגט פאר דעם חזנ׳ס שטימע. דערמאָנענדיג און רעקאָמענדירענדיג דעם מנהג צו אויפבלייבען אין שוהל די גאנצע נאכט פון יום כפור, פּסקנ׳ט דער שולחן ערוך דאָס די חזנים טאָרען עס ניט טאָן ווייל עס וועט שאַדען זייערע שטימען, (והחזנים לא יעורו כי ע"ז מאבדין קוליהן).

יע, דאָס אידישע פאָלק האָט באהאנדעלט זיינע חזנים מיט רעספּעקט, ריקזיכט און דאנקבארקייט.

די צוקונפט פון חזנות אין אמעריקא

פון ב. שעלווין — מוזיק רעדאקטאָר פון „מאָרגען זשורנאל“

ווען איהר נעהמט אן אמעריקאנער אידישע צייטונג אין האנד, ספּעציעל פאר ימים נוראים אָדער פאר אזוי א יום טוב, קענט איהר מאכען דעם טעות און מיינען, אז חזנות איז אין א זעהר בליהענדען צושטאנד.

די מודעות אין די צייטונגען דערצעהלען אייך ווי חזן פלוני אָדער קאנטאָר אלמוני האָט אויסגענומען מיט זיין קבלת־שבת, או די שוהל איז געווען געפּאקט און אז דער עולם איז געווען אזוי צוהיצט פון התפּעלות דאָס ער האָט פארגעסען אז ער איז אין א מקום קדוש און האָט אפּלאָדירט דעם חזן, פּונקט ווי אין א קאָנצערט זאאל.

זיי דערצעהלען אויך, אז דיזער אָדער יענער קאנטאר האָט געקראָגען א טייערע שטעלע און נעהמט א פּאבעלהאפטען געהאלט און איז א חזן וואָס איז נור וואָס אריבערגעקומען פון אייראָפּא, האָט פאראורזאכט א גרויסע קריעגעריי צווישען א האלבען דוצענד קאָנגרעגיישאנס, ווייל יעדער האָט איהם געוואָלט האָבען פאר זיך.

און ניט נור אין שוהלען געהט מען הערען חזנים, נאָר מען ארגאנזירט אויך לכבוד זיי און מיט זיי קאָנצערטען אין האָלס, און דער עולם לויפט זיי אויך אהין הערען. הכלל, וואו איהר קעהרט זיך שלאָגט איהר זיך אָפּ אָן א שטיקעל אָדער א שטיק נייס וועגען חזנים, און גאנץ אָפּט איז מען אייך מהנה מיט זייערע „פּיקטשורס“.

צו איהר ווילט צו איהר ווילט ניט מוזט איהר ארויסטראָגען פון אזא חזנים „בום“ דעם איינדרוק, אז חזנות מאכט יעצט דורך די גאָלדענע פּעריאָדע פון איהר עקזיסטענץ.

איז טאקי חזנות אין אזא גלענצענדען צושטאנד יעצט? דער ענטפער איז ליידער א נעגאטיווער. די גאָלדענע פּעריאָדע פון חזנות איז שוין לאנג פארביי און דער „בום“ אין אמעריקא איז ניט מעהר ווי א שעהנער זוהנען אונטערגאנג, וועלכער פארגיסט די לאנדשאפט מיט גאָלד שטראהלען. נאָך א פּאָר מינוטען און די שטראהלען מיט זייער גאנצער הערליכקייט וועלען פארשווינדען.

די גאָלדענע פּעריאָדע האָט זיך געענדיגט ווען דער יונגער דור האָט אויפגעהערט דאווענען און די שוהל איז געבליבען אין די הענד פון עלטערען דור. דורך דער פארקלענערונג פון די צאָהל דאוונער איז פארקלענערט געוואָרען דער שוהל עלעמענט, און דער פעלד פאר חזנ'אישע טהעטיגקייט איז איינגעשרומפּען געוואָרען. דער פארקלענערטער אינטערעס אין שוהל האָט ממילא פארקלענערט דעם אינטערעס אין חזנים, און חזנות האָט אויפגעהערט צו ווערען א גאנגבארע סחורה, און ווען א סחורה געהט וועניג, ווערט אָפּגעשוואכט דער ווונש צו ברענגען זי צו א העכערע שטופּע פון ענטוויקלונג און עס איז ניטאָ די אמביציע אויפצוטאָן נייס.

אמאָליגע משוררים האָבען געהאט די אמביציע צו ווערען אליין חזנים, און היינטיגע משוררים, און זאָגאר פארטיגע חזנים, האָבען די אמביציע צו ווערען זינגער אויף דער וועלט ביהנע. מאנכע פון זיי ווערען עס, און מאנכע אנדערע ציגען גהאט, אז אן אויפטריט אונטער די ערגסטע אומשטענדען אויף א קאָנצערט־ביהנע איז ביי זיי מעהר אָנגעלעגט ווי אן אויפטריט אונטער די בעסטע אומשטענדען ביים עמוד.

דער עמוד האָט אויפגעהערט אויסצואיבען דעם גרויסען איינפלוס וואָס אמאָל און אנצולאקען נייע רעקרוטען, עס איז דעריבער נאטירליך, אז חזנות זאָל ביסלעכווייז גרונטער פון דער סצענע און אז אפילו די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט איהר זאָלען וועניג צוגעבען צו איהר ענטוויקלונג. דאָרטען וואו עס פעהלט קאָנקורענץ, פעהלט דער כח צו שאפען, און די חזנות פון די לעצטע יאָהרען האָט צו פארצייכענען זעהר וועניגע שאפונגען פון ווערטה, ווייל די צאָהל פון חזנ'אישע שעפער איז יעצט זעהר קליין.

דיזע צאָהל ווערט וואָס א יאָהר אלץ קלענער, ווייל דער באָדען פון חזנות פארשווינדעט. דאָס מזרח אייראָפּייאישע אידענטום, וועלכער האָט פּראָדוצירט די בעסטע חזנים, האָט ניט מעהר די עקאָנאָמישע מעגליכקייט צו טראָגען די לאסט פון חזנים. טויזענדע קהלות זיינען פארארימט געוואָרען און א גרויסע טייל פון זיי איז אין גאנצען פארניכטעט. די קהילות וואָס זיינען געבליבען האָבען אנדערע דאגות ווי אויסהאלטען חזנים, און קהילות ווי אָדעסער, מינסקער, יעקאטערינאָסלאווער, בערדיטשעווער, ווארשעווער, וויענער, בודאפּעסטער און בוקארעסטער זיינען ניט ביכולת צו פארגינען זיך דעם גייסטיגען לוקסוס פון א חזן.

די חזנים פון אלע אזעלכע ערטער לויפען נאָך אמעריקא, וואו עס וועט זיך קאָכען מיט זיי א ביסעל צייט ביז עס וועט זיך איבערקאָכען, און פון חזנים „בום“ וועט ווערען דאָס זעלבע וואָס איז געוואָרען פון אנדערע „בומס“ אויף דער היגער אידישער גאס.

און אפילו ווען דער „בום“ זאָל אָנהאלטען א לאנגע צייט, קען חזנות ניט ערווארטען קיין ישועה פון אמעריקא. חזנות איז דאָ ערשטענס צופיעל קאָמערציאליזירט, און צווייטענס פעהלט איהר די אידישע סביבה, וואו צו ענטוויקלען זיך פריי. חזנות האָט נאָך אלעמען געצויגען איהר יניקה פון אידישען לעבען, פון דער אידישער נשמה, פון דעם אידישען פיהלען און דענקען, פון דעם אידישען טרויער און פרייד. אין אמעריקא פעהלט דערווייל אזא זאך ווי א אידיש לעבען, עס פעהלט דאָ אן אייגענארטיגע אידישע אטמאָספערע. וואָס עס איז דאָ אידישעס איז א שוואכע רעפּראָדוקציע פון אלטען אידישען לעבען אין אייראָפּא, און

א שוואכע רעפּראָדוקציע קען קוים דינען אלס אינספּיראַציע פאר חזנות אָדער פאר אירגענד וועלכע אנדערע שאַפונג.

אין א לאנד, וואו א אידענע קען זיך אויסלערנען חזנ׳אישע זאכען און פּאראדירען אלס חזנ׳טע און אמת׳ע חזנים ווערען פארשטויסען און פארגעסען, איז ניט מעגליך צו ערווארטען אז עס זאל זיך ענטוויקלען א ראזומני, א ניסן בעלזער, א ר׳ ישראל׳קע מינסקער, א ברוך שאר אָדער אפילו א מאיר לידער.

חזנות בכלל, דאָס הייסט אויך אין די אייראָפּייאישע לענדער, איז היינט אנדערש ווי אמאָל. עס פעהלט איהר דער כח היצירה בכלל און דער כח פון אימפּראָוויזאציע בפרט. א היינטיגער חזן איז ניט מעהר אזוי ערפינדעריש ווי אמאָל, און ווען ער איז, שטימט ניט זיין כח פון ערפינדען מיט דעם גייסט פון אמת׳ער חזנות, פון אמת׳ער עמוד נגינה. פיעל שלימער איז די לאגע אין אמעריקא, וואו א חזן איז אָפּט געצוואונגען צו פארבילינען זיין קונסט אום צו געפעהלען זיינע בעלי־בתים אָדער אום אויסצונעהמען ביים היגען עולם וואָס האָט א ביליגען געשמאק.

דער הויפּט דעה זאָגער אין אמעריקא אויף חזנות איז דער אויפגעקומענער איד, וועלכער פלעגט אין די היימישע שטעדט און שטעהטלאך שטען ביים טהיר זאָגאר אין דער שוסטערשער, שניידערשער, קצב׳ישער אָדער קרניים שוהל. אזא איד וואָס פארשטעהט ניט קיין פּירוש המלות, קען קוים באגרייפען וואָס א חזן טהוט אויף פאר׳ן אינהאלט מיט א שעהנעם קנייטש אויף א געוויסען וואָרט, וועלכער גיט פיעל עסטהעטישען גענוס דעם מבין.

אונטער אזעלכע אומשטענדען וועט חזנות אין אמעריקא מוזען געהן פון שלעכט צו ערגער, ווייל די קאָנקורענץ וועט באאיינפלוסען די חזנים צו לאָזען זיך געהן אויפ׳ן וועג פון פארבילינונג, זאָ דאָס אמעריקא וועט אָנשטאָט העלפען צו דער אויפבליהונג פון חזנות זיין די אורזאכע פון איהר שנעלער ירידה, אָבוואָהל זי שאפט יעצט א גרויסע מעגליכקייט פאר דער גוטער מאטעריעלער אויפהאלטונג פון חזנים.

די ביליגקייט צייגט זיך שוין אין דער פאָרם ווי חזנים געהען ארום זיך אין זייערע מודעות אין די צייטונגען. עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אז די גרויסע חזנים אין אייראָפּייאישע מדינות אמאָל און זאָגאר היינט, וואָלטען קיינמאָל ניט ערלויבט אזעלכע מודעות וועגען זיך. די חזנים אין אמעריקא וועלען עס אליין צוגעבען. נאָכמעהר, מעהרערע פון זיי וועלען זאָגאר צוגעבען, אז אין אייראָפּא וואָלטען זיי זעלבסט זיך ניט ערלויבט אזעלכע מודעות ווי זיי לאָזען דרוקען וועגען זיך אין אמעריקא.

אמעריקא קען דיענען אלס אויפהאלטס פּלאַץ פאר חזנות נאָך א לאנגע צייט. דער אידישער ישוב וואקסט און ער ווערט וואָס אמאָל מעהר קאָנסערוואטיוו און מעהר שוהל געהעריש, און א חזן איז אן „עטרעקשאן" פאר דעם היגען שוהל־געהער. אָבער עטוואָס מוז געטאָן ווערען אום צו פארזיכערען, אז חזנות אין אמעריקא זאָל לכל הפחות ניט זינקען אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע ווי דער מאטעריעלער צושטאנד פון די אמעריקאנער חזנים שטייגט, ווייל זאָנסט וועלען די לעצטע זיך שנעל איבערצייגען, אז זיי טויטען די הוהן וואָס לייגט דאָס גאָלדענע איי.

דאָס איז א פּראָבלעם וואָס דער חזנים פארבאנד דארף אויף זיך נעהמען צו לייזען. דער חזנים פארבאנד האָט ביז אהער געדארפט פארהיטען פון פארבילינען דעם כבוד החזנות, און ער איז אין א גרויסער מאָס פאראנטוואָרטליך פאר דער אנטוויקלונג פון די שרייערישע מעטאָדען וואָס חזנים באנוצען אין אדווערטייזען זיך און פאר דער פארלעצונג פון דער עטיק וואָס ווערט אָנגעווענדעט פון אנדערע געזאנג קינסטלער, וועלכע פארנעהמען א הויכע שטעלונג, ווען זיי ריידען פון זיך.

דער חזנים פארבאנד דארף אויך עפּעס טאָן פאר דער אויפבליהונג פון חזנ׳אישע ליטעראטור דורך דרוקען אויף זיין חשבון די בעסטע שאפונגען פון די היינטיגע חזנים. א חזנ׳אישע ליטעראטור וועט העלפען צו פארלענגערען דעם קיום פון חזנות, ווייל זי וועט געבען די מעגליכקייט צו די איגנערע חזנים און די חזנים פון דער צוקונפט צו באקענען זיך מיט די אמת׳ע חזנ׳אישע שאפונגען פון אמאָל, אין דער צייט ווען חזנות איז געוועזן אין איהר גלאנץ פון שאפען.

אויב דער יעצטיגער יובילעאום פון חזנים פארבאנד אין אמעריקא זאָל פיהרען צו אן אָנפאנג אין די ביידע אָנגעצייגטע ריכטונגען, וועלען אמעריקאנער חזנים האָבען אורזאכען צו זיין שטאָלץ מעהר ווי מיט אלעם וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן אין די גאנצע דרייסיג יאָהר פון דער עקזיסטענץ פון זייער פארבאנד.

זיינען חזנים נאַראָנים?

א האַלב ערנסטער פעליעטאָן
פון ב. קאָוונער

ווען מען פרעגט מיך: אויב חזנים זיינען נאַראָנים, ענטפער איך: ניין. וויל יענער פאַקטען, גיב איך איהם; אַ דאגה פאַקטען אין אמעריקע!

אַמעריקע האָט מעהר פאַקטען ווי זי קאָן געברויכען.

אויב איך האָב קיין טעות נישט, שיקט נאָך אַמעריקע אַרויס צעהנדליגע שיפען מיט פאַקטען אין אַנדערע לענדער.

מען זאָגט, אז ענגלאנד און איטאַליען און בעלגיען מאַכען אַ לעבען פון אונזערע פאַקטען.

הקצור: אז יענער וויל פאַקטען גיב איך איהם צוויי פאַקטען פאַר איינעם, און איך באַווייז איהם, אַז חזנים זיינען נ י ש ט קיין נאַראָנים.

פאַקט נומער איינס:

ווען חזנים וואָלטען געווען נאַראָנים, וואָלטען זיי נישט געווען קיין חכמים. און אז זיי זיינען חכמים, איז זיכער ווי גאָלד. ווייל אונזערע אידען, וואָס שם׳ען אויף דער וועלט פאַר דעם קליגסטען פאָלק, וואָלטען קיין מאָל נישט אויסגעקליבען אַ נאַר, ער זאָל זיין זייער פארטרעטער פאַר גאָט; זייער שליח ציבור; זיי וואָלטען קיין מאָל נישט אויסגעקליבען אַ נאַר, ער זאָל פאַר זיי תפילה טאָן און אויסבעטען פאַר זיי אַ גוט יאָהר. אַ יאָהר פון געזונד און פרנסה...

אידען האָבען זיך פיינט צו פאַרלאָזען אויף נאַראָנים.

פאַקט נומער צוויי:

ווען חזנים וואָלטען געווען נאַראָנים, וואָלטען אידען נישט געצאָלט צעהן און פופצעהן און פינף און צוואַנציג און פופציג טאָלער פאַר אַ בילעט צו הערען אַ חזן ראָש השנה און יום כפור; ווען חזנים וואָלטען געווען נאַראָנים, וואָלטען זיי נישט געקאָנט ציהען אזוי פיעל מענשען צו זייערע קאָנצערטען.

נאַרישקייט פון אַ נאַר וויל קיינער נישט הערען. ס׳איז גענוג, אז מען הערט זיך אָן נאַרישקייטען פון אונזערע חכמים. נאַרישקייטען, וואָס קיין נאַר אין דער וועלט וואָלט עס נישט געקאָנט אַרויסזאָגען...

אי, פאַר וואָס־זשע זאָגט מען דאָך, אַז אַ חזן איז אַ נאַר? איז ערשטענס זאָגט מען דאָס נישט בלויז אויף אַ חזן אליין, מען זאָגט עס אויף אַ מלמד אויך. און אויף אַ שרייבער אויך...

און וועדליג איך קאָן אונזערע שרייבער, מעג מען זאָגען אויף זיי דאָס וואָס מען זאָגט...

עס וועט נישט זיין איבערטריבען אויף אַ האָר; עס וועט נאָך אפשר אויספעהלען צו דער מאָס...

טאַ פונוואַנען, פון וואָס פאַר אַ קוואַלען קוועלען אַרויס די באַהויפטונגען, אז חזנים זיינען נאַראָנים?

וועל איך אייך ענטפערען:

טאַקע פון די מלמדים און פון די שרייבער.

די נאַרישע מלמדים האָבען אויסגעטראַכט נאַרישע וויצען וועגען חזנים און די נאַרישע שרייבער האָבען די דאָזיגע וויצען פאַרצייכענט.

שפּעטער האָט דאָס פאָלק די דאָזיגע וויצען צוטראָגען אויף טעלערלאַך, און צוגעגעבען א י י ג ע נ ע נאַרישקייטען, און די וויצען זיינען געוואָרען נאָך נאַרישער, נאָך מלמד׳ישער...

איידער מיר געהען ווייטער, וועלען מיר דאָ איבערדערצעהלען עטליכע „וויצען“, וואָס מלמדים האָבען אויסגעטראַכט און שרייבער האָבען פאַרשריבען.

וויץ נומער איינס:

עס ווערט דערצעהלט, אז אַ „באַרבער“ איז געוואָרען א חזן. האָט ער באַקומען א שטעלע ערגעץ אין א קליין שטעדטעל פאַר צוויי הונדערט טאָלער.

שטעהט ער אזוי פאַר׳ן עמוד, דעם טלית איבער׳ן קאָפּ און שאָקעלט זיך ביי דער שטילער שמונה עשרה. פּלוצים פאַרגעסט זיך דער חזן וואו ער געפינט זיך און ער טוט א געשריי: „נעקסט!“

נאָכ׳ן דאַוונען האָט זיך דער חזן פאַרענטפערט: „ער האָט געמיינט, אז ער געפינט זיך אין זיין „באַרבער שאַפּ“.

נו, איז דאָס נישט א מלמד׳אישער וויץ? און אונזערע שרייבער האָבען איהם פאַרצייכענט און איהם, דעם וויץ, פּאָפּולער געמאַכט צווישען אידען.

זיינען אידען א קלוג פאָלק, זאָגען זיי: עס ליגט זיך נישט אויפ׳ן שכל און זיי גלויבען נישט.

וויץ נומער צוויי: א שאופער פון אן אויטאָמאָביל איז געוואָרען א חזן. יום כפור, צו דער עבודה, האָט מען באַמערקט ווי ער שטעלט אַלע ווייל̇ע אַרויס זיין לינקע האַנד פון אונטער׳ן טלית. די אידען האָבען נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט און די באַאמטע האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס...

פאַרשטעהט זיך, אז די שול האָט זיך געטרייסעלט פאַר געלעכטער.

ערשט נאָכ׳ן מוסף, האָט דער חזן ערקלערט דעם סוד: „אז ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אין איהם נישט אריינפאָהרען — — —

וויץ נומער דריי:

א חזן איז יום כפור צו מוסף איינגעשלאָפען ביים עמוד: ער האָט גענומען שנאָרכען מיט א באַריטאָן.

— וועקט איהם אויף! — האָט געדונערט דער פרעזידענט צום שמש — וועקט איהם אויף!

— לאָזט איהם שלאָפען! — האָט דער ערשטער גבאי געבעטען — ער האָט נעבאַך א גאַנצע נאַכט געשפּיעלט א פּינאָקעל!

— מיט וועמען? — האָט דער פּרעזידענט געוואָלט וויסען.

— טאָקע מיט'ן גבאי! — האָט געענטפערט דער צווייטער גבאי.

און דער עולם האָט נאָך שטאַרקער געלאַכט.

וויץ נומער פיער:

א חזן האָט אַמאָל פאַרלאַנגט פון זיינע גבאים, אז זיי זאָלען איהם העכערען זיין שכירות. האָבען איהם די גבאים געפרעגט: פאַרוואָס קומט עס אייך? איהר הערט דען נישט ווי דער עולם לאַכט פון אייך, ווען איהר שטעהט ביים עמוד; ווי מען מאַכט חוזק פון אייך?

— אָט טאָקע דערפאַר — האָט דער חזן געענטפערט — וויל איך האָב אַזעלכע בזיונות, וויל איך א העכערונג. אויב איך האָב נישט קיין כבוד, וויל איך כאָטש, לכל הפּחות, האָבען גרעסערע שכירות...

וויץ נומער פינף:

א חזן איז געפאָהרען דאַווענען אין א שטעדטעל שבת מברכין. דער בעל עגלה האָט נישט געוואוסט, אַז ער פיהרט א חזן. האָט ער איהם ביי יעדען באַרג־אַרויף גע־הייסען אַראָבקריכען פון וואָגען און געהן צופוס.

צוריקוועגס אָבער האָט דער בעל־עגלה געקראָגען בע־סער באַצאָהלט און נישט מטריח געווען דעם חזן אַרונטער־צוקריכען ביי יעדען באַרג.

זיצט זיך דער חזן אין וואָגען ווי א פּריץ און חידוש'ט זיך און ער פרעגט דעם בעל עגלה.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו זיינען דאָס געלעם געוואָרען פאַר איין שבת אַזעלכע בערג?...

נאָך איין וויץ און מיר וועלען ענדיגען אונזער פעליע־טאָן:

א חזן, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט קיין שטים האָט זיך אַמאָל באַריהמט, אַז אדרבה, ער פאַרמאָגט גאָר א גע־וואַלדיגע שטים. והראיה: ווי נאָר ער זינגט אַרויס: „הבוחר בעמו ישראל באהבה“, הויבט באַלד דער עולם אָן צו שרייען: שמע ישראל!“

אָט אַזעלכע נאַרישע וויצען האָבען נאַרישע מלמדים אויסגעטראַכט אויף די חזנים און נאַרישע שרייבער האָבען זיי פאַרשריבען. און דער נאַרישער עולם האָט זיי געלעזען און זיך פאַססמאַקעוועט...

אַך, דער נאַרישער עולם!

נישט בחנם האָט דער גרויסער ה ײ נ ר י ך ה ײ נ ע געזאָגט: „אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן מעהר נאַראָנים ווי מענטשען“. דאָס איז אַזוי אמת ווי דער אמת אַליין. היינע האָט געוואוסט וואָס ער רעדט; ער איז נישט געווען קיין אידישער שרייבער — כאָטש ער האָט געשטאַמט פון אידען.

הייסט עס, אַז חזנים זיינען נישט קיין נאַראָנים?

אויב עס געהט אייך אַזוי אין לעבען, אויב די פראַגע לאָזט אייך נישט רוהען, וועל איך אייך ענטפערען:

חזנים זיינען געגליכען צו — מענשען. און עס ווענדט זיך מיט וועמען דער מענש האַנדעלט און מיט וואָס ער האַנדעלט. האַנדעלט ער מיט זייגערס איז ער א זייגער־מאַכער; האַנדעלט ער מיט ברויט, איז ער א בעקער; האַנדעלט ער מיט פלייש, איז ער א קצב; האַנדעלט ער מיט חכמים, ער איז ער א חכם; האַנדעלט ער מיט נאַ־ראָנים, איז ער — א נאַר...

יאָ, חזנים זיינען געגליכען צו מענשען.

א קאַנטאָר (חזן) וואָס איז געווען דערצו א למדן און א רייכער בעל הבית, האָט איינמאָל אין א געזעלשאַפט פון באַקאַנטע, ווען עס זיינען אויך געווען עטליכע פון זיינע שונאים זיך באַריהמט דאָס צווישען חזנים איז ער א חזן צווישען לומדים איז ער א למדן, און צווישען עשירים איז ער א עושר, „נון, האָבען איהם זיינע שונאים אונטערבראָ־כען, און צווישען הינט“?

— צווישען הינט? האָט דער חזן גלייך געענטפערט, צווישען הינט בין איך יעצט דעם ערשטען מאָל.

פאַרוואָס מוז א חזן האָבען על פּי דין א ווייב?

— ווייל א חזן, ווען ער שטעהט פאַר'ן עמוד, מוז ער האָבען א צעבראָכען האַרץ...

הרב ה"ר פּנחס קאַנטאָר ז"ל, חזן פון קאַנין (פּוילען) האָט אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס זאָגט מען קדיש נאָך מגלת קהלת, רות, שיר השירים, אָבער נאָך מגלת אסתר ניט? דער תירוץ איז ווייל המן האָט ניט איבערגעלאָזען קיין קדיש...

חזנות אין אַמעריקאַ

פון מרדכי דאנצים

איך געדענק צו גוט די פיינע, שאַרפזיניגע דערקלערונג פון תלמוד וועגן דעם, וואָס עס איז געשעהן מיט דער נבואה נאָך חורבן בית המקדש — אַז איך זאָל זיך אריינלאָזען אין ספּעקולאַציעס און פאָראויסזאָגונגען וועגען דער צוקונפט פון חזנות אין אמעריקאַ.

איך וועל אָבער פון דעסטוועגען וואַגען און ביישטעהן די ריזיקע. איך וועל עס טאָן אויף דעם גרונד וואָס די נביאות וועגען דער צוקונפט פון די היגע חזנות איז פון א פיל לייכטערען סאָרט ווי אַנדערע נביאות. יעדער געגענווערטיגע דערשיינונג טראָגט אין זיך די זוימען פאַר צוקונפטיגע דערשיינונגען און געשעהענישען. דאָס איז איבערהויפּט אזוי מיט דעם איצטיגען צושטאַנד פון חזנות. יעדער איינער וואָס באטראכט נאָר מיט אָפענע אויגען, דאָס, וואָס עס קומט פאָר היינטיגען טאָג אין דער חזנות וועלט פון אמעריקאַ, קען לייכט באמערקען די שאָטענס וואָס די איצטיגע געשעהענישען שלאָגען אָפּ פון זיך ווייט פאָראויס.

איך געברויך דאָס וואָרט „שאָטענס" מיט א באזונדערער כונה. איצט איז ליכטיג און לעבעדיג אין דער חזנישער וועלט. חזנות איז אַריין אין דער מאָדע ביי די אידען פון אַמעריקאַ. דער מצב פון די אַלטע חזנים האָט זיך אין די לעצטע עטליכע יאָהר באדייטענד פארבעסערט. די נייע, אריבערגעקומענע חזנים דערלעגען אויך ניט דער באבעם ירושה. יעדער שיף ברענגט צו די היגע ברעגעס פריש צאַפּעלדיגע עמוד־קינסטלער, און יעדער פון זיי געפינט א פּלאַץ, קריגט א שוהל. דאָס וואסער פון אמעריקאַנער אידענטום (עס האָט זיך געבעטען דער אויסדרוק „דאָס מוטנע וואסער") פארשלינגט אַלעס.

אויב מען זאָל וועלען מאַכען דעם איצטיגען ערפאָלג פון חזנות פאַר דעם מאַסשטאַב פאַר'ן אַמעריקאַנעם אידענטום בכלל, וואָלט מען געדאַרפט זאָגען, אַז אידישקייט האָט זיך צובליהט, צואוואַקסען זיך אין דער לענג און ברייט ווי אין קיין אַנדער צייט. חזנות איז היינט ניט נאָר א גלענצענדער ערפאָלג ביים עמוד נאָר אויך אויף דער קאָנצערט־ביהנע. מען געהט אין שוהל הערען דעם חזן זינגען אַלטע טראַדיציאָנעלע תפלות אין וועלכע עס איז איינגעזאַפּט דער צער און יאָמער פון הונדערטער דורות. מען פּאַקט אויך אָן די קאָנצערט זאַלען צו הערען דעם חזן זינגען די „השכיבנו'ס" אָדער „ושמרו" מיט דער באַגלייטונג פון טיעפדעקאָלטירטע פּיאַנאָ־שפּילערינס און ווי ער פאַרבייסט זיי דערנאָך מיט מאַלאָרוסישע ליעדלאַך וועגען „דיעווקאס" און „פּאַרובאָקעס".

יאָ, ס'איז לעבעדיג און פרעהליך אין דער היגער חזנישער וועלט. פאַראַנען חזנים, די אזוי־גערופענע „שטערען" וואָס שאַרען געלד מיט לאָפּעטעס. די מעהרסטע פון זיי זיינען זיכער ניט אימשטאַנד צו בארעכענע זייערע אייגענע פאַרדינסטען, ווייל אזוי ווי זיי זיינען ניט לאַנג אַריבערגעקומען אין דער געבענשטער אמעריקאַ, איז רעכענען זיי נאָך די אמעריקאַנער דאָלאַרס לויט דעם קורס פון די פּוילישע מאַרקען אָדער עסטרייכישע צו אונגאַרישע קראָנען...

און דאָך, איז טאַקע שטיצענדיג זיך אויף דער דאזיגער געגענוואַרטיגער „פּראָספּעריטי" אין היגען חזנות, בין איך גענויגט צו גלויבען, אַז דער חזנים־פאַך שטעהט אויף דער שוועל פון אַ קריזיס.

מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען אָנצודייטען אין אַן אַרטיקעל וועגען חזנות וואָס איז געווען פּאַרעפּענטליכט אין אַ היגען זשורנאַל, אַז די קלענערע, די ווייניגער באַריהמטע חזנים ליידען צוליעב די „בערען" און „לייבען" פון דער היגער חזנים־וועלט, צוליעב די פארשיעדענע „אידישע קארוזאָ'ס", „באַטיסטינים", און אַלערליי אָבערקאַנטאָרען.

אגב, וואָלט איך געוואָלט בעטען אימיצען פון די אויטאָריטעטען צווישען די חזנים, אַז ער זאָל מיר אינפאָרמירען וויפיעל אָבערקאַנטאָרען געפינען זיך למשל אין בודאַפּעסט אָדער אין וויען, אין ווילנא צו אָדעס. אויב איך זאָל גלויבען די אַנאָנסען אין די צייטונגען האָט וויען געהאַט א צוויי מנינים אָבערקאַנטאָרס, בודאַפּעסט א מנין און א האַלב, ווילנא זיבען מנינים און אָדעס א גאַנצע אַרמיי.

דאָס איז אָבער ניט מעהר ווי אגב אורחא, וואָס איך האָב געוואָלט איז בלויז ווידער אַמאָל אונטערשטרייכען, דאָס דער „שטערען־סיסטעם" אין היגער חזנות ברענגט שאָדען די חזנים סיי מאטעריעל און סיי גייסטיג. דער מאַטעריעלער מצב פון דעם רוב חזנים ווערט געמאָסטען לויט די גרויס פאַרדינסטען פון די עטליכע יחידים, און ווען די חזנים באַקלאָגען זיך פאַר דער וועלט, אַז זיי מאַכען קוים א לעבען און ווערען עקספּלאַטירט און בכלל שלעכט באַהאַנדעלט — ווי דער אמת איז — גלויבט מען זיי ניט.

דאָס איז אָבער נאָך א האַלבע צרה. די אורזאַך פון דעם קריזיס, וואָס איך זעה פאַר חזנים אין אמעריקא וועט קומען צוליעב דעם, וואָס דער „שטערען סיסטעם" האָט אין א גרויסרע מאָס דעמאָראַליזירט דעם רוחניות'דיגען ווערטה פון חזנות און ארונטערגעריסען די קדושה, וואָס שוועבט איבער די אַלטע, טראַדיציאָנעלע תפלות און נגונים.

די „שטערען" האָבען אַריבערגעפיהרט די שוהל אין דער קאָנצערט זאַל, עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ קאָנקורענץ צווישען דעם עמוד און דער ביהנע. דער חזן האָט אָנגעהויבען צו דערשיינען פאַר'ן עולם אויך אלס קאָנצערטיסט און אָפטמאָל אלס ביליגער אַקטיאָר, אלס זינגער פון מאַרקליעדלאַך, וואָס זענגלען אונטער דער שעהנער פּאָהן פון

„פאָלקס ליעדער" און פון מאַלאָרוסישע „פיעסניעס". דאָס פיהרט צו דעם, אז דער עולם הויבט אָן ביסלאכוויין צו פארלירען זיין יראת הכבוד פאר דעם שליח צבור, פאַר דעם חזן, וואָס דאַרף ארויפברענגען צום הימעל די תפלות פון דער עדה אויף די פליגלען פון זיין געזאנג.

דער חזן הויבט אָן ווערען א זינגער, א זינגער און ניט מעהר. דערווייל זיינען נאָך די אַלע ליעדלאַך און „פיעס־ניעס" אין דער מאָדע, און מען געהט זיי הערען און מ'צאָהלט גוטע געלד דערפאר. די מאָדע וועט אָבער פאר־שווינדען, זי הויבט שוין אָן צו פארשווינדען און דער סוף וועט זיין, אז דער חזן וועט בלייבען ווי די ווארָאָנע אין דער פאַבעל, וואָס האָט זיך אויסגעפוצט אין די פעדערען פון א פאַווע, ער וועט זיין ניט קיין פאַווע און ניט קיין ווארָאָנע, פון עמוד זיך דערווייטערט און צו דער קאָנצערט־ביהנע ניט דערגרייכט.

איך וויל ניט, אז מען זאָל מיך פארשטעהן, דאָס איך בין געגען דעם, אז מען זאָל זינגען פאָלקסליעדער אָדער אפילו טראַדיציאָנעלע נגינה אויף דער קאָנצערט־ביהנע. צו הערען זינגען א חזן „הבט משמים וראה" אָדער אנדערע תפלות, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט קדושה פון א קאָנצערט־ביהנע אין דער באַגלייטונג פון א האַלב־נאַקעטער מיידעל איז אפילו א חלול השם אין די אויגען פון אַ אידען, וואָס האָט דרך ארץ פאַר רעליגיע. מיר וואָלטען שוין אָבער דאָס פארקוקט, זאָלען עס אָבער אַם ווענינגסטען טאָן מענשען, וואָס „אומנתם בכך", אַזעלכע וואָס האָבען געמאַכט די קאָנצערט־ביהנע פאר זייער באַרוף. צו וועלען אָבער דיענען אי דעם עמוד אי דער ביהנע איז א ביסעל אַ שווערער עסק און דער רעזולטאט איז, אַז דער עמוד הויבט אָן צו ליידען, שטאַרק צו ליידען.

די חזנים וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער צו־קונפט פון חזנות אין אַמעריקאַ וואָלטען זיך וועגען דעם געמעגט ערנסט פארטראַכטען.

שטעהט אמאָל א חזן מיט עטליכע פון זיינע בעלי בתים צווישען וועלכע עס געפינט זיך זיינער א שונא, און פונקט ווען א הונד האָט זיך גענומען האווקען. רופט זיך דער שונא אָן צום חזן:

איהר הערט, חזן, דער הונד וועט נאָך אמאָל שרייען ווי א חזן.

אָבער מיין טהייערער פריינד, רופט זיך גלייך אָן דער חזן, דערווייל שרייט ער נאָך ווי א בעל הבית!

חזנים!

האָבען מיר געהאט א חזן, האָט ער א געשריי געטהאָן, „הבוחן ובודק" האָבען זיך אזש די ענגעלייכטער א טרייסעל געטהאָן...

— און אונזער חזן האָט א געשריי געטהאָן „בקולות וברקים", האָט זיך אזש דער לייכטער מאבער (מינסאנ־זשנאק) אליין א טרייסעל געטהאָן...

— הע, הע, הע, שטעלט זשע זיך פאָר, אז אונזער חזן האָט זיך געשטעלט צו מוסף און געעפענט דאָס מויל „הנני העני ממעש" — איז גלייך פון דער צדקה פושקע ארויס־געשפרונגען א מויז...

צוויי חזנים זיינען אמאָל גערופען געוואָרען פאר א פראָבע אין א שוהל, ווען מען איז צוגעגאנגען צו דעם חזן וועלכען מ'האָט דערווייל געהייסען ווארטען, מיט דער פראגע צי איז ער ניט ברוגז וואָס דער צווייטער חזן דאווענט און ער ניט, האָט ער אויף דעם געענטפערט, אז עס פרעהט מיך זעהר וואָס איך דאווען יעטצט ניט, ווייל ווען איך וואָלט געדאווענט, וואָלט זיך דער צווייטער חזן געוויס געלאכט פון מיר, אזוי אָבער לאַך איך פון איהם. האָט מען אָבער גלייך איבערדערצעהלט דעם צווייטען חזן וועלכער איז ביים עמוד געשטאנען, האָט אויף דעם דער צווייטער חזן געענטפערט: און מיר טהוט גאָר באמת הנאה וואָס איך דאווען אצינד, און ניט דער ערשטער, ווייל ווען דער עריש־טער וואָלט געדאווענט וואָלט מיך פאָזיטיוו געעקעלט ביים הארצען, אזוי אָבער, ווען איך דאווען, בין איך זי־כער, אז עס נודעט איהם ביים הארצען...

א אבל איז אמאָל געגאנגען דאווענען פאר'ן עמוד און עס איז איהם ניט געלונגען, האָט איינער געזאָגט: טאַטע מאַמע קענען נור מאַכען זייערע קינדער פאר יתומים, אָבער ניט פאַר חזנים...

פּנחס מינקאָווסקי

(אויטאָביאָגראַפיע)

פּינחס מינקאָווסקי איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1859 אין שדה לבן (אין רוסישען הייסט די שטאָדט בעלאַיאַ צערקאָוו). מיין פּאָטער מאָטיל גאָדי'ס, איינער פון די שעהנסטע בעלי תפלות צו יענער צייט, איז געווען פינף און פערציג יאָהר חזן אין בית המדרש הגדול אין שדה לבן, און קומט ארויס פון א משפחה פון זיין פּאָטערס זייט פון גדולי התורה און חסידים, און פון זיין מוטערס זייט פון ר׳ יואל ליפּמאַן העללער, דער מחבר פון תוספות יו"ט.

פון מיין קינדהייט אָן בין איך געווען דאָס בעסטע אינגעל אין אַלע חדרים, וואו איך האָב געלערענט. אַלע מלמדים האָבען אויף מיר נביאות געזאָגט, דאָס איך וואקס א גאון אין לערנען און וועל געווים זיין א בארימטער רב. איך האָב אָבער אויך זעהר שעהן געזונגען, און האָב זיך געמאכט זעהר באַליבט ביי די בעלי בתים פונ׳ם בית המדר״ש, אַלע ימים נוראים, דורך די סאָלען וואָס איך פלעג זינגען צווישען די משוררים וואָס האָבען געהאָלפען מיין פּאָטער. אין יענער צייט פלעגען פיעלע חזנים ארומפאָהרען אויף דער וועלט מיט זייערע משוררים און די אידען פון יענע שטעדטלאך פלעגען זיי אויפנעהמען ווי די גרעסטע געסט. עס פלעגען ארומפאָרען ליטווישע מגידים, משולחים פון ישיבות, גבאים פון גוטע אידען נאָך מעמדות און טאקע גוטע אידען אליין. אַלע האָבען געהאַט פאַרשידענע פּובליקומס וואָס האָבען זיי אויפגענומען מיט כבוד. נאָר די גרעסטע געסט זיינען געווען די חזנים וואָס פלעגען ברענגען פרייש׳עס לעבען וואוהין זיי זיינען געקומען, צו אַלע פּאַרטייען. שדה לבן האָט אויך פארנומען א גרויסען פּלאַץ פאר די אַרומרייזענדע חזנים. אַלע חזנים האָבען זעהר חשק געהאַט אוועקצונעמען דעם זיסען אַלט מיט זיך, נאָר מיין פּאָטער האָט גאָר ניט געוואָלט הערען די אַלע גליקען. ער האָט געוואָלט מיר מגדל זיין לתורה. אָבער אין שדה לבן האָט מען מיך געוואָלט לאַדען אין אַלע בתי מדרשים און קלובען צו דאַווגען. דער פּאָטער האָט בשום אופן ניט געלאָזט איך זאָל מיך ארויסשלאָגען פונ׳ם לערנען

נאָך מיין בר מצוה ווערען, האָט מיין פּאָטער מיך אָפּגעלומען פון דעם גרעסטען מלמד, וועלכער האָט ערקלערט דאָס פּיני קאָן שוין אליין לערנען. פּיני האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען אליין אין בית המדרש תלמוד און מגינים, און ווען עס פלעגט מיר עטוואָס קשה זיין פלעג איך ביים דאַוונען פרעגען ר׳ חיים דעם דיין. איך פלעג אויפשטיין 3 דעם זייגער פארטאָג און לויפען אליין אין בית המדרש, וואו דער אַלטער שמש ר׳ יצחק יעקעל פלעגט נעכטיגען און אויפשטעהן אָפּצוריכטען תקון חצות. דער שמש האָט זעהר געהאַלטען פון פּיני׳ן וואָס קומט דער ערשטער אין בית המדרש צו לערנען, פלעגט ער מיר שוין אַלע טאָג צוגרייטען א ניי לעמעל מיט א לעבעל אין דער מיט, פאר א ליכט וואָס האָט געדינט אין בית המדרש פאַר א לייכטער פאר אַלע לומדי תורה ביי דער נאכט. די לעמלאך פלעגען זעהר שמוציג ווערען פון דעם חלב׳דיגען ליכט און מען פלעגט זיי ארומוויקלען מיט שמוציגע פּאַפּיר. דאריבער פלעגט דער שמש צוגרייטען א פרייש לעמעל אַלע טאָג.

איינמאָל אין׳ם חנוכה, ווען דער ערשטער מנין פון מארק אידען האָט געדאַווענט און פּיני איז געזעסען ביי זיין שטענדער און האָט געלערנט בלייבט דער איד וואס האָט געדאַווענט שטעהן נאָך דער שמונה עשרה און די בעלי בתים הויבען זיך אָן איבעררײדען מיט די אויגען און מיט די פינגער, נו, נו, א, אי, און ווארפט אויגען אויף מיר, און שלמה דער פּישער, א פּישער הענדלער, לויפט צו מיר צו מיט די ווערטער: פּיני, דער עולם איז דיך מכבד מיט הלל. — וואָס הייסט מיט הלל? פרעג איך. עס הייסט: זאָלסט אונז זאָגען הלל. — וואס עפּעס אין מיטען דרינען? יעצט לערן איך גאָר, און ס׳איז מיר אזוי טרוקען אין האלז, און דער טאטע וועט זיין ברוגז. — אי וואָס רעדסטו נארישקייטען, ווי אזוי שעמסטו זיך ניט, אָן עדה אידען בעטען דיך זאָלסט זאָגען הלל און דו ווילסט זיי מביש זיין, שעמען מעגסטו זיך... געה און זאָג, גאָט וועט העלפען...

אין קורצען, ער האָט מיך כמעט מיט גוואַלד א נעהם געטאָן, ארויפגעוואָרפען א טלית אויף מיר, דער שמש האָט א קנאַק געטאָן מיטן פּראַלניק און איך שטעה שוין נעבען מיין טאַטענס עמוד. דאָס האַרץ קלאַפּט, די הענד ציטערען. און איך קאָן ניט אָנפאַנגען די ברכה, איך האָב אָבער געמוזט אָנפאַנגען די ברכה. דער עולם האָט באַלד אָנגעפאַנגען מיט קולות וברקים דאָס ערשטע קאַפּיטעל און איך האָב מיך אַביסעל באַרוהיגט און געקומען צו זיך, און גאָט האָט געהאָלפען; איך האָב אָפּגעזאָגט דעם ערשטען הלל אין מיין

לעבען. דער עולם איז צוגעפאלען צו מיר מיט פרעהליכע פנימ׳ער און געדאנקט, און צוזאמענגענומען 10 גילדען, און שלמה דער פישער האט זיי מיר איבערגעגעבען מיט א גרויסען דאנק און געזאגט: „דו פארך, האסט ניט געוואלט זאגען קיין הלל, עס וואלטען זיך געווינשען א סך גרויסע חזנים אזוי שעהן זאגען ווי דו, פארך איינער, האסט געזאגט. א איינגעל בלייבט א איינגעל!“.

דאס איז געוועזן מיין ערשטע תפלה אין שדה לבן. איך האב אבער שוין אלס איינגעל געדאווענט אין באסלעוו, ראדאמישלע און אין זשיטאמירער שוהל, ווען מיין פאטער איז געקומען מיט מיר אויף זיין שוועסטערס חתונה צו זיין פאטער ר׳ גדיא ראש השוחטים אין זשיטאמיר.

מיין שטימע איז געוועזן א זעהר הויכע אלטען שטימע, דער כאראקטער פון א מעצאסאפראנא. מיין פאטער האט מיר געגעבען צוויי לעקציאנען אין סולפעדזשיע, דאס איבריגע האב איך שוין אליין ערלערענט. ווען איך בין אלט געוואָרען 16 יאהר, האט מיך מיין טאטע חתונה געמאכט. מיין אלטען שטימע האט אנגעפאנגען גראב צו ווערען און איבערגעהן אין א טענאר שטימע. אין שדה לבן איז געוועזן דער סטעפעניר בית המדרש — איך וויים ביז היינט ניט די באדייטונג פון סטעפעניר, — האט די קהלה מיך באלד נאך דער חתונה אויפגענומען אלס חזן מיט 4 קערבלאך א וואך, וואס איך דארף באקומען צו דער שיסעל און צוויי קערבלאך א וואך הכנסה וואס האבען מיר פארזיכערט דאס איך וועל געווים האבען. מיין חזנות האט זיך אנגעפאנגען פון פרשת שקלים. איך האב געדאווענט און די אידען האבען זיך באלעקט, נור מיר איז די זאך באלד נמאס געוואָרען. פארבלייבען א בעל תפלה און קיין געלד האב איך ניט געזעהן, געמאכט הכנסה פון שקלים ביז שבת נאך שבועות אכט גילדען... האב איך מיך אויפגעהויבען און אוועקגעפארען צו ניסן בעלזער, דער בארימטסטער אידישער חזן פון יענער צייט, וואס איז דאמאלס געוועזן חזן אין קישעניאָוו, בעסעראביען. די קהלה פון סטעפעניער בית המדרש האט מיר געשריבען א זעהר בייזען בריעף, ווארום איך האב זיי אפגענארט. האב איך זיי געענטפערט: דאס די שמונה ימי מלה וואס איך האב ערהאלטען פאר די 4 חדשים חזנות קאן איך צו יעדער צייט אפשיקען.

איך בין פארבליבען ביי א יאהר אין קישעניאָוו און א קארג יאהר אין בערדיטשעוו, ווען ניסן בעלזער איז איבערגעגאנגען אויף ירוחם׳ס פלאץ נאך בערדיטשעוו. אין משך פון דיזער צייט האט זיך מיין שטימע פיעל שטארקער אנטוויקעלט און איך בין געוואָרען דער בעסטער סאָליסט אין זיין באריהמטען כאָר. אין דער צייט האב איך געהאלטען א דייטשען לעהרער צו שטודירען די שפראך כדי צו לערנען מוזיק אין די דייטשע ביכער. פון ניסין בין איך אוועק נאך קישעניאָוו און אויפגענומען געוואָרען אלס שטאָדט חזן אויף זיין פלאץ. איך בין שוין דאמאלס אלט געוועזן 18 יאהר. אפגעדאווענט ימים נוראים בין איך אוועק נאך אָדעססא אום צו הערען די דאמאלסדיגע באריהמטע אָדעססער חזנים איצי אבראס פון דער שטאָדט סינאגאגע און ניסן בלומענטאל, דער ערשטער רעפארמירטער קאנטאר אין דער בראדיער שוהל, און באזאנדערס צו שטודירען הארמאניע ביי דוד נאוואקאָווסקי, דער דיריגענט פון דעם בראדיער טעמפעל, וועלכער האט דאמאלס אנגעהייבען צו קלינגען אין דרום רוסלאנד פאר א גרויסען מוזיקער. און ווירקליך, איך האב מיט איהם אפגעלערענט דעם ערשטען טייל פון ריכטער׳ס הארמאָני לעהרע און פון מארקס קאמפאזיציאנס לעהרע און נאך אנדערע. נאך דריי יאהר חזנות אין דער אלטער קישעניאָווער שוהל האט זיך געעפענט א קאר־שוהל אין קישעניאָוו און מען האט מיך אויפגענומען אלס ערשטען קאר־קאנטאר אין קישעניאָוו. מיין נאמען האט אנגעהויבען גרוים צו ווערען. אלע שבת פלעגען קישעניאָווער אידען צוברעכען די טירען און די פענסטער. אלע יונגעלייט וואס האבען שוין לאנג געוואלט אנטאן א קאפעליוש און טאקע פארדרייבערען א ציגאר אום שבת, אלע ווייבלאך וועלכע האבען שוין לאנג געוואלט אראפווארפען די טיכלאך פון די קעפ און געהן מיט די האר, האבען זיך צוגעכאפט צו דער נייער קאר־שוהל און די פאנאטישע אידען אין קישעניאָוו האבען מיך באטראכט ווי ירבעם בן נבט וואס איז חוטא ומחטיא את הרבים. עס האט אבער ניט לאנג געדויערט און כערסאן האט מיך באַרופען אין דער שטאָדט שוהל, וועלכע איז איבערגעארבייט געוואָרען אלס קאר־שוהל. אין קישעניאָוו איז געוואָרען הללו בוכים והללו שמחים, די ניי געבאקענע דייטשען האבען געקלאגט, די פאנאטישע אידען אבער האבען זיך זעהר געפרעהט און געמאכט דעם גרויסען ברוך שפטרנו!

נאך ימים נוראים האט דער אינטעליגענטער פארשטעהער פון דער געמיינדע משה ראבינאָוויטש מיר געשיקט נאך וויען צו זולצערען אום מיך ווייטער אויסצובילדען אלס קאר־קאנטאר. אלס מאָדעל האט איהם געדינט דער חזן וועלוועלע שעסטאפאל וואס די כערסאנער געמיינדע האט איהם צוריק מיט יאהרען געשיקט נאך וויען און איז נאכהער געוואָרען זעהר באריהמט אלס וועלוועלע שעסטאפאל. ווען איך בין געקומען נאך וויען איז שוין זולצער געוועזן אלט און פענסיאָנירט און אויף זיין פלאץ איז שוין אויפגענומען געוואָרען קאנטאר זינגער פאן נירענבערג, א געבילדעטער מענש נור אן איינגעבילדעטער נאר, א שונא פון אלע רוסישע חזנים, ווייל זיי האבען איהם אלע אויסגעלאכט אלס דראנגישען חזן. אלזא, האב איך גענומען שטים־בילדונג ביי דעם באריהמטען הויף־פראפעסאר וויקטאר ראטיקאנסקי אין הארמאני, קאנטראפונקט פוגע און קאמפאזיציאנס־לעהרע ביי דעם דירעקטאר פון דער וויענער קאנסערוואטאריע, פראפעסאר ראבערט פוקס.

געקומען צוריק נאך כערסאן מיט פיעלע אייגענע קאמפאזיציאנען, געקראגען א גרויסע אויפנאהמע פון דער געמיינדע, פארבליבען 4 יאהר אויף דער שטעלע און דאן האט מען מיך בארופען נאך לעמבערג אין דעם קאר־טעמפעל. דער טעמפעל האט שטאלצירט מיט זיינע קאנטארען. דארט איז געוועזן פיצי אבראס, יעקב באכמאן און דער לעצטער חזן דארעווסקי. א מוזיק פראפעסאר האט זיי אבער ניט צופרידענגעשטעלט און זיי האבען געמוזט פארלאזען דעם פלאץ. געדאווענט דאס ערשטע מאל פאר א דייטשער געמיינדע, מיט א דייטשען באריהמטען פרעדיגער, ראבינער דר׳ לעווינשטיין, און האב געהאט א גרויסען בייפאל. ווען איך בין געקומען שבת נאך דעם דאווענען אין מיין צימער אין האטעל,

האָב איך געפינען אויף דעם טיש אַ גרויסען טאָרט מיט אַ צוקער־אויפשריפט „וויר גראַטולירען זי צום היעזיגען אָבערקאַנטאָר.“

זיי האָבען מיר גלייך געגעבען אַ דייטשען קאָנטראַקט, מיט אַ שטראָף פון טויזענט גולדען פון ביידע זייטען, ווען מען ברעכט דעם קאָנטראַקט.

איך בין אוועקגעפאָרען נאָך בערסאָן ברייננגען מיין פאַמיליע נאָך לעמבערג דורך אָדעססאַ. נאָך דעם ווי יעקב באַכמאַן איז אוועק פון אָדעסער שטאָדט שוהל נאָך בודאַפּעסט, האָבען מיך די גבאים איינגעלאַדען צו דאַוונען אין דער גרויסער שוהל, מיט דער באַדינגונג, דאָס ווען זיי וועלען מיך אויפנעמען מוזען זיי איבערנעמען דעם פּראָצעס מיט לעמבערג, און באַצאָלען דעם שטראָף. זיי האָבען עס גענומען אויף זיך און נאָך דעם שבת מיך אויפגענומען מיט אַ קאָנטראַקט, און ווירקליך געפיהרט אַ פּראָצעס מיט לעמבערג און באַצאָהלט די שטראָף.

די אדעסער שוהל איז דאַמאָלס געוועזען פול מיט מחלוקת׳ן צווישען צוויי פּאַרטייען, פּיציסטען און באַכמאַניסטען, דורך דעם וואָס אַ קאַפּריזנער גבאי, וואָס האָט זיך צוקריגט מיט פּיצי אבראַס, האָט געבראַכט יעקב באַכמאַן, און די צוויי פענאָמינאַלע חזנים האָבען געפירט אַ רעגולערע מלחמה, און די געמיינדע וועלכע האָט געהאַלטען פּיצי אבראַס 18 יאָהר מיט גרויס כבוד, איז צושפּאַלטען געוואָרען אויף צוויי פּאַרטייען. אויף מיר האָט די מחלוקת געמאַכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק, עס איז געוועזען זעהר שווער זיי צו פאַראייניגען און צופרידענשטעלען.

איך האָב אָנגעפאַנגען זוכען אַן אנדער פּאָסטען. דערווייל איז חזן ישראל קופּער, דער ווילנער חזן, אוועק נאָך אַמעריקאַ. באַקום איך אַן איינלאַדונג פון די גדולי ווילנאַ, צו קומען נאָך ווילנאַ. איך האָב מיר ניט פאַרגעשטעלט. ווייל ליטוויש חזנות און נאָך דערצו אין ירושלים דליטא... האָב איך זיי געענטפערט, דאָס איך קאָן דאַמאָלס אַקצעפּטירען זייער איינלאַדונג, ווען איך זאָל פריי זיין אזוי צי אזוי, דאָס הייסט, ווען איך געפעל ניט איז ניטאָ וואָס צו ריידען, נור אין פאַל איך געפעל יע, זאָלען זיי צו מיר קיין טענות ניט האָבען ווען זיי געפעלען מיר ניט. זיי האָבען מיין באַדינגונג אַקצעפּטירט און איך בין אַוועק נאָך ווילנאַ, וואו די גדולי העיר פון ווילנאַ האָבען מיך אויפגענומען מיט גרויס כבוד. זיי האָבען מיר געוואָלט געבען אַ כתב חזנות מיט דעם גרעסטען געהאַלט צו דער דאַמאָלסדיגער צייט. איך האָב זיי געענטפערט, דאָס איך וועל זיי שיקען אַ ענטפער פון אָדעססאַ. דאָס איז געוועזען פאַר פּרשת־החדש. איך בין געקומען נאָך אָדעססאַ, פאַרגעזעצט מיין גאָטעס־דיענסט ביז זומער, ווען איך האָב ערהאַלטען אַן איינלאַדונג פון עלדרידזש סטריט שוהל „קהל עדת ישורון“ צו קומען נאָך ניו יאָרק אויף חזנות. די עלדרידזש סטריט שוהל איז דאַמאָלס געוועזען די גרעסטע און רייכסטע אָרטאָדאָקסישע שוהל אין אמעריקאַ, דאַמאָלס זיינען געוועזען אין ניו יאָרק זעהר פיעל באַדייטענדע אימפּאָרטירטע חזנים וואָס די געמיינדע האָט זיי אהער געבראַכט, און די געמיינדען האָבען ריוואַליזירט צווישען זיך ווער איז דער בעסטער, נור מיין געמיינדע פלעגט זיך באַריהמען דאָס מינקאָווסקי „ביט“ זיי אלע...

די אידישע פּרעסע, ווי אויך די ענגלישע פּרעסע האָט מיך געשענקט גרויס אויפמערקזאַמקייט. די ענגלישע צייטונגען האָבען געשיקט זייערע רעפּאָרטערס אין שוהל, מיך פאָטאָגראַפירט, און געשריבען אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען: Sweet Singer of Israel.

באַלד זיינען געקומען דעפּוטאַציאָנען פון רעפאָרמירטע טעמפּלען און האָבען מיר פאָרגעלייגט שטעלען אין זייערע טעמפּלען. איך בין אָבער צו טיף ערצויגען אין דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום איך זאָל אויף איין פוס בייטען דאָס אַלטע אידענטום פאַר דאָס נייע ראַדיקאַלע אידענטום וועלכעס איז געבילדעט מעהר אויף עם הארצות ווי אויף געלעהרזאַמקייט. פון ר׳ דוד׳ל טאַלנער׳ס שלש סעודות׳דיגע תורה מיט דער התלהבות, פון זיינע חסידישע צוהערער איבערגעהן צום פּראָסטיגען סוירוויס מיט די איבערגענעהטע תפלות וואָס די קאַלטע ראַבינערס האָבען זיי אויסגעפּרעסט און געמאַכט שפּאָגעל נייע, אַקוראַט ווי איינער צעפּאַרעט זיך אויף דער אייבערשטער באַנק אין שוויץ באָד און שפּרינגט אריין אַ רויטער אַ צעפּאַרעטער אין דער פאַלאָנקע אין דעם געפראָרענעם טייך. אין גרונד גענומען זעה איך אויך יעצט ניט איין דאָס גליק וואָס די רעפאָרם האָט געבראַכט דעם אידענטום. אין גאַנץ אייראָפּאַ האָבען די ערגסטע אַנטיסעמיטען וועניגער פיינט די אָרטאָדאָקסישע אידען איידער די רעפאָרמירטע. אין רוסלאַנד פלעגט דער גרעסטער אנטיסעמיט פּאָביעדאָנאָסצעוו אָפט ערקלערען אויסדריקליך דאָס דער צאַר ניקאָלאַי האָט געגען די פרומע אידען גאָר ניט, זאָנדערן געגען די פרייע אידען. און דאָס האָט אויך מיניסטער וויטע ערקלערט. און אויך אין ווין ווערען פאַרפאָלגט די באַראָניזירטע אידען און אין בערלין ווי אויך אין פאַריז האָט מען פאַרפאָלגט מעהר די טיטולירטע אידען אין דער אדמיניסטראַציע אָדער אין מיליטער. די גאַנצע רעפאָרם איז זייט יאַקאָבסזאָהן באַזירט אויף נעגאַטיווע גרונדען. פּאָזיטיווע האָט זי אבסאָלוט גאָרניט געגעבען.

נאָך דריי יאָהריגען דינסט אין עלדרידזש סטריט שוהל האָט די אָדעססער בראָדער געמיינדע געפייערט דאָס 50־יעהריגע יובילעאום פאַר זייער באַליבטען קאַנטאָר, ניסן בלומענטאַל. האָבען זיי איהם געפרעגט ווער עס קען ערזעצען זיין פּלאַץ? האָט ער זיי געענטפערט: „דער איינציגער ווער עס איז פאָלקאָם ווירדיג צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ איז פּיני מינקאָווסקי, וועלכער איז יעצט חזן אין ניו יאָרק. בלומענטאַל האָט זיך מיט מיר באַקאַנט אין אדעססא ווען איך בין געוועזען חזן אין דער גרויסער סינאַגאָג. די געמיינדע האָט זיך באַלד געווענדעט צו מיר מיט אַן אָנפראַגע, אויב איך וועל אָננעמען אַן איינלאַדונג צ וקומען פאַרנעמען בלומענטאַלס שטעלע. איך האָב ניט אזוי שנעל געענטפערט אויף דער פראַגע. עס איז מיר געוועזען זעהר שווער צו ענטשיידען. פון איין זייט איז דאָ געשטאַנען די געמיינדע וואָס האָט מיך געוואָלט אַקצעפּטירען: די 72טע סט. סינאַגאָגע (וואָס האָט זיך נאָכהער אויפגעלעזט) די 67טע סט. געמיינדע („זכרון אפרים“) וועלכע איז געוואָרען דאַמאָלס זעהר אַ שעהנע און רייכע געמיינדע. און די עלדרידזש סט. שוהל האָט געוויס געוואָלט מיך אנגאַזשירען אויף 5 יאָהר. די געמיינדען האָבען געהאַט נאָך אַ מעלה, זיי זיינען אלע געוועזען אין דעם

גליקליכען לאַנד אמעריקע און אין דער גרעסטער שטאָדט. פון דער אנדערער זייט אָבער איז געשטאַנען די גרויסע געבילדעטע געמיינדע אין דער בראָדער שוהל אין אדעססא מיט איהרע איידעלע און הומאַנע באהאנדלונגען פון איהרע באאמטע, וואו מען פייערט 50־יעהריגע יובילעאומס פון כאָריסטען, שמשים, און פון חזנים דאַרף מען געווים ניט רעדען. קריסטליכע דזשעניטאָרס זיינען דאָרטען דער פערטער דור, עס געהט איבער פונ׳ם איידעם צום זוהן, און דאן צום אייניקעל, צום אוראייניקעל. דער פערסאָנאַל פון אָנגעשטעלטע ווערט באהאנדעלט ווי א משפחה, ניט ווי געוויינליך אָנגעשטעלטע. נו, שטעהט אָבער די שטעלע אין פאָגראָם־לאַנד. נאָך צוויי יאָהר איבערלעגונג האָב איך באַשלאָסען צוריק צו פאָרען נאָך אָדעססא.

אין רוסלאַנד זיינען דאָ צוויי סינאַגאָגען וואָס הייסען בראָדסקי סינאַגאָגען אין רוסישען, איינע איז אין קיעב, וואָס לאַזאַר בראָדסקי, א אידישער מיליאָנער האָט אויסגעבויט אויף זיין רעכענונג, און די אנדערע איז די בראָדער שוהל אין אדעססא, וועלכע האָבען אויסגעבויט בראָדער, אָדער גאַליציאַנער אידען א יאָהר 85 צוריק.

נאָך דעם ווי פעלדמאַרשאַל פון דער קייזערין יעקאַטערינא אין רוסלאַנד, גראַף פאָטיאָמקין, האָט באזיגט די טערקען און אָפגענומען אלע שטעדט נעבען שווארצען ים, און צווישען זיי איז געווען א טערקישער אינזעל חאַדזשיביי, האָבען די רוסען פאַרשטאַנען אַז דער אינזעל קאָן ווערען א גרויסער צענטער פאַר אייראָפעאישען עקספאָרט פון רוסלאַנד און האָבען איינגעלאדען א באַריהמטען פראַנצויזישען ארכיטעקטאָר, גראַף רישעליע, אויף צו בויען די נייע שטאָט. אלע רעליגיאָנען האָט מען געשענקט גאַנצע סקווערס אויף צו בויען זייערע קירכען און שוהלען. צווישען זיי האָט מען אויך געשענקט א גרויסען סקוועער פאַר אלע איהרע רעליגיעזע הייזער אויף רישעליע גאַס. אין די באַפעלקערונג אין גאַליציען, וועלכע איז אימער געווען זעהר אָן אָרעמע, האָט דערהערט דאָס א נייע שטאָדט אדעססא הייבט אָן צו בליהען, האָבען זיי אָנגעפאַנגען פאָהרען נאָך אדעססא. אין גאַליציען איז דאַמאָלס געווען די גלאַנץ פעריאָדע פון קולטור. עס איז געווען די צייט פון נחמן קראַכמאַל, פון ר׳ יצחק ערטער, פון ר׳ שלמה ראַפאַפּאָרט און נאָך גרויסע געלערטע. די גאַליציאַנער אידען וואָס זיינען געקומען נאָך אדעססא מיט פיעל תורה און השכלה האָבען אין אדעססא באַלד געגרינדעט די ערשטע שוהלען פאַר פרעמדע שפּראַכען און געגענשטאַנדען פון גימנאַזיאַל בילדונג. זיי האָבען בייגעוואוינט דעם קולטור קאַמף אין דייטשלאַנד צווישען די אלע גרויסע רעפאָרמירטע רבנים וואו אברהם גייגער, זכריהו פראַנקל, האָלדהיים, קאַלאי און נאָך וועלכע האָבען אי זיך געטראָגען דעם גייסט פון משה מענדעלסאָן און די אידיש־דייטשע סאַלאָנען אין בערלין. דאַגעגען האָבען די נייע אדעססער אידען פון רוסלאַנד אין זיך געטראָג׳ן ענטוועדער דאָס פינסטערנים פון חסידיזמוס, וואָס האָט זי ךדאַמאָלס פאַרשפרייט אין רוסלאַנד דורך די צדיקים פונ׳ם בעל שם׳ס נאָכפאָלגער אָדער א צוזאַמענגעלאָפענער ערב רב פון פרייע עמי הארצים וואו זיי קענען טאָן וואָס זיי ווילען. קאָן מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר א תהום עס איז געווען צווישען די צוויי עלעמענטען. אויך זיינען דיזע אויסלענדישע אידען אממייסטען רייך געוואָרען דורך זייערע פעהיגקייטען און פיהרונג פון זייערע געשעפטען נאָך אלע געזעצען פון בוכפיהרונג און גרויסער איניציאַטיווע, וואָס די רוסישע אידען האָבען עס נישט פאַרשטאַנען. דער רעזולטאַט איז געווען דאָס זיי האָבען זיך זעהר פיינט געקראָגען.

אין יענער צייט איז גראַף סטראָגאַנאָוו — א זעהר הויך געבילדעטער מאַן און ליבעראַל — געווען אדעססער שטאָדט האַלטער און האָט דער אידישער געמיינדע פיעל געלד ערלויבט צו נעמען פון דער שטאָדט קאַסע, אום אויסצובויען די גרויסע שוהל אויף רישעליע גאַס. די שוהל איז פאַרטיג געוואָרען, און אלע פאַרטייען האָבען זיך פאַראייניגט ארום דער שוהל. די פאַראייניגונג האָט ערשט געבראַכט צו א רעגעלמעסיגע מלחמה צווישען די בראָדיער און די רוסישע אידען. בלומענטאַל איז געווען שוהל חזן ביי די בראָדיער אין זייער פריוואַט געדונגענע שוהל. פיצי אבראַס איז אויפגענומען געוואָרען אין דער נייער שוהל ביי די רוסישע אידען. די בראָדיער האָבען אבראַס׳ן ניט געליעבט איבער זיין עם הארצות. די רוסישע האָבען ניט געליעבט בלומענטאַלען איבער זיין בילדונג און פריידענקען. די האָבען געשטעלט אַן אַלטאַר אין מיטען שוהל, די אַנדערע האָבען איהם ביי נאַכט אוועקגעטראָגען. די בראָדיער האָבען געבראַכט א באַריהמטען דייטשען פרעדיגער דר. שוואַבאַכער פון לעמבערג, און די רוסישע אידען האָבען געמאַכט א גרויסען חוזק פון איהם, און די חסידים האָבען איהם גערופען „גוי אשר לא תשמע לשונו“. אין קורצען די בראָדיער האָבען זיך ארומגעזעהן דאָס ס׳איז אוממעגליך צוזאַמען צו לעבען מיט די רוסישע אידען און האָבען פאַר זיך אויף אייגענעם רעכענונג אויפגעבויט א טעמפעל, און זיי האָבען געהאַט זייער בלומענטאַל׳ן אַלס חזן, זייער דר. שוואַבאַכער אַלס פרעדיגער און באַזאָנדערס זייערע פאַרשטעהער און מענער פון דער העכסטער קולטור, לומדי תורה און קענער פון מעהרערע שפּראַכען. אין יעדער הויז איז געווען א ביבליאָטעק פון מעהרערע שפּראַכען און וויסענשאַפט.

אין דער סינאַגאָג האָט געהערשט א פיינע אונגעצוואונגענע דיסציפלין. דורך בלומענטאַל׳ס חזנות און שוואַבאַכער׳ס רבנות איז די בראָדיער שוהל געוואָרען א קוואַל פון אלע רוסישע אידישע געמיינדען. צווישען די קאַזיאָנע רבנים אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געווען מעהר רעגירונגס באאמטע איידער אידישע, האָבען זיך געבילדעט פרעדיגער ווי דר. דראַבקין אין פעטערסבורג, ווי דר. מינאָר אין מאָסקווא און אזוי אין פיעלע אנדערע שטעדט. דער מאָדעל איז געווען שוואַבאַכער. פון אלע אידישע געמיינדען זיינען די חזנים געפאָהרען קיין אָדעססא הערען בלומענטאַל׳ן ווי איידעל ער זינגט, און נעמען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען. אלע דיריזשאָרען פון רוסלאַנד זיינען געפאָרען נאָך אדעססא הערען ווי א כאָר פון 30 אָדער 40 פּערזאָנען זינגען אזוי צויבערהאַפט שעהן, אונטער דער לייטונג פון דוד נאָוואַקאָפסקי. אלע גבאים פון די רוסישע שוהלען פלעגען קומען זיך לערנען אָרדנונג פון דער בראָדיער שוהל. און אין דיזער שוהל בין איך באַרופען געוואָרען. אין רוסלאַנד זיינען דאַמאָלס געווען פיעלע חזנים, נור מ׳האָט מיר גע־

שריבען: „ביז איהר וועט אונז ניט אָפּזאָגען, וועלען מיר קיין אַנדער חזן ניט אויפנעמען“. איך האָב זיך דאָך געשראָקען פאַר די רוסישע פּאָגראָמען. בין איך אַליין געפאָרען נאָך אדעססא. דאָ האָט מיר א געמיינדע געוואָלט געבען א קאָנדיציאָנעלען אַגרימענט, דאָס הייסט, אין פאַל רוסלאַנד געפעלט מיר ניט און איך קום צוריק, דאַרף איך ביי זיי בלייבען (מיר שיינט די געמיינדע איז געווען פון דער 72 שוהל). איך האָב דאָס ניט אָנגענומען. נאָר די 72 געמיינדע האָט איינגעלאַדען מיין פרוי צו זיי אין שוהל און איהר געגעבען א שעהנעם פּלאַץ, מיט דער האָפנונג דאָס איך וועל באַלד זיכער צוריק קומען. און שמיני עצרת אָבענד האָב איך ערהאַלטען א טעלעגראמע פון דער קאָנגרעגיישאַן: „איינשטימיג געוועהלט“.

מיין ערשטע תפלה אין אַדעססא איז געווען „שבת נחמו“. קיין אמעריקאנישע געמיינדע, קיין אמעריקאנישער חזן, קיין אמעריקאַנישער ראבינער קאָן ניט באגרייפען די באדייטונג פון מיין ערשטער תפלה אין דער בראָדיער שוהל. אַן אינטעליגענטע געמיינדע האָט געלעבט 52 יאָהר מיט איין חזן בלומענטאַל, מיט א פארגעטערטען בלומענטאַל אַלס חזן און אַלס פילאָזאָף, און יעצט זיינען זיי געצוואונגען זיך צו שיידען מיט איהם און איבערטראָגען זייערע געפיהלען צו א נייער פּערזאָן אויך אויף אייביג! מען איז געווען נערוועז, די פאָרשטעהער, נאָוואקאָווסקי, דער כאָר, די שמשים, אַלע מיינע אַלטע פריינד.. נאָר דער איינציגער וואָס איז געווען וועניגער נערוועז פון אַלע איז געווען — איך אַליין. אין די צוויי יאָהר וואָס איך האָב זיך איבערלעגט צו פאָרען אָדער נישט, האָט מיך מעהר פון אַלעם באַשעפטיגט די פראַגע: אויב איך באזיץ גענוג שטאָף צו זיין דער ווירדיגער נאָכפאָלגער נאָך בלומענטאַל. איך בין געקומען צום באַשלוס אַז איך באַזיץ די נויטיגע פעהיגקייטען דאצו, נור עס מוז נעמען צייט. ויהי כן. איך האָב פארבראכט 30 יאָהר אין דער בראָדיער שוהל צוזאמען מיט נאָוואקאָווסקי. מיר האָבען זיך ביידע אנטוויקעלט איינער נעבען דעם צווייטען און איינגעפיהרט א גאָטעס־דיענסט וועלכער איז געווען א מאָדעל פאַר גאַנץ אייראָפּא. מיר האָבען נישט אריינגעשלעפּט אין דער סינאגאָגא קירכען שיריים, אָדער לימאָנאדען מוזיק מיט קאדענצען פון די איטאַליענישע אָפּערא, ווי עס טוען אין אמעריקא די רעפאָרמירטע געמיינדען פון איין זייט און די אָרטאָדאָקסען פון דער אנדערער זייט, וועלכעם הייסט דעפאָרם. מיר האָבען איינגעפירט אָרגאַן מיט דאַמען כאָר און רעפאָרמירט מוזיקאַליש די אַלטע נוסחאות אונזערע אַזוי, דאָס די אידען האָבען געזאָגט: ווען מען וויל הערען א אידישען רעפאָרמירטען גאָטעס־דיענסט, דאַרף מען געהן אין דעם בראָדיער טעמפעל. אַלע פראָפעסאָרען פון דעם אוניווערסיטעט, אַלע פראָפעסאָרען פון דער קייזערליכער קאָנסערוואַטאָריע, אַלע איטאַליעניש און רוסישע ארטיסטען פון דער אָפּערא, אַלע פלעגען באַזוכען דעם גאָטעס־דיענסט.

אַלע אדעססער גענעראַל גובערנאטאָרען, ווי אויך פּרינץ פון אַלדענבורג מיט זיין פרוי, די שוועסטער פון אַלעקסאנדער דער דריטער, האָבען זיך זעלבסט איינגעלאדען צו איין גאָטעס־דיענסט און זיינען געווען אנטציקט.

עס האָט זיך געגרינדעט אין אדעססא א אידישער קאָנסערוואטירום וואוהין איך בין איינגעלאַדען געוואָרען אַלס פראָפעסאָר פון אידישער מוזיק און לעקטאָר פון אַלגעמיינער מוזיק היסטאָריע.

עס איז געגרינדעט געוואָרען א מוזיק געזעלשאַפט „הזמיר“, אין וועלכער עס האָבען זיך באטייליגט אַלע אידישע שריפטשטעלער, ווי ביאַליק, טשערניחאָווסקי, ראַווניצקי, דר. קויפמאן און נאָך אַנדערע. איך בין געוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט און האָב אויפגעפירט פיעלע קאָנצערטען ביי וועלכע עס זיינען אנוועזענד געווען פיעלע אָנגעזעהנע פּערזאָנען. איך בין געווען טעטיג אין דער געזעלשאפט תרבות, וועמעס אויפגאַבע איז געווען צו שטיצען העברעאישע שוהלען און לעהרער. און ווען די בראָדיער שוהל האָט געפייערט מיין 25 יאָהריגען יובילעאום מיט גרויס עהרע און מיט פיעל געלד האָבען זיך די אַלע געזעלשאפטען אין דער אונטערנעמונג באַטייליגט. איך האָב פארפאסט פיעלע קאָמפּאָזיציאָנען, וועלכע זיינען געזונגען געוואָרען אין פיעלע טעמפּלען אין רוסלאַנד. איך האָב אויך פּיעל ליטעראַרישע ווערק פארפאסט אין דער דייטשער פּרעסע אין וויען ווי אויך אין בראָשורען, וועלכע באהאַנדלען די אידישע ליטורגיע און מוזיק. איך האָב געלעזען פיעלע לעקציעס איבער דער העברעאישער שפּראך אין דעם פאראיין חובבי שפת עבר אין אדעססא. א העברעאישער ספר פון "פּרקים בשיר" ווערט יעצט געדרוקט אין בערלין אין דער געזעלשאפט „דבור“ אין דער דרוקעריי מוריה פון ביאַליק. איך האָב אויך א סדור פון מוזיק פארטיג צום דרוקען.

די וועלט מלחמה און די רוסישע רעוואָלוציאָן, צוזאמען מיט פאַמיליען פארהעלטניסע האָבען מיך א שליידער געטאָן נאָך אמעריקא, וואו איך בין שוין דאָ א יאָהר, און האָב געזונגען אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, שיקאַגאָ, באָסטאָן, דעטראָיט און אין נאָך אַנדערע קלענערע שטעט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג און געלעזען מוזיקאַליש־היסטאָרישע לעקציאָנען אין דעטראָיט און שיקאַגאָ פאַר אַן אודיענץ פון לעהרער און אין ניו יאָרק פאַר דער קאַנטאָרען אַסאָסיאיישאַן, וועלכע האָט מיך איינשטימיג ערוועהלט אלס עהרען פּרעזידענט פון אַלע אמעריקאנישע און קאַנאַדישע חזנים און אלס סאָליסט אין דעם געשיכטליכען מאָנסטער קאָנצערט. איך בין דערפאַר זעהר דאַנקבאַר. מיט דער האָפנונג נאָך ווייטער צו קענען ווירקען אויף דיעזען געביט, צייכען איך מיט האַכטונג מיין נאָמען,

ניו יאָרק, 1טער יאַנואַר, 1924.

אין דער צייט וואָס מיר געהען צום דרוק קומט אונז אָן די שרעקליכע בשורה וועגען הזן מינקאָווסקי׳ס פּטירה. אונזער גאנצער יום׳ טוב איז צושטערט געוואָרען. מיר פיהלען אז מיר האָבען אָנגעוואוירען דעם קעניג... און דאָס טרויעריגע דערביי איז וואָס עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיין פלאַץ קענען פאַרנעהמען.

באָסטאָן האָט חזן מינקאָווסקי׳ן געגעבען א גרויסע לויה; צעהנדליגע טויזענדער נויאָרקער אידען האָבען איהם צוגעטיילט כבוד אין נויאָרק, און פילאדעלפיער אידען זיינען געקומען אין גרויסע מאסען איהם צו באגלייטען צו זיין עוויגער רוה.

עס איז דאָ ווערטה איבערצודרוקען די עלעדזשיע וואָס דער גרויסער דיכטער פּראָפעסאָר ג. זעליקאָוויץ פון „טאַגעבלאַט“ האָט געדרוקט וועגען איהם:

וזאת לפנחס

אל תגידו כי פנחס המנגן מת,
כי בלע הקבר גם את זמרתו.
אל תספדו פנחס גוע בלא עת —
והמות כבה אור נשמתו.

הקבר לא ינתק מיתרי כנורו,
זמרתו לא טמונה שם בגיא.
לנצח ירנן, לעולם יהיל אורו—
חי המנגן, כי שירו עוד חי.

ג. זעליקאָוויץ

ברוך שור ז״ל

דער חזן פון דער לעמבערגער שטאָדטישער שוהל, דער מחבר פון „בכור שור״, על התורה „ויתרון לחכמה״ על קהלו.

צו זיין 100 יאָהריגען געבורטסטאג.

פון שלום פערלמוטער

עס זיינען פאראַן חזנים, וועלכע נעמען אָן דעם צוהערער זאנפט ביי דער נשמה, טייטשען אויס א תפלה, זינגען אן אריא אָדער א קאָמפּאָזיציע, און מיט זייערע שטילע, אנגענעהמע טענער בארוהיגען זיי דעם מח פון דעם צוהערער, פיהרען איהם אריין אין א מין אטמאָספערע, אז עס דאכט זיך איהם אויס, אז ער איז ערגעץ גאַנץ הויך אויף שפּיציגע בערג פון דעם עולם הדמיון, וואו די געהויבענע נשמות בויען זייערע נעסטען. א נייע הויט ווערט אויף דעם צוהערער ארויפגעצויגען, פרייד און טרויער מישען זיך אויס אין זיין געמיט, ער באקומט עפּעס א פונק פון א נשמה יתרה, און ער הויבט אָן באַטראַכטען די וועלט און די מענשען מיט אויגען פון באַריהמטע קינסטלער, און מיט דעם גייסט פון פּאָעטען.

עס זיינען אָבער אויך פאראַן חזנים און טאַקע אויך פון די גאָר גרויסע, וועלכע מוזען מיטשלעפּען דעם צוהערער אין זייער עולם הדמיון ווי מיט געוואַלד, זייערע תפלות און קאָמפּאָזיציעס זיינען צו שאַרף פאַר דעם צוהערער, זייערע שטימען זיינען צו גרויס, און דער צוהערער מוז זיך גוט אָנשטרענגען, איידער ער הויבט אָן צו געניסען און צו פיהלען דעם ריכטיגען טעם.

ברוך שור האָט באַלאַנגט צו דעם ערשטען מין חזנים; מיט זיין אויסטייטשען אַ תפלה, איז ער אזוי טיעף אריינגעקראָכען אין דער אידישער נשמה, אַז אפילו די יעניגע, וועלכע האָבען ניט פאַרשטאַנען קיין פירוש המילות, האָבען אויך געפיהלט און פאַרשטאַנען דעם אידישען צער, די אידישע ליידען, און די אידישע פריידען, און דערפאַר איז זיין נאָמען געווען דער פּאָפּולערסטער צווישען אַלע חזנים און אידישע מוזיקער אין גאַליציען. די חזנים און מוזיקער פון זיין צייט פלעגען מיט דעם גרעסטען יראת הכבוד זיין נאָמען דערמאָנען.

זעהר אינטערעסאַנט און פול מיט די שעהנסטע עראינערונגען זיינען די יאָהרען, וואָס ברוך שור האָט פאַרבראַכט אַלס חזן פון דער לעמבערגער, שטאָדטישער שוהל. מעהר ווי פיערציג יאָהר איז ער דאָרט ביים עמוד געשטאַנען, און די גרעסטע קריסטליכע מבינים און מוזיק ארטיסטען, צווישען זיי גענעראַלען, פרינצען און גראַפען, פלעגען קיינמאָל ניט פאַרפעהלען צו באַזוכען צו „כל נדרי״, די לעמבערגער שטאָדטישע שוהל און הערען זיין אידישע נגינה.

איך וואָלט אייגענטליך באדאַרפט אָנפאַנגען זיין ביאָגראַפיע ביי זיין שטאַרבען, דאָרט וואו ביאָגראַפיעס ענדיגען זיך געוועהנליך, ווייל גאַנץ נאָהענט בין איך מיט איהם ערשט באַקאַנט געוואָרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין א משך פון הונדערט יאָהר זייט ברוך שור איז געבוירען געוואָרען, וועט זיין אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען זיין קאַריערע פון אָנפאַנג.

ברוך שור איז געבוירען געוואָרען אין לעמבערג, גאַליציען, אין דעם יאָהר 1823, זיין פאָטער חיים משה שור, וועלכער איז געווען אַן אייניקעל פון דעם „תבואות שור״, איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ריזשענער חסיד. ער האָט זיין ברוך׳ל ערצויגען על התורה ועל העבודה, זיין מאַמע חיה יוטא האָט געהאנדעלט און מפרנס געווען דאָס הויז, און זיין פאָטער איז מיט איהם געזעסען יום ולילה און געלערנט מיט דער האָפנונג, אז ער וועט פון איהם מאַכען א רב.

אַלס אינגעל האָט ברוך שור זעהר גע׳שם׳ט מיט זיין לערנען און זינגען זמירות אויף חסידישע שמחות. ער האָט געהאַט אַ זעהר שעהן אַלט שטימעלע, און האָט באַקומען אַלץ מעהר נייגונג צו מוזיק און זינגען.

ווען ער איז אַלט געוואָרען 9 יאָהר, איז ער אָנגעקומען אַלס משורר ביי ר׳ בצלאל אָדעסער, וועלכער איז גראָד צו יענער צייט פאַרבייגעפאָהרען לעמבערג, און מיט צוויי יאָהר שפּעטער, האָט ער שוין געזונגען ביי ירוחם הקטן, צוזאַמען מיט פיישע כאַטינער, וועלכער איז געווען אין די לעצטערע יאָהרען חזן אין וויען.

זיינע מוזיקאַלישע אמביציעס האָבען זיך אָנגעהויבען אין איהם צו אנטוויקלען, און זיצענדיג דעם גאַנצען טאָג און לערנענדיג אין בית המדרש שטיבעל, האָבען אין זיינע אויערען שטענדיג געקלונגען טענער, וועלכע ער האָט געדענקט, אז זיי וואָלטען געווען זעהר פאַסענד פאַר דוד המלך׳ס תהלים, — פונקט אזוי האָט דוד המלך געזונגען זיין תהלים האָט ער זיך תמיד פאָרגעשטעלט.

ווען ברוך שור איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, האָט ער צו זיין בר מצוה צום ערשטען מאָל אליין געדאַווענט פאַר׳ן עמוד אין דער לעמבערגער שטאָדטישער שוהל. זיין בייפאל איז געווען אַזוי גרויס, אַז זייט יענעם טאָג האָט איהם געצויגען אין דער גרויסער וועלט צו שטודירען און אויפטאָן עטוואָס גרויסעס אין דער וועלט פון חזנות.

מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, ווען ער האָט געזונגען ביי א חזן אין יאַססי, (רומעניען), האָט די דאָרטיגע געמיינדע אַיינגעזעהן, אז זייער יונגער, באַגאַבטער משורר איז געבוירען געוואָרען צו עפּעס גרעסערעס און דער ראש הקהל פון דער יאַססי׳ער געמיינדע, וועלכע איז געווען זעהר א

רייכער איד האָט זיך זעהר שטאַרק פאַרליעבט אין ברוך שור'ס זיסע נגינה, ער האָט זיך באַלד פאַראינטערעסירט אין איהם, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם חתונה געמאַכט מיט זיין טאָכטער און איהם גענומען פאַר אַן איידים, האָט ער איהם אויף זיין חשבון געשיקט שטודירען מוזיק ביי די בעסטע פּראָפעסאָרען פון יענער צייט.

פאַר דעם יונגען משורר האָט זיך באַלד געעפענט אַ נייע וועלט פון מוזיקאַלישער וויסענשאַפט. ער האָט טאָג און נאַכט געלערנט מוזיק, און האָט באַלד געמאַכט זעהר אַ גרויסען פאָרשריט אין דער מוזיקאַלישער וועלט.

ווען ער איז אַלט געוואָרען 18 יאָהר, האָט ער אָנגעשריבען זיינע „סליחות", פון וועלכע זיין „לכו נרננה" איז געוועזן זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע. ער האָט אָבער זיינע סליחות צום ערשטען מאָל געזונגען ערשט מיט 5 יאָהר שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען חזן אין „כאָטין", רוסלאַנד. (ער איז שוין דאַמאָלס 23 יאָהר אַלט געוועזן), און זיי האָבען געהאַט זעהר אַ גרויסען מאָראַלישען ערפאָלג.

אין דעם יאָהר 1848, האָט ברוך שור פאַרלאָזען כאָטין און איז געוואָרען חזן אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, און מיט דריי יאָהר שפּעטער, אינ'ם יאָהר 1851, האָט איהם זיין שווער צוריקגעבראַכט קיין יאַססי, (רומעניען) וואו ער איז געוואָרען חזן אין דער אייגענער שוהל, וואו ער איז געוועזן אַ משורר. אין יאַססי האָט ער געשאַפען זיינע בעסטע קאָמפּאָזיציעס, און דער נאָמען ברוך שור האָט מרעיש עולם געוועזן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען ברוך שור אַראָפּגעבראַכט קיין בודאַפּעסט, (אונגאַרן) און ער איז געוואָרען חזן אין דעם „רמב'ם טעמפּעל", אין דעם אייגענעם טעמפּעל, וואו יעקב באַכמאַן איז געוועזן חזן. די חזנות שטעלע אין יענעם טעמפּעל איז באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ גרויסען כבוד, פאַר יעדען חזן, וואָס האָט דאָרט געדאַווענט.

אין בודאַפּעסט האָט ברוך שור געשאַפען זיין באַריהמטען „אמנם כן", „עוד יזכר לנו אהבת איתן אדוננו" און די „עבודה", און אין יאָהר 1859, האָט מען איהם געבראַכט קיין לעמבערג וואו ער איז געוואָרען דער חזן פון דער שטאָדטישער שוהל. אין דעם משך פון די ערשטע איין און דרייסיג יאָהר, וואָס ער איז געשטאַנען פאַר דעם עמוד פון דער לעמבערגער שטאָדטישער שוהל האָט ער געשאַפען זיינע „קנות", „מלכיות, זכרונות שופרות" און נאָך אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען, וואָס האָבען איהם באַריהמט געמאַכט.

אינ'ם יאָהר 1890 האָט ער אָנגעשריבען אַן אָפּערעטע פאַר דעם לעמבערגער אידישען טעאַטער „שמשון הגבור" און דאָס האָט געבראַכט צו אַ מחלוקת צווישען ברוך שור און די אידישע קהלה אין לעמבערג. און אָט וואָס עס איז געשעהן.

אַ מאָל אין אַ נאַכט, ווען מ'האָט אין אידישען טעאַטער געשפּיעלט זיין „שמשון הגבור", איז ברוך שור געגאַנגען זעהן די פאָרשטעלונג. ווען דער עולם האָט איהם דערזעהן אין טעאַטער, האָבען זיי מיט גרויסע אָוואַציעס אויסגעדריקט זייער אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו זייער באַליעבטען חזן פאַר זיינע אמת אידישע מוזיק. די אָפּלאָדיסמענטען זיינען געוועזן אַזוי גרויס, אַז אונזער באַליעבטע רעגינאַ פּראַגער, וועלכע האָט געשפּילט פּרימאַדאָנע „דלילה" אין יענעם שטיק, איז געוועזן געצוואונגען אָנצונעהמען דעם חזן ביי דער האַנד און האָט איהם אַרויסגעפיהרט אויף דער ביהנע, אַז ער זאָל זיך פאַרנויגען פאַר'ן פּובליקום. דאָס האָט זעהר שטאַרק אויפגעבראַכט די בעלי בתים פון שוהל, און דער לעמבערגער רב, ר' איצעניו עטטינגער האָט איהם פאַר דעם חטא באַשטראָפט, אַז ער זאָל גאַנצע 4 וואָכען נישט צוגעהן צום עמוד.

ברוך שור האָט אָבער די בושה ניט געקענט אַריבערטראָגען, און ער האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען די שטאָדטישע שוהל. די בעלי בתים האָבען איהם אָבער ניט געוואָלט באַפרייען, ביז ער וועט ניט אונטערשרייבען, אַז ער וועט מעהר ניט האָבען קיין פאָדערונגען צו דער חזנות־שטעלע אין יענער שוהל. ברוך שור האָט דעם פאַרלאַנג נאָכגעגעבען, און איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ, און די לעמבערגער שטאָדטישע שוהל איז געבליבען אָהן אַ חזן.

אין דעם זומער פון דעם יאָהר 1891, איז ברוך שור געקומען קיין אמעריקא, און איז אויפגענומען געוואָרען אַלס חזן אין דער אַטאָרני סטריט שוהל, „חברה מגן אברהם אנשי דוקלא", דאָס איז געוועזן אַ פּאָר וואָכען פאַר תשעה באב, און האָט צום ערשטען מאָל פאַר די אַמעריקאַנער אידען געזאָגט „קינות", מ'האָט איהם זעהר גרויס אַנאָנסירט, און כמעט אַלע חזנים און די גרעסטע מבינים אויף מוזיק זיינען געקומען הערען דעם גאַליציאַנער חזן.

ווען ברוך שורר האָט אָבגעזונגען זיין באַריהמטע קאָמפּאָזיציע „אָז בהלוך ירמיהו על קברי אבות" האָבען אַלע איינגעשטימט, אַז אַזוינס האָט נאָך אַמעריקאַ ניט געהערט. ער האָט די שטעלע אין אַטאָרני סטריט שוהל אָנגעהאַלטען 5 יאָהר, און אויף דעם פאַרלאַנג פון דער לעמבערגער קהלה, וועלכע האָט געשיקט אַ ספּעציעלע קאָמיטע קיין אַמעריקאַ נאָך איהם, האָט ער באַשלאָסען צוריקצופאָהרען קיין לעמבערג. די בעלי בתים פון שוהל האָבען איהם געוואָלט געבען אַ לעבענסלענגליכען קאָנטראַקט כדי ער זאָל ניט צוריקפאָהרען. דריי מאָל האָט מען זיינע זאַכען פון שיף אַראָבגענומען און דער סוף איז געוועזן, אַז ער איז צוריקגעפאָהרען קיין לעמבערג און איז ווידער געוואָרען חזן פון דער שטאָדטישער שוהל.

מיט זיבען יאָהר שפּעטער, ווען ברוך שור איז שוין אַלט געוועזן 81 יאָהר, איז ער אחרון של פּסח, תרס"ד, אין דער אייגענער שוהל, און ביי דעם אייגענעם עמוד וואו ער האָט צו זיין בר מצוה צום ערשטען מאָל געדאַווענט, געשטאָרבען אויף די הענד פון דעם שרייבער פון דיעזען אַרטיקעל.

אַ גאַנץ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדיענען די לעצטע צוויי טעג פון ברוך שור'ס לעבען. שביעי של פּסח תרס"ד האָט ער געדאַווענט אין דער „קבי עתים" שוהל מיט אַזאַ התלהבות און מיט אַזוי פיעל מתיקות, אַז ווען דער עולם איז פון שוהל אַרויס האָבען אַלע מסכים געוועזן, אַז אַזוי גוט דאַווענען האָבען זיי ברוך שור'ן קיינמאָל ניט געהערט.

און אחרון של פּסח תרס"ד אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס ער איז געשטאָרבען, האָט ער געדאַווענט צום לעצטען

מאָל אין דער שטאָדטישער שוהל מיט א דאָפּעלטען כאָר. ער האָט צוזאמענגערופען אַלע מישוררים, וועלכע האָבען ביי איהם אַמאָל געזונגען גלייך ווי ער וואָלט געוואוסט, אז דאָס זיינען זיינע לעצטע תפלות. די מעשה דערפון איז אזוי געווען:

דאָס לעמבערגער פּויליש טעאטער האָט אין יענער צייט אראָפּגעבראַכט פון וויען א באריהמטען אָפּערא זינגער, צו גאַסטראָלירען אין פארשידענע אָפּערעס. דער נאָמען פונ׳ם זינגער איז געווען „ראָוונער“, א איד, א לעמבערגער, וואָס האָט אלס קינד געזונגען ביי ברוך שור. דער דאָזיגער „ראָוונער“ האָט געלאָזט וויסען ברוך שור, אַז אחרון של פּסח וועט ער קומען אין שוהל איהם הערען דאווגען, און צוליעב דעם יום טוב האָט זיך ברוך שור שטאַרק צוגעגרייט.

די שוהל איז יענעם טאָג געווען געפּאקט מיט הונדערטער מענשען, וועלכע זיינען געקומען הערען זייער באליעבטען חזן און זעהן דעם גרויסען גאַסט. ברוך שור האָט מיט זיינע תפלות אין יענעם טאָג פּשוט מרעיש עולם געווען. אין מיין לעבען, וועל איך ניט פאַרגעסען די התלהבות און דאָס מתיקות פון ברוך שור׳ס קאָמפּאָזיציעס אין יענעם אחרון של פּסח. און מיט דעם זעלבען פייער, וואָס ער האָט אָבגעדאַווענט „שחרית“ האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט דאווגען „מוסף“, נאָכדעם וואָס ער האָט אָבגעזונגען „אב הרחמים“, „קדיש“ און די „קדושה“, האָט ער אָנגעפאַנגען זיין לעצטע קאָמפּאָזיציע „ומפּני חטאינו“, אָבער ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „אבינו מלכנו גלה“ האָט ער זיך אַזוי אָנגעשטרענגט, אז עס האָט איהם געפּלאַצט דאָס הארץ און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען בקדושה ובטהרה.

זיין לויה, וועלכע איז געווען דעם ערשטען טאָג נאָך פּסח איז געווען די גרעסטע, וואָס לעמבערג האָט אַמאָל געזעהן, און דער לעמבערגער רב ר׳ יצחק שמעלקעס, וועלכער איז געווען דער ערשטער איהם מספּיד צו זיין האָט אָנגעפאַנגען זיין הספּד „ברוך מקדש שמו ברבים“.

ברוך שור איז ניט נאָר געווען א גרויסער חזן נאָר אויך אַ גרויסער למדן. ער איז געווען דער מחבר פון צוויי ספרים „בכור שור“ על התורה און „יתרון לחכמה“ על קהלת. ער איז אויך געווען א גרויסער בעל צדקה. און דעם צווייטען סעפּטעמבער, 1891, ווען דער חזנים פאַרבאַנד אין אַמעריקאַ האָט זיך געגרינדעט איז ברוך שור געוועזען איינער פון די גרינדער. ער האָט געהאט זעקס זיהן, וועלכע זיינען אַלע געווען חזנים. משה שור אין סעגידין, (אונגארן) דוד שור אין קלינטאָן סטריט שוהל, ניו יאָרק, ישראל שור, טעמפּעל איזראַעל, ברוקלין, וועלכער האָט ארויסגעגעבען אין תרס״ו די תפלות פון ימים נוראים מיט דעם נאָמען „נגנות ברוך שור“, מאיר שור אויך אין אונגאַרן, יעקב שור, כאָר דיריגענט אין ניו יאָרק, און מאָטעל שור, וועלכער פאַרנעמט נאָך היינט דעם פּלאַץ פון זיין טאַטען אַלס חזן אין דער לעמבערגער שטאָדטישער שוהל.

פון רעכטס צו לינקס: חזן אפרים ציקאָנאָווסקי, דיריזשאָר פּאָדלובני, ערמאָרדעט פון די אוקראינער רוצחים אין פּאָגראָם אין אומאן.

יעקב שמואל מאראגאווסקי — „זיידעל ראָוונער“

פון

שלום פערלמוטער

ווי אַזוי ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזונגען פאַר׳ן רבי׳ן מיט די חסידים, דער כח פון מאקאראווער רבי׳ן, זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע, זיידעל דער בעל תפילה, און זיידעל דער חזן, פאַר וואָס ער הייסט זיידעל ראָוונער.

מיר וועלן איבערלאָזען פאַר אנדערע די חקירה, צי איז דאָ אזא זאך ווי אידישע מוזיק אָדער ניט, און צו די אידישע שוהל־מוזיק איז אייגענע אידישע, אָדער זי איז געבאָרגט פון די שפּאניער — איין זאך איז אָבער זיכער, אַז געוויסע מעלאָדיען און מאָטיווען מעהר ווי אנדערע. רעדען צו דער אידישער נשמה, און זיינען ביכולת ארויסצורופען ביי דעם אידישען צוהערער זיינע שעהנע יום־טוב׳דיגע געפיהלען, די פארברייכע טענער, און די פארשידענע קאָלירטע שטיינער פון זיין נשמה.

אזעלכע מעלאָדיען זיינען זיידעל ראָוונער׳ס, עס איז אין זיי איינגעזאפּט דער טיעפער אידישער אומעט, דער גלות עצבות, דער שיין פון דער אידישער האָפנונג, די טרעהר און דער שמייכעל, די בענקעניש פון דער אידישער נשמה, און אלעם ווערט ביי איהם צוזאמענגעגאָסען אין א ריהרענדער הארמאָניע און קיינער קען נישט לייקענען די גוטע און אונגעהויערע ווירקונג פון זיינע קאָמפּאָזיציעס אויף די אידישע מאסען.

דאָס וואס זיידעל ראָוונער׳ס קאָמפּאָזיציעס זיינען באלד ביים אָנהויב פון זיין קאריערע אזוי שטארק פּאָפּולער געוואָרען צווישען אלע חזנים און מוזיקאלישע מבינים, און זיי האָבען זיך אזוי טיעף איינגעגראָבען אין דעם אידישען הארץ, האָט איהם אָהן ספק זעהר פיעל מיטגעהאלפען זיינע מעלאָדיען, מיט וועלכע ער האָט אזוי מייסטערהאפט אויסגעטייטשט יעדע תפלה.

דער שורש פון זיין נשמה אין דעם לשון פון חסידים, האָט געצויגען זיין יניקה פון דעם געדיכטנים פון חסידישען לעבען, און האָט באקומען זיין השפעה פון די קוועלען פון חסידישען גייסט, זיין קאריערע איז אויך מעהר אינטערעסאַנט ווי אַלע אַנדערע חזנים פון זיין דור, ווייל נאָר על פי צופאַל איז ער פאַרוואנדעלט געוואָרען אין א חזן, און אויך על פי צופאַל איז ער פון יעקב שמואל מאראגאווסקי געקרוינט געוואָרען מיט דעם נאָמען זיידעל ראָוונער.

זיין ביאָגראַפיע איז זעהר אינטערעסאַנט, און זי איז וויכטיג צו פארצייכענען.

יעקב שמואל מאראגאווסקי איז געבוירען געוואָרען אין „ראדאָמישעל“ (רוסלאַנד, קיעווער גובערניע), אין דעם יאָהר 1856, זיין פאָטער יצחק מאראגאווסקי, וועלכער איז געוועזען א סוחר און קיין מאָל ניט קיין חזן, איז געשטאָרבען, ווען זיין יאנקעלע איז אלט געוועזען 18 חדשים. זיין מאַמע חנה מאראגאווסקי, וועלכע איז געבליבען א יונגע אלמנה, האָט זיך און איהר יתום׳ל מפרנס געוועזען פון א גאַנץ קליין לעדער קלייטעל, וואו זי פלעגט פארקויפען לעדער, זי האָט מיט איהר קינד געלעבט אין גרויס דחקות אין א קליין אַלקעריל, ביי דעם ראדאָמישלער שטאָדט חזן משה שפּאליאנסקי, וועלכען מען האָט גערופען משה ראדאָמישלער.

ווען זיידעלע, ווי זיין מאַמע פלעגט איהם פאַר ליעבשאפט רופען דערפאַר, ווייל ער האָט געהייסען נאָך זיין זיידען, איז אלט געוואָרען 3 יאָהר, איז ער געוועזען דער בעסטער תלמיד אין חדר, און האָט שוין געהאט א גוטען געהער אין זינגען, און שפּיעלענדיג זיך מיט די אנדערע קינדער נאָכ׳ן לערנען, פלעגט ער נאָך זינגען די נגונים, וועלכע ער האָט געהערט פון דעם ראדאָמישלער חזן מיט אזוי פיעל געפיהל און מתוקת, אַז אלע האָבען נביאות געזאָגט, אַז דאָס קינד באזיצט א גרויסע מוזיקאלישע נשמה.

און אזוי איז זיידעל געזעסען כסדר יומים ולילה אין דעם מאקאראווער קלויז און געלערנט, און מיט זיין שעהן — אלט שטימעלע מיטגעזונגען מיט די מאקאראווער חסידים ביי אלע שמחות, די פארשידענע חסידישע נגונים, ווען זיידאַלע איז אַלט געוואָרען 8 יאָהר, האָט דער ראדאָמישלער חזן משה שפּיליאנסקי געבעטען זיין מאַמע, אַז זי זאָל איהם לאָזען ווערען אַ משורר אין זיין כאָר, אָבער זיידעלע האָט שוין דאמאָלס אזוי גע׳שם׳ט מיט זיין לער־

נען, אז זיין מאמע, וועלכע האָט באַשלאָסען איהם צו מאַכען פאַר אַ רב, האָט בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין צו דעם. מיט 8 יאָהר שפּעטער, באַלד נאָך זיין חתונה, האָט ער געמאכט זיין ערשטען ארויסטריט אַלס מנגן ביי דעם „מאקאראווער רבי'ן, ר' יעקב יצחק טווערסקי, ווען די חסידים פון זיין שטעדטעל האָבען איהם אויף ראש השנה מיטגענומען צום רבי'ן. די מעשה איז אזוי געוועזען:

די חסידים, וועלכע האָבען זייער זיידעלען זעהר ליעב געהאַט, האָבען ראש השנה ביים טיש דערצעהלט דעם רבי'ן וואָס פאַר אַ געפיהל און מתיקות זיידאַלע האָט אין זינגען. און דער רבי האָט איהם באַלד מכביד געוועזען, אז ער זאָל זינגען „אשרי איש שלא ישכחך“.

אַ דערשראָקענער און צוטומעלטער צו זינגען פאַר אַזאַ גרויסען רבי'ן, און קיי ע"ה פאַר אַזוי פיעל חסידים, האָט זיידעל, אַ יונגערמאַן פון 16 יאָהר אויף דעם באַפעהל פון רבי'ן מיט א זעהר שעהנעם ניגון אויסגעזונגען דעם „אשרי איש“, און זייט דאַמאָלס פאַנגט זיך אָן זיין קאַריערע צו ערשט אַלס בעל תפילה, און דערנאָך אַלס חזן.

דער מאקאראווער רבי, ר' יעקב יצחק טווערסקי, וועלכער איז געוואָרען שטאַרק באַגייסטערט פון זיידעל'ס זינגען, און אויסטייטשונג פון דעם אשרי איש, האָט מיט איין יאָהר שפּעטער באַפוילען זיינע חסידים, אַז זיידעל זאָל דאווענען ימים נוראים אין דער ראַדאָמישלער־מאַקאַראָווער קלויז.

ווען זיידעל איז געוואָר געוואָרען פון דעם רבי'נס גזר, איז ער באַלד אַ דערשראָקענער אוועק צום רבי'ן און איהם געבעטען, אז ער זאָל איהם פון דעם עול באַפרייען. אָבער זיינע טענות, אז ער קען נישט דאַוונען און ער ווייסט נישט קיין נוסחאות, האָבען גאָר נישט געהאָלפען, און אויף דעם באַפעהל פון דעם מאקאראווער רבי'ן איז ער צוריקגעפאָהרען קיין ראַדאָמישעל און ביי דעם בעל תפילה פון דער קלויז זיך אויסגעלערענט אביסעל נוסחאות, און זיך אונטערגענומען צו דאַוונען ימים נוראים.

זיידעל איז ביי די ערשטע סליחות שטאַרק דורכגעפאַלען און אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען די גבאים פון דער קלויז אוועק צום רבי'ן, און נאָך דעם, וואָס זיי האָבען דעם רבי'ן אַלץ דערצעהלט, האָט זיי דער רבי מבטיח געוועזען, אַז זיידעל וועט זיין א חד בדרא, און ער האָט זיי ווייטער באַפוילען, אַז נאָר זיידעל מוז דאַוונען ימים נוראים.

ווען זיידעל האָט אָפּגעדאַווענט דעם ערשטען ראש השנה און יום כיפור אין דער מאַקאַראָווער קלויז, האָט ער אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אז כמעט אין יעדען הויז האָט מען גערעדט פון זיין אידישער נגינה, און דער נאָמען זיידעל ראַדאָמישלער איז באַקאַנט געוואָרען אין דער גאַנצער אומגעגענד אַלס דער בעסטער בעל תפילה.

זיידעל, וועלכער איז דערווייל געוועזען א גרויסער מעהל סוחר, האָט אָנגעהויבען זיך לערנען נאָטען, און נעמען מוזיק לעקציאָנען ביי א משורר פון דער שטאָדטישער שוהל, און אזוי שטעהענדיג דעם גאַנצען טאָג אין דעם מעהל שפּאַכלער און שטודירענדיג זיינע לעקציאָנען, האָט זיידעל פאַרפאַסט זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע „תתברך לנצח“.

אין ראַדאָמישעל איז אין יענער צייט געוועזען א חזן, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער מוזיקער, און האָט געדאווענט אין דער שטאָדטישער שוהל מיט א גרויסען כאָר. דער נאָמען פון דעם חזן איז געוועזען „יעקב מארמער“, (וועלכער געפינט זיך היינט אין באָלטימאָר), דער חזן האָט זיידעל'ין זעהר ליעב געהאט, און ווען זיידעל האָט איהם געוויזען זיין ערשטען „תתברך“, איז ער זעהר איבעראַשט געוואָרען, און נאָך דעם, ווי ער האָט איהם אויסגעבעסערט זעהר פיעל פעהלערען, איז דאָס געבליבען ביז היינט ,איינע פון זיידעל'ס בעסטע קאָמפּאָזיציעס.

זיידעל, וועלכער האָט געהאַנדעלט מיט די גרעסטע מעהל סוחרים פון קיעוו, איז איינגעלאדען געוואָרען פון די סוחרים, אז ער זאָל דאווענען ימים נוראים אין קיעוו. און אזוי ווי זיין מאַמע האָט אין יענער צייט געוואוינט אין קיעוו, האָט זיידעל צוליעב דעם, די איינלאדונג אָנגענומען.

אין קיעוו האָט זיידעל געדאַווענט 5 ימים נוראים אין פאַרשיעדענע שוהלען. און ווען דער גרויסער פידעל שפּיעלער אהרן משה פאדוצער, האָט איהם געהערט דאווענען, איז ער זעהר שטאַרק איבעראַשט געוואָרען פון זיינע האַרציגע נשמה'דיגע תפילות, און כדי אויסצודריקען זיין באַגייסטערונג, האָט ער זיידלען איינגעלאדען צו זיך אהיים אויף טהע, און ווען זיידעל האָט איהם ערקלעהרט, אַז ער קען נישט קיין מוזיק, האָט איהם אהרן משה פאדוצער, אויסגעלערענט די ערשטע פאָר טאָן ארטען.

זיידעל'ס נאָמען האָט אָנגעהויבען צו שם'ן און איין מאָל, ווען זיידעל איז געוועזען ביים רבי'ן, האָט איהם דער רבי אריינגערופען אין זיין חדר מיוחד, און האָט צו איהם געזאָגט בזה הלשון: הער זיידעל, עס איז געקומען די צייט, אַז דו זאָלסט פאַרלאָזען דיינע געשעפטען און זיך נעמען צו חזנות. שטעל דיר צונויף א חברה משוררים, און איך ווינש דיר, זאָלסט געפינען חן בעיני הבריות.

זיידעל'ן איז די פרנסה נישט געפעלען, און ער האָט זיך פאַר'ן רבי'ן ממש צואווינט, אָבער ווען ער האָט געזעהן, אַז זיינע טרערען האָבען גאָר נישט געהאָלפען, איז ער אַוועקגעפאָהרען צוריק קיין ראַדאָמישעל, און אָנגעשטעלט אַ פאָר גוטע פריינד פון די גרעסטע חסידים פון זיין שטעדטעל, אז זיי זאָלען פאָהרען צום רבי'ן, און אפשר וועלען זיי קענען פועל'ן, אז דער רבי זאָל איהם פון דער מלאכה באַפרייען, אָבער ווען די חסידים זיינען פון רבי'ן צוריקגעקומען, האָבען זיי איהם געבראַכט דעם ענטפער, אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז זיידעל ראַדאָמישלער זאָל זיך נעמען צו א מלאכת הקודש, און ער וועט מהנה זיין אַ וועלט מיט אידען. ובזכות זה וועט ער האָבען אריחות ימים ושנים.

* * *

אין דער שטאָדט זאסלאוו, וואָהלינער גובערניע, איז די חזנות שטעלע אין דער שטאָדטישער שוהל באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ מלאכת הקודש, די זאסלאוו'ער שוהל איז פאַרהייליגט געוואָרען צוליעב דער לעגענדע, וואָס דער גרויסער צדיק ר' מרדכי זאסלאוו'ער ז"ל, האָט אין יענער שוהל געדאווענט, און די גרעסטע צדיקים פון יענער צייט

פלעגען פאָהרען קיין זאסלאוו אויף ימים נוראים הערען דאַווענען דעם צדיק ר' מרדכי'לע, און ווען ר' מרדכי'לע איז נסתלק געוואָרען, פלעגט מען זעהר פיעל חוקר ודרוש זיין א יעדען חזן, וועלכען מען האָט באַדאַרפט צולאָזען צו דעם עמוד הקודש, וועלכער איז געוועזען א געמוירטער פון ציגעל, און צוליעב דער לעגענדע, איז אין שוהל באַשאַפען געוואָרען צוויי פאַרטייען, וועלכע האָבען זיך קיין מאָל נישט געקענט פאַראייניגען פאר איין חזן.

די מחלקות צווישען די צוויי צדדים איז געוועזען ביז אין בלוט. מען האָט קיין מאָל נישט צוגעלאָזט קיין חזן צו יענעם עמוד, ביז די רבנים פון יענער צייט האָבען אריינגעלייגט די שוהל אין חרם אריין.

אמאָל, ווען די שוהל איז דורך א סיבה אין גאַנצען געבליבען אָהן א חזן, איז געלונגען צו מאַכען שלום צווישען ביידע צדדים, דער שלום איז אזוי געשלאָסען געוואָרען. מען זאָל אויסקלויבען א שליח מיוחד, אויף וועלכען ביידע צדדים פאַרלאָזען זיך, און דער שליח זאָל פאָהרען זוכען א חזן, וועלכער זאָל זיין מרוצה לכל הצדדים.

מען האָט באַלד אויסגעקליבען דעם שטאָדט שוחט ר' יעקב זאסלאוו'ער ע"הש, און איהם האָט מען איבערגע־געבען די הייליגע שליחות.

דער שוחט ר' יעקב, וועלכער איז געווען א מאַקאַראָווער חסיד, איז ער מן הסתם צוערשט געפאָרען צום רבי'ן זיך באַראַטען וועגען דער זאַך. ווען דער מאַקאראָווער רבי האָט איהם אויסגעהערט, האָט ער איהם געזאָגט בזה הלשון. פאָהר אריבער צו זיידעל ראַדאָמישלער און זאָג איהם אין מיין נאָמען, אז ער זאָל פאָהרען מיט דיר קיין זאסלאוו, און ער זאָל מתפלל זיין ביי דעם עמוד פון ר' מרדכי'לע זאסלאווער, ער וועט איינשטילען דאָס מחלוקת און וועט האָבען נשיאות חן מיט זיינע תפילות.

אין דעם יאָהר 1881, ערב ראש חודש אלול, איז זיידעל מיט ר' יעקב שוחט געקומען קיין זאסלאוו, און אין דעם זעלבען טאָג האָט ער ביי דעם עמוד הקודש פון ר' מרדכי'לע זאסלאווער געזאָגט יום כיפור קטן.

ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי ביידע צדדים. מען האָט מיט איהם געשלאָסען א יעהרליכען קאָנטראַקט, אז ער זאָל דערוועיל דאַווענען ימים נוראים אליין. און ערשט שפּעטער צוזאַמענשטעלען א כאָר. און ס'איז געוואָרען שלוםאיןשוהל.

זיידעל, וועלכער האָט אין זיך אליין ביז אצינד נישט געגלויבט, האָט אָנגעהויבען נעמען זיין חזנות אביסעל מעהר ערנסט, ער האָט אָנגעהויבען פיהלען א געוויסע פאַר־אַנטוואָרטליכקייט צו די גבאים פון דער „זאַסלאַווער שוהל", און זיין קאָפּ האָט אָנגעהויבען דענקען, וואָס וועט ער טאָן נאָך ימים נוראים מיט א כאָר? ווען ער האָט נישט מעהר ווי איין תתברך, ווייל מעהר קיין קאָמפּאָזיציעס האָט ער נישט געהאַט.

זיידעל, וועלכער האָט שוין פאַרשטאַנען, אז ער דאַרף א לעבען מאַכען פון זיין חזנות, האָט מיט דעם כח פון זיין ערפאָלג אין „זאסלאוו", באַלד געשאַפען, זיין השכיבנו, עזרת אבותינו, ובמקהלות, כי כל פה לך יודה, די קדושה, און זיין ספירה, און אין זאסלאוו האָט זיידעל צום ערשטען מאָל געדאַוונט מיט א כאָר און האָט אזוי מערש עולם געווען מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס, אז נאָך בעך־פאָר דאָס יאָהר אין זאַסלאַוו האָט זיך געענדיגט, האָט מען זיידלען מיט גרויס כבוד אראָבגעבראַכט קיין „ראָוונע", וואָהלינער גובערניע, און ער איז געוואָרען דער חזן פון דער „ראָוונער שוהל".

אין דער צייט, וואָס זיידעל איז געוועזען חזן אין „ראָוונע", זיינען זיינע מוזיקאַלישע אמביציעס געוואָרען זעהר גרויס, ער האָט אָנגעפאַנגען צו שטודירען „טעאָריע" און „קאָמפּאָזיציאָן", ער האָט איבערגעשריבען די ערשטע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען לויט זיין איצטיגען באַגריף געוועזען זעהר שלעכט, ער האָט אויך פאַרפאַסט גאַנץ נייע קאָמפּאָזיציעס, און זיין נאָמען האָט גע'שם'ט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אין דעם יאָהר, 1884, ווען ניסן בעלזער איז אַוועק פון קעשינאָוו קיין בערדיטשעוו, וואו ער האָט אָנגעהאַלטען די חזנות שטעלע גאַנצע 15 יאָהר, און די גרויסע קעשינאָווער שוהל, וועלכע האָט תמיד געהאַלטען די גרעסטע חזנים אין דער וועלט, איז געבליבען אָהן א חזן — האָט ניסן בעלזער רעקאָמענדירט זיידעל ראַדאָמישלער פאר זיין ממלא מקומו.

אין קעשינאָוו האָט זיך באַלד אָנגעהויבען רעש'ן, אז זיידעל ראָוונער קומט אויף דעם אָרט פון ניסן בעלזער, און גאַנצע צוויי יאָהר האָט גענומען ביז די בעלי בתים פון דער שוהל איז געלינגען זיידלען ארויסצונעמען פון דער „ראָוונער שוהל", און ווען דער שליח מיוחד, וועלכער איז צוליעב דעם צוועק אייגענס געפאָהרען קיין ראָוונע, האָט אראָפּגעבראַכט זיידעל'ן אויף א תפלת שבת קיין קעשי־נאָוו, האָט מען אין א יעדען הויז אזוי פיעל גערעדט פון זיידעל ראָוונער'ס תפלות און קאָמפּאָזיציעס ,אז ער איז פאַרבליבען ביז היינט ביים נאָמען זיידעל ראָוונער.

מיט 10 יאָהר שפּעטער, אין דעם יאָהר 1896, האָט זיידעל, דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט איינשטימען אויף געוויסע רעפאָרמען אין דער קעשינאָווער שוהל, פאַר־לאָזט קעשינאָוו, און איז אויפגענומען געוואָרען אין בער־דיטשוב אין דער שטאָדטישער שוהל, אויף דעם פּלאַץ פון ירוחם הקטן ע"הש, וועלכער האָט אין דער צייט פון פסח ביז ראש חודש אב, איהם געהערט א פּאָר מאָל דאַווענען.

אין בערדיטשוב האָט זיידעל געדאַוונט זיבען יאָהר, און אין דעם יאָהר 1903, איז זיידעל איינגעלאַדען גע־וואָרען קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין דער שוהל „מחזיקי הדת", וואו ער האָט מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס און קאָנצער־טען אויפגעשוטרמט גאַנץ ענגלאַנד, און אויף פסח 1904, איז זיידעל ראָוונער אויף זיין רייזע פון ענגלאַנד נאָך רוס־לאַנד פארהאַלטען געוואָרען אין לעמבערג, גאַליציען, און איז אויפגענומען געוואָרען אין דער פארשטעדטישער שוהל, וואו ער איז פאַרבליבען חזן ביז אין דעם יאָהר 1911, ווען ער האָט אויף דעם פאַרלאַנג פון דער ראָוונער קהלה זיך אומגעקערט צוריק קיין ראָוונע, וואו ער איז פאַרבליבען חזן נאָך 3 יאָהר. אין דעם יאָהר 1914, איז זיידעל געקו־מען קיין ניו יאָרק, אָבער די אַמעריקאַנער חזנות איז איהם באַלד נישט געפעלען, און ער האָט באַשלאָסען באַלד זיך אומצוקעהרען, ער האָט שוין געהאַט געמאַכט פאַרשיעדענע

פלענער וועגען זיין רייזע, אָבער די מלחמה האָט אַלע זיינע פלענער צושטערט.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט האָט דער חזנים פאַראיין, אין וויען זיידלען פאָרגעשלאָגען, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען קיין וויען, און האָט איהם געוואָלט פאַרזיכערען מיט אַ לעבענסלענגליכען קאָנטראַקט.

זיידעל האָט צוליעב זיין משפחה, וועלכע האָט זיך געפונען אין „וויען" דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, און ער האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז ער פאַרלאָזט אמעריקאַ.

ווען זיידעל'ס אָנהענגער און זיינע תלמידים חזנים האָבען אויסגעפונען, אַז זיידעל וויל פאַרלאָזען אַמעריקאַ, האָבען זיי באַלד גערופען אַ מיטינג, וואו עס האָבען זיך באַטייליגט אַ חוץ זיינע חסידים, פאַרשידענע רבנים, און אויך אַ סך פּראָמינענטע חזנים, און זיי האָבען אויפגעפאָדערט זיידעל ראָוונער, אַז ער זאָל זיי ערקלעהרען די אורזאַכע פאַר וואָס ער וויל פאַרלאָזען אַמעריקאַ.

ווען זיידעל האָט זיי ערקלעהרט, אַז פאַר אַזעלכע חזנים ווי ער איז אין אַמעריקאַ קיין פּלאַץ נישט פאַראַן, און אַז ער זעהט נישט דעם וועג ווי אַזוי ער זאָל פון זיין חזנות קענען לעבען אויף דער עלטער, איז באַשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַ פאָנד, און אָבצודרוקען אַלע זיינע קאָמפּאָזיציאָנען, וואָס ער האָט געשאַפען אין אַ משך פון פערציג יאָהר, און דאָס וועט זיידלען פאַרזיכערען זיין פּרנסה, און זיין נאָמען וועט דורך זיין אוצר הנגינה פאַראייביגט ווערען לעולם ועד.

זיידעל האָט דעם באַשלוס אָנגענומען. עס האָט זיך באַלד געגרינדעט אַ פאַראיין, וועלכער רופט זיך „ד ע ר א ו צ ר ה נ ג י נ ה פ ו ן ז י י ד ע ל ר אָ ו ו נ ע ר". זיידעל האָט געבראַכט זיין פאַמיליע, און ער האָט לעצטען יאָהר געפייערט זיין גאָלדענע חתונה, און זיין אוצר הנגינה, וועלכער איז אַ קוואַל פון מוזיקאַלישער וויסענשאַפט, וועט באַלד באַלייכטען די מוזיקאַלישע וועלט.

א גרופּע חזנישע גלייכווערטלאך און אַנעקדאָטען

צוזאַמענגעקליבען פון חזן יהושע ווייססער

איך בין אויך אַ באָנדער...

אַ חזן האָט געדאַווענט אין אַ קליין שטעדטעל שבת און האָט נעביך שטאַרק ניט אויסגענומען. שטעהט ער אַזוי נאָכ'ן דאַוונען אין מזרח־וואַנט און ווישט זיך דעם שווייס, קומט צו צו איהם אַ איד און קוקט אַזוי אויף איהם מיט אַ רחמנות־געפיהל און זאָגט אַזוי צו איהם:

אי, אי! אַ שווערע פּרנסה אונזערע! וואָס איהר זייט אויך אַחזן? — פרעגט איהם דער חזן — יאָ, ענטפערט איהם דער איד, איך בין אויך אַ באָנדער...

אין מביאין ראיה מן השוטה...

אַ חזן האָט געדאַוועגט שבת אין אַ שוהל און איז נעביך שטאַרק דורכגעפאַלען, נאָכ'ן דאַוונען זעהט דער חזן ווי קיינער פון די בעלי־בתים זאָגט איהם ניט קיין גוט־שבת, און בכלל פיהלט ער אַז מען איז ניט צופריעדען מיט זיין דאַוונען, זאָגט ער אַזוי צום פּרעזידענט: מילא, איהר זאָגט אַז איך בין ניט קיין גוטער חזן — באַ, עס קען זיין, אַז איהר האָט רעכט, אָבער אַ מבין אויף אַ חזן בין איך? יאָ, ענטפערט דער פרעזידענט, אַ מבין אויף אַ חזן זייט איהר. ווי באַלד אַז איך בין יאָ אַ מבין, זאָג איך אייך אַז איך דאַווען גוט. יאָ, ענטפערט דער פרעזידענט, עס שטעהט דאָך אָבער בפירוש אַז „אין מביאין ראיה מן השוטים...

דער באַריהמטער פאָלקס־דיכטער ר' אליקום צונזער, איז ווי באַקאַנט אויך געווען אַ בדחן, אין דער זעלבער שטאָדט איז אויך געווען אַ חזן וואָס איז געווען מיט ר' אליקום צונזער ניט אין קיין זעהר פריינדליכע באַציהונגען, און וואָס איז אַגב געווען לא עלינו שטימפּיג אויף די קלייני אותי'לאַך, וועלענדיג אַריינזאָגען דעם חזן רופט זיך איינמאָל אָפּ ר' אליקום צונזער צו זיינע בעלי־בתים — אַך מיינע פריינד! אַזוי ווי אונזער תורה האָט ניט קיין שאַין —אַזוי האָט אונזער ש"ץ ניט קיין תורה...

א פאטש פאר א פאטש.

א פרעזידענט וואס איז געווען זעהר א קארגער, און אויך ניט זעהר קיין עדעלמאן, האט זיך איינמאל אנגערופען צום חזן פון שוהל: א סימן האט איהר אז חזנים זיינען נאַראָנים, ווייל די ראשי־תיבות פון ח״ז׳ן באדייטען חזנים זיינען נאַראָנים.

מען קאָן אָבער דאס בריוועל אויך לייענען צוריק, האט געענטפערט דער חזן. צום ביישפיעל: נגידים זיינען חזירים...

ב ע ר י ל: ווען זאָגען די חזנים דעם אמת?

ש מ ע ר יל: ווען זיי זינגען ופני חטאינו זאָגען זיי ואין אנחנו יכולים...

א חזן וואס פלעגט די גאנצע צייט ארומפאָרען אויף דער וועלט מיט זיינע משוררים, האט אויך געהאט א אייגענע פוהר, מיט א בעל־הגלה, פרייטאג נאכט פלעגט דער חזן אויך דעם בעל הגלה אוועקשטעלען ביים עמוד צווישען די משוררים, בכדי נאָכ׳ן ראווענען זאל איהם אויך א בעל־הבית נעמען אויף שבת. איינמאל האט איהם א בעל־הבית גענומען אויף שבת צו זיך, ביים עסען פרעגט דער בעל הבית דעם בעל הגלה, וואס איז דאס? אלע משוררים זינגען, און איהר שטעהט און שווייגט? ווי באלד אז איהר זינגט ניט, טא צו וואס דארף אייך דער חזן איינגאנצען האבען?

— ווייל איך בין נאך וויכטיגער פונ׳ם חזן אליין — ענטפערט דער בעל הגלה — דער חזן פיהרט דעם כאָר, און איך פיהר דעם חזן מיט׳ן כאר...

א חזן איז אמאל געקומען מיט זיינע משוררים אין א שטעדטעל, און איז געווען נעהנליך פארפאָהרען אין אן אכסניה. קיין געלד האט ער ביי זיך ניט געהאט, חברה משוררים ווילען אבער פון דעם ניט וויסען, און מען האט זיך גענומען עסען. און אין א קורצער צייט איז שוין דעם בעל־אכסניה געקומען א שעהנע פאָר רובעל. דער בעל הבית פאָדערט פון דעם חזן צו באצאהלען פאר׳ן עסען. זאגט דער חזן ווייסט איהר וואס? איך וועל אייך אפזינגען דער־פאר, באופן: וועט אייך געפעלען מיין זינגען, וועט דאס הייסען, אז איך האב אייך דערמיט באצאהלט, וועט אייך אבער ניט געפעלען מיין זינגען, וועל איך אייך דאן מוזען באצאהלען מיט מזומן. טראכט זיך דער בעה הבית, וואס דער חזן וועט זינגען וועט ער זאגען אז עס געפעלט איהם ניט און עס איז טאקע אזוי געווען. דער חזן האט א זינג געטהאן מיט זיינע משוררים א ונתנה תוקף, א קדושה, — דער בעל הבית זאגט, עס געפעלט איהם ניט. זעהענדיג אז וואס ער זינגט געפעלט איהם ניט, זאגט צו איהם דער חזן: איך האב נאך איין קאמפאזיציע, אויב דאס וועט אייך ניט געפעלען, דאן וועל איך אייך מוזען באצאהלען מיט מזומן.

און דער חזן גיט א שטעל אויס די משוררים, און הייסט זיי צוהאלטען, בים, באם, — בים באם, און ער אליין פאר־געהט זיך אויף דעם ביי־קול.

עס וועט אייך גאר ניט העלפען חברה

איהר מוזט דעם מאן באצאהלען...

— אט דאס געפעלט מיר! שרייט אויס דער בעל־אכסניה.

— נו, וויבאלד עס געפעלט אייך — ענטפערט דער חזן — האב איך אייך שוין באצאהלט.

און דער בעל אכסניה האט געמוזט צוגעבען, אז דער חזן האט רעכט, ווייל אזוי איז דאך געווען דער אבמאך.

מפני שבה תקום.

א חזן א גרויסער גראבער־יונג האט געדאווענט פאר׳ן עמוד, און אין מזרח־וואנט איז געזעסען א גאנץ שעהנער איד, און האט זיך אלע מאל אויפגעשטעלט און אוועקגע־זעצט. דע סעולם איז דאס געווען זעהר אויפפאלענד, און איינינע האבען זאגאר געדענקט, אז דער איד איז ניט ביים קלאָרען פארשטאנד. נאָכ׳ן דאווענען פרעגט מען דעם אידען, ווארום ער האט זיך אלע מאל אויפגעשטעלט.

— פארשטעהט איהר מיך — האט געענטפערט דער איד — אונזערע חכמים האבען געזאגט, מפני שבה תקום, פאר א גרייז זאלט איהר אויפשטעהן, און דער חזן האט געהאלטען אין איין זאגען גרייזען...

א חזן וואס איז לא עלינו ניט געווען קיין גרויסער בעל־עברי, האט געדאווענט א שבת אין א שוהל. נאָכ׳ן דאווענען געהט צו איהם צו א בעל־הבית און פרעגט איהם:

— קענט איהר מיר פיליכט זאגען, וואו האט איהר געלערנט שחיטה?

— אבער איך בין דאך ניט קיין שוחט — זאגט דער חזן.

— יאָ,— ענטפערט דער בעל־הבית, — איהר זענט א שוחט, ווייל ווען ניט וואלט איהר דאך ניט געווען אזוי אוועקגעקוילעט די עברי...

צום באריהמטען חזן ר׳ ניסן בעלזער איז אמאל געקו־מען א יונגערמאן זיך פארהערען די שטימע. הייסט איהם ר׳ ניסן עפעס זינגען, זינגט ער, און שרייט גלאט אין דער וועלט אריין. ר׳ ניסן האט שוין פארשטאנען, אז ער האט פאר זיך א קרענק... זאגט ער צו איהם:

— יונגערמאן, קענט איהר זיך אויפהויבען הויך?

שרייט דער יונגערמאן נאך העכער.

זאגט וויי‌טער ר׳ ניסן:

— יונגערמאן, קענט איהר זיך אויפהויבען און טאקע באלד זיך פארנעמען פון דאנען?...

א קאָפּי פון קאָנטראַקט וואָס די בערדיטשעווער קהלה האָט געמאַכט מיט ר׳ ניסן בעלזער.

(עס איז ווערט צו באַטראַכטען די „פליכטען" און דאָס „געצאָהלט" און די באַדינגונגען אונטער וועלכע א חזן האָט צו יענער צייט געלעבט. ווי ווייט אנדערש עס איז היינט).

בעזה״י

בהתאספנו יחד הח״מ בצירוף הגבאים דבהכנ״ס הגדולה דפה עיר יזן בארדיטשוב לשמוע אל הרנה ואל התפלה שהתפלל המפורסי׳ בשירי מנגינותיו כש״ת מו״ה חיים ירוחם בהמפור׳ מו״ה אברהם הלוי נ״י שהיה עד עתה ש״ץ בעיר קעשיניב. ואשר שמענו באזנינו בתתו קול עוז בהדרת קודש ולו נאוה תהלה לעמוד לשרת ולכבד את ה׳ מגרונו בבהכ״נ הגדולה שלנו והסכמנו כולנו בלב שלם ובררנו את המופלא מו״ה ח״י הנ״ל: שיהיה ש״ץ קבוע אצלנו בבהכ״נ הגדולה דע״י על אופנים המבוארים:

א) **תחלה** וראש מחויב איש ח״י הנ״ל להתפלל בבהכ״נ הגדולה תפלות המוספים של שני ימי ר״ה ותפלת מוסף מיו״כ וכל נדרי ונעילה והושענא רבה ותל השלום רגלים ויום א׳ דסליחות וארבע פרשיות ובכל שבת שמברכין החדש ובשבת ר״ח שבת חנוכה ושבת נחמו והדלקות נרות חנוכה בלילה הראשון בבהכנ״ס הגדולה דע״י ולילה אחת בבהמ״ד הגדול דע״י ולילה אחת בהקלויז של הרב אז״ל, ומחויב הש״ץ ה״ר ח״י הנ״ל להתפלל: איזה מאלו תפילות הנ״ל בבתי כנסיות המסוימים דפה כאשר יקראו לו להתפלל ברשיון הגבאים מבהכ״נ הגדולה דע״י, היינו בבהכ״נ דקאסטינוווקע ור׳ ידידי׳ והה״ר ישראל צבי ז״ל, והר׳ אפרים אפרתי, והר׳ צבי בהרבנית בהקלויז טשערנאביל, חבורה משניות, ובכל שבת שתפלל וכן בכל יום טאביעל לנגן הנותן תשועה להקיר״ה עם המשוררים:

ב) **מ**חויב ה״ר ח״י הנ״ל לילך על סעודת ב״מ אם יקרא אותו הבעל ברית לומר הרחמן הוא בקול רנה כנהוג, גם מחויב לנגן את החתן בעת העמדת החופה או הוא או משורריו כנהוג ואם יקרא אותו הבעל שמחה בשבת הראשון או בשבת השני מהחתונה בעת סעודת שלישית או במוצאי שבת לנגן איזה דבר לכבודו מחויב לילך. ועשירת מי שבירך בסעודת נישואין או ב״מ יעשה הש״ץ השני מהבהכ״נ הגדולה דע״י הנשלח מאת הש״ץ מו״ה ח״י הנ״ל ועל הש״ץ השני לקבץ מעות מי שבירך וליתן חלק להש״ץ מהבהכ״נ שמתפלל שם הבעל שמחה תדיר כנהוג והמותר יחלק חלק הש״ץ הראשון להש״ץ השני מהבהכ״נ הגדולה,(*) וחלילה לשום חזן לעשות בלעדו מ״ש וזה מתת שכרו הראשונה חלף עבודתו עבודת הקודש

ג) **הש״ץ ר׳ ח״י** הנ״ל יקבל שכירות מהגבאים דבהכ״נ הגדולה בכל שבוע ושבוע סך עשרים רו״כ, היינו ששה רו״כ מהכנסת הבהכנ״ס הנ״ל, וארבעה עשר רו״כ מהקעסטיל דפה, וחלילה לשום גבאי שיהיה בזמנו לקפח שכרו של ה״ר ח״י הנ״ל אפילו פ״א מהסך הנ״ל, רק כ״א מחויב להשתדל שיקבל שכרו בשלימות במועדו ובזמנו, ומהסך הנ״ל יחזיק איש ח״י הנ״ל משוררים ראוים ונכונים:

ד) **כל** הכתבים השייך להש״ץ מאז ומקדם, בלעדו לא ירים איש את ידו לכתוב אחד מכל הכתבים הנ״ל:

ה) **רח״ש** להש״ץ כנהוג היינו מחצה מאשר יתנו על הביקו״ח ובעד כתיבת הכתובה יקבל א׳ זה״ :

ו) **ה**כנסת הבית עלמין שייך להש״ץ מע״י מאז וכמקדם, ואין לשום אדם לילך על הב״ע לאמר אמ״ר מער״ח אלול עד אחר ימים הנוראים חוץ מהש״ץ דע״ח מבהכ״נ הגדולה דשם, שיש לו חלק שליש מקדם קדמתה:

ז) כל המקומות המסוימים לע״ל שיתפלל ה״ר ח״י הנ״ל איזה מהתפלות הנזכרים למעלה מחויבים לעמוד בשב״ת קערה בעיו״כ ולמסור המעות לה״ר ח״י הנ״ל:

(*)
ורשות למו״ה ח״י הנ״ל לצוות את הש״ץ השני
מעשית מי שבירך הנ״ל

ח) **הש״ץ** והמשוררים פטורים מכל עול הנתינות הנהוג פה, חוץ מטאקסע מבשר ועופות

ט) **ו**כפירוש פטרנו ברצוננו הטוב את הש״ץ ה״ר ח״י הנ״ל מלכת על בן זכר בערב שבת קודש לא הוא ולא משורריו בשום מקום:

י) **הש״ץ** ה״ר ח״י הנ״ל אינו רשאי לנסוע אל אחד הערים להתפלל כמנהג שאר החזנים אשר יסבבו בערים בלתי רשות הגבאים דבהכ״נ הגדולה דע״י, וקיבל עליו באלה ובשבועה לבלי לעזוב את עיר בארדיטשוב להיות ש״ץ קבוע במקום אחר כל ימי חייו:

כל הנ״ל עלה במוסכם כולנו קהל ועדה דפה מרצוננו הטוב ונעשה בכל תוקף ועוז ובכל אוה״ימ לד״תה״ק וקא״ס ות״כ ופ״מ וכל המשנה ידו על התחתונה ענוש יענש כפי דתוה״ק:

דברי האלופים ראשי הקהלה בצירוף הגבאים ונגידים יחידי סגולה בשלימות רצונם. וכן יסכימו מן השמים על שלותו ומפגיע אשר בעדינו לזכותו בלב טהור ורוח נכון ועתירתנו יערב כאשים וכניחוחים ובקרב נאה לתשועת עולמים. ויעזר רנן ויושיע לכל החותם פה **בכלל ישראל** לפרט: אור ליום ה׳ ט׳ אלול שנת תארך לפ״ק:

עהרען ליסטע פון קאָנגרעגיישאָנס, וואו חזנים זיינען אָנגעשטעלט שוין מעהר ווי צעהן יאָהר צרופים.

קאָנג. טעמפעל איזראעל,
וואו קאנטאָר ניומארק איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. סענטראל סינאגאָג, לעקסינגטאָן עוועניו,
וואו קאנטאָר גינסבורג איז געווען לעבענסלענג־
ליך אָנגעשטעלט.

טעמפעל עמנואל, 5טע עוועניו,
וואו קאנטאָר סיימאָן שלאגער איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. עדת ישראל, בראָנקס,
וואו קאנטאָר ל. ליפּין איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. שערי צדק, ברוקלין,
וואו קאנטאָר ריטשארדסאָן איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. בית ישראל, יוניאָן טעמפּעל,
וואו קאנטאָר קורטשיק איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. גארפיעלד פּל. טעמפּעל,
וואו קאנטאָר ראדניין איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. אנשי חסד, וועסט 114טע סטריט,
וואו קאנטאָר קאטין איז אָנגעשטעלט.

וועסט ענד סינאגאָג,
וואו קאנטאָר גראומאן איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. ביקור חולים,
וואו קאנטאָר סאול באום איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. בני ישורון, 88טע סט. און בראָדוויי,
וואו קאנטאָר קאטשמאראָף איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. בני ישורון (די אלטע), (דר. בלאו׳ס טעמפּעל),
וואו קאנטאָר סוקעניג איז אָנגעשטעלט.

טעמפעל רודף שלום,
וואו דייוויד קאהן איז געווען לעבענלענגליך אָנגעשטעלט.

טעמפעל עמנואל, באָראָ פּארק,
וואו קאנטאָר נייטהען קאנטאָר איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. אוהב צדק, וועסט 116טע סטריט,
וואו חזן ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאט איז זינט ער איז אין אמעריקא.

קאָנג. בית תפלה, רומענישע שוהל, ברוקלין,
וואו חזן משה שעכטער איז שוין העכער 19 יאָהר.

קאָנג. אהבת חסד, ברוקלין,
וואו חזן א. זינגער איז אָנגעשטעלט.

עדיוקיישיאָנאל אלייענס, איסט בראדוויי, נ. י.,
וואו חזן נייטהען אייבראמסאָן איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. התם סופר, קלינטאָן סטריט,
וואו חזן מנחם מענדעל אראָנאָף איז געווען אָנגעשטעלט 11 יאָהר.

קאָנג. קהל ישורון, בראָנקס,
וואו חזן גאָלדסמיטה שטעהט שיין העכער 15 יאָהר.

קאָנג. אוהב שלום, נוארק,
וואו חזן מ. גאן איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. פתח תקוה טעמפעל, ברוקלין,
וואו חזן אברהם דזשייסין איז אָנגעשטעלט.

קאָנג. בית יעקב אַנשי שלום, ברוקלין,
וואו חזן קעלמאנסקי שטעהט שוין פיעלע יאָהרען.

עס וואָלט געווען ווינשענסווערטה אז אנדערע קאָנגרעגיישאָנס זאָלען זיך לערנען פון די דערמאנטע קאָנגרעגיישאָנס ווי צו שעצען און אכטען זייערע שלוחי צבור, און זיי ניט מאכען פאר וואנדערער, צו זוכען יעדען יאָהר א נייעם עמוד.

ביאָגראַפיעס

צוליעב טעכנישע אורזאכען. באזונדערס די קראנקהייט און די פטירה פון חזן פיניע מינ־קאָווסקי האָט ביי אונז צוגענומען א וואָך צייט, איז אונזער פּלאן פון שטעלען די ביאָגראפיעס פּאָלשטענדיג לויט'ן א"ב ניט געווען מעגליך דורכצופיהרען. מיר בעטען ענטשולדיגונג, און מיר וועלען זאָגען דאָס באקאנטע וואָרט: „אין המקום מכבד את האדם, אלא האדם מכבד את המקום."

רעדאקטאָר.

קאַנטאָר נתן אייבּראַמסאָן

קאַנטאָר נייטען (נתן) אייבראמסאן, קאנטאָר פון „עדיוקיישאָנעל אלייענס סינאגאג“, איז א זוהן פון דעם אַמאָל בארימטען חזן ר' אליהו, וועלכער איז געווען חזן אין גאנינז, סוכוואליע, וואלפ, זשאלודאָק, שצוצין, אין ווילנער און גראָדנער גובערניעס. עס איז זעלבסט פארשטענדליך, אז א זוהן פון א חזן וואָלט ארויסגעהאָלפען דעם פאָטער אפילו ווען ער האָט קיין שטימע ניט, בפרט נאָך אז נתן'דל האָט געהאט א וואונדערבארען אלט, האָט ער אודאי און אודאי געזונגען ביים פאָטער. ער האָט געהאט אזא אלט־שטימע, אז מ'האָט איהם אָפט „אויסגעבאָרגט“ צו קענען קריעגען א שטעלע. חזן אייבראמסאָן ערא'נערט זיך נאָך ווי א חזן פון וואשילשאָק איז געקומען אויסבאָרגען דעם וואונדערבארען אלט און האָט צוגעזאָגט אלערליי גליקען, און צום סוף האָט ער איהם געלאָזט הונגערען. 10 קאָפיקעס א טאָג האָט ער איהם געגעבען — עס פארשטעהט זיך, אז מ'קען מיט אזוי פיעל געלד געשוואָלען ווערען פון הונגער... און דער קליינער נתן'דל האָט ביי יענעם חזן מעהר ווי 8—9 וואָכען ניט געזונגען.

אַלס טענאָר האָט ער נאָך מעהר גע'שם'ט.

ער האָט אָנגעפאנגען צו זינגען ביי זיין ברודער חייקעל אין אסטראוו, און איז אוועק שפעטער אין דער ביאליסטאָקער כאָר שוהל, וואו חזן מענקעס איז געווען דער חזן און בערמאן איז געווען דיריגענט.

איז געקומען איינמאָהל מאיר באסס, מיט נאָך א אידען פון גראָדנע און מ'האָט דעם יונגען טענאָר מיט דער גרויסער, ליכטיגער זיסער שטימע צוגענומען צו יאשע סלאנימער. יאשע סלאָנימער איז דאן געווען אן אבן טוב. שפעטער איז ער אָנגעקומען צו דעם גרויסען מוזיקער ראבינאָוויטש, דער יעצטיגער דווינסקער, וועלכער איז געווען אין קאָוונע, אלס טענאָר און אלס דיריגענט.

קאנטאָר אייבראמסאָן איז שוין דאן געווען גוט באַהאווענט אין מוזיקאלישע קענטנים, ווארום ביי ראבינאָוויטש'ן האָט מען נעדארפט קענען מוזיק.

וועהרענד דער צייט, איז כדאי צו פארצייכענען, האָט זיך הערר אייבראמסאָן באקענט מיט די סאכארטשענקאס, וועלכע איז געווען א גרויסע מוזיקערין. זי האָט איהם געגעבען אונטעררינכט אין שטים בילדונג, און ווען זיין טענאָרשטימע האָט זיך ארויסגעוויעזען אלעמאָל אלס שעהנער און אלס גאָלד־פארבינער, האָט זי איהם געמאכט א פאָרשלאג, אז ער זאָל פאָהרען נאָך מאָסקווא אויף איהרע קאָסטען... אָבער מיט איין באדינג, אז ער זאָל ווערען אוים איד...

עס פארשטעהט זיך, אז נתן אליהו'ס דעם חזן'ס וועט אזא זאך ניט טאָן און חזן אייבראמסאָן איז זיך געגאנגען אויף זיין וועג, צום עמוד.

שפעטער א שטיקעל צייט טרעפען מיר איהם אין ווילנא, וואו ער האָט זיך פארהייראט, און איז געוואָרען דער כאָר דיריגענט ביי די חזנים בערנשטיין און סיראָטא, אין דער גרויסער ווילנער שטאָדט שוהל ביי סיראטא.

אין אלול 1903 איז חזן אייבראמסאָן געקומען קיין אמעריקא. די אמעריקאנער לאנדסלייט האָבען זיך מיט איהם דערפרעהט. און די „שצוצינער חברה“ האָבען איהם געוואָלט געבען א „שאו“ און איהם געאָפערט $80 פאר ימים נוראים. חזן אייבראמסאָן האָט דאן געקראָגען א שטעלע אין אטלאנטא דזשאָרדזשיא, אָבער ער האָט דאָס קליינשטעדטעלדיגקייט ניט געקענט ליידען און ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער געדאווענט ביי די אָדעסער.

די קאנטאָרס אסס'ן האָט צו יענער צייט געהאט באַשלאָסען צו ענטוויקלען משוררים דורך אונטעררינכטען זיי אין מוזיק נאָך איידער זיי טרעטען אריין אין די כאָרען. חזן אייבראמסאָן אלס גרויסער פאכמאן איז אויסגעקליבען געוואָרען צו טאָן די דאָזיגע ארבייט.

אלע זיצונגען און קלאסען זיינען פאָרגעקומען אין עדיוקיישאָנעל אלייענס, און דאָ האָט חזן אייבראמסאָן זיך באַקאנט מיט דר. בלאושטיין ע"ה און לאָיער אברהם שאָמער, און ווען די חזנות שטעלע איז געוואָרען וואקאנט אין עדיוקיישאָנעל אלייענס איז חזן אייבראמסאָן גערופען געוואָרען און ער האלט נאָך אָן די פאָזישאָן. שוין 19 יאָהר ווי חזן אייבראמסאָן שטעהט אויף דער שטעלע, און איז איבעראל אנערקענט אלס גרויסער מוזיקער און פאכמאן.

חזן אייבראמסאָן איז איינער פון די וויכטיגסטע טוער אין חזנים פארבאנד. ער איז געווען פרעזידענט אין די יאָהרען 1917־1918, און ארבייט צוזאמען מיט'ן יעצטיגען פרעזידענט צו דערהויבען דאָס חזנות אויף איהר ריכטיגען מצב. א דאנק זיין אונערמידליכע ארבייט איז אויך געוואָרען מעגליך ארויסצוגעבען דיעזען זשורנאל „די געשיכטע פון חזנות“.

חזן מנחם מענדעל אַראנאָף

חזן מנחם מענדעל אראָנאָף, וועלכער פארנעהמט דעם זעהר חשוב'ען פּאָסטען אין דער קאלווואריער שוהל, לענאָקס עוועניו און 121טע סטריט נויאָרק, און וועלכער איז געווען 11 יאָהר אין קליגמאַן סטריט שוהל, און וועלכער איז איבעראל אנערקענט אלס איינער פון די גרויסע מתפּללים, וואָלט געקענט דערצעהלען פיליכט מעהר ווי אלע אנדערע חזנים די געשיכטע פון אמעריקאנער חזנות, ווייל פונקט מיט 30 יאָהר צוריק איז ער אָנגעקומען אין אמעריקא. צוזאמען מיט דער פייערונג פון דעם 30 יעהריגען יובילעאום פון'ם חזנים פארבאנד פייערט ער אויך זיין אייגענעם 30 יעהריגען יובילעאום זינט ער איז דאָ אין אמעריקא.

חזן מנחם מענדעל אראָנאָף באַלאנגט צו דער קלאַסע חזנים, וואָס צייכנען זיך אויס מיט תפלה. ער איז געבענשט מיט א שעהנער בויגיגער טענאָר שטימע, מיט וועלכע מען קען זעהר גוט פאַנטאַזירען, און ער איז בכלל פון דעם סאָרט חזנים וואס האָבען קיינמאָל ניט געמישט און פּרובירט אדאָפּטירען אָפּערא אָדער קלאַסישע לידער צום עמוד. ער איז פון די ווייניגע חזנים וואס האלטען זיך שטרענג צום נוסח. און דערפאר איז זיין תפלה אזוי באליעבט.

חזן אראָנאָף איז געבוירען געוואָרען אין באראזנא. טשערניגאָווער גובערניע אין יאָהר 1870. זיין פאָטער אברהם איז געווען א שעהנער בעל הבית און האָט ניט געוואָלט אז זיין זוהן זאָל ווערען א משורר. א משורר אין יענע צייטען איז געוואָרען איינער וואס איז געווען א יתום, אָדער וועלכער האָט ניט געוואָלט לערנען, און האָט זיך אויך צו קיין מלאכה ניט געוואָלט נעהמען.

זיין פאָטער האָט איהם צו קיין חזן ניט געוואָלט שיקען, אָבער דאס חזנות איז געווען ביי איהם אינסטינקטיוו, און צו 11 יאָהר האָט ער שוין אליין געדאווענט פאר'ן עמוד — הפנים בלויז פון אָנהערען זיך. ווען עס איז דורכגעפאָהרען א געוויסער חזן שווארטין און האָט איהם געוואָלט מיטנעהמען שטודירען האָט דער טאטע ניט געוואָלט. דערנאָך אז זיין שטימע האָט געצויגען אויפמערקזאמקייט האָט ער געזונגען ביי דעם חזן פון שטאָדט „ר' יאנקעל דער הייזעריגער", האָט מען איהם גערופען און איז געווען א שעהנער מנגן.

דערנאָך האָט זיך ר' מנחם מענדעל אראָנאָף גענומען צו געשעפט, וואו ער האָט מצליח געווען, אָבער צום עמוד האָט איהם דאָך געצויגען און ער פלעגט דאווענען אלעמאָל, אָבער אָהן געלד.

אין 1894 איז ער געקומען קיין אמעריקא און זייט דאן האָט ער באַטראָטען פיעלע וויכטיגע חזנות־שטעלען, און איבעראל זיך ערוואָרבען א נאָמען אלס שעהנער אמת אידישער מתפלל.

צווישען די קאָנגרעגיישאָנס ביי וועמען ער האָט געלייסטעט אין די דרייסיג יאָהר וואס ער איז אין אמעריקא זיינען: די פּרעיאלעווער, אדעסער, בני אברהם, מהאטפאָרד עוועניו, בראָנזוויל, נוסח הארי, הענרי סטריט, קאמעניצער שוהל, אוהב שלום שוהל, הערעט סטריט, ברוקלין טשענסטאָכאָווער התב סופר שוהל, וואו ער איז געשטאנען 11 יאָהר צייט און יעצט שטעהט ער מיט גרויס כבוד אין דער קאלווואריער שוהל, וועסט 121טע סטריט.

חזן אראָנאָף איז דער טרעזשורער פון'ם חזנים פאַרבאנד זייט די לעצטע 7 יאָהר און איז איינער פון איהרע טהעטיגסטע מיטגלידער. ער שטעהט ניט אָב פון קיין ארבייט וואס באצוועקט צו דערהויבען דאָס חזנות.

קאַנטאָר איזידאָר אַדעלסמאַן

קאנטאָר איזידאָר אדעלסמאן איז געבוירען געוואָרען דעם 8־טען אויגוסט 1886 אין אטיניע, גאליציע. זיינע עלטערען זיינען געווען געשעפטסלייט, אָבער זיין פאָטער נתן, איז געווען א גרויסער למדן און א שעהנער הארציגער בעל תפלה. ער האָט ח"ו ניט געזוכט קיין פרנסה דערפון, נאָר מחיה געווען זיינע אידען פון שטעדטעל מיט זיינע תפלות, ווייל ער האָט עס ליעב געהאט.

צו 10 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען אין'ם הויף פון'ם באריהמטען „רבי“ רבינו חיים האגער, צו העלפען דעם חזן.

אין יאָהר 1897 ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען איז ער אוועק צו זיין פעטער אין עסטרייך, וועלכער האָט געהאט א גרויסע ביזנעס און האָט איהם אריינגענומען ער זאָל ארויסהעלפען אין געשעפט. אנשטאט צו אנטוואָרטען די קונים, איז ער אָבער געזעסען און געמאכט פארשידענע צייכנונגען. דער אָנקעל האָט אָנגעשריען, וואס ער „שפיעלט“ זיך. ער האָט אָבער אויסגעפונען, אז דער קליינער חברה־מאן שרייבט גאָר נאָטען. דער פעטער האָט ארויסגעזעהן דאן, אז מען מוז איהם שיקען צו א חזן, און אזוי האָט ער געזונגען ביי פארשידענע חזנים, ביי וועמען ער האָט געמאכט גרויס פאָרשריט מוזיקאליש.

און ווען זיין אָנקעל אהרן, זיין יעצטיגער שווער, האָט איינגעזעהן, אז ער האָט ווירקליך גרויס טאלאנט אין מוזיק האָט ער איהם אוועקגעשיקט נאָך וויען און ער טרעט אריין צו 17 יאָהר אין קאָנסערוואטאָריום. ער האָט פלייסיג שטודירט, האָט באהערשט א שעהנעם רעפערטואר און ווען ער האָט זיין מאמען באזוכט איינמאָל אין א יום טוב און ער האָט איהר דערצעהלט פון זיין גרויסע קאריערע, וואָס ליעגט פאָר פאר איהם, האָט זי געוויינט און געשריען: זי וויל ניט קיין „גוי“ און זי וויל ניט קיין „קאָמעדיאנט“ פאר א זוהן.

אדעלסמאן איז אָבער ניט נור געווען א געטרייער זוהן, נאָר ער האָט אויך געהאט א גרויסע פיהלענדע נשמה, און אינסטינקטיוו געפיהלט, אז דער עמוד איז זיין פלאץ, און אנשטאט צו פאָהרען צוריק נאָך וויען איז ער גאָר געפאָהרען קיין לעמבערג און טרעט דאָרט אריין אין כאָר פון דעם גרויסען חזן קאָמפאזיטאָר ר' זיידעל ראוונער. דריי יאָהר האָט ער געזונגען ביי ר' זיידעל'ן, און נאכהער זינגט ער ביי נאָך חזנים אין אונגארן און טרעט אריין אין דער קאנטאָרשוהלע אין וויען אונטער דער לייטונג פון אבערקאנטאָר באוער, וועלכע ער האָט אבסאלווירט. ווען ער איז אלט געווען 22 יאָהר איז ער שוין באטראָטען די שטעלע פון אבערקאנטאָר אין טשעקלעד, נאכהער איז ער געווען אין דיונדיוש, שפעטער אין טארנאָפאָל, און אין דער פוילישער שוהל, לעאָפאָלדשטראסע, וויען.

איידער ער איז געקומען אין אמעריקא האָט ער באקומען א לעבענסלענגליכען פאָסטען אין קעשקעמעט, בודאפעסט, פון וועלכע געמיינדע ער האָט גענומען אן אורלויב אויף א יאָהר צייט צו קומען קיין אמעריקא.

אין מערץ 1920 איז ער אָנגעקומען אין ניו יאָרק.

גלייך ביי זיין ערשטען ארויסטריט האָט ער זיך געמאכט פאָפולער. זיין ריינע גאָלדענע שטימע האָט ווי עלעקטריצירט זיין פובליקום און אויסער דעם האָט מען זיך איבערציינגט באלד אין זיין מוזיקאלישע פאכמאנשאפט און גרויסען בעל נוסח, און די גרויסע סאוטה 5טע סטריט שול, ברוקלין, האָט איהם באלד אויפגענומען.

אין יולי 1922 האָט איהם די קראהפאָרד סטריט שוהל בית המדרש הגדול אין באָסטאָן ארויסגערופען, און כאָטש ער האָט נאָך געהאט א קאָנטראקט מיט דער ברוקלינער שוהל, האָט ער אָבער דעם נסיון ניט געקענט ביישטעהן, ווייל די ברוקלינער שוהל האָט געמאכט א צו גוטען „בארגעין“ מיט איהם, און ער האָט די שטעלע אָנגענומען.

אין באָסטאָן איז אויך זיין נאָמען באלד פאָפולער געוואָרען אין אלע קרייזען, וואו מען האָט ליעב אידישע נגינה, און ער שטעהט דאָרט מיט גרויס כבוד און זיי האָבען גרויס פארגעניגען פון זיין קלאסישען פאָרטראג, פון זיין הארציגע תפלה, פון זיין שעהנע טענאָר שטימע און פון זיין פערזענליכקייט, וועלכע איז אן אינטערעסאנטער קאפיטעל אן און פאר זיך.

ער איז איינער פון די יונגע חשוב'ע מיטגלידער פון חזנים פארבאנד, און האלט יעצט אין אָרגאניזירען די באָסטאָנער חזנים אלס ברענטש פון דיזער גרויסער נאציאָנאלער אינסטיטוציאָן „חזנים פארבאנד“.

חזן יודעלע אַפּפּעל

אונגארן האָט אין די ערשטע יאָהרען געמוזט אָנקומען צו רוסלאנד, אז זי זאָל איהר באזאָרגען מיט חזנים, אָבער ווי עס ווייזט אויס איז אין די לעצטע צייטען אויסגעוואקסען א דור פון אונגארישע געבוירענע חזנים — חזנים, וואס האָבען רעכט געקענט פארטרעטען די גרויסע שטעלעס אין די אונגארישע געמיינדען.

חזן יודעלע אפּפּעל איז איינער פון די ראָזיגע אונגארישע חזנים, וועלכע האָבען געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער חזנות וועלט פון אונגארן.

חזן אפּפּעל איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1889 (תר"ן) אין א קליין אונגארישען ישוב. זיי פאטער, יעקב, איז געווען א גרויסער תלמוד חכם, א איד וואס איז געזעסען יום ולילה על התורה ועל העבודה און האָט פארפאסט איינינע ווערק.

צו 8 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי ישראל שטיינפּרעס אין אטיניע, שפּעטער האָט ער געזונגען ביי דעם גרויסען באריהמטען קינסטלער יעקב באכמאן. ער האָט געהאט א זעלטענע סאָפּראָן־שטימע און אלע חזנים האָבען איהם געזוכט ווי מיט ליכט. ער האָט אויך געזונגען ביי מרדכי בלומענפעלד אין מאראמאָרעש סיגעט, דער אלטער בלינדער חזן, און ביי מענדעל וואלד אין סאטמאר, ביי ליפּאָ ליבערמאן אין בערעגסאס. ער איז אויך ארומגעפאָהרען אלס איינגעל דאוונען שבתים, און יודעלע סאָפּראָן איז געווען גוט באוואוסט איבער גאנץ אונגארן.

אז ער האָט אָנגעוואָרען די שטימע איז ער אָבער ניט געזעסען לעדיג, ווייל ער איז ישוין דאמאָלס געווען גוט מוזיקאליש. ער איז געוואָרען כאָר דיריגענט ביי חזן קראסניאנסקי אין נייטרא, און האָט דורך דער צייט אויך באזוכט די ישיבות, וואו ער האָט געלערנט מיט גרוים התמדה.

זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין רעיוואוואניא, אונגארן. דערנאָך אין קעטשקעמעט און אין בודאפּעסט, און דאן האָט אויסגעבראָכען דער קריעג און ער האָט געמוזט אריינטרעטען אין דער ארמעע.

נאָך דעם קריעג איז ער געוואָרען חזן אין יאססי אין טעמפּעל ניישאטין, שפּעטער אין דער אייזענהענדלער שוהל אין גאלאץ, און איז אין דער זעלבער צייט ארומגעפאָהרען איבער גאנץ רומעניען, וואו ער האָט קאָנצערטירט.

עס איז דאָ ווערטה צו באמערקען, אז חזן יודעלע אפּפּעל, אויסער זיין חזנות, איז ער אויך א זעהר טעטיגער מענש אין כלל ארבייט. אין גראסווערדיין האָט ער געגרינדעט די חברה ישוב ארץ ישראל, און נאכהער איז איבערגעגאנגען די חברה און געוואָרען א מזרחי. פון גאנצען לאנד טראנסילוואניא איז ער געוואָרען דער דער אָרגאנייזער סעקרעטער.

אין אלול 1922 איז ער געקומען קיין אמעריקא און ער האָט זיין ערשטען ימים נוראים אין אמעריקא געדאווענט ביי דער ישיבת ר' חיים בערלין, און באלד נאָך ימים נוראים באקומען די שטעלע אין דער גרויסער „שערי צדק" שוהל, קוני איילאנד.

חזן יודעלע אפּפּעל איז א חסידישער יונגערמאן, א תלמודיסט, א גרויסער מנגן און באזיצער פון א שעהנער טענאָר שטימע מיט א פאלצעט און קאָלאָראטור. ער איז א שעהנער אמת אידישער דאוונער וואס האָט געוואונען גרויס אנערקענונג אין דער קורצע צייט וואס ער איז אין אמעריקא.

חזן יעקב אלבערט

געבאָרען אין באלטערמאניז, ווילנער גובערניע; ער שטאמט פון א חזנ'ישער פאמיליע. צו 9 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי לייבע נאָוואָרידקער, חזן אין באלטערמאניז, שפּעטער געזונגען ביי חזן קופּפער, ע"ה אין ווילנא 3 יאָהר צייט. מיט א יאָהר שפּעטער האָט חזן ר' ישראל נאָווינסקי איהם אוועקגעפיהרט מיט זיך קיין פּעטערבורג אין דער שניידערישער ישוהל. דאָרט האָט ער געזונגען ביז ער האָט געקראָגען א באַריטאָן שטימע. ער האָט דאָרט חתונה געהאט און קורץ נאָכדעם געקומען קיין אמעריקא.



חזן יעקב אלבער־ט איז געווען חזן אין א רעפאָרמירטען טעמפּעל צוערישט, אין ראקלאנד, מעין, 5 יאָהר צייט, און נאכהער געהאלטען פארשידענע שטעלען, איבער מיט גרויס כבוד.

קאַנטאָר מיכאל אשכנזי

מיכאל אשכנזי איז געבוירען געוואָרען אין וואָהלין מיט 34 יאָהר צוריק. אלס קינד האָט ער געזונגען ביי דעם חזן זיסל רוסאָטא, פון ראָזשעני, און אין דער זעלבער צייט האָט ער שטודירט תלמוד און פּוסקים אין דער ראָזשענויער ישיבה, וואו ער האָט פארבראכט 4 יאָהר צייט. שפּעטער האָט ער שטודירט אין ווארשאָווער און אין אָדעסער קאָנסערוואטאָריומס געזאנג און אנדערע מוזיקאלישע קענטניסע.

דאָ אין אמעריקא האָט ער פאָרטגעזעצט זיין שטודיום און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די מעטראָפּאליטאן און סענטשורי אָפּערא קאָמפּאניעס

זייט די לעצטע זעקס יאָהר איז מיכאל אשכנזי אָנערקענט אלס איינער פון די פעהיגסטע יונגע חזנים. חזן אשכנזי האָט באטראָטען איינינע העכסט אָנגעזעהענע שטעלען, אין וואשינגטאָן הייטס ניויאָרק און אין ניו בריטאן, ברוקלין, און אנדערע. חזן מיכאל אשכנזי באזיצט א שעהנע גרויסע קינסטלערישע געשוהלטע דראמאטישע טענאָר שטימע און איז אן ערשטע קלאסע פאכמאן פון עמוד.

אויסער זיין חזנות האָט ער אויך א גרויסען רעפּערטואר פון אָפּערא און קלאסישע און פאָלקס־ליעדער אין זיבען שפּראכען. ער איז אויך אָנערקענט אלס א זעהר פעהיגער געזינגס לעהרער און צעהלט צווישען זיינע שילער פיעלע פּראָמינענטע פּראָפעסיאָנעלע זינגער און חזנים.

אין דער קאָנצערט־וועלט איז ער גוט באוואוסט פאַר זיינע רעסייטעלס פון קונסט און פאָלקס ליעדער ווי אויך אָפּערא אריען. ער האָט לעצטען סעזאָן געמאכט א זעהר ערפאָלגרייכען קאָנצערט טור איבער'ן לאנד, וואו ער זינגט ווידער היינטיגען סעזאָן אויפ'ן פארלאנג פון פּובליקום.

חזן יעקב ביימעל

יעקב ביימעל שטאמט פון פאריטש, מינסקער גוב. (ווייס־רוסלאנד). אלס אכט־יאהריגער אינגעל האט ער געזונגען (געהאלפען) אין דער צייט פון די ימים נוראים ביי זיין פאטער ר׳ שאול בר סיני, וועלכער איז געווען פון נאטור זעהר מוזיקאליש, און וועלכער איז געווען סופר און פאריטשער חזן.

צו צעהן יאהר איז יעקב אנגעקומען אין דער ישיבה פון דעם הארבאקער רב אין באברויסק, וואו ער האט אויך געזונגען ביי דעם ארטיגען שטאדט־חזן. אלס צוועלף יאהריגער אינגעל איז יעקב אנגעקומען אלס אלט צום באריהמטען חזן ר׳ ניסן בעלזער פון בערדיטשעוו, ביי וועמען ער האט געזונגען ביז זיין שטימע האט זיך אנגעהויבען צו בייטען.

קומענדיג צוריק אהיים האט יעקב ביימעל זיך גענומען צו אלגעמיינע בילדונג מיט דער אבזיכט זיך צוגרייטען פאר אן „אטעסטאט זריעלאסטי" (היי סקול עקזאמען). פאר דיזען צוועק איז ער געפאהרען אין אדעס. דארט האט ער שטודירט געזאנג מיט דער באריהמטער געזאנג לעהרערין וואסילענקא. אין אדעס האט ער אויך שטודירט הארמאניע מיט פראפ. געלם און קאנטראפונקט מיט דעם רוסישען קאמפאזיטאר מאדערניסט רעבוקאוו.

די רעזולטאטען פון זיין שטודיום אין געזאנג האט ביימעל נאכהער געצייגט אין פיעלע קאנצערטען, אין וועלכע ער איז אויפגעטראטען אונטער דעם נאמען „בעמאל". אין דיזע קאנצערטען האט ער ארויסגערופען פיעל בייפאל סיי פון דער טעגליכער פרעסע און סיי פון׳ס פובליקום.

כדי זיך פארפאלקאמנען אין געזאנג האט יעקב ביימעל אויסגעוואנדערט אין בערלין (דייטשלאנד) נאכדעם ווי ער האט געגעבען קאנצערטען אין פארשיעדענע רוסישע שטעדט. אין בערלין האט ער שטודירט געזאנג מיט דעם באריהמטען פראפ. פראנץ עמעריך.

פאלגענדיג די עצה פון זיינעם א לאנדסמאן, א באגאבטען קאמפאזיציע־סטודענט, האט יעקב ביימעל געצייגט עטליכע אייגענע קליינע קאמפאזיציעס צו פראפ. גערנסהיים, וועלכער איז געווען דער דירעקטאר פון א מייסטער־שולע פון מוזיקאלישע קאמפאזיציע אין דער קעניגליכער קונסט־אקאדעמיע. דער אלטער פראפעסאר האט זיך שטארק פאראינטערעסירט מיט די קאמפאזיציעס פון דעם „רוססען" און נאכדעם ווי י. ב. האט זיך פארפאלקאמט אין קאנטראפונקט און פוגע, האט פראפעסאר גערנסהיים איהם אויפגענומען אין זיין מייסטער שולע. אלס מייסטער שילער האט ביימעל שטודירט פריי, אהן באצאהלונג, ער האט שטודירט אויף די הוצאות פון דער פרייסישער מלוכה.

יעקב ביימעל האט אפט ערהאלטען פון דער קונסט־אקאדעמיע געלד פרעמיען פאר זיינע מוזיקאלישע שאפונגען. פון דער פארוואלטונג פון „מענדעלזאהן־בארטאלדי שטיפטונג" האט ער באקומען א „לויבענדע דערמאהנונג", וועלכע איז געווען אפיציעל געדרוקט אין אלע דייטשע צייטונגען.

נאך איניגע יאהר פון שטודירען האט יעקב ביימעל געענדיגט די מייסטער־שולע אלס „גערייפטער, זעלבסטשטענדיגער קינסטלער" (דער לשון פון דעם דיפלאם).

דורך דער גאנצער צייט האט ביימעל ניט פארגעסען זיין גירסא דינקותא — דאס חזנות וועלכע ער האט שטענדיג ליעב געהאט און וועלכע ער האט זיך געמאכט אלס פראפעסיע.

אין אייראפא איז יעקב ביימעל געווען חזן אין בערלין און אין קאפענהאגען. אין קאפענהאגען האט דער סימפאניע־ארקעסטער פון „טיוואלי" אויפגעפיהרט זיינע א סימפאניע מיט גרויס ערפאלג. שפעטער האט יעקב ביימעל אליין דיריגירט אין א קאנצערט דעם דאזיגען ארקעסטער. אויסער די אויבענדערמאנטע סימפאניע האט ער אויף יענעם קאנצערט דיריגירט די פינפטע סימפאניע פון בעטהאווען, א קאמפאזיציע פון וואגנער און א נומער פון גריעג. די דענישע צייטונגען האבען איהם דאן געלויבט ניט נאר אלס קאמפאזיטאר, נאר אויך אלס ארקעסטער־דיריגענט.

יעקב ביימעל איז אויך באקאנט אלס דיריגענט פון גרויסע געזאנג־פאראיינען. אין בערלין איז ער געווען פיעלע יאהרען דער דיריגענט פון דעם באקאנטען מענדעלזאהן כאהר, מיט וועלכען ער האט געגעבען גרויסע קאנצערטען. אין קאפענהאגען האט ביימעל דיריגירט דעם געזאנג פאראיין „הזמיר". אין אמעריקא האט ער אין משך פון פינף יאהר דיריגירט דעם פעטערסאנער כאהר, וועלכען ער האט ארויפגעארבייט אויף א הויכע מדרגה.

פון זיינע קאמפאזיציאנען, וועלכע זיינען ערשיענען, איז צו דערמאנען די פאלגענדע: דריי אידישע קונסט־

ליעדער „סאבאטה־אָנפאנג“, „סאבאטה־אויסגאנג“ און „נעילה“ (געדרוקט אין דייטשען זשורנאל „אָסט און וועסט“). אין דעם זעלבען זשורנאל זיינען אויך ערשיענען די אידישע פאָלקס־ליעדער: „יאָסעל מיט דער פיעדעל“, דער „פוהרמאן און די אייזענבעהנען“ „און א נערום פון סיביר“, אראנזשירט פון י. ביימעל.

אין אמעריקא זיינען ערשיענען ביי דעם פארלעגער יוסף קאטץ די פאָלגענדע פאָלקס־ליעדער, אראנזשירט פון יעקב ביימעל: „די גילדענע פאווע“, „דעם מיהלנער׳ס טרערען“, „מיקיטקע“, „חשבון־צדק“ און „קאטערינא“.

יעקב ביימעל האָט אויך ארויסגעגעבען א געזינג־בוך פאר דעם פארבאנד פון אידישע טורן־פאראיינען (ספאָרט, אטלעטיק).

י. ביימעל האָט אויך געשריעבען פיעלע ארטיקלען איבער אידישע מוזיק. פון דיעזע ארטיקלען איז צו דערמאָנען: „חסידישע געזאנגע“ (אין דייטש, „אָסט און וועסט“), „מעולם הזמרה“ (העברעאיש, העברי) „אגודות לזמרה“ (העברעאיש, התוכן).

אין אמעריקא איז יעקב ביימעל געקומען מיט א יאָהר אכט צוריק. ער איז געווען חזן אין דזשואיש סענטער (ניו־יאָרק). זייט פיער יאָר איז ער חזן אין טעמפעל „עדת ישורון“ אין פילאדעלפיא.

חזן נחום בלאכמאן

חזן נחום בלאכמאן איז געבוירען אין מאָהילעוו, נא דניעפר, געלערנט אין דער מאָהליוועו ישיבה ביז 14. צו 9 יאָהר האָט ער געזונגען אין דער שטאָדטישער שוהלע, וואו ער איז געווען דער בעסטער אלט סאָליסט. דערהערענדיג זיין וואונדער אלט האָט דער שטאָדט חזן משה בערלין אין צוקערמאן׳ס שוהל, וועלכער איז געווען א געענדיגטער פון בערלינער קאָנסערוואטאָריום, איהם צוגענומען צו זיין דער סאָליסט, מיט דער ערלויבניש פון דעם פרינסיפאל פון דער שוהלע. צו 15 יאָהר האָבען זיך זיינע עלטערן אריבערגעצויגען אין אלעקסאנדראָוויסק, וואו ער האָט מיט א יאָהר שפעטער אָנגעפאנגען זינגען אלס טענאָר ביי דעם שטאָדט חזן, ר׳ דוד העללמאן, ר׳ משה בער׳ס א שוואָגער.

נאכהער מיט 2 יאָהר שפעטער האָבען זיינע עלטערן זיך אריינגעצויגען אין יעקאטערינאָסלאוו וואו ער האָט געזונגען ביי משה בער׳ן (קארטאנסקי) אין כאָהר שוהל אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערנט מוזיק און שטים־בילדונג אין דער יעקאטערינאָסלאווער מוזיקאלישער שוהלע.

אין דעם יאָהר 1905 אין וועלכען עס זיינען פאָרגעקומען די שוידערליכע פאָגראָמען אין רוסלאנד איז איהם אויסגעקומען אויסצוואוואנדערען נאָך לאָנדאָן און נאכהער אין ניויאָרק.

דאָ האָט ער פארטראָטען זיין ערשטע שטעלע אלס חזן ביי די אונגארישע אין דער 4־טער סטריט וואו ער איז אָבגעוועזן 3 יאָהר: דערנאָך אין דער רוסישער שוהל, ניו היייווען 5 יאָהר, דערנאָך אין די בני ישראל אין באלטימאָר, און צו דער זעלבער צייט געלערנט אין די פיבאדי אינסטיטוט אָוו מוזיק, און זייענדיג איינמאָהל צוגאסט אין ניו־יאָרק האָט ער אָנגענומען די שטעלע אין דער ליבאוויטשער שוהל. זיין לעצטע שטעלע איז געווען די שערי צדק שוהל פון קוני איילאנד, וואו ער וואָהנט יעצט מיט זיין פאמיליע.

חזן שלמה בראונשטיין

חזן שלמה בראונשטיין איז געבוירען אין קעשענעוו. אלס קינד האָט ער געזונגען ביי ר׳ זיידעל ראָוונער, נאכהער אלס באריטאָן איז ער געוועזן צווייטער קאנטאר ביי חזן ראזומנע אין קעשענעוו, און אין דער זעלבער צייט האָט ער שטודירט אויף אָפערא זינגער אין דער קייזערליכער מוזיק שוהלע. נאָך זיין ענדיגען די מוזיק שוהלע איז ער אנגאזשירט געוואָרען אין דער „שיין אָפערא קאָמפ.“ אויף ערשטע ראָלען. דורך די אנטיסעמיטישע פארפאָלגונגען געגען אידען אויף דער ביהנע, האָט ער די ביהנע פארלאָזען און איז געוואָרען צווייטער חזן אין דער אָדעסער גרויסער שוהל. זייענדיג אין אָדעסס האָט ער ערהאלטען אן איינלאדונג פון אלט־אפאנער געמיינדע אין בודאפעסט וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען אלס אָבערקאנטאר מיט א לעבענסלענגליכען קאָנטראקט. די אויסערגעוועהנליכע שלעכטע לאגע וואָס די מלחמה האָט געשאפען, האָט איהם אָבער געצוואונגען צו

פארלאָזען זיין שעהנעם פאָסטען נאָך 7 יאָהר צייט (פאר וועלכע די געמיינדע האָט איהם מיט א דיפלאָם אויסגעצייכענט) און ער איז געקומען קיין אמעריקא. נאָך זיין ערשטען קאָנצערט אין סינסינעטי, איז ער ערוועהלט געוואָרען אלס חזן פון דער געמיינדע „עדת ישראל“ בעסער באוואוסט אלס„ אוואָנדאלע סינאגאגיע“, די פאָרנעהמסטע מאָדערנע אָרטאָדאָקסישע שוהל אין סינסינעטי.

חזן יעקב ברייטמאַן

צווישען די יונגע אויפגעהענדע שטערן אין דער חזנות וועלט דארף מען אריינרעכענען דעם יונגען חזן יעקב ברייטמאַן, וועלכער שטעהט שוין דאָס צווייטע יאָהר אין דער ביאַליסטאָקער שוהל, דער עמוד ביי וועלכען עס איז אמאָל געשטאנען דער גרויסער מתפלל ר׳ אברהם׳עלע אָרענשטיין. און עס איז קיין וואונדער ניט, אויך! חזן ברייטמאן באזיצט אלע אייגענשאפטען וואס קענען איהם ברענגען אלס נעהנטער און נעהנטער צום מזרח אלס א גרויסער מתפלל. ער באזיצט א לירישע באריטאָן שטימע, וואס קלינגט ווי א דראמאטישער טענאָר; וואס ער זאָל ניט זאָגען איז אלעס איינגעטונקען פון דעם קוואל פון מתיקות. זיין שטימע איז עהנליך אין טימבער צו די פון׳ם וועלט בארימטען קווארטין און אָפט דוכט זיך ווען מען הערט ברייטמאן, אז מען הערט דעם יונגען קווארטין.

דיזער יונגער הזן איז געבוירען געוואָרען מיט 29 יאָהר צוריק אין לובלינער געגענד. זיי פאָטער מלך הירש איז געוועזן א שעהנער בעל תפלה; און ווען ביי יאנקעלע האט זיך ארויסגעוויזען א שעהן שטימעלע האט מען איהם געשיקט צום חזן. ער האָט געזונגען ביי בעריש גרעבער (חעלעמער) אין לובלין, און ווארשא ביי חזן מענדעלעוויטש, וועלכער איז געוועזן א שעהנער מנגן.

צו זיין בר מצוה האָט ער צום ערשטען מאָל געדאַוועגט אין דער גרויסער שטאָדט שוהל מיט דעם שטאָדט כאָר. ער האָט געמאכט א רושם און מ׳האָט נביאות געזאָגט, אז ער וועט אמאָל זיין א גרויסער חזן.

פיעלע אינטערעסאנטע עפּיזאָדען פון זיין קאריערע אלס משורר דערצעהלט דער יונגער חזן. ער געדענקט, זאָגט ער, ווי איינמאָל האָבען זיי ניט געהאט קיין הוצאות אויף אהיימצופאָהרען, און זיינען געגאנגען צופוס... און ביי נאכט ווען זיי זיינען פארביינגעגאנגען א בית עולם, האָבען אייניגע אינגלעך פון מורא גע׳חלש׳ט... ניט האָבען וואָס צו עסען און ווערען אויסגעמאטערט און אויסגעמוטשעט מיט פארשידענע ארבייטען דאָס איז געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך.

ווען ער האָט באקומען די מענער שטימע, האָט איהם זיין פאָטער געשיקט אין דער בארימטער חזנים שוהלע פון׳ם גרויסען מוזיקער דובער בירנבוים אין טשענסטאָכאָוו, וואו ברייטמאן איז געווען איינער פון די גרעסטענסטע שילער. ער האָט דאָרט געלערנט בלויז איין יאָהר און אזוי שנעל ווי עס איז געוואָרען א רעד וועגען מלחמה, האָבען איהם זיינע עלטערען געהייסען נעהמען דעם וועג קיין אמעריקא.

נאָך אלס באָי, און ניט האָבענדיג קיין שום פריהערדיגע ערפאהרונג איז ער מיט זיין שעהנע תפלה אויפגענומען געוואָרען אלס חזן אין דער אהבת ישורן שוהל, 6טע סטריט; צוויי יאָהר איז ער געשטאנען אויף דער שטעלע, און איז ציגענומען געוואָרען אין דער „חברה בחורים“, איסט 3טע סטריט, וואו ער איז געשטאנען צוויי יאָהר, פון דאָרט איז ער אָנגעקומען אין דער עלדרידזש סטריט שוהל, נויאָרק, דער אמאָליגער עמוד פון פיני מינקאָווסקי, און שוין זייט 2 יאָהר איז ער מיט דער ביאַליסטאָקער שוהל, וואו זיין פּאָפּולאַריטעט וואקסט פון טאָג צו טאָג.

חזן ברייטמאן פארמאָגט שטימע, יוגענד, פערזענליכקייט, קענטנים און האָט אין זיך אריינגעזאפט א סך פון די גרויסע חזנים פון פוילען. באזונדערס איז ער א גרויסער נאָכפאָלגער פון חזן מרדכי הערשמאן׳ס תפלה.

חזן ברייטמאן האָט אן עלטערען ברודער פנחס, וועלכער איז חזן אין אמעריקא, אין אינדיאנא סטייט.

חזן ישראל בריא

צווישען די ערשטע מלחמה קרבנות איז געוועהנליך דער חזן. די קהלה ווערט חרוב, זי הונגערט אליין, זאָל זי נאָך זאָרגען וועגען א חזן? אָבער אין ישראל בריא האָבען מיר געפורנען א נייעם סאָרט מלחמה קרבן. ער איז געשטאַנען פאַר דער מלחמה אויפ'ן שוועל פון א גלענצענדע קאַריערע אלס אָפּערא זינגער, אָבער די מלחמה האָט עס אלעס חרוב געמאכט, און ער האָט זיך געמוזט צוריקקעהרען צום עמוד פון וואַנען ער האָט זיין יניקה, אייגענטליך, געשעפּט.

ישראל'יקל בריא האָט געהאַט א נייגונג צום עמוד נאָך אלס אינגעל פון 5—6 יאָהר. ער פלעגט נעמען א האנדטוך און פלעגט מאַכען קולות און גוואלדען, זאָגען יקום פורקן מי שברך, פאַרמישען די תפלות, אזוי, אז זיין מאַמע פלעגט האַלטען אין איין שרייען: פאַרשריי מיר ניט די יאָהרען... גענוג שוין די קולות.

ווען ער פלעגט לערנען ביים רבי'ן פלעגט ער אלעס זאָגען מיט אזא זיסען ניגון, אז מ'פלעגט זיך פּשוט אוועקשטעלען הערען ווי דאָס אינגעלע לערנט. איינמאָל איז דער קלויזענבורגער חזן יחיאל בערנשטיין פאַרבייגעפאָהרען, און ער האָט געהערט דאָס אינגעלע זינגען. ער איז געפעלען געוואָרען און איז געקומען צו דער מאַמען קריגען די ערלויבנים. זי האָט זעלבסטפאַרשטענדליך ניט געוואָלט, אָבער דער קליינער ישראל'יקעל האָט אין א שעהנעם פריהמאָרגען גענומען דאָס פעקעלע אונטער'ן אָרעם און איז אוועק מיט'ן חזן. ער האָט געזונגען ביים חזן און געלערנט אין קלויזענבורגער ישיבה. ער איז געווען א וואונדערבארער אלט און דער חזן האָט איהם אָבגעהיט ווי אן אבן טוב.

מיט דעם חזן איז ער א 5 יאָהר צייט ארומגעפאָהרען גאַנץ אונגארן, סערביען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, רוסלאַנד א. ז. וו. און ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין יאַראָסלאַוו, וואו ער האָט די שטעלע גענומען צוליעב דעם וואונדערבארען אלט, וועלכער פלעגט זאָגען סאָלאָס אז עס פלעגט ריהרען די אידען ביז צו טרעהרען...

א ריהרענדע סצענע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין הויז פון דעם חזן, ווען זיין מוטער איז געקומען אין שטאָדט זורכען איהר קינד. זי איז געקומען צום חזן און געזעהן איהר זוהן פאַר די אויגען און איהם ניט דערקענט; ער האָט זיין מוטער געזעהן, און ניט געוואוסט, אז ער רעדט מיט זיין מאַמען...

דערנאָך איז חזן בריה אריינגעטראָטען צו ר' זיידעל ראָוונער אין דער „קאָנסערוואַטאָריע". ביי ר' זיידלען האָט ער געשפּיעלט א גרויסע ראָלע. ער פלעגט אלעמאָל שרייען „ישראל'יקעל ביסט מיין טייערסטער תלמיד". ער האָט געזונגען מיט ר' זיידלען קאָנצערטען און איבעראל געמאכט דעם גרעסטען פוראָר. ער האָט איבערשמיגען אלע זיינע משוררים סיי מיט שטימע, סיי מיט מוזיקאלישע קענטניסע, סיי מיט געפיהלפולען זינגען...

ביי ר' זיידלען האָט ער געזונגען אלס וואונדערבארער אלט, און אויך שפּעטער אלס טענאָר. ר' זיידעל האָט איהם געמאכט פאַר א טענאָר באלד ווי עס האָט זיך נאָר אָנגעהויבען ווייזען די מענער שיטמע — און פיליכט איז דאָס ניט געווען קיין קלוגער שריט.

ער האָט נאכהער געזונגען ביי ליזר'קע גאָלדבערג אין קראקאו, וואו ער האָט אויך דיריגירט דעם כאָר.

עס האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען איינע פון די שעהנסטע דראַמאַטישע טענאָר שטימען, פון וועלכען די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט און אין אידיש־מוזיקאלישע קרייזען האָט מען אָנגעפאַנגען טראכטען וואס צו טאָן פאַר דעם יונגען וואונדערבארען זינגער. די קולטור־געמיינדע האָט איהם געגעבען א סקאלערשיפּט ביי דעם באַריהמטען געזאַנגס־לעהרער דלאני, אין לעמבערג.

די באַריהמטע קאָלאָראַטור סאָפּראַנאָ פון דער וויענער אָפּערא סעלמא קורץ (זי איז געווען אין אמעריקא אויף א קאָנצערט טור) האָט איהם איינמאָל ביי א צופאַל געהערט און איז אזוי איבערראַשט געוואָרען, אז זי האָט באַשלאָסען אויף איהרע אייגענע קאָסטען איהם צונעהמען קיין וויען, אום ער זאָל דאָרט קענען פאָרטזעצען זיין שטודיאום. דאָרט האָט ער שטודירט ביי פּראָפעסאָר האביג, איינער פון די גרעסטע געזאַנגס־לעהרער 2 יאָהר צייט... פאַר זיינע אויגען האָט זיך געוועבט די שעהנסטע צוקונפט, די ליכטיגסטע קאַריערע... און עס איז ניט געווען קיין חלום...

דאָ איז אָבער פּליצלונג געקומען דער קריעג, וואָס האָט ארויפגעווארפען א כמארע, א פינסטערען וואָלקען אויף די מענשען און צווישען די קרבנות איז געווען אויך בריא.

אלס הויכער, שעהנער געזונדער יונגערמאַן, האָט ער געמוזט אריינטרעטען אין דער ארמיע; 5 יאָהר איז ער געווען אין דיענסט; איז 3 מאָל פאַרוואונדעט געוואָרען.

נאָך דעם קריעג איז ער געוועזען א פּאָר יאָהר חזן אין רישא. אָבער די לאגע אין איירא‍ָפּא איז געווען אן אונערטרעגליכע און סוף 1922, תיכף נאָך ראש השנה, איז בריה אָנגעקומען אין ניו יאָרק, וואו זיין גרויסע טענאָר שטימע און זיין אמת שעהנער, קלאסיש־אידישער דאַווענען האָט פאַר איהם א רעפּוטאַציע געמאכט אלס איינער פון די גרויסע קינסטלער ביים עמוד. ער באַטרעט יעצט די שטעלע אין גראַוו סטריט, דזשוירזי סיטי. ער זינגט גאַנץ אָפט קאָנצערטען און ער צייכענט זיך אויס אין לידער און קלאַסישע נומערען פונקט ווי ביים עמוד.

חזן דוד בראָדסקי

חזן דוד בראדסקי געבוירען אין פּאָלטאווא, זיד־רוסלאנד, אין יאָהר 1893. ער שטאמט פון זעהר א באריהמטער חסידישער פאמיליע, זיין פאטער, וועלכער איז נאָך יעצט באוואוסט אונטער דעם נאָמען ר׳ מרדכי חסיד, איז געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע חסידים פון דעם ליבאָוויצען רבי ר׳ מענדעלע ז״ל.

א חוץ וואס ר׳ מרדכי חסיד איז געווען א גרויסער למדן איז ער אויך געווען א באריהמטער בעל תפלה און אן אָנגעזעהענער געשעפטסמאן. ר׳ מרדכי חסיד פלעגט דאוונען בלויז ימים נוראים, און ווען דוד׳ל איז אלט געוואָרען 7 יאָהר, האָט ער שוין געהאָלפען זיין פאטער זינגען, און ווען ר׳ מרדכי חסיד האָט איינמאָל געדאווענט אין דער שטאָט יעקאטערינאָוולאוו איז דער באריהמטער חזן ר׳ משה בער קאָראָטיענס ע״ה, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער חזן פון דער יעקאטערינאָסלאווער כאָהר־שוהל, געקומען הערען ר׳ מרדכי חסיד און ווי איבערראשט איז חזן ר׳ משה בער געוואָרען, ווען ער האָט דערהערט דעם וואונדערליכען אלט פון דוד׳לען. ער האָט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון זיין אזוי פיעל ענטציקט פון דעם קינד׳ס שטימע און געפיהל, און איידער מען האָט נאָך געענדיגט דעם דאוונען, איז ער צוגעגאנגען צום קינד און האָט איהם שטארק געקושט.

דער באריהמטער חזן איז ממש ניט אָפּגעטראָטען פון ר׳ מרדכי חסיד ביז וואנען ר׳ מרדכי האָט איהם געמוזט צוזאגען, אז ער וועט דוד׳לען איבערלאָזען צו זינגען ביי איהם אין כאָהר, און דער חזן האָט צוגעזאָגט, אז דוד׳ל וועט אויסוואקסען א באריהמטער זינגער אָדער חזן.

דורך די 5 יאָהר, וואס דוד׳ל האָט געזונגען ביי חזן משה בער, האָט דוד׳ל געענדיגט די באריהמטע יעקאטערינאָסלאווער תלמוד תורה מיט די גרעסטע אויסצייכנונגען, אויך האָט דוד׳ל גענומען מוזיק לעסאָנס אין דער יעקאטערינאָסלאווער מוזיקאלישער שולע. אויך איז דוד׳ל געווען זעהר באשעפטיגט מיט דאוונען אין די פארשידענע שולען און בתי מדרשים די שבתים, וועלכע ער האָט ניט געברויכט צו זינגען אין כאָהר, און די אידען האָבען געזאָגט, אז דאָס וואקסט א צווייטער משה בער...

נאָך דעם ווי ביי דוד׳לען האָט זיך אָנגעפאנגען צו בייטען די שטימע, האָט זיין פאטער באשלאָסען אוועקצושיקען דוד׳לען אין דער ישיבה תורת חיים אין פּאָטשעפּ, טשערניגאָווער גובערניע, און אָפּלערנענדיג 3 יאָהר אין דער ישיבה, איז דוד׳ל געקומען אהיים אלס א גאנץ פיינער למדן, און אי דער פאָטער אי די שטאָדט האָט מיט דעם בחור׳ל געשטאָלצירט.

דער פאָטער ר׳ מרדכי חסיד האָט זעהר מורא געהאט אז דוד׳ל זאָל חלילה ניט אראָפּגעהן פון דעם דרך הישר, האָט ער באשלאָסען אז אָנשטאָט צו מאכען דוד׳לען פאר א זינגער, וועט ער איהם בעסער מאכען פאר א געשעפטס מאן. דוד׳ל האָט אָבער געזונגען, און ניט געהאנדעלט. און דער פאָטער האָט איינגעזעהן אז קיין געשעפטסמאן וועט פון דוד׳לען ניט זיין, האָט ער באשלאָסען איהם צו מאכען פאר א חזן.

ר׳ מרדכי חסיד האָט דוד׳לען אוועקגעשיקט צו דעם באריהמטען חזן סיראָטע וועלכער איז דאן געווען חזן אין ווארשא און חזן סיראָטא האָט דוד׳לען רעקאָמענדירט די שעהנסטע לעהרער און נאָך 2 יאָה־לעהרע מיט דעם באריהמטען פּראָפעסאָר דזוסטיעניען׳ן, און אויך אין דעם ווארשעווער מוזיקאלישען אינסטיטוט, האָט חזן סיראָטא צוגערעדט דוד בראָדסקי׳ן, ער זאָל פאָהרען אין דער קאנטאָר שוהלע פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע איז דאן געווען אונטער דער דירעקציאָן פון דעם באריהמטען חזן א. ב. בירנבוים און נאָך צוויי יאָהר שטודיום האָט חזן דוד בראָדסקי געענדיגט די קאנטאר־שוהלע מיט די גרעסטע אויסצייכענונגען. ער איז געווען דער איינציגער שילער וועלכער האָט באקומען 100 רובעל אין גאָלד פון דער טשענסטאָכאָווער כאָהר־שוהל פאר זיינע אויסצייכענונגען אין דער קונסט פון אימפּראָוויזאציע אין חזנות און דיקציאָן א. ז. וו.

די סאמסאָניעווסקע שוהל אין פּעטערבורג איז געווען דער ערשטער פּאָסטען וואָס חזן דוד בראָדסקי האָט באטראָטען אלס פּאָלשטענדיגער קאנטאר. צו דער זעלבער צייט האָט חזן בראָדסקי געלערענט קאָמפּאָזיציאָן אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואטאָריום און שטים־בילדונג מיט די פּראָפעסאָרען גאבלע און דזיראלדאני.

צוליעב מיליטערישע אורזאכען האָט חזן בראָדסקי פארלאָזען רוסלאנד און אין יאָהר 1913 איז חזן בראָדסקי געקומען נאָך ניויאָרק, וואו ער איז געווען חזן אין דער באַריהמטער געמיינדע בית המדרש הגדול אין שארית בני ישראל 5 יאָהר פון וואנען מען האָט חזן בראָדסקי׳ן איינגע־

לאדען אין דער עלטסטער געמיינדע אין אמעריקא, די באַריהמטע געמיינדע ישועת ישראל (טורא־שוהל) אין ניו פאָרט ר. א. מיט וועלכער געמיינדע ער איז געוועזן 3 יאָהר מיט דעם גרעסטען כבוד.

חזן בראָדסקי פארטרעט פאר די לעצטע 4 יאָהר די באריהמטע־געמיינדע „בית אל" אין באָסטאָן און איז באַוואוסט אלס דער ליעבלינג פון באָסטאָן און גאַנץ ־ניו ענגלאנד.

חזן דוב בראגינסקי

חזן דוב בראגינסקי, פון דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי אמת סטענהאופּ סטריט, ברוקלין, איז א חזן בן חזן. זיין פאָטער ר' חיים בראגינסקי איז 30 יאָהר געוועזן חזן אין זשיטאָמיר, אָבער זיין זוהן האָט ער געשיקט צום שטאָדט חזן שמאי מרגליות, (חזן הערשמאַן'ס רבי), וועלכער איז שוין געוועזן א גרויסער מנגן און ביי איהם האָט ער געזונגען 5 יאָהר אלס סאָפּראַן און אין דער זעלבער צייט געלערענט די ערשטע יסודות פון מוזיק.

דערנאָך איז חזן בראגינסקי אוועק אין דער בערדיטשעווער כאָר שוהל, דער חזן דאמאָלסט איז געוועזן היימאן, זיין דיריגענט פּעקער, און דאָ האָט ער באקומען די ריכטיגע ערפאהרונג פון כאָר געזאנג, וואָס דיענט איהם אזוי גוט אין זיין שפּעטערדיגער קאריערע אלס חזן.

דערנאָך האָט זיך ענטוויקעלט א וואונדערשעהנע באריטאָן שטימע און ער האָט אָנגעפאנגען זינגען ביי חזן ליב שאפּירא (דוד רויטמאן האָט דאָרט געזונגען) און שפּעטער ביי חזן יעקב וויינמאן פון דער אדעסער שוהל אין ראדאָמישל.

צו 19 יאָהר איז ער געוואָרען חזן אין דער זשיטאָמירער שוהל.

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען ווי חזן בראגינסקי האָט געפיהלט צו זיין דער חזן אין דער זעלבער שוהל, וואו ער איז געוועזן א משורר, און וואו אזעלכע גרויסע וועלט חזנים זיינען געשטאַנען. ער האָט געהאט א וואונדערבארען כאָר, און דאָ האָט ער דורכגעפיהרט די שעהנסטע אידישע קאָמפּאָזיציאָנען. זעקס יאָהר איז ער געשטאנען אויף דיעזער שטעלע.

מיט 10 יאָהר צוריק איז ער געקומען קיין אמעריקא, און האָט דאָ פארטראָטען פיעלע וויכטיגע שטעלען און איז יעצט חזן אין דער סטענהאופּ סטרייט שוהל, וואו ער האָט גרויס אנערקענונג סיי פאר זיין תפלה און סיי פאר דער נגינה פון זיין כאָר, וואָס ער דיריגירט אליין.

וועגען חזן שמאי מרגליות דערצעהלט חזן בראגינסקי, אז ער איז געוועזן א גרויסער מנגן, און איז געוועזן שטאָדט חזן אין זשיטאָמיר כאָטש זיין שטימע איז ניט געוועזן פון די וואונדערבארע. ער איז געוועזן א נאָכפאָלגער פון דער מעטאָדע פון בירנביים פון טשענסטאָכאָוו, און זיינע קאָמפּאָזיציעס זיינען ניט געוועזן אזעלכע, וואָס זאָלען האָבען א צוקונפטיגע ווערטה. ער האָט אָבער געזונגען אנדערע ווערק מיט גרויס ערפאָלג. צווישען זיינע זינגער אין כאָר האָט ער געהאט וואונדערבארע זינגער, ווי הערשמאן און דער באוואוסטער אָפּערא זינגער סיביראקאָוו.

וועגען חזן ליב שאפּירא דערצעהלט ער, אז ער איז געוועזן א גרויסער כתבן, למדן ומשכיל, און ער האָט געשריעבען וואונדערבארע קאָמפּאָזיציעס אויפ'ן אלטען שטייגער... אָבער די דאָזיגע קאָמפּאָזיציעס האָבען געטראָגען די צוהערער אין די לופטען... עס איז געוועזן א קאָנצערט, ווען ער האָט געדאווענט... און באזונדערס האָט ער געהאט פעהיגקייטען צו "שלייפען„ אלט־שטימעלעך. ער פלעגט זייערע שטימען בילדען און צו דערזעלבער צייט אריינבלאָזען אין זיי דעם געפיהל... אזוי, אז זיינע אלט'ען זיינען נאכהער געוואָרען די בעסטע חזנים... חזנים וואס האָבען געמאכט א רושם מיט זייער געפיהלפאלען זאָגען.

חזן ר׳ אברהם בארקין

דער חזן ר׳ אברהם בארקין, וועלכער איז ערשט 4 מאָנאט אין לאנד איז געבוירען אין שטאָדט „בריסק דליטע“ פון א פיינע פאמיליע. זיין זיידע ר׳ ברוך בארקין איז געוועזען פון די רייכע בריסקער בעלי בתים, א חשוב'ער איד.

אלס קינד האָט חזן בארקין געזונגען ביי א סך באוואוסטע חזנים. ווי ביי ר׳ עקיבא אפּטער און ר׳ יואל זעליג פינסקער, אויך ביי גערשאנאוויצ'ן. יעקב פרומאן, יעקב זווילער, אויך ביי א סך נאָך גרויסע חזנים און האָט געציינט גוטע פעהיגקייטען אין חזנות. אלע האָבען גערעדט פון דעם באריהמטען אלט אברהם'על'ע בריסקער און מען האָט פאָרגעזעהן אז ער וועט זיין א גרויסער חזן. פון 11 יאָהר האָט ער שוין געדאווענט ווי א פאָלקאָמענער חזן. באקומענדיג א שעהנע קרעפטיגע טענאָר שטימע איז ער אריין אין קאָנסערוואטאָריום אין ווארשא וואו ער האָט פלייסיג געלערענט 4 יאָהר. ענדיגענדיג די קאָנסערוואטאָריום האָט מען איהם ארויסגעשטעלט זינגען אויף דער ביהנע אין דער ווארשעווער פילהארמאניא. און די פּולישע צייטונגען האָבען זעהר גוט באשריעבען. פאר זיינע צייטען איז נאָך קיין איד ניט ארויסגעטראָטען אין פילהארמאָניע. און גלייכצייטיג געוועזען חזן אין נאוויקס שוהל, דאָרט וואו זיין שוואָגער מר. לעווענסאָהן איז געוועזען חזן. נאָכהער איז ער אָנגעקומען אלעס חזן אין אומאנער (קיעוו. גוב.) כאָהר־שוהל וואו ער איז אָבגעשטאנען 6 יאָהר מיט גרויס כבוד. און אויך געוועזען א לעהרער פון פיאנא. די לעצטע יאָהרען איז איהם אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אויף רעגירונגס קאָנצערטען זייענדיג א מיטגליעד פון „כאבעס“ צוליעב די גרויסע פּאָגראָמען און שחיטות וואָס איז געוועזען אין אומאן האָט ער קוים מיט'ן לעבען זיך ארויסגעכאפּט פון לעבענס געפאהר, ווערענד זיין קאָלעגע חזן אברהם ציקאנאָווסקער מיט זיין פרוי האָט מען דערהרג'עט, צושניטען אויף שטיקער, איז ער געצוואונגען געווען צו פארלאָזען זיין שעהנעם און גוטען פּאָסטען.

חזן בארקין איז באקאנט אלס גוטער פאכמאן און גרויסער מנגן און גוטער אידישער קלאסישער דאווענער. ער איז שוין ארויסגעטראָטען אין ניויאָרק אין איינעגע שוהלען מיט גרויס ערפאָלג. ער געהערט צו יענעם קלאס חזנים וואָס האָבען זייער נאָמען מיט רעכט פארדיענט דורך זיין פיעלזייטיגען מוזיקאלישען וויסען.

חזן ר׳ ישראל דוד גאָטליעב

חזן ר׳ ישראל דוד גאָטליעב איז געבוירען געוואָרען אין לובלין.

ער איז געווען א משורר ביי פיעלע גרויסע חזנים אין פוילען און שפּעטער אין אָדעסס.

זיין ערשטע שטעלע האָט ער געהאט אין לובלין, וואו ער איז געווען 2 יאָהר צייט. פון דאָרט איז ער אוועק אין ניימארקט, גאליציען, און האלט דאָרט די שטעלע זעקס יאָהר. פון דאָרט איז ער אוועק נאָך בודאפּעסט וואו ער איז געיוען 4 יאָהר צייט. אין באלאש, יארמאט, אונגארן איז ער געווען אכט יאָהר, און צולעצט אין דיונדיוש, אונגארן.

איבעראל איז חזן ר׳ ישראל דוד גאָטליעב געווען פאררעכענט פאר א גרויסען מנגן, פאר א שעהנעם הארציגען מתפלל און פאר א העכסט געבילדעטען מענשען.

חזן גאָטליעב באזיצט א שעהנע גרויסע דראמאטישע טענאָר שטימע, קאָלאָראטור, און איז א שעהנער מנגן און א זיסער מתפלל.

ער איז געקומען אין אמעריקא אין דער צייט ווען חזנים פון דער גאנצער וועלט זיינען געקומען דאָ געפינען א מקום מנוחה. זיין טאלאנט איז אָבער ניט פארדונקעלט געוואָרען אינ'ם גרויסען רעש. נאָך א האלב יאָהר אָבזיין אין אמעריקא, האָט איהם אויפגענומען די גוט באוואוסטע קאָנגרעגיישאָן „כל ישראל אנשי פוילען“ וועסט 114־טע סטריט, וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד.

חזן יצחק גליקשטיין

חזן יצחק גליקשטיין פון דער משכן תפלה שוהל אין באסטאן, איז געבוירען געווארען אין דער בארימטער חזנ'אישער שטאדט קעשענאוו, בעסאראביען, סעפטעמבער 20, 1889. זיין פאטער יחזקאל איז געווען חזן אין זשיטאמיר. זיין ערשטע באגייסטערונג פאר נגינה האט ער באקומען אלס אינגעל ווען ער האט צום ערשטען מאל אין זיין שטעדטעל געהערט ר' זיידעל ראוונער.

נאך אלס קינד האט ער דערפיהלט וואס עס הייסט צו זיין א איד און האט גענומען דעם וואנדערשטאק אין האנד, און אין 1896 טרעפען מיר איהם שוין אין ראקאש טשאבא, נעבען בודאפעסט, אונגארן.

דער קליינער יצחק'ל האט געהאט א וואונדערשעהנע אלט שטימע און מיר טרעפען איהם אלס משורר ביי דעם גרויסען אונפארגעסליכען חזן יעקב באכמאן, דער חזן מיט דער גרויסער און וואונדערבארער שטימע, דער חזן וואס האט געקענט שטיינער ריהרען מיט זיין תפלה. ער האט אויך געזונגען ביי חזן הארטמאן אין דער ארטהאדאקסישער שוהל, אין בודאפעסט. נאך אלס אינגעל האט ער געגעבען קאנצערטען איבער גאנץ עסטרייך־אונגארן.

איבער זיין מוזיקאלישע בילדונג האט ער אויך שטודירט אין דער ישיבה פון דעם גרויסען גאון הרב דייטש, און אויך דא איז ער געווען אן עלוי.

צו אכטצעהן יאהר איז ער אריינגעטראטען אין דער בודאפעסטער קאנסערוואטאריום און האט געלערנט ביי דעם בארימטען הובעי. דא האט ער באקומען א דריי יעהריגען סקאלערשיפ פאר דער נאציאנאלע קאנסערוואטאריע וואו זיין שעהנע לירישע טענאר שטימע האט פאר איהם געוואונען דעם יעהרליכען סקאלערשיפ פרייז, וואס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט אריינצוטרעטען אין דער בערלינער קאנסערוואטאריום, וואו ער האט זיך פארברייטעט און דערנאך טאקע געמאכט איינציגע אויפטריט אין דער אפערא.

מיט גרויס כבוד איז געשטאנען חזן גליקשטיין אין צעלדעמארק, וואו ער איז, אויסער חזן, אויך געווען רעליגיאנס לעהרער, און איז געווען דער שטאלץ פון דער שטאדט.

דער פאגראם אין 1918, ווען 8 אידען זיינען געטויטעט געווארען און איבער 20 ערנסט פארוואונדעט געווארען, האט צוגענומען דעם מוטה פון חזן גליקשטיין און ער איז אוועק נאך בודאפעסט וואו ער האט פארנומען דעם פלאץ פון חזן קווארטין אין טאבאק טעמפעל.

אין 1919 טרעפען מיר חזן גליקשטיין אין ראאב, אויף דער שטעלע פונ'ם בארימטען מוזיקער רפאל מאר, וואו ער איז געווען אזוי באליעבט, אז חזן גליקשטיין'ס עלטערען קריגען נאך איצט זיין געהאלט ווייל די געמיינדע ערווארטען נאך, אז חזן גליקשטיין וועט זיד צוריקקעהרען קיין ראאב.

ווי געזאגט איז חזן גליקשטיין יעצט חזן אין דער משכן תפלה שוהל אין באסטאן, וואו זיין קלאסישער אמת אידישער דאווענען און זיין שעהנע לירישע טענאר שטימע האבען פאר איהם באלד געוואונען פיעלע פארעהרער.

חזן גליקשטיין האט געפונען דעם מיטעל וועג אין חזנות. ער היט אב דאס טראדיציאנעלע, אבער ער איז העכסט מאדערן און זינגט נור די שעהנסטע קלאסישע ווערק פון דער אידישער ליטורגיע.

חזן ישראל זאב המכונה וואָלף גרינפעלד

דער חורבן האָט געבראכט קיין אמעריקא די גרעסטע חזנים, וואס די וועלט פארמאָגט, און ווען א חזן קען באַווייזען אין דער צייט פון גרויסע שטורמס זיך אויסצוצייכענען און זיך דערהויבען איבער די כוואליעס, זיך ארויסזעהן איבער די גרויסע מאסען, דער האָט זיכער אזעלכע מעלות, וואָס מאכען איהם ווירדיג. און ראוי' דאפיר.

חזן ישראל זאב (וואָלף) גרינפעלד איז געקומען אהער קיין אמעריקא אין יאָהר 1923, אין אפריל, נאָכדעם ווי אלע גרויסע „שטערן" פון דער גרויסער וועלט האָבען שוין דאָ געמאכט זייערע סטאנציעס. און דאָך איז חזן גרינפעלד איינער פון די חזנים פון וועמען מ'הערט גאנץ אָפט מיט ערפאָלגרייכע קאָנצערט אויפטריטען, און בכלל רעדט מען וועגען זיין שעהנעם אמת אידישען דאווענען, זיין שעהנעם סטיל געבויט אויף ריינעם נוסח, זיין שעהנע דראמאטישע טענאָר שטימע, און דיריגענטען ריהמען איהם פאר זיין פאכמאנשאפט און פאר זיינע מוזיקאלישע קענטניסע.

חזן גרינפעלד איז יעצט אין סאמע גלאנץ פון זיין קאריערע. ער איז געבוירען געוואָרען מיט 38 יאָהר צוריק אין סילאדי שאמלוי, אונגארן (יעצט רומעניע). ער האָט אלס יונגער אינגעל אָנגעפאנגען זינגען ביי חזן חיים ריזענבערג אין אונגארן. אלס טענאָר האָט ער געזונגען ביי דעם גרויסען און בארימטען חזן יעקב באכמאן, פון וועמען ער האָט פיעל „גענאשט" אין תפלה, און אגב איז חזן גרינפעלד'ס שטימע א גרויסע טענאָר־שטימע, מיט וועלכער ער קען דורכפיהרען אלע באכמאן'ס אימפראוויזאציאָנען.

אין צווישען צייט וואס ער האָט פארלאָרען זיין אלטשטאמע האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון ר' משה סופר זצ"ל און אין אנדערע ישיבות און ער האָט באקומען דעם טיטעל „מורינו".

זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין 1903 אין סאנטעוו, אונגארן, שפעטער אין עפּיריעש. אין אלט אפען האָט ער פארנומען די שטעלע פון'ם גרויסען בארימטען בלימענקראנטץ. זיין שטעלע איידער ער איז געקומען קיין אמעריקא איז געווען די גייע גרויסע שוהל אין בודאפעסט, די נייע זוגלעווער שוהל.

ווי געזאָגט איז חזן גרינפעלד דאָ געקומען אין אפריל און זיין שעהנע טענאָר שטימע, זיין קלאסישער פאָרטראג, זיין נוסח התפלה און מוזיקאלישע פאכמאנשאפט האָט פאר איהם געוואונען .באלדיגע אנערקענונג. ער איז יעצט אָנגעשטעלט ביי דער היברו אינסטיטוט אין דער גרויסער נייער שוהל, 66טע סטריט, מייפעלטאן פארק, ברוקלין, וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד.

עס איז אויך ווערטה צו באמערקען, אז חזן גרינפעלד האָט געלערנט שטימבילדונג און די מוזיק פון די אומות העולם, און אין זיינע קאָנצערטען זינגט ער אויך מיט געשמאַק קלאסישע לידער און אָפּערא אריעס.

חזן נחום שלמה הלוי גאָרעליק

חזן נחום שלמה הלוי גאָרעליק איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1875 אין קאָזלאָוויטש נעבען הלוסק (מינסקער גובערניע) צו זיין פאָטער יצחק אייזיק ע"ה, וועלכער איז געווען דער שו"ב ובעל תפלה פון שטאָדט. צו אכט יאָהר האָט מען איהם אָפּגעגעבען אין דער ישיבה אין הלוסק וואו ער האָט געלערנט גפ"ת, נאכהער אין באָברויסק און צולעצט אין מינסקער קליין ביהמ"ד. האָבענדיג א זיסע אלט שטימע האָט ער אלס קינד פון 10 יאָהר אָנגעהויבען דאווענען אין די מינסקער בתי מדרשים, און זאָגאר אין גרויסען בית המדרש האָט ער איינמאָל מקבל שבת געווען.

אין יאָהר 1886 זיננענדיג א ימ"נ ביי דעם צו יענער צייט בארימטען מינסקער חזן ר' ישראל, איז ער נאָך די ימ"נ אוועק צו פייוועל קיידענאָווער (א תלמיד פון ר' יאסי סלאָנימער) וואו ער איז פארבליבען ביז איבער פסח. נאָכדעם האָט ער געזונגען ביי מאיר לידער, מיט וועמען ער איז ארומגעפאָהרען איבער די שטעדט. דאָס ארומפאָהרען איז איהם אָבער באלד נמאס געוואָרען און איז אוועק צו ר' ניסן בעלזער קיין בערדיטשעוו. זייענדיג 5 יאָהר אין בערדיטשעוו האָט ער געהאט די געלעגענהייט צו קענען שטודירען די מוזיק פון ר' ניסן בעלזער און די תפלה פון ר' ירוחם הקטן.

אלס טענאָר האָט ער געזונגען ביי מאיר פיסאק אין יעליזאוועטגראד, וועלכער איז געווען דער ממלא מקומו פון ר' ניסי בעלזער. 14 מאָנאטען איז ער געווען מיט יודעלע בעלזער, ר' ניסי'ס איינציגער זוהן, אין וויען, וואו ער האָט געלערנט שטים־בילדונג. די מעטאָדען זיינען איהם ניט געפעלען און ער איז אוועק קיין מילאן, איטאליען, וואו ער האָט געהאט א פריינד. ער האָט גענומען אונטערריכט ביי דעם בארימטען פראָפעסאָר קעיראטי, פון דער לא סקאלא.

קומענדיג צוריק פון איטאליען, אלס פריינד פון דעם גרויסען חזן יעקב באכמאן איז ער אויפגענומען געוואָרען אין דער „פריקאסטשיקעס שוהל", וואו סיראטא איז געווען חזן. דער דיריגענט איז געווען דער בארימטער יאקאָווקין. נאָך 4 יאָהר צייט איז ער אויפגענומען געוואָרען אלס חזן אין וויטעבסקער גרויסע שוהל, וואו דער למדן און משכיל הר' יוסף זשיטלאָווסקי, דער פאָטער פון'ם גרויסען געלעהרטען דר. חיים זשיטלאָווסקי, איז געווען דער גבאי. נאָך 2 יאָהר אפזייענדיג אויף דער שטעלע איז די שוהל אָפּגעברענט געוואָרען. א קורצע צייט איז ער געווען אין וואָראָניעזש, דערנאָך פאהרט ער ווידער קיין איטאליען פאָרצוזעצען זיין שטודיום, איבערלאָזענדיג זיין פאמיליע אין וויטעבסק. ער איז א צייט שפּעטער צוריקגעקומען און האָט באטראָטען די שטעלע איז וואראניעזש, וועלכע האָט דורך דער צייט אויפגעבויט א נייע וואונדערבארע שוהל, וועלכע שטעלע ער האָט באטראָטען 10 יאָהר צייט. דערנאָך איז ער געווען חזן אין פּעטראָגראד 2 יאָהר; איז איינבארופען געוואָרען קיין אורקוטסק, וואו ער איז געווען 5 יאָהר. דערנאָך איז ער מיט זיין פאמיליע אוועק קיין ארץ ישראל, וואו זיין פאמיליע וואהנט זייט די לעצטע 12 יאָהר, און ער האָט זוכה געווען צו דאווענען איין ימים נוראים בשנת תרפ"א אין תל אביב'ער גרויסער שוהל, און זייט 1921 איז ער אין אמעריקא.

חזן גאָרעליק איז אין רוסלאנד געווען באוואוסט אלס גרויסער מנגן און ליבהאָבער פון שעהן געזאנג צו וועלכען ער האָט אימער געשטרעבט. א חוץ דעם איז ער א גרויסער משכיל, העברעער און ציוניסט. ער איז געווען א דעלעגאט צו דער העלזינגפאָרסער קאָנפערענץ אין 1906, און איז אויך געווען איינער פון די וואס האָבען איינבארופען די קאָנפערענץ פון חזנים אין יאָהר 1903, אין ווארשא.

חזן גאָרעליק איז געקומען קיין אמעריקא נור אויף א קורצער צייט און האָפט שנעל זיך צוריקצוקעהרען צו זיין פאמיליע אין ארץ ישראל.

חזן אשר גאָלדענבערג

חזן אָשר גאָלדענבערג איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1885 אין נעגראד, אונגארן, דער זוהן פון חזן שו"ב ברוך גאָלדענבערג. ער האָט א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג און בילדונג באקומען.

צו 8 יאָהר האָט זיין סאָפּראַן שטימע גרויס אויפזעהן באקומען פון די חזנים אין אונגארן אויף אזוי ווייט, אז חזנים פלעגען איהם ממש גנב'ענען איינער פון'ם אנדערען. צווישען די חזנים ביי וועמען ער האָט געזונגען איז כדאי צו דערמאנען די פאָלגענדע באריהמטהייטען: אדעסער, קינסטלער פּראָמיסלאווסקי, וויינמאן, פערלצווייג, א. ז. וו.

אין דער צייט ווען זיין שטימע האָט זיך געביטען האָט ער געלערנט ביי גרויסע רבנים, געלערנט ווייטער גפ"ת און שטודירט וויסענשאפטען, און אויך געלערנט הארמאָני.

אין די יאָהרען 1904-1905 האָט ער ביי דר. מ. יונג, אונגאריש בראָד, צולעצט טשיעף ראבי לאָנדאָן זצ"ל זיך געלערנט. ער האָט זיך דורך דער צייט אויפגעהאלטען פון דיריגירען און מוזיק לעסאָנס. אין 1906 ווען זיין טענאָר שטימע איז רייפער געוואָרען האָט ער זיך ווידער גענומען צו חזנות און דער באריהמטער אָבערקאנטאָר האלפערין פון לעמבערג שרייבט וועגען איהם: „כשרונותיו בעולם הנגינה יוצאים מן הכלל כי רבים מהחזנים הגדולים עשו חיל והאברך הנ"ל עולה גביהם". נאָכדעם האָט ער געענדיגט וויענער חזנים שולע און איז פון אָבערקאנטאָר זינגער ז"ל שטארק געליובט געוואָרען.

די ערשטע שטעלע האָט ער אָנגעהאלטען אין באדען, וויען, נאָך חזן ר' מאיר זייפערט און האָט מעהרערע קאָמפּאָזיציאָנען פארפאסט.

אין 1907 האָט ער אָנגענומען די שטעלע אין ליפּטוי-סענט, מיקלאָש, אונגארן. פון 1908 ביז 1920 איז ער געוועזן חזן אין לונדענבורג ביי וויען. דאָרט האָט ער זיך גענומען מיט גרויס חשק צו מוזיק און געזאנג. צוערשט האָט ער באזוכט די קייזערליכע מוזיק שולע, דאן דאָס וויענער קאָנסערוואטאָריום, און ער איז געווען דער ערשטער פון אלע חזנים אין עסטרייך-אונגארן, וואס האָבען די קייזערליכע שטאאטס-פּריפונג פאר דער אקאדעמי אָוו מיוזיק, ביי וועלכער געלעגענהייט די גרעסטע געזאנגס פּראָפעסאָרען גענסבאכער, האבעק, גארינגער און אנדערע האָבען זיך מיט גרויס ליבע אויסגעדריקט וועגען זיין שטימע.

אויס ליעבע צום חזנות פאך האָט ער ניט געוואָלט זיך אוועקשלעפּען פון וויען צו אנדערע גרויסע געמיינדען ווי בודאפעסט, סעגעדין, בוקארעסט, קאשוי, גלאוויטץ א. א. וו. וואו ער איז מיט זיין דאווענען אָפט געהערט און באוואונדערט געוואָרען. ער האָט געמאכט איבעראל גרויס פוראָר מיט זיין קלאנגפולע רייכע שטימע, מיט זיין פעהיגקייט צו פאראייניגען די מאָדערנע מוזיק מיט די מאָדערנע חזנות באגרינדעט אויף די שוהלע פון זולצער, לעוואנדאָווסקי, וויינטראוב, נאמבורג, א. ז. וו. צוזאמען מיט דעם אלטען טראדיציאָנעלען אונפארפעלשטען חזנות און פאָלקס מוזיק.

טראָצדעם וואס ער איז לעבענסלענגליך אָנגעשטעלט געווען, האָט ער זיך אין זיין פאך אלע מאָל מעהר און מעהר פארטיעפט.

אין יאָהר 1914 איז געדרוקט און ארויסגעגעבען געוואָרען דער ערשטער טייל פון זיין ווערק „החזן", וואָס איז פונאלעמען מיט באגייסטערונג אויפגענומען געוואָרען. צווישען די פיעלע אָבהאנדלונגען אין דער אידישער פּרעסע וועגען דיזען ווערק איז וויכטיג צו דערמאנען א גרויסע קריטיק פון אָבערקאנטאר זינגער-קאטאָוויטץ, דער פּרעזידענט פון אינטערנאציאָנאלע מוזיק וויסענשאפטליכע פאראייניגונג דער איזראעליטישען קאנטאָרען. ער שרייבט אין דער עסטרייכישער-אונגארישער קאנטאָרען צייטונג פון 4 יוני 1915: „גאָלדענבערג איז דער ערשטער מיט דיזער אונפארגלייכבארער ארבייט פעסטע סימפּטאָמען פון א זעלבסטשטענדיגען ווערק דאָקומענטירט". דער וועלט-קריעג האָט געמאכט אונמעגליך ווייטערע טיילען ארויסצוגעבען און שליסליך קומט גאָלדענבערג מיט זיין פאמיליע נאָך אמעריקא אין אָנפאנג 1921. דאָ האָט ער געטראָפען זיין פאָטער און קרובים. ער האָט באלד באקומען די שטעלע ביי דער קאָנגרעגיישאָן „סאָנס אָוו איזראעל", 21טע עוועניו און בענסאָן עוועניו, בענסענהורסט, ברוקלין. ער איז ביי אלעמען זעהר באליעבט און געשעצט.

חזן גאָלדענבערג איז א חשוב'ער מיטגליד אין חזנים פארבאנד, און איז געווען א מיטגליד אין אייראָפּא אין דעם „עסטרייך-אונגארישען קאנטאָרען פאראיין", ווי אויך אי ן דער געזעלשאפט צו אויספאָרשען אידישע מוזיק און קונסט.

חזן שאול גראַפמאַן

עס איז געגוג אַז א חזן זאָל זאָגען, אז ער איז א „גראדואייט“ פון דער שוהלע פון חזן קופער און קאהאן, פון ווילנא, און מען זאָל לייכט זיך קענען פאָרשטעלען, אז דער חזן באלאנגט צו דער הויך מוזיקאלישער, אמת שעהנער קלאסיש־אידישער שוהלע פון תפלה.

חזן שאול גראפמאן, וועלכער האָט דאָ אין אמעריקא זיך ערוואָרבען איינע פון די שעהנסטע רעפוטאציעס אלס אינטעליגענטער מוזיקאלישער חזן, איז געבוירען געוואָרען אין באלטאמאניז, ווילנער גוב., אָבער זיין ערציהונג האָט ער באקומען אין ווילנא. אין דער צייט וואס ער האָט געלערנט אין רמי'לס ישיבה, אין ווילנער קלויז, האָט ער געזונגען אין דער ווילנער שטאָדט שוהל אין דער צייט ווען די חזנים קופער און קאהאן האָבען דאָרט שטעלעס פארטראָטען.

חזן גראפמאן האָט איינגעלוויז געהאט א וואונדערבארען אלט, און ער האָט שוין דאן געהאט א גרויס געפיהל פאר תפלה. ער איז אלס אינגעל ארומגעפאָהרען אלס א וואונדער־קינד און איבעראל געמאכט געוואלדיגען ערפאָלג. נאכהער האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט א וואונדערשעהנע דראמאטיש'ע טענאָר שטימע.

אין 1892, אום אויסצומיידען מיליטער, איז ער געקומען קיין אמעריקא. זיין רבי חזן קופער ע"ה האָט איהם מקרב געווען און האָט איהם רעקאָמענדירט אין דער פוילישער שוהל אין קליוולאנד. פון דאָרט פאנגט זיך אָן א סדרה „ויסעו־ויחנו“. אין דער ספרדישער שוהל, באלטימאָר; בית המדרש הגדול, פיטסבורג; אוהב שלום שוהל, בראָנזוויל; תפארת ישראל, עלען סטריט שוהל, ניו יאָרק, סיניער שוהל, מעדיסאָן סטריט, ניו יאָרק, סטאון עוועניו תלמוד־תורה שוהל, עץ חיים ישיבה, בראָנזוויל, חברה תהלים, ברוקלין, תקות יהודא, ברוקלין, דאוגלאס סטריט שוהל, חברה אנשי תורה און אנדערע.

חזן שאול גראפמאן שטאמט פון א גרויסע חזנ'ישע משפחה. פון זיין מוטער'ס צד איז ער ממשפחת יאָשע סיראטא, בצלאל סיראטא און זימאנסקי, וועלכע זיינען באוואוסט אין חזנ'ישע קרייזען.

אלס איינער וואס האָט געלערנט אין די ווילנער ישיבות, אלס איינער וואס האָט געהערט און אליין מיטגעווירקט מיט די גרויסע חזנים אין ווילנא, איז קיין וואונדער ניט, וואָס חזן גראפמאן האָט געפונען דעם דרך הממוצע ווי אזוי זיך און זיין עולם צופרידענצושטעלען. חזן גראפמאן איז געווען אימער פון די יעניגע, וואס האָט געגלויבט, אז עס איז די פפליכט פון'ם חזן צו הויבען דעם פובליקום, ניט אראָפצולאָזען זיך צו זיי. און דערפאר האָט מען ביי חזן גראפמאן אלע מאָל געהערט שעהנע תפלה, און שעהנע נגינה. ער איז געווען „פארטיקולער“ וועגען געזאנג פונקט ווי וועגען זאָגעכטס. ער איז געווען פון די פיאָנירען, וואָס האָבען געקעמפפט פאר בעסערע נגינה אין די שוהלען, און זיין „זאָגעכטס“ איז אלע מאָל געווען ריין מוזיקאליש, עכט אידיש טראדיציאָנעל.

חזן גראפמאן האָט אלע מאָל גענומען אן אנטייל אין דער ארבייט פון פארבאנד און איז אין געוויסע פעריאָדען אויך געווען וויים־פרעזידענט.

חזן יוסף גאָלד

חזן יוסף גאָלד איז געבוירען געוואָרען מיט 38 יאָהר צוריק אין טאלנע. זיין פאָטער ר' יקותיאל איז געווען א איד א תלמיד חכם און אָנגעזעהענער בעל הבית.

צו 9 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי ר' אברהם שאכאט, און אין א יאָהר ארום טרעפען מיר איהם אין אומאן וואו ער האָט געזונגען ביי חזן יאנקעלע סאראקער.

(דער דיריגענט איז געווען שניפּעלינסקי וועלכער געפינט זיך יעצט אין אמעריקא).

ער האָט געהאט א וואונדערבארע אלט שטימע און האָט שוין אליין גדאווענט, און געמאכט גרויס פוראָר.

א צייט שפּעטער טרעפען מיר חזן גאָלד אין אָדעסס. וואו ער לערנט אויסער חזנות אויך שטים בילדונג ביי מאד. וואסילענקא, פון מאָסקווער קאָנסערוואטאָריום, און ביי פּראָפעסאָר דאנוויל, דער איטאליענישער געזאנגס מייסטער וועלכער פּראָפעצייהעט פאר חזן גאָלד א גלענצענדע קאריערע.

ער איז געוואָרען צווייטער חזן אין דער שאלאשנער שוהל, אויפ'ן פּאָסטען וואו עס זיינען געשטאנען טקאטש און ראזומני און אין 1905 איז ער געקומען קיין אמעריקא.

דאָ האָט ער אָנגעהאלטען פארשידענע שטעלען, די אונגארישע שוהל, 70 ווילעט סטריט; די זשיטאָמירער שוהל פילאדעלפיא, וואו ער איז געשטאנען זעקס יאָהר צייט, דער בית המדרש הגדול, כל ישראל אנשי פּוילען, רומענישע שוהל שערי שמים, איליער שוהל, טעמפּעל סיני, איסט ניויאָרק, סטאון עוועניו ת"ת, אהל משה חברה תהלים, ברוקלין און שטעהט יעצט אין דער שעהנער מאָדערנער געמיינדע, דזשואיש סענטער, וועסט פלעטבוש.

חזן גאָלד פארמאָגט א שעהנע דראמאטישע טענאָר שטימע, און קען יענעם סאָרט חזנות וואָס ציהט איהר יניקה פון בעסאראביען, און וועלכע איז אזוי ריהרענד שעהן. חזן גאָלד איז א שעהנער פאכמאן, און באזיצט מדות טובות אז מ'זאָל איהם שעצען און אכטען איבעראל וואו ער איז אָנגעשטעלט.

חזן יצחק גאָלדסמיטה

(טאָלאָצקי)

חזן נחום יצחק גאָלדסמיטה (טאָלאָצקי), וועלכער באלאנגט צו די בעסערע קלאס מוזיקאלישע חזנים, — חזנים וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דורכפיהרען שעהנע קלאסישע פּראָגראמען, איז געבוירען געוואָרען אין גראָדנא.

אלס אינגעל איז ער געווען א משורר ביי דעם וועלט באריהמטען יאָשע סלאָנימער, ביי וועמען ער האָט געלערנט די יסודות פון תפלה ונגינה. נאָך זיין אלט שטימע האָט זיך ענטוויקעלט א וואונדערבארע באריטאָן שטימע, און די תפלה וואָס ער האָט גענאשט פון יאָשע סלאָנימער, איז געווען אזא וואונדערבארע אז ער האָט באלד געצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון די גרויסע קהלות. ער איז געווען חזן אין קאלווריע, דערנאָך אין מעזריטש, פּוילען און דערנאָך אין דעברעצין אונגארן.

אין די 16 יאָהר וואָס חזן גאָלדסמיטה איז אין אמעריקא, איז ער 15 יאָהר אויף דער שטעלע אין דער קאָנגרעגיישאן קהלות ישראל, בראנקס, וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד.

איין יאָהר האָט ער גדאווענט ביי דער קאָנגרעגיישאן כל ישראל אנשי פּוילען, גלייך ווי ער איז געקומען קיין אמעריקא.

חזן גאָלדסמיטה האָט אויסער חזנות אויך געלערנט די מוזיק פון די אומות העולם. ער האָט שטודירט אין ווארשא, און זיין געזאנגס לעהרער איז געווען, זיידמאן דער באריהמטער אידישער אָפּערא באסס.

חזן נחום גאָלדסמיטה איז געווען איינער פון די סאָליסטען ביים חזנים קאָנצערט מיט 15 יאָהר צוריק אין קארנעגי האָלל וועו ער האָט געזונגען די „עבודה“, און אלע חזנים אזוי גוט ווי אנדערע מנגנים האָבען איהם פאר זיין אויסגעצייכענטען מאיעסטעטישען פּאָרטראג א נאָמען געגעבען דער „כהן גדול“, און חזן גאָלדסמיטה איז ווירקליך געווען דאן קאָלאָסאל מיט זיין שעהנער באריטאָן שטימע און מיט זיין קינסטלערישען פּאָרטראג.

חזן ר' שלמה גרינשפּאַן

(שלום אנאניווער)

חזן שלום גרינשפּאַן איז אפשר באקאנט מיט זיין נאָמען אין אמעריקאַ, אָבער אין רוסלאנד און אין אונגארן האָט מען ניט געוואוסט פון שלום גרישפּאָן, דערפאר אָבער האָט די גאנצע וועלט געקלונגען מיט שלום אנאניווער'ס תפלות און זיין נגינה.

חזן ר' שלום גרינשפאן באלאנגט נאָך צו דעם קלאַס חזנים, וואָס זיי האָבען אויסער מוזיקאַלישע קענטניסע און שעהנע שטימען, זיינען זיי אויך תלמודיסטען.

חזן ר' שלום גרינשפּאַן האָט אָבער אויך א שעהנעם חסידישען יחוס און דאָס איז פיליכט דער מקור פון זיין התלהבות'דיגע תפלה; פון זיין שעהנע הארציגע נגינה.

חזן גרינשפאן שטאמט פון בעש"ט, מגזע ריזשינער. זיין זיידענ'ס זיידע רבנים צדיקים די אייניקלאך פונ'ם בעש"ט, ר' אפרים מסדילקאָוו, בעל דגל מחנה אפרים און דער רבי ר' ברוך פון מעזשביזש. די טאָכטער פונ'ם בעש"ט מרת האָדעל האָט געוואָהנט ביי זיין זיידען, און ער האָט מחנך געווען ר' ברוך'ן.

חזן גרינשפאנ'ס זיידע איז געווען א תלמיד פונ'ם זיידען פון די חזנים דער גרויסער גאון פון תפלה, ר' בצלאל אָדעסער. ער האָט שטענדיג געזונגען ביי דעם אפטער רב זצ"ל און ער איז געווען חזן ושו"ב אין טרויאנאב. און ביי איהם האָט חזן גרינשפאן געלערנט אינגעלוויים.

אום אָבער זיך בעסער צו ענטוויקלען אין חכמת הנגינה איז חזן גרינשפּאָן אוועק צו ר' ירוחם אין בערדיטשעוו. ווען ער איז אלט געווען 17 יאָהר, האָט ער שוין געשריעבען פיעלע וויכטיגע קאָמפּאָזיציאָנען, זעלבסטפארשטענדליך אין'ם אלט מאָדישען סטיל, און דאמאָלסט איז ער אויפגענומען געוואָרען אין דער שטאָדט זשיטאָמיר אלס חזן.

שפּעטער איז ער געוואָרען חזן אין בערדיטשעוו, אָבער צוליעב דער מורא פאר'ן פריזיוו האָט ער געמוזט אוועק און איז געוואָרען חזן אין אנאניעוו, כערסאָנער גוב., דאָ איז חזן גרינשפאן געשטאנען 12 יאָהר צייט און זיין נאָמען איז געוואַקסען אין דעם גאנצען געגענד. שפּעטער איז ער געוואָרען חזן אין פרילוקי, כערסאָן, אויף פיני'ס אָרט און דערנאָך חזן אין פּאָלטאַווער גובערניע, דאָרט וואו הגאון ר' יהודא ליב צירעלסאָן איז געווען רב. נאכהער איז ער געווען חזן אין אדס, דערנאָך אין קעשענעוו אויף דעם אָרט פון ר' ניסן בעלזער און פיני מינקאָווסקי.

דער נאָמען פון שלום אנאניווער איז גרויס אפילו אויסער רוסלאנד. אין וויען, למשל, האָט ער געדאווענט כמעט אין אלע שוהלען, און האָט דאָרט געגעבען גרויסע רעליגיעזע קאָנצערטען.

חזן גרינשפאן האָט דאָ אין אמעריקא באטראָטען פיעלע וויכטיגע שטעלען אין ביהכ"נ צמח צדק, ברוקלין; טעמפעל בית אל באָראָ פּארק; בית יעקב שוהל פיטסבורג, מאָנטרעאל, קענעדע און אנדערע וויכטיגע שטעלען. איבעראל האָט חזן גרינשפאן זיך געמאכט זעהר באליעבט צוליעב זיין שעהנע נגינה און צוליעב זיין פערזענליכקייט.

חזן גרינשפאן האָט אליין דיריגירט די שעהנסטע כערע און ווערט צווישען חזנים באטראכט אלס א גרויסער מנגן.

עס איז אויך אינטערעסאנט צו באמערקען, אז חזן גרינשפּאָן האָט פיעלע בריעף פון די גרעסטע אייראָפּעאישע גאונים וועגען זיין קענטנים און פעהיגקייט. צווישען די דאָזיגע בריעף איז ווערט צו דערמאָנען די נעמען פון הרב הגאון ר' יוסף יוזפא מבארדיטשעוו; הר הג' ר' דוד ארטענבערג, הרב הגאון ר' יעקב מרגליות, הרב הגאון ר' יהודא ליב צירלמאן מפרילוקא, הרב הגאון לאזאראף מכארקאוו און די פאָלגענדע אונגארישע רבנים: הרב מעיר פאפא ר' משה ארי' ראטה, הרב מדונע סערדעל, הרב מעיר סיגעט און פיעלע אַנדערע.

קאַנטאָר וועלוועלע גאָלדשטיין

קאַנטאָר וועלוועלע גאָלדשטיין, פון קאָנגרעגיישאָן מאונט סיני אנשי אמת, 178טע סטריט און וואדסוואורטה עוועניו, וואשינגטאָן הייטס, וועלכער באזיצט איינע פון די גרעסטע געשטעלטע לירישע שטימען, איז געבוירען געוואָרען מיט 37 יאָהר צוריק, אין'ם גרויסען חזני'שען צענטער קעשענאוו, און אלס 9 יעהריגער איינגעל טרעפען מיר איהם

ביי דעם דאמאָלסט באריהמטען חזן און קאָמפּאָזיטאָר קלמן זאַסלאַווסקי, ביי וועמען ער האָט געלערנט איניגע יאָהר נאָטען און טעאָרי מוזיק. ער האָט געהאט אזא כח אין תפלה, אז שוין דאַמאָלסט האָט זיך געפונען א מענעדזשער, וואס איז מיט איהם ארומגעפאָהרען איבער שטעדט און מיט וועמען ער האָט געמאכט גרויס ערפאָלג. חזן ראזומני האָט איהם אמאָל עקזאמינירט, און ער האָט געזאָגט, אז ער האָט אן אויסערגעוועהנליכען טאלאנט אין תפלה. ער האָט איהם צוגענומען אין זיין כאָר (נאָך אלס אלט). ביי ראזומני האָט חזן גאָלדשטיין זיך אָנגעזאפּט מיט אמת אידישער תפלה, און ווען חזן גאָלדשטיין איז ארומגעפאָהרען אין גאנץ וואָהלינער געגענד האָט דער עולם געזאָגט „ראזומני“ איז דאָ.

דאָ אין אמעריקא האָט חזן גאָלדשטיין באטראָטען די גרויסע שטעלע אין דער דיימאנד סטריט שוהל, פילאדעלפיא, וואו ער איז אָפּגעשטאנען איניגע יאָהר. פון דאָרט האָט איהם צוגענומען די וואשינגטאָן הייטס געמיינדע, וועלכע איז אויבען דערמאנט און וואו חזן גאָלדשטיין שטעהט מיט גרויס כבוד. ער איז אויפסניי ערוועהלט געוואָרען, מיט א הוספה, אויף זיין גרויסען געהאלט.

קאַנטאָר גאָלדשטיין איז א גרויסער פאכמאן. ער שרייבט זעלבסט מוזיק און גרויסארטיגע רעטשיטאטיווען, וועלכעס איז וואונדערבאַר, פאַר מנגנים און פובליקום.

חזן אשר הלוי דאָפּפּעלט

חזן אָשר הלוי דאָפּפּעלט, וועלכער איז דער חזן פון דער אונגארישער קאָנגרעגיישאן אוהב צדק, אין דער נייער שוהל אויף וועסט 95טע סטריט (די געוועזענע קאָנג. פּנחס אליהו) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1886, אין דער עבט אידישער אונגארישער שטאָט דעעש טראנסילוואניא. ער האָט געזונגען אלס קינד ביי איניגע באריהמטע רוסישע און אונגארישע חזנים. שפּעטער האָט ער באזוכט די ישיבה אין פּאקש (אונגארן), וועלכע איז געווען אונטער דער לייטונג פון הרב הגאון ר׳ זוסמאן סופר ז״ל. פון דאָרט איז ער אָנגעקומען אין דער וועלט באריהמטער ישיבה אין פּרעזשבורג, וועלכע איז געווען פאררעכענט אין אונגארן אלס דער ארטאָדאָקסישער ראבינער סעמינאַר, האָט דאָרט באקומען דעם דיפּלאָם פאַר ראַבינער ווען ער איז אַלט געווען 19 יאָהר.

אָבער אזוי ווי ער האָט געהאט א זעהר שעהנע טענאָר שטימע וואָס האָט זיך דאַן וואונדערבאַר אנטוויקעלט, האָט ער זיך גענומען צו חזנות. ער האָט שטודירט אין ווינער מוזיק קאָנסערוואטאָריום, אָבער אזוי ווי זיינע פרומע עלטערן זיינען געווען געגען דעם דאָזיגען שטודירען איז ער געקומען אהיים און האָט דאַן געהייראטה די טאָכטער פון אן אָנגעזעהענעם בעל הבית, און איז דאַן געוואָרען חזן פון דער אָרטהאָדאָקסישער קהלה ס. שאמלויאָ, דאַן סאסרעגען און מאַראָש־וואשארא והעלי.

אין יאָהר 1913 איז ער בארופען געוואָרען אין דער גרעסטער אונגארישער קולטוס געמיינדע אין בודאַפּעסט. אָבער ווען ער האָט שוין זוכה געווען דיעזע הויכע שטופע, האָט אויסגעבראָכען די קריעג און אין יאָהר 1915 איז חזן דאָפּפּעלט אריינגעטראָטען אין דער ארמעע אלס „פּעלדס־פּאָטער“. ער האָט פיעל געלייסטעט פאַר די אידישע סאָלדאַטען אין דער עסטרייך־אונגאַרישער ארמעע. ערשט אין 1918 ווען די רעוואָלוציאָן איז אויסגעבראָכען איז חזן דאָפּפּעלט מיט שווערע מיה צו זיין הויז צוריקגעקומען. ער האָט דאַן ווייטער זיין שטעלע אָנגעהאלטען אָבער צוליב די אונרוהען, פּאָגראָמען, קאָמוניזם, ווייסער טעראָר, און ווי די לאַגע איז אלע מאָל שווערער געוואָרען האָט ער ווי אלע אנדערע גרויסע חזנים פון עסטרייך און אונגארן גענומען זיין וועג נאָך אמעריקא. ער האָט פריהער באזוכט דייטשלאַנד, שווייץ, האָלאַנד, ענגלאנד און אויפ׳ן וועג געגעבען קאָנצערטען, און אין מאָנאַט מאַי 1921 איז ער אָנגעקומען אין דיזער פרייער גאָלדענער גליקליכער אמעריקא.

די תקות שלום שוהל, בעדפאָרד עוועניו און קליימער סטריט, ברוקלין, האָט איהם תיכף אויפגענומען, און דאַן די קאָנגרעגיישאן פּנחס אליהו, 118 וועסט 95טע סטריט, וועלכע האָט זיך יעצט אָנגעשלאָסען אין קאָנגרעגיישאָן אוהב צדק וואו ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט איז חזן, האָט איהם אויפגענומען.

חזן דאָפּפּעלט, אויסער זיין שטימע און מוזיקאלישע קענטניסע איז א איד מוכתר במידות טובות און איז א שטאָלץ פאַר א געמיינדע.

חזן משה דיימאָנד

חזן משה דיימאָנד, איז געבוירען אין טיראספּאָל הערסאָנער גוב., רוסלאנד, אין 1892. זייענדיג א קינד פון 7 יאָהר פלעגט ער זיך אָנטהאָן דער מאמעס שיילעכעל איבער'ן קאָפּ און צונויפנעהמען קליינע קינדערלאך לעבען א פּלוט און זיי מאכען פאר משוררים און נאָכזינגען חזנ'ישע זאכען ווי ראש חודש בענטשען א. ז. וו. דאָס האָט צופעליגערווייזע דער שטאָדט חזן געזעהן און האָט איהם צוגענומען אין זיין כאָהר און איהם געלערנט נאָטען אזוי אז אין א שטיק צייט ארום איז ער געוואָרען באריהמט אלס משה'לע דער טיראספּאָלער אלט.

חזנים פלעגען זיך שלאָגען איבער איהם. האָט באוויזען צו זיין דער סאָליסט ביי חזן ראזומנע ע"ה אין אָדעס, דערנאָך געזונגען ביי חזן אברהם קאָלאכניקען אין קישינעוו וואו ער האָט צו דער זעלבער צייט געלערנט אין דער ישיבה.

צו 15 יאָהר הויבט זיך איהם אָן צו בייטען די שטימע, פאָהרט ער אהיים און זיצט אין קלויז על התורה ועל העבודה. דערנאָך האָט ער זיך באקאנט מיט א סטודענט, וועלכער הויבט איהם אָן לערנען רוסיש און אין א משך פון איין יאָהר צייט ענדיגט ער 4 קלאַסען גימנאַזיע. אויף צו מאכען א לעבען פארנעהמט ער זיך מיט געבען אוראָקען אין אידיש, רוסיש און אויך נאָטען.

צו 19 יאָהר ווייזט זיך ביי איהם א טענאָר שטימע, זינגט ביי די גרעסטע חזנים אין רוסלאנד אלס טענאָר סאָליסט. אז ס'איז געקומען די צייט שטעהן צום פּריזיוו ווערט ער צוגענומען פאר א סאָלדאט, דאָס איז געווען אין יאָהר 1913, אנטלויפט ער פון פּאָלק קיין עסטרייך וואו ער פאנגט אָן צו דאווענען אלס חזן שבתים, אומפאָהרענדיג אויף דער וועלט א שטיקעל צייט דערשלאָגט ער זיך קיין אמעריקא פאר פסח 1914. דעם ערשטען שבת דאווענט ער אין בראָנזוויל אין דער סטאון עוו. ת"ת וואו ער האָט געמאכט א גרויסען רושם. אין יענע יאָהרען איז פאר א באָי געווען זעהר שווער צו באקומען א יעהרליכע שטעלע. פונדעסטוועגען איז חזן דיימאנד געבליבען אין דער גרויסער סאוטה 5-טע סטריט שוהל אין וויליאמסבורג אלס חזן. נאָך דעם האָט מען איהם אויפגענומען אין בית המדרש הגדול דבראנקס וואו ער איז געשטאנען דריי יאָהר מיט'ן גרעסטען רעספּעקט און 6 טאָג אין חודש ניסן תרע"ט האָט חזן דיימאנד חתונה פאר זעהר א לייטיש קינד פון א איסט ניויאָרקער פּראָמינענטען בעל הבית מר. יוסף חיים סניטקאף, א פרוי מיט אלע מעלות: א זעלטענע שעהנהייט און הויך געבילדעט. אין 1921 ווערט חזן דיימאנד עלעקטעד אין ברוקלין אין דער עדת ישורון אנשי ספרד סאוטה 2-טע סטריט וואו ער איז אָבגעוועזען 2 יאָהר. דערווייל איז דער בית המדרש הגדול דהארלעם, 110 איסט 105-טע סטריט, א שוהל מיט א גרויסען נאָמען אלס איינע פון די אָנגעזעהענסטע שטעלעס געווען אָהן א חזן. דיימאנד ווערט איינגעלאדען צו זינגען קינות און ווערט דעם זעלבען טאָג עלעקטעד אויף א יאָהר און תיכף נאָך ימים נוראים באקומט ער א רעיז און א קאָנטראקט נאָך אויף 2 יאָהר און א יעהרליכען כאָהר. חזן דיימאָנדס מעלות: א שטילער איידעלער יונגערמאן און דזשענטעלמאן, א משכיל און געבילדעטער מענש. אלס חזן פארמאָגט ער א שעהנע לירישע טענאָר שטימע, איז א מנגן גדול מיט א וואונדערליכען קאָלאָראטור, איז א גרויסער אידישער בעל מתפלל און באנוצט דעם אמת אידישען נוסח התפלה, זינגט אויסגעצייכענט גוט מיט א כאָהר, באהאנדעלט א קאנטאר סאָלאָ מיט גרויס געפיהל און מתיקות. חזן דיימאנד איז 32 יאָהר אלט און דאווענט שוין דעם 12-טען ימים נוראים.

חזן מרדכי הערשמאַן

חזן מרדכי הערשמאַן, וועלכער איז יעצט חזן אין טעמפּעל בית אל, באָראָ פּארק, ברוקלין, נ. י. (אַן אָרטהאָדאָקסישע געמיינדע) און ווערט פאררעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע חזנים פון דער היינטיגער צייט, האָט זיין רעפּוטאציע, קען מען זאָגען, געמאכט דאָ אין אמעריקא. ער איז אפילו געקומען אהער נאָכדעם ווי ער איז געווען שטאָדט חזן אין ווילנא — און ווילנער שטאָדט חזן איז שוין א גענוגענדע רעקאָמענדאציע — אָבער צוליעב דער מלחמה האָט מען זעהר ווייניג געהערט וועגען די אויפגעהענדע חזנ'ישע שטערן — און ער איז נאָך געווען צו יונג, אז מ'זאָל פון איהם הערען אַלס איינער פון די גדולי העמוד.

הערשמאַן האָט אָבער נאָר געדארפט איינמאָל געהערט ווערען! ער האָט אָפּגעזונגען א קאָנצערט צוזאמען מיט דעם כאָר פון דעם באוואוסטען דיריגענט לעא ליאוו, און גאנץ ניו יאָרק איז ווי פאר'כישופ'ט געוואָרען, איבעראַל האָט מען גערעדט וועגען דעם נייעם ווילנער חזן מיט דער גראנדיעזער שטימע, און דער טעמפּעראמענטפאָלער זאָגער, דער חזן מיט דעם זיסען מויל, פון וועמעס האלז עס גיסט זיך האָניג.

און וואָס א יאָהר וואקסט די פּאָפּולאריטעט פון חזן הערשמאַן, ווייל וואָס א יאָהר ווערט גרעסער, שעהנער, זיסער און קרעפטיגער די שטימע, און אלץ מעהר לעבט ער זיך אריין אין תפלה ונגינה.

און מערקווירדיג איז וואָס חזן הערשמאַן איז געוואָרען חזן נור על פי נס. זיין פאָטער איז געווען א סוחר פון גלאָז און ער האָט געהאלטען פאר אַן אומ'כבוד, אז זיין זוהן זאָל זיין א משורר. א משורר איז געוועהנליך געוואָרען א אינגעל, וואָס איז געווען א יתום ר"ל, אָדער וואָס האָט ניט געוואָלט לערנען. זינגען האָט מען צו יענער צייט געהאלטען פאר אַן איבריגע זאך; א זאך וואָס פּאַסט פאר א פּוסט־און־פּאסטניק. אָבער דאָס זינגעכטץ איז אַזאַ זאך, וואָס לאָזט ניט רוהען. האָט דער קליינער אכט יעהריגער מאָטעלע אָפּגעענטפערט „אמן יהא שמי רבא" האָט עס אָפּגעקלונגען אין דער שטאָדט שוהל (ער איז געבוירען געוואָרען אין טשערניכאָוו, וואָהלינער גובערניע, אָבער נאָך אַלס קינד האָט ער זיך ארויסגעצויגען נאָך א־אָשקע). דער חזן האָט זיך ממש מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען ביי זיין מוטער, אז זי זאָל איהם לאָזען זינגען ביי איהם, אָבער זי האָט דערפון ניט געוואָלט הערען. דער חזן האָט אָבער געפונען א מיטעל: ער האָט איהם צוגעזאָגט נאָשערייען, א זילבערנעם קערבעל, א מעסערל, מיט אביסעל טאבאַק צו רויכערען בגנבה, און אזוי איז מאָטעלע געוואָרען א משורר ביי ר' מאָטעלע דעם שטאָדט חזן, וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער מנגן, און האָט נעבעך ל"ע קיין שטימע ניט געהאַט. ער איז געווען ווי ר' ניסע בעלזער פלעגט זאָגען: „ער איז דוקא א ד'ראָנג, נאָר ער האָט קיין שטימע ניט".

נאָכדעם ווי מאָטעלע האָט אָפּגעזונגען 4 ימים נוראים'ס ביי מאָטעלע דעם חזן, האָט איהם דער זיידע אברהם יצחק, וועלכער איז אגב געווען א גרויסער מנגן, איהם צוגענומען צו חזן דאָרפמאַן אין זאסלאוול, וואו ביידע האָבען ניט געהאט וואָס צו עסען. פון'ם כאָר איז ניטאָ וואָס צו רעדען, זיי האָבען ממש געהונגערט.

צום ערשטען מאָל וואס ער האָט דערפיהלט, וואס עס הייסט נגינה איז געווען ווען ער איז אָנגעקומען צו ר' זיידעל ראוונער אין בערדיטשעוו. ער האָט ליעב געהאט זינגען אויף אזוי פיעל, אז ער האָט פארגעסען אין הונגער און די אַלע צרות, וואס א משורר דארף אויסשטעהן. נאָך א קורצער צייט אָבזייענדיג ביי ר. זיידעל — און ער איז שוין געווען דאַן אַן ארטיסט — מאָטעלע דער אַלט האָט איבעראַל גע'שמ'ט — איז ער אַוועק צו שמאי מרגליות. דאָ האָט ער געזונגען ביז ער האָט זיין שטימע פארלאָרען.

דאָ האָבען זיך אָנגעפאנגען א ביטעלע צרות פאר דעם יונגען משורר. אָהן א פאָטער, אָהן א שטימע, ניטאָ פון וואָס צו לעבען...

נור דער רבש"ע העלפט, און מאָטעלע האָט אין א קורצער צייט ארום באקומען א טענאָר שטימע. און דאָ טרעפען מיר איהם שוין אין דער אידישער חזנ'אישער קאָנסערוואַטאָריע פון ר' ניסן בעלזער.

דער אַלטיטשקער האָט איהם אויסגעהערט און פאָראויסגעזאָגט א גלענצענדע צוקונפט. ער האָט איהם געזאָגט אז ער באקומט א טענאָר שטימע וואָס וועט זיין הפלא ופלא. ער האָט איהם צוגענומען פאר דעם גרויסען געהאַלט פון 12 רוב. א חודש. אָבגעזונגען א יאָהר צייט האָט ער איהם אליין געהעכערט אויף 18 רוב א חודש; אין א פּאָר חדשים ארום האָט ער שוין באקומען 24 רוב. און דאָס איז שוין געווען ביי ר' ניסע גרויסע שכירות.

מיט ר' ניסע איז מען ארומגעפאָהרען אויף קאָנצער־

טען, און דאָס האָט זיך געענדיגט אין סאדאגורע. זייענדיג אין נאָוואָסעליץ האָט זיך ר׳ ניסע שטאַרק פאַרקיהלט און קומענדיג אין סאדאגורע איז ער שטאַרק שלאַף געוואָרען, און דאָרט איז ער טאַקע נפטר געוואָרען.

די גאַנצע וועלט האָט זיך גע׳דעש׳ט דערמיט. די גאַנצע חזנות־וועלט האָט געקלאָגט, ווייל די מעהרסטע חזנים זיינען געווען זיינע תלמידים, און אַלע האָבען געפיהלט, אַז ניט נור איז געשטאָרבען אַ גרויסער ערליכער איד, אַ גרויסער מנגן, נור עס איז געשטאָרבען אַן אינסטיטוציע. אַ קאָנסערוואַטאָריע.

ר׳ זיידעל ראָוונער, זאָל מאריך ימים זיין, איז דאַן געקומען צו דער לויה. און מ׳קען זאָגען דעם אַלטען פסוק: „וזרח השמש ובא השמש". ווען עס איז אונטערגעגאנגען די זוהן פון ר׳ ניסע איז אויפגעגאנגען די זוהן פון ר׳ זיידעל ראָוונער. ר׳ זיידעל האָט איבערגענומען די ארבייט פון ר׳ ניסע ע״ה און הונדערטער חזנים זיינען די תלמידים פון ר׳ זיידעל.

ר׳ זיידעל האָט אויך באַוואונדערט אונזער כאָהר; ער האָט געזאָגט אַז אַזוי שעהן זינגען האָט ער ניט געהערט.

פון סאַדעגורע זיינען זיי אַבגעפאָהרען קיין בערדיטשעוו און אַז עס איז געקומען פסח האָט דער כאָהר געזונגען און די חזנ׳אישע סאָלאָס האָט מען איבערגעגעבען צו מרדכי הערשמאַן. און אין בערדיטשעווער שוהל וואו מען איז געוועהנט צו הערען וואונדערבארען געזאַנג, האָט מען אויפגעעפענט מויל און אויערען, ווייל אַזוי ווי אַ ליכטיגע זוהן וואָלט ארייגעלייכטען. אַזוי האָט געקלונגען מרדכי׳לעס שטימע.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז די ימים נוראים, ביז עס איז געקומען מאיר פיסאַק פון יעליזאַוועטגראַד, טאַקע ר׳ ניסע׳ס אַ תלמיד און ער האָט די שטעלע פאַרנומען. ביי פיסאַק׳ן באַקומט שוין הערשמאַן 65 רובל. אַ מאָנאַט און דאָס איז געווען מעהר ווי וועלכער זינגער האָט גענומען.

דערווייל ווערט הערשמאַן 21 יאָהר אַלט און דאַרף זיך שטעלען צו מיליטער. מ׳האָט איהם געשיקט קיין קרעמענטשוג און דאָ ווערט מען געוואָהר אַז ער איז מאיר פיסאַק׳ס באַריהמטער טענאָר. קריגט ער באַלד ערלויבניש צו זינגען ביי חזן ראַבעין און די גאַנצע צייט פון זיין מיליטער דיענסט האָט ער דאָרט געזונגען.

עס איז געווען אַ סברה אַז הערשמאַן זאָל בלייבען אין קרעמענטשוג ווייל חזן ראַבעין איז אויפגענומען געוואָרען אין כאַרקאָוו. דאָ באַקומט ער אָבער אַ בריעף פון בערדיטשעוו אַז מ׳בענקט נאָך איהם, און ער פאָהרט ווידער צוריק צו מאיר פיסאַק, וואו ער האָט געזונגען נאָך 2 יאָהר, האָט זיך פאַרבערייטעט פאַר חזנות און ווערט חזן אין דער זשיטאָמירער כאָהר שוהל.

נאָך 5 מאָנאַט אָבזייענדיג אין דער שוהל איז געוואָרען לעדיג די שטעלע אין ווילנער שטאָדט שוהל. 25 חזנים האָבען שוין געהאַט געגעבען פראָבע. אָבער ווי מ׳האָט דערהערט הערשמאַנ׳ס שטימע, איז ער גלייך אויפגענומען געוואָרען, און איז דאָרט געשטאַנען 7 יאָהר צייט מיט דעם גרעסטען כבוד.

וועהרענד דער צייט איז שוין דער נאָמען פון הערשמאַן געוואָרען גרויס איבער גאַנץ רוסלאַנד, פוילען און ליטאַ, און פאָהרט ארום אויף שבתים און קאָנצערטען מיט דעם גרעסטען ערפאָלג. אין ווארשא אַליין טרעט ער אויף 5 מאָל אין זאַל פילהאַרמאָניק. אין ווארשא האָט ער זיך באַגעגענט מיט הערר ליאָוו, און ביידע האָבען באַשלאָסען צו פאָהרען נאָך אַמעריקאַ.

דאָ ווי געזאָגט איז הערשמאַן געקומען כמעט אונבאַוואוסט. ער האָט געמאַכט איין אויפטריט און ווי אַ בליץ האָט זיך אריבערגעטראָגען אין גאַנץ ניו־יאָרק, איבער׳ן גאַנצען לאַנד, איבעראַל אַז אַ גרויסער ליכטיגער שטערן פון חזנות איז אויפגעגאנגען. און פון דאַן אָן איז דער נאָמען פאַרבונדען מיט די שעהנסטע אידישע קאָנצערטען, מיט די שעהנסטע אידישע נגינה. ער איז שוין דאָס דריטע יאָהר חזן אין דער רייכער טעמפעל בית אל, אין בארא פאַרק וועלכע האָט אויסגעבויט אַ מקום קדוש וואָס קאָסט 3 פערטעל מיליאָן דאָלאַר, און ער שטעהט דאָרט מיט דעם גרעסטען כבוד. מאיר מאַכטענבערג איז דער דיריגענט, און צוזאַמען פיהרען זיי דורך די שעהנסטע און ערהאבענסטע אידישע קאָמפּאָזיציאָנען.

חזן הערשמאַן באַרייכערט די קאַנטאָר סאָלאָס מיט זיין ערהאבענע שטימע; און ער איז באַזונדערס געראָטען אין ערטער וואו עס פאָדערט זיך דראַמאַטישער און פייערדיגער „זאָגען".

שלמה הערשמאַן

אַ ברודער פון חזן מרדכי הערשמאַן, וועלכער האַלט אָן די פאָזיציע אין דער נאַזשיק שוהל אין ווארשא.

חזן מיכל מרדכי היללמאן

חזן מיכל מרדכי היללמאן, וועלכער איז באקאנט אויסער מיט זיין חזנות אויך מיט זיין לערנען און וואונדערבארע רעדנער קראפט, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1871 אין נייגור, א קליין שטעדטעל אין קורלאנד. זיין פאָטער ר׳ יעקב איז געווען א סוחר, אָבער א גרויסער תלמוד חכם און איז געווען אַן אויסגעצייכענטער בעל תפלה. זיין זיידע ר׳ משה׳לע זאנעווער איז געווען שטאָדט חזן און עס איז קיין וואונדער ניט, וואס זיין פאָטער האָט אזוי ליעב געהאט נגינה.

ווען ער איז אַלט געווען 5 יאָהר האָט זיין פאָטער און די פאמיליע זיך אריבערגעצויגען אין ליטא, אין לינקעווע.

צו 7 יאָהר האָט ער שוין געהאט א גרויסען באגריף אין תנ״ך און גענומען לערנען תלמוד, ווייל ר׳ משה בער יודעלמאן נ״י, דער דאמאָלסטיגער שטאָדט חזן, איז געווען א גרויסער תלמודיסט, און זיין פאָטער האָט צו איהם געשיקט חזן הילמאן צו לערנען תלמוד. אין צוויי יאָהר צייט, וואָס ער האָט דאָרט געלערנט, האָט ער געשמ׳ט אלס עלוי. די שכירות, וואָס דער רבי האָט באקומען פאר׳ן לערנען איז געווען דאָס וואָס מיכל מרדכי האָט ביי איהם געזונגען. אָבער סיי ביים רבי׳ן און סיי ביי חזן הילמאן׳ס עלטערען איז דאָס לערנען געשטאנען פיעל העכער. זיין לערנען האָט אויף אזוי פיעל גע׳שמ׳ט, אז הרב הג׳ ר׳ נחום שרגא רעוועל, דער רב פון שטאָדט האָט אָנגעפאנגען נעהמען אַן אינטערעסע אין איהם.

צו 11 יאָהר טרעפען מיר שוין מיכל היללמאן אין יאנושאָק, קאָוונער גובערניע, וואו ער האָט שוין אליין געלערנט און געזאָגט א שיעור אין ר׳ מאָטע יודע יאכעס קלויז. ליבוש׳קע מערעצער, דער באריהמטער חזן פון יענער צייט איז געוואָר געוואָרען פון דעם וואונדערבארען אַלט און האָט איהם געמאכט פאר סאָליסט. דערנאָך האָט ער געזונגען ביי דעם „אונגליקליכען“, דאָך וואונדערבארען סקאָבעלאָוו, מיט וועמען ער האָט קאָנצערטירט. פון איהם האָט ער א סך נגינה געלערנט, איבערגענומען זיינע וואונדערבארע שאפונגען, אָבער ניט זיינע פעהלערען ח״ו.

נאָך 2 יאָהר איז ער אָנגעקומען אין ריגא אלס אלט סאָליסט ביי ראָזאָווסקי, שפּעטער ביי דעם גאון התפלה והנגינה, וועלכער איז אויך געווען א גרויסער תלמודיסט, חזן ראגאָוו.

ווען ער איז אַלט געוואָרען 18 יאָהר האָט איהם דער שיקזאל פארוואָרפען קיין אמעריקא. דאָ האָט ער נאָך אוספּעיעט צו טרעפען דעם גרעסטען באריהמטהייט הש״ץ המפורסם פנחס מינקאָווסקי. זעקס מאָנאטען האָט ער געזונגען ביי איהם. דאן האָט זיך אָנגעפאנגען ענטוויקלען ביי איהם א ריזיגע באריטאָן שטימע, מיט א טענאָר־פארב.

ווען פיניע מינקאָווסקי איז אוועק קיין אייראָפּא, אויף זיין גרויסען פּאָסטען אין אדעסס, איז ער געוואָרען חזן פאר זיך. ער האָט די „ערשטע פּראָבע“ געמאכט אין דער אוהב שלום שוהל בראָנזוויל. ער האָט דאָרט געדאווענט פסח, און מאכט אזא ערפאָלג, אז מען נעהמט איהם אויך אויף שבועות.

אין ניו הייווען איז ער געקומען אויף שבת. הרב ר׳ צדוק ב״ר אברהם ביילין ז״ל האָט איהם געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט איהם געהערט שבת: „זוהנעניו, האָסטו שוין אמאָל געדאווענט ימים נוראים?“ „ניין“, האָט ער געענטפערט. „וועסטו קענען?“ האָט ער ווייטער געפרעגט און הילמאן האָט געענטפערט „בעזרת השם“. נו, וועסטו קענען טאקע „בעזרת השם“. ער האָט דאָרט געדאווענט. און זייענדיג דער גאסט ביי ר׳ חיים גרשון און עלקע קוגעל זכרונם לברכה, האָט ער זיך געטראָפען מיט זייער פלימעניצע מנוחה, און „וירא מנוחה כי טוב“, האָט ער מיט איהר געהייראטה און זיי לעבען א גליקליכען לעבען.

פון די שוהלען, וואו חזן היללמאן האָט באטראָטען שטעלען, איז כדאי צו דערמאנען די פאָלגענדע: ניו הייווען, בקור חולים בני אברהם, און קאָנג. בני ישראל, ראוז סטריט. ברוקלין: חברה קדישא, מאָר סטריט, 2 מאָל. פילאדעלפיא: פועלי צדק, סאוטה 5טע סטריט, 2 מאָל. באָסטאָן: בית המדרש הגדול, 6 יאָהר, איליער שוהל, 4 יאָהר, קאלוואריער שוהל, 2 יאָהר; עדת ישראל שומרי שבת, ברוקלין, 6 יאָהר; און אין סטאון עווענוי שטעהט ער יעצט דאָס צווייטע מאָל, און אידען זאָגען נאָך עד היום אז חזן היללמאן פארמאָגט וואונדערבארע תפלה, א וואונ־

דערבארע „זאָגעכטס“, א וואונדערבארע שטימע; און ער האָפט, ווי ער זאָגט, נאָך ווייטער אי"ה צופרידענשטעלען די אידען וואס גארען נאָך זיין תפלה.

אין א געשפרעך מיט איהם, אלס עקס־פרעזידענט פון חזנים־פארבאנד, וועגען די וויכטיגקייט פון אונזער יום טוב, האָט ער געזאָגט:

„איך און מיין טייערע פרוי און מיינע ליעבע טייערע קינדער באגריסען מיט׳ן פולען הארצען די פייערונג פון׳ם 30־יעהריגען חזנים פארבאנד בכלל, און ווינש גאנץ כלל־ישראל „מזל טוב“ און מיר זאָלען זוכה זיין צו פייערען דעם יובל החמישים אלע צוזאמען.

„איך באגרים דעם ווערטהען יונגען און ענערגישען פרעזידענט יעקב ראפאפארט, דעם יונגען משכיל פנחס יאסינאָווסקי, וויים־פרעזידענט, 2טער וויים־פרעזידענט אברהם זינגער, און דעם סעקרעטער חזן יהושע ווייסער און דעם גאנצען „קאבינעט“, אז די פרוכט פון אונזער ארבייט זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.“

חזן צבי האלפערן

חזן צבי האַלפערין באזיצט א שעהנע און גרויסע דראַמאטישע טענאָר שטימע און איז העכסט מוזיקאליש. ער איז געבוירען געוואָרען אין א קליין שטעדטעלע, קראסנע, ווילנער גובערניע, אין יאָהר 1878. פון זיין פאָטער׳ס צד איז ער אן אייניקעל פון הרב הגאון ר' משה קראסנער, און פון דער מוטער׳ס צד איז ער אן אייניקעל פון הגאון ר' אריה אומאנער.

אין 1889 איז ער מיט זיינע עלטערן אָנגעקומען קיין סימפעראָפאָל און האָבענדיג א שעהנע שטימע איז ער געוואָרען אן אלט ביי דעם דאמאלסדיגען חזן פון סימפעראָפאָל ר' יצחק עפשטיין ז"ל.

פון 1896 ביז 1898 האָט ער געזונגען אלס טענאָר ביי דעם זעלבען חזן.

פון 1898 איז ער געווען צוויי יאָהר חזן אין סעוואסטאָפאָל אין דער סאָלדאטסקער שוהל. נאָר זיין גרוים חשק צו אידישע געזאַנגען האָט איהם געצוואונגען צו פאָהרען קיין אדעס און איז געווען חזן אין אדעס אין פארשיעדענע שוהלען ביז 1907.

אין 1908 איז ער אָנגעקומען קיין קענעדע, וואו ער איז געווען חזן ביז 1910.

פון 1910 ביז 1917 איז ער געווען חזן אין ניובאטיין, קאָננעטיקוט. און פון 1917 באזיצט ער מיט כבוד עד היום די שטעלע אלס חזן אין רעדינג, פא.

חזן ישראל וויינראָט

איך באגרים דעם „חזנים פארבאנד“ און אונזער גרויסען יום טוב. „בן שלשים לכח“ זאָגען אונזערע חכמים, און איך האָף אז דער פארבאנד וועט זיך נעהמען מיט כח צו דערהויבען דעם מצב החזנות באמעריקא.

צווישען די חזנים וואס וואָס זיינען אויסער שטימע, מוזיקאלישע פעהיגקייטען, אויך יודע ספר, משכילים, קען מען אריינרעכענען דעם ניט לאנג אריבערגעקומענעם חזן פון מאָליעוו, פאָדאָליען, ר' ישראל וויינראָט, וועלכער איז טאקע געבוירען אין מאָהילעוו. ער איז יעצט 39 יאָהר אלט, אין דער שעהנסטער פעריאָדע פון זיין לעבען, זיין לירישע שעהנע טענאָר שטימע און פליסיגע קאָלאָראַטור איז יעצט אין איהר פולער קאראַט.

ער האָט אלס קינד געזונגען ביי דעם גרויסען באַריהמטען חזן יאנקעל סאראקער אין אומאן, שפעטער ביי ראזומנע, און ביי חזן שניאור וועלכער איז יעצט חזן אין בוקארעסט.

אין אמעריקא איז דער חזן געקומען ערשט לעצטען ערב פסח. טאקע 4 טעג פאר פסח, און האָט „בחפזון“ גענומען די שטעלע אין דער בית יעקב שוהל, האבאקען. זיין שעהנע שטימע, זיין זיעסע תפלה, און זיין פערזענליכקייט האָט אזוי אויסגענומען ביי די מתפללים אז תיכף מוצאי יום טוב איז ער עלעקטעט געוואָרען אויף ווייטער און ער שטעהט דאָרט מיט גרוים כבוד.

חזן יהושע ווייסער

פארפאסער פון סידור „תפלת יהושע“ און „שירה הדשה“, סעקרעטאר פון הזנים פארבאנד

חזן יהושע ווייסער (פילדערוואסער) איז געבוירען געווארען אין 1888 אין נאווא אשיצע, א קליין שטעדטעל אין פאדאליער גובערניע, רוסלאנד. נאך זייענדיג א קינד פון 7 יאהר האט ער ארויסגעציינט א טאלאנט אין מוזיק, און פלעגט שוין זינגען געוויסע נגונים. אום צו אילוסטרירען ווי נאך אלס קינד פלעגט ער ליעב האבען מוזיק, קען דינען דער פאקט, אז ווען דער חזן פון שטאדט ר׳ שכנא כהנא פלעגט מאכען זיינע רעפעטיציעס מיט׳ן כאר, פלעגט דאס קינד יהושע׳קעלע (ווי מ׳האט איהם גערופען) שטעהן אונטער׳ן פענסטער און זיך צוהערען. אפילו א רעגען האט איהם פון דארט ניט געקענט אוועקטרייבען, און אפילו ניט דאן, ווען די חזן׳טע פלעגט די קינדער אבגיסען מיט וואסער זיי זאלען ניט דערקוטשען. ער פלעגט ניט הערען, ער פלעגט ווייטער שטעהן, און זיך צוהערען און זיך אזוי פארטיפען אין דער מוזיק, אז אין דער צייט, וואס דער חזן מיט׳ן כאר האבען געזונגען, האט ער ממש ניט געוואוסט וואס מיט איהם טוט זיך, און דאס האט גראד איינמאל באמערקט דער חזן ר׳ שכנא כהנא און איהם אריינגערופען אין הויז און אויסהערענדיג זיין שטימע האט ער איהם צוגענומען אלס זינגער אין זיין כאר, און פון דאן הויבט זיך אן זיין קאריערע.

דער חזן האט איהם באלד צוגענומען, איהם געלערנט נאטען און האט אויסגעפונען אז דאס קינד האט זעלטענע מוזיקאלישע פעהיגקייטען. אין א יאהר צייט האט ער שוין פליסיג געלעזען נאטען און האט שוין זאגאר געקענט אליין אנשרייבען א מעלאדי. ביי דעם שטאדט חזן האט ער געזונגען ביז אין א געוויסען טאג איז אנגעקומען אין שטאדט דער דאמאלס בארימטער חזן ר׳ אפרים לוצקער, און ווען ער האט דערהערט דאס קינד זינגען אויף זיין שעהנע אלט שטימע, האט ער איהם צוגענומען פאר זיינעם א זוהן שמואל וויינמאן, וואס איז געווען חזן אין סאראקע, און פון דאן פאנגט זיך אן דאס אמת׳ע וואנדער לעבען. מיט דיזען חזן איז ער אויסגעפארען א וועלט — אין גאנץ בעסאראביע, אין אוקראינע, און אנדערע געגענדען, ביז די אלט שטימע איז פארלארען געגאנגען.

ווען ער איז אלט געווען 16 יאהר האט ער פארפאסט זיין ערשטע קאמפאזיציאן „מה אשיב“, וואס פילע חזנים זינגען עס אפילו יעצט. ווען ער האט באקומען זיין טענאר שטימע האט ער געזונגען נאך ביי אנדערע חזנים, און צו 21 יאהר איז ער אויפגענומען געווארען אלס חזן אין וויניצא, פאדאליער גובערניע (רוסלאנד).

קיין וויניצא איז איינמאל געקומען דער בארימטער חזן און קאמפאזיטאר אליעזר גורעוויטש פון ראסטאוו אם דאן, און דיעזער גרויסער געלעהרטער אין חזנות האט זיך זעהר פאראינטערעסירט אין איהם, און האט מיט איהם צוויי יאהר געלערנט טעארי און קאמפאזיציאנס לעהרע און צייגענדיג גורעוויטש׳ן זיינע קאמפאזיציאנען זיינען זיי איהם זעהר געפעלען און איין קאמפאזיציאן, נעמליך חזן ווייסער׳ס „אמת כי אתה הוא יוצרם“ האט ער געזונגען ביי זיך אין שוהל אין ראסטאוו, און פאראייביגט אין זיין ווערק „שירי זמרה“, 4טע טייל. ער שרייבט וועגען דיזע קאמפאזיציע: „האמת אשר זמרנו בראש השנה, פעל פעולה נמרצה על כל שומעיו, ולשמע זמרת המקהלה „אדם יסודו מעפר“ שחו נפשם ולבם המו כהמות ים“... און דיזער אמת גרויסער חזן און געלעהרטער האט צוגעגעבען מוטה דעם יונגענמאן צום שרייבען, און דאן פאנגט ער אן צו שרייבען א סעריע פון רעציטאטיווען און קאמפאזיציאנען, וואס ער אליין און פיעלע אנדערע חזנים אין רוסלאנד האבען געזונגען אין זייערע שוהלען.

אין יאהר 1914, אין אנפאנג פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, האט ער מיט גרויס שוועריגקייטען עמיגרירט קיין אמעריקא. דא האט ער געפונען א פאבלישינג קאמפאני, וואס האט ארויסגעגעבען זיינע א זאמלונג פון רעטשיטאטיווען אונטער דעם נאמען „תפלת יהושע“ און א פאר יאהר שפעטער האט ער זיך באקאנט מיט דעם חזן ר׳ שמואל קאוועצקי און צייגענדיג איהם זיינע קאמפאזיציאנען האבען זיי באשלאסען ארויסצוגעבען צוזאמען איין ווערק, „שירה חדשה“, א זאמלונג פון קאמפאזיציאנען און רעטשיטאטיווען פאר חזן און געמישטען כאר, וואס זיינען שטארק פארשפרייט צווישען די חזנים אין אמעריקא און אויך אין איירא.פא.

חזן ווייסער האט דעם שרייבער דערצעהלט, אז ער וועט ארויסגעבען אין גיכען די צווייטע טייל פון „שירה חדשה“, וואס וועט באשטעהן פון קאמפאזיציאנען און רעטשיטאטיווען פאר שבת ושלש רגלים.

חזן ווייסער האט באטראטען אין אמעריקא די חזנות שטעלע אין דער גרויסער עללען סטריט שוהל „תפארת ישראל“ 3 יאהר; יעצט שטעהט ער שוין 2 יאהר בכבוד אין דער שוהל „נחלת צבי“, 65 איסט 109טע סטריט.

חזן ווייסער איז דער סעקרעטאר פון חזנים פארבאנד, און מ׳מוז צוגעבען, אז ער איז זעהר טעטיג און נאהנט צו דער באוועגונג, און ארבייט אונערמידליך פאר דעם אלגעמיינעם אידעאל צו דערהויבען דעם חזנים פאך, גייסטיג און מאטעריעל.

חזן חיים וואָלפּיש

טאַלאַנט האָט א גוואַלדיגען כח. טאַלאַנט וועקט, שרייט געוואַלד, רופט און שלעפּט דעם מענשען צו טהאָן, צו שאַפען, צו ווירקען.

ווען חיים וואָלפּיש איז נאָך געווען א קליין אינגעל אין בראָדי, גאַליציען (יעצט פּוילען) און כאָטש זיין פאָטער משה, א גרויסער תלמוד חכם און האָט איהם געשיקט אין חדר, איז ער אָבער צופּוס אַוועק קיין לעמבערג אום צו קענען זיין בצל החזן הגדול ר' ברוך שאָר, ביי וועמען ער האָט אָבגעזונגען 8 יאָר אלס אלט. ער האָט אויך געזונגען ביי דעם באַריהמטען חזן בלומענקראַנץ אין בזשעזשאַוו.

חזן וואָלפּיש איז געוואָרען חזן טאַקע אין לעמבערג, אין דער „אור ישר מפרשי הים" וואו ער איז אָבגעוועזען 2 יאָהר צייט. פון דאָרט איז ער אָבגעפאָהרען נאָך בודאַפּעסט וואו ער איז געווען 2 יאָהר צייט. אין דער גמילות חסדים שוהל, אויפ'ן 7־טען בעצירק אין וויען איז חזן וואָלפּיש געשטאַנען 8 יאָהר, און ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט דאָרט געקענט שטעהן מיט גרויס כבוד, ווען ניט די מלחמה וואָס האָט רואינירט קהלות.

אין דזשולײַ 1921 איז ער אָנגעקומען אין אמעריקא. ער האָט געדאַווענט דעם ערשטען ימים נוראים אין דער אוהב שלום שוהל, לעאָנארד סטריט, ברוקלין, נאָכהער א יאָהר אין טעמפּעל בית אל, באָרא פּאַרק, און יעצט איז ער חזן אין דער סאַלאַנטער שוהל, וואו חזן וואָלפּיש'ס תפלות נעהמען זעהר שטאַרק אויס. ער האָט א שעהנע טענאָר־שטימע, א פיינע קאָלאָראַטור און פאַלצעט, און האָט איינגעזאַפט אין זיך א סך חזנות פון די גרויסע מייסטער פון עמוד פון לעצטען דור. ער האָט אויך די פעהיגקייט אליין איינצושטודירען א כאָהר. ער האָט שוין דאָ אויך באַקומען א סך פאַרעהרער פאַר זיין געשמאַקען אמת אידישען דאַווענען.

חזן מרדכי (מאַרק) ווייס

חזן מאַרק ווייס איז געבוירען געוואָרען אין שאַרוד (אונגאַרן) סעפּטעמבער דעם 10־טען 1881. אלס אינגעל איז ער געווען א וואונדערבאַרער אלט און האָט געזונגען ביי פאַרשידענע חזנים. צו 13 יאָהר האָט ער שוין גוט נאָטען געקענט. ביז צו 22 יאָהר האָט ער אין פאַרשידענע ישיבות געלערנט און איז ביי דעם באַריהמטען חזן

יצחק איבעשיטץ (אייזשע) דריי יאָהר געווען כאָהר דיריגענט, אין אוהעל.

חזן מאַרק ווייס האָט פיעלע חזנים אלס תלמידים מיט וועמען ער האָט געלערנט חזנות, און געלערנט פיעלע פון זיינע אייגענע רעציטאַטיוועו. ער האָט 4 יאָהר אבסאָלווירט אין בודאַפּעסטער מוזיק קאָנסערוואַטאָריום און האָט פיעלע קאָמפּאָזיציאָנען געשריעבען מיט פּיאַנאָ און אָרגעלבאַגלייטונג אין מאָדערנעם סטיל וועלכע ווערען איבעראל געזונגען צווישען חזנים און מנגנים. זיין קאָמפּאָזיציאָן תהלים קאַפּיטעל כ"ג האָט ער מיט דעם בודאַפּעסטער כאָהר פאָרגעטראָגען און ער האָט דער מיט גרויס ערפאָלג געהאַט.

ער איז געווען חזן אין זאַטעל ניידאָרף, און 14 יאָהר אין בודאַפּעסט אלט־האָפען, אין 1905 האָט ער געהייראַטה פון שאַטאָר אָויהעלי, מיט פריילײן זיסעל וויינבערגער און זייער הייראַטה איז געבענטשט מיט 4 גראָטענע קינדער.

ער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין אויגוסט 1923 און איז שוין אויפגעטראָטען אין איינינע גרויסע שוהלען אין איבעראל האָט ער גרויס ערפאָלג געהאַט.

חזן יעקב ליב וואַסילקאָווסקי

געבוירען אין יאָהר תרמ"ה אין סוויסלאָץ, גראָדנער גובערניע ביי אָרעמע עלטערען. באַלד אין די קינדערישע יאָהרען האָט זיך ארויסגעצייגט זיינע כשרונות און איז באַלד געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען: „די גוטע קעפּעל". צו צוועלף יאָהר האָבען איהם די עלטערען אוועקגעשיקט לעהרנען אין הורדנא, א מרכז פון תורה און השכלה; געגעסען טעג ווי דער מנהג איז. דאָ האָט ער אויך ארויסגעוויזען גרויסע כשרונות און תופס זיין די שווערסטע סוגיה פון תלמוד און איז באַלד באַצייכענט געוואָרען מיט'ן נאָמען: דער סיסלעוויצער. א חוץ אַלעמען האָט מען אָנגעקוואָלען פון זיין זיסער אַלט־שטימע, וועלכע האָט פארקלונגען דעם גאַנצען בית המדרש מיט'ן זיסען גמרא נגון. צו יענער צייט איז געווען חזן אין הורדנא ר' יוסף אַלטשולער (יאשע סלאָנימער), א באַריהמטער למדן און משכיל. דערוויסענדיג זי פון דעם וואוילען בחור'ל האָט ער איהם באַלד געשיקט רופען און איז זעהר ענטציקט געוואָרען הערענדיג די זיסע אַלט־שטימע און פון דעם איידעלען אויסזעהן. ער האָט איהם באַלד ארייגענומען אין כאָהר און איהם באַשטימט א געוויסע פענסיע וואָס דאָס איז דאַמאָלסט געווען ביים בחור'ל אַן עולם ומלואו. איז באַלד געוואָרען דער ערשטער סאָליסט אין דער גרויסער הוראדנער שוהל וואו ער האָט דעם עולם באַצויבערט מיט זיין זינגען. צו דער זעלבער צייט האָט ער פאָרטגעזעצט זיין לעהרנען תלמוד און השכלה, האָט אויך געזונגען א געוויסע צייט ביים באַריהמטען חזן שפּאַטאנסקי אין ביאַלעסטאָק, איז אויך געווען כאָהר לידער ביים באַריהמטען חזן ר' נח ליעדער אין קאַליש.

פון קאַליש איז ער אוועק נאָך ווארשא און האָט אָנגעפאַנגען צו לעהרנען הארמאָניע ביים באַריהמטען מוזיקער שניאור (דער מוזיקאַלישער כשרן איז געווען אזוי גרויס אז אַלס אינגעל פון 15 יאָהר האָט ער שוין געשריעבען וואונדערבארע קאָמפּאָזיציאָנען) צו דער זעלבער צייט האָט ער דיריזשירט ביים באַריהמטען חזן און משכיל ר' משה זארניצקי און איז פארבליעבען אין ווארשא ביז נאָך דעם פּריזיוו. האָט דאַן געהייראט די טאָכטער פון ר' נחום גאניאנדזער וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיין איידים. ה' וואסילקאָווסקי, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מען האָט איהם אָנגעבאָטען גוטע חזנישע פּאָסטענס האָט דאָך באַשלאָסען פאָרטצוזעצען זיין שטודיום און איז 3 מאָנאט נאָך דער חתונה אוועק אין קעניגסבערג. דאָרט האָט איהם דער באַריהמטער חזן און גרויסער מוזיקער עדואַרד בירנבוים ע"ה באַלד צוגעכאַפּט ווי אַן אבן טוב, און האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון דעם באַגאבטען פּוילישען יונגען מאַן (די דייטשען האָבען ניט אונטערשיידעט פון ליטא, רייסען, פּוילען. אַלעס האָט געהייסען פּויליש) ער האָט איהם באַלד באַשטימט א מאָנאַטליכען סטיפּענדיום און איז געווען גליקליך מיט זיין פּאָלנישען תלמיד. אין דער זעלבער צייט האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצען קורס פון דער קעניגסבערגער קאָנסערוואַטאָריום אונטער די דירעקציאָן פון אָטטאָ פּיבאַך" וועלכער איז געווען איינער פון די שטרייגנסטע קאָנטראַפּונקטיסטען. נאָך א צייט פון א יאָר און א האַלב איז ער אוועק נאָך בערלין און אריינגעטראָטען אין דער קעניגסבערגער קאָנסערוואַטאָריום פון פּראָפעסאָר האָלענדער. האָט אויך אַבסאָלווירט די „האָכשולע" אין שאַרלאָטענבורג. דאָס איז געווען דער אמת'ער קונסט טעמפּעל פון פאָלקאָמענהייט אין דער מוזיק אונטער די דירעקציאָן פון די גרעסטע וועלט מוזיקער: מאַקס ברוך, יאָאכים א. ז. וו.

טראָץ זיינע גרויסע כשרונות אַלס מוזיקער איז ער דאָך געבליעבען ביים עמוד. פון בערלין איז ער גערופען געוואָרען נאָך מאַנטשעסטער, וואו ער איז געווען דריי יאָהר חזן אין דער גרויסער יונייטעד סינאַגאָג. פון מאַנטשעסטער איז ער אוועק צוריק נאָך רוסלאַנד און איז געווען חזן אין שאַוועל, קאָוונער גובערניע, ביז די וועלט־מלחמה האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט און האָט געמוזט אויסוואַנדערען גלייך מיט אַלעמען אין די ווייטע רוסישע גובערניעס.

נאָך א צייט פון 5 יאָהר ליידען און פּיין איז איהם געלונגען צו קומען נאָך אמעריקא, וואו ער איז אָנערקענט אַלס מוזיקער און משכיל מיט וועלכען די חזנ'אישע וועלט איז שטאָלץ.

עס איז בלויז גענוג א קוק צו טהאָן אויף זיינע צוויי קאָמפּאָזיציאָנען „לכו נרננה" און „הלבן חטאינו" וואָס ער האָט ארויסגעגעבען, צו וויסען, אז חזן וואסילקאָווסקי איז א מוזיקער פון ערשטען גראַד, אז ער קען זיך פארטיעפען אין די תפלות און דורך ארויסברענגען זיינע געפיהלען און די ריכטיגע אויסטייטשונג פון די תפלות. און עס איז גענוג א בליק צו טהאָן אויף די עטליכע שירים וואָס ער האָט אָנגעשריעבען צו דער געלעגענהייט פון די גרויסע געשעהענישען אין חזנים פארבאַנד, צו פארשטעהן אז חזן וואסילקאָווסקי איז פון די געצעהלטע גרויסע קעפּ אין דעם חזנים וועלט, וואָס האָבען אויסצייכענונגען אויף אנדערע געביעטען אויך.

חזן וואסילקאָווסקי האָט אין אמעריקא נאָך ניט געפונען זיין געהעריגע אָבשאַצונג, אָבער דער אמת, און אמת'ע טאַלאַנטען און קענטניסע מוזען אָנערקענט ווערען.

ר׳ מנחם ב״ר דוב ש״ץ ושו״ב, דגאניאדזש, פלך הוראדנא, איז געבוירען געוואָרען אין תרט״ו, נפטר געוואָרען אין תרע״ה.

אלס יונגערמאן האָט ער שוין באטראָטען פראָמינענטע שטעלען; איז געוועזען באריהמט אלס מנגן און טיכטיגער נאָטען לעזער, וואָס אין יענע יאָהרען איז דאָס געוועזען א יקר המציאות.

זיין וואונדערבארע לירישע טענאָרשטימע און זיינע הארציגע תפלות האָבען איהם פארשאפט א נאָמען, וועלכען מען דערמאנט נאָך עד היום מיט יראת הכבוד.

ער געוועזען א תלמיד חכם און א נחמד לבריות פאר מוזיק און בילדונג בכלל האָט ער זיך פשוט מקריב געוועזען. פון די לעצטע האָט ער אָפגעשפאָרט און געגעבען זיינע קינדער א אידישע און אלגמיינע בילדונג. ער האָט אויך אליין געשריבען פיעלע קאָמפּאָזיציאָנען, וועלכע ווערען געזונגען נאָך עד היום.

צווישען זיינע קינדער (4 זיהן און 5 טעכטער) איז איינער פון זיי מר. אליהו קאנטאָר, א באוואוסטער משכיל און מוזיקער פון באָסטאָן און איינער פון זיינע איידעמס איז דער דערצו איז באוואוסטער מוזיקער און משכיל יעקב ליב וואסילקאָווסקי.

חזן שמואל וויגאדא

חזן שמואל וויגאָדא איז געבוירען געוואָרען דעם 8־טען אָקטאָבער 1894 אין דאָברין (פלאָצקער גוב.) אלס דער זוהן פון ר׳ פייביש שטאָדט־חזן אין דאָברין. אין יאָהר 1899 איז די פאמיליע אויסגעוואנדערט נאָך אונגארן וואו זיין פאָטער איז געוואָרען חזן אין ווערבוי. אין דיעזער עכט אָרטאָדאָקסישער קהלה האָט ער גענאָסען זיין אידישע ערציהונג און אין דער היים האָט ער געקראָגען א גרינדליכע מוזיקאלישע בילדונג פון זיין העכסט מוזיקאלישען פאטער. אזוי אז אלס א קליינער אינגעל איז ער שוין געווען א פערפעקטער נאָטען־לעזער. ער האָט געזונגען ביי זיין פאטער אין כאָהר און ביי פארשיעדענע חזנים פון דער געגענד. צווישען זיי ביי יאָסעלע ראָזענבלאט אין פרעשבורג, און ער האָט געהאט א שם אלס וואונדערבארער סאָליסט.

צו 13 יאָהר האָט איהם דער פרומער פאָטער געשידט אין די ישיבה פון גאלאנטא, שפעטער אין די פרעשבורגער ישיבה, וואו ער איז געוועזען דער ליבלינג־תלמוד פון ר׳ עקיבא סופר.

פון 1910 אָן זינגט ער אין קלויזענבורג אין דער אָרטאָדאָקסישער שוהל אלס טענאָר, בעפאסט זיך אינצווישען אויך מיט וועלטליכע שטודיען, ענדיגט גימנאזיום און שטודירט נאָך וויטער. אויסערדעם איז ער געוועזען א תלמיד פון דעם באריהמטען פראָפעסאר פארקאש אין קלויזענבורגער קאָנסערוואטאָריום.

אין יאָהר 1915 האָט ער געמוזט איינריקען אלס סאָלדאט און האָט געקראָגען דעם ראנג פון אויבערליוטענאנט. נאָך דער ענדיגונג פון קריעג איז ער אויפגענומען געוואָרען אלס חזן אין די ארענא שוהל פון בודאפעסט און האָט זיך אין א קורצער צייט ערוואָרבען א נאָמען אלס איינער פון די בעסטע חזנים אין אונגארן.

אין׳ם זומער 1922 האָט ער אונטערנומען א קאָנצערט־טור איבער די וויכטיגסטע לענדער פון אייראָפּא. ער האָט געזונגען אין די שווייץ, טשעכאָסלאָוואקיע, בעלגיען, האָללאנד, פראנקרייך און ער האָט א זעלטען באגייסטערטע אויפנאהמע געקראָגען פון דער מוזיק וועלט. זיין נאָמען איז היינט גוט באקאנט אין גאנץ אייראָפּא.

אין 11טען מאי 1923 איז ער אָנגעקומען נאָך נויאָרק און ער פארנעהמט זייט דאן די שטעלע אלס יעהרליכער חזן אין דער שוהל „בני ישראל“, אין בעדפאָרד עווענו, קאָרנער יוהז סטריט, ברוקלין.

הערמאַן וואָהל

איינער פון די וויכטיגסטע קרעפטען וואָס האָבען געהאָלפען צו דערהויבען דאָס חזנות, באזונדערס דאָס כאָר געזאנג אין אמעריקא, איז אָהן צווייפעל הערמאַן (צבי) וואָהל, וועלכער פארנעהמט א זעהר פּראָמינענטען אָרט אין דער היגער אידישער מוזיקאלישער וועלט. ווען וואָהל איז געקומען קיין אמעריקא מיט זיבען און צוואנציג יאָהר צוריק, איז דאָס חזנות געשטאַנען זעהר אויף א נידריגען מצב. חזנים גרויסע זיינען יאָ געווען — אָבער כאָר געזאנג איז געשטאַנען זעהר און זעהר נידריג.

וואָהל האָט געשאַפען צעהנדליגע, און הונדערטער קאָמפּאָזיציאָנען פאר דעם עמוד, שעהנע כאָר נומערען מיטעלמעסיג געשריבען, צופרידענשטעלען דעם מפונק, דעם מוזיקער, און צופרידענשטעלען דעם אידען וואָס האָט ליעב די ווארעמע חסידישע התלהבותדיגע נגינה'שע תפלה... און וואָהל האָט ניט נאָר א גרויסע רעפּוטאציע געמאכט פאר זיך, נאָר ער האָט אויך געהאָלפען פיעלע חזנים ארויפצוגעהן אויפ'ן לייטער.

הערמאַן וואָהל איז געבוירען געוואָרען אין אָטיניע. גאליציע, ביי זיין פאָטער ר' יצחק, א חסידישער איד, וועלכער האָט דעם קליינעם הערשעלע געבראכט צו דעם מלמד, וואו ער האָט שוין געלערנט א בלאט גמרא. ווען ער איז 9 יאָהר אַלט געוואָרען איז אין שטעדטעל געקומען חזן ליבערמאַן פון סניאַטין און האָט געזוכט אינגלאך צו ווערען משוררים. הערשעלע האָט געהאט חשק און דער טאטע האָט געזאָגט ניין. האָט זיך הערשעלע אליין ארויסגע'גנב'עט און איז אוועק מיט'ן חזן. ער איז שפּעטער אָנגעקומען צו דעם חזן שבתי וויים אין סטאניסלאוו, וואו ער האָט שוין געלערנט מוזיק, און די פעהיגקייטען צו שרייבען האָט זיך דאן ארויסגעוויזען. ער האָט שוין דאן געשריעבען מערקווירדיג שעהנע מעלאָדיען. שפּעטער האָט ער געזונגען ביי חזן ווילדער אין סטאניסלאוו, וואו ער איז צו 16 יאָהר געוואָרען כאָר דיריגענט — וויל מר. וואָהל האָט זיך פיינט געהאט צו נארען, ער האָט געזעהן, אז מיט זיין שטימע קען ער שוין קיין גליקען ניט מאכען.

א קורצע צייט נאָכדעם ווי חזן ווילדער איז געקומען קיין אמעריקא האָט ער וואָהל'ן אריבערגעבראכט צו זיין זיין דיריגענט. וואָהל האָט אין דער אטאָרני סטריט שוהל געמאכט א פוראָר מיט זיינע חסידישע מעלאָדיען. א שטיקער צייט איז ער געווען אין באָסטאָן, דאן איז ער געוואָרען דיריגענט פאר חזן אלטער באומאן, און שפּעטער מיט חזן ר' אהרן סיגעל, אין דער רומענישער שוהל, וואו ער איז געשטאַנען 12 יאָהר צייט. דאָס איז געווען די גלאַנץ פּעריאָדע פון מר. וואָהל. די שוהל איז געווען א צענטער פון תפלה ונגינה און מר. וואָהל האָט געהאט די בעסטע קרעפטען און זיין כאָר איז ווירקליך געשטאַנען אויף א הויך קינסטלערישער שטופע.

מיט ר' יאָסעלע ראָזענבלאט אין ד'ער אוהב צדק שוהל איז מר. וואָהל געשטאַנען 10 יאָהר צייט. — אז די קאָמבינאציאָן איז געווען א וואונדערבארער ערפאָלג איז נאָך פריש אין זכרון פון די אלע וואָס האָבען געהערט דאָס צוזאמענדאוונען פון ר' יאָסעלע מיט וואָהל'ס כאָר.

יעצט איז מר. וואָהל דער דיריגענט פון'ם גרויסען מנגן און משכיל חזן מאָרגענשטערן אין דער ספרד'ישער שוהל אין בראָ פּארק.

ה' וואָהל האָט ארויסגעגעבען פיעלע שילער, וואס זיינען געוואָרען זינגער און דיריגענטען — און בכלל איז מר. וואָהל א מענש, וואָס האָט ליעב צו העלפען א זינגער, און איז זיך מקריב פאר זיינע אידעאלען.

אין די צייטען, ווען מ'האָט נאָך ניט געוואוסט צו באצאָהלען פאר א כאָר לויט איהר ווערטה, האָט מר. וואָהל אוועקגעגעבען זיין אייגענעם דאָלאר צו זיינע זינגער, אבי דער כאָר זאָל זיין דאָס, וואָס עס זאָל איהם אליין צופריידענשטעלען.

מר. וואָהל איז זעהר א שטילער צוריקגעצויגענער מענש. האָט פיינד צו רעדען וועגען זיך און וועגען זיין ארבייט. דער שרייבער פון דיעזע צייל'ען איז איהם נאָכגעלאָפען א היבשע שטיק צייט, איידער ער האָט גע'פועל'ט ביי איהם צו דערצעהלען עטוואָס וועגען דאָס חזנות פון דרייסיג יאָהר צוריק. ער האָט נאָר געזאָגט איין זאך — „איהר מעגט זיין געזיכערט, אז וואָס איהר וועט טאָן צו דערהויבען דאָס חזנות, בין איך מיט מיין ארבייט, מיט מיין געלד און מיט מיין גאנצען לעבען“.

מר. וואָהל, ווי איך האָב געהערט, גרייט זיך יעצט ארויסצוגעבען דריי ווערק. ער באארבייט יעצט זיינע קאָמפּאָזיציאָנען וואָס ער האָט אָנגעשריבען און וועט זיי איינטיילען אין גרופּען פאר שבת, פאר יום טוב, און פאר

די ימי נוראים. ער טוט עס צוליעב דעם, וואָס ער האָט אלעמאָל א נאָכפראַגע פאר זיינע קאָמפּאָזיציאָנען, און האָט ניט קיין צייט באזונדער אויסצושרייבען יעדע קאָמפּאָזי־ציאָן.

אויסער דער שוהל האָט מר. וואָהל געווידמעט זיך צו דער אידישער ביהנע — וואָס דאָס אליין פארדיענט א קאַ־פּיטעל פאר זיך. ער האָט אָנגעשריבען בשותפות מיט מר. פּערלמוטער אזעלכע אפּערעטען ווי „דאָס פּינטעלע איד", „די נשמה פון מיין פאָלק", „די אידישע קרוין", און אליין די זעהר ערפאָלגרייכע אָפּערעטען „דער אידישער שטערן", „טויזענד און איין נאכט", „לעבעדיג און פרעהלאך", „יאנ־קעל ליטוואק", „יאָשקע כוואט" און פיעלע אנדערע.

אין אידישען טעאטער צו שאפען אלעמאָל נייעם דארף מען האָבען באמת גרויסע פעהיגקייטען — און ניט נאָר האָט זיך ה' וואָהל ניט אויסגעשעפּט, נאָר וואָס מעהר ער האָט געשריעבען אלס זיינע ווערק ארויס געראָטענער. באזונדערס איז ווערט צו דערמאָנען זיין מאָדערנע אָר־קעסטראציאָן, וואָס ביי אידישע שוהל דיריגענטען איז דאָס א יקר המציאות.

דאָס דינען צוויי געטער — די שוהל און להבדיל די ביהנע — איז געווען א מעלה און א חסרון. עס איז געווען א מעלה, וואָס ה' וואָהל האָט וועגען חיונה ניט געדאַרפט זאָרגען — עס האָט אָבער געהאט דעם חסרון, וואָס דער טעאטער האָט ניט דערלאָזט, אז ה' וואָהל זאָל זיך אויס־שליסליך ווידמען צום עמוד. דאָס טעאטער האָט געוואונען אין ה' וואָהל די קוועלע פון חסידות און די קוועלע פון חזנות, אָבער דער עמוד האָט עס פארלאָרען.

יעדענאפלס אָבער האָבען מיר אין ה' וואָהל איינעם פון די באגאבטסטע און פעהיגסטע שוהל דיריגענטען, א וויכטיגען שעפער, אן אינטעליגענטען אמת אידישען מענ־שען, און א מענש וואָס האָט פיעל בייגעטראָגען צו דער דערהויבונג פון'ם חזן'ישען פאַך.

חזן חזקיה בן זאב (וואָלפּסאָן)

נוגד להורים משכילים ואדוקים, שחנכו לנער על פי דרכם: תורה, והשכלה „מחדר" לישיבה רבתא וו...

אולם תשוקתו לבת השירה, ומשאת נפשו „הבמה" עוררוהו לעזוב מקום תורה, ולשום פניו לווארשה. להשתלם בנגינה ובשכלול קולו. טינור לירי. אבל אשתו, בת הרב שנשא בינתים, עכבה בעדו. ובכן יצא מהמזמר משכיל „חזן". לפנים בווארשה בכנסת „מוריה" המפורסמה ועכשו בבהמ"ד הגדול דברונקס שדרת פא־עסט 827, בעיר נויאָרק רבתי, במשרה חשובה זו קדמני הארי שבחבורה אריה רוטמאַן והנני עתה ממלא מקומו.

עתה אל סדר היום ואל חגיגת היובל יהי רצון שנזכה להוג את חג היובל העתיד בארץ תקותנו ערש אבות.

בברכה כהלכה לכל חברי

חזקיה בן זאב

חזן גרשון וואָלמאַן

חזן גרשון וואָלמאַן, פון דער קאָנגרעגיישאָן סטאַר און איזראַעל, אין האָבאָקען, איז געבוירען געוואָרען מיט 46 יאָהר צוריק אין דער פּוילישער שטאָדט סאָכאַטשאָוו, נעבען ווארשא. פּוילען איז, אין וואָס אָנבאַלאַנגט חזנות, געשטאַנען אויף א גאַנץ נידריגער שטופע, אָבער נעבען ווארשא האָט זיך שוין געפיהלט דער איינפלוס פון דער גרויסער שטאָדט, און ממילא אויך דער איינפלוס פון דייטשלאַנד, וואָס גרענעצט זיך מיט איהר.

צו 10 יאָהר האָט חזן וואָלמאַן געזונגען ביי חזן זומערפויגעל פון פּעטריקאָוו (דער פאָטער פון קאַנטאָר איזידאָר פרענק). וועלכער איז געווען א גרויסער מנגן דאַן האָט ער געזונגען ביי חזן יחזקאל וואָלאָצלאַוועקער שפּעטער האָט ער געזונגען ביי ליזערקע חזן אין ליפּנע, און אין פּראַגא-ווארשא, ביי חזן פויגעלנעסט.

ווען חזן וואָלמאַן איז געקומען קיין אמעריקא מיט 26 יאָהר צוריק, האָט זיין שעהנע טענאָר שטימע און הארציגע תפלה געפונען א סך פאַרעהרער. ער האָט פאַר דעם ערשטען ימים נוראים געדאַוענט ביי די מאַזעס לאָדזש, און ער האָט באַקומען א שעהנע מתנה (א מעדאַל) פאַר זיין דאַווענען. ער האָט פאַרטראַטען די שטעלע ביי די קאָנגרעגיישאָן לכת יושר; שפּעטער איז ער אוועק קיין קליוולאַנד, דערנאָך ווערט ער אויפגענומען אין דער דוקלער מנין אברהם שוהל, אויף דער איסט סייד; די אמונת ישראל, א וועסט סייד קאָנגרעגיישאָן, האָט איהם פון דאָרט צוגענומען; און פון דאָרט אין דער קיעפ סטריט שוהל אין וויליאַמסבורג, און יעצט שטעהט ער מיט גרויס כבוד אין דער סטאַר און איזראַעל שוהל, האָבאָקען, ניו דזשורזי, וואו ער האָט זיך א שעהנעם נאָמען ערוואָרבען אלס הארציגער מתפלל און שעהנער מנגן.

חזן וואָלמאַן באַזיצט א שעהנע טענאָר שטימע, א לייכטען געלויפיגען קאָלאָראַטור, און ער איז באַזונדערס גוט אין די ימים נוראים'דיגע תפלות, ווייל ער איז א שטרענגער עקספּאָנענט פון נוסח, און נאָר דער נוסח איז די שעהנקייט און דער באַזיס פון אַלע תפלות.

חזן אליהו ווייזמאַן

צווישען די יונגע אינטעליגענטע חזנים, וועלכע פאַראייניגען אין זיך השכלה, מוזיקאַלישע קענטניס און שעהנע שטימע איז דער יונגער חזן אלחנן ווייזמאַן, וועלכער איז נאָך א „גאַסט" אין דער חזנות וועלט... ווייל די ערשטע שטעלע אלס שטענדיגער מתפלל האָט ער ערשט געקראָגען לעצטען ערב ימים נוראים, און איז שוין א ליבלינג אין אַלע חזנישע און מוזיקאַלישע קרייזען.

חזן אלחנן ווייזמאַן איז געבוירען געוואָרען אין סובאַלק, זיין פאָטער ר' שלמה זלמן איז געווען א שעהנער בעל תפלה, און ווען ער האָט באַקומען א שעהנע אַלט שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען זינגען ביי חזן קודרין אין קאָוונא, און נאָכהער ביי דעם באַריהמטען חזן ראַבינאָוויטש, דער דווינסקער, ביי וועמען דער כאָר האָט געזונגען ווי א וואונדערליכע סימפאָני.

אין דער צייט וואָס ער האָט געזונגען ביים חזן האָט ער געלערנט אין די קאָוונער שוהלען, אַלערליי אידישע למודים, השכלה, און האָט אין דער זעלבער צייט געלערנט אין דעם קאָנסערוואַטאָריום אין קאָוונא.

מיט 6-7 יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך ביי איהם אנטוויקעלט איינע פון די וואונדערשעהנע לירישע באַריטאָן שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען צו שטודירען מוזיק און זיך אָנגעהויבען פאַרבארייטען פאַר קאָנצערטען. ווען ער איז אָנגעקומען אין קענעדע האָבען איהם אָבער זיינע פריינדע געראַטהען, אז ער זאָל זיך נעהמען צום עמוד; דער וועג צו דער קאָנצערט ביהנע איז א שווערער און אן אונדאַנקבאַרער, און זיין שטימע איז וואונדערליך מסוגל סיי פאַר שעהנע תפלה און סיי פאַר קלאַסישען פאָרטראַג. און ער האָט זיך גענומען צו חזנות.

די קאָנגרעגיישאָן בית יעקב צבי זכרון יוסף, ברוקלין, האָט איהם געהערט און איהם באַלד ערוועהלט, און אין דער קורצער צייט האָט ער זיך שוין א נאָמען געמאַכט.

זאוועל זילבערטס

זאוועל זילבערטס וועט אפשר באקלאָגען זיין קאריערע, וואָס ער איז א אידישער מוזיקער: זאוועל זילבערטס טראכט פיליכט, אז איהם וואָלט זיך בעסער געוואָלט שרייבען סימפאָניען, דיריגירען אראטאריען, אויפפיהרען גרויסע מוזיקאלישע ווערק — אָבער דער גרויסער אמת איז, אז זאוועל זילבערטס איז געבוירען געוואָרען פאר חזנות. ער האָט געשריבען צעהנדליגע ליעדער אָנגעפילט מיט אידישען סענטימענט; זיין לירע וויינט אויף דעם גלות פון'ם ארבייטער, זיין הארץ ווערט צוגאנגען פאר צער פאר'ן קראנקען אינגעלע, פאר דער אונגליקליכער אלמנה, וועלכע וויעגט איהר קינד און גיסט מיט טרעהרען אויף איהר שיקזאל. ער ריהרט אייך מיט זיין טיעפען קרעכץ, אָבער אם רייכסטען, אם שעהנסטען, אם ערהאבענסטען און אם אָריגינעלסטען איז ער אין זיין מוזיק פאר'ן עמוד.

עס וועט קומען די שפּעטערדיגע צייט, וואָס וועט פיליכט פארשרייבען זאוועל זילבערטס אלס דעם גרויסען אָרגאניזירער פון כאָרען; אלס דעם גרויסען שעפּפער פון נאציאָנאלע ליעדער; אלס דער זינגער פון פּראָלעטאריאט. עס איז אמת, ער האָט פאר זיי גענוג געשאפען... אָבער מיר ווילען דאָ רעדען וועגען זילבערטס דעם חזנ'ישען פאבמאָן, און אויב מ'מעג זיך אזוי אויסדריקען, דער שאפער פון א נייעם געזאנג ביי דעם עמוד... א געזאנג וואס איז אויפ'ן העכסטען ארט קינסטלעריש און דאָך שטרענג צו דעם נוסח התפלה...

עס וואָלט געווען גענוג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די מבינים צו זאוועל זילבערטס דריי קאָמפּאָזיציאָנען, וואָס ווערען געזונגען ביי דעם חזנים יובל — זיין „הבדלה“, „על נהרות בבל“ און „היה עם פּפיות שלוחי עמך“. צי איהר וועט קוקען פון'ם מוזיקאלישען געבוי, צי איהר וועט קוקען פון'ם זינן פון דער אויסטייטשונג פון די תפלה, צי איהר וועט קוקען אין דעם זינן פון נוסח, און צי איהר וועט עס וועלען באטראכטען אי'ןם זינן פון ריטהם, שעהנהייט, קאָנטראסט פון קאָלירען, רייכע הארמאָניזאציע, עפעקטען... איהר וועט אין יעדען שטריך דערקענען, אז זאוועל זילבערטס איז איינער פון די גרעסטע אידישע קאָמפּאָזיטאָרען פון דער היינטיגער צייט.

זאוועל זילבערטס אינטערעסאנטע ביאָגראפיע איז ווי פאָלגט:

ער איז געבוירען געוואָרען דעם 7טען כסלו, אין יאָהר 1881, אין קארלין (פינסק) צו זיין פאָטער דער באריהמטער חזן ר' ברוך הירש, וועמעס תלמידים זיינען דאָ אייניגע חזנים אפילו אין אמעריקא. ר' ברוך הירש איז געווען א גרויסער חזן און שטארק באַליעבט. זאוועל האָט ארויסגעוויזען מערקווירדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען נאָך אלס קינד; ער האָט אָבער געהאט א מערקווירדיגע אלט שטימע, און צו 9 יאָהר האָט ער שוין מקבל שבת געווען; ער איז געווען א וואונדער קינד און איז שוין ארומגעפאָהרען דאווענען שבתים.

זיין פאָטער ר' ברוך הירש איז נפטר געוואָרען ווען זאוועל איז נאָך קיין 1[illegible] יאָהר ניט אלט געווען, און דאָך איז ער געבליבען זיין ממלא מקומו. זיי האָבען קיין אנדער חזן ניט געוואָלט צונעהמען. עס ווערט דערצעהלט, אז ר' דוד'ל פרידמאן, די פינסקער לוריא'ס מיט אהרן מאָיסעיעוויטש לוריא בראשם האָבען איהם איינגעלאדען שריפטליך אויפצוטרעטען מיט זיין כאָר אין חיה'ס שוהל, וואו ער האָט געמאכט גרויס ערפאָלג. עס איז ווערט צו באמערקען, אז פיעלע פון זיינע קאָמפאָזיציאָנען האָט מען שוין צו יענער צייט געזונגען. זיינע „קינות“, וואָס ער האָט פארפאסט, האָבען אויפגערודערט דעם גאנצען געגענד, ווייל בכלל האָט מען ניט געהערט,, אז א חזן זאָל זינגען קינות מיט א כאָר.

זאוועל זילבערטס האָט אָבער געזוכט א ברייטערען פעלד פאר זיין טעטיגקייט און טרעט אריין אין ווארשאַווער קאָנסערוואטאָריום אלס יונגערמאן פון 18 יאָהר און שטודירט פאר אָפּערא ארטיסט. ער האָט געלערנט שטימע בילדונג, קאָמפּאָזיציאָן, פיאנאָ און חכמת המוזיק. ער האָט געענדיגט אין דער ערשטער קאטעגאָריע און זיין קאריערע אלס אָפּערא ארטיסט ווערט אלץ גרעסער און גרעסער.

אָבער ווי געזאָגט האָט זילבערטס'ן געצויגען צו אידישקייט. ער האָט געוואָלט שרייבען דוקא נור אין אידישען סטיל. עס שיינט, אז ער האָט זיך ניט געקענט באפרייען פון דער אטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, און מיר טרעפען איהם אין 1903 אלס דירעגענט

פון לאָדזשער „הזמיר“, נאָך די צוויי באגאבטע מוזיקער יוסף רומשינסקי און פּאָטקאמינא. דער „הזמיר“ האָט געמאכט געוואלדיגע פּאָרשריט אונטער ה' זילבערטס לייטונג און דאָ זעהען מיר ה' זילבערטס ניט נור אלס גרויסען דירינגענט, נור אויך אלס גרויסען שרייבער. פיעלע פון זיינע וויכטיגסטע ווערק ווי דער „הבט משמים“, „נחנו עדים“, „דליה נדחת“, „הקבצו“ א. ז. וו. זיינען דאָ אָנגעשריבען געוואָרען. ער האָט אויך אויפגעפיהרט אָראַטאָריען.

א מערקווירדיגער אינצידענט אין זילבערטס' קאריערע איז געווען זיין ערשטע באגעגניש מיט שלום עליכם, ע"ה. דער גרויסער הומאָריסט איז געקומען צו איהם אין באגלייטונג פון האמבורסקי, רעדאקטאָר פון לאָדזשער „טאגעבלאט“, און פרעגט איהם אויב ער וואָלט געקענט מאכען א מעלאָדי צו זיין שלאָף ליעד. האָט זילבערטס אָנגענומען די איינלאדונג מיט גרויס כבוד. „נו, און ווען זאָל איך דאָס ערווארטען“, האָט שלום עליכם געפרעגט. „איהר קענט קומען נאָכמיטאג“, האָט זילבערטס געענטפערט. שלום עליכם איז געקומען, ערווארטענדיג, אז ער וועט געפינען עפּעס א תירוץ, אָבער זילבערטס האָט איהם דערלאנגט די מוזיק, און ווען ער האָט עס דערהערט, האָט ער זילבערטס'ן ארומגענומען און געקושט. ער האָט געוויינט פאר פרייד. מאד. אמאליא זילבערטס זינגט די דאָזיגע ליעד נאָך יעצט מיט גרויס ערפאָלג אויף קאָנצערטען.

אין 1906 האָט זיך געעפענט די נייע שוהל אין מאָסקווא, וואו מ'האָט געדארפט א גרויסען כאָר דיריגענט. זילבערטס האָט די שטעלע באקומען, און האָט ניט נור געמאכט גרויס ערפאָלג אלס דיריגענט פון דער סינאגאָגע, נור אויך אלס קאָמפּאָזיטאר און קאָנצערטיסט. אין דער זאאל קאָנסערוואטאָריע פלעגט ער געבען אידישע קאָנצערטען, פון א ליעבהאָבער כאָר וואָס ער און ענגעל האָבען געגרינדעט, און ער איזווארם אפּלאָדירט געוואָרען פון קריטיקער און פון ניט אידישע פּובליקומס. ער איז געווען דער ערשטער צו שטעלען אידישע קאָנצערטען אין מאָסקווא.

ווען די קריעג איז אויסגעבראָכען איז זילבערטס אוועק פון רוסלאנד צוריק קיין לאדז. הרב מזה און די פּני פון מאָסקווא האָבען באדויערט זיין אוועקגעהן, אָבער עס איז אונמעגליך געווען דאָרט לענגער זיך אויפצוהאלטען. אין 1914 ווען ער איז אָנגעקומען אין לאדז, האָט איהם דער „הזמיר“ ווידער אויפגענומען — און דאָ האָט שוין דער הזמיר אונטערנומען זיך אויפצוטרעטען מיט סימפאָני אָרקעסטער באגלייטונג, און אויפגעפיהרט האָט מען אין העברעאיש אָראַטאָריען פון האיד'ן, מאָצאַרט, באָך, הענדעל און אז. וו. ווען ער האָט אויפגעפירט מאָצאַרט'ס „רעקוויעם“ (מוזיקאלישער הספּד) האָבען די צייטונגען געשריבען, אז עס איז אויסגעקומען א אידען אויפצולעבען דיזען הספּד.

אין 1920 האָט זילבערטס גענומען זיין וועג קיין אמעריקא, צוליעב די עקאָנאָמישע אומשטענדען, אָבער מ'קען ניט זאָגען, אז עקאָנאָמיש האָט זילבערטס דאָ זיך פיעל פארבעסערט. זילבערטס איז ניט צוגעפּאסט צו די אמעריקאנער ביזנעס מעטאָדען, און דערפאר ליידט ער אביסעל.

דער חזנים פארבאנד האָט אָבער אין זאוועל זילבערטס געפונען א גרויסע קוועלע פון חזנות. ער איז ערוועהלט געוואָרען אלס מוזיקאלישער דירעקטאָר פון דער אָרגאניזאציע, און דער רעזולטאט איז א געווינס אין פיעלע וויכטיגע קאָמפּאָזיציאָנען, מיט וועלכער דער פארבאנד איז ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג. זיין "אחינו כל בית ישראל„; „על נהרות בבל“ און דאָס לעצטע „חיה עם פּפּיות שלוחי עמך בית ישראל“ זיינען די בעסטע זאכען וואס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פאר א מענער כאָר.

באזונדערס צייכענט זיך זילבערטס אויס אין „גלות“ ליעדער. ער מאָהלט זיי מיט די שעהנסטע סענטימענטאלע, מעלאנכאָלישע פארבען.

ער האָט אָנגעשריבען פיעלע פּסאלמען, מוזיק צו פיעלע ביאליק'ס ליעדער אין העברעאיש, און מוזיק צו פיעלע ציוניסטישע ליעדער, חנוכה און פּורים ליעדער, און גרייט צו צום דרוק א „סדור“, וואס די מעהרסטע חזנים האָבען שוין צוגעגעבען, אז דאָס איז דער מיטעלפונקט צווישען די אלטמאָדישע אידיש און די מאָדערנע.

ווי געזאָגט איז ה' זילבערטס אויך אן אויסגעצייכענטער דיריגענט ; ער האָט אין לאדז דיריגירט פיער כאָרען. „הזמיר“, „הארפע“ (ארבייטער), „קאָמי פאראיין“ און „בית עם“ (ציוניסטישע). אויך דאָ איז ער דיריגענט פון אן „ארבייטער רינג הארפע“ אין פּעטערסאָן, און א „נוארקער הזמיר“, און „חזנים פארבאנד“.

דער באוואוסטער מוזיק פּאָבלישער יוסף פּ. קאטין האָט שוין ארויסגעגעבען פיעלע פון זיינע ווערק, וועלכע זיינען זעהר פּאָפּולער אין די אינטעליגענטע מוזיקאלישע קרייזען.

חזן משה זייעטין

חזן משה זייעטין, וועלכער באלאנגט צו די חזנים המושלמים, חזנים אין וועמען עס איז פאראייניגט תורה והשכלה, מוזיק און קונסט פון געזאנג, תפלה פון'ם שעהנסטען קלאסישען סארט, און מיט א רעקארד וואס נעהמט אריין איניגע פון די פראמינענסטע חזנות שטעלען אין דער וועלט, איז געבוירען געווארען בשנת תר"ם, בחודש סיון אין דער שטאדט סאווראן, פאדאליער גובערניע, וועלכע איז באוואוסט צוליעב דעם גרויסען צדיק הרב ר' מישה'לע סאווראנער. זיינע עלטערען זיינען חסידישע מענשען. צו אכט יאהר האט ער אנגעפאנגען זינגען ביי דעם שטאדט חזן ר' אברהם ע"ה און ער איז געוועזן א וואונדערבארער בעל תפלה, ער האט געזונגען ביי דעם באריהמטען חזן פון יענער צייט ר' נחמן שמערל קריעמזירער, וועלכער איז געוועזן א תלמיד פון'ם וועלט באריהמטען בצלאל אדעסער. ר' אברהם איז געוועזן דער ממלא מקומו פון דעם גרויסען באריהמטען מתפלל ר' מאיר דוד סאווראנער.

ווען ער איז אלט געווארען דרייצעהן יאהר האט ער צום ערשטען מאל געדאווענט פאר'ן עמוד, און דאן פון צייט צו צייט האט מען איהם געבעטען ער זאל דאווענען א שבת. אין יענעם יאהר האט ער אנגעפאנגען צו זינגען ביי דעם באריהמטען מנגן מר. גוטמאן בארסקי, ע"ה, און ביי איהם האט ער אנגעפאנגען צו לערנען די ערשטע פונדאמענטאלע לעהרען פון מוזיק. ביז צוויי און צוואנציג יאהר האט ער געזונגען ביי פארשיעדענע חזנים, און צווישען זיי די באריהמטע חזנים ר' זיידעל ראוונער, שניאור, ר' שלום גרינשפאן (שלום אנאניווער) און אנדערע.

אין דעם צוויי און צוואנציגסטען יאהר פון זיין לעבען, נאכדעם ווי ער איז באפרייט געווארען פון מיליטער איז ער אויפגענומען געווארען אלס חזן שני צוזאמען מיט דעם גרויסען חזן און מוזיקער יוסף צבי כהן אין דער ווילנער שטאדט שוהל. דער נאמען זייעטין האט זיך אבער שנעל אנגעפאנגען פארשפרייטען איבער רוסלאנד און באלד טרעפען איהם איהם אלס שטאדט חזן אין יעקאטערינאסלאוו.

דארט איז ער געוועזן ביז די שרעקליכע פאגראמען פון 1905. און איז אוועק אין זוויהיל אויפ'ן ארט פון דעם באריהמטען חזן בעריל זוויהילער, דאן אין בעריסלאוו, ווארשא, בערדיטשעוו, אין דער שניידערשער שוהל, און אין יאהר תרע"ג איז ער איינגעלאדען געווארען צו פארנעמען דעם פלאץ פון דעם גרויסען מנגן אין דער לעמבערגער כאר שוהל, חזן האלפערין (באריהמט אוים חערסאן) און איז אויף דער שטעלע געשטאנען 9 יאהר צייט. אויף דיזער שטעלע זיינען געשטאנען אזעלכע וועלט באריהמטהייטען, ווי באכמאן, פיצי אברעס, יהושע וויים און דארשעווסקי.

גאנץ אייראפא האט גע'שמ'ט מיט חזן זייעטין, דער וואונדערבארער ח.ז און מענש; דער מוזיקער און משכיל; דער קאמפאזיטאר און דער למדן; דער גרויסער מתפלל און דער קלאסישער זינגער... און ער איז אויף דער שטעלע געשטאנען מיט'ן גרעסטען כבוד, וואס א חזן האט ווען עס איז געהאט. עס איז געוועזן א לעבענס לענגליכע שטעלע. אבער די מלחמה האט אלעם חרוב געמאכט, און ער האט גענומען דעם וועג קיין אמעריקא. ער איז אנגעקומען אין באסטאן, וואו זיינע ברידער און שוועסטער וואוינען. און ער איז דארט באלד אויפגענומען געווארען אלס חזן, און זייט א יאהר געפינט ער זיך אין טאראנטא, קענעדע. אין דער גרויסער מק'סאל סטריט שוהל, וואו מען פארהגעטערט איהם ממש.

חזן זייעטין האט אויך געלערנט דאס געזאנג־קונסט ביי דעם באריהמטען קאמער זינגער א ו ל א נ א ו ו ס ק י, און ער איז אזוי וואונדערליך אין קלאסישע ליעדער ווי ביים עמוד אלס חזן.

חזן משה זייעטין האט אויך געשריבען פיעלע וויכטיגע קאמפאזיציאנען און רעציטאטיוועו, וועלכע ער גרייט צו צום דרוק.

חזן אברהם זינגער

מיט פיערציג יאָהר צוריק אין א קליין שטעדטעל, אזיראן, גאליציען, וואו זיינע עלטערען זיינען פארטריבען געוואָרען פון רוסיש־פוילען, איז חזן אברהם זינגער געבוירען געוואָרען. ער איז געבליבען אָהן א טאטען צו 8 יאָהר אַלט, און זייענדיג באגאבט מיט א געבוירענעם טאַלאַנט בירושה פון דור דורות חזנים און בעלי תפלות, איז ער געוואָרען דער ליבלינג זינגער פון אלע ארומיגע שטעדטלאך. וואו נאָר א שמחה, אָרעם אָדער רייך, האָט מען זיך ניט געקענט באגעהן ביז מ'האָט ניט געשיקט נאָך אברהם'לע, שלום דעם חזן'ס.

צו 10 יאָהר, האָבען זיך דערוואוסט פון איהם חזנים מיט וועלכע ער איז ארומגעפאָהרען דאווענען, אין גאנץ עסטרייך אונגארן, ווי אויך רוסלאנד און רומעניען.

געקומען אין אמעריקא מיט 22 יאָהר צוריק, וואו ער איז גלייך אויפגענומען געוואָרען צו זינגען טענאָר ביי דעם באוואוסטען חזן מאנעוויטש, וועלכער איז דאן אָנגעקומען אלס חזן אין באָסטאָן, אין דער באלדווין פּלייס שוהל, אונטער דער לידערשיפּ פון דעם באוואוסטען דיריגענט מ. מאכטענבערג.

זייענדיג צו יענער צייט שוין א דורכגערייזטער און וועלט־פראקטישער יונגערמאן האָט ער אָנגעפאנגען צו טרייען פארשידענע ביזנעס, אום ניט צו דארפען ווערען קיין חזן. ליידער האָט זיך אָבער אימער געשטעלט אין וועג דער געטליכער פארלאנג צו דיענען דאָס אידישע פאָלק מיט זיין טאלאנט, מיט וועלכען דער רבש"ע האָט איהם באשאָנקען, און האָט איהם צוריקגעהאַלטען פון צו זיין ערפאָלגרייך אין ביזנעס.

מיט 16 יאָהר צוריק שוין זייענדיג פארהייראט האָט ער באשלאָסען, אז אום צו קענען עקזיסטירען אין דיעזער וועלט וועט ער מוזען זיך נעהמען צו דער ארבייט צו וועלכער ער איז באשאפען געוואָרען, און דאָס איז חזנות. און באלד ווי ער האָט אָבגעדאווענט דעם ערשטען ימים נוראים אין ניו יאָרק, אין דער קאמעניטץ־פּאָדאָליער שוהל האָט באלד אָנגעפאנגען צו קלינגען מיט איהם די גאנצע איסט בייד, און ער אליין אזוי גוט ווי אלע, וואָס האָבען איהם געהערט דאָס ערשטע מאָל דאווענען האָבען געזעהן, אז דער עמוד, איז זיין פּלאץ, פאר וועלכען ער איז באשאפען געוואָרען צו שטעהן און מאהלען זיין ארטיסטישע קונסט פון תפלה. דריי יאָהר איז ער געשטאנען אין יענער שוהל, וואו די מעמבערס קענען איהם נאָך ביז היינט ניט פארגעסען פאר זיין אמת אידישען דאווענען.

דאן האָט ער געהאלטען נאָך א פּאָר שטעלען פאר א פּאָר יאָהר. אָבער זייענדיג אן אָרטאָדאָקסישער חזן און צו דערזעלבער צייט א היינטיג וועלטיש פאָרטגעשריטענער און אמעריקאניזירטער יונגערמאן האָט ער געזוכט זיך צופּאסען א שוהל, וועלכע זאָל זיין אָרטאָדאָקסיש און מאָדערן. ביז מיט 11 יאָהר צוריק איז ער אָנגעקומען אין א שוהל, וועלכע רופט זיך „קאָנגרעגיישאָן אהבת חסד" און געפינט זיך אין דזשעפערסאָן עוו., העכער ארויף צו וויליאמסבורג, ניט זעהר קיין באוואוסטע אידישע נאכבארשאפט. די שוהל איז געגרינדעט געוואָרען ביי אונגאריש־אמעריקאנישע אָרטאָדאָקסישע אידען.

חזן זינגער האָט די ערשטע דריי יאָהר געדאווענט מיט א כאָר פאר ימים נוראים, אָבער נאָכדעם ווי די כערע זיינען געוואָרען א צו טייערער ארטיקעל, האָט ער אָנגעפאנגען איינצוטרייען קאָנגרעגיישאָנאל סינגינג. זייט די לעצטע אַכט יאָהר דאווענט ער אליין און דער כאָר באשטעהט פון אלע מתפללים, וואָס דאווענען דאָרט. ער האָט דערמיט געמאכט דאָס דאווענען אזוי אינטערעסאנט, אז ווען אַ איד קומט אריין דאָס ערשטע מאָל אין שוהל, און הערט דאָס דאָזיגע דאווענען, מוז ער שוין אָדער א מעמבער ווערען אָדער אם ווינציגסטענס א שטענדיגער מתפלל.

חזן זינגער איז אין זיין שוהל זעהר באליעבט און געשעצט פון יעדען, כאָטש ער שטעהט שוין דעם 11־טען יאָהר, א זאך, וואָס טרעפט זעלטען אין אָרטאָדאָקסישע שוהלען, איז ער דאָך ביי זיי אזוי ניי און אינטערעסאנט ווי ער וואָלט יעצט אָנגעקומען.

חזן זינגער איז ניט נאָר באליעבט אין זיין שוהל נאָר אויך ביי אלע חזנים, זינגער און מנגנים, וועלכע רופען איהם „דער קליינער קארניאָל", דערפאר, וואָס ער אימיטירט אזוי קאָרעקט, אזוי וואונדערבאר דעם גרויסען גאון פון נוסח התפלה, ר' יחיאל קארניאל. און וואו נאָר חזנים קומען זיך צוזאמען, מוז חזן זינגער זינגען פאר זיי עפּעס פון קארניאל'ס מייסטערהאפטע „זאָגעכטס".

און ווען חזן זינגער זאָגט עפּעס פון קארניאל, קען מען מערקען טרעהרען ביי די צוהערער חזנים, ווען עס קומט ארויף אויפ'ן זינען די גאָלדענע קאריערע, וואָס דער גרויסער קארניאל האָט געהאט אין זיינע פריהערדיגע יאָהרען, און זיין ביטערער עלטער.

חזן שמעון זיידמאן

חזן שמעון זיידמאן איז איינער פון די פיאָנערען פונ׳ם אמעריקאנער חזנות. ער איז געקומען קיין אמעריקא נאָך דאמאָלסט ווען די אידישע געהטא איז באשטאנען פון א פאָר גאסען דאון טאון; ווען עס זיינען נור געווען א הייפעלע אידען. דאמאָלסט האָט זיך אָנגעפאנגען די גרויסע רוסישע עמיגראציע. ער איז געקומען אהער מיט 31 יאָהר צוריק, נאָך איידער עס איז געווען א חזנים פארבאנד. חזן זיידמאנ׳ען קען מען דערפאר אריינרעכענען אלס דעם גרינדער, ווייל ער איז פון די געצעהלטע וואס האָבען געארבייט כסדר צו מאכען פון דער קליינער גרופע חזנים אן אָרגאניזאציע וואס זאָל קענען באשיצען די אינטערעסען פון׳ם חזן.

חזן שמעון זיידמאן איז געבוירען געוואָרען מיט 50 יאָהר צוריק אין ווילאָן, קורלענדער גובערניע. זיין פאָטער ר׳ אברהם יצחק איז געווען א דאָקטאָר.

ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האָט א שעהנע שטימע צום זינגען, האָט מען איהם געשיקט צו ראָזאָווסקי אין ריגא׳ער כאָהר שוהל, דערנאָך האָט ער געזונגען אין יעקאַטערינאָסלאוו ביי סענדער׳ן, שפעטער ביי שעכטער אין קרעמענטשוג, קלמן פאָלטאווער, ברוך דוד האָמלער און חזן קארעצקי אין בארקאָוו.

אלס טענאָר אין די לעצטע דריי שטעלען האָט ער שוין ארויסגעהאָלפען אלס דיריגענט, ווייל זיידמאן איז שוין דאן געווען א פעהיגער מוזיקער און באהאוועגט מיט אלע וויכטיגע קאָמפּאָזיציאָנען פונ׳ם רעפערטואר. מיט 31 יאָהר צוריק ווען ער איז דאָ געקומען האָט ער נאָך געטראָפען דעם גאון החזנות פיניע מינקאָווסקי און איז שפעטער געוואָרען חזן.

ער האָט באטראָטען שטעלען אין דער אוהל יעקב עלען סטריט שוהל, אידען סטריט שוהל באלטימאָר טאוורינער שוהל אנשי אמונה באלטימאָר, קאנג. עץ חיים, ניויאָרק, וואו ער איז געשטאנען 17 יאָהר און יעצט איז ער חזן ביי דער קאָנגרעגיישאן עטרת ישראל, 82־טע סטריט.

חזן זיידמאן איז געווען איינער פון די גרינדער פונ׳ם חזנים פארבאנד, און ער איז ניט אָבגעטראָטען פון דער ארבייט אפילו אויף איין מינוט צייט. ער איז אימער געווען אויף דער וואך און אימער געהאָלפען די בעאמטע אין זייער ארבייט לטובת דעם פארבאנד, און נור א דאנק אזעלכע ענערגישע מענשען קען דער חזנים פארבאנד אָנצייגען היינטיגען יאָהר אזא קאָלאָסאלע ארבייט.

חזן זיידמאן צייכענט זיך אוים מיט געזעלשאפטליכע ארבייט. ער איז זעהר טהעטיג אין כמעט יעדע אינסטיטוציע פון וויכטיגקייט.

חזן משה זארניצקי

אין דער חזנ'אישער וועלט איז שוין באוואוסט אז אויב עס איז דאָ עפּעס א שאלה ותשובה אין הלכות מוזיק, היסטאָרי, דקדוק, אז מ'דאַרף געהן צו דעם אויטהאָריטעט משה זארניצקי. משה זארניצקי איז פון די סאָרטען חזנים וואָס זיי זיינען אייביג ניט צופריעדען מיט זיך אליין, זיי זוכען, נישטערען, פאָרשען און זוכען צודערגרונטעווען דעם יסוד.

חזן משה זארניצקי איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט באלטא פּאָדאָליער גובערניע, ביי א חסידישע פּאַמיליע, לומדים, מופלגי תורה. ער האָט געהאט א שעהנע אלטען שטימע און האָט געזונגען ביי די חזנים ר' אברהמ'לע ארענשטיין וועלכער איז דאן געווען פון די באריהמטע חזנים, אברהם שאכאד, שלום אנאניוועד (גרינשפּאן) און ביי דעם באוואוסטען מתפלל משה בער קאָראָטיאנסקי. פון חערסאָן און יעקאטערינאָסלאוו, און וועלכער איז געווען באַריהמט מיט זיין תפלה איבער גאַנץ רוסלאנד.

טאקע ביי חזן משה בער איז משה זארניצקי געוואָרען 2-טער חזן.

ווי געזאָגט האָט זיך זארניצקי ניט בעגנוגענט מיט חזנות אליין. ער האָט געזוכט ווייטער. ער האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען הארמאָני ביי אלטער פּאָליאקאָף.

ער האָט אויך געזונגען ביי דעם גרויסען מנגן שמעון הירש האלפּערן אין חערסאָן און ביי אברהם מינקאָווסקי אין דער זעלבער שוהל.

די ערשטע חזנות שטעלע פון חזן משה זארניצקי איז געווען אין אָדעס „אויפ'ן פּערעסעפּ". נאכהער אין דער קליינער דייטשער שוהל אין ווארשא. דאָ אין דער שוהל איז געווען א פּארזאמלונגס אָרט פון אלע שרייבער, משכילים, געלערנטע. און וועהרענד ער איז געשטאנען אויף דיעזען פּאָסטען האָט ער זיך געלערענט די העכערע למודים פון מוזיק, הארמאָני און קאָנטראפּונקט. און ווי זארניצקי דריקט זיך אויס האָט ער אם מעהרסטענס געלערענט פון זיינע תלמידים, ווי דוד המלך האָט געזאָגט „מכל מלמדי השכלתי". צווישען זיינע שילער געפינען זיך: דער באוואוסטער קאָנטראפּונקטיסט ה' זלמן אנצים, מנחם קיפּנים, גאָטבעטער און פיעלע אנדערע.

אין 1905 איז ה' זארניצקי געקומען קיין אמעריקא. ער האָט אָבער געפונען אז אמעריקא איז ניט פאר איהם, און אין 1906 טרעפען מיר איהם צוריק אין ווארשא, אויף דער איינלאדונג פון דער טלאמאצקער שוהל. זארניצקי איז אָבער אָנגעקומען אין יענע שרעקליכע טעג פונ'ם שעדליצער פּאָגראָם, און אלע בעאמטע פון שוהל זיינען געווען אוועק. נאָך דעם ווי ער איז אָבגעווען 8 מאָנאטען צייט אין אייראָפּא איז ער געקומען צוריק קיין אמעריקא. אין מארטש 1907 האָט ער גענומען די שטעלע אינ'ם שעהנעם מאָדערנעם טעמפּעל „שערי צדק" אין דעטראָיט, וואו ער איז אָבגעשטאנען 8 יאָהר צייט.

זינט יענער צייט האָט ער באטראָטען איינינע שטעלען אין טעמפּלען אין און ארום ניויאָרק, און גיט זיך אָב מעהרסטענס מיט אונטעררייכטען העכערע מוזיק-לעהרען.

חזן דוד האַסמאַן

חזן דוד האסמאן איז געבוירען געוואָרען אין מאָנאַסטערישטשע, קיעווער גוב., רוסלאנד. ער איז ערצויגען געוואָרען אין א העכסט חסידישער הויז. זיין פאָטער ר' ישראל איז פון יענע טאָרט חסידישע טיפּען וואָס זיינען היינט א זעלטענהייט.

אויב זיין פאָטער האָט דוד'לען קיין תפלה ונגינה ניט געלערנט האָט אָבער זעהר פיעל מיה זיך געגעבען אז ער זאָל זיין א ווארעמער איד, א קענער און א טהוער, און זיין מסירת נפש פאר זיינע חברים און ברידער האָט ער ווי אן אמת'ער איד באוויזען טאקע אין די לעצטע צוויי יאָהר וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער שטאָדט בעלץ (בעסאראביע), וואו עס זיינען געווען פארזאמעלט איבער אכט טויזענד פליכטלינגע פון רוסלאנד, אנטלאָפענע פון הריגות און רדיפות. דער מצב איז געווען שרעקליך ניט אכטענדיג וואָס אמעריקא האָט געהאָלפען און ער האָט מיט דער הילפע פון אנדערע חברים, אָרגאניזירט די פליכטלינגע און זיי געשטעלט אויף די פיס פון דעם דעמאָראליזירענדיגען צושטאנד וואָס האָט געהערשט צווישען זיי.

,,דאָס שטרעבען צו נגינה האָט זיך אָנגעפאנגען אין זיין פריהסטער יוגענד ווען ער איז נאָך געווען אן אלט ביי דעם שטאָדט חזן הר' זאנוועל ספּיוואק. ביי 12 יאָהר איז ער אָנגעקומען דורך א צופאל צו דעם באוואוסטען דיריגענט עמערמאן (פיניע באסס), ביי איהם האָט זיך דער מוזיקאלישער טאלאנט גוט ענטוויקעלט. באזונדערס האָט ער געצויגען צו זיך אויפמערקזאמקייט ווען ער האָט אָנגעהויבען זינגען אין אָדעסס אין דער שאלאשנער שוהל, אלס טענאָר.

חזן חאסמאן האָט אין תר"ע אָנגענומען א שטעלע אין טשערקאסע אין „בען'ס שוהל" וואו ער איז געווען דריי יאָהר נאכהער האָט מען איהם צוגענומען אין קיעוו אין דער קופּעטשעסקי שוהל.

ביים אויסברוך פון קריעג האָט ער געמוזט פארלאָזען קיעוו און איז אָנגעקומען אין דער „זבחי צדק" שוהל אין יעקאטערינאָסלאוו, וואו ער איז געשטאנען דריי יאָהר צייט, און האָט געמוזט צוליב די פּאָגראָמען אוועק.

אין אמעריקא איז חזן חאסמאן געקומען ערשט אין אויגוסט 1923, ערב יום טוב. ער האָט די ימים נוראים געדאווענט די ת"ת דפלעטבוש, אין עוועניו „דזשי". ער באַזיצט א שעהנע לירישע טענאָר שטימע, וועלכע פארמאָגט א סך מתיקות, קאָלאָראטור וואָס איבעראשט אייך, און זיין נוסח התפלה האָט געמאכט א רושם אויף די מתפללים.

חזן בערעלע חגי

ווען דער 4 יאָהריגער „בערעלע“ דעם חזן׳ס אין דעם שטעדטעל דאגדא האָט געזונגען און ארויסגעהאָלפען זיין פאָטער וועלכער איז געווען א חזן און לעהרער, א גרויסער למדן ומשכיל פון יענער צייט, האָבען די צוהערער נביאות געזאָגט אַז ער וואקסט א גרויסער חזן. דער זעלבער בערעלע איז טאקע אויסגעוואקסען א בעריהמטער חזן, אָבער דער נאָמען „בערעלע“ איז טאקי געבליבען.

בערעלע חגי האָט זיך אריבערגעהויבען איבער די דורכשניטליכע חזנים און איז זעהר באליעבט ביי די אידען, וועלכע האָבען ליעב דעם טעמפּעראמענטפולען פייערדיגען דאוונען — בערעלע חגי איז א קינסטלער אין דעם סאָרט חזנות. זיין שטימע איז זעלטען גוט צוגעפּאסט דערפאר. ער האָט א מערקווירדיגע עלאסטישע שטימע מיט וועלכע ער קען גוט וואָקאליזירען. ווי כוואליעס וואָס שלאָגען איינע אין די אנדערע אזוי קען בערעלע חגי ווארפען זיין שטימע איין קאָלאָראטור אויפ׳ן אנדערען — און דעם עולם ווי פאר׳כשופ׳ן מיט זיין תפלה.

די ביאָגראַפיע פון דיעזען גרויסען מתפלל פאנגט זיך אָן ווי געזאָגט ווען ער איז אַלט געווען 4 יאָהר אַלס ארויסהעלפער ביי זיין פאָטער; צו 5 יאָהר האָט ער געזונגען אין קאָרפּיווקע, וויטעבסקער גובערניע אין דער פאזשארהאווא אָפּטשעסטווא. צו אכט יאָהר האָט ער געדאווענט אין דווינסקער קהל׳שען בית המדרש וואו דער רבי ה״ר מאיר שמחה האָט איהם געבענשט צו 9 יאָהר האָט ער געזונגען אין ריגא ביי חזן ראזאווסקי, אויך האָט ער געזונגען ביי ראבינאָוויטש אין דווינסק, וואו ער האָט צו דער זעלבער צייט געלערנט ביי ר׳ יום טוב.

אין דער צייט ווען ער פלעגט ארומפאָהרען מיט זיין פאָטער דאווענען שבתים, איז איבעראל געוואָרען א רעש און א פרייד. מ׳האָט געזאָגט „דער רעזשיטצער אינגעלע“ איז שוין דאָ.

חזן בערעלע חגי׳ס ערשטע שטעלע איז געווען צו 18 יאָהר אין דער שטאָדט סמאָלענסק, מיט דער הסכמה פון׳ם ליבאָוויטשער רבי׳ן.

די ערשטע אמעריקאנער שטעלע פון חזן חגי איז געווען אין דעטראָיט. 5 יאָהר האָט ער געדיענט אויף דער שטעלע. ווען באָסטאָן׳ס פּראָמינענטע שוהל איז געוואָהר געוואָרען וועגען בערעלע חגי׳ס וואונדערבארען דאוונען, האָט זי איהם פון דאָרט צוגענומען. אויף דער דאָזיגער שטעלע איז חזן חגי אָבגעשטאַנען פיער יאָהר, און יעצט פארטרעט ער מיט גרויס כבוד די שטעלע אין דער עדת ישראל שוהל, נוארק, ניו דזשוירזי, וואו ער שטעהט צוזאמען מיט דעם דירעקטאָר פון׳ם חזנים־פארבאנד, ה׳ זאוועל זילבערטס, אלס דיריגענט.

ווערענד די דערמאָהנטע פעריאָדען איז חזן חגי געווען זעהר אָן אָפטער גאסט אין ניו יאָרק, אין פילאדעלפיא, שיקאגאָ, קליוולאנד, פיטסבורג און אנדערע אידישע מקומות, וואו ער האָט געדאווענט שבתים און געגעבען קאָנצערטען איבעראל מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג.

ער איז איינער פון די סאָליסטען פון דיעזען גרויסען חזנ׳אישען יום טוב אין מעדיסאָן סקווער גארדען; ער איז איינער פון די דירעקטאָרען פון׳ם „פארבאנד“ און העלפט פיעל מיט ראטה און טהאַט צו דערהויבען דעם מצב החזנות אין יעדען פרט.

חזן פנחס יאסינאָווסקי

פּנחס יאסינאָווסקי איז געבוירען אין א קליין שטעדטעל, ראָמאנאָווקע, קיעווער גובערניע, אין יאָהר 1886, ביי חסידישע עלטערען. זיין פאָטער משה דוד טאבאטשניק איז געווען א איד א ירא שמים, און געשטאמט פון א יחוס'דיגער פאמיליע, וועלכע האָט אין איהר צייט, גע'שמ'ט אין דער גאנצער געגענד. זיין מוטער שיינדעל בת אליהו איז אויך געווען א גאָטספורכטיגע פרוי און איז געקומען פון געהויבענעם יחוס, זי איז פריהצייטיג אוועק פון דער וועלט און דער קליינער פנחס האָט אין דעם פריהמאָרגען פון זיין לעבען שוין דערפיהלט וואָס עס מיינט צער, עלענד און יתום'שאפט.

פנחס פאָטער האָט אָנגעווענדעט אלע כחות צו געבען זיין קינד א גוטע, עכט אידישע ערציהונג און איהם מחנך זיין על ברכי התורה והיהדות. זיין אמביציע איז געווען דאָס דער געראָטענער פנחס'ל זאָל אויסוואקסען א רב. דער שיקזאל האָט אָבער אנדערש געפיהרט, און אויב פנחסה יאסינאָווסקי איז ניט געווען באשערט צו באלויכטען מיט זיין תורה דאָס אידישע לעבען, דערפרעהט ער דערפאר טויזענדער אידישע הערצער מיט זיין וואונדערליכער נגינה און רופט ארויס די גרעסטע באגייסטערונג ביי יעדען אייעם וואָס הערט איהם אליין זינגען אָדער ער הערט אן אנדערען זינגען יאסינאָווסקי'ס פרעכטיגע קאָמפּאָזיציעס.

פנחס'ל האָט כמעט פון קינדוויים אָן ארויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכע מוזיקאלישע פעהיגקייטען. אלס איינגעל האָט ער געהאט א זיס, געשמאַק שטימעלע, וואָס האָט געקלונגען ווי א זילבערנע גלעקעל און האָט גע'שמ'ט אויסער די גרענעצען פון זיין געבורטס־שטעדטעל. חזנים האָבען זיך אָנגעהויבען רייסען איבער איהם און יעדער האָט איהם געוואָלט האָבען אין זיין כאָהר. זיין ערשטע קאריערע אלס משורר ביי א חזן האָט ער געמאכט אין דעם שטעדטעל קאכאָווקע, וואו ער איז אריינגעטראָטען אין דעם כאָהר פון חזן כאש. דערנאָך האָט מען איהם צוגענומען אין דער שטאָדט ניקאָלאיעוו און פון דאָרטען איז ער אוועק אין דעם כאָהר פון דעם בארימטען פּיני מינקאָווסקי אָדער „פּיני אדעסער“, וועלכער איז געווען דאמאָלס חזן אין כערסאָן.

אין דער צייט וואס יאסינאָווסקי האָט געזונגען אין דער כאָהר־שוהל און דערמיט ערנערט זיין פאמיליע, האָט ער זיך אויך פאָרבארייטעט פאר אן ערנסטער מוזיקאלישער קאריערע. ער האָט שטודירט מיט גרויס פלייסיגקייט מוזיק און אויך זיך אָפּגעגעבען מיט אלגעמיינער בילדונג, כדי צו קענען אָנקומען אין דער קאָנסערוואטאָריע, וועגען וועלכער ער האָט גע'חלומ'ט פון זיין ערשטער יוגענד־אָן.

ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאָהר האָט ער זיין חלום ענדליך פארווירקליכט. ער איז אוועק קיין פּעטערבורג און געהאט דאָס גליק צו ווערען באקאנט מיט דעם וועלט־בארימטען רוסישען קאָמפּאָזיטאָר צעזאר קיוע. צעזאר קיוע האָט באלד דערשפּירט אין דעם צוואנציג יעהריגען בחור'ל אן אויסערגעוועהנליכען טאלאנט און ער האָט איהם געהאָלפען אָנצוקומען אין דער בארימטער פּעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע, וועלכע איז אין יענע יאָהרען געווען די מעקא פון די גרעסטע מוזיקער און האָט געהאט די בארימטעסטע קאָמפּאָזיטאָרס און גאונים פון נגינה צווישען איהרע פּראָפעסאָרען און לעהרער.

שטודירענדיג אין דער קאָנסערוואטאָריע האָט יאסינאָווסקי אויך פארנומען די שטעלע פון צווייטען דיריגענט אין דער גרויסער פּעטערבורגער כאָהר־שוהל און האָט אויף אזא אופן געהאט א מעגליכקייט צו ענדיגען זיין קורס און אויך צו העלפען זיין פאמיליע.

אין דעם יאָהר 1915 האָט ער געענדיגט די קאָנסערוואטאָריע מיט דער דיפּלאָם פון „פרייער קינסטלער“ (סוואבאָדני כודאָזשניק) און זיינע לעהרער האָבען וועגען איהם געהאט די העכסטע מיינונג און איהם פאָראויסגעזאָגט א גרויסע צוקונפט אי אלס זינגער אי אלס קאָמפּאָזיטאָר. זעהר ווארעם האָבען זיך וועגען איהם אָפּגערופען אזעלכע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען ווי אלעקסאנדער גלאזונאָוו, ניקאָלאַי סאָקאָלאָוו, וועלכע זיינען געווען ניט בלויז זיינע לעהרער נור אויך פריינד און פארעהרער.

אין פּעטערבורג האָט יאסינאָווסקי געהאט א שם אלס געזאנגס־קינסטלער צווישען די העכסטע אריסטאָקראַטישע קרייזען. ווען עס איז געקומען דער קריעג און ער האָט באשלאָסען צו פארלאָזען רוסלאנד איז ער מיט דער הילף פון פּירשט אָבאָלענסקי, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע פארעהרער, אוועק קיין פינלאנד און פון דאָרטען קיין שוועדען און דענעמארק און די אנדערע סקאנדינאווישע לענדער. אין קאָפּענהאגען און אנדערע שטעדט האָבען זיך צו יענער צייט געפונען טויזענדער רוסישע אידען וואָס האָבען געמוזט אנטלויפען פון רוסלאנד, צווישען זיי א גרויסער צאָהל

פון דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ. ווען יאסינאָווסקי איז אהין אָנגעקומען האָט ער אָנגעהויבען אויפטרעטען אויף קאָנצערטען און געמאכט א געוואלדיגען פוראָר. די גרעסטע סקאנדינאווישע צייטונגען האָבען זיך אָבגערופען וועגען איהם מיט באגייסטערונג און יעדער אויפטריט זיינער איז באגעגנט געוואָרען מיט אונגעוועהנליכען בייפאל סיי ביי דער קריטיק און סיי ביים פובליקום. אין דענעמארק האָט יאסינאָווסקי זיך באקאנט מיט דעם באקאנטען יהושע מארק א ברודער פון יעקב מארק פון ליבוי און אויף זיין ראטה איז ער אָבגעפאָהרען טאקע מיט מר. מארק צוזאמען קיין אמעריקא. עס האָט ניט גענומען לאנג און אויך אין אמעריקא איז דער גרויסער מוזיקאלישער טאלאנט פון פנחס יאסינאָווסקי אָפּגעשעצט געוואָרען. ער איז אויפגענומען געוואָרען אלס חזן אין איינעם פון די רייכסטע טעמפלען אין סט. לואיס און יעדעס מאָל וואָס ער האָט געדאווענט פלעגען קומען מוזיקאלישע קריטיקער פון די גרעסטע ענגלישע צייטונגען און שרייבען וועגען זיין דאווגען ווי וועגען די קאָנצערטען פון די גרעסטע קינסטלער. פון סט. לואיס האָבען איהם די באריהמטע אידישע כלל־טוער און פילאנטראָפּען די ברידער טראוויס ארונטערגעבראכט קיין טולזא וואו זיי האָבען איהם געהאלטען מיט דעם גרעסטען כבוד און ארומגערינגעלט מיט אמת'ער עשירות. פון טולזא איז יאסינאָווסקי אָנגעקומען אלס חזן אין דעם באריהמטען, רייכען צענטע פון 86 סט. וואו די אָנגעזעהענסטע אידען פון ניויאָרק זיינען צווישען די פיהרער און בעלי בתים. דער 86 סט. סענטער האלט יאסינאָווסקי'ן מיט גרויס כבוד און ער איז דער ליעבלינג אי פון די בעלי בתים אי פון די פיעלע געסט וואָס קומען איהם הערען פון אלע טהיילען פון ניויאָרק.

פנחס יאסינאָווסקי האָט זיך אָבער ניט באגרענעצט בלויז מיט זיין ערפאָלג און קאריערע אלס חזן. ער האָט פאר דער צייט פיעל געשאפען און זיינע קאָמפּאָזיציעס וואָס ער האָט פארעפענטליכט זיינען באריהמט און באליעבט ביי יעדען ליעבהאָבער פון אמת'ער אידישער מוזיק. ער האָט אויך א רייהע פון וויכטיגע מוזיקאלישע שאפונגען וועלכע וועלען אין גיכען פארעפענטליכט ווערען. ער איז אויך אויפגעטראָטען אלס זינגער־סאָליסט אויף פיעלע קאָנצערטען און אומעדום ארויסגערופען דעם גרעסטען בייפאל. זיינע קאָמפּאָזיציעס פארנעמען אויך א חשוב'ען פלאטץ אויף די פּראָגראמען פון באריהמטע זינגער.

פנחס יאסינאָווסקי האָט אויך גרויסע פארדיענסטען אלס איינער וואָס האָט געהאָלפען ברענגען דעם „חזנים־פארבאנד" צו זיין איצטיגען הויכען מצב. יאסינאָווסקי וועלכער איז ערשטער וויס־פּרעזידענט פון פארבאנד האָט געהאָלפען פיעל אין דער איינבארופונג פון דער קאָנפערענץ אין אסטאר האָטעל און פון דער חזנים־קאָנווענשאן וועלכע האָבען ביידע געשפּיעלט א היסטאָרישע ראָלע אין דער אנטוויקלונג פון חזנים־פארבאנד.

חזן שואל יאָסעלאָוויטץ

ווען א חזן קען זאָגען אז ער איז א תלמיד פונ'ם גרויסען מוזיקאלישען חזן ראזאווסקי, איז דאָס שוין אליין א גענוגענדע הסכמה אז ער איז א מוזיקאלישער פאכמאן, ווען דער זעלבער קען אָבער זיך ריהמען דערמיט וואָס ער איז דורכגעגאנגען די ריגא'ער מוזיק שוהלע און איז דאצו אן אויסגעצייכענטער פּיאניסט, דאן ווייסען מיר שוין אז ער איז ניט נור א מוזיקאלישער חזן, נור בכלל א גוטער מוזיקער.

חזן שואל יאָסעלעוויץ איז געבוירען געוואָרען אין דווינסק און זיינע פרומע עלטערן האָבען איהם געשיקט אין חדר לערנען תורה. צו 9 יאָהר אָבער האָבען זיי ארויסגעצויגען קיין ריגא, און אזוי ווי ביי זייער איינגעלע האָט זיך געוויזען א שעהנע שטימע האָבען זיי איהם געשיקט צו חזן ראָזאָווסקי.

אין דער צייט וואָס ער האָט געזונגען אין שוהל האָט ער אָבער ניט אויפגעהערט ווייטער צו לערנען אידישע למודים — און איז אויך נאכהער אריינגעטראָטען אין דער ריגא'ער מוזיק שוהלע, וואו ער האָט געלערענט חכמת המוזיק אין אלע איהרע צווייגען און איז געוואָרען אן אויסגעצייכענטער פּיאניסט.

אין אמעריקא איז ער געקומען נאָך אלס א יונגערמאן פון 21 יאָהר. אין די 15 יאָהר וואָס ער געפינט זיך אין אמעריקא האָט ער אָבער באטראָטען פילע וויכטיגע שטעלען, צווישען זיי די „עלדרידזש סטריט שוהל" קהל עדת ישורון; 35־טע סטריט שוהל; קריסטאָפאָר עוועניו שוהל, בראָנזוויל און אנדערע. איבעראל האָט חזן יאָסעלאָוויטש געקראָגען אָנערקענונג פאר זיינע מוזיקאלישע קענטניסע.

חזן יאָסעלאָוויטץ גיט זיך אויך אָב מיט אונטערריכטען מוזיק און איז א באדייטענדער פּיאנא לעהרער.

חזן יעקב יאקובאָוויטש

צווישען די יונגע חזנים וואס זיינען שנעל ארויף אויפ׳ן לייטער פון פּאָפּולאריטעט דארף מען ארייננרעכענען חזן יעקב יאקובאָוויטש, וועלכער איז סך הכל 26 יאָהר אלט, אָבער ער פארנעהמט שוין איינע פון די וויכטיגע פּאָזיציעס אין היגען חזנ׳ישען לעבען.

חזן יאקובאָוויטש׳עס פּאָפּולאריטעט קען מען צושרייבען צו שטימע. דער איטאליענער זאָגט: „שטימע איז 90 פּראָצענט פון א זינגער׳ס ערפאָלג“ און יאקובאָוויטש פארמאָגט איינע פון די קאָלאָסאלסטע טענאָר שטימען, וואס מען געפינט ביים עמוד...

און מערקווירדיג איז וואס חזן יאקובאָוויטש האָט ניט פון קינדוויין אָן געזונגען ביי חזנים. זיין מוזיקאלישע קאריערע האט זיך אָנגעפאנגען שפּעט אין זיין לעבען, און זיינע עלטערן האָבען גאָר גערעכענט פון איהם צו מאכען א רב.

די ביאָגראפיע פון חזן יאקובאָוויטש לעזט זיך ווי פאָלגט:

ער איז געבוירען געוואָרען מיט 26 יאָהר צוריק אין נאָד שאָמקאָט, טראנסילוואניא. זיין פאטער ר׳ אהרן אלימלך ע״ה איז געווען א רב, א באריהמטער גדול בתורה און דערצו א מקובל. ער האָט זיין זוהן אוועקגעשיקט אין דער ישיבה צו לערנען, און האָט שטודירט אין דער פּרעזשבורגער ישיבה וואו ער האָט באקומען סמיכת התרה.

זייענדיג א חסידישער יונגערמאן און זינגענדיג זמירות ביי דעם רב׳ס טיש, האָבען איינינגע באמערקט אז דער יונגער יעקב האָט אן אויסערגעוועהנליכע טענאָר שטימע און מ׳האָט איהם געראטהען זיך צו זעהן מיט א פּראָפעסאָר. מ׳האָט איהם באלד אויפגענומען אין דער קאָנסערוואטאָריום, און אזוי ווי דאוונען האָט ער געקענט איז ער אין מיטען שטודירען אויפגענומען געוואָרען אלס קאנטאר אין אָפען, בודאפּעסט וואו ער איז געשטאנען דריי יאָהר צייט.

דורך דער צייט האָט ער זיך א גרויסען נאָמען געשאפען, און האָט אָבער ווייטער פאָרטגעזעצט זיין שטודיום און האָט זיך פאָרבערייטעט מיט א רייכען רעפּערטואר פון קלאסישע לידער און אָפּעראס. ער האָט געמאכט א קאָנצערט טור וואָס האָט ארייגענומען די שטעדט וויען, ציריך, בערן, באזעל, גאנץ פראנקרייך, בעלגיען, און איז דאן אָנגעקומען אין אמעריקא.

מיט א בליץ שנעלקייט האָט זיך דאָ פארשפּרייט דער קלאנג אז איינער פון די יונגע וואונדער חזנים מיט א קאָלאָסאלע טענאָר שטימע איז אָנגעקומען און די סאוטה 5־טע סט. שוהל, וועלכע האָט זיך גענויטיגט אין א חזן האָט איהם באלד אויפגענומען מיט א שעהנער סאלערי. זיין קאָלאָסאלע שטימע האָט דאָ געמאכט א רושם.

נאָך איידער ער האָט באוויזען אָבצוזיין עטליכע וואָכען האָט איהם א מענעדזשער פון פּיטסבורג איהם צוגענומען פון דער שוהל קיין פּיטסבורג וואו ער האָט באקומען א קאָנטראקט מיט א פיעל גרעסערען געהאלט. עס פארשטעהט זיך אז די סאוטה 5־טע סטריט שוהל האָט ניט גערוהט און א קאָמיטע איז געפאָהרען אהין און איהם געבראכט אהערצו.

דערווייל אָבער האָט דער חזן געהאט אן אינדזשאָנקשאן אויף זיך און ער האָט אין ערגעץ ניט געטאָרט זינגען. ער איז באפרייט געוואָרען פון זיין מענעדזשמענט ערשט מיט א קורצע צייט צוריק, און עס איז קיין צווייפעל ניט אז חזן יאקובאָוויטש וועט דאָ באלד געהערט ווערען אין זיין קאָנצערט פּראָגראם, אין וועלכע, ווי מ׳זאָגט, אז ער איז פונקט אזוי געראָטען ווי אין זיינע תפלות ביים עמוד.

חזן יאקובאָוויטש באטרעט א וויכטיגען פּאָסטען, און עס איז קיין צווייפעל ניט אז ער האָט א גלענצענדע צוקונפט פאר זיך דאָ אין אמעריקא.

חזן מאיר יפה

חזן מאיר יפה איז געבוירען אין וואסילקאָוו, קיעווער גובערניע, ביי עכט אָרטאָדאָקסישע עלטערען, אויך פּאַרכיעגליכע, וועלכע האָבען זייערע קינדער אַן עכטע אידישע ערציהונג געגעבען. ווען ער איז אַלט געוואָרען 9 יאָהר האָט זיך ארויסגעצייגט ביי איהם א וואונדער אלט שטימע און האָט זעהר ליעב געהאט דעם חזנ'ס געזאנג, האָט ער גלייך אָנגעהויבען זינגען ביים שטאָדט חזן און ער איז געוואָרען דער ליבלינג פון אלע זינגערס. מיט 2 יאָהר שפּעטער האָט איהם שוין אָפּגערעדט אַן אנדער חזן א. ז. וו. ווען ער איז אלט געוואָרען 13 יאָהר דעם שבת צו זיין בר מצוה האָט ער שוין אליין געדאווענט אין דער גרויסער שוהל און אלע אידען האָבען איהם באוואונדערט. צו דער זעלבער צייט האָבען די עלטערען געהאלטען א מלמד אין הויז מיט וועלכען ער האָט געלערנט אידיש. ער האָט אויך געלערנט אין גימנאַזיום.

צו 16 יאָהר האָט זיך ביי איהם געביטען זיין שטימע און השי"ת האָט איהם בעגנאָדעט מיט א וואונדער טענאָר שטימע, דאן האָט זיך אָנגעפאנגען זיין מוזיקאלישע קאַריערע.

עס איז געקומען דער גרויסער חזן, מנגן גדול ר' משה קארעצקי פון קיעוו און האָט גענומען צו זיך דעם יונגען זינגער מיט דער וואונדער טענאָר שטימע און האָט איהם געלערנט חזנות. צו 17 יאָהר איז חזן מאיר יפה אויפגענומען געוואָרען אין קיעווער קייזערליכער קאָנסערוואטאָריום, האָט געלערנט ביי פּראָפעסאָר עווערארדי. דער פּראָפעסאָר איז געשטאָרבען, האָט ער געשטודירט ביי פּראָפעסאָר פאַנמאטים, דאן ביי פּראָפעסאָר פעטצא. צו 20 יאָהר איז חזן מאיר יפה ארוים פון קיעווער קאָנסערוואטאָריום אויף וועלכען ער האָט א צייגנים פון 15־טען דזשענואר 1899 נומ. 94. דאן האָט ער געלערנט די קונסט שעהן צו זינגען ביי דעם בעריהמטען אָפּערא קונסט זינגער מעדוועדיעוו. די גאנצע צייט האָט ער אויך געזונגען אין דער קיעווער בראָצקעם שוהל וואו דער גדול פון חזנים ר' משה קארעצקע איז געווען חזן. דאן איז חזן מאיר יפה געפאָהרען נאָך וויען שטודירען. האָט געלערנט ביי פּראָפעסאָר גענדזבאכער, דאן ביי פּראָפעסאָר האביק צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך געענדיגט די קאנטאר שוהלע פון וויען מיט א אויסצייכענונג אויף וועלכען ער האָט א צייגנים פון וויענער קאנטארען בילדונג אנשטאלט פון דעם 8־טען מארטש 1905, נומ. 148. אין דעם זעלבען יאָהר איז חזן מאיר יפה אויפגענומען געוואָרען אין וויען אין א גרויסער שוהל אלס חזן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט זיין דאָרט, איז ער געפאָהרען צוריק נאָך קיעוו, וואו מען האָט איהם מיט פארגעניגען אויפגענומען אין דער בראָדסקער שוהל, וואו ער האָט פארטראָטען ר' משה קארעצקע'ס פּלאץ, ער האָט צייגנים פון בראָדסקי'ס שוהל און באשטעטיגט פון רב דאָקטאָר אברהם גורעוויטש פון 18־טען אווגוסט 1913.

אויסער אין חזנות איז ער אויך א גוטער מענטש מיט א גוטען איידעלען כאראקטער, פיהרט זיך אימער אויף דעם שעהנסטען ארט, ווי עס פּאסט פאר א קאנטאר, היט אָפּ זיין פאך, פיהרט זעהר א פיינעם ליעבליכען פאמיליען לעבען.

צוזאמען מיט זיין ליעבע פאמיליע איז חזן מאיר יפה געקומען אין אונזער גאָלדענעם לאנד אמעריקא מיט 10 יאָהר צוריק.

צופעליג איז געוועןא מאן פון באפאלא וועלכער האָט געוואוסט פון איהם און ער האָט גלייך געמאָלדען אין זיין שוהל, האָט מען איהם איינגעלאדען אין באפפאלאָ צו דאווענען א שבת און מען האָט איהם שוין ניט אָפּגעלאָזט, ער איז דאָרט געווען אין דער גרעסטער שוהל 6 יאָהר באליעבט פון די גאנצע שטאָדט. דאן האָבען איהם גוטע פריינד איינגעלאדען נאָך דיטראָיט. ווען ער האָט דאָרט געדאווענט א שבת, כדי צו נעהמען די שטעלע, ער האָט אָבער דאָרט ניט געוואָלט זיין מעהר ווי צוויי יאָהר. יעצט איז חזן מאיר יפה שוין צוויי יאָהר אין ניויאָרק אין 777 איסט 178־טע סט. בראנקס אין דער פיינסטער זעלטענער אָנשטענדיגער קאָנגרעגיישאָן סאָנס אָוו איזראעל, וואו ער האָט זיך פילע פארהערער פאַרשאפען מיט זיין זיסען דאווענען און פּראכטפולער שטימע און גוטע אויפפיהרונג איז ער ביי אלעמען באליעבט און מען שטאָלצירט מיט איהם.

חזן נתן נטע כאַווקין

„דער איינציגער פּארטרעטער פון ראזומני", „דער מאהלער פון וואָרט", „דער פּאָעט פון טאָן", אָט דאָס זיינען איינינע טיטלען פון וועלכע די חזנ'אישע וועלט פון רוסלאנד האָט באטיטעלט חזן נתן נטע כאווקין, וועלכער

איז אין די לעצטע 10 יאָהר צייט געווען חזן אין קיעוו, יעון וועלכער האָט אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז אין אַמעריקא זיך א שעהנעם נאָמען געשאפען אין דער וועלט פון מנגנים.

חזן נתן נטע כאווקין איז געבאָרען געוואָרען אין א קליין שטעדטעל אין מאָהליווער גובערניע, ביי חסידישע עלטערען, ביי וועמען געזאַנג איז געווען „טריף־פּסול". ער האָט אפילו יאָ געזונגען ביי איינינע בעלי תפלות, אָבער קיין סך פון זיי האָט מען ניט געקענט לערנען, אויסער נוסח התפלה און ערנסטע התלהבות'דיגע תפלה.

די חזנ'אישע קאריערע פון חזן כאווקין דארף מען רעריבער אָנפאנגען פון אָדעס, ווען ער איז דאָרט אריבערגעקומען אין דער צייט, וואָס ער האָט פארלאָרען די שטימע. ער האָט געלערנט מוזיק ביי דעם גרויסען אידיישען קאָמפּאָזיטאָר מתתיהו בענסאָן, וועלכער איז דאָ אין אמעריקא געשטאָרבען אזוי עלענד.

די ערשטע חזנות שטעלע פון חזן כאווקין איז געווען אין דער פּריוואזנער שוהל. נאָך 2 יאָהר איז ער אַנגעקומען אויף ראזומנע'ס אָרט אין דער שאלאשנער שוהל. דער אָדעסער פּאָגראָם אין 1905 האָט אָבער פאראורזאכט, אַז כאווקין זאָל פארלאָזען אדעס און א פּראָווינץ שטעדטעל. איינינע מאָנאטען שפּעטער איז חזן כאווקין ווידער אָנגעקומען אויף ראזומנעס שטעלע, אָבער ניט אין אָדעס נאָר אין קעשענעוו, אין דער כאָראלנער שוהל.

דאָ, אויף דיעזער שטעלע, דערצעהלט חזן כאווקין, האָבענדיג א וואונדערבארען כאָר פון 35 זינגער, און א שיהל וואו מ'האָט ליעב געהאט קלאסיש געזאנג — האָט ער דורכגעפירט די שעהנסטע קלאסישע פּראָגראמען פון נגינה. זיין דיריגענט מר. גרינבערג איז געווען נאוואקאָווסקי'ס א תלמיד און מ'האָט געזונגען נאָר די סאמע שעהנסטע, רייכסטע, העכסט מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציאָנען. מ'קען זאָגען, אַז דאָס איז געווען די ערשטע שוהל אין רוסלאנד, אויסער די בראָדער שוהל געוועהנליך, וואו נאוואקאָווסקי איז אזוי אָפט געזונגען געוואָרען.

אין די לעצטע 10 יאָהר איז חזן כאווקין געווען אין קיעוו, וואו ער האָט זיך דעם גרעסטען נאָמען פאר זיך געשאפען אלס א גרויסער מנגן און וואונדעדבארער מתפלל. ער איז געקומען לעצטען זומער אין אמעריקא און זיין ערשטער ימים נוראים איז געווען אין סעינט לואיס, מיזורי, וואו ער האָט גרויס ערפאָלג געמאכט.

חזן אברהם לייבאָוויטש

איינער וואָס קאָן דערצעהלען גענוי די גאונות פון דעם באריהמטען קראָקאָו'ער חזן ר' לייזערקע גאָלדבערג, איז דער יונגער חזן אברהם לייבאָוויטץ, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין קראָקאָ און איז געווען א משורר ביי דעם באריהמטען חזן.

זייענדיג באגאבט מיט א וואונדערבארע שטימע איז דער קליינער אברהם'ל ארומגעפאָהרען דאווענען אין אלע שטעדט.

ער איז געקומען קיין אמעריקא און דאָ האָט ער צוזאמען מיט נאָך דריי חזנים געגרינדעט דעם באריהמטען קווארטעט פון 4 חזנים־לאך וואָס פלעגען ארומפאָהרען איבער אמעריקא דאווענען.

חזן לייבאָוויטץ באזיצט א שעהנע לירישע טענאָר שטימע, איז א שעהנער מנגן, און אויך יעצט פאָהרט ער ארום דאווענען שבתים און געבען קאָנצערטען. דערפאר האלט ער ניט קיין יעהרליכע שטעלע. ימים נוראים נעהמט ער א פּאָסטען און א גאנץ יאָהר איז ער פריי.

צווישען די געמיינדען ביי וועמען ער איז געשטאנען לעצטענס קען מען ארייננרעכענען די סלוצקער שוהל, און די שוהל אין לאָנג אײלענד סיטי, וואו זיינע ימים נוראים'דיגע תפלות האָבען שטארק אויסגענומען.

חזן לייבאָוויטץ איז סך הכל 33 יאָהר אלט, און זיין קאריערע האלט זיך נאָך אין ענטוויקלען.

חזן אהרן ליפּיץ

חזן אהרן ליפּיץ איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1891 אין דער שטעדטעל סמילע, קיעווער גובערניע. די שטעדטעל סמילע, כאָטש קליין, דאָך האָט זי זיך ערוואָרבען א נאָמען אלס א מקום חזנות. צווישען די חזנים וואָס זי האָט ארויסגעגעבען געפינען זיך אזעלכע גדולי החזנות ווי דער גרויסער מנגן ראזומנע ע"ה, חזן וולאדאווסקי, חזן גאנאפּאָלסקי, חזן לואיס ליפּיץ, א ברודער פון אהרן ליפּיץ און אנדערע.

חזן ליפּיץ שטאמט פון א חזנ'ישע פאמיליע. זיין זיידע'ן האָט מען גערופען „דער ליטווישער חזן", ווייל ער איז געווען חזן אין דער ליטווישער שוהל אן ערך 50 יאָהר. ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער ליטווישער חזן האָט קיין נאָטען ניט געקענט דאָך האָבען זיך די סמילער אידען געקוויקט מיט זיין זיסע נגינה און הארציגע תפלות, איבערהויפּט ווען ער פלעגט צוזאמענשטעלען זיינע משוררים אויף ימים נוראים און מיט זיי איינזינגען די סקארבאָווע ימי"נ נגונים. דער קליינער אהר'לע פלעגט זיצען אין א ווינקעל און נאָכזינגען אויף זיין דין שטימעלע אלע „זאכען" וואָס די משוררים האָבען געזונגען. צו 7 יאָהר איז שוין אהר'לע געווען ביים זיידען איינער פון די וויכטיגסטע העלפער, און דער זיידע האָט נביאות געזאָגט אז ער וועט אויסוואקסען א „צאצקע" — דאָס הייסט א באריהמטער חזן.

זיין ערשטע מוזיקאלישע ערציהונג האָט ער געקראָגען טאקע אין סמילע ווען דער באריהמטער חזן משה גאנאפּאלסקי (מאָזעס גן, יעצט קאנטאר אין אמעריקא) איז געווען חזן אין דער סמילער גרויסער שוהל. אָפּזינגענדיג א צייט אין גאנאפּאלסקי'ס כאָר איז דער קליינער אהרל'ע געוואָרען א פאָלשטענדיגער זינגער. ער האָט נאכהער געזונגען ביי דעם וועלט באריהמטען חזן „משה בער" פון יעקאטערינאָסלאוו וועלכער איז געוועזען א גרויסער „מתפלל" און פון איהם האָט ער זעהר פיעל גענאשט. פיעלע אידען וואָס האָבען געהערט משה בער'ן זאָגען אז ווען ליפּיץ דאווענט שטעהט זיין משה בער פאר די אויגען.

ער איז געקומען קיין אמעריקא ווען ער איז אלט געווען 17 יאָהר. זיין ברודער חזן לואיס ליפּיץ וועלכער איז 4 יאָהר עלטער פון איהם איז שוין דאן געווען אין ניו־יאָרק. ווען זיין ברודער האָט איהם געהערט זינגען און דערהערט זיין צווייטע שטימע, וועלכע איז געווען א שעהנע טענאָר שטימע, האָט ער איהם פּראָפּעצייהעט א גרויסע צוקונפט אלס חזן. דער ברודער איז אויך א גרויסער מנגן און פאכמאן אָנערקענט צווישען די חזנים אין ניו־יאָרק אלס אן אויטהאָריטעט. ער האָט איהם געראטהען א פּאָר יאָהר זיך אָבצורוהען, לערנען שטים בילדונג, און אנדערע למודים, אזוי אז ער זאָל ווירקליך קענען ראוי' זיין צו שטעהן ביים עמוד.

אהרון ליפּי'ן האָט זיין ברודער געפאָלגט און געלערנט. ער האָט שווער געקעמפּט מיט די עקאָנאָמישע אומשטענדען. ער האָט אייניגעס געטהאָן ביז ער האָט זיין ציעל עררייכט. צו 19 יאָהר איז ר' אהרן ליפּיץ געוואָרען חזן. זיין ערשטער ימים נוראים איז געווען בעטהאָווען האָלל. ער האָט געמאכט א גרויסען רושם מיט זיין גרויסע טענאָר שטימע, מיט זיין זיסע תפלה, מיט זיין וואונדערבארען קאלאראטור. דאן האָט ער אָנגענומען א שטעלע אין האָבאקען ניו דזשוירזי וואו ער איז געווען 3 יאָהר. אין דזשוירזי סיטי איז ער געווען חזן דאָרט וואו הרב אידעלסאָן איז געווען רב. דאן האָט איהם באָסטאָן ארויסגערופען. און דאָ פאנגט זיך אָן זיין גרויסע חזנ'אישע קאריערע. ער איז איינמאל געקומען צו גאסט צו זיינע עלטערען אין ניו־יאָרק און מ'האָט איהם איינגעלאדען אין דער גרויסער רומענישער שוהל. וואָס איז אלעמאָל געוועזען אן אָרט פון גרויסע חזנים, און ער האָט געשטורעמט מיט זיין דאווענען. זיי האָבען געהאט די גרעסטע חזנים, אָבער אז א יונגערמאן זאָל זיין אזא פאכמאן אין תפלה דאָס האָבען זיי ניט ערווארטעט.

חזן ליפּיץ איז געפאָהרען צוריק קיין באָסטאָן אָבער פיער וואָכען שפּעטער איז געקומען א קאָמיטע קיין באָסטאָן און פשוט מיט געוואלד איהם פון באָסטאָן ארויסגענומען. חזן ליפּיץ האָט דאָ זיך געמאכט א נאָמען אלס איינער פון די גרויסע „מתפללים".

יעצט איז חזן ר' אהרן ליפּיץ חזן אין דער גרויסער „עץ חיים" אידען סטריט שוהל אין באלטימאָר, וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד.

חזן ליפּיץ איז נאָך גאָר א יונגערמאן סך הכל 32 יאָהר אלט, און זיין נאָמען אלס איינער פון די בעסטע „זאָגער" ביים עמוד וואקסט פון יאָהר צו יאָהר.

חזן ר׳ אלתר לעווין

מיט 38 יאָהר צוריק איז צו ר׳ מאיר ליב דער מלמד איז קארלין (פינסק), געבוירען געוואָרען א זון, ווען ער האָט מכנים בבריתו של אברהם אבינו געווען מיט׳ן נאָמען „אלתר“, און דער אלהר איז יעצט דער באוואוסטער מתפלל ר׳ אלתר לעווין, וועלכער פארנעהמט א פּראָמינענטען אָרט צווישען די ניו יאָרקער חזנים און איז באוואוסט אלס איינער פון די „זאָגער“.

די מוזיקאלישע קאריערע פון חזן אלתר לעווין פאנגט זיך אָן מיט 30 יאָהר צוריק, ווען ער האָט אָנגעפאנגען זינגען ביי חזן ר׳ ברוך הירש אין פּינסק, דער פּאָטער פונ׳ם גאונ׳אישען אידישען קאָמפּאָזיטאָר זאוועל זילבערטס, וועלכער איז געווען דאן באריהמט אלס איינער פון רוסלאנד׳ס גרויסע חזנים שפּעטער האָט דער קליינער אלתר׳ל נעזונגען ביי דעם באוואוסטען חזן יואל זעליג פּיינזינגער, און שוין דאן האָט ער אָנגעפאנגען אליין צו דאווגען.

צו 17 יאָהר האָט ער באקומען א וואונדערבארע טענאָר שטימע און האָט שוין דאן גע׳שם׳ט אין רוסלאנד אלס ווארעמער מתפלל. ווען ער איז געוואָרען 21 יאָהר, איז ער געקומען קיין אמעריקא, און די אידישע איסט סייד, וועלכע איז דאן געווען דער צענטער פון חזנות האָט גע׳רעש׳ט זיך מיט דעם בחור מיט דער גרויסער טענאָר שטימע, וואָס ־אוועגט אזוי פייער־פלאַם׳איג, וועלכער קעהרט וועלטען, אין וועמעס ליפּען עס ברענען די ווערטער. ער איז געווען חזן אין דער „תפארת ישראל“ שוהל. און די איינציגע עולה געגען איהם איז געווען, וואָס ער איז נאָך א בחור. האָט ער טאַקע באלד חתונה געהאט, איז געווען חזן אויף דער שטעלע 2 יאָהר; די קלינטאָן סטריט שוהל האָט איהם דאן צוגענומען, און פון דאָרט האָט די גרויסע רומענישע שוהל אויף ריווינגטאָן סטריט, וועלכע איז אין יענער צייט געווען די „קרוין שטעלע“ אויף דער איסט סייד, איהם צוגענומען דריי יאָהר איז ער דאָ געשטאנען, דאן נעהמט איהם צו דער בית המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט. די רוסישע שוהל אין ניוארק האָט איהם געהאלטען 4 יאָהר צייט, דאן געהט ער אין סטאון עווענױ ת״ת שוהל און איבעראל האָט ער זיך ערוואָרבען א סך פארעהרער און חסידים.

חזן אלתר לעווין באזיצט יענע סאָרט חזנות, וואָס מ׳קען ניט לערנען. ער איז אן אימפּראָוויזירער ביים עמוד. ער האָט זיך א פארטיגע פאָרמע די נוסח התפלה. און דאָס איבריגע געווענדט זיך לויט דער אטמאָספערע, לויט די באגייסטערונג, לויט ווי ער פיהלט. ער איז אָבער אימער ווארעם, און זאָגט מיט א ברען וואָס מוז אָנצינדען דעם פייער אין די הערצער פון די צוהערער. ער איז ניט קיין געשטעלטער זאָגער — ער איז אן איינענארטיגער און אן אייגען געשאפענער קינסטלער, און דער עולם וואָס הערט איהם ווערט קיינמאָל ניט מיעד, ווייל ער זאָגט ניט קיין געשטעלטס. דאצו פארמאָגט ער זעהר אן אפּעלירענדע טענאָר שטימע, א ווייכע, בויגיגע קאלאראטור, באהאנדעלט חזנ׳אישע סאָלאָס מיט גרויס פאכמאנשאפט.

חזן משה לעווינסאָן

דער מינסקער באריהמטער חזן משה לעווינסאָהן, וועלכער איז ערשט איין יאָהר אין אמעריקא, איז באוואוסט פון אייראָפּא אלס גרויסער פילפאביגער חזן און מוזיקער, האָט זיין אינטערעסאנטע ביאָגראפיע.

ער איז געבוירען אין ברעזינא, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער שטאמט פון א מינסקער אָנגעזעהענער פאמיליע וואָס האָט זיך גערופען: „בער עדן'ס" א פארוואלטער פון אן אפטייק געשעפט. זיין מוטער איז געווען אן אוראייניקעל פון דעם גאון ר' חיים וואָלאָזשינער און איהר גרויסמוטער'ס ברודער איז געווען הגאון המקובל ר' אברהם שמחה האמציסלאָווער.

אלס קינד האָט חזן לעווינסאָן געלערנט פיעל תלמוד אין דער באוואוסטער ברעזינער ישיבה צוזאמען מיט זיינע חברים ה"ר חיים לערנער, א גביר און אן אָנגעזעהענער כלל טוער אין ראטשעסטער, נ. י. און ר' מיכל תאומים, וועלכער איז יעצט רב אין ברעזין.

קומענדיג אלס קינד צו זיין זיידען צו גאסט אויף פסח אין מינסק האָט איהם דער מינסקער באוואוסטער חזן ר' ישראל שאוועלדזאָהן דערהערט און איז ענטציקט געוואָרען פון זיין שטימע מיט זיינע מוזיקאלישע פעהיגקייטען. האָט זיין זיידע איינגעוויליגט ער זאָל ביי איהם זינגען פסח. פיעלע מינסקער קענען נאָך ניט פארגעסען דעם „מן המצר", וואס ר' ישראל האָט פאר איהם געשאפען אין דעם דאוונען וואס ער האָט דאן מיט זיין כאָר איינגעשטודירט.

ר' ישראל שאוועלזאָהן האָט מיט איהם געלערנט נאָטען, אויך ר' אליקום צענזור, וועלכער איז זיינער א נאָהענטער פריינד געווען.

ער איז אין מינסק פארבליבען איניגע יאָהר. זייענדיג באגאבט מיט גוטע פעהיגקייטען האָט ער זיך צוגעגרייט און האָט געהאלטען עקזאמען אלס עקסטערנער פאר דעם גימנאזיום קורס, געלערנט אייראָפעאישע שפראכען ניט פארלאָזענדיג די העברעאישע שפראך אין וועלכער ער צייכענט זיך אויס אויך יעצט.

טרוימענדיג אלץ פון א מוזיקאלישער קאריערע, איז ער אָנגעקומען אין פעטראָגראדער קאָנסערוואטאָריום נאָך דעם ווי ער האָט אין אדעס געלערנט ביים באריהמטען פראָפעסאָר אנסאָן ניקאָלאיעוו שטימע בילדונג, אָפּערא רעפערטואַר און גלייכצייטיג געשטודירט די „אדעסער חזנות". א קורצע צייט האָט ער אויך געלערנט שטים־בילדונג ביי פּראָפעסאָר וואַראַרדי אין קיעוו.

חזן לעווינסאָהן'ס ערשטער פאָסטען איז געווען אין אדעס אין „העקערשער שוהל" גלייך נאָך ראזומני'ן, פון וואַנען ער איז אריבער אין ווארשעווער נייע אויסגעבילדעטע „נאזשיק'ס שוהל", וואו ער איז געווען 4 יאָהר און פון וועלכער ער איז איינגעלאדען געווען צו פארנעהמען דעם ווירדיגען פאָסטען אין מינסקער כאָהר־שוהל, די שוהל וועלכע קען פאררעכענט ווערען אלס איינע פון די שעהנסטע שוהלען אין דער וועלט, פון וועלכער עס האָבען גענומען בילדער די דייטשען, די ענגלענדער ביי דער פוילישער אקופאציע, אויך די „אמעריקאנער מיסיע".

חזן לעווינסאָהן האָט זיין פאָסטען אין מינסק פארטראָטען 16 יאָהר.

ביי דער גרינדונג פון דער רעגירונגס קאָנסערוואטאָריום אין ווייס־רוסלאנד אין יאָהר 1912 איז חזן לעווינסאָהן אָנגעשטעלט געוואָרען אלס פּראָפעסאָר פון שטימע בילדונג, אָפּערא־געזאנג, אויך טעאָריע און הארמאָניע, אין וועלכער ער האָט געארבייט ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין אבּרייזען. ער איז פיעל מאָל ארויסגעטראָטען אלס סאָליסט אין היסטאָרישע קאָנצערטען פון הענדל, באך, בעטהאָווען, טשאיקאָווסקי און אנדערע אין קייזערליכען טעאטער, באזיצענדיג א געשולטע, קרעפטיג־מעטאלישע טענאָר שטימע זיצענדיג זעהר א רייכען פארב און טעמבער.

די ווילנער צייטונג „אונזער פריינד" באמערקט דאָס „זיין פּראָפעסאָר אין דער פוילישער קאָנסערוואטאָריום קען פאררעכענט ווערען אלס אויסנאהמס־פאל פאר א אידען".

חזן לעווינסאָהן האָט מיט זיין שעהנעם אידישען דאווענען און מיט זיין וואונדערבארער טענאָר שטימע געפונען זיין אנערקענונג אין ניו יאָרק און פארטרעט יעצט די ווירדיגע שטעלע אלס יעהרליכער חזן אין דזשואיש סענטער „שערי ציון" בראָנקס, 178טע סטריט, און האָט געעפענט א געזאנגס־סטודיא פאר שטימע בילדונג, טעאָריע און האר־

מאָני אין וועלכע ער האָט זיך פיעל יאָהרען ספּעציאַליזירט און אין וועלכער יונגע טאַלאַנטען וועלען געפינען זייער ריכטיגען פּלאַ צו אויסבילדען זייערע שטימען און באַקומען א ריכטיגע מוזיקאַלישע בילדונג.

חזן לעווינסאָהן באזיצט א ליטעראַרישען כטיל אין פיעל שפּראכען, שרייבט ארטיקלען איבער מוזיק און חזנות. איינינע זאכען האָט ער איבערזעצט אין העברעאיש, צווישען זיי דעם טעקסט פון דער אראטאָריום „מאקאבעער" פון הענדעל. ער האָט פאַרפאַרטיגט א הארמאָניע צום דרוק אין דער רוסישער שפּראַך און ווען ער וועט דעם טעקסט אין אידיש און ענגליש איבערזעצען וועט זי גע־דרוקט ווערען דאָ אין אמעריקא. אויך א בוך פון קאָמפּאָזיציאָנען מיט פוס־הארמאָניע באַגלייטונג.

חזן לעווינסאָהן קען פאררעכענט ווערען צו די חזנים וואָס מיט זייער פיעלזייטיגען טאַלאַנט און אלגעמיינע בילדונג באַציערט דעם חזנים־פאך און דאָס יודענטום.

חזן ר' משה'לע לעוו

(אויטאָביאָגראַפיע)

געבוירען געוואָרען אין נאַווא אוקראַינקא, חערסאָנער גובערניע, ביי שטרענג אָרטאָדאָקסישע עלטערען. מיין פּאָטער ר' יעקב שלום ליעוו זצ"ל איז געווען א איד א בן תורה, האָט איינינע פרעמדע שפּראכען געקענט, איז געווען אַן עסקן ציבורי און איז געווען וואָס מ'פלעגט אין יענער צייט אָנרופען פון שעהנע רייכע בעלי בתים. זיין מוטער פלעגט מען רופען רחל'ע די פרומע, און איז טאקי געווען א צדקניות. זי האָט געשטאַמט פון דער באוואוסטער פּאַמיליע ר' יעקב יוסף האלפּערין, „תבואות שור'ס" אייניקלאך, די זעלבע משפחה ווי די בראָדסקי'ס פון קיעוו.

ווען מ'פלעגט ביי אונז פרייטאָג צונאכטס זינגען „שלום עליכם" און „זמירות" זיינען מענשען געשטאַנען אין דרויסען און זיך צוגעהערט. אַלע קינדער פלעגען העלפען דעם טאַטען און די מאַמע האָט אויך געהאט א שטימע און פלעגט מיטזינגען.

איך האָב געלערנט ביי גוטע מלמדים. איך האָב שוין געקענט א בלאַט גמרא נאָך ווען איך בין געווען א קליין אינגעל.

ניט ווייט פון אונזער שטאָדט איז געווען א באוואוסטער חזן, בן ציון, אָהן א שטימע, א גאַנץ יאָהר האָט ער געהאַנדעלט מיט וואַליוטע, אָבער אויף ימים נוראים פלעגט ער צוזאַמענגנעהמען משוררים און פלעגט זינגען און אזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט דורך אונזערע מחותנים אז ביי ר' שלום ליעוו איז דאָ א וואויל אינגעלע מיט א גרויסאַרטיגע שטימע איז ער געקומען און האָט מיר גענומען. איך בין סך הכל 9 יאָהר אַלט געווען און קליין געוואַקסיג, האָט מען מיר א טשערקעלע ביים עמוד אוועקגעשטעלט און דער עולם האָט פון מיינע סאָלאָס געקוואָלען. קיין געלד האָב איך ניט געקראָגען, נור א מתנה א זילבערנעם זייגער פאר גאַנצע 15 רוב. ער האָט קיין שטימע ניט געהאט דערפאר אָבער האָט ער געקענט נוסח התפלה, און זייענדיג ביי איהם 3 ימים נוראים'ס האָב איך ביי איהם פיעל געלערנט וואָס דאָס האָט זיך זעהר גוט אָבגערופען אויף מיין ווייטערע קאַריערע. נאכהער האָב איך אויפגעהערט זינגען און זיך גענומען לערנען פיעדעל, און האָב געמאכט גרויס פּאָרשריט, ביז עס האָט זיך באוויזען מיין לירייש דראַמאַטישער טענאָר. איך בין אוועק אין דער קייזערליכער קאָנסערוואטאָריע אין אָדעס און געלערנט ביי פּראָפעסאָר וואסילענקא, וועלכער האָט מיר באַטיטעלט „באַרכאַטני טענאָר". איך האָב גענעבען איינינע קאָנצערטען און געמאכט גרויס ערפּאָלג ביז מיין מוטער האָ ט זיך דערוואוסט און געשריען גוואַלד וואָס איך וויל ווערען אַן אָפּערא זינגער. איך האָב געמוזט איהר געבען א תקיעת כף אַז איך וועל עס קיינמאָהל ניט טהאָן. אויב יאָ זינגען,איז נור חזנות.

שפּעטער בין איך געוואָרען אַן איידעם ביי הגביר ר' פּסח קאָוואַלאָווסקי פון יעליזאוועטגראַד מיט וועמען מיר האָבען געפיהרט געשעפטען, אָבער מיין מוזיקאַלישער טאַלאַנט האָט געהאט די אויבערהאַנד, און ווען איך בין איינמאָל געקומען אין ניקאָלאַיעוו און מ'האָט מיר דאָרט געהערט זינגען האָט מען מיר צוגענומען אויף פּסח אין דער גרויסער שוהל. מ'האָט מיר באַלד אויפגענומען אויף א יאָהר און דערנאָך בין איך אָבגעוועזען דאָרט 10 יאָהר מיט גרויס כבוד. פון דאָרט האָט מען מיר ארויסגערופען קיין ראָסטאָוו־אַם־דאָן און אויך געווען איינינע יאָהר מיט גרויס כבוד. און פון דאָרט האָב איך גענומען דעם וועג קיין אמעריקא. איך בין דאָ געקומען צו גאַסט צו מיינע פריינד אָבער דאַן האָט די וועלט קריעג אויסגעבראָכען און בין געבליעבען דאָ חזן, פריהער אין דער קאַלוואַריער שוהל, דערנאָך אין ראָטשעסטער ניויאָרק 5 יאָהר צייט, און יעצט האַלט איך אָן די שטעלע אין דער בני יעקב רוסישע שוהל, אין ניו הייווען, דאָס דריטע יאָהר.

חזן ישעיהו לעווין

איינער פון די חזנים, וועלכער איז באריהמט פאר זיין גרויסע טענאָר שטימע און פאר זיין אמת׳ן אידישען דאווענען איז געבוירען געוואָרען אין קאָברין. צו 10 יאָהר האָט ער שוין ארויסגעוויזען א גרויסען טאלאנט צו מוזיק. מיט גרויס מיה איז די פאלטאווער קהלה געלונגען צו פועל׳ן ביי זיינע עלטערען איהם אוועקצולאָזען פון דער היים, אום

ער זאָל זינגען אין דער גרויסער פאָלטאווער שוהל. ער האָט געזונגען ביי דעם באוואוסטען פאלטאווער חזן, דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר קלמן. נאכהער האָט איהם צוגענומען דער באוואוסטער גרויסער מנגן ר׳ ישראל מיכאלאָווסקי, פון וועמען ער האָט אויך פיעל געלערנט אין חזנות און מוזיק.

ווען עס האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט א וואונדערבארע טענאָר שטימע, האָט ער אויך געהאט גלענצענדע אָפערס אויף דער אָפּערא ביהנע אלס אָפּערא זינגער. ער האָט שוין דאן געזונגען וואונדערבאר אָפּערא אריען, אָבער זייענדיג רעליגיעז האָט ער די אלע אָפערס צוריקגעוויזען, און ער האָט זיך גענומען צו חזנות, וואו ער האָט פאר זיך געמאכט א גלענצענדע קאריערע.

חזן ישעיהו לעווין איז איינער פון די ערשטע חזנים אין אמעריקא. ער איז שוין דאָ אן ערך דרייסיג יאָהר; ער איז געקומען אהער, ווען אמעריקא איז נאָך ניט געווען דער גרויסער אידישער צענטער, וואָס ער איז היינט, אָבער אמעריקא האָט שוין דאן געהאט פיעלע גרויסע באריהמטהייטען. און חזן לעווין האָט צווישען די גדולים פארנומען א פּראָמינענטען אָרט.

צווישען די קאָנגרעגיישאָנס וואָס ער האָט געדיענט געפינען זיך די אוהב צדק שוהל, האוארד עוועניו, בראָנזוויל, בית המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט, ניו יאָרק און לעצטענס אין דער תקות שלום, בעדפאָרד עוועניו, און קליימער סטריט, ברוקלין. די מעהרסטע צייטען האָט אָבער חזן לעווין געדאווענט ימים נוראים׳ס אין גרויסע זאאלען. זיין גרויסע טענאָר שטימע איז אימער געווען אן אטרעקשאָן פאר די גרויסע פלעצער, און ער פלעגט אָבנעמען פאר א ימים נוראים דאָס, וואָס אנדערע חזנים פאר א גאנץ יאָהר.

חזן משה לעוויצקי

חזן משה לעוויצקי, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1881 אין חעמעטש, מינסקער גובערניע, אָבער די חזנות קאריערע פאנגט זיך ערשט אָן אין אָדעס, ווען ער איז דאָרט געקומען אלס יונגערמאן אין עלטער פון 18-19 יאָהר, ספּעציעל צו הערען די גרויסע חזנים־מנגנים ומתפללים פון יענער צייט מיט וועמען די גאנצע וועלט האָט געקלונגען. די ערשטע צייט איז דאָס הערען פון חזן פיניע מינקאָווסקי, ראזומני און די אנדערע חזנים געווען געגוג, דערנאָך איז ער אריינגעטראָטען אין די כאָהרען פון איינינע חזנים.

די ערשטע שטעלע האָט ער באקומען אין אקערמאן, נאכהער אין קיעוו, אויף דער שטעלע פון דעם גרויסען חזן ומנגן יוסף שטראמבערג אין בראָדסקער רעעמעסלי שוהל. אין דער שול איז ער געווען חזן א משך פון 10 יאָהר צייט.

פון דאָרטען טרעפען מיר חזן לעוויצקי אין קענעדע ביי דער קאָנגרעגיישאן נוסח האר״י וואו ער איז געשטאנען צוויי יאָהר. יעצט געפינט זיך חזן לעוויצקי אין ניו־יאָרק און האָט די לעצטע ימים נוראים געדאווענט ביי דער קאָנגרעגיישאן „בית ישראל“ אין בראָנזוויל.

חזן לעוויצקי איז נאָך אין זיינע סאמע בעסטע יאָהרען; זיין שטימע איז נאָך יונג און פריש; און זיין דאווענען איז פון דעם סאָרט וואָס „נעהמט א אידען“.

חזן יוסף מאָרגענשטערן (השחר)

ניט נור אין דעם עולם החזנות פארנעהמט חזן יוסף מאָרגענשטערן איינעם פון די פּראָמינענטסטע פלעצער, נור אויך אין דער וועלט פון ליטעראטור, פון וויסענשאפטען, פון אלגעמיינע מוזיק און אלגעמיינע בילדונג. ער איז דאָ אין אמעריקא בלויז איין יאָהר אָבער די היגע חזנות וועלט האָט שוין איהר הסכמה געגעבען אז דער „שחר" באלאנגט צום מזרח. צום פראָנט צווישען די גדולי החזנות.

מר. מאָרגענשטערן איז געבוירן געוואָרען אין אומאן. (קיעווער גוב.) און איז ערצויגען געוואָרען אין א שטרענגער אמת אידישער הויז פון תורה און יראת שמים פונ'ם אלטען שטייגער. ער איז געגאנגען אין חדר, דערנאָך אין בית המדרש פון די טאלנער חסידים וועלכע איז אונטערשטיצט געוואָרען פונ'ם גרויסען באריהמטען גביר ה"ר פנחס נרמינסקי ז"ל וועלכער איז געשטאָרבען אין ירושלים. נאָך איידער ער איז אלט געוואָרען אכצעהן יאָהר האָט ער געוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין מוזיק בכלל און אין דער סינאגאָגאלנער מוזיק בפרט. ער האָט געזונגען אין די כערע פון די באריהמטע חזנים און אויך ביי בעלי תפלות פונ'ם אלט מאָדישען שטייגער. מוזיק האָט ער פלייסיג געלערנט פון גרויסע פּראָפעסאָרען אין אלע איהרע צווייגען, און ווען ער איז אלט געוואָרען 22 יאָהר האָט מען איהם אויפגענומען אלס חזן אין דער נייער שוהל „מלביש ערומים" אין אָדעסס. שטים־בילדונג האָט ער דאָרט געלערנט ביי אן איטאליענישען פּראָפעסאָר, דערנאָך איז ער אויפגענומען געוואָרען אלס חזן אין דער גרויסער שוהל אויף דער יעקאטערינסקע גאס. דורך די אומגליקען וואָס זיינען אין אָדעס פאָרגעקומען, פּאָגראָמען, רדיפות, א. ז. וו. איז ער אוועק, אויף דער איינלאדונג פון דער דאָרטיגער געמיינדע אין סובסטאוויטץ, וואו ער איז געוועזן חזן זיעבען יאָהר מיט גרויס כבוד.

אין יאָהר 1911 האָט ער באקומען די איינלאדונג צו באטרעטען די שטעלע אלס אָבערקאנטאר אין דער גרויסער שוהל אין וויען, וועלכע איז באקאנט אלס די לעאָפּאָלדשטעדטער טעמפּעל, אָט דיעזע שטעלע איז איינע פון די פּראָמינענטסטע אין דער וועלט, און דאָ האָט חזן מאָרגענשטערן געליסטעט 12 יאָהר צייט.

אויף דער דאָזיגער שטעלע זיינען געשטאנען די וועלט באריהמטע חזנים גאָלדשטיין און גוטמאן ז"ל. ער האָט דאָרט געדאַווענט א שבת און האָט געמאכט אזא רושם מיט זיין גרויסע טענאָר שטימע און מיט זיין מתיקות'דיגען דאוונען, אז ער האָט דאָרט באקומען א לעבענסלענגליכען קאָנטראקט.

און ניט אכטענדיג וואָס ער האָט געהאט א לעבענסלענגליכען שטעלע האָט ער אָבער ניט אויפגעהערט צו זוכען און נישטערן אין די היכל'ן פון מוזיק און אין די היכלי התורה. ער האָט שטודירט מוזיק ביי א באריהמטען געזאנגס לעהרער און תלמוד און פוסקים אין דעם „בית המדרש לרבנים" אונטער דער לייטונג פון דר. ארטור שווארטץ, און ער האָט פלייסיג געלערנט.

אויסער דעם האָט ער מיט לייב און זעעלע זיך אריינגעוואָרפען אין דער ציוניסטישער באוועגונג, ווייל נאָך אין זיינע צייטען פון סעוואסטאָפּאָל, איז ער געוועזן דער ערשטער דעלעגאט, און ער האָט מיט לייב און זעעלע געארבייט פאר דעם הייליגען נאציאָנאלען אידעאל. און צו דיעזער ארבייט איז ער נאָך איבערגעגעבען ביז היינט מיט דער גרעסטער באגייסטערונג. און דער פאָלגענדער פאקט וועט דאָס א ביסעלע באשטעטיגען.

אין יאָהר 1922 איז ער איינגעלאדען געוואָרען צו קומען קיין אמעריקא און מ'האָט שוין געהאט זאָגאר אנאָנסירט אז זיעבצעהן טעג אין טבת פאָהרט ער ארויס פון וויען. ער האָט שוין געהאט אלע זיינע זאכען איינגעפּאקט, און האָט שוין זאָגאר געהאט זיין וויזע. פלוצלונג אין אן ערב שבת, 13 טעג אין חודש איז עס געווען, האָט ער באקומען אן איינלאדונג צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל, און באלד האָט ער זיינע פלענער אומגעענדערט און איז געפאָהרען אהין אָנשטאָט נאָך אמעריקא.

נאָכדעם ווי ער האָט באקומען ערלויבנים פון זיין געמיינדע איז ער פון טריעסט אָבגעפאָהרען נאָך אלכסנדריה און אויף דער שיף זיינען געוועזן א סך חלוצים פון וויען און שבת האָט חזן מאָרגענשטערן געבעטען דעם קאפּיטאן ער זאָל איהם ערלויבען אין אוידיטאָריום פון דער צווייטער קלאסס צו דאוונען. ער האָט דאָרט געדאַווענט און געבענשט ראש חודש שבט. מיטוואָך איז מען אָנגעקומען אין ירושלים, און ביים שיף האָבען איהם ערווארטעט וויכטיגע בעלי בתים פון דער גרויסער שוהל „דריה"ח", ווי אויך פיעלע פריינד. חזן מאָרגענשטערן האָט ביי זיך ניט געקענט פּועל'ן צו געהן אהיים ביז ער וועט זיך ניט אויסוויינען אויפ'ן כותל מערבי.

מיט גרויס כבוד האָט מען איהם אויפגענומען אין משרד הרבנות און צווישען זיי דער גראנד ראבי דר. קוק.

יענער שבת פ' בשלח איז טאקי געווען אן אמת'ער שבת שירה, ווייל יענעם שבת האָט חזן מאָרגענשטערן געדאווענט אויף דעם הייליגען באָדען פון אונזערע אבות, מיט'ן כאָר פונ'ם גרויסען מוזיקער ר' זלמן רובלין נ"י, נאכחער האָט מ'ען איהם איינגעלאַדען צו דאווענען אין חיפה, תל אביב, ראשון לציון, פתח תקוה, רחובות, זכרון יעקב, מקוה ישראל טבריה, און אנדערע.

דעם גרעסטען כבוד האָט חזן מאָרגענשטערן געהאט ווען דער נציב העליון, הערבערט סעמיועל האָט איהם איינגעלאַדען ביי זיך אין הויז צו זינגען און וואו ער האָט פאַרבראכט אייניגע שעה, איז איינגעלאַדען געוואָרען צו אָוונד ברויט, און האָט איהם אליין מכבד געווען מיט קיכלעך און מיט די טייערסטע געטרענקע און קאָנפעקטען, און צוזאמען האָבען זיי געטרונקען לחיים. ער האָט איהם אויך פּרעזענטירט מיט זיין בילד אויטאָגראַפירט. ער האָט איהם אויך מיטגעגעבען א דאנק און לויב בריעף קיין וויען, פאַר זיין שעהנעם געזאנג. אין ארץ ישראל האָט ער געזונגען פיעלע קאָנצערטען פאַר דעם בענעפיט פון די דאָרטיגע וויכטיגע אינסטיטוציעס. אויפ'ן וועג צוריק האָט ער אויך געדאווענט אין מצרים (קאירה, אלעקסאנדריא), און איבעראל געמאכט גרויס פוראָר. עס איז דאָ איבריג צו דערצעהלען וועגען זיין ריזיגען ערפאָלג מיט א יאָהר פריהער אין ענגלאַנד.

ווען ער איז געקומען צוריק האָט ער געפונען אן איינלאַדונג צו קומען קיין אמעריקא, און נאָכדעם ווי ער האָט באקומען אן ערלויבניס פון דער קולטוס געמיינדע איז ער אוועק קיין אמעריקא, און באלד ביי די ערשטע שבתים וואָס ער האָט געדאווענט האָט ער געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף זיינע צוהערער. ער איז באלד אויפגענומען געוואָרען אין דער ספרד'ישער שוהל אין בארא פּארק, פאַר אייניגע יאָהר, וואו ער שטעהט צוזאמען מיט דעם באוואוסטען מוזיקער ה' הערמאן וואָהל. צוזאמען פיהרען זיי דורך די שעהנסטע פּראָגראמען פון תפלה ונגינה. זייערע ימים נוראים'דיגער דאווענען האָט באזונדערס געמאכט א פוראָר אויף אלע צוהערער.

חזן מאָרגענשטערן האָט זיך אָנגעשלאָסען אין אגודת החזנים, און ארבייט צוזאמען מיט די „בויער" להרים קרן החזנות באמעריקא.

חזן רפאל מינסקי

צווישען די פּאָפּולערע חזנים אין גרייטער ניו יאָרק דאַרף מען אריינרעכענען חזן רפאל מינסקי, וועלכער האָט באַטראַטען פיעלע פון די וויכטיגסטע שטעלען אין ניו יאָרק און אין באָסטאָן, און וועלכער האָט געלערענט ביי פיעלע פון די גרעסטע חזנים-מנגנים אין רוסלאַנד.

חזן מינסקי איז געבוירען געוואָרען מיט 40 יאָהר צוריק אין קאָזלאַוישינע, גראָדנער גובערניע.

ער האָט געזונגען ביי פארשידענע חזנים, צווישען זיי דער בארימטער משה באסס אין ביאַלעסטאָק און חזן בערמאן פון דער ביאַלעסטאָקער כאָר שוהל.

שפּעטער ווען עס האָט זיך אנטוויקעלט א גרויסע טענאָר שטמיע ביי איהם, האָט ער געזונגען ביי חזן יעקב פּרוהמאן, (המכונה יאַנקעלע ראוונער), וועלכער איז געווען א מנגן גדול, אין מעזריטש און שעדליץ, פּוילען. ער האָט אויך געזונגען ביי חזן פארשטער אין אסטראלענקא, לאָמזער גובערניע, אין לאָדזש ביי חזן אלטערמאן, אין כאָר שוהל.

ווען ער איז אראָפּ „אויף אייגענע קעסט" איז ער געוואָרען חזן שו"ב אין ראַיש, גראָדנער גובערניע, שפּעטער אין מערעטש, ווילנער גובערניע, און מיט 16 יאָהר צוריק איז ער אָנגעקומען אויף די ערשטע שטעלען אין באָסטאָן, די גוט באוואוסטע באלדווין פּלייס שוהל, וואו ער איז געשטאַנען 4 יאָהר צייט. פון דאָרט האָט איהם צוגענומען די קאָנגרעגיישאן „אהל יצחק" איסט באָסטאָן, פון דאָרט איז ער געקומען קיין ניו יאָרק אין בית המדרש הגדול, נאכהער אין בית המדרש הגדול עדת ישורון, 145טע סטריט בראנקס, נאכהער אין בית המדרש הגדול דהארלעם, 105טע סטריט, עץ חיים, סטאון עווענוי תלמוד תורה, קאָנג. פּנחס אליהו, וועסט 95טע סטריט, און יעצט שטעהט ער מיט גרויס כבוד אין דער סיניער שוהל, מעדיסאָן סטריט.

ווען ער האָט געזונגען ביי משה באסס (שפּיליאנסקי) האָט ער געזונגען צוזאמען מיט ר' ארי' רוטמאן, דוד רויטמאן, חזן הערשמאן און אנדערע וועלט בארימטע חזנים. דאָ האָט ער זיך געלערענט די תפלה וואָס האָט איהם געמאכט אזוי פּאָפּולער און באליבט ביי די פארשידענע געמיינדען וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט.

חזן מינסקי איז א טיכטיגער מיטגליד פון חזנים פאַרבאנד, און ארבייט פיעל לטובת דעם פאך, צו דערהויבען דעם מצב החזנות אויף איהר געהעריגער און פּאַרדינטער שטופע.

חזן ישעיהו מייזעלס

א חזן וועלכער האט גע׳שם׳ט אלס איינער פון די גרעסטע חזנים פון זיין צייט, און וועלכער שטעהט נאך היינט. אפילו יעצט ווען ער האט זיך בישלעכווייז צוריקגעצויגען פון זיין טעטיגקייט, ברומו של עולם אין דער חזנים וועלט, און זיין נאמען ווערט דערמאנט מיט די שעהנסטע עראינערונגען פונ׳ם חזנות אין אמעריקא מיט 15—20 יאהר צוריק, איז חזן ישעיהו מייזעלס.

גאנץ אמעריקא האט זיך גע׳רעש׳ט ווען דער באריהמטער חזן ישעיהו מייזעלס איז געקומען אויף זיין שטעלע אין דער אוהב צדק שוהל, דאמאלסט האט רוסלאנד זיך גע׳רעש׳ט מיט דער גרויסער שטימע און מיט׳ן דראמאטישען דאווענען פון ישעיהו מייזעלס פון יעקאטערינאסלאווער שוהל.

און מייזעלס נאמען איז געגאנגען אלץ גרעסער און גרעסער. מ׳האט איהם שוין צו יענער צייט, ווען דער טיטעל קארוזא איז נאך ניט געווען קיין הפקר־נאמען, האט מען איהם שוין דאן גערופען „דער אידישער קארוזא“. ער איז געווען דער באריהמטער קאנצערטיסט, און גאנץ אמעריקא האט זיך גע׳רעש׳ט. די אידישע ווי די ענגלישע קריטיקער האבען באוואונדערט זיין שטימע וואס האט געקלונגען ווי א גלאק, און ווען עס איז געווען לייכט צו נעמען אן אויבערע „צע“, ווי אנדערע אן „עף“.

חזן מייזעלס איז געבוירען געווארען אין יאהר 1869 אין ווארשא, און איז א זוהן פון ר׳ דוד מייזעלס, וועלכער איז געווען א באריהמטער בעל תפלה אין פרנס׳ס בית המדרש אין לובלין. צו אכט יאהר האט ער אנגעפאנגען זינגען אלטא ביי עקיבא אפטער, און דערנאך ביי רפאל טשענסטאכאווער. ער האט אויך געזונגען ביי דעם באריהמטען ליזר׳קע לאדזשער.

צו 17 יאהר האט זיך אנגעפאנגען צו באווייזען איינע פון די שעהנסטע דראמאטישע טענאר שטימען, און האט אלס טענאר געזונגען אין דער טלאמאצקער שוהל ביי חזן גריצהענדלער.

צו 23 יאהר האט איהם חזן בוגאש צוגענומען קיין קאניעוו, שפעטער האט ער געזונגען אין דער „אידישער קאנסערוואטאריום“ פון ניסע בעלזער. פון דארט טרעפען מיר איהם שוין אלס חזן אין אדעס — דער גרויסער חזן׳אישער צענטער.

זיין ערשטע שטעלע איז געווען טעפליצקי׳ס שוהל אין אדעס — דערנאך אין העקער׳ס שוהל 3 יאהר צייט, און פון דארט האט איהם צוגענומען די יעקאטערינאסלאווער שוהל, וואו ער איז אפגעשטאנען א משך פון 6 יאהר צייט. עס הייסט ער האט דארט געקענט בלייבען אויפ׳ן פאסטען אייביג, אבער עס זיינען אנגעקומען די פאגראמען, און ער האט געמוזט מאכען זיין וועג נאך אויסלאנד.

הרב הגאון ר׳ חיים בערלין, דער יעליסאוועטגראדער רב, שרייבט אין זיין רעקאמענדאציאנס בריעף וועגען חזן מייזעלס: „ויהי מפליא לעשות בקולו הנעים והחזק המגיע עד שחקים, ובכל עת עברו לפני התבה כל בני העיר איש את אהיו ידחקון לזכות ולהתענג בנעימות קולו“... דער בריעף איז דאטירט יום א׳ בטו׳ב כסלו תרס׳ו.

אין אמעריקא האט ער געפונען נאך מעהר פארעהרונג, און האט באטראטען אויסער די שטעלע אין דער אוהב צדק, אויך אין דער גרויסער אוהב שלום שוהל שיקאגא, די כל ישראל אנשי פוילען שוהל, הארלעם, און לעצטענס דאווענט חזן מייזעלס בלויז ימים נוראים, און קריגט באצאהלט פאר די ימים נוראים אזוי פיל וויפיל אנדערע פאר א גאנץ יאהר. די איבריגע צייט פאהרט ער ארום אויף שבתים און קאנצערטען. און קהלות אין אמעריקא שעצען זיך גליקליך וואס זיי קענען נאך הערען דעם מייזעלס, וועלכער האט געקענט שפאלטען הימלען מיט זיין תפלה...

אין די יאהרען 1910 און 1911 איז חזן מייזעלס געווען דער סאליסט פון די חזנים קאנצערטען און איז דאן געווען די סענסאציע פון דער חזנים וועלט.

חזן ש. א. מנשסתר

(אויטאָביאָגראַפיע)

געבוירען אין זיימעל, מינסקער גוב. אין 1880, וואו מיין פאטער יוסף אייזיק הלוי, ע"ה, איז געוועזן חזן, און אָנקומענדיג אין סאפּייזישאק, סובאלקער גוב., בין איך דאָרטען ערצויגען געוואָרען און ביי מיין פאטער האָב איך אָנגעהויבען צו „דיענען" אלס משורר און ביי איהם האָב איך די ערשטע „לעקציאָנען" אין חזנות באקומען. דאָס שטעהן ביים עמוד מיט מיין פאטער האָט מיר געדיענט בעסער פון אלע שפּעטערע לעהרעס פון אלע אנדערע „גרעסערע" חזנים, ווייל עס איז צו מיר איבערגעגאנגען בירושה דער גאנצער טראַדיציאָנעלער אידישער נוסח פון מיין פאטער'ס הארציגע תפלה.

זייענדיג אין דער היים ביז בר מצוה, האָט מען מיך געשיקט לערנען אין ישיבות און זינגען ביי חזנים. און א געוויסער חזן ר' אברהם אליהו אייזישקין פון סרעדניק האָט מיך גענומען צו זינגען ביי איהם. דער חזן אייזישקין איז געווען איינער פון די מצוינים, א גרויסער מוזיקער, א גרויסער למדן און בעל מדות טובות. און ווען ער האָט אָנגענומען א חזנות שטעלע אין קאַדאַן (קאָוונער גוב.) ביך איך מיט איהם מיטגעפאָהרען און דאָרטען געלערנט שחיטה און געזונגען א פּאָר יאָהר צייט. מיין ערשטע שטעלע אלס חזן שוחט איז געווען אין פּאזעלווע, נאכהער פּאדברעזע און אלקעניק, ווילנער גובערניע.

אין יאָהר 1907 בין איך אין אמעריקא געקומען, וואו איך האָב גלייך קומענדיג אָנגענומען א שטעלע אין האליאָק, מאסס. נאכהער אין טרענטאָן, נ. דזש., יוטיקא, נ. י., פאלל ריווער, מאסס., טראָי, נ. י. און יעצט אין בעיאָן, נ. דזש. — אן אמת'ער ויסעו־ויחנו — ביז איך וועל האָפענטליך קומען, אזוי ווי אונזערע עלטערען פון דער מדבר נאָך זייער ויסעו ויחנו, קיין ארץ ישראל. אומעטום, וואו איך בין געווען האָב איך געלייסטעט מיט אלע מיינע מעגליכקייטען פאר מיין הייליגען ליעבלינג אידעאל, ציון, וואס איך האָב קיין מאָל ניט פארגעסען, און וועל ניט פארגעסען ביז מיין לעצטען אָטעם־צוג. און איך פיהל גליקליך, זעהענדיג מיט מיינע אויגען אין מיינע טעג, דאָס דער הייליגער אידעאל ציון אלס היימאטה פאר מיין עלענד ליעב פאָלק, ווערט פארווירקליכט.

און מיין וואונש איז, אז דער מצב פון חזנות און חזנים, זאָל דערהויבען ווערען גייסטיג און מאטעריעל און ווען דאָס אידישע פאָלק וועט זיך צוריק אומקעהרען צו זיין היים וועלען מיר זינגען את שיר ה" על אדמתנו און ניט על אדמת נכר.

און חזנים זיינען די יעניגע, וועלכע קאָנען און דארפען נעהמען אן אנטייל אין דער ווידער־אויפלעבונג פון דאָס אידישע פאָלק אויף דאס אידישע לאנד.

מיט ציון'ס גרוס און הייסען וואונש פאר א
גליקליכע צוקונפט פאר דעם פרט און כלל,

חזן ש. א. מאנשעסטער,

בעיאָן, נ. דזש.

יעקב מרגליות

נויארק איז היינט ב"ה א גרויסע וואונדערבארע שטאדט, מיר האבען ב"ה אלעס פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען. און וואס אנבאלאנגט אידישקייט איז זיכער ניטא נאך א שטאדט אין דער גאנצער וועלט וואס קאן זיך פארגלייכען מיט נויארק. עס איז דערפאר קיין נייעס ניט, אז מ'טרעפט היינט א אידישען שוהל כאר וואס זינגט קלאסישע מוזיק אויף א קינסטלערישען אופן.

מיט 33 יאהר צוריק איז אבער ניו־יארק געווען גאנץ אנדערש. עס איז געווען א דארף אין פארגלייך מיט יעצט. אין יענער צייט איז אידישע נגינה לחלוטין ניט געווען. אין יענער צייט האבען זיך געפאדערט פיאנערען, וואס זאלען פארשפרייטען שעהנע קלאסישע אידישע נגינה צווישען די מאסען און איינער פון די דאזיגע פיאנערען איז געווען דער גוט באוואוסטער כאר דיריגענט יעקב מרגליות, וועלכער האט פיליכט בייגעטראגען מעהר צו דער אנטוויקלונג פון שעהנע קלאסישע מוזיק ביים עמוד ווי וועלכער אנדער חזן אדער דיריגענט אין אמעריקא.

אין אמעריקא איז ער געקומען אין 1892 און איז געקומען צו חזן קופער ע"ה, וועלכער האט איהם צוגענומען כאטש ער האט קיין משוררים ניט געדארפט. זיינע מוזיקאלישע פעהיגקייטען זיינען געווען אבער אזעלכע, אז ער האט איהם ניט געוואלט אפלאזען ער האט שפעטער געזונגען אין קאנטראוויטץ'ס כאר אין דער אוהב צדק שוהל מיט חזן קארניאל און דערנאך ביי חזן הערלאנדס, וועלכער האט פארנומען פיני מינקאווסקי'ס פלאץ נאכדעם ווי חזן מינקאווסקי איז אוועק צוריק קיין אדעס.

וועהרענד ער צייט האט ער געזונגען מיט'ן רוסישען כאהר ב דער רוסישער אויסשטעלונג אין שיקאגא און האט געמאכט גרוים ערפאלג.

די ערשטע שטעלע אלס דיריגענט איז יעקב מרגליות געווען אין העגרי סטריט שוהל וואו חזן הערלאנדס איז געווען דער חזן. שפעטער איז דארט געווארען חזן אברהם מינקאווסקי. און דא מוז דערמאנט ווערען אז א דאנק צו אברהם מינקאווסקי און א דאנק צו ה' מרגליות איז דאס דאווגען אין דער שוהל געווען אן אמת'ער קאנצערט. די העכסטע קלאסע קלאסישע קאמפאזיציאנען זיינען געזונגען געווארען. דא האט ה' מרגליות צום ערשטען מאל פארגעשטעלט נאוואקאווסקי'ס קאמפאזיציעס, וועלכע זיינען געווען כמעט אין גאנצען אונבאוואוסט.

עס מוז דא געזאגט ווערען אז עס איז ניט געווען קיין גרינגער קאמף. עס זיינען דאן געווען חזנים ווי אברהם ראסיינער, דער בלינדער חזן אין קריסטי סטריט שוהל און אנדערע ביי וועמען נגינה איז געווען הפקר'דיג. מ'האט געזונגען וואס מען האט נור געוואלט.

יעקב מרגליות האט פארטראטען פיעלע וויכטיגע שטעלען אין ניו יארק און איבעראל האט ער מיטגענומען די קלאסישע שוהל מוזיק און ער האט אזוי לאנג געקעמפט ביז ער האט ערצויגען א פובליקום צו פארשטעהן די בעסערע סינאגאגאלע מוזיק פון די קלאסישע קאמפאזיטארען. ער האט באטראטען די פאלגענדע שטעלען: אוהב צדק מיט חזן יהודא שטיין, מיט חזן הערלאנד אין דער 118טע סטריט שוהל שערי צדק; רומענישע שוהל מיט חזן קארניאל, אויף זיין צווייטען באזוך אין אמעריקא; ביאלעסטאקער שוהל מיט דעם גרויסען מתפלל אברהם'לע ארענשטיין אוהב צדק, 116טע סטריט מיט חזן ישעי' מייזעלס, מיט חזן אברהם מינקאווסקי אין 127טע סטריט; טעמפעל עמנואל, בארא פארק, קאלווארייער שוהל אפטאון, מיט חזן אברהם שאפירא, טעמפעל בית אל מיט חזן מרדכי הערשמאן, קאנג. שומרי אמונה בארא פארק.

ער האט אויך געדאווענט ספעציעלע שבתים און קאנצערטען געזונגען מיט די חזנים קווארטין, הערשמאן, רויטמאן, קרעמשמאר, שטיינבערג און מיט סיראטא אויף זיין צווייטען באזוך אין אמעריקא.

יעקב מרגליות האט פיעל געלערענט פונ'ם גרויסען מוזיקער און דיריגענט לעאן קרעימער וועלכער איז פיעלע יאהרען געווען דער דירעקטאר פון חזנים פארבאנד. ער האט ביי איהם געלערנט פיאנא, הארמאני און קאנטראפונקט.

אויסער זיין טהעטיגקייט ביי דער שוהל איז ער אויך געווען אקטיוו אין גרינדען און דירעקטען געזאנגס פאראיינען. ער איז געווען דיריגענט פון „הלוי" און מענדעלסאן כאהר אין ניויארק.

יעקב מרגליות שטאמט פון א גרויסע למדנ'אישע פאמיליע. זיין פאטער צבי דוב איז געווען א גרויסער משכיל און געלעהרטער און האט ארויסגעגעבען א ווערק איבער אסטראנאמי. זיין פעטער איז דער באריהמטער גאון ר' וועלוועלע מרגליות. ער איז אן איידעם פון חזן שלום גרינשפאן וועלכער איז בעסער באקאנט אלס „שלום אנאניוער" און איז פארעכענט פאר איינעם פון די וויכטיגסטע מנגנים־חזנים אין אמעריקא.

מאיר מאכטענבערג

מאיר מאכטענבערג, וועלכער פארנעהמט זעהר א חשוב'ן אָרט צווישען די שוהל דיריגענטען, איז געבוירען געוואָרען דעם 1טען אויגוסט 1884 אין ווילנא — די שטאָדט וועלכע פארנעהמט א וויכטיגען קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון חזנות, צוליעב די גדולי החזנים וואָס זיינען דאָרט געשטאנען. זיין פאָטער ר' אברהם איז דער געוועזענער חזן פון דער ווילנער חברה קדישא, אָדער ווי דער עולם רופט איהם „דער בית עולם חזן“.

די מוזיקאלישע קאריערע פון מאכטענבערג פאנגט זיך אָן אלס קליינער איינגעל ביים ווילקאָמירער חזן משה חיים פעלדמאן, און באלד טרעפען מיר איהם אין דער ווילנער גרויסער שטאָדט שוהל, וואו חזן סיראָטא איז געווען דער חזן און חזן אייבראמסאָן איז געווען דער דיריגענט. מאכטענבערג האָט דאן גע'שם'ט אלס מאיר'ל סאָפּראן. ער איז ארומגעפאָהרען איבער די שטעדטלעך דאווענענדיג שבתים און האָט געהאָפט צו ווערען א חזן. ער האָט אָבער אָנגעפאנגען הערען פון די מוזיק פון די אומות העולם און האָט אָנגעפאנגען פארשטעהן, אז די מוזיק פון עמוד איז זעהר באשרענקט, באגרענעצט און האָט אָנגעפאנגען נעהמען אונטערריכטונג אין די יסודות פון מוזיק פון דעם בארימטען קאנטאָר פּאָטשימוק אין לידא, וואו ער האָט געלערנט הארמאָני, קאָנטראפּונקט, היסטאָרי פון מוזיק און קאָמפּאָזיציאָן.

צו 17 יאָהר איז מאיר'ל אָנגעקומען קיין אמעריקא און האָט באלד באקומען א שטעלע אלס דיריגענט ביי חזן קאמינסקי. די שוהל מוזיק אָבער איז צו יענער צייט געווען אזוי אָרעם און אזוי אונאינטערעסאנט, אז ער איז אוועק צו האמערשטיין אין דער אפּערא, וואו ער איז געווען ביז זי האָט זיך צוגעמאכט. ער האָט געזונגען אין אנדערע קאָמפּאניעס ביז ער האָט באקומען א בענקאשפט „צוריק אין שוהל אריין“... און אזוי האָט די שוהל מוזיק געוואונען פאר זיך איינעם פון די פעהיגסטע און באגאבסטע דיריגענטען. ער איז געווען דער דיריגענט פאר חזן משה שטיינבערג, גאָלדפארב, מייזעלס, ראפּאָפּאָרט, רוטמאן, און היינט איז ער דער דיריגענט אין'ם שעהנסטען און גרעסטען מקום קדוש אין גאנצען לאנד, דער טעמפּעל בית אל אין באָראָ פּארק, וואו הערשמאן איז חזן. ער איז אויך אויפגעטראָטען מיט כמעט יעדען חזן פון פּראָמינענץ.

אן אונפארגעסליכער קאפּיטעל אין דער קאריערע פון דיריגענט מאכטענבערג איז געווען זיין אויפטריט אין מעטראפּאליטאן אָפּערא הויז דעם 15טען מארטש 1921, וואו ער האָט דיריגירט א ריעזיגען כאָר ביי חזן סיראטא'ס אויפטריט דאָרט. דיריגענט מאכטענבערג האָט געפיהלט די גרויסקייט און די הייליגקייט פון'ם פלאץ, וואו די גרעסטע זינגער האָבען געזונגען און וואו די גרעסטע דיריגענטען האָבען געפיהרט גרויסע אָרקעסטערס, כאָרען און זינגער,, און ער האָט אין אָנפאנג געציטערט. אָבער ער האָט דורכגעפיהרט א פּראָגראם פון קלאסישע אידישע נגינה, וואס האָט די 5 טויזענד קעפּיגע מאסע געבראכט צו א הויכער שטופּע פון באגייסטערונג.

נאָך א גרויסער און וויכטיגער מאָמענט אין זיין לעבען איז געווען זיין אויפטריט מיט חזן סיראָטא אין ווילנא ווען מאכטענבערג האָט באזוכט זיין היימישטאָדט. ער האָט אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו ער האָט געזונגען אלס סאָפּראן, דיריגירט איינע פון די גרעסטע קאָנצערטען, וואס די שטאָדט האָט ווען געהערט.

דיריגענט מאכטענבערג איז באקאנט ניט נור אלס איינער וואס קאָנטראָלירט א כאָר גוט, וואָס קען גוט איינזינגען מיט זינגער, ניט נור אלס איינער וואס קען ארויסברענגען וואס ער וויל פון'ם כאָר — נאָר אויך אלס באדייטענדער קאָמפּאָזיטאָר. זיין סטיל איז ניט נור מעלאָדי און הארמאָני — נאָר אילוסטראציע. אין קאפּיטלעך תהלים, וואס ער האָט צוגעפּאסט מוזיק פאר זיי, האָט ער איבעראל אויסגענוצט די געלעגענהייט פון אילוסטרירען דעם טעקסט. זיין הארמאָני איז אויך לויט'ן טעקסט אָפט זעהר א לייכטע בעל קאנטא הארמאָני און אָפט מיט זעהר מאָדערנע דיסאנינדירענדע עפעקטען.

דיריגענט מאכטענבערג האלט איצט אין צוגרייטען א ווערק, — א זאמלונג פון זיינע קאָמפּאָזיציאָנען — וועלכע זיינען די בעסטע צוגעפּאסט צו דער מאָדערנער מוזיק און דאָך ניט אבטרעטענדיג פון די אלטע טראדיציאָנעלע נוסחאות.

קאנטאר אפרים ספּיוואק

קאנטאר אפרים ספּיוואק, איז געבוירען דעם 24-טען דעצעמבער 1884 אין קיעווער גובערניע. זיין פּאָטער, ירוחם, איז געוועזען איינער פון די באריהמטעסטע בעל תפלות. זיין שטימע איז געוועזען פון אויסערגעוועהנליכער גרויס אין קוואליטעט. ער איז אויך געוועזען א גרויסער תלמוד חכם. מען האָט איהם אין אייניגע שטעדט געוואָלט אויפנעהמען אלס רב און ער פלעגט דאָס צוריקווייזען, זאָגענדיג „איך האָב מיינע אייגענע זינד און איך וויל ניט נאָך פרעמדע“.

קאנטאָר אפרים ספּיוואק האָט צו 7 יאָהר שוין געזונגען אלטאָ סאָלאָס ביי זיין פּאָטער וועלכער איז געוועזען חזן אין גאלאוואניעווסק, פּאָדאָליער גובערניע. עס האָט אויך דאָמאָלס געזונגען טעוועלע דער אלטאָ, וועלכער איז יעצט חזן אין יעקאַטערינאָסלאוו אויף משה בער׳ס שטעלע. אויך ליפּע דער באסס, וועלכער איז יעצט דער באריהמטער אָפּערא באס סיביראקאָוו.

ווען קאנטאָר אפרים ספּיוואק איז געוואָרען 10 יאָהר האָט זיין פּאָטער רעזיגנירט פון דער שטעלע (כאָטש ער האָט געהאט א כתב חזקה) און האָט אָנגעפאנגען ארומפאָהרען דאוונען, מיט זיינע צוויי קינדער אלס משוררים, זכריה דער עלטערער, וועלכער איז יעצט חזן אין באָסטאָן, און אפרים. קארגע 3 יאָהר זיינען זיי ארומגעפאָהרען און האָבען באריזט פּיעלע גובערניעס אין רוסלאנד. ער האָט אויך שפּעטער געזונגען אלטאָ ביי חזן שלום אנאניוועער (שלום גרינשפּאן).

צום 15טען לעבענס יאָהר איז ער געקומען קיין אדעס, ער האָט דאָרט שטודירט די טעארעטישע זייט פון מוזיק. צו 17 יאָהר ווען עס האָט זיך איהם באוויזען זיין מענער שטימע, א לירישער טענאָר ווי ער און אנדערע האָבען גערעכנעט עס איז, האָט ער געזונגען ביי חזן יאמפּאָלסקי (חזן שטראמבערג׳ס איידעם) אין אדעס. אין דיזער זעלבער צייט פון זיין שטודיום איז ער אויך געווען טעטיג אין פיעלע געזעלשאפטליכע ארבייטען. ער איז געווען דער גרינדער פון א ליטעראריש מוזיקאלישען און דראמאטישען קלוב.

ער איז אויך געוועזען אן עקזעקוטיוו מעמבער פון א ציוניסטישען פאראיין, וואו דר. אוועגאָוויצקי איז געוועזען דער פּרעזידענט. ער האָט אין אדעס געקראָגען אן אלגעמיינע בילדונג.

אין 1904 אין צייט פון רוסיש יאפּאנישער קריעג איז ער אריבער קיין עסטרייך און קומענדיג קיין לעמבערג האָט זיך קאנטאָר האלפּערין שטארק פאראינטערעסירט מיט איהם און איהם אריינגענומען אלס מעמבער אין דער דאמאָלס ערשט געגרינדעטער תומכי יהודי רוססיא, א הילפס פאראיין פאר רוסישע פליכטלינגע. דאָרט האָט ער זיך באקאנט מיט דער אידישער אינטעליגענץ, משה קליימאן (דאמאָלסדיגער רעדאקטאָר פון לעמבערגער טאגעבלאט), מיט דר. האלצער, דר. בירער און פיעלע אנדערע אידישע פּערזענליכקייטען. אין א קורצער צייט ארום איז ער אָנגעקומען קיין קאָלאָמעא, וואו ער האָט געהאלטען א שטעלע אלס כאָר לידער און פאָרטגעזעצט זיין שטודיום. ער האָט זיך אויסער מוזיק אויך אָפּגעגעבען מיט שטודירען די פּוילישע און דייטשע ליטעראטור. אין דער צייט איז ער געוועזען איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם פּועלי ציון פאראיין אין קאָלאָמעא, און נאָך דעם אין אנדערע קלענערע שטעט. שפּעטער זיינען צו איהם צו הילף געקומען די אידישע סטודענטען, וועלכע מאנכע פון זיי זיינען יעצט באריהמטע לידערס, ווי דר. איטשעל קליימאן, דר. ש. יורים, דר. ה. וואטענבערג, דר. שטערנבערג און פיעלע אנדערע.

נאָך א שטורמישער געזעלשאפטליכער און מוזיקאלישער טעטיגקייט האָט ער אין 1907 פארלאָזט גאליציען, וואו ער האָט צוריקגעלאָזען אונצעהליגע פריינד און פארעהרער. קומענדיג קיין וויען האָט ער שטודירט שטים־בילדונג מיט פּראָפ. גערטנער, וועלכער האָט געוואָלט קולטיווירען זיין שטימע אלס דראמאטישער טענאָר פאר וואגנער אָפּעראס. נאָכדעם ווי זיין פריינד א דאָקטאָר האָט איהם אָפּגעראטען דערפון, האָט ער אָנגעפאנגען צו שטודירען מיט פּראָפעסאָר מאנצאני, וועלכער האָט איהם מיט רעכט ערקלערט, אז ער האָט א לירישע באריטאָן שטימע. א קורצע צייט האָט ער

געלערנט דאָס קאַנטאָרען פאַך. און איז געוועזן כאָר לידער ביי קאַנטאָר גיבליכמאַן אין 2טען בעצירק.

אין אָקטאָבער 1911 האָט מען איהם ארויסגערופען קיין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, אלס לידער פון „הזמיר", וואו דער העבריאישער שרייבער בן אמוץ איז געוועזן פּרעזידענט און דאָרטען האָט ער אויפגעפיהרט די גרויסע קאָנצערטען, פון וועלכע די ענגלישע און אידישע פּרעסע האָבען איהם זעהר הויך געשטעלט אלס לידער און אלס אויסגעצייכענטער זינגער.

ער האָט אויך געהאַלטען די שטעלע אלס לידער אין דער ניו סינאַגאָג. ער האָט זיך אין „הזמיר" באַקאַנט מיט זיין יעצטיגער פרוי, וועלכע איז געוועזן די אַקאָמפּאַניסטקע פון דעם כאָר און א גראַדואייט פון וויקטאָר קאַלעדזיש אָוו מוזיק. אין 1913 איז ער געקומען קיין באָסטאָן, וואו ער האָט באַלד פאַרנומען די שטעלע אלס קאַנטאָר אין טעמפּעל בית אל. דריי יאָהר שפּעטער האָט מען איהם ארויסגערופען אין טעמפּעל אהבת שלום, לינן, מאַסס. וואו ער איז געווען קאַנטאָר צוזאַמען מיט דר. ישראל אפרת (יעצטיגער דיען פון באַלטימאָרער קאַלעדזש). דעם 5טען מאַי 1918 איז ער געקומען קיין ניו יאָרק, וואו ער איז צוערשט געוועזן חזן אין דער 35טער סטריט שוהל און פון דאָרטען איז ער אָנגעקומען אויף זיין יעצטיגער שטעלע אין טעמפּעל סיני, איסט־נויאַרק, ברוקלין.

ער האָט ביז יעצט שוין געשאַפען ארום 150 קאָמפּאָזיציאָנען אונטער וועלכע עס זיינען דא לידער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש. אויך פיעלע געזאַנגען פאַר קאַנטאָר, כאָר און אָרגעל, אויך פאַר אָרטאָדאָקסישע שוהלען.

מאַרק סילווער

עס האָט ניט געקענט מעגליך זיין אַז א קינד ביי ר' הירש, דער חזן פון קאַרלין, זאָל ניט זיין מוזיקאַליש. אָבער אז א קינד פון א חזן זאָל ארויסוואַקסען צו זיין א גרויסער מוזיקער, און אָך דערצו א באַוואוסטער קאָנטראַפּונקטיסט, און אולטרא מאָדערניסט, אויף דעם האָבען זיך זיינע עלטערען ניט גערעכט.

מאַרק סילווער, א ברודער פון'ם באַרימטען אידישען קאָמפּאָזיטאָר זאַוועל זילבערטס, איז אָבער דאָ אוועק פון די דרכים פון זיין־פאָטער און פון זיין ברודער אפילו, און האָט פאַר זיך אויסגעטראָטען א וועג צו די העכערע ספערען. מאַרק סילווער'ס קאָמפּאָזיציעס זיינען יעצט אין די הענד פון די באַרימטע דיריגענטען פון די ניו יאָרק סימפאָני, פילהאַרמאָניק און אנדערע, און גאָר אין קירצען מעג מען ערוואַרטען, אז דער אידישער מוזיקער מאַרק סילווער וועט זיך לאָזען הערען מיט איינינע פון זיינע שאַפונגען.

מאַרק סילווער איז געבוירען געוואָרען אין קאַרלין, אין יולי 1891. נאָמען האָט מען אין ר' ברוך הירש'ס הויז ניט געדאַרפט לערנען. ס'האָט זיך געזונגען. זיין פאָטער איז געשטאָרבען ווען ער איז נאָך געווען א קליין אינגעלע, און מיר טרעפען איהם באַלד אלס משורר ביי זיין ברודער זאַוועל, וואָס האָט פאַרנומען דעם פאָטער'ס שטעלע. צו 14 יאָהר האָט ער שוין דיריגירט אין פינסק א כאָר, און געגעבען קאָנצערטען.

אין 1907 איז ער אריבערגעקומען קיין אמעריקא און איז אריינגעטראָטען אין קאָלומביא אוניווערזיטעט וואו ער שטודירט אונטער פּראָפעסאָר מעיסאָן הארמאָני און קאָנטערפּאָינט. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט אין קאָונטערפּאָינט און האָט געוואונען אויסער א סקאָלערשיפּ, אויך 800$ אין מזומנ'ע קעש. דאָס איז געווען דער „מאָזענטהאַל פעללאָושיפּ". ער האָט אונטערגעשריבען פיעלע וויכטיגע קאָמפּאָזיציאָנען, און האָט זיך אויסגעצייכענט אין מאָדערנע קאָמפּאָזיציאָנען.

דאַן זעצט ער פאָרט זיין שטודיום און לערנט קאָמפּאָזישאָן און אָרקעסטריישאָן און פּיאַנאָ איינינע יאָהר מיט פּראָפעסאָר ריבנער אין קאָלומביא יוניווערסיטי. אין 1917 געווינט ער ווידער א פּרייז, דער פּוליצער פּרייז (פּולימער טרעוועלינג פעללאָושיפּ) פון 1500$.

אלס א יונגער אכצעהן יעהריגער באַי האָט ער דיריגירט כאָרען, אָרקעסטער אין נואַרק, די ניו דזשוירזי הלוי סאָסייטי, איינינע יאָהר און האָט מיט זיי געגעבען איינינע קאָנצערטען.

אויך מאַרק, פּונקט ווי זיין ברודער, ניט אכטענדיג וואָס ער איז אזוי טיעף אריין אין די היכל'ן פון מוזיק פון די אומות העולם, קען ער זיך אָבער ניט אָברייסען פון זיין מקור, און ער האָט אָנגעשריבען א מערקווירדיגע מוזיקאַלישע פּאָעמע „דער תנא און דער שטן" וואָס די „קאָמפּאָזערס ליג" באַטראַכט יעצט און עס וועט וואַרשיינליך קירצליך געהערט ווערען. ער האָט אויף א טשיקאַוועס אָנגעשריבען „זעקס ושמירו'ס" — און זיי זיינען אזוי אידיש, שעהן, קלאַסיש, שבת קודש'דיג אז עס האָט געמאַכט דעם גרעסטען ערפאָלג ביי די מעהר וועניגער מוזיקאַלישע חזנים און טעמפּלען. ער איז שוין זאָגאַר באַאויפטראַגט געוואָרען צו שרייבען איינינע סאָרטען אנדערע קאָמפּאָזישאָנס און ער טוט די ארבייט מיט גרויס שמחה... פאָרט א חזנ'ישער מקור.

מאַרק סילווער איז אויך דיריגענט פון איינע פון די גרעסטע טעמפּלען פון וואַשינגטאָן הייטס און פון א „ליבהאָבער געזאַנגס פאַראיין" און אונטעררירכט אין זיינע סטודיאָס, 736 וועסט 181טע סטריט און אין קאַרנעגי האָלל (רום 1013) אין די העכערע יסודות פון מוזיק.

אויסער זיינע סימפאָנישע ווערק האָט ער אָנגעשריבען א וויאָלין סאָנאַטע, פּיאַנא סאָלאָס, פון וועלכע איינינע זיינען שוין געדרוקט פון דער באַוואוסטער פאַבלישינג פירמא ג. שוירמער ענד קאָמפּאַני.

חזן חיים סיקער

חזן חיים סיקער, וועלכער איז דער חזן פון קאָנג. קהל עדת ישורון, איסט 113־טע סטריט ניויאָרק, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1899 אין בעלז, בעסאראביע (רומע־ניען). זיין פאָטער נחמיה איז געוועזן א סוחר, אָבער ער האָט זיך גע'בעל'תפלה'ט אויך, און ווען ער האָט געזעהן אז זיין חיים'ל האָט א שטימעלע האָט ער איהם געשיקט

צו חזנים זיי זאָלען איהם לערנען. ער האָט געזונגען אלס וואונדערבארער אלט ביי די חזנים יעקב רימאן, וויגדער טאָקער, משה קייסערמאן, אהרן גאמעניק און אנדערע חזנים אין זייער געגענד.

זיין ערשטע שטעלע איז געוועזן אין ראמאן, רומעניען. ער איז אויף דער שטעלע געשטאנען 2 יאָהר. אָבער די לאגע אין אייראָפּא איז געוואָרען אונערטרעגליך און ער האָט, גלייך ווי אלע אנדערע חזנים, גענומען זיין וועג קיין אמעריקא. דאָ האָט ער באלד באקומען די שטעלע אין דער דער קהל עדת ישורון שוהל, וואו זיין שעהנע דראמאטישע טענאָר שטימע, און זיין שעהנער אמת אידישער דאווענען האָט באלד אויסגענומען און ער איז זעהר באליעבט ביי זיין געמיינדע.

חזן ישראל סרולעוויטץ

ווען דער שרייבער פון די דאָזיגע צייל־ען האָט גע־פרעגט ביי חזן סרולעוויטץ וואָס איז זיין ביאָגראפיע האָט ער געענטפערט:

„וואָס זאָל איך זאָגען א יונגערמאן פון 32 יאָהר?“
מיין קאריערע פאנגט זיך ערשט אָן, קען מען זאָגען,

און איך האָב וועגען זיך גאָר ניט צו זאָגען. אויב אָבער איהר ווילט, וועל איך אייך געבען איינינע פאקטען וואָס איהר קענט אראנדזשירען כראָנאָלאָגיש.

איך בין געבוירען געוואָרען מיט 32 יאָהר צוריק, אין אונגארן. איך האָב געלערענט אין דער ישיבה, געזונגען ביי מיין פעטער, און שפּעטער געזונגען ביי חזן „אייזשע“, אלס א סאפּראן.

„ווען איך בין אלט געוואָרען 14 יאָהר האָב איך געזונ־גען ביי דעם וואונדערבארען אונגארישען גדול פון דער חזנות וועלט, ליפּא ליבערמאן אין בערעגסאס.

אלס 15 יעהריגער אינגעל בין איך געקומען קיין אמע־ריקע. דאָ האָט זיך ביי מיר אנטוויקעלט א שעהנע לירישע טענאָר שטימע. איך האָב געזונגען ביי פארשידענע חזנים.

מיין ערשטע שטעלע איז געוועזן ביי דער קאָנגרעגיישאן אהבת ישורון אין דער 6־טער סטריט; פארשידענע ימים נוראים'ס געדאווענט אין ניויאָרק און אומגעגענד, און יעצט בין איך פארבונדען מיט דער קאָנגרעגיישאָן ת"ת אור חדש, 58 וויליאמס עוועניו, ברוקלין.

חזן משה ערשטלינג

חזן משה ערשטלינג איז געבוירען געוואָרען אין טשאָרטקאָוו, גאַליציען מיט 26 יאָהר צוריק. אָבער מיר קענען איהם אריינרעכענען צווישען די אַמעריקאַנער חזנים, ווייל ער איז געווען א קינד פון 4 יאָהר, ווען ער איז געקומען אהער. אָבער די חסידישע אַטמאָספערע פון טשאָרטקאָוו האָט ער גוט אריינגעזאַפּט, און ניט נאָר, האָט ער אלס קינד געזונגען חסידיש, נאָר אפילו יעצט פילט זיך אין זיין דאַווענען חסידישער ברען. ביי א חסידישען שלש סעודות, וואו משה'לע האָט געזונגען האָט איהם רעוו. יחזקאל לעווינטער אויסגעקליבען און איהם געמאכט פאר א סאָליסט. נאכהער האָט רעוו. וויינגארטען איהם געלערנט נאָטען און האָט געזונגען אויך ביי חזן גלאַדסטאַן, און שפּעטער אויך ביי חזן קאַרניאל, וואו דיריגענט פליישמאַן האָט געפיהרט דעם כאָר.

חזן קארניאל'ס סטיל דאַווענען האָט געמאכט א רושם אויפ'ן קליינעם משה'לע, און ווען עס האָט זיך געמאכט אַן אומגליק אין דער פאמיליע פון חזן ערשטלינג, און דער חוב פון אויפהאַלטען דאָס הויז איז געפאלען אויף איהם, האָט ער אָנגעפאנגען צו דאַווענען. אליין אלס חזן — א וואונדער קינד! דער באוואוסטער מענעדזשער מאָרים וואָלף האָט פאר איהם אראנזשירט שבתים און ער האָט געמאַכט סוקסעס. אַכט שבתים האָט ער גדאַווענט אין באָסטאָן אליין.

דערנאָך קומט געוועהנליך די פעריאָדע פון שווייגען. משה'לע ערשטלינג האָט אָבער ניט גערוהט. ער האָט דורך דער צייט זיך געלאָזט בילדען אין אנדערע למודים, און ווען עס האָט זיך באוויזען א גרויסע לירישע טענאָר שטימע, האָט ער באשלאָסען זיך צוריקצוקעהרען צום עמוד, און ער האָט באַטראָטען אַלס חזן די פאָלגענדע שטעלען: לינטש סטריט נוסח הארי' שוהל; קורלענדער עלדרידזש סטריט שוהל; בני יעקב שוהל, מארסי עוועניו און פארק עוועניו, נאָך חזן הילמאַן, און יעצט שטעהט ער מיט גרויס כבוד אין דער אוהב שלום שוהל, ווערעט סטריט, ברוקלין.

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז חזן ערשטלינג איז אַן אמעריקאנער פּראָדוקט, איזווירקליך צי באוואונדערען זיין התלהבות'דיגען דאַוונען, זיין אָפּהיטען נוסח התפלה, און קענען אזוי גוט דעם גייסט פונ'ם אייראָפּעאישען אידען, איהם צו קענען מאכען פיהלען ניט נאָר די תפלות, נאָר איהם אוועקשלעפען אין דער אלטער היימאט.

חזן משה ערשטלינג האָט זיך אויך געלאָזט בילדען די שטימע און פּאָרבארייטעט זיך פאר דער קאָנצערטביהנע. עס איז קיין צווייפעל, אז ער וועט זיך ענטוויקלען צו זיין איינער פון די פּאָרנעהמסטע חזנים פון דעם יעצט־וואקסענדען דור.

דער יונגער ערשטלינג איז זעהר אקטיוו אין "חזנים פארבאנד", ער באטייליגט זיך אין כמעט יעדען קאָמיטעט, און זיין שטרעבען איז צו דערהויבען דאס חזנות אויף דער העכסטער מוזיקאלישער און בכבוד'דיגער שטופע.

חזן זונדעל עסקאָוויטץ

ווי זאָגט דער בעל המשנה: "לא הרי זה כהרי זה„. ניט אלע חזנים זיינען גלייך מיט זייערע קאריערען, און ניט יעדער איינער פארמאָגט אלע אויסצייכנונגען. „הצד השוה שבהם", אז זיי זיינען אלע גוטע חזנים...

אויב איין חזן קען זיך באריהמען מיט א דיפלאָם פון א קאָנסערוואטאָריע, קען זיך אן אנדערער באריהמען מיט א שטימע. א דריטער מיט תפלה. עס זיינען דאָ אנדערע וואס האָבען געלעגט א גרעסערען געוויכט אויף לערנען און אויף יראת שמים.

חזן זונדעל עסקאָוויטץ פון דער תפארת ישראל, ווילאבי עוועניו שוהל, ברוקלין, באלאנגט צו דער קאטעגאָריע וואס קען זיך ריהמען אויסער מיט זיין פאכמאנשאפט אלס חזן, אויסער מיט זיין אמת אידישער תפלה אויך מיט דעם, וואס ער איז באהאוונט אין די היכלי התורה, און וועלכער איז אין זיין פערזענליכקייט העכסט פאסיג צו זיין דער שליח צבור פאר א אידען.

חזן זונדעל עסקאָוויטץ איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1884 אין נאָוואָראדאָק, מינסקער גובערניע, און כאָטש זיין פאָטער ר' יהושע ברוך איז געוועזן אן אויסגעצייכנעטער בעל תפלה, און זיין זיידע איז אויך געוועזן א באריהמטער בעל תפלה, דאָך האָט איהם זיין פאָטער ניט געשיקט צו חזנים צו לערנען חכמת המוזיקע, נור גראד אין די ישיבות צו לערנען תלמוד און פוסקים.

תפלה האָט דער פאָטער ליעב געהאט און אזוי ווי זונדעל האָט געהאט א גרויסארטיגען אלט האָט ער איהם געלאָזט זינגען, אָבער נור אלס א טפל. ער האָט געזונגען ביי חזן שלמה נח גערשענאָוויטץ, א שעהנער מנגן וואס איז נאכהער געוועזן אין אמעריקא; ביי חזן באיארסקי, וועלכער געפינט זיך יעצט אין מאנטשעסטער און א שטיקעל צייט ביי דעם באריהמטען יאָשע סלאָנימער.

ווען ער איז שוין געוועזן א „בחור", און ער האָט באקומען זיין מענער שטימע (א שעהנע טענאָר שטימע) איז ער שוין געוועזן אין ווילנא אין דער ישיבה, און שפעטער געלערנט אין חסידים מנין. זיין קול נגינה האָט זיך נור געהערט אין תורה.

ביז איינמאָל ווען ער איז אלט געוועזן ארום 17 יאָהר האָט ער געבענשט „טל" ביי דעם נאמן פון די ווילנער צדקות, די באוואוסטע פאמיליע קאצענעלענבאָגען, און ער האָט געדאוונט מיט אזא מתיקות, אז מען האָט איהם געצוואונגען, אז ער זאָל ווערען א חזן און זיין א מתפלל.

אום אויסצומיידען פריזיוו איז ער אוועק קיין אמעריקא, אָבער ווי זאָגט דער פסוק „עם לבן גרתי" (ותרי"ג מצות שמרתי)... שוין דאָ אין אמעריקא 19 יאָהר, אָבער געבליבען אלץ דערזעלבער אָבגעהיטער מענש, א איד וואָס איז קובע עתים לתורה, און נעהמט אנטייל אין אלעם וואָס איז נוגע חיזוק הדת.

ער האָט דאָ אָנגעהאלטען פיעלע וויכטיגע שטעלען, צווישען זיי די פאָלגענדע קאָנגרעגיישאָנס: אוהל יעקב, עלען סטריט, מינסקער שוהל, הענרי סטריט, אגודת אחים בני יעקב, בראָנזוויל, פועל צדק אנשי איליע, פאָרסייטה סט., און זייט די לעצטע 5 יאָהר אין דער תפארת ישראל שוהל, ווילאבי עוו. ברוקלין, וועלכע האָט איהם ערשט אויפסניי ערוועהלט אויף נאָך דריי יאָהר.

אברהם ס. עלשטיין

מיר וועלען יעצט שרייבען וועגען א יונגען באָי, סך הכל 16 יאָהר אלט, וואָס פארדיענט אז מ'זאָל וועגען איהם ווידמען אין דיעזען זשורנאל אם ווינציגסטענס א האלבּ־דוצענד פיידזשעס. דאָס איז א יונגער זשעני אויף וועמעס ארבייט און ענטוויקלונג עס קוקט די גאנצע מוזיקאלישע וועלט. ער איז אָבער פאר אונז דאָבעלט אינטערעסאנט. ניט בלויז דערפאר, וואָס ער איז א אידישער אינגעל, נאָר אויך דערפאר, וואָס ער האָט זיך געהאָדעוועט אויף חזנ'ישע הענד.

אברהם ס. עלשטיין איז געבוירען געוואָרען מיט 16 יאָהר צוריק, צו זיינע עלטערען אישר און לינא — א ניו יאָרקער אידישע ארבייטער פאמיליע. ער האָט אלס קליין קינד ארויסגעוויזען מערקווירדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען, און מ'האָט איהם געוועהנליך גענומען צו א חזן. האָט ער געזונגען אַלט ביי פארשידענע חזנים צוזאמען מיט זיין ברודער הערי, וועלכער איז אויך א טאלאנטפולער דיריגענט און פאכמאן, און צו 9 יאָהר טרעט ער אריין אינ'ם כאָר פון מעטראָפאליטען אָפּערא הויז, צו זינגען אין אזעלכע אָפּערען וואו קנאבען ווערען געברויכט. צו 12 יאָהר האָט ער שוין דיריגירט א כאָר פאר דער ארטהור האָפּקינס פּראָדאָקשאָן „ריכארד דער דריטער!“, אין וועלכען דער בארימטער דזשאהן בארימאָור האָט געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. ער האָט געשאפען א וואונדערבארע און איינדרוקספולע מוזיקאלישע פּראָלאָגען פאר די צוויי אידישע פילמס „הומאָרעסק“ און דער „גולם“, וואָס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען אין א רייהע קיעטה און לאָו'ס טעאטערע פאר סאָלאָ כאָר און אָרקעסטער באגלייטונג.

מ'האָט דעם יונגען וואונדער קינד געבראכט צו פרעדעריק דזשאקאָבי, דער דייטשער דיריגענט אין מעטראָפּאָליטאן, וועלכער האָט לכתחלה איהם אפילו ניט געוואָלט הערען. אָבער הערענדיג זיין טאלאַנט, איז ער געוואָרען זיין פריינד, און האָט איהם אונטעררריכט אין הארמאָני, קאָמפּאָזיציע און די אַנדערע יסודות פון מוזיק גאַנץ אומזיסט. ער האָט איהם געגעבען א סקאלערשיפּ פאר דריי יאָהר צייט. ער האָט אויך געלערנט פיאנא אין ניו יאָרק קאלעדזש אָוו מוזיק, און קאונטערפּאינט ביי דעם באריהמטען אמעריקאנעם גדול טשארלס האביעל.

רובין גאָלדמארק, ארטהור באָדאנסקי און אנדערע באריהמטע אידישע דיריגענטען און קאָמפּאָזיטאָרען זיינען איצט פאראינטערעסירט אין איהם און מ'ערווארטעט מיט אומגעדולד וואָס ער וועט שאפען, ווען ער וועט ווערען רייף.

ער האָט שוין געשאפען א 4 אקטיגע אמעריקאנער אָפּערא „די פּייפּער“, ליברעטא פון פּרעסטאן פּיבאדי; סימפאָנישע ווערק; א קאנטאטא „זומער־נאכט“; א וויאָלין קאָנטשארטא, איינינע פּרעלודען פאר וויאָלין און פּיאנאָ צעהנדליגע אידישע און ענגלישע לידער און באַלאַדען און א גרויסע צאָהל כאָראלע קאָמפּאָזיציאָנען, וועלכע ווערען געזונגען אין פיעלע שוהלען און טעמפּלען.

ער איז זייט די לעצטע דריי יאָהר דער אָרגאניסט און דיריגענט אין טעמפּעל איזראעל, וואשינגטאָן הייטס און אקאָמפּאנירט פיעלע ארטיסטען אין זייערע קאָנצערט אויפטריטע, און זיי זינגען און שפּילען פילע פון זיינע שאַפונגען, און די חזנים זיינען באזונדערס שטאָלץ אויף זייער אייבי — דער אלט'ל, וואָס איז צו 16 יאָהר א קינסטלער אויף וועמען די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט קוקט מיט אָפענע אויגען. ער איז אויך דער אקאָמפּאַניסט פונ'ם יובילעאום קאָנצערט פון די חזנים.

די וועלט האָט ניט קיין צו גרויסען צוטרוי צו וואונדער קינדער — אָבער אברהם ס. עלשטיין איז שוין אריבער די פעריאָדע פון צווייפעל. ער וואקסט פון טאָג צו טאָג אין זיינע קענטניסע און אין זיין טעכניק. ער וואקסט א מוזיקער מיט וועמען מ'וועט זיך דארפען רעכענען.

חזן אברהם פראכטענבערג

צווישען די חזנים מנגנים, וואָס האָבען געשאַפען וויכטיגעס פאַר דעם עמוד דאַרף מען אריינרעכענען חזן ר׳ אברהם פראכטענבערג.

חזן אברהם פראכטענבערג איז געבוירען געוואָרען אין קאמעניעץ פּאָדאָלסק אין 1861. זיין פאָטער ר׳ חיים ליב איז געווען א גרויסער מנגן אָבער קיין פרנסה דערפון האָט ער ניט געוואָלט ציהען. צו 9 יאָהר אז אברהם האָט געהאט א שעהן שטימעלע האָט מען איהם געשיקט צום חזן „הערשעלע פילענר“ ביי וועמען ער האָט געזונגען די ערשטע ימים נוראים. שוין דאמאָלט האָבען פיעלע געזאָגט, אז אברהם׳ל וואקסט א חזן. חזן פראכטענבערג געדענקט נאָך איינמאָהל א פורים האָט ער געזאָגט „אתה זוכר“ מיט אזוי פיעל מתיקות, אז גאנץ קאמעניין האָט מיט איהם געקלונגען.

ווען די פראכטענבערג פאמיליע איז אריבער קיין עסטרייך איז אברהם שוין אלט געווען 16 יאָהר און איז אריינגעטראָטען צו ר׳ ירוחם הקטן אין טארנאָפּאָל. ר׳ ירוחם איז געווען איינער פון די באריהמטעסטע מתפּללים פון לעצטען דור און אין א קורצע צייט, האָט ער שוין געלעזען נאָטען און איז געוואָרען אזא פאכמאַן, אז ער איז אויך געוואָרען ר׳ ירוחם׳ס כאָר דירינגענט, 2 יאָהר. ביי ר׳ ברוך שאָר אין לעמבערג, איז ער געווען 1 יאָהר צייט; און ביי חזן יעקב באכמאן אין לעמבערג 2 יאָהר צייט.

דערנאָך איז חזן פראכטענבערג געוואָרען חזן פאר זיך, און האָט באטראָטען די פאָלגענדע וויכטיגע שטעלען: אין בוקארעסט אין דער גרויסער כאָר שוהל; אין גאלאַץ; אין זלאטשוב 3 יאָהר; אין פשעמישל 5 יאָהר, און מיט 22 יאָהר צוריק איז ער געקומען קיין אמעריקא און האָט באטראָטען שטעלען ביי די כל ישראל אנשי פוילען, דוקלער מגן אברהם, חתם סופר שוהל, קלינטאָן סטריט, וואַרשאווער שוהל, ווערעט סטריט ברוקלין, רומענישע שוהל שערי שמים.

עס איז מערקווירדיג וואָס טהעאָרי פון מוזיק האָט חזן פראכטענבערג ערשט געלערנט, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, און דאָך איז ער געווען איינער פון די וויכטיגסט שעפפער פאר׳ן עמוד אין גאליציען. איבעראָל האָט מען גערעדט וועגען פראכטענבערג׳ס קאָמפּאָזיציס און ווי וואונדערבאר זיין כאָר זינגט.

חזן פראכטענבערג האָט געהאט א באַס שטימע, וועלכע האָט אָבער פארמאָגט אזוי פיעל מתיקות און ליריזם־קייט, אז מנגנים פלעגען איהם ממש פארגעטערען. עס איז אָבער געקומען אן איבערגאנגס פעריאָדע אין׳ם חזנות אין אמעריקא, וואו דאָס ערשטע וואָס מ׳פאָדערט פון א חזן איז א גרויסע טענאָר שטימע, און חזן פראכטענבערג האָט זיך גענומען צו דיריגירען (אין גוטע דיריגענטען איז גראָד געווען א מאנגעל), און אין די לעצטערע צייט טרעפען מיר איהם שוין אלס דיריגענט... אין דער בעדפאָרד עוועניו שוהל, קאָרנער יוהז, אין דער סאוטה 5־טע סטריט שוהל, וואו ער שטעהט זעהר בכבוד און דער עולם האָט גרויס גענוס פון זיין נגינה.

חזן פראכטענבערג ארבייט יעצט פלייסיג און וועט אין גיכען ארויסגעבען ארויסגעבען דאָס ווערק וואָס ער האָט צוגעגרייט פאר דרוק — א זאמלונג פון קאָמפּאָזיציאָנען פאַר כאָר און קאנטאָר סאָלאָ, ווי אויך רעטשיטאטיווען.

אלס איינער וואָס האָט געזונגען און געלעבט צוזאמען מיט פיעלע גרויסע חזנים פון לעצטען דור, האָבען מיר באַקומען די פאָלגענדע אינטערעסאנטע כאראקטער שטריכען וועגען אייניגע גאוני התפלה והנגינה פון יענער צייט.

יעקב באַכמאַן. — יעקם באכמאן איז געבוירען געוואָרען אין קעשענאָוו און האָט אָנגעפאנגען זינגען ביי משה פאסטערנאק, וועלכער האָט קיין נאָטען ניט געקענט, איז אָבער געווען א וואונדערבארער מתפלל, און אָט דיעזען סטיל האָט חזן יעקב באכמאן געברויכט אין זיין תפלה. ער האָט פארמאָגט איינע פון די קאָלאָסאַלסטע טענאָר שטימען (חזן פראכטענבערג האָט איהם געקאָנט אלס יונגערמאן פון 35 יאָהר) און פלעגט ארויפזועצען ביז „ע בעמאָל“. ער האָט חתונה געהאט פאר א חזן׳ס א טאָכטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איז דאָרט געוואָרען חזן.

דערנאָך טרעפען מיר איהם אין אדעס, אויפ׳ן נייעם מארק, אין ראָסטאָוו־אם־דאָן, אין בערדיטשעוו אין דער כאָר שוהל, דערנאָך אין לעמבערג, און פון דאָרט האָט מען איהם צוגענומען אין אדעס אויף פיצע׳ס שטעלע...

באכמאן איז דאמאָלסט געווען א יונגערמאן אין פארגלייך מיט פיצע, אָבער באכמאן האָט דערצעהלט אז ער וועט קיינמאָל ניט פארגעסען דעם איינדרוק פון פיצע׳ס תפלה. ער האָט פריהער געדאווענט און האָט געמיינט אז אָט איז שוין פיצע אויס חזן, אָבער פיצע האָט געהאט אזא גאונות אין תפלה, און האָט פארמאָגט דאָס וואָס קיין חזן האָט ניט פארמאָגט...

דערנאָך האָט איהם ארויסגערופען דער ראמבאך טעמפעל פון בודאפעסט און פון דאָרט שם׳ט זיין נאָמען איבער דער גאנצער וועלט. ער איז געווען בפה מלא דער קעניג פון חזנות, און האָט געהאט כבוד ווי א מלך. ער האָט אויך געהאט אפערס פון דער אפערא (דער דירעקטאר פלעגט איהם זעהר אָפט קומען הערען) אָבער ער האָט זיי צוריקגעוויזען. ווען באכמאן איז געשטאָרבען האָט ער נאָך געהאט דעם פולען גלאַנץ פון זיין שטימע, און די וואָס געדענקען איהם זאָגען אז לא קם כבאכמאַן. ער האָט איבערגעלאָזען אייניגע ווערק, אמת מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען. זיין אויסצייכנונג איז געווען אין באהאנדלען סאָלאָס, שעהנעם קלאַסישען פּאָרטראַג, זיין התלהבות׳דיגער „זאָגען“ און דער עיקר איז געווען זיין קאָלאָסאַלע שטימע.

פּיצע אברעסס, איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד, און איז געווען אַ משורר ביי דעם גרויסען און באַריהמטען בצלאל אָדעסער, וועלכער איז דער „פּאָטער", דער אָריגינעלער „מקור" פון די אַלע „זאָגעכטצען" וואָס מ׳הערט פון אַלע חזנים. פּיצע׳ס שטימע איז געווען אַ לירישער באַריטאָן, מיט וואונדערבאַרען קאָלאָראַטור. ער איז געווען אַ געוואַלדיגער חריף אין מאַכען פאַרשידענע וואַריאַציעס, איבערגענגע, און שאַפען וואונדערליכע פאַנטאַסטישע קאָמפּאָזיציאָנען.

ער האָט אָנגעהאַלטען שטעלען אין טאַרנאָפּאָל, וועלכע איז געווען אַ באַריהמטע קוועלע פון חזנות צו יענער צייט — אין טעמפּעל, דערנאָך אין לעמבערגער טעמפּעל, און דערנאָך אין אָדעס וואו ער איז געווען חזן אַלע זיינע יאָהרען.

פּיצע איז געווען אַ מאַגנאַט אין זיין פּערזענליכקייט, און האָט געפיהרט אַ הויז ווי אַ מלכות, און האָט ערצויגען זיינע קינדער אויף אַ העכסט אַריסטאָקראַטישען אופן. זיין טאָכטער איז געוואָרען אָפּערא זינגערין, און זיין זוהן באַריסאָוו איז געווען אַ באַריהמטער אָפּערא זינגער.

ער האָט געשאַפען פיעלע וויכטיגע ווערק, און זיין אויסצייכנונג איז אויך געווען דאָס באַהאַנדלען פון די קאַנטאָר סאָלאָס אַזוי רייך, אַזוי אייגענאַרטיג, אַזוי פיעל באַפּוצט און באַציערט, אַז קיינער האָט עס ניט געקענט נאָכהאַמען. זיין שטימע איז געווען אַ ווייכע וואָס האָט זיך געלאָזט צופּאַסען צו „שטייגער", אין וועלכען ער איז געווען אַ חד בדרא.

פּיצע אברעסס איז אַ צייט לאַנג געשטאַנען צוזאַמען מיט חזן יעקב באַכמאַן. באַכמאַן איז געווען דער יונגערמאַן און פּיצע אברעסס דער עלטערער, אָבער ניט אין שטימע, ניט אין „זאָגעכטס", ניט אין באַהאַנדלען סאָלאָס, איז דער „אַלטער" אָראָבגעפאַלען ביי זיך. אדרבה, עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ קאָנקורענציע ביים עמוד, וואָס איז געווען דער געשפּרעך פון גאַנץ אָדעס, און מ׳האָט גערעדט משבת לשבת צו הערען נייעס — יעדער האָט געזוכט דעם אַנדערען צו איבערשטייגען.

ר׳ ניסן בעלזער. — ר׳ ניסן בעלזער איז גאָר געווען אַ ליטוואַק, אָבער ער איז געווען חזן אין בעלז בעסאַראַביען, און דערפאַר איז איהם געבליבען דער צונאָמען. זיין נאָמען איז געווען ספּיוואַק.

ר׳ ניסן בעלזער האָט כמעט גאָר קיין שטימע ניט געהאַט, און מ׳זאָגט אַז אפילו נאָטען האָט ער אויך ווייניג געקענט, דאָך איז ער געווען איינער וועמעס כאָר געזאַנג האָט פאַר׳כשופ׳ט אַ וועלט מיט אידען. ער איז געווען אַ מייסטערהאַפטער כאָר דיריגענט. אַ סימפאָניע איז געווען זיין כאָר... און ער האָט טאַקע געהאַט די זכיה צו האָבען די בעסטע זינגער... ווייל אַ זינגער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ זכיה צו קענען זינגען אין דער „קאָנסערוואַטאָריום" פון ר׳ ניסן בעלזער... פיעלע פון זיינע תלמידים זיינען געוואָרען גרויסע אָפּערא זינגער, און אַנדערע גרויסע וועלט חזנים.

ער איז געווען אַ משורר ביי זלמן קאָנסטאַנטינער, און אויך ביי ר׳ ירוחם הקטן. ער האָט אַ שאַרפע קאָפּ, און האָט אַלעס איבערגענומען. ער האָט אָנגעהויבען שרייבען קאָמפּאָזיציעס נאָך איידער ער האָט גוט געקענט נאָטען, און זיין נאָמען האָט אָנגעפאַנגען קלינגען איבער גאַנץ רוסלאַנד פאַר זיינע וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציעס און פאַר זיין וואונדערבאַרען געזאַנג.

זייענדיג אין בעלז האָט ער געלערענט מוזיק, האַרמאָניע, און האָט דיריגירט אָרקעסטערס אויך. ער איז געווען חזן אין קעשענאָוו און פון דאַנען איז ער אַוועק קיין בערדיטשעוו.

ר׳ ניסן בעלזער האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ ירוחם׳ס פלימעניצע, אָבער עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיגע מלחמה צווישען די צוויי גרויסע חזנים...

ר׳ ניסן איז געשטאָרבען אין סאַדאַגורע (עס איז געווען זיין וואונש דאָרט צו שטאַרבען) און איז שוין געווען אַ זקן בא בימים. מיט איהם איז געשטאָרבען אַן אינסטיטוציע, אַ אידישע קאָנסערוואַטאָריע, אַ קאַפּיטעל חזנות־געשיכטע.

ר׳ ירוחם הקטן. (בלינדמאַן איז געווען דער פאַמיליע נאָמען). אַ וואונדערבאַרער מענש געווען ר׳ ירוחם! האָט מען איהם איינמאָל געהערט דאַווענען, האָט מען עס אין לעבען ניט געקענט פאַרגעסען. און מערקווירדיג, ער האָט ניט געהאַט קיין וואונדערבאַרע שטימע. ער האָט געהאַט פריהער אַ שטימעלע וואָס האָט קיין גרעניץ ניט געהאַט, טאַקע געווען עד לשמים. אַ באַריהמטער זינגער קעללער, האָט איהם די שטימע אַביסעל אָראָבגעזעצט און עס איז געוואָרען אַ לירע טענאָר. אויסער „תפלה" האָט ער אויך איינגעזונגען כאָר נומערען בעסער ווי די בעסטע כאָר מייסטער. זיינע שבתים און יום טובים זיינען געווען קאָנצערט שטיקער צו וועלכע אפילו גוי׳שע מוזיק ליבהאָבער פלעגען קומען...

ער איז געווען אַ תלמיד פון׳ם גאון התפלה ישעסטאָפּאָל, אָבער די וואָס האָבען איהם געהערט זאָגען, אַז ר׳ ירוחם איז געווען גרעסער. ער האָט אויך געלערענט פון בלומענטהאַל. דער כאָר פלעגט אויפפיהרען אַזעלכע זאַכען ווי „הלוי׳ם מן המצר", און דורכפיהרען קינסטלעריש...

חזן פראַכטענבערג האָט איהם קענען געלערענט ווען ר׳ ירוחם איז שוין געווען אַ בן ששים, אָבער ער האָט זיך וואונדערליך געהאַלטען, און איז געווען אַן אַריסטאָקראַט אין זיין גאַנג און אין פיהרונג. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ חסידישער מענש, און דאָך אַ משכיל, און ביי איהם אין הויז איז געשטאַנען אַ פּאָרטאָ־פּיאַנאָ.

ער האָט באַטראָטען שטעלען אין בערדיטשעוו, פּאָלטאַווא, טאַרנאָפּאָל, וואו ער איז געווען 9 יאָהר, און האָט קאָנצערטירט איבער גאַנץ רוסלאַנד און עסטרייך.

ער איז אַלט געווען 93 יאָהר ווען ער איז געשטאָרבען און האָט נאָך דעם לעצטען ימים נוראים געדאַווענט אַליין, און מ׳זאָגט אַז ער האָט געדאַווענט ווי אַ יונגערמאַן.

די וואָס געדענקען ר׳ ירוחם ע"ה זאָגען אַז אַזאַ פאַנטאַזיאָר, אַזאַ מייסטער מיט׳ן כאָר, און אַזאַ סאָלאָ זינגער מיט׳ן כאָר, (אָהן שטימע כמעט) דאָס האָט די וועלט נאָך ניט געהאַט.

קאנטאר אברהם אליהו פרידמאן

א סך יונגע לייט וואס פונקציאנירען יעצט אלס קאנטארען אין די פארשידענע שוהלען און טעמפלען האבען געזוכט, אין וועלכער עס איז באשטימטע צייט אין זייער קאריערע, זיך אוועקצודרייסען אין די העכערע ספערען פון מוזיק, אין די מוזיק פון דער גרויסער ברייטער וועלט. זייער „גירסא דינקתא“, זייער אידיש מוזיקאלישע ערציהונג האט אבער אלע מאל געהאט די אויבער־האנד איבער זיי, און זיינען צוריקגע־קומען צום עמוד.

דער עמוד האט דאדורך געוואונען א סך יונגע לייט, אמת מוזיקאלישע מענשען, מיט א רעפינירטען געשמאק אין מוזיק, און מיט אן איידעלער אויסטייטשונג פון די תפלות, אימער אכטענדיג נוסח וואס איז דער באזיס פון דער תפלה.

אין דער קאטעגאריע קען מען ארייַנרעכענען דעם יונגען חזן אברהם אליהו פרידמאן, יעצט חזן אין דער שערי תורה טעמפעל אין בעדפארד עוועניו, ברוקלין.

חזן פרידמאן איז געבוירען געווא־רען אין 1886 אין יוזאווא, יעקאטע־רינאסלאווער גוברניע. ווען ער האט אלס אן אכט יעהריגער אינגעל ארויס־געוויזען טאלאנט צום זינגען האט מען איהם אוועקגעפיהרט צום שטאדט חזן גרינבערג. שפעטער האט ער געזונ־גען ביי חזן ישעי׳ שטיינבערג אין לוגאנסק, און שפעטער ביי דעם גרויסען בארימטען משה בער אין יעקאטערינאסלאוו. כאטש ער איז דא נאך אליין געווען א אינגעל, דאך געדענקט ער נאך גוט די תפלות פון דיעזען גרויסען מתפלל און זיי האבען א געוואלדיגע ווירקונג אויף זיין היינטיגען ערפאלג אין תפלה.

האט אבער געדורשט נאך העכערע מוזיק, און איז אריינגעטראטען אין דער קאנסערוואטאריום, און פאהרט אב נאך אלס יונגערמאן צו זיין אנקעל חזן פרידמאן אין בערלין, אין דער ארבורגער טעמפעל. דא לערנט ער אלגע־מיינע מוזיקאלישע למודים, בילדעט אויס זיין שעהנע לירי־שע באריטאן שטימע. ער איז געווארען דארט קאנטאר און מאכט גרויס ערפאלג מיט זיין דאווע־נען.

אין 1912 מאכט ער זיין וועג קיין אמעריקא, און באטרעט וויכטי־גע שטעלען אין די פאלגענדע שטעדט: אינדיאנאפאלים, וואו ער שטעהט 2 יאהר; אין נוארק; אין ת״ת אוו גרינפאינט, ברוקלין; אין ניו־הייווען וואו ער שטעהט צוויי יאהר, און פון וואנען די שערי שורה טעמפעל, ברוקלין, האט איהם צוגענומען און וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד יעצט.

קאנטאר פרידמאן, ווי געזאגט, איז א העכסט מוזיקאלישער חזן, און אויסער זיין חזנות איז ער א באדייטענדער פיאניסט, (א שילער פון דעם באוואוסטען פיאניסט וויגאדסקי) און אונטערריכטעט יעצט געזאנג און פיאנא. ער האט דא אויך באזוכט דעם דאמראש אינסטיטוט, פון וועלכען ער האט באקומען צייגני־סע.

דער פראגראם פון דאווענען ביי חזן פרידמאן איז געבויט אויף דער שוהלע פון לעוואנדאווסקי, זולצער, נאמ־בערג און די אנדערע גרינדער פון׳ם מאדערנעם חזנות. געמישט מיט יענעם „אידישען“ דאווענען וואס ער האט איינגעזאפט אין זיך נאך אלס אינגעל אלס משורר ביי דעם גרויסען „משה בער“.

חזן דוד׳ל פּוטערמאַן

ווען די היסטאָריקער פון די שפּעטערדיגע צייטען וועלען זוכען דעם „בראשית“ פון אמעריקאנער חזנות, וועלען זיי מוזען אָנפאַנגען פון דוד׳ל פּוטערמאַן, דער חזן פון טעמפּעל איזראעל, אין וואשינגטאָן הייטס. מיט דוד׳ל פּוטערמאַן פאַנגט זיך אָן א נייער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון חזנות — דאָס איז דאָס א מ ע ר י ק א נ ע ר קאפּיטעל.

ביז דוד׳ל פּוטערמאַן האָבען אלע חזנים אַן אייראָפּעאישע היסטאָריע. אלע זיינען געבוירען אויף יענער זייט ים; זיינען דאָרט געווען משוררים, האָבען דאָרט שטודירט, און די מעהרסטע זיינען דאָרט געוואָרען חזנים. דוד׳ל פּוטערמאַן איז געבוירען אין דער געדיכטער, ענגער איסט סייד, ניו יאָרק, איז דאָ ערצויגען געוואָרען, און איז דער ערשטער אמעריקאנער פּראָדוקט.

מ׳קען ניט ערווארטען פון א יונגעמאן פון 22 יאָהר, אז ער זאָל זיין א מחדש; פון איהם איז גענוג צו ערווארטען, אז ער זאָל זיין א געטרייער נאָכפאָלגער פון דאָס אלטע, און דאָס מוזען מיר צושרייבען צום קרעדיט פון דיעזען מאָדערנעם יונגען מאַן, אז ניט אכטענדיג וואָס ער איז אַן אמעריקאנער געבוירענער יונגערמאַן, און ניט אכטענדיג, וואָס ער האָט ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו שטודירען דאָס אייראָפּעאישע חזנות פון דער נאָהענט, און ניט אכטענדיג, וואָס ער איז דער חזן אין א מאָדערנעם טעמפּעל, איז ער אָבער א געטרייער אָבהיטער פון נוסח התפלה, און האָט אין זיך איינגעזאפּט אידישע תפלה דורך די גרויסע חזנים ביי וועמען ער האָט געזונגען דאָ אין אמעריקא, און דערצו איז ער פון דער נאטור געבענשט מיט א זיעסע לירישע טענאָר שטימע, וועלכע לאָזט זיך בויגען פאר תפלה, און דער יונגער אמעריקאנער חזן איז זעהר ערפאָלגרייך.

דוד׳ל פּוטערמאַן האָט אָנגעפאנגען זיין קאריערע אלט און אלטיל ביי דיריגענט גאנאפּאָלסקי אין דער רומענישער שוהל שערי שמים, מיט חזן יוסף דזשייקאָבסאָן. דוד׳ל סאָלאָס זיינען אלע מאָל געווען געזאָגט מיט הארץ און טאַטעס און מאַמעס פלעגען זיך בענשען מיט איהם. שפּעטער האָט ער געזונגען אין די כאָרען פון ר׳ זיידעל ראָוונער און ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאט, און ר׳ יעקב ראפּאָפּאָרט.

דאן איז געקומען די פּעריאָדע פון שטילשווייגען. זיין שטימע האָט זיך געביטען, און עס האָט זיך ענטוויקעלט זיין שעהנע, זיסע, סאמעט־ווייכע טענאָר שטימע, וועלכע וואקסט מיט יעדען יאָהר אלס שטארקער און שטארקער אין קראפט. ער איז זעהר געשעצט און באליעבט ביי זיין געמיינדע און אויך ביי טויזענדער פון אנדערע געגענדען, וועלכע האָבען איהם געהערט אין קאָנצערטען.

דוד׳ל פּוטערמאַן האָט שטודירט ביי גרויסע געזאנגס לעהרער די קונסט פון זינגען און א קלאסישען רעפּערטואר, און איז ניט ווייניגער ערפאָלגרייך אויף דיעזען געביעט. דער יונגער חזן זינגט גאנץ אָפט אויף קאָנצערטען פאר׳ן בענעפיט פון פארשיעדענע טשאריטי אינסטיטושאָנס, און זיין אויפטריט ברענגט שעהנע סומען פאר צדקה.

חזן שמעון פיין

חזן שמעון פיין, וועלכער האָט די אויסצייכנונג, אז ער איז געווען 21 יאָהר אויף איין שטעלע אין דיזען לאנד, וואו מען בייט חזנים כמעט יעדעס יאָהר, איז געבוירען געוואָרען מיט 47 יאָהר צוריק אין סלוצק. זיין פאָטער ר׳ אליעזר איז געווען א שעהנער בעל הבית, אמאָל א שטיקעל בעל תפלה אויך, און האָט זיין זוהן געגעבען א פיינע אידישע ערציהונג.

ער איז געווען משורר ביי די פאָלגענדע גרויסע חזנים, וועמעס נעמען מען דערמאנט נאָך יעצט מיט יראת הכבוד: חזן מאיר לידער אין סלוצק, חזן יואל זעליג אין פינסק, חזן ברוך הירש (דער פאָטער פון זאוועל זילבערטס), ביי יאָשע סלאָנימער, און אין דער ביאלעסטאָקער כאָהר־שוהל, וואו דער כאָהר איז געווען אונטער דער לייטונג פון דעם באוואוסטען דירי־גענט בערמאן.

חזן פיין איז איינער פון די פיאָנערען פון אמעריקא־נער חזנות. ער איז געקומען אהער מיט 28 יאָהר צוריק און האָט באטראָטען שטעלען אין דער יאגוסטאווער שוהל, אין דער האָלענדישער שוהל (דאן 6טע סטריט), קאָנג. עדת ישראל, 57טע סטריט (עקזיסטירט ניט מעהר) און דאן אין די זכרון אפרים שוהל, 67טע סטריט, וואו ער איז געשטאנען 21 יאָהר מיט׳ן גרעסטען כבוד. יעצט האָט איהם צוגענומען „טעמ־פעל איזראעל" פון ווילקעסבאר, וועלכע האָט ניט לאנג צוריק אויסגעבויט א וואונדערבארען מקום קדוש.

שוין זייענדיג דאָ האָט חזן פיין באזוכט די אינטערנע־שאָנאל קאָנסערוואטאָריע פון וועלכע דער גרויסער מוזיקער אנטאָן דווארזשאק איז געווען דער דירעקטאָר. ער האָט דאָ פיער יאָהר געלערנט. ער האָט אויך געלערנט ביי איי־ניגע געזאנגס לעהרער די קונסט פון שעהן זינגען. חזן פיין ווערט דערפאר באטראכט און גערעכענט אין דער קלאס פון פיין־מוזיקאלישע, מאָדערן־אידישע חזנים. ער פארמאָגט אויך א שעהנע באריטאָן שטימע און איז א שעהנער אידיש־קלאסישער דאוונער.

חזן פיין האָט אויך א שעהנעם קאפיטעל אין דער ענטוויקלונג פון חזנים פאר־באנד. ער איז א מיטגליד פון דיזען פארבאנד שוין העכער 26 יאָהר, און פון דער ערש־טער מינוט איז ער אקטיוו און טעטיג.

נאָך אין די צייטען ווען ניו יאָרק איז ניט געווען „חזנ׳יש געשטימט", האָט חזן פיין אויף זיין אייגענעם חשבון אונטערגענומען חזנ׳י־שע קאָנצערטען; ער האָט געציינט די אויסערע וועלט, וואס חזנים אלס א קערפער־שאפט קענען טהאָן, און ער האָט פאראינטערעסירט די אלע רייכע יאהודים, וועלכע זיינען געשטאנען ווייט פון אידישער מוזיק.

עס איז אויך דאָ כדאי צו באמערקען, אז ער האָט זיינע קינדער געגעבען א העכסט מוזיקאלישע ערציהונג. איין טאָכטער (מרס. פנחס יאסי־נאָווסקי) איז אן אויסגעצייכענטע פיאניסטין, און איז געווען די אקאָמפאניאטאָרין צו די זינגער ביי דעם קאָנ־צערט פאראיאָהרען אין קארנעגי האָלל. נאָך א טאָכטער זיינע איז א וואונדערבארע זינגערין און גרייט זיך יעצט צו פאר דער קאָנצערט ביהנע.

חזן פיין, ניט אכטענדיג, וואס ער איז יעצט אין ווילקעסבארע, האָט ער דאָך זיינע פארבינדונגען מיט דעם חזנים פארבאנד ניט אָפגעבראָכען, נאָר ער טהוט זיי אר־בייט ווי פריהער.

חזן יעקב יהודא פרעסס

חזן יעקב יהודא פרעסס איז געבוירען געוואָרען אין א קליין שטעדטעל, פיקעלין, טעלזער אויעזד, קאָוונער גרבערניע. נאָך אלס איינגעל פון 8 יאָהר ווען ער האָט געזונגען ביי דעם שטאָדט חזן האָט ער גרויס קענטניס אין געזאַנג ארויסגעוויזען. זיין שטימע איז געוועזן פון די באריהמטע אלטלעך, וואס חזנים פלעגען גנב'ענען איינע פון די אנדערע. ער האָט א וויבען קאָלאָראטור און האָט געזונגען מיט גרויס געפיהל.

צו 9 יאָהר איז ער געבליבען א יתום, און זיין פאָטער איז געוועזן א גרויסער ארעמאן, און ער האָט געגעסען „טעג". שבת פלעגט ער עסען ביים חזן און דאָס איז געוועזן דער שכר פאר זיין זינגען. ער איז אויך געגאנגען אין דער תלמוד תורה געלערנט מיט התמדה. ווען דער רב ר' אליהו האָט איהם אמאָל געהערט אין חדר לייענען די הפטרה, איז ער אזוי איבערראַשט געוואָרען, אז ער האָט איהם איינגעלאַדען מקבל שבת צו זיין, נאָכדעם ווי ער איז געוואָהר געוואָרען, אז ער איז א משורר ביים שטאָדט חזן. ער האָט דאן מקבל שבת געוועזן און געמאכט א רושם. ער איז דאן קוים 10 יאָהר אלט געוועזן.

ביי זיין 12טען יאָהר איז ער שוין געוועזן אין ליבוי, קורלאנד, און גלייך אוועק צום באריהמטען חזן ראבינאָוויטש. ער איז איבערראַשט געוואָרען פון דער ש.טימע. חזן פרעסס געדענקט נאָך ווי היינט ווי ער איז געקומען צום חזן און פאר איהם געזונגען א „ישתבח" און ווי ער האָט ארייננגערופען זיין פרוי און געזאָגט: „זעה נור ווי א איינגעלע זאָגט מיט געפיהל." ער האָט איהם געלערנט מוזיק און ביז צום 19טען יאָהר ביי איהם געזונגען. דאמאָלסט האָט זיך שוין ענטוויקעלט ביי איהם א גרויסאַרטיגע טענאָר שטימע.

ראַמאָלסט נעהמט ער דעם וועג קיין אמעריקא און נעמליך קיין פילאַדעלפיא, און נעהמט אָן א שטעלע ביי אן אונגארישער געמיינדע אלס חזן. ער איז מיט זיי פארבליבען דריי יאָהר צייט, דערנאָך האָט איהם באלטימאָר צוגענומען, און שפעטער קומ.ט ער נאָך נויאָרק, און באטרעט די פאָלגענדע שטעלעס: בית המדרש הגדול דהארלעם, 3 יאָהר; כל ישראל אנשי פוילען 2 יאָהר; דערנאָך 9 יאָהר צייט ביי דער קאָנגרעגיישאָן פנחס אליהו, ווערסט 95טע סטריט, און יעצ.ט איז ער חזן ביי דער קאָנגרעגיישאָן בית יהודא שוין דריי יאָהר צייט מיט גרויס כבוד.

חזן פרעסס באזיצט א וואונדערשעהנע טענאָר שטימע, א גוטע קאָלאָראטור, און איז אן אויסגעצייכענטער אידיישער דאוונער, און איז העכסט מוזיקאליש. ער איז א טיכטיגער מיטגליד פון חזנים פארבאנד און ארבייט אין אלע אונטערנעהמונגען וואס זיינען געציעלט צו פארבעסערען דעם פאך מא.טעריעל און גייסטיג.

חזן דובער (בערנאַרד) פילעלסקי

חזן פילעלסקי, וועלכער איז זייט די לעצטע 6 יאָהר ביי דער קאָנגרעגיישאָן „דרך אמונה" טעמפעל, איז געבוירען געוואָרען מיט 39 יאָהר צוריק, אין דער גרויסער פוילישער שטאָדט ווארשא. ער איז א זוהן פון חזן זיסקינד, וועלכער איז געווען חזן אין סובאלק.

זיין ערשטע חזנ'יש־מוזיקאלישע ערציהונג האָט ער באקומען אין דער טלאמאצקער שוהל, וואו שניאור איז געווען דיריגענט און דער חזן איז געווען דער באריהמטער גריצענדלער.

שפעטער האָט ער געזונגען ביי לייבעלע גראדנער, וועלכער איז געווען אין סובאלק.

ער האָט אויך געזונגען ביי די חזנים מענדעלעוויטש אין סיני שוהל, ווארשא, און ביי חזן שמעון מרגליות, אין סעוואסטאָפּאָל אין דער ניקאָלאיעווער שוהל.



אלס טענאָר האָט ער געזונגען ביי חזן צבי עפשטיין אין סימפעראָפּאָל אין דער סאליגורנע שוהל און שפעטער ביים חזן ראזאווסקי אין ריגא.

דאָ איז כדאי צו באמערקען, אז וועהרענד דער צייט, וואָס ער איז דאָרט געווען דער טענאָר זיינען די משוררים ארוים אויף א סטרייק. און די „סטרייקער" מיט בערנארד פילעלסקי דער טענאָר אלס זייער חזן זיינען אויפגענומען געוואָרען אין דער הערען שטראססע שוהל און דער יונגער חזן האָט געמאכט א געוואלדיגען רושם.

דערנאָך איז חזן פילעלסקי „אראָב אויף אייגענע קעסט", און ער האָט פארטראָטען די שטעלע אין באכמוט, דערנאָך אין ווארשא אין דער טאקענהיים שוהל, און אין די פולע שפרינגאר שוהל, און מיט 12 יאָהר צוריק איז ער געקומען קיין אמעריקא.

דאָ האָט ער באטראָטען שטעלען אין דער פאָרטער עוועניו שוהל, ברוקלין, קאָנג. אנשי באזאנער; ת"ת תפארת ציון, ניקערבאקער עוועניו, ברוקלין, און זייט די לעצטע זעקס יאָהר איז ער פארבונדען מיט דער קאָנגרעגיישאָן „דרך אמונה", א טעמפעל וואו מאָדערנע שעהנע קלאסישע תפלה איז דער פראָגראם פון זייער דאווגען.

עס איז זעהר לייכט זיך פאָרצושטעלען, אז א חזן וואָס האָט געזונגען ביי חזן ראזאווסקי אָדער וועלכער האָט געזונגען אין דעם כאָר פון שניאור, אָדער געווען א משורר ביי מענדעלעוויטש אין ווארשא און חזן מרגליות אין סעוואסטאָפּאָל, אז ער זאָל זאָל זיין א מוזיקאלישער פאכמאן. און ער פארנעמט טאקע א וויכטיגען אָרט צווישען די מוזיקאלישע חזנים.

חזן מאיר פריעד

רעוו. מאיר ב"ר שאול פריעד איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט איהומען, מינסקער גובערניע, רוסלאנד. ער איז אן אייניקעל פון הרה"ג ר' מאיר'קע שפירא, ז"ל, איהומענער רב, און פון פאטערס צד איז בער אן אייניקעל פון השו"ב המפורסם פון דער שטאָדט באבער, מאָהליווער גובערניע, הר"ר יעקב צבי וואלק ז"ל, ביי וועמען ער האָט זיך ערצויגען אין די ערשטע קינדער יאָהרען. נאכהער האָט ער געלערנט אין די פארשיעדענע ישיבות פון ליטא, און צו דערזעלבער צייט געזונגען ביי די דאָרטיגע חזנים. ער האָט געלערנט שחיטה אין ברעזין, מינסקער גוב., באקומען קבלות פון גאוני אייראָפּא.

ער האָט געהייראט אין קערטש, טאווריער גוב. זיין פרוי מרת. אסתר רייזעל איז די טאָכטער פון ר' חיים חנוך שקאָלניק ז"ל. ער האָט אָנגעהאלטען שטעלען אלס חזן ושו"ב אין קרים, רוסלאנד.

רעוו. מאיר פריעד איז געקומען נאָך אמעריקא אין יאָהר 1903, און ער האָט זיך באזעצט אין מאסאטשוזעטס סטייט. פאר די לעצטע עלף יאָהר איז ער אָנגעשטעלט אלס חזן אין די בני אברהם שוהל, וואוסטער, מאסס., וועלכע איז די עלטסטע קאָנגרעגיישאָן אין שטאָדט.

רעוו. פריעד איז א באוואוסטע פערזענליכקייט אין אמעריקא בכלל ובפרט אין ניו ענגלאנד, זייענדיג א למדן ומשכיל, טהעטיגער ציוניסט און טיכטיגער כלל טהוער.

חזן פריעד איז פאר פיעלע יאָהרען אן עקזעקוטיוו מעמבער פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פון אמעריקא, א דעלעגאט צו אלע אידישע אמעריקאנער קאָנגרעסען. ער איז אויך נאָטארי פּאָבליק און דזשאָסטים אָוו פיעס אין סטייט אָוו מאסאטשוזעטס. ער איז א מיטגליד פון פיעלע אידישע אָרגאניזאציאָנען, אויך פון אמעריקאנער אָרדער אָוו אהד פעללאוס.

לואיס מ. פראָהמאַן

צו זיין בלויז 23 יאָהר אַלט און דערגרייכען די שטופּע צו זיין דיריגענט פון אַזאַ חזן ווי ר׳ דוד משה שטיינבערג פון אדעסס, איז אַליין שוין א געניגענדע עררייכונג, אָבער לואיס מ. פראהמאַן האָט פיעל מעהר צו פארצייכענען, און דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער ווען מ׳באטראכט אז צו 11 יאָהר איז לואי געבליבען א יתום און האָט אליין געמוזט אויסטרעטען זיין וועג...



לואיס מ. פראהמאַן איז געבוירען געוואָרען סעפּטעמבער 8, 1900 און צו 11 יאָהר איז ער געוואָרען א יתום.

צו 9 יאָהר ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז ער האָט אַ שטימע האָט ער אָנגעפאנגען צו זינגען ביי ר׳ אברהם׳עלע ארענשטיין, איינער פון די גרעסטע מתפללים און צו 12 יאָהר האָט ער שוין אויך געלייסטעט אַלס ליעדער. עס שיינט אז די אמביציע צו דיריגירען האָט לואי געהאַט נאָך אַלס קליין קינד. און די שוהל אידען פלעגען באוואונדערען מיט וואָס פאַר אַ גראַציעזקייט און מיט וואָס פאַר אַ פּינקטליכקייט ער דיריגירט.

צו 16 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען צו דיריגירען פאַרשידענע כאָרען, אָבער ער האָט געוואָלט שטייגען העכער, דיריגירען אָרקעסטערס. און ער האָט גענומען א קערפּערשאַפט פון 60 מוזיקאַנטען און האָט דיריגירט קאָנצערטען.

די פּאָפּולערע ניו יאָרקער צייטונג „די איווינינג וואירלד“ האָט דאַן אָנגעפיהרט א קאמפּעין צו ענטדעקען טאַלענטירטע קינדער צווישען די ארימע מאסען, און זיי האָבען גענומען אַן אינטערעס אין לואי מ. פראהמאַן, ער האָט דעם 3טען דעצעמבער, 1919, געוואונען א סקאלערשיפּ אין אינסטיטוט אוו מיוזיקעל אַרט. און ווען ער האָט זיך געלערענט אָרקעסטראַציע און קאָנדאַקטינג האָט ער געגרינדעט די ניו פּיפּעלס סימפּאָני, וועלכע האָט אָפט געגעבען קאָנצערטען און מיט גרויס ערפאָלג.

ער האָט אויך געגעבען איינינגע קאָנצערטען פאר די „דעילי ניוס“ שוך און סטאַקינג פאָנד פאַר די ארעמע און די קריטיקער האָבען איהם געלויבט.

חזנות איז אָבער שטאַרק אריין אין מאַרקעט, און עס האָבען אָנגעהויבען פעהלען גוטע דיריגענטען. און לואי מ. פראהמאַן איז צוריקגעקומען צום עמוד. ער איז געווען דיריגענט פאַר די חזנים קאמינעשטער, גרינוואַלד, ראטהשטיין, דזשייקאבסאן, הילמאַן, און יעצט איז ער אויף א יאָהר שטעלע צוזאַמען מיט דעם באריהמטען אדעסער מתפּלל, דוד משה שטיינבערג.

דורך דער צייט האָט ער אויך דיריגירט ספּעציעלע שבתים מיט חזנים קוואַרטין, הערשמאַן, קרעטשמאַר און אַנדערע חזנים וואָס דאַווענען שבתים און קאָנצערטירען.

לואי פראהמאַן האָט גרויסע פעהיגקייטען אין דיריגירען. ער האַלט זיך נאָך יעצט אין אנטוויקלען, און עס איז קיין צווייפעל אַז ער האָט א גלענצענדע צוקונפט פאַר זיך.

חזן פיבוש שמעון פערעצמאַן

חזן פערעצמאַן איז געבוירען געוואָרען מיט 39 יאָהר צוריק אין דער גרויסער שטאָדט פון חזנות, ווילנא, וואו יעדער מיט א מוזיקאליש געפיהל און מיט אן אויער פאר מוזיק האָט געהאט געלעגענהייט צו קענען לערנען חזנות בלויז פון הערען.

אלס אינגעל האָט ער געזונגען ביי מאָשע, א באוואוסטער בעל תפלה אין ווילנא און דערנאָך אין דער ווילנער שוהל, ביי חזן קאהאן, דער דיריגענט איז געווען שלאָסבערג. ער האָט אויך געזונגען א האלב יאָהר ביי סיראָטא, צו דער זעלבער צייט האָט ער געלערענט אידישע למודים.

ביי 16 יאָהר האָט חזן פרצ'מאן אָנגעפאנגען דאוונען שוין אלס חזן. ער האָט אזוי געדאווענט ביז עס איז אָנגעקומען סלוזשבע, אין 1904, דאמאָלסט איז אויסגעבראָכען די רוסיש יאפאנעזישע קריעג און מיט טרעפען איהם אין סיביר ביי די גרעניצען פון יאפאן און מאנדזשוריא. זייענדיג אין דער ארמעע אין אמור האָט ער פאר די סאָלדאַטען געדאווענט אין א שוהל (זיי האָבען אויך באקומען צוויי ספרי תורות) און געדאווענט פאר זיי ימים נוראים און שלש רגלים. אין יאפאן, וואו ער איז געווען אין פלען האָט ער שוין צוזאמענגעשטעלט א כאָר פון יונגע לייט מיט שטימען, און דאָס דאוונען איז געווען אזוי גרויסארטיג אז רוסישע אָפיצירען וואָס זיינען דאָרט געווען האָבען באזוכט די אידישע „שוהל“. נאָך'ן קריעג איז ער געקומען צוריק קיין ווילנא און ער פאָהרט באלד אין פעטערבורג, דאָרט צו דאוונען אין דעם גרויסען זאל פאוולאָוו. ער האָט ער האָט אין פעטערבורג געדאווענט צוויי יאָהר, דערנאָך האָט ער געמאכט א טור איבער פארשידענע שטעדט אין רוסלאנד און ליטא ביז עס ברעכט אויס די דייטש־רוסישע קריעג און מ'נעהמט איהם ווידער אין דער ארמעע. ער איז סטאנציאָנירט געוואָרען אין פינלאנדיא, — וואו א דאנק די באמיהונג פון אן איינפלוסרייכען אידישען מענשען איז ער באפרייט געוואָרען און א יאָהר צייט איז ער געווען חזן אין דער דאָרטיגער קהלה. דערנאָך פאָהרט ער צוריק דורך פעטערבורג קיין ווילנא, און דאווענט אין סמאָלענסק, מאָסקווא (אין פאָליאקאָוום שוהל דאָרט וואו זאוועל זילבערטס איז געווען דיריגענט) און דורך סיביר פאָהרט ער קיין חארבין, דאן יאפאן, יאקאהאמא וואו עס זיינען דאָ אידען האָט ער געדאווענט.

אין די אכט יאָהר וואָס ער איז אין אמעריקא האָט ער געדאווענט אין סאן פראנציסקא, (א יאָהר צייט) סיאטעל, דענווער, אמאהא־נעבראסקא, שיקאגא און ניויאָרק, און אָנגעהאלטען שטעלעס אין האליאק מאסס, פראָווידענס, טרענטאן ניו דזשוירזי, גראוו סטריט שוהל, דזשוירזי סיטי און לעצטענס אין דעם היברו אינסטיטוט פון דזשואיש סענטער, 85־טע סטריט ניויאָרק.

חזן פרצ'מאן באזיצט א גרויסע טענאָר שטימע, מיט א קאָלאָראטור פאלצעט, מיט וועלכער ער מאכט א רושם איבעראל וואו ער טרעט אויף.

חזן דוד שלמה פלאָטקין

חזן פלאָטקין איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט פלאָצק, וויטעבסקער גובערניע. זיין פאָטער ר' מאיר האָט איהם געגעבען א גוטע אידישע ערציהונג. אלס 9 יעהריגער אינגעל האָט ער געזונגען אלט ביי דעם חזן מאיר יצחק פון פלאָצק, און שפעטער ביי חזן ראבינאָוויטש אין דווינסק. אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערענט העברעאיש און תלמוד. צו 12 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען צו דאוונען אלס וואונדער־קינד.

זיין קאריערע אלס חזן איז ווי פאָלגט:

חזן אין לאָנדאָן, חברה תהלים שוהל. דערנאָך אין אמעריקא: אין דער ליאדיער שוהל, אין בית יהודא ת"ת, בעדפארד עווענין, ברוקלין, אין די ניו עדת ישורון שוהל אין קענעדע, און לעצטענס אין ווילמינגטאָן דעלעווער, קאָנג. עדת קודש. ער איז איבעראל באוואוסט אלס גרויסער „זאָגער“.

חזן דן פוקס

דער נאָמען דן פוקס ווערט פון מוזיקער און פאבלייטע ארויסגערעדט מיט דרך ארץ און יראת הכבוד, און די יעניגע וועלכע זיינען ספּעציעל פאראינטערעסירט אין דער קונסט פון חזנות, און אין דער קונסט פון געזאנג ווערט דער נאָמען דן פוקס ארויסגערעדט מיט ליעבע און באגייסטערונג.

אין דן פוקס דערקענט מען דעם אריסטאָקראט, דער מאן וואָס האָט אלע מאָל פארבראכט אין די אינטעליגענטע קרייזען, און האָט אין זיך איינגעזאפּט די מאניערען פון דער הויכער אריסטאָקראטישער געזעלשאַפט, און ווען איהר פיהרט איהם אריין אין א געשפּרעך וועגען דער מוזיקאלישער קונסט, דערזעהט איהר אין איהם באַלד דעם קינסטלער און דעם ארטיסט.

בעפאָר די פיעלע יאָהרען וואָס דן פוקס איז געוועזען דער אָבער־קאנטאָר אין זייטענשטעטען טעמפּעל אין וויען, וואו ער האָט פארנומען דעם פּאָסטען פון דעם פארשטאָרבענעם אָבער־קאַנטאָר סולצער, איז ער געוועזען א באַריהמטער האָף אָפּערא זינגער, און זיין אויטאָביאָגראפיע איז זעהר אינטערעסאנט.

דן פוקס איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאנד אין א קליין דערפעל וואָס האָט זיך גערופען „יאסטריבנע“ אין פּאָדאָליער גובערניע, אין דעם יאָהר 1871.

זיין פאָטער וועלכען מען האָט גערופען נאָכ'ן דאָרף ר' שלמה יאסטריבנער, איז געוועזען א שטרענגער אָרטאָדאָקסישער איד, און האָט גע' שס'ט אין דער גאנצער געגענד מיט זיין גוט הארץ און מיט זיין יראת שמים, און אזוי ווי קיין אָרימער מאן איז ער נישט געוועזען, האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט פאר קיין געלד, און האָט זיין זוהן געגעבען א אמת אידישע און שטרענג אָרטאָדאָקסישע ערציהונג.

ווען „דן“ איז אַלט געוואָרען פערצעהן יאָהר, זיינען זיינע עלטערען פאראָרעמט געוואָרען, און דער יונגינקער „דן“ האָט געמוזט כדי זיך צו ערנעהרען, ווערען א שרייבער ביי דער פויערישער געמיינדע אין דעם דערבייאיגען שטעטעל „אזארינעץ“.

אין די דריי יאָהר וואָס ער האָט אין „אזארינעץ“ זיין פּאָסטען אָנגעהאלטען, פלעגט ער ביי א יעדער געלעגענהייט זיך באטהייליגען, און מיט זיין שעהנער אלט־שטימע מיטזינגען ביי פארשידענע שמחות און אונטערנעהמונגען, ער איז דערפאר אין דעם „שטעטעל“ באלד באריהמט געוואָרען מען האָט איהם א פּאָר מאָל איינגעלאדען אין פאַרשידענע בתי מדרשים צו דאווענען פאר'ן עמוד, און אלע האָבען מסכים געוועזען אז דער יונגער „דן“ באזיצט א זעהר שעהנע שטימע, און א שטארקען מוזיקאלישען געפיהל.

דאָס קליינע „שטעטעלע“ איז פאר דעם יונגען זינגער באַלד געוואָרען צו ענג, און ווען ער איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר איז ער אוועקגעפאָהרען אין אָדעס און ס'איז איהם געלונגען צו דאווענען א שבת אין דער „שאלאשנער שוהל“.

צוליעב זיין גרויסען בייפאל וואָס ער האָט געהאט אין אָדעס, האָבען זיך פארשידענע מוזיקאלישע מבינים פאראינטערעסירט אין איהם, און ס'האָט נישט לאנג גענומען, און דער יונגער „דן“ האָט באלד פארלאָזט רוסלאנד און איז אוועקגעפאָהרען אין טשערנאָוויטש (בוקאָווינא) זיין מוזיקאלישע בילדונג פאָרטצוזעצען.

אין טשערנאָוויטץ האָט איהם דאָס גליק צוגעשפּילט, און דער „דר. שטרויכער“ וועלכער איז שוין דאמאָלסט געוועזען א עסקן בצרכי צבור, האָט זיך באלד פאראינטערעסירט אין איהם. ער האָט צו זיך צוגעצויגען דעם דאמאָלסדיגען רייכס־אָבגעאָרדענטען „וואגנער“ און „דר. סאקאל“ און אלע דריי האָבען באלד געשאפען די מעגליכקייט און די נויטיגע רעקאָמענדאציעס, און דער יונגער „דן פוקס“ איז באלד אָבגעפאָהרען קיין „וויען“ זיין מוזיקאלישע בילדונג צו פארפאָלקאָמען, אין „וויען“ האָט „דן פוקס“ שטודירט צוויי און א האַלב יאָהר, זיינע פּראָפעסאָרען זיינען געוועזען „רעס“, „גענזבאכער“, און „לעווענשטאם“, און צוליעב זיינע רעקאָמענדאציעס פון טשערנאָוויטץ האָבען זיך די ברידער „אלבערט“ און „נתניאל ראָטשילד“ זעהר פיעל אינטערעסירט וועגען איהם.

דורך זייער באמיהונג איז דן פוקס געלונגען זיך פאָרצובערייטען פאר דער ביהנע, ער האָט באלד גענומען שטודירען די אָפּערא'ס „טראָוואטאָר“ פון „ווערדי“ און „סטראדעלא“ פון „פלאטאוו“, און באלד נאָך זיין שטודיום, האָט ער געמאכט זיין ערשטען אויפטריט אין „ברין“ און האָט דאָרט געהאט א קאָלאָסאלען ערפאָלג.

אין א קורצער צייט שפּעטער איז דן פוקס אנגאזשירט געוואָרען אלס קעניגליכער אונגארישער האָף אָפּערא זינגער, א יאָהר שפּעטער אין דער דייטשער קעניגליכער אָפּערא הויז אין „וויסבאדען“, און דערנאָך האָט ער גאנצע צוויי יאָהר געזונגען אין מעטראָפּאליטאן הויז אין „בערן“ (שווייץ).

אין זיין קאריערע אלס אָפּערא זינגער, האָט ער געזונגען זיבען און פערציג אָפּערעס, אין זיינע ערפאָלגרייכסטע ראָלען זיינען געוועזען: „אליעזר“ אין הלוי'ס „די אידען“ אין מאיר בער'ס „גוגענאָטען“, „אפריקאנערען“, אין „פּראָפעט“, וואַגנערס „לאָענגרין“, „טאנהאוזער“ און אין ווערדי'ס: „ריגאָלעטא“, „אאידא“ און „טראוויאטא“.

די אלע ערפאָלגען האָבען אָבער זיין אמת אידיש הארץ נישט געקאָנט צופריעדענשטעלען, ער האָט זיך געפיהלט פארפליכטעט צו דינען דער אמת אידישער קונסט, און טיעף אין זיין נשמה האָט ער אלע מאָל געפיהלט א שטארקע בענקשאפט צום עמוד, וועלכער איז איהם תמיד געוועזען טייער און הייליג, און ווען אין יאָהר 1898 איז אין „וויען“ געשטאָרבען דער באוואוסטער אָבערקאנטאָר „יוסף גאָלדשטיין“ פון „לעאפאלד שטעטער טעמפעל“, האָט דער באריהמטער פילאנטראָפּ „ריטער פאָן גוטמאן“, צוזאמען מיט

„באראָן אַלבערט ראָטשילד“, פאַרגעשלאָגען דן פוקס, אז ער זאָל פאַרלאָזען די ביהנע און פאַרנעמען די שטעלע אלס אָבערקאַנטאָר אין דעם דערמאָנטען טעמפעל.

דן פוקס האָט צו דעם באַלד מסכים געווען, ער האָט פאַרלאָזט די ביהנע, און האָט אָנגעפאַנגען זיך פאַר־צוברייטען צום עמוד.

די „וויענער קולטוסגעמיינדע“ וועלכע האָט אַלע מאָל געפאָדערט א חזן גרויסע מוזיקאַלישע קענטעניסען, אויך הויכע מאָראַלישע און אידישע קוואַליפיקאַציע, האָט אַלע מאָל שטאַרק חוקר ודורש געווען, און איז געווען זעהר שטאַרק פאָרזיכטיג און צוריקגעהאַלטען ביים אויפנעמען א חזן, און כאָטש דן פוקס האָט זיי צוגעשטעלט איבערציינגענ־דע באווייזע, אז זייענדיג אויף דער ביהנע האָט ער גע־פיהרט א שטרענג רעליגיעז אידיש לעבען, האָבען זיי דאָך נישט געקאָנט מסכים זיין אז דן פוקס זאָל באַלד פון דער ביהנע צוגעהן צום עמוד, זיי האָבען צו איהם גע'טענה'ט בזה הלשון: ווי אזוי קענסטו היינט ווערען אונזער שליח צבור? אז ערשט נעכטען האָסטו געזונגען „טאַנהעזער“ און אין דיין ראָלע עולה רגל געוועזען צום פּאַפּסט, און האָסט געערדט וועגען קריסטענטוהם?

זיי האָבען דערפאַר געפאָדערט אז דן פוקס זאָל וואַר־טען א פּאָר יאָהר ביז ער וועט זיך איינלעבען אין די נייע אומשטענדען — און וועט זיין פּאַסענד פאַר'ן עמוד.

דן פוקס האָט צו דעם אויך מסכים געווען, און ער איז א לענגערע צייט געוועזען אָנגעשטעלט ביי דער קהלה, און האָט קיין באַשטימטען פּאָסטען ניט פאַרנומען, און ערשט מיט פיער יאָהר שפּעטער האָבען זיי איהם אָנגעטרויט דעם פּאָסטען פון דעם פאַרשטאָרבענעם אָבערקאַנטאָר „סול־צער“ אין זייטענשטעטען טעמפעל, און דן פוקס איז געוואָ־רען דער אָבערקאַנטאָר פון דער „וויענער קולטוס געמיינדע“.

דן פוקס האָט דעם פּאָסטען שוין 22 יאָהר. דער גרוי־סער קאַנטאָר סולצער איז געוועזען פאַר איהם א פאָרבילד און ער באַמיהט זיך די גאַנצע צייט צו געהן אין זיינע וועג־נען. און די טראַדיציאָנעלע נגונים זיינען ביי איהם אקוראַט ווי ביי סולצער'ן פאַררעכענט אלס הייליגטהום.

מיט צוועלף יאָהר צוריק האָט די וויענער קולטוס גע־מיינדע געפייערט דעם צעהן יאָהריגען יובילעאום פון דן פוקס טעטיגקייט אין דעם „זייטענשטעטען טעמפעל“ און האָט צו דער געלעגענהייט ארויסגעגעבען א בראָשורע גע־ווידמעט זיין ביאָגראַפיע, אין דער צייט פון דער מלחמה זיי־נען די טהירען פון דן פוקס געווען אָפען, און אלע חזנים וועלכע זיינען אנטלאָפען פון די פאַרשידענע מלחמה פּיי־ערען, אין רוסלאַנד, פּוילען, גאַליציען, אוקראַינע, האָבען ביי דן פוקס אין וויען געפונען א מקום מנוחה, און ער האָט יע־דען אונטערשטיצט מיט ראַטה און טהאַט.

דן פוקס איז אין אמעריקא ערשט א קורצע צייט, ער איז צוויי מאָל אויפגעטראָטען אין „קאַרנעגיע האָל“, און די פּרעסע האָט איהם זעהר געלויבט, אָבער צוליעב די פאַרשידענע קראַנקהייטען וואָס ער האָט געליטען, איז ער געוועזען געשטערט צו זיין מעהר אקטיוו, און האָט דערפאַר באַשלאָסען זיך אומצוקעהרען קיין וויען, און ווידער פאַרט־זעצען זיין דיענסט אלס אָבערקאַנטאָר אין דער וויענער קול־טוס געמיינדע.

חזן שלום צבי צמח'זאָן

צווישען די אמת מוזיקאַלישע חזנים וואָס האָבען גע־שאַפען ווייכטיגע ווערק פאַר'ן עמוד, דאַרף מען אריינרע־כענען חזן שלום צבי צמח'זאָהן.

חזן צמח'זאָהן איז געבוירען געוואָרען אין זיסמאַר, אין ווילנער גובערניע. זיין פאָטער ר' מרדכי ארי' איז גע־ווען חזן אין ניעזין. ער שטאַמט פון א באַריהמטע חסידישע פאַמיליע, און ער האָט גע־נאָסען אַן אמת אידישע ער־ציהונג.

עס איז מערקווירדיג אָבער עס איז א פאַקט אז חזן צמח־זאָהן איז קיין מאָל קיין משורר ניט געווען און דאָך האָט ער געקאָנט נאָטען און מוזיק בעסער ווי די מעהרס־טע משוררים — עס ווייזט אז דער טאַלאַנט איז געווען אַן איינגעבוירענער.

זיין ערשטע ווירקונג פאַר'ן עמוד איז געווען אין דער ווילנער כאָהר שוהל, אלס דיריגענט. דער חזן איז דאַן געווען זאַקס.

דורך דער צייט האָט ער געלערנט האַרמאָני און אַנ־דערע מוזיקאַלישע געגענשטענדע ביי פּראָפעסאָר יאָזעף גרין און שפּעטער אין וואַרשא ביי דר. וויים.

זיין ערשטע חזנות שטעלע איז געווען אין האָמלע (דאָ איז ער נאָכאַמאָל איינבאַרופען געוואָרען שוין נאָכדעם ווי ער האָט אַנדערע שטעלען געהאַט) דערנאָך אין קאַל־וואַריע, וואו ער איז 12 יאָהר צייט געווען שטאָדט חזן.

די לעצטע יאָהרען געפינט ער זיך אין אמעריקא און האָט באַטאָרטען די פאָלגענדע שטעלען: בית המדרש הגדול טשעלסי מאַסס; קאַלוואַריער שוהל, שיקאַגא און לעצטענס אין טאָלעדאָ אָהייאָ.

חזן צמח'זאָהן האָט שוין ארויסגעגעבען א ווערק „חנוכת הבית“ קאָמפּאָזיציאָנען פאַר כאָהר און יעצט געהט ארוים פון דרוק זיין ווערק רעטשיטאַטיוון אונטער'ן נאָ־מען „שירי תפלה“. ער האָט אויך פיעלע מאַנוסקריפּטען און חזנים ווייסען שוין אז זיי דאַרפען עפּעס א רעטשיטאַטיוו אָדער א קאָמפּאָזיציאָן, אז חזן צמח'זאָהן'ס פּעדער איז אימער גרייט פאַר זיי!

חזן זבולון (זאוועל) קווארטין

(אויטאָביאָגראפיע)

אויף דעם פארלאנג פונ'ם חזנים פארבאנד שרייב איך דאָ מיין ביאָגראפיע אין קורצען:

איך בין געבוירען געוואָרען דעם 25־טען מארטש 1874 אין פּאסאד נאווא ארכאנגעלסק הנקרא האנעראד, חערסאָנער גובערניע, יעליזאוועטגראדער אויעזד. איך בין ערצויגען אין א פרומען, גוטען, באלעבאטישען הויז אונטער אויפזיכט, פון גוטע ליעבע מייע און אינטעליגענטע עלטערן. מיין פּאָטער האָט געוואָלט אריינפלאנצען אין זיינע קינדער זיין חכמה און למדנות און א געוויסע טייל האָבען מיר אלע גענאשט פון איהם, אָבער לײדער ניט איינגאנצען. דאָס וואָלט פאר א חזן אפשר צופיעל געוועזן.

איך האָב געלערנט ביי די בעסטע מלמדים און ביי א 6—7 יאָהר ווען איך האָב נור פארשטאנען א ביסעלע פירוש המלות האָט זיך אין מיר ערוועקט דאָס געפיהל יעדען טאָג ביים דאוונען געוויסע תפלות צו אימפּראָווירען. די געזאנגס געפיהלען האָבען אָבער זייער אורשפּרונג און גרונד געהאט, ווייל כאָטש מיין גאָטזעליגער פּאָטער איז ניט געוועזן קיין בעל תפלה האָט ער וואונדערבאר געקענט זינגען זמירות פרייטאָג אָווענד און שבת ביים טיש, און אָט יענע וואונדערבארע מעלאָדיען זיינען אריין אין מיין הארץ און מיין מוח און זיינען פון דאָרט קיינמאָל ניט אוועק. מיינע שוועסטער און ברידער זיינען אויך געוועזן מוזיקאליש און מיר האָבען א וואונדערבארען קווארטעט צוזאמענגעשטעלט.

צווישען די יאָהרען 9—11 זיינען אין אונזער שטעטעל דורכגעפאָהרען גרויסע חזנים און צווישען זיי אברהמלע שוכאט, לייבעלע שאפּירא (הנקרא לייבעלע חיריק) געציל דער באלטער, א. ז. וו. אלע האָבען זיך געבעטען ביי מיין טאטען ע"ה אז ער זאָל מיר ערלויבען ווערען א משורר — אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט. ער האָט געשריען: וואָס? איך זאָל איהם מאכען פאר א מקבל? עסען ביי פרעמדע טישען? אויסלערנען שלעכטע מידות?

פונדעסטוועגען האָט ער מיין עלטערן ברודער יאָ געשיקט צו אברהם שוכאט אין טאלנע, אָבער ניט ח"ו ווערען א משורר נור לערנען נאָטען אָדער „חכמת המוזיקע" ווי מען האָט עס דאן גערופען, און מען האָט געצאָהלט גוטע געלד פאר איהם. און נאָך 6 מאָנאטען איז ער אהיים געקומען א „גראדואירטער" פון אברהם שוכאט שוהלע. און ער האָט צוזאמענגעשטעלט א א כאָר און געזונגען די קאָמפּאָזיציאָנען וואָס ער האָט דאָרט געהערט און געלערנט.

איך האָב צו יענער צייט געהאט א וואונדערבארען אלט אָבער מיין גאנצער געזאנג איז באשטאנען אויסער די וואונדערבארע רעפּעטיציעס אין דער היים, צו זינגען ביי יצחק מרדכי. דער שוחט וועלכער האָט באקומען 25 רוב. א יאָהר פאר'ן דאוונען. ער איז ניט געוועזן קיין חזן אָבער נוסח התפלה, דאָס אלטע טראדיציאָנעלע תפלה דאָס האָט ער געקענט.

דריי יאָהר זיינען אזוי אוועק און וועלכע דער פארלאנג נאָך געזאנג האָט מיר געמאטערט טאָג ווי נאכט, אָבער ביי מיר איז כבוד אב ואם געשטאנען פיעל העכער, „בטל רצונך מפני רצון אבותיך", און האָב פאַרגעזעצט מיין ארבייט אין מיין פּאָטערס מאנופאקטור ביז איין מאָל האָבען מיר מיינע עלטערן געשיקט איינקויפען סחורה אין יעליזאוועטגראד. בין איך אריין צום דאָרטיגען חזן קאנטאר יעקב (יאנקעל) שנורמאן, און ווען ער האָט דערהערט מיין שטימע האָט ער אויסגערופען: „מערדער, רוצח, גזלן, ראזבויניק, איהר האָט אזא גוואלדיגע שטימע און איהר שווייגט?" ס'שטעהט העכער פון „כבוד אב ואם" האָט ער געדונערט!

איך, זעלבסטפארשטענדליך, אהיים קומענדיג, האָב אלעם דערצעהלט, און דער ענטפער איז געוועזן צוויי פלאַמפייערדיגע פּעטש, וואָס ליעגען מיר נאָך עד היום אין טעם. אָבער איך האָב ניט געענטפערט און ווייטער זיך אונטערוואָרפען צום ווילען פון מיינע עלטערן.

צו 21 יאָהר בין איך צום פריזיוו געשטעלט געוואָרען, אָבער דורך געלד בין איך באפרייט געוואָרען. גלייכצייטיג האָט מען מיר שידוכים גערעדט און בין פאר'קנס'ט געוואָרען (דיעזער קאפּיטעל פון מיין לעבענס געשיכטע איז פאר דער וועלט ניט וויכטיג, און עס וועט זיך געפינען באריכות אין מיין פּריוואט לעבענס אויטאָביאָגראפיע). אין א קורצער צייט האָב איך געהייראטה, און מיין ערשטער מוסף איז געוועזן אין בית המדרש הגדול, וואו מאיר פּיסאק איז געוועזן חזן. פון יענעם טאָג אָן האָט מען אין יעליזאוועטגראד ניט אויפגעהערט וועגען מיר צו רעדען. מיין שווער האָט פאר מיר גענומען א לעהרער אין מוזיק און פּיאנא, חזן

שנורמאנ'ס זוהן, און האָט מיר איינגעשטודירט איניגע רוסישע לידער און אין דריי מאָנאטען האָב איך מיין ערשטען קאָנצערט געגעבען פאר'ן רויטען קרייץ. איך בין דערויף געפאָהרען קיין כארקאָוו און האָב זיך דאָרט ביי מעדוועדיעוו און ביי א גרויסען פראָפעסאָר געלאָזט די שטימע אויספּרובירען און ביידע האָבען מיין שטימע באוואונדערט און געוואָלט אונטעריכטען אָהן געלד, און זיי האָבען אפילו געוואָלט פאר מיר קריגען וואָהנרעכט אין פּעטערבורג און דאָרט זיך צוגרייטען פאַר דער אָפּערא. איך האָב זיך נאָך אַלץ ניט געגלויבט און בין אוועק אין קיעוו און זיך געלאָזט פאַרהערען ביי די פּראָפעסאָרען וואראַרדי און מאַטיאַס. ביידע האָבען מיר געוואָלט לערנען און מיט געלד שטיצען. און מיט דיעזע „אינפאָרמאַציאָן" בין איך צו מיין פרוי און מיין שווער געקומען. און דאָ האָט זיך אָנגעפאנגען דער ריכטיגער „ויצעקו", ווילסט ווערען א משומד אזוי ווי מעדוועדיעוו, ווילסט איבערלאָזען פרוי און קינדער? מיט גרויס מיה איז מיר געלונגען נעהמען מיין פרוי און קינדער און פאָהרען צו נאָוואָקאָווסקי אין אָדעסס דאָרט צו לערנען מוזיק. איך בין דאָרט אוועק און ביי איהם שטודירט מוזיק און חזנות אויך טעאָרי געלערנט ביי פּראָפעסאָר בעמאַל, און דער גאָטזעליגער נאָוואקאָווסקי האָט א זעהר קלוגען בריעף געשריעבען צו מיין שווער אז איך מוז פאָרטזעצען מיין שטודיום אין שטים בילדונג, דער בריעף האָט געווירקט און איך בין נאָך וויען אוועקגעפאָהרען. דאָרט האָב איך שטודירט ביי פּראָפעסאָר שטיינעדער און נאָך 4 מאָנאטען צייט האָט ער איינגעלאדען דעם דירעקטאָר פון דער האפאָפּער וועלכער איז אזוי איבעראַשט געוואָרען פון מיין שטימע אז ער האָט מיר גאַראַנטירט אריינצונעמען אין דער אָפּערא נאָך א 3 יעהריגען קורס. איך האָב די רעזולטאַטען מיטגעטיילט מיין פרוי און מיין שווער, און קירצליך ווען מיין עלטסטע טאָכטער איז געבוירען געוואָרען און מ'האָט מיר איינבארופען אהיים, זיינען שוין געוועזן פאָרבערייטעט פּלענער ווי אזוי פון אלע מיינע חלומות א סוף צו מאַכען. אויף מיין רייזע אהיים האָב איך קאָנצערטירט אין לאָדזש און אומאַן און שבתים געדאַווענט, און נאָך אין יענער צייט האָב איך 500 רובעל פאַרדינט. מ'האָט מיר דאָרט אין דער אַלט שטאָדטישער שוהל געוואָלט אויפנעהמען אָבער איך האָב געהאט אנדערע פּלענער און האָב עס צוריקגעוויזען.

אהיים קומענדיג האָב איך ימים נוראים געדאַווענט פאר'ן בענעפיט פון די חובבי ציון.

נאָך יענעם ימים נוראים, דאָס הייסט אין יאָהר 1898 האָב איך איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון מיין אָנקעל'ס געשעפט (מאָשקאָוויטש האָט ער געהייסען) אין יעקאַטערינאָסלאַוו און אויס ליעבע צו געזאַנג און חזנות האָב איך אויך אָנגענומען די שטעלע אלס ערשטער קאנטאר אין דער סאָלדאַטסקער שוהל. דערנאָך האָב איך באַטראָכטען די שטעלע אין דער שניידערשער שוהל אין יאָהר 1903, האָב די אלע געשעפטען ליקווידירט און האָב באַשלאָסען צו ענטוויקלען מיינע פעהיגקייטען און פאָרטצוזעצען דאָס שטודיום. איך בין ווידער אוועק נאָך וויען, איך האָב שטודירט מיט דער אבזיכט אָפּערא זינגער צו ווערען, בין איך אָבער דאמאָלסט געוועזן א פאמיליען פאָטער, איך האָב געהאט פיער קינדער, און האָב זיך געדאַרפט רעכענען מיט די אומשטענדען.

איך האָב אָנגענומען די שטעלע אין דער קייזערין עליזאבעטה טעמפּעל אין וויען, און פון דיעזער שטעלע האָט מיין נאָמען אלס קאנטאר אָנגעפאנגען וואַקסען. אין 1905 האָט מיר איינגעלאדען די דייטשע גראַמאָפאָן געזעלשאַפט אז איך זאָל זיי זינגען אין די רעקאָרדס. 10 רעקאָרדס פאַר 300 קראָנען. די רעקאָרדס האָבען געמאַכט אזא ערפאָלג אז זיי האָבען מיר אנגאַזשירט פאר 5 יאָהר און האָב 148 רעקאָרדס געמאַכט וואָס זיינען צוזעעט און צושפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט. צווישען 1910—1911 האָב איך אָנגעהאלטען די צווייטע גרויסע שטעלע אין דער פּעטערבורגער שוהל. איך בין דאָרט געוועזן בלויז 9 מאָנאטען כאָטש איך האָב געהאט א קאָנטראַקט אויף 20 יאָהר, אָבער צוליעב'ן רוסישען אנטיסעמיטיזם האָב איך דאָרט ניט געוואָלט בלייבען און האָב אָנגענומען די שטעלע אין טאבאַק טעמפּעל, בודאַפּעסט, וואו איך בין געשטאַנען 10 יאָהר צייט.

איך בענש דעם טאָג וואָס איך בין דאָרט חזן געוואָרען, ווייל אזא שעהנע אָרגאַניזאַציאָן, אזא פּראַכטפאָלען טעמפּעל און אזא וואָלטהעטיגקייטס אָרגאַניזאַציאָן און איבערהויפּט דאָס רייכקייט פון גאָטעס־דיענסט, האָב איך ניט געהאט און איך האָב מורא צו זאָגען אז איך וועל שוין מעהר ניט האָבען. די 10 יאָהר אין בודאַפּעסט זיינען די שעהנסטע אין מיין לעבען.

די קריעג האָט אָבער אלעס חרוב געמאַכט, און ווען די געמיינדע איז פאַראָרעמט געוואָרען, בין איך, אויף דער איינלאדונג פון א מענעדזשמענט וואָס האָט מיר גאַראַנטירט 30 קאָנצערטען פּאַר $30.000, געקומען קיין אמעריקא אין יאָהר 1919—1920, מיט אָן ערלויבנים פון דער געמיינדע.

נאָך ניין מאָנאטען שפּעטער איז די לאגע געוואָרען אין אייראָפּא נאָך ערגער און האָב אָנגענומען די שטעלע אין טעמפּעל עמנואל בארא פּארק וואו איך שטעה ב"ה מיט גרויס כבוד.

אָבער דאָס אמעריקאנער קאפּיטעל איז ניט וויכטיג צו שרייבען. די אידען וואָס הערען מיר אין די שוהלען און אויף די קאָנצערטען ווייסען אלעס.

אלעס וואָס בלייבט מיר נאָך צו זאָגען, אז איך האָף אמעריקאנער קאָנגרעגיישאַנס וועלען נאָך נאָכנעהמען א ביישפּיעל פון אזעלכע געמיינדען ווי די טאבאַק טעמפּעל אין בודאַפּעסט ווי צו שעצען און אכטען זייערע חזנים, ווייל ווען דער חזן וועט געשעצט ווערען און מיר וועלען האָבען די אמת'ע שלוחי צבור ביים עמוד, וועט דאָס אידענטהום זיין געשטאַרקט.

גלייכצייטיג ווינש איך דעם חזנים פאַרבאַנד „מזל טוב" צו אונזער יובל. עס פרעהט מיר וואָס איך בין יעצט אין אמעריקא און קען זיך באַטהייליגען און ביישטייערען צו דער גרויסער שמחה.

ז ב ו ל ו ן   ק ו ו א ר ט י ן

חזן יצחק שמואל קאַטצמאַן

צווישען די יונגע חזנים אין אמעריקא, וועלכע האָבען פאר זיך שוין געשאפען א באריהמטען נאָמען, איז דער יונגער און באגאבטער חזן יצחק שמואל קאטצמאן. חזן קאטצמאן איז געבאָרען געוואָרען אין הלוסק, מינסקער גוב. רוסלאנד, אין יאָהר 1883. ער האָט פון דער פריהסטער יוגענד ארויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכע מוזיקאלישע פעהיגקייטען, און האָט באזעסען א זיסע אַלטשטימע וואס האָט יעדען באצויבערט.

צו 8 יאָהר האָט ער געזונגען אַלט ביי דעם באוואוסטען חזן „מאיר לידער". און צו 10 יאָהר ווען ער האָט געזונגען אלט, און איז געווען דער „סאָליסט" ביי מענדעל דעם חזן אין באָברויסק, איז ער שוין אויפגעטראָטען אין די גרעסטע שוהלען פון באָברויסק אלס חזנ'דעל און האָט אומעדום געמאכט גרויס אויפזעהן און באגייסטערט דעם עולם מיט דער זיסקייט פון זיין נגינה און מיט זיינע זעלטענע מוזיקאלישע איינפעלע ביים דאווגען. אין באָברויסק איז ער פארבליבען ביז 15 יאָהר, לערנענדיג אויך אין דער ישיבה, תלמוד, פוסקים א. ז. וו. ער האָט אויך געמאכט א טור אלס קליינער חזנ'דעל אין רוסלאנד און זיין נאָמען שמואל'קע דער חזנ'דעל (ווי מען האָט איהם דאן גערופען) האָט געקלונגען פון שטאָדט צו שטאָדט. און וואוהין ער איז געקומען האָט מען איהם באטראכט אלס „וואונדער קינד" און דאָס דאווגען פון יונגען חזנ'דעל האָט ארויסגערופען די גרעסטע באגייסטערונג.

צו 17 יאָהר האָט חזן קאטצמאן געקראָגען א קרעפטיגען לירישען טענאָר און ער האָט שוין געדאווענט ווי א פאָלקאָמענער חזן, און זיין זינגען האָט געמאכט אזא טיעפען רושם אויף יעדען איינעם, אז פיעלע רייכע אידען פון זיין שטאָדט הלוסק האָבען זיך מיט איהם פאראינטערעסירט און איהם געוואָלט שיקען אויף זייער רעכנונג אין קאָנסערוואטאָריום. חזן קאטצמאן'ס פאָטער, וועלכער איז געווען א פרומער אָרטהאָדאָקסישער איד און א למדן, האָט אָבער ניט געוואָלט, אז זיין זוהן זאָל שטודירען אין קאָנסערוואטאָריום.

צו 18 יאָהר איז דער יונגער חזן אוועק קיין קיעוו, וואו ער האָט געזונגען אין דער באוואוסטער שניידערשער כאָר־שול אויף „פאָדאָל" און האָט געשטודירט מוזיק און שטים־בילדונג ביי דעם באריהמטען פראָפעסאר טשערלין פון קיעוו.

קומענדיג קיין אמעריקא איז חזן קאטצמאן איינגעלאדען געוואָרען קיין טרענטאָן, נ. דזש. אין דער גרויסער שוהל „חברה בני ישראל", וואו ער איז געווען חזן 2 יאָהר בכבוד.

פון טרענטאָן האָט מען איהם איינגעלאדען אין יאָנקערס, נויאָרק, אין דער קאָנגרעגיישאָן „אוהב צדק" און פון יאָנקערס האָט מען איהם איינגעלאדען אין דער קאָנגרעגיישאָן „נחלת צבי"., 109טע סטריט שוהל, נויאָרק, און פון דאָרט האָט מען איהם צוגענומען אין דער באריהמטער קאָנגרעגיישאָן „שומרי אמונה", באָראָ פארק, ברוקלין, וואו ער איז געשטאנען 4 יאָהר בכבוד, און יעצט ביי דער קאָנג. תפארת ישראל, ברוקלין.

אין די אלע קאָנגרעגיישאָנס איז חזן קאטצמאן געשטאנען בכבוד גדול און מיט א גרויסען נאָמען, דען אויסער וואָס חזן קאטצמאן איז א חזן, וועלכער באזיצט און פארמאָגט א מתיקות'דיגען קרעפטיגען לירישען טענאָר מיט א וואונדערבארע קאָלאָראטור, און פיאנאָ, איז ער אויך א למדן ומשכיל און איז פון די געצעהלטע חזנים, וואָס פאראייניגען אין זיך נגינה און האָט דערפאר די שעהנסטע רעפוטאציע אין דער חזנות וועלט.

חזן קאטצמאן האָט פיעלע פריינד און טויזענדער פארעהרער, ביי וועלכע ער איז זעהר באליעבט. און אבוואהל חזן קאטצמאן איז נאָך א יונגער מאן, איז ער איינער פון די אָנגעזעהענסטע פיגורען אין דער אמעריקאנער חזנים־וועלט. און זיין נאָמען איז באריהמט צווישען צעהנדליגער טויזענדער אידען, וואָס האָבען געשעפט דעם גרעסטען תענוג פון זיין עכט אידישען מתיקות'דיגען דאווגען און „זאָגען".

און ניט נור איז ער א מייסטער אין חזנות, נור אויך א קינסטלער אין אלגעמיינע קלאסישע געזאנג.

חזן קאטצמאן באזיצט אויך אלגעמיינע בילדונג און ער איז איינער פון די אינטעליגענטסטע חזנים.

חזן פסח קראסנאָוו

חזן פסח קראסנאָוו איז איינער פון די פּראָמינענטע חזנים, ער איז געבוירען געוואָרען אין בעלאיא־צערקאָוו (שדה לבן), א שטאָדט אין קיעווער גוב., רוסלאנד, אין יאָהר 1880.

ווען ער איז אלט געווען 10 יאָהר האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען אויף דער שטימע „סאָפּראנאָ" ביי דעם ראמאָלם באריהמטען חזן ר' יעקב גאָטליעב (אָדער „דער הייזעריגער", ווי מען האָט איהם גערופען). נאכהער האָט מען איהם צוגענומען צו ר' יעקב זוואוהילער, וועלכער איז געווען א „וועלט חזן", ווייל קיין שטענדיגע שטעלע האָט ער ניט געהאט, נאָר א גאנץ יאָהר ארומגעוואנדערט מיט זיינע משוררים אויף דער וועלט.

און אזוי פאָהרענדיג מיט זיין קאפּעליע איז ער אריבער די גרעניץ, קיין עסטרייך, און דאָרט האָט מען דעם חזן מיט די משוררים אריינגעזעצט אין „חד גדיא" אריין און צווישען די „ארעסטאנטען" איז אויך געווען דער קליינינקער „פּייסאלע" סאָפּראן, און נאכהער ווען מען האָט זיי באפרייט, האָבען זיי ווייטער געוואנדערט, ביז זיי זיינען געקומען צוריק קיין רוסלאנד, און דאן האָט דער חזן ר' יעקב זוואוהילער איבערגעגעבען פּייסאלע דעם סאָפּראן, צו חזן ר' זיידעל ראוונער, וועלכער איז דאן געווען חזן אין קעשענעוו. חזן זיידעל ראוונער האָט זיך זעהר געפרעהט מיט דעם נייעם סאפּראן, און ווי ר' זיידעל ראָוונער שפּרעכט זיך נאָך יעצט אוים, אז אזעלכע סאָפּראנאָס וועט ער שוין קיינמאָל ניט האָבען, אָבער ניט לאנג האָט אָנגעהאלטען דאָס פארגעניגען פון ר' זיידעל ראָוונער, בלויז איין יאָהר, ווייל אין רוסלאנד האָט געקלונגען דער נאָמען פון פּייסעלע סאָפּראן. ביז וואנען עס איז געקומען חזן גאנגורסקי און האָט איבערגערעדט פּייסאלע סאָפּראן, און האָט איהם מיטגענומען מיט זיך קיין כערסאָן צו ר' אברהם מינקאָווסקי, און ווי ער דערצעהלט איז זינגענדיג דאָרט אין שוהל פּרייטאנאכט א סאָלאָ „צדיק כתמר" האָט איהם דער גובערנאטאָר פון שטאָדט — וואס איז דאן אנוועזענד געווען אין שוהל — געגעבען א קוש. נאכהער האָט ער געזונגען ביי פּיניע מינקאָווסקי אין אדעס, שפּעטער האָט ער געזונגען ביי חזן גאנגורסקי און דיריגירט זיין כאָהר.

צו 19 יאָהר ווען זיין שטימע האָט זיך איהם געביטען אויף א „באריטאָן" האָט ער געזונגען ביי חזן וולאדאָווסקי אין סעוואסטאָפּאָל און אויך דיריגירט זיין כאָהר.

אויסער די אויסגערעכענטע חזנים, האָט ער אויך געזונגען ביי פּיעלע חזנים אין רוסלאנד. אין יאָהר 1905 אין צייט פון דער רוסיש־יאפּאנישער קריעג האָט פּסח קראסנאָוו אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, און זיין ערשטע שטעלע אלס חזן איז געווען אין מאָנטרעאל, קענעדע, וואו ע ר איז געשטאנען בכבוד 3 יאָהר. קומענדיג קיין ניו יאָרק איז ער געוואָרען חזן אין דער סיניער שוהל, וואו ער איז געשטאנען חזן צוויי יאָהר, נאכהער איז ער געשטאנען חזן אין דער גרויסער עלען סטריט שוהל, תפארת ישראל, 126 עלען סטריט, 4 יאָהר צייט. נאכהער איז ע ר געווען חזן אין אוהב שלום שוהל, טהאטפּאָרד עוועניו, בראָנזוויל 4 יאָהר צייט, און נאכהער אין דאָגלאס סט. שוהל, עמבאָי סט. שוהל, און יעצט איז ער חזן אין דער שוהל א ו ה ל מ ש ה, חברה תהילים, טאָמפּקינס און ווילאבי סטריטס אין ברוקלין.

חזן קראסנאָוו איז איינער פון די ווינציגע חזנים, וואס אויסער וואס ער באזיצט א שעהנע און גרויסע באריטאָן שטימע און איז אן אויסגעצייכענטער מתפלל, איז ער העכסט מוזיקאליש, און דיריגירט אליין וואונדערבאר זיין כאָהר. עס איז נאָר א שאדע וואס מיר האָבען ווינציג פון דעם סאָרט חזנים אין אמעריקא, און קיין אנדערע קומען גיט צו. חזן קראסנאָוו איז אויך א געטרייער חבר פון חזנים פארבאנד און ארבייט פאר דער פארבעסערונג און פארפיינערונג פון חזנ'ישען פאך אין אמעריקא.

חזן נחום קאנטאָר

קאנטאָר נייטהען (נחום) קאנטאָר, וועלכער איז חזן אין טעמפּעל עמנואל, באָרא פּאַרק, דאָרט וואו דער וועלט־חזן זאוועל קווארטין איז אָבער־קאנטאָר, איז געבוירען געוואָרען אין האָמסק, גראָדנער גובערניע, און שטאמט פון דער באריהמטער קאנטראָוויטץ פאמיליע. זיין פאָטער יודעל זרח'ס איז געווען א גרויסער מנגן, און האָט גע'שם'ט אלס אזעלכער אין גאנצען געגענד, כאָטש ער האָט ניט געמאכט קיין פּראָפעסיע דערפון.

צו 8½ יאָהר איז דער קליינער נחום'ל אָנגעקומען אין דער סלאָנימער ישיבה און אזוי ווי ער האָט געהאט א זעהר שעהנעם אַלט, האָט איהם צוגענומען דער באריהמטער יאָשע סלאָנימער.

יאָשע סלאָנימער, ווי חזן קאנטאָר געדענקט איהם נאָך יעצט, האָט געהאט א קאָלאָסאלע באסס שטימע. א באסס שטימע וואס האָט אויפגעציטערט די שוהל ווען ער האָט געדאווענט. זיין אויסצייכנונג איז געווען אין תפלה. ער איז געווען א געוואלדיגער ״זאָגער„. ער האָט אָנגעשריבען א וועלט מיט קאָמפּאָזיציאָנען, וואס חזנים פון גאנץ רוסלאנד האָבען געזונגען. יאָשע סלאָנימער איז געווען מעהר ווי א חזן, ער איז געווען א שוהלע, ער האָט ארויסגעגעבען אונצעהליגע תלמידים, גרויסע מנגנים.

נאָך א שטיק צייט ביי יאָשע סלאָנימער איז ער אָנגעקומען צו ר' ישראל מינסקער, אין מינסק. דער איז געווען א חזן פון אן אנדער סאָרט. א שעהנערע שטימע, געווען א גרויסער פאכמאן, דערפאר אָבער האָט ער זיך ערלויבט אמאָל צו זינגען ביליגערע זאכען... דאָס הייסט ניט אין גאנצען ליטורגיש... אויפגעכאפּטע מוזיק...

שפּעטער האָט ער געזונגען ביי יואל זעליג שטראָוויטש, פינסקער אין פּינסק. דער חזן איז געווען כמעט אָהן א שטימע, אָבער א געוואלדיגער מנגן געווען. דאָס הייסט טעאָרעטיש האָט ער וועניג געקענט, אָבער וואס ער האָט געזונגען מיט'ן כאָר האָט ער דעם עולם ווי פאר־כישופ'ט.

חזן נייטהען קאנטאָר האָט געהאט א וואונדערבארען אַלט. און חזנים צו יענער צייט פלעגען אויסבאָרגען אן אלט, כדי צו קענען קריגען א שטעלע. א חזן פלעגט קומען מיט א „קאפּעליע" אין א שטעדטעל, פלעגט אָפּזאָגען א פּאָאָר דועטען מיט'ן אלטעל, אָדער דער אלטעל אליין האָט געזאָגט א סאָלאָ, און די אידען זיינען געוואָרען ווי צוגעגאָסען צום חזן... נאָכדעם איז געקומען אן אנדער חזן און האָט דעם אלטעל צוגע'גנב'עט...

דורך דער צייט האָט ער אויך געזונגען ביי חזן אליהו אין זאלודאָק און שציצין (חזן אייבראמסאָן'ס פאטער) און ביי זיין ברודער חייקעל אין אָסטראָוו.

חזן קאנטאָר האָט אָבער, ווייזט אויס, ניט געוואָלט ווערען קיין חזן. ער האָט זיך גענומען צו בילדונג, און איז געווען צוויי יאָהר צייט לעהרער. דאָס איז איהם אָבער אויך נמאס געוואָרען און מיר טרעפען איהם ווידער ביי יואל זעליג אין פּינסק, נאכהער צוריק אין שציצין. און צולעצט ביי מר. רוסאטא'ס פאטער אין ראָזשענוי, זיסעל ראזשענויער.

דער פּריזיוו האָט איהם פּארטריבען פון דער היים און חזן קאנטאָר איז איינער פון די ערשטע חזנים אין אמעריקא. ער איז געקומען אהער מיט 33 יאָהר צוריק. ער האָט זיך גענומען צו פארשידענע זאכען, ווייל דאָס חזנות אין אמעריקא איז געשטאנען אויף א זעהר נידעריגען און אָרימען מצב.

ווען ער האָט באקומען אן איינלאדונג פון „טעמפּעל עמנואל" פון באָרא פּארק צו ווערען דאָרט חזן האָט ער דעם אָפּפער אָנגענומען און שטעהט שוין אויף דעם פּאָסטען זייט די לעצטע 16 יאָהר. ער האָט זיך זעהר באליעבט געמאכט ביים פּובליקום.

ער איז דאָרט אָנגעקומען ווען באָרא פּארק איז נאָך געווען א דערפעל. יעצט איז עס איינע פון די גרעסטע אידישע צענטערען און איהרע טעמפּלען זיינען פון די שעהנסטע אין אמעריקא. ווען חזן קווארטין איז אָנגעקומען פון אייראָפּא האָט איהם דער טעמפּעל איינגעלאדען צו ווערען אָבערקאנטאָר. ווען חזן קווארטין דאווענט ניט, דאווענט חזן קאנטאָר מיט דעם גרויסען שעהנעם כאָר, וואָס דער טעמפּעל האלט אויס.

טעמפּעל עמנואל איז אן ארטהאָדאָקסישע שוהל, וואו אמת אידישע תפלה און שעהנע נגינה ווערט געפּאָדערט. די שוהל מיט איהר פּרעזידענט מר. אייזיק איפּפּ נעהמען א גרויסען אינטערעס אין אלע אידישע באוועגונגען און שטעהט אימער אין דער שפּיצע פון אלע כלל ארבייטען.

חזן יעקב קעלמאַנסקי

שוין 14 יאָהר ווי חזן יעקב קעלמאנסקי שטעהט אויף זיין שטעלע אין סאוט 3־טע סטריט שוהל, קאָנג. בית יעקב וואָס דאָס אליין וואָלט געווען א גענוגענדער באוויז, אז עס איז דאָ עטוואס אין חזן קעלמאנסקי׳ס תפלה, וואָס ווירקט ווי א צויבער אויף זיין פובליקום. און דער פאקט איז, אז חזן קעלמאנסקי איז אלעמאָל ניי, אלעמאָל אינטערעסאנט, און דערפאַר קען דער עולם אימער אין איהם געפינען עטוואס מיט וואס צו דערפרישען די נשמה.

ווען מ׳קוקט דורך די ביאָגראפיע פון חזן קעלמאנסקי קען מען באלד זעהן פון וואנען ער האָט געשעפט זיין יניקה, פאַרוואָס ער איז אן אונערשעפּליכער קוואל פון תפלה.

חזן קעלמאנסקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1878 אין מיכאליוועקע, א קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליער גובערניע. דיזער אוקראאינישער געגענד איז געווען א מקור פון חזנות.

צו 10 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען אין לאדיזשין ביי חזן מיכל לאדיזשינער, שפּעטער האָט ער געזונגען ביי חזן שמעון ליב פון טאָלטשין, און ער האָט זיך אוועקגעצויגען צו דעם גרויסען צענטער פון חזנות אדעסס און געזונגען אַלט ביי יאנקעל סאראקער, ווען יאקאווקע איז געווען דער דיריגענט.

דערנאָך אז עס האָט זיך איהם באוויזען א שעהנע גרויסע טענאָר שטימע האָט ער געזונגען ביי די חזנים וואלבערג, וועלוועל, אין נעמעראָוו, אין ניקאָלאיעוו ביי ברוך עלמאן, מיט ראזומנע האָט ער געזונגען אין דער שאלאשענער שוהל אייניגע חדשים, און ביי יאָסעל שריימאן אין וואזנעסענסק.

האָבענדיג גראדואירט פון די דערמאנטע „חזנים שוהלען“ איז ער געוואָרען חזן אין דער באגאיאווקער שוהל, וואו ער איז געשטאנען 5 יאָהר, ער איז געווען אויף די זעלבע שטעלען וואו חזן דוד משה שטיינבערג און חזן ליב טקאטש זיינען געשטאנען, און דערנאָך אין אהרן׳ס שוהל.

אין 1905 אין דעם שרעקליכען פּאָגראָם איז חזן קעלמאנסקי שטארק צו׳הרג׳עט געוואָרען, אויף אזוי ווייט, אז אין די צייטונגען האָט מען געשריבען, אז דער אדעסער חזן איז געפאלען א קרבן. און די אויסערע וועלט, ניט האָבענדיג געהערט פון חזן קעלמאנסקי, האָט געשריבען אז פּנחס מינקאָווסקי איז געפאלען א קרבן. חזן מינקאָווסקי, זאָל זיין געזונד און שטארק, איז טאקע געווען אין אדעס צו יענער צייט, אָבער געליטען פון פּאָגראָם האָט קעלמאנסקי.

ניט וועלענדיג ווייטער לעבען אין שרעק איז חזן קעלמאנסקי געקומען מיט זיין פאמיליע קיין אמעריקא. ער האָט תיכף גענומען די שטעלע אין בית־המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט, ניו־יאָרק, און נאָך אייניגע יאָהר אפּזיין אויף דער שטעלע, איז ער אויפגענומען געוואָרען אין דער בית יעקב שוהל, וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד.

זעלטען ווען א חזן שטעהט אזוי פיעל יאָהרען אויף א שטעלע. חזן קעלמאנסקי איז אָבער א מענש, וואס אויסער „קולו נעים“, איז ער אויך א „מערוב בדעת עם חבריות“. די געמיינדע האָט איהם זעהר ליעב, און ער שטעלט זיי טאקע צופרידען מיט זיין תפלה ונגינה.

ס׳איז אגב ווערט צו דערמאנען און געבען א יישר כח צו דער קאָנגרעגיישאָן, וועלכע שעצט חזן קעלמאנסקי׳ס גרויסען טאלאנט, און מאכט ניט זייער עמוד פאר אן אָרט, וואו חזנים זאָלען יעדעס יאָהר מיט שפיכת דמים נעמען די שטעלעם.

חזן אליהו קריטשמאַר

דער באוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר אפרים שקליאַר, פון רוסלאַנד, שרייבט אין אַן אָבהאנדלונג איבער קריטשמאַר, דאָס פאָלגענדע:

„זיין ריזיגע שטימע איז אייגענטליך א העלדען טענאָר מיט א באריטאָנאַלען כאראקטער. די שטימע איז זעהר א געדיכטע, ברייטע און שטאַרקע, דערביי איז זי אומגעהייער זאפטיג און ווייך; זי איז אָבער מורא׳דיג גרויס; זי פארנעהמט די גאנצע לאגע פון א באַס מיט א הויכען טענאָר צוזאמען — כמעט גאַנצע דריי אָקטאַוועו. דערצו האָט ער א זעלטענע, קלאָרע און איידעלע דיקציע, א פיינע קאָלאָראַטור, מיט אַזא אויסנאַם־ווארעמדיגען „זאָגאַכץ״־קראפט (אימפּראָוויזאציע), וואָס מיר האָבען געהערט נאָר ביי דעם באריטאָן חזן־ווירטואָז ישראל מיכאַלאָווסקי (ישראל׳קע פאריזער). ביי יענעם אָבער איז די אויבערשטע לאגע געווען א סך שמעלער און זי האָט געהאט א גאנץ אנדערען טעמבער. חזן קריטשמאר באזיצט אויך זעהר א רייבען אָטעם און האַלט זיך מייסטערהאפט מיט׳ן כאָר״.

חזן אליהו קריטשמאר איז געבאָרען אין כאַטשעוואטע, א קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליער גובערני. צו עלף יאָהר איז ער געוואָרען דער סאָליסט ביי חזן משה גובערמאַן, דער חזן פון דער שטאָדט, וועלכער איז אין יענער צייט ארומגעפאָהרען פון שטאדט צו שטאָדט און דעם יונגען אלי מיטגענומען מיט זיך. זיין פאָטער וועלכער איז געווען געגען דעם, האָט זיך מיישב געווען און געפאָהרען איהם אָבנעהמען פון א שטאָדט, צוואַנציג מייל אוועק פון זייער היים. שפּעטער איז דעם באוואוסטען חזן ליב שאפּיראָ געלונגען ביים פאָטער צו פועל׳ן, ער זאָל זיין טאַלענטירטען קינד לאָזען מיט איהם מיטפאָהרען אויף א טור איבער רוסישע שטעדט צו דאווענען. קומענדיג אין בערדיטשעוו, וואו די קריטשמארס האָבען רייכע קרובים, האָט דער יונגער אלי׳ זיך אָבגעשטעלט און אָנגעקומען אלס זינגער ביי ניסן בעלזער און געלערנט אין די ישיבה. צו פערצעהן יאָהר, האָט ער פארלאָרען זיין קינדער־שטימע און איז שפּעטער געוואָרען אַ כאָר־דיריגענט, ביז ער האָט געקראָגען זיין טענאָר שטימע. ער האָט אָבער אונטער דער צייט געלערנט מוזיק, און ווען זיין נייע שטימע האָט זיך אנטוויקעלט האָט ער געשטודירט די וואָקאַלע קונסט ביי באוואוסטע געזאנגס לעהרער.

צו צוואַנציג יאָהר איז ה׳ קריטשמאר געוואָרען חזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אזוי ווי ער האָט אָבער געוואָלט ווייטער שטודירען מוזיק און געזאנג האָט ער אָנגענומען א חזנות שטעלע אין אדעס, וואו ער האָט געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען אונטער די בעסטע איטאַליענישע מייסטערס. שפּעטער האָט איהם די בערסאָנער כאָר־שוהל אויפגענומען אלס זייער חזן, און ענדליך האָט איהם די אָדעסער געמיינדע איינגעלאדען צו פארנעהמען די שטעלע אין דער אדעסער גרויסער שוהל, וועלכע האָט אימער געהאָט די גרעסטע חזנים ווי באַכמאַן, ראַזומנע א. אַז. וו.

צוליעב די שווערע עקאָנאָמישע און גייסטיגע לאַגע, אונטער וועלכע די אידען לעבען אין רוסלאַנד, האָט חזן קריטשמאר זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט זיין ברודער אין ניו יאָרק, און דער גרויסער עמוד־קינסטלער האָט באַשלאָסען צו מאכען זיין היים אין אמעריקא. אָבער איידער ער האָט דער אַלטער היים פארלאָזען האָט ער געמאַכט אַ קאָנצערטען־טור איבער די גרעסערע שטעדט פון רוסלאנד, ווי מאָסקווא, ריגא, קיעוו א. אז. וו. וואו ער האָט געהאט אזא גרויסען ערפאָלג, דאָס עס האָט זיך איהם שוין ניט געגלוסט צו פארלאָזען רוסלאנד. אָבער זיין ברודער איז צו איהם צוגעשטאַנען און ער איז דאָך אין אמעריקא אָנגעקומען.

אין דיזען לאנד האָט חזן קריטשמאר זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען גלייך ביי זיין ערשטען אויפטריט אין א באוואוסטער שוהל צו דאווענען. ער איז פון אלע מבינים, האך לייטע, און סתם ליעבהאָבער פון חזנות אנערקענט געוואָרען אלס א קינסטלער פון ערשטען ראנג. פיעלע קאָנגרעגיישאָנס האָבען געזוכט איהם צו קריגען פאר זייער חזן, אָבער די גליקליכע איז געווען די „וואשינגטאָן האיטס קאָנגרעגיישאַן״, פון וועסט 161־טע סטריט, וועלכע האָט איהם אויפגענומען אלס יעהרליכען קאנטאָר מיט א גרויסען געהאלט.

חזן אליהו קריטשמאר וועט נאָך פון זיך פיעל לאָזען הערען אין דער צוקונפט. פאָנאָגראַף רעקאָרדס פון זיינע בעסטע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ער זינגט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג, וועלען באַלד פארשפּרייט ווערען איבער גאנץ אמעריקא.

חזן שמואל קאָוועצקי

צווישען די חזנים מנגנים פאַרנעמט חזן שמואל קאָוועצקי א פּראָמינענטען אָרט. ניט אכטענדיג וואָס ער איז נאָך א יונגערמאַן, האָט ער שוין געשאַפען ווערק, וועלכע זיינען א קוועלע פאר פיעלע חזנים פון וואנען צו שעפּען טעמאָס און נגינה צו באגייסטערען די מתפּללים.

הזן שמואל קאָוועצקי איז געבוירען געוואָרען אין ווינקאָוויטץ, פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאנד און האָט געלערנט ביי זיין ברודער, דער יאמפּאָלער רב, הרב הגאון מר. יחיאל קאָוועצקי ז"ל, און האָט אויך געזונגען סאָפּראנאָ ביי דעם שטאָדט חזן ביז 14 יאָהר.

דאן האָט איהם שלמה'לע וואלטשיסקער, דער בארימטער מנגן בגנבה צוגענומען פון זיין היים און האָט געזונגען נאָך 2 יאָהר, ביז ער האָט די סאָפּראנאָ שטימע פארלאָרען, און אין דער קורצער צייט וואָס ער האָט דאָרט געזונגען האָט ער אויסגעלערנט גוט מוזיק, און וועהרענד ער האָט געווארט אויף דער צווייטער שטימע האָט ער דערווייל געלערנט אין בית המדרש.

ווען ער האָט באקומען זיין צווייטע שטימע איז ער אוועק צו חזן אברהם קאלעבניק, איינער פון די גרעסטע מתפּללים פונ'ם לעצטען דור — און דאן ווען מ'האָט געהערט שמואל'ן דאווענען, האָט מען פאראויסגעזאָגט אז עס וואקסט איינער פון די גרויסע קינסטלער אין דאווענען. ער האָט אויך געזונגען ביי אליהו יאבלאטשניק און שמואל וויינמאן, און האָט מיט זיי ארומגערייזט איבער פארשידענע מדינות, ביז זיי זיינען געקומען קיין טארנאָפּאָל, גאליציען, וואו ער איז געבליבען אין גרויסען טעמפּעל, כאָר־לידער. נאָך אלס זינגער האָט ער געצייגט גרויסע פעהיגקייטען צו קאָמפּאָנירען זאכען, צו דיריזשירען, און ער האָט זיך אלס דיריגענט ארויסגעוויזען צו זיין אזוי פעהיג ווי אלס חזן שפּעטער.

נאָך א קורצער צייט זייענדיג אין טארנאָפּאָל דיריגענט איז ער געוואָרען חזן אין דראָהביטש, גאליציען און דאן צוריק אין טארנאָפּאָל, אלס חזן. פון דאָרט פאָהרט חזן קאָוועצקי נאָך וויען, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין מוזיקאלישע שטודיומס אין דער צייט וואָס ער איז אויך געוועזן חזן.

אין 1913 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו מ'האָט באלד אנערקענט זיינע פעהיגקייטען. ער האָט באקומען די ערשטע שטעלע אין דער פּענסילווייניא עוועניו ת"ת אין בראָנזוויל, וואו ער איז געווען חזן 5 יאָהר; די צווייטע שטעלע איז געווען קאָנג. בני ישראל, בעדפאָרד עוועניו, ברוקלין; פון דאָרט האָט איהם די עלדרידזש סטריט שוהל אויסגעקליבען און איז איצט חזן אין דער קאָנג. עין יעקב, 1426 מינפאָרד פּלייס וואו ער איז זעהר באליבט און געשעצט.

נאָך אין די ערשטע יאָהרען ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האָט ער זיך געטראָפען מיט דעם באוואוסטען חזן און קאָמפּאָזיטאָר, חזן יהושע ווייסער, און איהם געצייגט זיינע קאָמפּאָזיציאָנען, און זיי האָבען באשלאָסען צוזאמען ארויסצוגעבען א ווערק. דאָס ווערק איז ארויסגעגעבען געוואָרען אונטערן נאָמען „שירה חדשה". שפּעטער האָבען זיי אויך ארויסגעגעבען א זאמלונג לידער מיט'ן נאָמען „דער לידער קראנטץ".

„שירה חדשה" האָט ערפילט א וויכטיגען פארלאנג צווישען די חזנים, וועלכע האָבען געזוכט „נייעס" צו זאָגען, און עס איז געווען אזא גרויסער ערפאָלג אז די ביידע חזנים האָבען באשלאָסען ארויסצוגעבען דאָס צווייטע טייל פון „שירה חדשה", וועלכעס ווערט יעצט צוגעגרייט צום דרוק. חזן קאָוועצקי וועט קירצליך אויך ארויסגעבען ביחידות, א ווערק פון רעציטאַטיווען מיט'ן נאָמען „תפילת שמואל".

חזן אַלתר יחיאל קאַרניאָל

עס זיינען דאָ חזנים וואָס קענען באַגייסטערען אַן עולם; עס זיינען דאָ חזנים וואס קענען באגייסטערע: א וועלט; עס זיינען דאָ חזנים וואס צייכענען זיך אויס מיט געזאנג, אנדערע מיט מוזיקאלישע פאכמאנשאפט. אָבער ווען מ'קומט צו תפלה, דאן דארף מען שטעלען פון אויבען אָן דעם אלטען ר' אלתר יחיאל קארניאָל.

ווען איך שרייב די דאָזיגע ביאָגראַפיע איז מיין הארץ פול מיט צער און צאָרן. ווען איך קוק זיך צו וואָס עס איז געוואָרען פון דעם גאון התפלה ווע־מען מ'האָט אזוי פארגעטערט ווען ער האָט געקענט באווייזען וואונדער ביים עמוד... און וועלכער דארף זיך יעצט שעצען גליקליך אז מ'לאָזט איהם דאווע־נען א שבת!... איך בין פול מיט צאָרן אויף אונזערע ארטאָדאָקס'ישע אידען און די געמיינדען, וועלכע האָבען איהם אייסגענוצט ווען ער איז געווען יונג און האָט געקענט ברענגען געלד... און וועמען מ'פארשטויסט יעצט, ווייל עס זיינען דאָ יונגערע וואס קענען „אריינ־ברענגען געלד אין דער קאסע"...

וואָס זאָל טהאָן אזא אלטער חזן, ווען ער קען שוין ניט ארומלויפען זוכען א שטעלע? וואָלט ניט געווען מעהר ווי רעכט, אז די אידישע קהלה זאָל איהם פארזאָרגען, אז ער זאָל מעהר קיין דאגה וועגען חיונה ניט האָבען?

דאָס איז אָבער אייגענטליך די טראגעדיע פון יעדען חזן און פון יעדען ארטיסט. כל זמן ער איז יונג, איז ער ווילקאָמען. ווי ער ווערט אלט קומען אנדערע יונגע און פארנעהמען זיין אָרט.

איך געדענק חזן קארניאָל פון זיין צווייטען באזוך אין אמעריקא פון גענויע 18 יאָהר צוריק, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון א"עס נאָך אמעריקא. איך בין נשתומם געוואָרען פון זיין שטימע. איך האָב נאָך אזא שטימע ניט באגעגענט. ער האָט געהאט א לירישע באַ־ריטאָן שטימע, מיט א טיעפע לאגע ווי א קאָנטראָ־באַס, און פון אויבען א לאגע ווי א לירישער טענאָר אויסער א מעזא־וואטשע. אָפט פלעגט ער מאכען א קאָלאָראטור און עס פלעגט זיך ציהען דורך פיער אָקטאַוועז.

אָבער דאָס מערקווירדיגסטע איז געווען זיין תפלה. אזא התלהבות'דיגע תפלה הערט מען נור פון איינעם וואס קאָפירט קארניאָל. ער איז געווען א וואונדערבארער בעל נוסח. לויט ווי ער דערצעהלט האָט ער די דאָזיגע תפלה גענומען פונ'ם באריהמטען משה לויצקער, וועלכער האָט געהאט א מערקווירדיגע באסס שטימע, און איז געווען איינער פון די גרעסטע חזנים און בעלי נוסח וואָס אונגערן האָט ווען עס איז געהאט.

חזן קארניאָל איז געבוירען געוואָרען אין דיאלעשיץ, קעלצער גובערניע, מיט אונגעפעהר זיעבציג יאָהר צוריק.

זיינע עלטערען זיינען געווען סוחרים. אלס איינגעל פון 15־16 יאָהר האָט ער שוין געדאווענט אין קראקוי אין ר' אייזיק ר' יאנקעלע'ס שוהל. ער האָט געלערנט און געזונגען ביי חזן קריגער, אזשוועגזין, גאליציען, און קלויזענבורג זימבירגען ביי ר' משה לויצקער, וועל־כער איז געווען א גרויסער מתפלל. שפעטער האָט ער אויך געזונגען ביי חזן יחזקאל וויטמאן אין דיונדיוש, אונגארן. וואו ער האָט חתונה געהאט, און ביי פיישע חאטינער אין צעבריצין.

ער האָט באטראָטען איינינע שטעלען אין סאבאדקא, מישקאָלץ, גראס ווער־דיין, באָלאָש דיודמיער, אויפען (בודא־פעסט) און פון דאָרט האָט מען איהם צוגענומען נאָך 5 קירכען, וואו ער האָט געהאט א לעבענסלענגליכע שטעלע. ער איז אָבער נאָר געווען 7 יאָהר דאָ, ווייל ווען די אוהב צדק שוהל, נויאָרק האָט געדארפט א חזן און דער נאָמען יחיאל קארניאָל האָט שוין דאן גע'שם'ט אין אלע קרייזען פון חזנות, האָט די גע־מיינדע איהם אהער אריבערגעבראכט, וואו ער האָט מרעיש עולם געווען.

נאָכדעם ווי ער איז דאָ אָבגעווען 5 יאָהר, און ניט זייענדיג זעהר צופריעדען מיט דעם מצב ההזנות אין אמערי־קא איז ער אויף דער איינלאדונג פון דער אָדעסער שטאָדט שוהל, אוועקגעפאָהרען אהין און איז דאָרט געשטאנען בכבוד גדול, צוזאמען מיט דעם באריהמטען דיריגענט דונאיעווסקי, ביי פיגיע מינקאָיוסקי איז מען געגאנגען הערען נגינה און צו קארניאל פלעגט מען קומען הערען תפלה...

נאָכ'ן באריהמטען אָדעסער פאָגראָם האָט קארניאָל שוין מעהר ניט געוואָלט בלייבען אין רוסלאנד, און ער איז געקומען קיין אמעריקא צוריק. ער האָט דאן באטראָטען די שטעלעס אין דער אילייער שוהל; רומענישע שוהל, 118־טע סטריט שערי צדק, און דאן ווייעדער אין דער אוהב צדק שוהל.

אין די מעהרסטע שוהלען אין די לעצטע יאָהרען האָט ער געליטען א סך אומ'כבוד פון די בעאמטע פון די שוהל־

לען — דער עולם האָט איהם נאָך אלץ פארגעטערט ווי אמאָל — אין מיט די פיעלע צרות וואָס ער האָט געהאט

פארלירענדיג ר"ל זיין חבר אין לעבען, זיין איידעם, איז זיין מצב געוואָרען אזעלכער, אז עס טהוט וועה דאָס הארץ ווען מען דערמאָנט זיך וואָס עס קען ווערען פון א חזן וואָס איז געווען פארגעטערט פון דער גאנצער וועלט.

אין דער צייט וואָס החזן קארניאל איז געווען אין אָדעס האָט ער געהאט איינלאדונגען פונ'ם דירעקטאָר פון דער אָדעסער אָפּערא געזעלשאפט אריינצוטרעטען אין דער אָפּערא, אָבער ער האָט זיך אנטזאָגט פון אלעם. זיין פלאטץ איז בייב עמוד, האָט ער געזאָגט, און ער האָט זיך ריכטיג געקענט. ער איז געווען א וואונדערבארער מתפלל. און אפילו נאָך היינט, ווען ער זאָגט עפּעס זעהט מען ווי גרויס זיין כח איז געווען אמאָל.

אברהם קאנטאר

אברהם קאנטער, דער דיריגענט פון דער קאלווארימער שוהל, וואו דער באריהמטער מתפלל חזן מנחם מענדעל אראבאף איז דער חזן, איז א זוהן פון דעם גוט באוואוסטען ש"ץ ר' פנחס'ל קאנטער וועלכער איז געווען חזן אין פוילען, אין קאגין און זאמבראוו. ר' פנחס'ל ווי באוואוסט איז געווען אויסער זיין חזנות אויך א גרויסער תלמודיסט און ירא אלקים באמת. ער איז געווען חתן החזן המפורסם ר' ישראל יעקב שקודער.

וועגען דיזען גרויסען מתפלל איז כדאי צו דערצעהלען דעם פאָלגענדען פאקט: ר' ישראל יעקב שקודער איז איינגעלאדען געוואָרען צו דאוונען אין ווילנע, אין דער צייט וואָס מאנטיפיארע איז דאָרט געווען. אין מיטען דאוונען האָט ער עפּעס געדארפט ארויסגעהן און ווען ער האָט געדארפט צוריק אריינקומען, איז דער געדרענג געווען אזוי גרויס אז די פּאָליציי, אום אוועקצושטויסען די מאססע, האָט איהם א קלאפּ געטהאָן אין הארצען, און אין דריי טעג איז ער געשטאָרבען. ער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 36 יאָהר. ר' ישראל יעקב שקודער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקס"ד און איז נפטר געוואָרען אין יאָהר ת"ר.

חזן מאיר קערנער

חזן מאיר קערנער פון דער לינדען סטריט שוהל אין סקרענטאן פּא., האָט אלס משורר געזונגען אין גאליציען, ביי די באוואוסטע חזנים ר' ברוך שאָרר און ר' ברוך קינסטלער ע"ה,ביידע אין לעמבערג. שפּעטער איז ער אוועקגעפאָהרען נאָך אונגארן, וואו ער האָט געזונגען ביי באוואוסטע חזנים. צו 20 יאָהר טרעפען מיר איהם שוין אין קאשוי (אונגארן) אלס דיריגענט פון א גרויסען מענער כאָר. צו 23 יאָהר האָט מען איהם בארופען קיין לעמבערג וואו ער טרעט אויף אלס חזן מיט גרעסטען בייפאל, אזוי דאָס נאָך דעם ווי דער גרויסער חזן־קאָמפּאָזיטאָר ברוך שאר איז נפטר געוואָרען, איז ער גערופען געוואָרען צו פארטרעטען די שטעלע. נאָך זיין פּראָבע זיינען אלע ענטציקט געוואָרען פאר איהם, אָבער ער האָט ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו פיהרען אזא כאָר, און זיין דער נאָכפאָלגער פון דעם גרויסען חזן־מוזיקער וועמען גאנץ לעמבערג און פיליכט די גאנצע חזנ'אישע וועלט האָט פארגעטערט. ער האָט בעסער אָנגענומען די שטעלע אין לאנציט. נאָך 4 יאָהר צייט פאָהרט ער נאָך בראָד (אונגאריש) בעהמען וואו ער איז געשטאנען א משך פון 17 יאָהר מיט גרויס כבוד. ער האָט דורך דער צייט געהאט אָנגענומען א שטעלע אין ליווערפּול אָבער די געמיינדע האָט אזוי שטארק געבענקט נאָך איהם אז זי האָט איהם מיט גוואלד צוריקגעבראכט אויף זיין פּאָסטען.

די גאנצע צייט האָט קאַנטאָר קערנער פּאָרגעטראָגען הויפּטזעכליך זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציאָנען און רעציטאטיווען.

ער פּלאנט אויך קירצליך ארויסצוגעבען א ווערק, כאָטש מאָדערן אין סטיל דאָך געבויט אויף טראדיציאָנעלע סינאגאָג מוזיק, און עס וועט זיין זעהר ניצליך פאר פאכלייטע.

אין יאָהר 1921 האָט דער קריעג איהם פארטריבען קיין אמעריקא, און זינט דאן געפינט ער זיך אין סקרענטאן פּא., וואו זיין טאלאנט איז גלייך אָנערקענט געוואָרען.

חזן דוד ליב קאפלאן

חזן דוד ליב קאפלאן, איז געבוירען געוואָרען מיט 45 יאָהר צוריק אין מערעץ, ביי זיין פאָטער הרב ר׳ יונה קאפלאן, וועלכער איז געווען א מופלג בתורה און א צדיק בכל מעשיו. ער איז אויפגעצויגען געוואָרען אין ווילנא, די שטאָדט פון גרויסע תלמודיסטען און פון גרוים חזנות, און פון ביידע האָט חזן קאפלאן גענאָסען אין א גרויסער מאָס.

לערנענדיג אין די ישיבה האָט ער געלערענט נגינה ביי חזן יוסף הירש קאָהאן.

צו 20 יאָהר האָט ער שוין גדאווענט פאר זיך אין גרויסען פאסאדזש; ווען ער האָט גדאווענט שפּעטער אין מאיר גאָרדאָן׳ס שוהל האָט איהם חזן סיראָטאָ געהערט און באוואונדערט.

דערנאָך האָט ער גדאווענט אויף פיעלע גרויסע שטעלעם. אין דווינסק אין תרס״ז אין קהל׳שען בית המדרש וואו דער גאון מאיר שמחה האָט גדאווענט, און אין פרידלאנסקי שוהל. ער האָט אויך גדאווענט אין דער שטאָדט שוהל אין אָדעס, נאָך שטיינבערג׳ן ווען די שטאָדט האָט קיין חזן ניט געהאט.

זייט די לעצטע צעהן יאָהר געפינט ער זיך אין אמעריקא, און האָט באטראָטען שטעלען אין ניו הייווען — אנשי לייבאָוויטש; ברעדאק, פא; באָסטאָן; פּערטה עמבאי; בעיאנער גרויסע שוהל; ת״ת פאסעיק; קאָנג. עין יעקב אנשי ליסקאָווע, אין מינפאָרד פליים שוהל; דאן א ימים נוראים אין דער גרויסער ארענא אין מאָנטרעאל קענעדע וואו נור אזעלכע זינגער ווי קארוזא, מק׳קאָרמאק, גאלי קורטשי גיבען קאָנצערטען; די גרויסע שוהל אין סיראַקיוז; ביהמה״ג אנשי אונגארן, 7־טע סטריט ניויאָרק, און יעצט חזן אין טעמפעל בית אל, בארא פארק.

חזן קאפלאן איז א איד א למדן, ומשכיל, באזיצט א שעהנע טענאָר שטימע, און זיין תפלה איז פון דעם וואָהליינער גוסט — די וואָס איז אזוי באליעבט אין גאנץ רוסלאָנד.

חזן יצחק קאַטץ

חזן יצחק קאטץ, באלאנגט אין דער קאטעגאָריע פון „זאָגער“. ער האָט א לירישע טענאָר שטימע, מיט א פאלצעט. א שטימע וואָס לאָזט זיך בויגען צו די פאָדערונגען פון עמוד, און דערצו איז חזן קאטץ אָנגעזאפט מיט „תפלה“ פון די גרויסע חזנים־זאָגער ביי וועמען ער האָט געזונגען און געלערענט.

חזן יצחק קאטץ איז געבוירען געוואָרען מיט 30 יאָהר

צוריק אין טראסטאנעץ, א שטעדטעל נעבען אָדעס. צו 7 יאָהר ווען ער האָט באקומען אן אלט שטימע האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי חזן ליב טקאטש אין סעוואסטאפאל, דערנאָך האָט ער געזונגען ביי ר׳ ניסע בעלזער. אז ער האָט „גראדיואירט“ פון דיעזען קאָנסערוואטאָריום פון תפלה ונגינה האָט ער אָנגעפאנגען דאווגען פאר זיך און האָט באריזט עסטרייך־אונגארן, דייטשלאנד, רוסלאנד. אין דער צייט פון דער אָבוועקסלונג פון דער שטימע האָט ער געלערענט אין דער ישיבה פון דער אונגאריש־חסידישער שטאָדט מאראָמאָראָש־סיגעט.

ער האָט פארטראָטען שטעלען אין קאָלאָזשוואר, קלויזענבורג זימבירגען. דערנאָך אין ליווערפול ענגלאנד און פון דאָרט איז ער געקומען קיין אמעריקא.

דאָ אין אמעריקא איז ער דאָ סך הכל 2 יאָהר.

זיין ערשטע שטעלע איז געווען אין מאָנטרעאל, קענעדע. יעצט איז ער מיט גרוים כבוד אין דער סאוטה, 2־טע סטריט ברוקלין שוהל. קאָנג. עדת ישורון, וועלכע האָט איהם פריהער ערוועהלט אויף 1 יאָהר, און תיכף נאָך ימים נואים באנייט דעם קאָנטראקט אויף נאָך 2 יאָהר.

ראובן קאַזימירסקי

ראובן קאַזימירסקי, דער גוט באַוואוסטער דיריגענט, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1887 אין נעשוויז, מינסק. גובערניע. נאָך אַלס קליינער אינגעל האָט ער ארויסגעוויזען א חשק צום עמוד. ער האָט געהאַלטען אין איין חזנ'ען זיך. ווען ער איז אַלט געוואָרען אַכט יאָהר איז ער אריינגעטראָטען אין כאָר פון חזן מאיר לידער. ער האָט געהאַט א וואונדערבארען אַלט, און ביי חזן מאיר לידער האָט ער א סך חזנות און מוזיק געלערנט. אין א קורצער צייט ארום האָט ער שוין אַליין מקבל שבת געווען און האָט געהאָפט ניט אנדערש ווי א חזן צו ווערען.

איינמאָל איז געקומען א פּאָדראַדטשיק פון ביאַלעסטאָק און האָט איהם צוגענומען צו חזן פּנחס שפּאָלאַנסקי אין דער ביאַלעסטאָקער עדת ישורון שוהל, וואו ער האָט געזונגען 5½ יאָהר צייט.

און אזוי ווי דאַמאָלסט איז געווען א מגפה אויף גנב'ענען אַלטלעך האָט מען איהם אויך גע'גנב'עט פון איין חזן צום אנדערען און צווישען די חזנים ביי וועמען ער האָט געזונגען איז געווען דער גרויסער גאון החזנות ר' פּנחס מינקאָווסקי, ביי וועמען ער האָט דאָ אין אמעריקא איינינגע מאָל געלייסטעט אַלס דיריגענט צום כאָר. די שכירות פון דעם וואונדערבארען משורר איז געווען א רו"כ א חודש.

ווען ער איז אַלט געווען 15½ יאָהר און ער האָט זיין אַלט שטימע פארלאָרען האָט ער אָנגעפאנגען צו לערנען העכערע יסודות פון מוזיק אין דער ווארשאווער קאָנסערוואַטאָריע. ניט האָבענדיג קיין שטימע האָט ער געלערנט שפּיעלען אן אינסטרומענט, פריהער קאָנטראַ־באַסס, דערנאָך פּיאַנאָ, הארמאָניע, א. ז. וו. נאָכדעם ווי ער האָט דריי און א האַלב יאָהר געלערנט האָט זיך פלוצלונג ביי איהם באַוויזען א באריטאָן שטימע פון אויסערגעוועהנליכער שעהנהייט. ער האָט אָנגעפאנגען לערנען ביי דעם באַריהמטען געזאַנגס מייסטער דזשוסינאַני, אן איטאַליענער, וועלכער איז געווען באַטיסטיני'ס א נאָהענטער פריינד. אויסער דער קאָנסערוואַטאָריום האָט ער איהם אונטערריכטעט פריוואַט, און באַטיסטיני האָט איהם איינמאָל געהערט און שטארק געליבט זיין שטימע.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער געזונגען אין דער נאָזשיק שוהל ביי חזן לעווינסאָן, וואו דאַווידאָוויטש פון מינסק איז געווען דער דיריגענט.

האָט אָבער אויסגעבראָכען די רוסיש־יאַפּאַנעזישע קריעג, דער קאָנסערוואַטאָריום שליסט זיך צוליעב די אונאָרדנונגען; מ'האָט איהם אויפגעפאָדערט זיך צו שטעלען צו מיליטער און אויפ'ן ראטה פון זיין פאמיליע קומט ער קיין אמעריקא.

דאָ אין אמעריקא אַלס אימיגראַנט האָט ער שטארק געקעמפּפט פאר זיין עקזיסטענץ, און א סך זיך געפּלאָגט.

חזן משה אהרן סיגעל און הערמאַן וואָהל, זיין דיריגענט, זיינען איינמאָל ארויף צו איהם און איהם געהייסען זינגען. ווען מ'האָט דערהערט זיין שטימע האָבען זיי איהם באַלד צוגענומען און ער האָט באַקומען $19 א חודש. ער האָט זיך דאַמאָלסט געשעצט גליקליך. וואָהל'ס כאָר האָט דאן באַקומען א וויכטיגע קראַפט. איבעראַל האָט מען גערעדט וועגען דעם „שווארצען באַריטאָן" און ביסלעכווייז האָט ער זיך אויסגעגרינט און געזונגען ביי די דיריגענטען טשערי, דערנאָך איז ער געוואָרען דיריגענט ביי דעם גרויסען מנגן חזן יעקב פרוהמאַן ע"ה (יאַנקעלע ראָוונער) און ווען הערמאַן וואָל איז געוואָרען ר' יאָסעלע ראָזענבלאַט'ס דיריגענט איז ער אויך אריינגעטראָטען אין כאָר.

ווען עס איז געוואָרען א גרויסע נאָכפראַגע אויף כאָרען זינט די גרויסע חזנים ווי קווארטין, טקאטש און אנדערע זיינען אריבערגעקומען, איז ער צוריק געוואָרען א דיריגענט און האָט זינט דאן באַטראָטען פיעלע וויכטיגע שטעלען, און דיריגירט שבתים און קאָנצערטען מיט די גרעסטע, און יעצט איז ער אָנגעשטעלט אלס דיריגענט ביי דעם יונגען וואונדערבארען חזן ר' אברהם שאפּיראָ, אין דעם רייכען טעמפּעל „קאָנקאָרס סענטר אָוו איזראעל".

עס איז כדאי דאָ צו באמערקען אז ה' קאַזימירסקי האָט דאָ אויך געהאט א שטיקעל אָפּערא קאריערע. ער האָט געזונגען אין האמערשטיין'ס אָפּערא געזעלשאפט א שטיק צייט, און ער האָט א רעפּערטואר פון 30 אָפּעראס. אָבער וועלענדיג איינמאָל אָרגאַניזירען די מיטגלידער אין א שוץ־פאראיין איז ער ענטזאגט געוואָרען.

ראובן קאַזימירסקי איז דער פּרעזידענט פון דעם פארבאנד פון שוהל־כאָר־דיריגענטען, און ער ארבייט צוזאמען מיט די פיהרער פון חזנים־פארבאנד אין דעם צוועק צו דערהויבען דעם מצב החזנות והנגינה אין די שוהלען פון אמעריקא.

חיים קאטיליאנסקי

ווי אזוי איך בין פון דעם אידישען פאָלקסליעד געקומען צו חזנות.

אויף ווי ווייט איך קען מיך עראינערען אלס קינד, בין איך שטענדיג געווען ארומגערינגעלט פון א געזאנג־אטמאָספערע. מיינע עלטערען זיינען געווען חסידים, און אזוי ווי דער פאָטער מיינער איז אלע יאָהרען געווען גבאי אין ריזשינער קלויז אין זשיטאָמיר, פלעגט אונזער הויז שטענדיג זיין געפאקט מיט חסידים. ווער שמועסט א שבת, א יום טוב?! דאמאָלט פלעגען זיך ערשט מיין טאטענס פריינד, די חסידים פארזאמלען ביי אונז און מען פלעגט „הוליען“. און אין וואָס באשטעהט דאָס חסידישע הוליען? אין דברי תורה, געזאנג, א גלעזעל וויין און א טענצעל. אין דיזער אטמאָספערע פון תורה האָב איך פארבראכט מיינע קינדער יאָהרען און מיין גאנצע יוגענד. דיזע ערציהונג האָבען איינגעקריצט אין מיין נשמה צוויי שטריכען: 1) ליעבע צו תורה, צו לערנען בכלל און 2) ליעבע צו מוזיק און צו פאָלקס מוזיק בפרט. אין מיינע קינדער־יאָהרען האָב איך געהאט א זעהר שעהנע אלט־שטימע, און די „גאנצע שטאָדט“ האָט עס געוואוסט. איז יעדען שבת פלעגען קומען צו מיין פאָטער „דעלעגאציעס“ פון פארשיעדענע חסידים און בעטען איהם, ער זאָל ערלויבען זיין חיים׳קען, אז ער זאָל געהן זינגען ביים „רבינ׳ס טיש“. אזוי פלעגט מען מיך יעדען שבת יאָהרען לאנג מוטשען.

פון דעמאָלט אָן האָב איך אזוי ליעב געקראָגען דאָס אידישע פאָלקסליעד, נגונים, נוסחאות, און אין יעדען פון זיי האָב איך געפונען א באזונדערען שטריך פון דער פאָלקס־נשמה. מיין קינדערישע אלט־שטימע האָט זיך שפעטער געביטען פאר א שעהנע, מעכטיגע און זאפטיגע באריטאָן־שטימע. זינגען פלעג איך אלץ אין דער וועלט: אריעס, באלאדעס, ראָמאנסען, ליעדער. אָבער נעהענטער צו מיין נשמה איז אלץ געבליבען דאָס אידישע פאָלקסליעד, ווייל דאָס לעצטע האָב איך באמת ליעב געהאט מיט דער גאנצער טיעפקייט פון מיין נשמה. און אזוי ווי די אידישע רעליגיעזע נוסחאות פארנעהמען א גרויסען פלאץ פון דער אידישער פאָלקס־מוזיק, האָבען זיי שוין פון מיין פריהער קינדהייט א באזונדערע צוציהונגס־קראפט אויף מיר אויסגעאיבט. הערען א גוטען חזן איז געווען מיין גרעסטער פארגעניגען, און גלייך נאָך דעם, ווי איך פלעג הערען א חזן, פלעג איך נאָכמאכען מיט אלע פיטשעווקעס. און אזוי, א דאנק מיין שטארקע ליעבע צו פאָלקס־מוזיק בכלל און צו חזנות בפרט, האָב איך אין מיר איינגעזאפט א ים מיט נגונים, מעלאָדיען, נוסחאות און חזנ׳ישע קאָמפאָזיציעס.

וועגען חזנות אלס פראָפעסיע האָב איך קיין מאָל ניט געטראכט, ווייל כ׳האָב עס ניט באדארפט. ערשט ביים אויסברוך פון דער וועלט מלחמה, וועלכע האָט מיך געטראָפען אין דער שווייץ, וואו איך האָב דעמאָלט שטודירט מעדיצין אין דער בערנער אוניווערזיטעט, האָב איך באקומען אן איינלאדונג פון דער גרויסער איזראעליטישער קולטוס־געמיינדע אין ציוריך אָנצונעהמען ביי זיי די חזן־שטעלע פאר ימים נוראים. דער ערפאָלג איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט מיר צוגעגעבען מוט און ענערגיע, און אזוי איז חזנות פון דעמאָלט אָן פארבליבען א צווייג אין פראָפעסיע אלס פאָלקס־זינגער.

חזן יעקב ראַפּאַפּאָרט

חזן פון קלינטאָן סטריט שוהל, אין 8-10 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק

חזן יעקב ראפאָפּאָרט, וועלכער איז פּראָמינענט אין דער חזנים וועלט, און ביי די ליעבהאָבער פון תפלה ונגינה, האָט זיך געשאפען זיין נאָמען, ניט צוליעב זיין רייכער טענאָרי שטימע, אָדער דורך „קאָנצערטען", נאָר צוליעב זיינע געניאלע שאפונגען סיי ביים עמוד און סיי מיט דער פעדער פאר אנדערע חזנים. חזן ראפאָפּאָרט איז באוואוסט אלס איינער פון די גדולים אין שרייבען „רעציטאטיוועך" פאר יעדען חזן לויט זיין שטימע און לויט זיין טעמפעראמענט. עס זיינען דאָ חזנים מיט שעהנע שטימען, פאר וועלכע מ'דארף שרייבען שעהנע און לייכטע מעלאָדיען, און עס זיינען אויך פאראנען אזעלכע שטימען, וועלכע ברענגען און פיבערען, און פאר אזעלכע שטימען פאָדערט זיך ספעציעלע רעציטאיטוועך. כדי זייערע שטימען זאָלען האָבען אריכות ימים.— און חזן ראפאָפּאָרט איז א מייסטער אויף ביידע געביטען.

און ווען מען קוקט זיך גוט צו צו דער ביאָגראפיע פון חזן ראפאָפּאָרט קען מען לייכט פארשטעהן ווי אזוי חזן ראפאָפּאָרט האָט זיך אויסגעצייכענט אויף דיזען פעלד. ערשטענס, איז זיין יניקה בעסאראביע; צווייטענס, איז זיין יניקה „חסידיזם"; דריטענס, איז ער געווען א משורר ביי ר' זיידעל ראוונער, און דערצו איז ער נאָך א זוהן פון א פּראָמינענטען רב. מיר וועלען דערצעהלען זיין לעבענס געשיכטע כסדר:

יעקב ראפאָפּאָרט איז געבוירען געוואָרען אין 1890, אין טעלענעשט, בעסאראביער גובערניע. צו 6 יאָהר האָט ער שוין געזונגען ביי די שטאָדט חזנים, און צו 9 יאָהר איז שוין אנקעלע א וואנדערער. דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט געצוואונגען זיין פאטער הרב ה"ר ישראל ראפאָפּאָרט צו נעהמען זיין הויזגעזינד קיין טשארטקאָוו, גאליציען, וואו זיין ברודער ר' צבי הערשעל ראפאָפּאָרט איז געווען דער הויפט מקורב ביים טשארטקובער צדיק ה"ר דוד משה ז"ל. ה"ר ישראל האָט דאָ געפונען די רבנות שטעלע גרייט פאר איהם, און מיר טרעפען דעם קליינעם יאנקעלע ביי דעם רבינ'ס טיש, וואו ער האָט איינגעזאפט די חסידישע אטמאָספערע, און איז געווען צוליעב זיין שעהן קול'כעל און זיינע שעהנע חסידישע נגונים (ער האָט שוין דאן געקענט גוט נאָטען לעזען און חסידים פלעגען שוין זינגען זיינע חסידישע נוגינים'לעך) זעהר באליעבט ביי אלעמען. דער באוואוסטער חזן ר' איציקעל שקאָלניק פון סטאניסלוי, האָט זיך געבעטען ביים רבי'ן צו פועל'ן ביי ה"ר ישראל ראפאָפּאָרט, צו ערלויבען, אז יאנקעלע זאָל ווערען זיין משורר אויף א קליין שטיקעל צייט. 3 מאָנאטען האָט ער ביי איהם געזונגען, ביז עס איז געקומען דער בעריהמטער גאון הנגינה ר' זיידעל ראָוונער.

און ער האָט איהם גענומען קיין לאָנדאָן. עס איז אָנגעקומען ר' זיידלען נאָך שווערער ווי דעם פריהערדיגען חזן צו פועל'ן ביי הרב ראפאָפּאָרט צו ערלויבען זיין זוהן, צו פאָהרען. דאַן האָט יעקב ראפאָפּאָרט גוט געלערנט הארמאָני און קאָמפּאָזיציע. צו 15 יאָהר פארלירט יאנקעלע זיין בעריהמטען אלט, און הרב ראפאָפּאָרט שיקט איהם אוועק קיין סטאניסלוי אין דער ישיבה. אין דער סטאניסלויער ישיבה זיצט יאנקעלע דעם גאנצען טאָג ביי דער גמרא, וועהרענד ביי נאכט שאפט ער שוין אזעלכע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע רופען ארויס גרויס באוואונדערונג ביי דעם שטאָדט חזן, ר' איציקעל שקאָלניק, וועלכער איז אויך געווען זיין ערשטער מוזיקאלישער רבי.

דעם ערשטען אויפטריט אלס חזן האָט יעקב ראפאָפּאָרט געמאכט צו 18 יאָהר, ער האָט געדאווענט אין אונגארן, און מען האָט איהם דאָרט געוואָלט צונעהמען אין א רעפאָרמירטען טעמפעל, אָבער זיין פאָטער, א רב מיט א סדר היוחסין, דער 6טער דור צום בעש"ט ז"ל, האָט גוזר געווען אויף איהם בגזירת כבוד אב, אז ער זאָל קיינמאָל ניט דאווענען ביי רעפאָרמער.

צו 20 יאָהר האָט יעקב ראפאָפּאָרט גענומען זיין וועג קיין אמעריקא, אום אויסצומיידען מיליטער. דאָ טרעפען מיר איהם אלס דיריגענט פאר חזן ישעיהו מייזעלס. ער האָט דריי יאָהר געקעמפט מיט זיך אליין. ער האָט ניט געוואָלט ווערען קיין חזן דאָ — חזנות איז געשטאנען זעהר אויף אן אָרימען שטאנד. זיין פאָטער האָט איהם אָבער ניט אויפגעהערט צו בעטען, אז ער זאָל זיך צוריקנעהמען צו דער עבודת הקודש, צו דער עובדא צו וועלכער ער פאסט זיך אם בעסטען.

זיין ערשטע חזנות שטעלע אין אמעריקא איז געווען קאָנגרעגיישאָן „בית ישראל", וועסט 35טע סטריט. שפּעטער א יאָהר טרעפען מיר איהם אין בית אל טעמפעל, באָראָ

פארק (די שוהל וואס האָט אויסגעבויט נאכהער דעם שענסטען מקום קדוש אין אמעריקא, וואו חזן הערשמאן באטרעט יעצט די שטעלע). דאָ איז ער געשטאנען 5 יאָהר מיט גרוים כבוד, ביז די „עדת ישראל“ שוהל פון הארטפאָרד האָט געשיקט א קאָמיטע און גערדאָפּעלט זיין סאלארי און איהם צוגענומען.

זיין גייסט פון אקטיווּיטעט האָט איהם אָבער ניט געלאָזט רוהען און ער איז צוריקגעקומען אין ניו יאָרק, וואו די חתם סופר שוהל פון קלינטאָן סטריט, האָט איהם באלד אויפגענומען. דער קאָנטראקט איז געווען אויף איין יאָהר, אָבער בעפאָר דאָס יאָהר האָט זיך נאָך געענדיגט, האָט איהם דער באוואוסטער כלל־טוער, ה״ר ליבער גריל, וועלכער איז שוין זייט די לעצטע 14 יאָהר פּרעזידענט פון דער באוואוסטער שוהל, ערקלערט, אז אין נאָמען פון אלע מיטגלידער, וועלכע צעהלען זיך איבער 600 אין צאָהל כ״י, איז ער באאויפטראגט געוואָרען צו אנגאזשירען זייער באליעבטען חזן ראפּאָפּאָרט פאר די נעקסטע 3 יאָהר מיט א בכבוד'ע הוספה.

חזן ראפּאָפּאָרט האלט יעצט אין ציגרייטען א ווערק פון רעציטאטיווען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אזעלכע רעציטאטיווען וואס זיינען היבש פּאָפּולער צווישען דעם עולם, דורך די גרויסע באריהמטע „סטארס“, וואָס האָבען דאָס „געזאָגט“. צווישען די ווערק קען מען דערמאהנען: „לעולם יהא אדם“, „תניא“, „אמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ חנינא“, „כמה יסרתנו“ (סליחות), „על הצדיקים“, „תכנת שבת“, „ברכת כהנים“, „עיני כל אליך ישבירון“ (סליחות), „מי שבירך“, „יהי רצון“, פון ר״ח בענשען, „אב הרחמים“ און פיעלע נייע, וועלכע קיין שום חזן האָט זיי נאָך ניט געקענט באקומען פון חזן ראפּאָפּאָרט.

חזן ראפּאָפּאָרט ארבייט שוין 2 יאָהר אויף דיעזען ווערק — און ער האָט גערעכענט אז דעם ווינטער זאָל עס ארויס פון דרוק, איז ער אָבער געוואָרען פּרעזידענט פון חזנים פארבאנד, און דאָס האָט ביי איהם צוגענומען יעדע פרייע רגע.

נאָך א וויכטיגע ארבייט דארף מען צושרייבען צו חזן ראפּאָפּאָרט. ער האָט ארונטערגעשריבען פון פאָנאָגראף א גרויסע צאָהל רעציטאטיווען פון דעם גאון התפלה ר׳ יחיאל קארניאל, וועלכע טאָרען ניט פארגעסען ווערען.

זינט חזן ראפּאָפּאָרט האָט איבערגענומען די פיהרונג פונ'ם חזנים פארבאנד געהט די ארבייט פון דערהויבען דעם מצב החזנות אלץ בעסער און בעסער. חזן ראפּאָפּאָרט האָט איינגעפיהרט אין זיין צייט א „בית ועד לחזנים“, וואו עס געפינט זיך א היבשע ביבליאָטעק, און א דאנק זיין אונערמידליכע ארבייט, קענען יעצט די חזנים פייערען זייער 30־יעהריגען יובילעאום, אויף אזא גראנדיעזען אופן, מיט א ספּעציעלער אויסגאבע פון דעם געגענווערטיגען בוך, „די געשיכטע פון חזנות“. — דורך זיין צייט זינט ער איז דער נשיא פון דער אגודת החזנים דאמעריקה, זיינען כמעט אלע חזנים פאראייניגט געוואָרען אין דעם פארבאנד, און מ'טהוט ווירקליך ממשות'דיגע ארבייט.

אהרן ראָזען.

חזן אשר אנשל רויזענפעלד

געבאָרען אין שטאָט טשענגער, אונגארן, ביי פרומע חזנ'ישע עלטערען. זיין פאָטער ר׳ יחזקיאל רויזענפעלד איז געווען פאר 30 יאָהר צייט חזן אין דער זעלבער שטאָט, וואו ער איז געווען געכטעט און באליבט פאר די גאנצע צייט. די גאנצע משפחה רויזענפעלד איז באקאנט אלס חזנים, זינגערס און בעלי תפילות משנים קדמוניות.

ר׳ אשר אנשל האָט אָנגעהויבען זיין חזן קאריערע נאָך אלס 9 יאָהריגער אינגעל, געזונגען ביי פארשידענע בעלי תפילות און חזנים. דער ערשטער באדייטענדער חזן ביי וועמען ער האָט געזונגען איז געווען דער יעצט בארימטער חזן ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאט, ווען ער איז געווען חזן אין פרעסבורג (אונגארן), וואו דער 12 יאָהריגער אינגעל איז געקומען אלס ישיבה בחור אין דער דאמאָלס בארימטער פרעסבורגער ישיבה. שפּעטער ביי חזן שוואצקין, וועלכער איז יעצט חזן אין פילאדעלפיא.

אלס 17 יאָהריגער בחור האָט ער שוין אונטערגענומען צו זיין שליח ציבור אין דער שטאָט פּיראָוואָד, אין עסטרייך, פאר ימים נוראים פון ווען אָן ער האָט געדאַווענט יעדעס יאָהר אין פארשידענע שטעט.

אין יאָהר 1913 איז ער געקומען קיין אמעריקא. געלאַנדעט אין פילאדעלפיא, וואו ער האָט אנגעהויבען צו שטודירען ביי בעסערע מוזיק טיטשערס און געדאַוועט ביי גרעסערע קאָנגרעגיישאָנס. שפּעטער האָט ער אָנגענומען א שטעלע אלס שטענדיגער חזן ביי אן אונגארישער קאָנגרעגיישאן אין אָלני עוו., פילאדעליפא.

אין יאָהר 1917 איז ער אריבערגעקומען אין ניו יאָרק. געווען חזן ביי די חברה „אוהב צדק“ אין די בראנקס.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין יוראָפּ און שטודירט די העכערע מוזיקאלישע קונסט מיט דער אבזיכט זיך מעהר צובאקענען מיט די וועלטליכע מוזיקאלישע וויסענשאפט. געהאלטען א חזן שטעלע ביי די „איזראליט קולטוס געמיינדע“ פון בודאפּעסט. צוריקגעקומען דעם 15־טען יולי 1923 און גלייך אויפגענומען צו דאווענען ימי נוראים ביי די קאָנגרעגיישאן „אמונת ישראל“, וואו ער איז נאָך די ימים נוראים אויפגענומען געוואָרען אלס יעהרליכער חזן.

חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט

קיין חזן אין דער גאַנצער וועלט און פון אירגענד וועלכער צייט האָט זוכה געווען צו אזא פּאָפּולאַריטעט, צו אזא וועלט נאָמען ווי ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט. אין די ווייטעסטע פארוואָרפענסטע ווינקעלעך פון אמעריקא, אין מיליאָנען ניט־אידישע היימען איז באוואוסט דער נאָמען פון חזן ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט, צו וועמען ער איז באַקאַנט אלס ישראל׳ס גרעסטער זינגער.

דער נאָמען „יאָסעלע“ איז געוואָרען אזא גאַנגבארע סחורה, אז פּיעלע האָבען געוואָלט איינקאַסירען אויף דעם סמך, וואס זיי הייסען אויך „יוסף“. און עס איז זאָגאר געווען א פאַל, וואו איינער א חזן מיט׳ן נאָמען משה, האָט זיך דעקלאַמירט אלס דער „צווייטער יאָסעלע“.

יאָסעלע׳ס ביאָגראַפיע, אייגענטליך, האָט מען געקענט אָב׳פּטר׳ן מיט צוויי ווערטער, „ער איז געבוירען געוואָרען א חזן“.

יאָסעלע ראָזענבלאַט איז קיינמאָל קיין משורר ניט געווען. פּונקט ווי מישא עלמאַן איז געבוירען געוואָרען א פידעל שפּיעלער, אזוי ווי האָפמאַן איז א געבוירענער פּיאַניסט, אזוי איז יאָסעלע ראָזענבלאַט געבוירען געוואָרען א חזן. ווען ער איז אלט געווען 9 יאָהר האָט ער שוין געדאַווענט פאר׳ן עמוד, און איז געווען באַריהמט אלס א זיסער דאַוונער. אין בלאַד׳ס וואָכענשריפט שרייבט מען וועגען יאָסעלע אלס וואונדער־קינד חזן, ווען ער האָט געדאַווענט אין וויען, און שוין דאַן צייגט ער גאונות אין תפלה. דער שרייבער האָט דאַן פּראָפּעצייהעט, אז דער קליינער יאָסעלע וואַקסט אן אדם גדול בעולם החזנות.

יאָסעלע איז געבוירען געוואָרען אין ביעלאַצערקאָוו, א שטאָדט וואס האָט ארויסגעגעבען פּיעלע חזנים. זיין פאַטער איז געווען א גרויסער מתפלל און ביי איהם האָט ער געלערנט די יסודות התפלה והנגינה. ווען ער איז אלט געווען 7 יאָהר האָט דער פאַטער זיך ארויסגעצויגען קיין סאַדאַגורא, בוקאָווינא. אין סאַדיגורא האָט ער אריינגעזאַפּט אין זיך די חסידישע אטמאָספערע, און ער איז אין חסידישע קרייזען געווען זעהר פּאָפּולער פאר זיין שעהנע זיסע נגינה. יאָסעלע איז ארומגעפאָהרען און געדאַווענט און איבעראַל געמאַכט פוראָר. ער האָט אָבער אויך געפונען צייט צו לערנען און אין דער צייט ווען עס האָט זיך געביטען די שטימע איז ר׳ יאָסעלע געזעסען על התורה ועל העבודה.

די ערשטע חזנות שטעלע האָט ער געהאַט אין מונקאַטש, א חסידישע שטאָדט אין אונגארן; פון דאָרט נעהמט איהם צו די געמיינדע פון פּרעזשבורג, די שטאָדט וואס איז באַריהמט מיט איהר גרויסע ישיבה. ר׳ יאָסעלע פּרעזשבורגער האָט אָנגעהויבען שם׳ען איבער גאַנץ אונגארן און גאַליציען, און אין פּרעזשבורג האָט ר׳ יאָסעלע טאַקע פארפאַסט פּיעלע וויכטיגע חזנ׳ישע ווערק, און נאָך 5 יאָהר אָפּזייענדיג אין פּרעזשבורג האָט איהם צוגענומען די האַמבורגער געמיינדע. דאָ איז ער געווען חזן 6 יאָהר צייט.

די ניו יאָרקער אוהב צדק שוהל, אונגארישע געמיינדע, וועלכע האָט געשמ׳ט פאַר די בעסטע חזנים, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זיך גענויטיגט אין א גוטען חזן. האָט זי געשיקט א ספּעציעלע קאָמיטע נאָך ר׳ יאָסעלע׳ן און מ׳האָט איהם אריבערגעבראַכט קיין אמעריקא. באַלד ווי ניו יאָרק האָט איהם דערהערט האָט זי זיך איבערצייגט, אז אין ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט אמעריקא צוגעקראָגען איינעם פון די גרויסע מתפּללים. און דאָ וואַקסט די פּאָפּולאַריטעט פון ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט אלס גרעסער און גרעסער ביז...

ביז דער באַריהמטער אָפּערא דירעקטאָר קלעאָפאַנטע קאַמפּאַניני הערט ר׳ יאָסעלע׳ן ביי א קאָנצערט וואָס ער האָט געגעבען פאַר דעם צוועק פון די מלחמה קרבנות פון אייראָפּא, און ער מאַכט איהם דעם גרויסען אָפּפער, אז ער זאָל אריינטרעטען אין דער שיקאַגאָ אָפּערא קאָמפּאַני, פאַר וועלכע ער אָפּפערט איהם $2,000 א נאַכט פאר׳ן זינגען.

דאָס האָט אויפגערודערט גאַנץ אמעריקא! עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואס אן אָפּערא דירעקטאָר זאָל אַזאַ אָפּפער מאַכען. און ווען די אידישע וועלט האָט פּלוצלונג דערהערט, אז מ׳האָט זייער חזן געגעבען אזא אנערקענונג האָט מען אָנגעהויבען ווארפען מיט געלד פאַר יעדע נאָטע, וואס ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט ארויסגעלאָזט פון זיין מויל. מ׳האָט איהם געצאָהלט $1,000 א שבת; $1500 א קאָנצערט, און מ׳האָט ניט געקענט באַקומען גענוג קאָנצערטען ביי איהם.

דאַן הערען איהם די קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען און שרייבען וועגען איהם, אז זיין שטימע איז גרעסער ווי קארוזא׳ס; אז גאַלי קורטשי וואָלט זיך געוואונשען צו פארמאָגען זיין פאַלצעט; אז צו זיין סאָרט זינגען איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ; אז ער וואָלט אליין געקענט דורכפיהרען א גאַנצע אָפּערא, ווייל ער פארמאָגט א באַריטאָן־טענאָר־סאָפּראַנאָ־קאָלאָראַטור־פאַלצעט שטימע...

און די אידישע „מבינים" בויגען זייערע קעפּ און גיבען צו, אז „לא קם כיוסף ראָזענבלאַט".

אויף דער אוהב צדק שוהל שטעלע שטעהט שוין ר' יאָסעלע זייט די לעצטע 11 יאָהר, און לעצטען יאָהר האָט די געמיינדע באַנייט זיין קאָנטראַקט אויף 10 יאָהר צו $10,000 א יאָהר — דער גרעסטער קאָנטראַקט, וואס א געמיינדע האָט ווען עס איז אונטערגעשריבען פאר א חזן.

באַזונדערס פּאָפּולער געמאַכט איהם האָבען די „פאָנאָגראף רעקאָרדס". ער האָט אָהן צאָהל קאָמפּאָזיציאָנען אריינגעזונגען, און זיין שטימע איז ווי באַשאַפען פאר'ן פאָנאָגראף: זיין „פאַלצעט" קלינגט ווי מישא עלמאַן'ס פידעלע, און זיין „זאָגעכטס" איז דורכגעדרונגען מיט זיסקייט און סענטימענטאַליטעט, וואס איז ווי א באַלזאם פאר אידישע הערצער. זיין נייעסטער רעקאָרד „רחם" פון בענשען איז א מוסטער פון יאָסעלע'ס בעסטע שאַפונגען.

אין די צייטען פון דער מלחמה, האָט דער שרייבער פון די דאָזיגע ציילען אָפט פארגליכען ר' יאָסעלע צו יוסף הצדיק, ווען ער איז געווען שני למלך אין מצרים. פונקט ווי יענער האָט געשפּייזט די הונגעריגע לענדער, אזוי האָט יאָסעלע ראָזענבלאַט, מיט זיין געטליכען טאַלאַנט, געשאַפען געלד פאר די נויטליידענדע פון אייראָפּא. פאר'ן סענטראַל רעליף אליין האָט ער געגעבען 40 קאָנצערטען. און יעדע אינסטיטוציע קען אָנצייגען, אז ר' יאָסעלע ראָזענבלאַט'ס טאַלאַנט האָט איהר געהאָלפען צו פארשטאַרקערען איהרע פאָנדס.

חזן גרשון שפּונד

עס זיינען דאָ חזנים ביי וועמען דאָס געזאַנג איז א קונסט, אן אויסשליסליכע קונסט; עס זיינען דאָ אנדערע, וואָס אויסער חזנות האָבען זיי אנדערע אויסצייכנונגען אויך, און עס קומט אמאָל א צייט, ווען דער טפל ווערט אן עיקר און דער עיקר ווערט א טפל.

חזן גרשון שפּונד, וועלכער איז אן אויסגעצייכענטער מתפלל און א שעהנער מנגן, און ער האָט פיעל פון זיין צייט פארבראַכט אין די חזנ'ישע „קאָנסערוואַטאָריעס" און האָט באַטראָטען פיעלע וויכטיגע שטעלען, איז היינט פילייכט באַקאַנט מעהר אלס „מוהל" ווי אלס חזן. ער האָט פאר זיך געשאַפען אזא רעפּוטאַציע און ער האָט ארויסגעוויזען אזוי פיעל געשעפטס פעהיגקייט, אז ער איז געוואָרען דער גרינדער פוּ א פארוואַלטער פון א „דזשואיש מאַטוירניטי האָספּיטאַל" אין וויליאַמסבורג, דער אויפזעהער און געשעפטספיהרער. די קאָמערציעלע זייט איז געוואָרען אזוי גרויס, אז חזנות איז ביי איהם געוואָרען א טפל, דאָך איז ווערטה צו פארצייכענען זיין חזנ'ישע קאריערע, וועלכע איז זעהר אינטערעסאַנט.

גרשון שפּונד איז געבוירען געוואָרען אין אטיניע, גאַליציען, אין יאָהר 1892. זיין פאָטער משה האָט ניט געוואָלט, אז זיין זוהן זאָל ווערען א חזן. אָבער גרשון האָט געהאַט אזא וואונדערבארען אַלט, אז חזנים האָבען זיך ממש געשלאָגען פאר איהם.

ער האָט געזונגען ביי דעם בארימבטען חזן ר' איציקעל שקאָלניק, אין בערעגסאַז, אונגארן, ביי דעם באַריהמטען ר' ליפּא ליבערמאַן, אין מישקאָלץ ביי דעם דאָרטיגען אָבער-קאַנטאָר וואַלפגאַנג. נאָך דעם וואונדערבארען אַלט האָט זיך ענטוויקעלט ביי איהם א רייכע ליכטיגע טענאָר שטימע. און ער האָט געזונגען אין דער חסידישער שטאָדט ראַדאַוויטץ ביי יחיאל בערנשטיין, נאָכדעם אין דער „קאָנסערוואַטאָריע" פון ר' זיידעל ראָוונער אין לעמבערג און נאָכדעם צוריק ביי איציקעל שקאָלניק.

די ערשטע שטעלע האָט ער געהאַט אין באָיאַן, נעבען טשערנאָוויטץ, בוקאָווינא, וואו ער האָט אויך חתונה געהאַט.

פון דאָרט נעהמט ער זיין וועג נאָך אמעריקא, דורך קענעדע. זיין ערשטע שטעלע איז געווען אין דער לינת הצדק אונגארישע שוהל. נאָך א קורצער צייט אפּזיין אין קענעדע, איז ער געקומען קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט באַטראָטען די שטעלען אין די פאָלגענדע קאָנגרעגיישאָנס: פּרעמישלאַנער בני יעקב, ביאַליסטאָקער ווילעט סטריט, דוקלער מגן אברהם, אטאָרני סטריט, ביי די סאמבארער קאָנגרעגיישאָן, און אנדערע.

אויסער וואס חזן שפּונד איז אליין א שעהנער מתפלל קען ער אויך איינשטודירען א כאָר און האָט פיעלע אייגענע פארפאסונגען.

ווי געזאָגט מאַכט חזן שפּונד גרויס ערפאָלג ניט נור אויפ'ן פעלד פון חזנות, נאָר אויך געשעפטליך. דער ברוקלין מאַטוירניטי האָספּיטאַל, 298 סאוטה 2טע סטריט, ברוקלין, איז א דאַנק חזן שפּונד'ס פארוואַלטונג איינע פון די ערפאָלגרייכסטע אינסטיטוציעס.

חזן דוד רויטמאַן

(אויטאָביאָגראפיע)

גאָט'ס וועלט האָב איך צום ערשטען מאָל דערזעהן אין יאָהר תרמ"ה, 1884.

געבוירען בין איך אין א דאָרף דאָראָזשינקע, פאָדאָליער גובערניע, באַלטער אויעזד, וואו מיינע עלטערען האָבען דאמאָלט געהאלטען א קרעטשמע צו פארקויפען בראָנפען.

ווען איך בין אלט געווען צוויי יאָהר, איז אין רוסלאנד געוואָרען דער „רעגירונגס־מאָנאָפאָל". מ'האָט פארבאָטען פריוואטע קרעטשמעס און מיינע עלטערן זיינען געווען געצוואונגען צו פארלאָזען דאָס דאָרף און האָבען זיך איבערגעפיהרט אין א נאָהענטען שטעדטעלע לידווינקע, (יוזעפפאָל) וואו זיי זיינען געבליבען וואוינען אויף שטענדיג.

מיינע עלטערן דערצעהלען וועגען מיר, אז נאָך אלס צוויי־יאָהריג קינד פלעג איך שטארק ליעב האָבען זינגען, און ניט איינמאָל האָבען זיי מיך געפונען זיצענדיג נעבען די אָרימע גוי'אישע בעטלערס אין מארק אויפ'ן יאַריד, און זיך צוהערען צו זייערע לידעס און זינגען מיט זיי צוזאמען, אויך פלעג איך נאָכלויפען די בלינדע גאסען־זינגער אין שטעדטעל.

מיין קינדהייט, ווען איך געדענק זיך שוין אליין, הויבט זיך אָן פון 5 יאָהר אלט. ס'פלעגט מיך שטארק ציהען צו מיזיק, אויף יעדער חתונה אין שטעדטעל האָב איך געמוזט לויפען הערען די כלי־זמר, און מיט'ן מויל פלעג איך נאָכמאכען אלע זייערע אינסטרומענטען.

אין חדר אפילו ביים רבי'ן פלעג איך זינגען בעת'ן לערנען, און די בעסטע צייט איז ביי מיר געווען פרייטאָג, ווען מיר האָבען „מעביר־סדרה" געווען מיט'ן טראָפּ, און שבת ביי די זמירות — דעמאָלט פלעג איך אויפלעבען, כ'האָב געמעגט זינגען אומגעשטערט.

ביי צוועלף יאָהר בין איך שוין געוואָרען אן אונטערהעלפער ביי אונזער שטאָדטעשען חזן אויף ימים־נוראים, און דער עולם האָט שטארק הנאה געהאט פון מיין „אלט".

די חזן'אישע אמביציע האָט זיך שוין דאמאָלט ביי מיר דערוועקט. אלע פרייטאָג נאָך האלבען טאָג, זייענדיג פריי פון חדר, פלעג איך צוזאמענעמען מיינע חברים אין שוהל אריין, זיך אָנטאָן אן אַלטען טלית, זיך אוועקשטעלען ביים עמוד אלס חזן און די חברים מאכען פאר מיינע משוררים. ניט קוקענדיג וואָס דער בייזער שמש פלעגט מיך טרייבען פון שוהל, ווייל כ'האָב איהם געשטערט זיין ארבייט ערב־שבת, פלעג איך די שפּיעל מאכען אלע פרייטאָג. אז דער שמש האָט דאָס ניט געקענט אריבערטראָגען, איז ער איינמאָל אוועק צו מיין פאָטער מיט א גוואַלד, ער זאָל געהן זעהן ווי דוד'ל „קעהרט איהם איבער די שוהל" מיט זיינע חברה. מיין פאָטער איז געלאָפען נאָך פאָטערס פון די איבעריגע אינגלעך. קומענדיג אָבער צו דער שוהל זיינען זיי אלע געבליבען שטעהן פארגאפט: איך שטעה ביים עמוד און זאָג מיר „שטיינער" און די חברה האלטען א טאָן! — פון'ם גאַנצען כעס האָט זיך אויסגעלאָזט א געלעכטער, און פון דאן אָן האָט מען זיך שוין אָנגעהויבען צוהערען צו מיין זינגען אביסעל ערנסטער. יעדער האָט געזאָגט, אז איך האָב א „גיט העלזעל", און מען פלעגט מיך שוין בעטען צו זינגען „שטיקלעך"...

אין יענער צייט איז גראדע דער אָרעסער חזן יענקעל סאָראָקער געוואָרען אין אומאן שטאָדט־חזן, און די גאנצע געגענד האָט גע'רעש'ט. און געטראָפען האָט, אז דער סעקרעטער פון יענקעל סאָראָקער'ס שוהל איז געקומען קיין לידווינקע צו אונז און האָט דערהערט וועגען מיין „אלט", און האָט גלייך פאָרגעלייגט מיין פאָטער מיך אָפּצוגעבען צו יענקעל סאָראָקער, וועט ער מאכען פון מיר א „כלי". מיין פאָטער איז דארויף באַשטאַנען.

א האלב יאָהר האָב איך אין אומאַן אָפּגעזונגען ביי יענקעל סאָראָקער און בין באוואוסט געוואָרען אלס א גוטער „כאָליסט". דאן האָט מיך ביי איהם צוגענומען א חזן ליב שפּירא. נאכהער אן אנדער חזן משה הובערמאן, מיך פּשוט ארויסגע'גנב'עט ביי שפּירא'ן. די דאָזיגעביידע חזנים האָבען זיך נאָכדעם געטראָפען ביי מיין פאָטער אין הויז און מ'האָט זיך גוט צופּאטשט איבער מיר, ביז מ'איז אוועק צום רב, וועלכער האָט מיך צוגע'פסק'עט צו חזן שפּירא.

אין א קורץ שטיקעל צייט ארום בין איך אוועק צום באוואוסטען זיידעל ראָוונער, און ס'האָט לאנג ניט געדויערט ביז מיין שטימע האָט זיך שוין באדארפט בייטען.

איך האָב ניט געקענט געדולדיג ווארטען אויף מיין

צווייטער שטימע, איך פלעג זינגען אפילו דעמאָלט ווען כ'האָב ניט געטאָרט. און ווען די שטימע איז מיר געוואָרען אביסעל פעסטער האָב איך געפּרוּווט זינגען ביי טוביה הויכמאן, נאָר אזוי ווי ס'איז מיר אָבער פאָרט שווער געווען צו זינגען אין א כאָר מיט ניט קיין פארטיגע שטימע, בין איך געוואָרען א חזן פאר זיך, און האָב ווי עס איז קאָמבינירט, אמאָל אויף הויכע טענער, אמאָל אויף די נידעריגע און אמאָל פאַלצעט.

ווען איך בין געוואָרען 20 יאָהר, האָב איך באקומען א שטעלע אלס חזן אין א קליין שוהל'כעל אין יעליסאַוועטגראַד, „די בלויע שוהל" האָט מען עס גערופען. שפּעטער מיט צוויי יאָהר, איז מיר די שטימע געוואָרען רייפער, און מען האָט מיך צוגענומען אלס חזן קיין קאַווקאַז, אין דער פאָרט־שטאָדט פעטראָווסק, מיט א געהאַלט פון 800 רובל א יאָהר, וואָס האָט דעמאָלט געהייסען א סך געלט

פון פעטראָווסק האָט מען מיך צוגענומען קיין באַכמוט, יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. צופעליג בין איך אין א יאָהר ארום דורכגעפאָהרען ווילנאָ, וואו מ'האָט מיך איינגעלאַדען דאַווענען א שבת אין שוהל, און מ'האָט מיך באַלד דאָרט צוגענומען אויף פיער יאָהר מיט א קאָנטראַקט, אלס ווילנער שוהל חזן.

פון ווילנא בין איך שוין מגולגל געוואָרען קיין פּעטערבורג, אין דער גרעסטער אינטעליגענטער געמיינדע, מיט גרויס געהאַלט, וואו כ'האָב געדענקט צו פארבלייבען אַלע מיינע יאָהרען. דעמאָלט האָב איך שוין רוהיג און בהרחבה געארבייט און געשריבען קאָמפּאָזיציעס, וועלכע די פּאָנאָגראַף קאָמפּאַניעס פלעגען ביי מיר אָפּקויפען, און איך בין געווען אין מאַטעריעל און גייסטיג פולשטענדיג צופרידען.

ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויפגעפלאַקערט איז די פּעטערבורגער קהלה אינגאנצען רואינירט געוואָרען. די גרעסטע פּאַטראָנייזער מיינע, ווי די באַראָנען גינצבורגס און אנדערע באַוואוסטע פערזאָנען זיינען זיך צולאָפען אין דער וועלט אריין, און אויך מיין בּאָדען האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער מיינע פיס.

פון פּעטערבורג בין איך אוועק קיין אָדעס, וואו דער באָלשעוויזם איז נאָך דאַן ניט געווען אזוי שטאַרק, און כ'האָב נאָך אַליין געהאָפט אויף א רוהיגע צייט, ווען ס'וועט מעגליך זיין צוריק קיין פּעטערבורג זיך אומקעהרען. די רוהיגע צייט איז אָבער ניט געקומען, דאָס אידישע לעבען אין גאַנץ רוסלאַנד איז אינגאנצען חרוב געוואָרען. אדעס איז געוואָרען פול מיט אונגליקליכע אנטלאָפענע אידען פון גאַנץ אוקראינא די מאַטעריעלע לאגע איז געוואָרען וואָס אמאָל ערגער. דריי יאָהר בין איך אָפּגעזעסען אין אדעס, אלס טיילווייזער חזן און קיין איין ליכטיגער שטראַהל האָט זיך ניט געזעהן אין דער צוקונפט, דעמאָלט האָב איך מיט מיין פאַמיליע באַשלאָסען זיך איינשטעלען דאָס לעבען און אריבער די גרענעץ קיין בעסאראביע.

א יאָהר און א האַלב בין איך אָפּגעזעסען אין בעסאַראַביע און געמאַכט אויך א „טור" איבער רומעניען, ביז ענדליך כ'האָב זוכה געווען צוקומען אין דער גאָלדענער אמעריקא! — ברוקלין נאָוועמבער, 1923.

ד. שלעגער

ד. שלעגער, כאָהר דיריגענט איז געבוירען אין רוסלאַנד. די קינדערשע יאָהרען האָט ער פארבראַכט אין זיין געבורטשטאָדט מאָהליוו־פּאָד. — אלס קינד פון 11 יאָהר האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט איינע פון די שענסטע מעצאָ־סאָפּראַנא שטימע. — צו יענער צייט איז אין דער גרויס חזן יוסף שטראַמבער מיט דעם פעהיגסטען דיריגענט און שטעטיגער שוהל אנגאַזשירט געוואָרען דער באַוואוסטער מוזיקער א. אמירא. זיי האָבען אין א גיכער צייט צונויפגעשטעלט א גרויסען כאָר צווישען וועלכע ד. שלעגער איז אויך

פאררעכענט געוואָרען אלס סאָליסט. זייט דאַן האָט ער געלערענט טעאָריע, האַרמאָניע ביי זיין דיריגענט וועלכער האָט איהם געמאַכט מיט 4 יאָהר שפּעטער אלס זיין שטעלפארטרעטער אין דער זעלבער שוהל. שפּעטער מיט א פּאָר יאָהר איז ד. שלעגער אוועקגעפאָהרען קיין אָדעס וואו ער איז אָבגעווען אלס דיריגענט עטליכע יאָהר. אויך איז ער געווען איניגע יאָהר אין בעסאראביע, דאָרט האָט ער חתונה געהאט און אין איניגע יאָהר שפּעטער איז ער אוועק קיין אמעריקא. דאָ אין אמעריקא האָט ער דיריזשירט א יעהרליכען כאָהר מיט ערפאָלג אין פארשידענע קאָנגרעגיישאנס מיט פארשידענע חזנים, מיט דעם באַוואוסטען חזן אהרע'לע בלום (3 יאָהר), מיט דעם ווירדיגען חזן אראָנאָף אין קלינטאָן סטריט שוהל (6 יאָהר) אין ביאַלעסטאָקער שוהל (2 יאָהר) און א. וו. יעצט אין יאָהר 1923—24 איז ער אָנגעשטעלט אין דער נייער שוהל „בית יעקב" יוניאָן עוו. מיט דעם יונגען מוזיקאלישען חזן א. ווייזמאַן.

חזן ארי ליב רוטמאַן

עס זיינען דאָ גוטע חזנים, בעסערע חזנים. עס זיינען אָבער דאָ חזנים וואָס זיינען א „שוהלע“. איהר וועט אָפט הערען, ווי מ׳זאָגט אויף איינעם פון יונגע חזנים, און אָפט אויך אויף איינעם פון די עלטערע חזנים, אז ער באלאנגט צו דער „רוטמאַן שוהלע“. דאָס מיינט אז ער זאָגט נאָך, אָדער בעסער געזאָגט ער וויל זיך באמיהען נאָכצואהמען חזן רוטמאַן. אָבער אין אמת׳ן גלויבען מיר ניט, אז עס איז דאָ אזא מעגליכקייט, ווייל ער איז אייגענארטיג, און פארנעהמט א באזונדער קאפּיטעל אין „חזנות סטיל“, און האָט באשאפען זיין אייגענע „רוטמאַן שוהלע“.

ארי׳ ליב רוטמאַן דארף מען אוועקשטעלען אויף א באזונדער אָרט, ווייל ער איז א יחיד בפני עצמו... יאָ, עס זיינען דאָ פּיעלע, וואָס זאָגען נאָך רוטמאַנ׳ען... וואָס ווילען נאָכמאכען זיינע קנייטשען, זיין סטיל, אָבער עס איז ניט רוטמאַן...

רוטמאַן איז אייגענטליך ניט קיין באשטימטע זאך. ער שטעלט זיך אוועק ביים עמוד און פאנגט אָן צו פאנטאזירען... און מיט זיין פאנטאזירען דערהויבט ער אייך צו די הימלען... איהר ווערט איבערראשט... איהר ווייסט ניט וואו איהר געפינט זיך... איהר פליהט מיט איהם אויף די פליגלען פון געזאנג...

די וואָס געדענקען ראזומני׳ן זאָגען, אז רוטמאַן איז א פארקערפּערונג פון יענעם, נור נאָך מוזיקאלישער, נאָך הריפות׳דיגער, נאָך ארטיסטישער, נאָך געניאלער...

חזן רוטמאַן איז א געניאלער „זאָגער“... און ווען ער איז נור אין דער ריכטיגער שטימונג (ווייל זעהר אָפט ווילט זיך איהם ניט זאָגען) איז ממש ניטאָ קיין גלייכען צו איהם.

חזן ארי׳ ליב רוטמאַן איז געבוירען געוואָרען אין זשאלאבין, פּלך מאהילעוו. ער האָט אלס משורר געזונגען ביי ברוך דוד קראנגהאוז „דער קערטשער“ פון האָמעל. ער האָט שפּעטער געזונגען ביי יואל זעליג אין פּינסק.

ער האָט נאָך אלס יונגער בחור ארויסגעוויזען גאונות אין תפלה און איז ארומגעפאָהרען איבער גאַנץ רוסלאנד און איבעראל האָט ער געמאכט גרויס פּוראָר.

ער איז געווען חזן אין באָברויסק, אין סלאָנים, און נאכהער אין אדעסס אין דער קצב׳שער שוהל „העקערס שוהל“ און נאכהער אין דער נייער קליינמאַן׳ס שוהל, פון דאָרט איז ער אָנגעקומען אין קרעמענטשוג.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען אן אינטערעסאנטען עפּיזאַד פון זיין לעבען. מ׳האָט איהם געהאט ארויסגערופען קיין פּעטערבורג. און עס זיינען ארויס קלאנגען, אז פּעטערבורג האָט איהם צוגענומען. חזן רוטמאַן האָט אָבער די שטעלע דאָרט ניט געוואָלט אָננעהמען און איז געקומען צוריק אין קרעמענטשוג און די שטעלע איז שוין געווען פארנומען. זיינען אָבער געווען אזוי פּיעל חסידים זיינען אין קרעמענטשוג, באזונדערס צווישען די יונגוואַרג, אז מ׳האָט געבויט ספּעציעל א שוהל פאר זיינ׳ט וועגען און די שוהל טראָגט נאָך עד היום זיין נאָמען „רוטמאַן׳ס שוהל“.

עס איז אויך ווערטה צו באמערקען, אז מ׳האָט רוטמאַן געוואָלט אויפנעהמען אין אדעס צוזאמען מיט ראָזומנע׳ן. אָבער אויף דעם זעלבען אופן ווי עס האָבען אמאָל געדאווענט פּיצע מיט באכמאַן, אזוי האָט מען געוואָלט האָבען, אז איין שבת זאָל דאווענען רוטמאַן און דעם אנדערען שבת ראזומנע. חזן רוטמאַן האָט דאָס ניט געוואָלט האָבען.

קניאז פּאסקעוויטש האָט אמאָל געהאט ארגאנזשירט א קאָנצערט ביי זיך אין גאָרטען, און צווישען די ארטיסטען זיינען געווען ברוך דוד מיט זיין קאפּעליע און חזן רוטמאַן. ווען זיי האָבען דערהערט זיין טענאָר שטימע און זיין אַרט זינגען איז ער אזוי באגייסטערט געוואָרען, אז ער האָט איהם תיכף ומיד געוואָלט צונעהמען און שיקען נאָך פּעטראָגראד שטודירען. חזן רוטמאַן האָט אָבער ליעב געהאט חזנות און ער האָט ניט געוואָלט הערען פון די דאָזיגע אָפּפערס.

צווישען די וואָס האָבען זעהר פיעל געהאלטען פון חזן רוטמאַן׳ס שטימע איז געווען פּראָפעסאָר מאזיני, וועלכער האָט איהם פארשפּראָכען א געוואלדיגע קאריערע אויף דער אָפּערא און קאָנצערט ביהנע...

מיט א צעהן יאָהר צוריק האָט איהם א מענדזשמענט אריבערגעבראכט קיין אמעריקא, און ער האָט דאָ געדאווענט ימים נוראים אין א גרויס טעאטער און געמאכט גרויס ערפאָלג. חזן רוטמאַן האָט אָבער די אמעריקאנער דרכים ניט געגליכען און ער האָט געוואָלט פאָהרען צוריק קיין קרעמענטשוג, איז פּלוצלונג אויסגעבראָכען די קריעג און זי האָט פארשלאָסען אלע וועגען...

ער האָט דורך דער צייט אָנגעהאלטען זעהר וויכטיגע שטעלען אין דער 85טע סטריט שוהל, אין דעטראיט 3

יאָהר; אין בית המדרש הגדול בראָנקס 5 יאָהר. ער איז אנערקענט אלס דער גרויסער מתפלל...

אייב קאהאן דער רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס“ האָט איהם אמאָל געהערט און ער איז „ארויס פון די כלים“ און אָנגעשריבען אן ארטיקעל פון 4 קאָלומס ווי אזוי א היי־מישער חזן האָט איהם געריהרט ביז צו טרעהרען...

חזן רוטמאַן האָט פיעלע תלמידים צווישען די גרויסע היינטיגע חזנים... און עס איז כמעט ניטאָ איין חזן, וואָס זאָגט ניט נאָך זיינס עפּעס א רעציטאטיוו.

חזן ווייסער האָט דערמאָנט א שעהנעם אינצידענט וועגען חזן רוטמאַן, — זיין באַגעגעניש מיט חזן גורעוויטש אין ראָסטאָוו־אם־דאָן. חזן רוטמאַן האָט דאָרט געזונגען א סאָלאָ פון גורעוויטש'ס א ווערק, און ער האָט עס אזוי געניאל באהאנדעלט, אז ער האָט איהם געקושט און גע־זאָגט, אז אזוי באהאנדלען די סאָלאָ האָט ער אפילו ניט גע'חלומ'ט. ער האָט איהם דאַן אויך פרעזענטירט מיט זיין ווערק.

חזן ארי' ליב רוטמאַן איז א שטאָלץ פאר חזנים!

חזן אברהם שאפּירא

חזן אברהם שאפּירא, וועלכער פארנעהמט דעם גרויס־ארטיגען פּאָסטען אין דער רייכער קאָנגרעגיישאָן קאָנקאָרס דזשואיש סענטער אָוו איזראעל, איז געבוירען געוואָרען מיט 36 יאָהר צוריק אין דער באריהמטער שטאָדט פון חזנות און לומדות, ווילנא. זיין פאָטער ר' ליב איז געווען א סוחר און אָנגעזעהענער מענש אין שטאָדט, א למדן און האָט זיינע קינדער פאר קיין חזנים ניט געוואָלט מאכען, דאָך איז ניט נור אברהם שאפּירא א חזן, נאָר אויך זיין זוהן יצחק איז אייך געוואָרען חזן, און פארנעהמט א פּראָמינענטע שטעלע אין לאָנדאָן (חזן אין דער ניו סינאגאָג, בעדפאָרד הילל).

די מוזיקאלישע קאריערע פון חזן שאפּירא פאנגט זיך דעריבער אָן אין אמעריקא, ווען ער איז אלט געוואָרען 18 יאָהר. צופעליגער ווייזע האָט מען ביי איהם ענטדעקט א וואונדערבארע טענאָר שטימע און מען האָט איהם געבראכט פאר דעם דירעקטאָר פון מעטראָפּאליטאן אָפּערא הויז, צו יענער צייט ה' קאָנריעד. דער דירעקטאָר האָט איהם באלד גענומען אונטער זיין שוץ און ניט נור באזאָרגט מיט פרייער אונטערריכט, נאָר אויך איהם געשטיצט מיט $10 א וואָך. מיט דעם טויט פון ה' קאָנריער איז די לאגע געוואָרען שלעכט, אָבער ער האָט ווייטער געקעמפּפט, ווייל ער האָט געהאט אלע מעג־ליכקייטען צו ווערען א גרויסער זינגער — זיין שטימע איז אן אפּערא שטימע פול מיט דראמאטישען טימבער... און ווער ווייס אויף וואס פאר א גאָלדענע פּאָזיציאָן אין דער אָפּערא וועלט ה' שאפּירא וואָלט היינט געשטאנען, ווען ניט „כיבוד אב ואם“. זיינע עלטערען האָבען אויס־דריקליך געפאָדערט, אז ער זאָל די ביהנע אויפגעבען.

מר. לובין, א שעהנער בעל הבית פון די בראָנקס, האָט איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן וועג צום עמוד, און זינט דאַן וואקסט די קאריערע פון חזן שאפּירא אלס גרעסער און גרעסער אלס חזן.

ער האָט באטראָטען שטעלען אין דער קאָנגרעגיישאָן זרע יעקב. מינעאָרד פּליים, פון דאָרט נעהמט איהם צו די קאלווארי שוהל, וועלכע האָט דאַן אויסגעבויט איהר הארלעמער שוהל און יעצט פארנעהמט ער דעם גרויסען און רייכען פּאָסטען ביי דער קאָנקאָרס דזשואיש סענטער אָוו איזראעל, וואו ער האָט צוגענומען צו זיך דעם באוואוסטען דיריגענט ראובן קאזימירסקי און צוזאמען פיה־רען זיי דורך הערליכע פּראָגראמען פון תפלה ונגינה, אין מאָדערנעם סטיל, אָבער עכט אידיש.

די קונסט פון זינגען האָט ער גע־לערנט פון מאד. יעגער, אָפיציעלע לעהרערין פון מעטראפּאליטאן, דער־נאָך ביי שטאלשמיטה, א גרויסער מו־זיקער און לעצטענס ביי דעם פראנצוי־זישען באסס לעאן ראטהיער, וועלכער איז א זעלטענער מייסטער וואו אויסער שטימע בילדונג קען מען אויך לערנען סטיל. חזן שאפּירא איז אויפגעטראָטען מיט ערפאָלג מיט די אייבאָרן און אנדערע קאָמפּאניס אין גרענד אפּערא אין ענגליש און איטאליעניש, און ווען ער זינגט יעצט אָפּערא אריען ביי קאָנצערטען זאָגען נאָך פיעלע אז זיי הערען דעם סטיל און דעם „שאָטען“ פון'ם אונשטערבליכען קארוזאָ.

אין חזן שאפּירא פארמאָגט דער עמוד איינעם פון די שעהנסטע מנגנים, און זיין געמיינדע שעצט זיין טאלאנט.

חזן יוסף שאפּירא

פילע אָרטאָדאָקסישע חזנים באקלאָגען זיך אויף זייער לאגע, וואָס זיי מוזען נעבאך זעהר אָפט זוכען שטעלען; די חזנים פון די „טעמפּלען" האָבען דוקא וועגען שטעלעס קיין דאגה ניט, דאגה'ן זיי אָבער דערפאַר, וואָס די וועלט רודערט זיך צו ווענינ וועגען זיי. זיי מוזען דאַווענען („סוירוויס אָבהאַלטען") מדי שבת בשבתו, און אזוי קומט זיי קיינמאָל ניט אוים צו דאווגען אנדערשוואו.

אין אזא לאגע אונגעפעהר געפינט זיך חזן יוסף שאפּירא, וועלכער איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין דער אטמאָספערע פון דער שטרענג אָרטאָדאָקסישער חזנות. האָט איהם אָבער דער רבש"ע געבענשט מיט א וואונדערשעהנער טענאָר שטימע, און ער איז גראד געפעלען געוואָרען מיט זיין אמת אידישען דאווגען אין איינעם פון די רייכסטע טעמפּלען אויף וואשינגטאָן הייטס. און דאָרט שטעהט ער מיט גרוים כבוד טאקע. אָבער ווען יוסף שאפּירא וואָלט געווען חזן אין אן אָרטאָדאָקסישער שוהל מיט א פיעל פיעל קלענערען געהאַלט, וואָלט אפשר די אידישע וועלט מעהר געוואוכט וועגען זיין גרויסען טאלאנט.

CANTOR J. SHAPIRO

חזן שאפּירא איז געבוירען אין דראָזשנע, פּאָדאָלסקער גוב. זיין פאָטער, אייזיק, אברהם גרשון'ס, איז געווען אן אויסגעצייכענטער בעל תפלה. צו אכט יאָהר פאנגט ער אָן צו זינגען ביי „אידעל חזן" אין שטאָדט, האָט שפּעטער געזונגען ביי לוי לובער, דערנאָך ביי דוד מעזשביזשער, מ'האָט איהם פשוט גע'גנב'עט פון איין חזן צום אנדערען, ווייל ער איז געווען א וואונדערבארער אלט. אין גאנצען געגענד איז געווען באוואוסט „דער דראזשנער אלט".

חזן יוסף שאפּירא האָט אויך געזונגען ביי ר' ניסן בעלזער, און שפּעטער אין קאמענעץ ביי חזן זלמן ארענשטיין, אויך ביי שמואל וויינמאן (אפרים לוצקער'ס זוהן) אין טארנאָפּאָל, ביי דעם באריהמטען „זאָגער" חיים לערנער אין סטראזשניץ און סניאטין, און ביי ברוך קינסטלער אין פּראָסקוראָוו.

ביי די לעצטע האָט ער געזונגען אלס טענאָר.

דער קליינער „דראַזשנער־אלט" האָט אָבער געפיהלט, אז עס איז דאָ עטוואָס העכערעס ווי דאָס קליינשטעדטעלדיגע חזנות, און ער האָט געמאכט זיין וועג צום גרויסען מוזיקאלישען צענטער, וויען. דאָ בילדעט ער זיך אוים זיין שטימע, שטודירט פלייסיג אלע מוזיקאלישע למודים שטודירט אויך דאָס מאָדערנע חזנות, און איז געוואָרען צווייטער קאַנטאָר ביי שלעזינגער. זיין ערשטע שטעלע איז אָבער געווען אין אלט האפען, וואו ער איז געוואָרען אָבער־קאָנטאָר, און נאָך א קורצע צייט אבזיין אויף דער שטעלע קומט ער קיין אמעריקא.

דאָ האָט ער פּרובירט פריהער צו זיין אין אן אָרטאָדאָקסישער שוהל, אין דער בית שלום סאמנער עוועניו שוהל, וואו ער האָט געהאלטען די שטעלע דריי יאָהר צייט. דאן האָט די וואשינגטאָן הייטס קאָנגרעגיישאָן, אויף בראדוויי, ריווערסייד דרייוו און 149טע סטריט, זיך גענויטיגט אין א חזן, און חזן שאפּירא איז אויפגענומען געוואָרען. זינט זיין אריינטרעטען איז די שוהל געוואָרען דער צענטער פון תפלה אין דעם געגענד. די גאנצע ניו־יאָרקער אידישע אריסטאָקראטיע באזוכט דיזען טעמפּעל און שעפּט נחת פון אידישע תפלה, און דוקא פון'ם אלט מאָדישען „שטייגער", אין וועלכען יאָסעלע שאַפּירא האָט זיך אָנגעזאפּט אין זיין יוגענד אין אוקראינא.

חזן שאפּירא ווי געזאָגט באזיצט א וואונדערבארע טענאָר שטימע, וועלכע איז געשוהלט, און ער האָט אויך א רייכען רעפּערטואר פון קלאסישע לידער און אָפּערא אריען מיט וועלכע ער מאכט פוראָר אויף קאָנצערטען.

חזן שאפּירא איז סך הכל 34 יאָהר אלט, און זיין קאַריערע קען מען זאָגען פאנגט זיך ערשט אָן יעצט — ווייל קירצליך וועט ער אויפטרעטען אין א רייהע קאָנצערטען אין א טור, וואָס ער מאכט איבערן לאנד.

חזן משה שעכטער

עס וואָלט געווען גענוג דאָ אָנצוצייגען אויף דעם פאקט וואָס חזן משה שעכטער שטעהט שוין 19 יאָהר אויף איין שטעלע, אין אן ארטאָדאָקסישער שוהל, אום צו צייגען, וואָס פאר א סאָרט חזן און מענש ער איז, ווייל אויב א חזן קען אזוי לאנג אָנהאלטען די פּאָזיציע אין א שוהל איז עס אָפט ניט אין גאנצען צו פארדאנקען די שוהל, נאָר אויך דעם חזן, וועלכער מאכט זיך באַליעבט און שטרענגט זיך אָן צופרידענצושטעלען זיין געמיינדע.

חזן משה שעכטער, וועלכער איז אגב אליין דער דיריגענט פון'ם כאָר איז א יונגערמאן וואָס שטאמט פון א יחוס'דיגער מישפחה, האָט געלערנט אין דער יוגענד; האָט געקראָגען א גוטע מוזיקאלישע ערציהונג און דערפאר שטעלט ער צופרידען זיין געמיינדע אין יעדער הינזיכט.

חזן שעכטער איז געבאָרען געוואָרען אין מיעלניצא. זיין פאָטער ר' ישכר ליב איז געווען א רב און האָט גע'שמ'ט אלס א גדול בישראל, זיין מוטער מלכה שרה איז געווען אן אשה צדקניות. צו זיין 10טען לעבענס יאָהר איז ער געוואָרען א יתום, און האָבענדיג א שטימע צום זינגען איז ער אוועק צו זיין קוזין שלמה שעכטער, דער חזן אין סוטשאווא (בוקאָווינא), וועלכער האָט אין זיין צייט פארנומען א גרויסען פלאץ אין דער חזנים וועלט, ביי וועמען ער האָט געלערנט אויסער מוזיק אויך אנדערע למודים. ער האָט דאָרט געזונגען אלט. פון דאָרט קומט דער יונגער שעכטער נאָך בודאפעסט, אונגארן, וואו ער שטודירט מוזיק און חזנות ביי די דאָרטיגע מוזיקער און קאנטאָרען און צו אכטצעהן יאָהר איז הערר שעכטער גערופען געוואָרען צו זיין דער כאָר דיריגענט אין דער שטאָטעם קאוואו געמיינדע פון וויען, וואו ער שטעהט 2 יאָהר מיט גרויס כבוד און צו דער זעלבער צייט לערנט ער ביי דעם דאָרטיגען רב בענדער אין דער ישיבה, וואו ער קריגט דעם טיטעל „חבר“, דאן פארלאָזט ער אייראָפּא און קומט קיין אמעריקא און דאווענט דעם ערשטען ימים נוראים אין דער רעזיסטשעווער שוהל אין פילאדעלפיא, און אין דער זעלבער צייט ווערט ער אנגאזשירט אלס כאָר דיריגענט אין ארטש סטריט טעאטער. געענדיגט דעם סעזאָן פאָהרט חזן שעכטער ארויס אויף א טור צו דאווגען שבתים אין די גרעסטע אמעריקאנער שטעדט. דעם צווייטען ימים נוראים דאווענט ער אין דער נייער שוהל עדת ישראל אין ברידזשפּאָרט, קאָנ., פון דאָרט ווערט ער גערופען קיין הייווערהיל, אלס יעהרליכער חזן און נאָכ'ן יאָהר האָט ער גענומען די שטעלע אין דער רומעניען - אמעריקאן קאָנגרעגיישאָן רית תפלה, ברוקלין, נ. י., וואו חזן שעכטער שטעהט שוין זייט די לעצטע 19 יאָהר און איז נור וואָס ערוועהלט געוואָרען אויף נאָך 5 יאָהר.

דאָ מוז געזאָגט ווערען, אז די קאָנגרעגיישאָן „בית תפלה“ דארף דיענען אלס מיסטער פאר אנדערע קאָנגרעגיישאָנס אין זייער האנדלען מיט די חזנים. דאָס איז אייגענטליך דער גאנצער ציעל און שטרעבען פונ'ם חזנים־פארבאנד, אז די שאנדע פון ארומוואנדערען יעדעס יאָהר צו דאוונען ביי אן אנדער עמוד, און דאָס ביליג מאכען דעם עמוד מיט נייע „אטרעקשאָנס“ יעדעס מאָל זאָל אויפהערען, און אז דער חזן זאָל פארנעהמען יענעם בכבוד'יגען און געשעצטען אָרט, וואס ער האָט אמאָל פארנומען אין אידישען לעבען. דער חזנים פארבאנד וויל ברענגען דעם חזן מיט דער קאָנגרעגיישאָן אין אזא פארוואנדשאפט, אז מען זאָל איהם באטראכטען אלס דעם „שליח צבור“ און ניט אלס דער מיטעל ווי אזוי מעהר סענסאציאָנעל צו אדווערטייזען די שוהל און מאכען ביזנעס.

חזן שעכטער איז א טיכטיגער מיטגליד פון'ם חזנים־פארבאנד; ער באטייליגט זיך אין פיעלע קאָמיטעען און איז איינער פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס. ער ארבייט מיט לייב און זעעלע צו דערהויבען דעם מצב החזנות.

חזן דוד משה שטיינבערג

חזן דוד משה שטיינבערג, וועלכער פארנעהמט דא איינעם פון די פראָמינענטסטע פלעצער אין דער חזנים־וועלט, איז געבוירען געווארען אין דער בארימטער שטאָדט פון חזנות קעשענאָוו. — אָבער מערקווירדיג, אין דער גרויסער שטאָדט פון חזנות האָט ער גאָר ניט געלערנט. ער איז געוועזן א זוהן פון ר׳ אברהם חזן, וועלכער איז געוועזן אן אויסגעצייכענטער בעל תפלה. נאָך אלס קינד האָט משה׳לע אברהם׳ס געשם׳ט אלס וואונדער־קינד און זעהר אָפט האָט איהם דער טאטע אנפארטרויט דעם כאָר, ווייל ער האָט שוין גוט געקענט די קאָמפּאָזיציעס.

דער פאָטער איז אָבער געוועזן פון יענע חזנים וואס האָבען געשטעלט לימוד העכער פון נגינה, און ער האָט פאר איהם געדונגען די בעסטע מלמדים.

האָבען אָבער די מנגנים פון קעשענאָוו געשריען געוואלד צו ר׳ אברהם, אז עס איז א גרויסע עולה, וואָס ער לאָזט זיין זוהן ניט ארויס אויף דער וועלט, און מ׳האָט ענדליך גע׳פועל׳ט ביי איהם, אז ער זאָל איהם ערלויבען צו פאָהרען נאָך אדעס. דאָרט האָט ראַזומני איהם געהערט און איהם שטארק געליבט און אין 1902 נעהמט ער זיין ערשטע שטעלע אין אהרע׳לעס שוהל, דאָרט וואו טקאטש איז געוועזן חזן.

נאָך א קורצער צייט איז ער אויפגענומען געווארען אין בערדיטשעוו, אין חיה׳ס שוהל, און מ׳האָט זיך דאָ איבערצייגט, אז שטיינבערג איז ניט נור דער גרויסער מתפלל, נאָר ער זינגט אויך וואונדערבאר מיט א כאָר. ר׳ ניסן בעלזער האָט געהאט א גרויסען אנטייל אין דעם, אז ער זאָל די שטעלע נעהמען, ווייל ר׳ אברהם, זיין פאָטער איז געוועזן א משורר ביי ר׳ ניסן בעלזער.

בלויז איניגע יאָהר איז ער געוועזן אין בערדיטשעוו און מ׳רופט איהם ארויס קיין ווילנא צו פארנעהמען דעם אָרט פון סיראָטא אין דער שטאָדט שוהל. שוין דאמאָלסט האָט גאנץ רוסלאנד געוואוסט, אז שטיינבערג דער בערדיטשעווער, דער ווילנער, איז איינער פון די גרעסטע מתפללים, אָבער באריהמט איז ער ערשט געוואָרען אין דער גרויסער חזנ׳ישער וועלט, ווען ער איז ארויסגערופען געוואָרען קיין אדעס אין דער גרויסער שוהל.

א קאָמיטע פון אדעסער בעלי בתים זיינען געקומען ספּעציעל קיין ווילנא מיט א קאָנטראקט וואָס איז געווען דאָפּעלט די שכירות ווי אין ווילנא און דער כבוד איז געווען אונבאשרייבליך.

משה שטיינבערג (פון אדעס)

צו יענער צייט האָט די וועלט געוואוסט, אז אדעס איז די גרויסע שטאָדט פון חזנות — פיניע מינקאָווסקי אין דער בראָדער שוהל און שטיינבערג אין דער גרויסער שטאָדטישער שוהל, אויף דעם אָרט וואו עס זיינען געשטאנען אברעס, באכמאן, ראזומני, מינקאָווסקי, קארניאל.

14 יאָהר איז שטיינבערג געשטאנען אויף דער שטעלע. ער האָט דורך דער צייט פיעלע קאָמפּאָזיציאָנען און רעציטאטיווען געשאפען און מ׳האָט אין דער גאנצער וועלט געזונגען זיינע זאכען. ער וואָלט אויף דער שטעלע געקענט שטעהן אייביג, איז אָבער געקומען דער באָלשעוויסטישער רעזשים און ער האָט געמוזט נעהמען זיין וועג קיין אמעריקא.

דורכפאָהרענדיג לאָנדאָן האָט ער געהאט גרויסע אָוואַציעס, און נאָך גרעסערע אָפּערס. ער איז אָבער געווען קאָנטראקטליך פארבונדען מיט א מענעדזשמענט אין ניו יאָרק, און ער איז דאָ געקומען און באלד געקראָגען די נויטיגע אנערקענונג.

ער האָט באלד געקראָגען די שטעלע אין דער גרויסער בריסקער שוהל אין נוארק (כאָטש ס׳איז געווען בלויז 4 וואָכען צו יום טוב) און איז זעהר באליעבט ביי אידען, ליעבהאָבער פון שעהנער תפלה ונגינה.

חזן יעקב שוואַרץ

חזן יעקב שוואַרץ, וועלכער פאַרנעמט דעם שעהנסטען חזנות פּאָסטען אין אמעריקא — טעמפּעל בני ישורון, 86־טע סטריט און וועסט ענד עוועניו, וועלכע איז איינע פון די אנגעזעהנסטע און איינפלוסרייכסטע טעמפּלען אין לאנד, איז געבוירען געוואָרען מיט 38 יאָהר צוריק אין קאמעניין פּאָדאָלסק, ביי א חסידישע פאמיליע. זיין פאָטער האָט יאנקעלען געגעבען א גוטע אידישע ערציהונג.

ווען ער האָט ארויסגעוויזען פעהיגקייט צו מוזיק און מ׳האָט געהערט, אז ער האָט א זעהר שעהנע אלט שטימע איז ער אוועק אלס משורר צו דעם דאמאָלסט בארימטען חזן איציקל שקאָלניק אין קאמעניין. ער האָט אָבער געהאט א חוש פאר בעסערע מוזיק און איז אוועק אין׳ם מוזיק צענטער פון דער וועלט וויען. ווען ער איז אלט געוואָרען 17 יאָהר האָט ער באקומען א זעהר שעהנע באריטאָן שטימע און האָט באקומען א סקאלערשיפּ אין דער וויענער קאָנסערוואטאָריום. פּראָפ. פראנץ האביג האָט איהם געבילדעט די שטימע און רעפּערטואר. ער האָט אָבער אויך געלערנט חזנות ביי דעם וויענער חזן יוסף וואסער; ביי דעם בארימטען חזן אייזשע אייבישעס אין אוהעל און ביי חזן קלמן לעוו אין ניו יאָרק.

זיין ערשטע שטעלע האָט ער געהאט אין וויען, וואו ער האָט שטארק אויסגענומען, און פון דאָרט איז ער אָנגעקומען קיין אמעריקא און האָט זיך באזעצט אין נאָרפאָלק ווירדזשיניא, וואו ער איז געוועזן זעהר באליעבט און איז דאָרט געשטאנען 2 יאָהר. ער האָט דאָ זיך באקענט מיט זיין פרוי לאָטטי (זלאטע גיטל) שאפּירא, די טאָכטער פון׳ם שוחט אברהם יעקב שאפּירא, א גרויסער למדן און יר״ש. אין סמיט סטריט טעמפּעל האָט ער באקומען א 4 יאָהריגען קאָנטראקט, אָבער נאָך איין יאָהר אָבזיין אויף דיעזער שטעלע, איז ער אויפגענומען געוואָרען אין קאָנגרעגיישאָן בני ישורון, דער 2־טער עלטסטער טעמפּעל אין ניויאָרק, און וואו דער בארימטער חזן עדווארד קאַטשמאראָף איז געווען א משך פון 40 יאָהר.

חזן יעקב שוואַרץ איז א גרויסער קעמפּפער פאר נוסח און פאר שעהנע נגינה. אין זיין טעמפּעל, כאָטש זעהר מאָדערן, ווערט אָבער דער נוסח שטאַרק אָבגעהיט, ניט נור אין דאווגען נור אפילו אין לייענען און הפטורה, און חזן שוואַרץ פלאָגט יעצט צו בויען א שוהלע געבויט אויף דיעזע טראדיציאָנעלע תפלות.

חזן שווארטץ האָבענדיג געענדיגט קאָנסערוואטאָריום און זייענדיג אן עקספערט איבער שטימע בילדונג, איז זעהר ערפאָלגרייך אין אויסבילדען שטימען— אָבער נאָך מעהר ערפאָלגרייך איז ער אין ארויסברענגען מאָדערנע קאנטאָרען.

אין דער לעצטער צייט האָבען זיך געגרינדעט קהלות, וואו מען זוכט חזנים וואָס זאָלען האָבען שעהנע שטימען. קענען נוסח התפלה, און דערצו גוט ענגליש און זאָלען זיין מאָדערן אין זייער האלטונג. חזן שווארטץ האָט שוין פאָרבערייטעט א סך קאנטאָרען וועלכע פארנעהמען וויכטיגע שטעלעס אין פּראָמינענטע טעמפּלען.

חזן יעקב שוואַרטץ האָט באטראָכטען דעם אמט פון פּרעזידענט און פריהער אלס סעקרעטאר אין חזנים פארבאנד. זיינע פעריאָדען זיינען באמת גלאנצע פעריאָדען אין דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון חזנות אין אמעריקא. ער איז דער ערשטער פון די „יונגע“ וואָס האָבען אָנגעפאנגען צו בויען דאָס וואָס עס ווערט יעצט אויסגעברייטערט און פארפאָלקאָמט.

חזן שוואַרטץ איז איינער פון די פּראָמינענטע מאָדערנע חזנים; שטעהט מיט גרויס כבוד ביי זיין קאָנגרעגיישאָן. האָט זעהר א שעהנע פאמיליע פון 3 טעכטערלאך עלאנאָר, שוילי און באבי, וועלכע ציגען שוין ארויס מוזיקאַלישע פעהיגקייטען. ער איז אויך זעהר געשעצט ביי זיינע קאָלעגען ניט נור אלס פאכמאן. אלס מוזיקער, נור אויך אלס מענש וואָס האָט ליעב צו העלפען כלל ארבייט, וואָס האָט ליעב צו העלפען מיט ראטה און טהאט יעדען וואָס ער קען נור העלפען.

מרדכי (מאַקס) שנורמאַכער

מרדכי שנורמאכער, וועלכער איז איינער פון די פּאָפּולערסטע שוהל־דיריגענטען, איז געבוירען געוואָרען אין דראָהאָביטש, גאליציען, אין יאָהר 1882. צו 10 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי חזן לייביש הערציג, דערנאָך ביי חזן ליבערמאן, און איז שפּעטער אוועק קיין לעמבערג.

דאָ האָט ער שוין באזוכט די פּוילישע שוהלען און האָט געזונגען ביי דעם בארימטען חזן אלטער באומאן (שפּעטער זיין שווער), וועלכער האָט פארנומען דעם פּלאַץ פון׳ם גרויסען גאון הנגינה ברוך שאָר. דאָ איז ער אָבגעווען דריי יאָהר צייט ביז ער איז אוועק אין אונגארן אין הימיניע, און פארלירט זיין קנאבען שטימע.

ער האָט שוין דאמאָלסט פארשטאַנען, אז די וועלט פארמאָגט מוזיק אויסער דאָס וואס מען זינגט אין דער שוהל און האָט זיך גענומען באקענען מיט דער וועלטליכער מוזיק. ער איז אוועק קיין טארנאָפּאָל און גענומען לערנען מוזיק ביי דעם גרויסען מוזיקער מארקוס וואלפטהאל. ער האָט אויך געלערנט שפּילען קאָנטער־באַסס. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען א באסס שטימע האָט ער אָנגעפאנגען זינגען ביי דעם דאָרטיגען חזן ניסן אדעסער, וועלכער איז געווען א גרויסער מנגן.

נאָך א צייט אָבזייענדיג אין טארנאָפּאָל קומט ער צוריק קיין לעמבערג, וואו ער פאנגט אָן שטודירען פּיאנאָ ביי דעם פּוילישען פּיאניסט יארעצקי. ער האָט אויך געלערנט הארמאָני, אָרקעסטרירונג און אנדערע צווייגען פון מוזיק ביי ה׳ באדענשטיין, וועלכער איז געווען דער קאפּעלמייסטער פון דעם שטאָדטישען אָרקעסטער.

ער האָט אויך א שטיקעל צייט נאכהער שטודירט אין דייטשלאנד, אָבער נאָך אלס יונגערמאן איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער פאנגט אָן צו לייסטען אלס שוהל־דיריגענט.

ער האָט אָנגעהאלטען שטעלען מיט חזן יחזקאל בערענשטיין, דערנאָך ביי חזן אלטער באומאן, וועלכער האָט אויך אין נויאָרק פארנומען ברוך שאָר׳ס אָרט, אין דער דוקלער מגן אברהם אטאָרני סטריט שוהל (האָט דאָ חתונה געהאט מיט זיין טאָכטער) און אין בית המדרש הגדול מיט די חזנים בראווערמאן, מינסקי און חזן גראפּמאן; אין פאָרסייטה סטריט שוהל מיט חזן הערצזאָהן, און זייט די לעצטע 10־12 יאָהר אין פארשיעדענע טעמפּלען, וואו אויסער כאָר דיריגענט איז ער אויך דער אָרגאניסט.

ער האָט אויך דיריגירט די ערשטע שבתים און דעם ערשטען יום סכות מיט חזן הערשמאן. און דאָ איז געשעהן א קאָמישע פּאסירונג. מ׳האָט אנאָנסירט אז ה׳ לעא ליאוו, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט חזן הערשמאן אין אמעריקא, און וועלכער האָט מיט איהם דיריגירט די קאָנצערטען, אז ער וועט לייטען דעם כאָר יום טוב. צוליעב געוויסע אורזאכען האָט ער עס איבערגעגעבען צו ה׳ שנורמאכער. דער עולם האָט נאָכ׳ן דאווגען געדריקט די האנד פון ה׳ שנורמאכער און געזאָגט: „יישר כח ה׳ ליאוו, גרויסארטיג“ — וואונדערבאר ה׳ ליאוו“...

מר. שנורמאכער אונטעררינכט אויך אין פּיאנא און מוזיק און איז אין דער חזנים וועלט באקאנט אלס איינער, וואָס האָט ליעב דאָס שעהנערע, דאָס קלאסישע ביים עמוד.

חזן חיים שולזינער

(אויטאָביאָגראפיע)

געוועזן איז דאָס אין יאָהר תרס׳ (1900), ווען מ׳האָט צום ערשטען מאָל אראָבגעבראכט מיין פאָטער אברהם׳ל חזן ע״ה פון טיראספאָל, כערסאָנער גובערניע, (וואו איך בין געבוירען געוואָרען) קיין הוששי (רומעניען) פאר שטאָדט חזן אין דער דאָרטיגער שטאָדט קלויז, וואו ער איז געווען אלע זיינע יאָהרען אויף דער זעלבער שטעלע. דאָרט בין איך צום ערשטען מאָל געקרוינט געוואָרען אלס משורר. איך בין דאַמאָלסט 9 יאָהר אלט געווען. דאָס פארגעניגען וואָס איך האָב געהאט דערפון איז אונבאשרייבליך... איבערהויפט נאָך, ווען מ׳האָט מיר ערב יום כפור געשטעלט א קערה אין שוהל, און איך האָב געזעהן דעם אויפשריפט „בעד המשורר". און יעדער בעל הבית פלעגט פארבייגעהן, מיר געבען א קניפ אין בעקעל און אריינווארפען איניגע באָנערוס (בענט). איך בין געווען שטאָלץ און שעהנע חלומות האָב איך געוועבט און זיך פאָרגעשטעלט, אז אָט בין איך שוין חזן און אלע פארגעטערען מיך... אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אז איך וועל נאָך דארפען דורכגעהן שבעה מדורי גהינם איידער איך וועל דערלעבען צו ווערען א חזן...

אין יאָהר 1901 שבת שמברכים שבט איז דער דאַמאָלס בארימטער חזן יעקב נאגלער געקומען קיין הוששי און געדאווענט אין שוהל מיט 16 משוררים. ווען איך האָב איהם געהערט, האָב איך געטראכט, אז איך וואָלט געווען דער גליקליכסטער, ווען איך זאָל זיין משורר קענען ווערען. איך בין אוועק צו איהם, איהם אָבגעזונגען דעם טאטען׳ס „זכרינו" און איך בין איהם געפעלען. ער איז אוועק צו מיין פאָטער און האָט איהם פארזיכערט, אז ער וועט מיך האַלטען ווי אן אויג אין קאָפ, וועט מיט מיר לערנען (ער איז געווען א באדייטענדער לערנער) ער וועט טאָן אלין אין דער וועלט, אבי איך זאָל ווערען זיין משורר.

איך געדענק נאָך דעם גרויסען פראָסט יענעם פריהמאָרגען, ווען איך בין אויפגעשטאנען 6 פארטאָג צו פאָהרען מיט׳ן חזן. מיר זיינען געפאָהרען ביז צו דער גרעניץ אין ברדיזשעני, דאן זיינען מיר אָנגעקומען אין טשערנאָוויץ. און דאַ האָבען זיך אָנגעפאנגען די צרות. מיר האָבען פשוט געהונגערט. דער חזן האָט זעהר ליעב געהאט די אכילה אָבער די משוררים האָבען געהונגערט און געשוויגען. מיר זיינען מיט איהם ארומגעפאָהרען ביז 2 וואָכען פאר פסח זענען מיר אָנגעקומען אין גאַליץ, וואו דער חזן האָט געוואָהנט, און דאָ האָבען מיר געהאט צרות פון דער חזן׳טע אויך. חוץ דעם, וואָס זי פלעגט ניט געבען עסען, פלעגט זי נאָך מסר׳ן אויף אונז משוררים, און צו אלע גליקען האָבען מיר געכאפט קלעפ אויך. צווישען די „פליכטען" פון א משורר איז געווען צו העלפען וואשען וועש, וואשען די פאָדלאָגע, און עהנליכעס, און די משוררים האָבען ניט אלע מאָל געוואָלט דאָס טאָן.

איך געדענק נאָך היינט א מעשה מיט א באָטעל סעלצער וואסער. דער חזן האָט זעהר ליעב געהאט וויין מיט סעלצער. מיר, פארשטעהט זיך, האָבען נאָר צוגעקוקט און מקנא געווען. איינמאָל, ווען דער חזן איז זיך געגאנגען צושפארען אביסעל ביי טאָג, האָבען מיר זיך צוגעכאפט צום סעלצער... עס איז געוואָרען דאָרט א ויהי... ווייל דער חזן האָט מיט א ווייסען קרייד אָנגעצייכענט ווי ווייט ער האָט די וואסער אָבגעטרונקען... און דער סוף איז געווען, אז 4־5 וואָכען האָב איך ניט געקענט מאכען קיין ברכה „לישב" פון די קלעפ וואָס איך האָב באקומען

טראָץ די יסורים בין איך דאָרט געווען משורר 4 יאָהר צייט. ווי איך האָב איהם פיינט געהאט. בין איך אָבער פאר׳כשופ׳ט געוואָרען פון זיין דאווענען... און איך האָב זיך פון איהם ניט געקענט אוועקרייסען. אי האָט ער געדאווענט! און געלערנט מיט מיר האָט ער אויך, און פעטש האָבען אויך ניט געפעהלט.

ווען איך בין אלט געווען 14 יאָהר, האָב איך פלוצלונג באקומען א בריעף פון מיין מאמען (דער טאטע איז געווען ברוגז, ווייל ער האָט ניט געוואָלט איך זאָל ווערען א משורר) מיט 8 פראנק, און זי האָט געזאָגט, אז גענוג זיך געמוטשעט, אז איך זאָל קומען אהיים, און אז איך האָב געדאווענט דעם ערשטען שבת אין דער שוהל, איז מיין פאָטער ע״ה מיר אויך געקומען הערען און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער מיך איבערגעבעטען און געזאָגט, אז ער האָט ניט געגלויבט, אז ע סוועט פון מיר ארויסוואקסען אזא כלי. איך בין אזוי ארומגעפאָהרען דאווענען און האָב געמאכט גרויס ערפאָלג איבעראל. דאמאָלסט האָב איך מיין שטימע פארלאָרען. איידער איך האָב מיין שטימע פארלאָרען בין איך א שמיקעל צייט געווען ביי איציקעל שקאָלניק אין סטאניסלאוו. דערנאָך בין איך געוואָרען א לעהרער

אויף א יאָהר צייט. און האָב אגב געלערנט מוזיק. צו 18 יאָהר האָב איך שוין געהאט א שעהנע טענאָר שטימע (ניט אזוי ווי יעצט געוועהנליך, אָבער סמנים פון א גרויסע, שעהנע טענאָר שטימע האָב איך געהאט), און איך בין אוועקגעפאָהרען קיין בוקארעסט שטודירען אין קאָנסערוואַטאָריום. און אָפט כדי צו האָבען פון וואנען צו לעבען, פלעג איך ארייננכאפּען א שבת'ל אין א שוהל...

צו 21 יאָהר האָב איך חתונה געהאט מיט חיים בער שוחט'ס טאָכטער. זי איז געוועזען א לעהרערין אין שוהלע, פּאָ אַמעריקאַנסקו, א פּרינציפּאַל אין א סקול.

אין 1911 האָב איך געהאט מיין ערשטע שטעלע אין טג־אָקנא, רומעניען, וואו איך בין געוועזען ביז 1914. פון דאָרט בין איך ארויסגערופען געוואָרען קיין בוקארעסט, אין טעמפּעל וואינצא. דאָ בין איך געשטאנען ביז 1920.

דאן איז אָנגעקומען א שיף־טיקעט מיט געלד פון דער קאָנגרעגיישאָן בני יעקב אין מאָנטרעאל, קענעדע. בוקארעשטער אידען, וואָס זיינען געוועזען אין קענעדע האָבען מיר רעקאָמענדירט, אז איך זאָל קומען דאווענען א ימים נוראים ביי זיי. אז איך האָב אָנגעפאנגען צו בארעכענען וויפיעל געלד דאָס איז אויף אונזערע געלדער, האָט מיר אזש אָנגעפאנגען שווינדלען אין קאָפּ. איך בין פארשטעהט זיך געפאָהרען... און נאָך ימים נוראים האָבען זיי מיך עלעקטעד אויף ווייטער.

איך בין דאָרט געוועזען בלויז 18 מאָנאטען, און זיי האָבען גערעכענט, אז איך וועל דאָרט בלייבען אויף אימער. וועהרענד דער צייט האָב איך באזוכט די מוזיק אקאדעמי דריי מאָל א וואָך און שטודירט ווייטער.

מיר האָט זיך אָבער פארגלוסט צו זיין אין ניויאָרק, און מיט'ן ערשטען שבת דאָ האָב איך גענומען די שטעלע אין דער שומרי אמונה שוהל, בּאָראָ פּארק, איינע פון די שעהנסטע און איינפלוסרייכסטע קאָנגרעגיישאָנס אין שטאָדט ניו יאָרק. און איך בין זעהר צופריעדען, און האָף, אז זיי זיינען אויך צופריעדען.

מיין ערשטען קאָנצערט אויפטריט האָב איך געמאכט דעם 17־טען דעצעמבער, 1922, אין דעם גרויסען טאון האָלל ניו יאָרק, און דאָס, וואָס די קריטיקער האָבען אויף מיר געשריעבען איז געוועזען א באלוינונג פאר אלע מיינע יסורים און ליידען פון מיין יוגענד ביז יעצט, צו דערגרייכען דיעזע שטופע אין דער מוזיקאלישער וועלט.

איך האָף אויך צו קענען ווי אם שנעלסטען ארויסצוגעבען מיינע ווערק, וואָס איך האָב געשאפען ביים עמוד.

חזן אפרים פישעל הלוי שאולזאָהן

חזן אפרים פישל הלוי שאולזאָהן, וועלכער איז חזן אין בית המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט, ניו יאָרק, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1888 אין לובלין. ער שטאמט פון א חסידישער פאמיליע. זיין זיידע איז געוועזען דער באוואוסטער בעל תפלה ר' פנחס'ל שו"ב מלובלין.

זיין פאָטער האָט געהאלטען פון דער משנה, קדושין דף פ"ב: לעולם ילמוד אדם את בנו אומנות נקייה. און וועהרענד ער האָט געלערנט אין דעם פרנס'עס בית המדרש האָט ער גלייכצייטיג געזונגען ביי די לובלינער חזנים ר' שלמה'לע ראבעין, יעצט חזן אין ריגא אויף דער שטעלע פון ראזאָווסקי.

אלס אינגעל האָט ער גע'שמ'ט פאר זיין וואונדערבארע אלטשטימע, און זיין אייגענארטיגער זאָגען סאָלאָס און תפלות איז געוועזען אונפארגלייכליך. צו 16 יאָהר איז ער געוועזען באוואוסט אלס דער מתמיד פון'ם פרנס'עס בית המדרש, און אין 1905 ווען דער בארירהמטער געזאנגס לעהרער סטאניסלאווסקי פון דער לובלינער „רוסאלקא" האָט דערהערט זיין טענאָר שטימע האָט ער איהם מיט גוטע פּראָטעקציאָן נאָך בערלין אוועקגעשיקט, דאָרט צו קענען שטודירען. און ער איז תיכף ארייגעטראָטען אין דער קייזערליכער קאָנסערוואטאָריע. דאָ לערנט ער פלייסיג מוזיק ביי פּראָפעסאָר ווילהעלם קלאטע, מוזיק קריטיקער פון בערלינער לאָקאלען אנצייגער, שטים בילדונג ביי דעם באוואוסטען דייטשען פאָלקס־זינגער אלפרעד מיכעל; קלאוויר (פיאנאָ) ביי דעם רוסישען פיאניסט פּראָפ. ליאצענקאָ.

ער האָט זיך אָבער אויך ניט אָפּגעפרעמדט פון אידישע למודים, און ניט פארגעסען דעם טעגליכען שיעור תלמוד ביי הרב דר. ביבערפעלד און ביי הרב דר. מאיר הילדעסהיים.

אין יאָהר 1908 האָט איהם אויסגענומען די קהלה פון וולאצלאוועק, וואו דער באוואוסטער ווילנער חזן ר' יהושע פיינזינגער איז געווען, וואו ער איז געשטאנען מיט גרויס כבוד ביז יאָהר 1923, ווען ער איז געקומען נאָך אמעריקא, און האָט תיכף גענומען די שטעלע אין בית המדרש הגדול, נאָרפאָלק סטריט, ניו יאָרק.

ניו יאָרק האָט זיין טאלאנט באלד אנערקענט, און ער ווערט היינט פאררעכענט פאר איינעם פון די גרויסע מנגנים־חזנים פון דער היינטיגער צייט.

קאנטאר זלמן אנצעס

זלמן אנצעס, כאָטש ער איז קאנטאָר, דאַרף מען איהם אריינרעכענען אין דער קאטעגאָרי פון מוזיקער, ווייל ער האָט אויף יענע געביטען מעהר אויסצייכנונגען, און בכלל האט ער זיין לעבען געווידמעט צו מוזיק בכלל און זיך ניט ספּעציפירט אין חזן׳אישע מוזיק. זיין יניקה איז אָבער געווען פון די חזן׳אישע קוועלען.

ער איז געבוירען געוואָרען אין ליובא, וואָהלינער גובערניע און איז א תלמיד פון דעם וואונדערבארען זאָגער, לוי טארנאָפּאָלער, אָדער ווי אנדערע האָבען איהם געקענט אלס לוי ליובערער אָדער לוי באלטער. דאָס איז געווען א חזן במלא מובן המלא.

צו 19 יאָהר איז ער אוועק נאָך אדעס, דאָס גרויסע קוועלע פון חזנות און געזונגען ביי יאקאָווקע, חזן גאָרעליק, ראזומנע, סיראטא און האָט שטודירט אין דער איפּעראלט, מוזיקאלישע אוטשילישטשיע. ער האָט דאָ געלערנט קאָנטראָ באַס, געזאנגס קונסט, און הארמאָני.

א קורצע צייט שפּעטער טרעפען מיר איהם אין ווארשא אלס דיריגענט ביי חזן משה זארניצקי, דער גרויסער מוזיקער און משכיל וועלכער געפינט זיך יעצט אין אמעריקא. די דריי און א האלב יאָהר, וואָס ער איז דאָ געשטאַנען זיינען ווי הערר אנצעס זאָגט, די אינטערעסאנטסטע פון זיין קאריערע אלס שוהל דיריגענט.

דער וואונש זיך ווייטער צו בילדען, באזונדערס אין קאָנטראָפּונקט האָט איהם געטריעבען אין דייטשלאנד און נעמליך אין לייפּציג, און דאָ האָט ער געלערנט קאָמפּאָזיציאָן ביי פּראָפעסאָר קרימל; אָרגעל ביי פּראָפעסאָר האומייער, פּיאנאָ ביי דר. מערקעל, זינגען ביי פּראָפעסאָר העיוואלד און צו דער זעלבער צייט האָט ער געזונגען אין לייפּציגער טעמפּעל און זעהר אָפט פארטראָטען דעם דיריגענט קאנטראָוויטש.

נאָך אבסאלווירען דעם קאָנסערוואטאָריום פאָהרט ער קיין וויען, אין דעם גרויסען מוזיקאלישען צענטער. דאָרט קריעגט ער דעם פּאָסטען פון אָרגאניסט ביי דער קולטוסגעמיינדע (ניט צו שפּיעלען שבת, נאָר ביי התונות, קאָנצערטען, ספּעציעלע פייערונגען, רעקוויעמס, א. ז. וו.)

צו יענער צייט איז דער קאָנסערוואטאָריום איבערגענומען געוואָרען פון דעם שטאַאט און עס האָט זיך געגרינדעט דער ניי ער (?) ניי ער נייער קאָנסערוואטאָריום אונטער דער לייטונג פון דעם קייזער קעניגליכען קאמער ווירטואז פראנץ האנדרימישיק (גרויסער וויאָלינסט) און אנצים ווערט ווידער שילער... אָבער נאָך א יאָהר צייט איז ער געוואָרען דאָרט לעהרער, פריהער אין אלגעמיינע מוזיק און שפּעטער אין הארמאָני און קאָנטראָפּונקט. אין דער זעלבער צייט, איז ער געווען פּראָפעסאָר אין דער מוזיקלעהר אנשטאלט פון ליטוואק פּאטאָגעי. ער איז אויך א צייט לאנג געווען אסיסטענט צו פּראָפעסאָר ריכארד ראָבערט און צו לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי אין פּיאנאָ, און ער האָט אויך זייערע שילער אונטערריכט אין די אנדערע צווייגען פון מוזיק ווי הארמאָני און קאָנטראפּונקט. ה׳ גאדאָווסקי האָט דאָ זעהר פיין אויפגענומען הערר אנצים, און איהם זעהר גוט רעקאָמענדירט.

13 יאָהר איז מר. אנצעס געווען אין וויען.

דורך דער צייט האָט ער געדאווענט שחריתים אין בלינדען אינסטיטוט אויף דער הויהען־ווארטע, שפּעטער אין מאראן, קעניגווערטער שטיפטונג, און אונטער חזן דינמאן אין שמעלצאָוו טעמפּעל, דער איינציגער אָרגעל טעמפּעל אין וויען, און דערנאָך איז ער געוואָרען שטענדיגער קאנטאָר אין בלינדען אינסטיטוט. ער האָט דאָרט געהאט דעם בעסטען כאָר, וואָס מ׳האָט זיך נאָר געקענט ווינשען צו הערען.

דריי יאָהר געפינט זיך ה׳ אנצים אין אמעריקא. ער איז געווען חזן ביי דער קאָנגרעגיישאָן בני ישראל, עליזאבעטה, דערנאָך אין קאליפאָרניא ביי קאָנגרעגיישאָן בני ישראל. אין ניו יאָרק געפינט ער זיך יעצט זייט איניגע מאָנאט און באשעפטיגט זיך מיט אונטערריכטען מוזיק, שאפט ווערק און זיין גרעסטער פארגעניגען איז זיך צו פארטיעפען אין פארטיטורען פון די אמאָליגע מוזיקער — די קינסטלער פון הארמאָני און מעלאָדי.

ה׳ אנצים איז דער אָרגאניסט פון די חזנים ביי דיעזען יובילעאום קאָנצערט.

תקון טעות

אין דעם באריכט פון פּרעזידענט ראפּאָפּאָרט „30 יאָהר טעטיגקייט פון חזנים פארבאנד" איז אריינגעפאלען א טעות. אנשטאט צו דאנקען מאיר מאכטענבערג, דעם דיריגענט, שטעהט טראכטענבערג.

אנשטאט „ניסן בעלזער", ביי דעם פאָטאָגראפירטען קאָנטראקט, דארף שטעהן „ר׳ ירוחם הקטן".

רעדאקטאָר.

חזן ניסן גאָלדשטיין

חזן ניסן גאָלדשטיין, חזן פון קאָנגרעגיישאַן „בני ישראל" דעמאָין, אייאָווא — וועלכער האָט זיך גערופען אין די אַלטע היים ניסקע דער חזן, איז א געבאָרענער אין גלוסק, מינסקער גוב., באָברויסקער אויעזד. א עיר מלאה של חכמים וסופרים, וואו דאָרטען האָבען משמש געווען ברבנות באריהמטע גאונים אזוי ווי דער וועלט באריהמ־טער גאון דער בעל „סדר הדורות" (ראה בסוף סדר הדורות שנדפס על ידי הרב ר' נפתלי משכיל לאיתן) און נאָך אזעל־כע באריהמטע גאונים. ער האָט זיך געהאָדעוועט אַלס א יתום רחמנא ליצלן ביי א אָרימע מוטער מרת פריידע תחי'. ווען זיין פאָטער מו"ה שניאור זלמן איז אָפּגעשטאָרבען איז ער געווען 11 יאָהר אַלט. און אַלס קינד האָבען אַלע אויף איהם נביאות געזאָגט אז ער וועט זיין א גוטער חזן, ווייל זיי האָבען געזעהן אז ער האָט טאַלאַנט צום זינגען. און ווען ער איז געוואָרען 10 יאָהר אַלט האָט ער שוין מקבל שבת געווען. ער איז געווען משורר ביי חזן ר' מאיר לי־דער וואָרום אין יענע צייטען האָט החזן הנ"ל געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער ליטא. ווען ער האָט פאַרלאָרען זיין אַלט איז ער געווען ביי חזן בירנבוים ע"ה אין טשענ־סטעכאָווע און געזונגען מיט זיין קווייער. ביי איהם האָט ער געלערנט הארמאָניע. אויך איז ער געווען ביי א חזן אין ביאַלעסטאָק וועלכער איז געווען אין זאַבלידאָווסקים שוהל און גענומען מוזיק אונטעררינכט ביי דיריזשאָר בערמאַן. פון דאָרטען איז ער אוועק קיין בערדיטשעוו און געווען איבער א יאָהר ביי דעם באריהמטען חזן און מפורסם, ר' ניסן בעלזער ז"ל. ער האָט געהייראַט מיט א אשת נעורים מרת באשע לאה תחי', אין פעטריקאָוו, מאַזירער אויעזד.

ער האָט באַזעצט אין יוראָפּ חזנות אין גרויסע שטעט און געווען ביי אַלעמען געאכטעט דורך זיין טאַלאַנט און איבערהויפּט דורך הנהגה טובה. אפילו ביי די רבנים און לומדים איז ער געווען אָנגענומען. ער איז געווען א חזן אין קאַפּולע אין דער צייט, ווען הרב הגאון יודעלעוויץ איז דאַ־מאָלסט געווען רב. אויך געווען חזן אין באָברויסק אין א גרויסע שוהל. נאכהער חזן אין זיין געבורטס שטאָדט גלוסק. עס איז דאָך אפילו באוואוסט „אין נביא בעירו" פונדעסט־וועגען איז ער דאָרטען געווען זעהר באַליעבט, און איבער־הויפּט ביי די באריהמטע גאונים ר' שמואל לאנדא און ר' ברוך בעריל. ער וואָלט דאָרטען געווען נאָך עד היום, אָבער עס איז דאָרטען געווען א שרפה און די גאַנצע שטאָדט איז אוועק אין פייער. האָט איהם די נויט געבראַכט אז ער זאָל קומען אין אמעריקא. געקומען אין דיעזע לאַנד איז ער באַלד אויפגענומען געוואָרען פאַר א חזן אין דע־מאָין, ביי די קאָנגרעגיישאָן „בני ישראל", א קאָנג. וועל־כע עס באַלאַנגען בעלי בתים נכבדים און גרויסע גבירים. ער איז אָנגעשטעלט ביי די זעלביגע קאָנג. איבער 17 יאָהר און מיט גרויס כבוד ביי זיי.

אָבער אין אור בלי צללים. וואָרום די ליכטיגקייט זיי־נע און זיין פרוי'ס איז פינסטער געוואָרען אין מיטען טאָג. ווייל ניט פאַר קיינעם געדאַכט ביום י"ב שבט שנת תר"פ איז געשטאָרבען ביי זיי א טאָכטער. זי איז געווען ביי זיי א איינציגע קינד, איהר נאָמען איז געווען רויזעל, א אמת'ע שושנה, זי איז געווען שעהן, קלוג, און איבערהויפּט זעהר אידיש. ווען זי איז געשטאָרבען איז זי געווען 23 יאָהר אַלט און האָט איבערגעלאָזען 3 קליינע קינדערלאַך, א מיידעלע און 2 אינגלאַך, מיט א בעל נעורים וואָס טרויערט אויף איהר פריהצייטיגען טויט. תנצב"ה.

חזן ר' משה סאראווייסקי

חזן ר' משה סאראווייסקי, איינער פון די אָנגעזע־הענסטע חזנים אין ניויאָרק, איז געבוירען געוואָרען מיט 46 יאָהר צוריק אין טשערניגאָוו. ער שטאמט פון א פאַ־מיליע לומדים. זיין פאָטער איז געווען דער שמש פון שטאָדט שוהל און זיין זיידע ר' זוסמאן איז געווען חזן אין בערעזני, א חזן פונ'ם אלטען שניט וועלכער האָט אוי־סער שטימער אויך געהאט הארץ. חזנות האָט ער געלערנט פון זיין פעט־טער ר' יצחק מרדכי לאיעווסקי וועל־כער איז געווען שטאָדט חזן אין טשערניגאָוו און איז געווען באַ־וואוסט אַלס גרויסער מתפלל און מנגן.

11 יאָהר איז ער געווען א משורר ביי זיין פעטער, נאכהער האָט ער געזונגען ביי ליבקע סלוצ־קער (חזן זילבערמאַן) און ביי מאיר לידער. ווען ער איז אַלט געוואָרען 13 יאָהר האָט ער שוין אַליין געדאַווענט און געמאַכט א גרויסען רושם מיט זיין שעהנעם אמת אידישען דאַווענען.

וועהרענד דער צייט וואָס עס האָט זיך ענטוויקעלט ביי איהם א גרויסע שעהנע טענאָר שטימע האָט ער געלערנט אידישע לימודים און צו דערזעלבער צייט זיך געבילדעט שטימע און געלערנט חכמת המוזיק.

די ערשטע שטעלע האָט ער געהאַלטען אין דער ציונים־טישער שוהל אין טשערניגאָוו. מיט 17 יאָהר צוריק ווען עס האָבען אָנגעהויבען ווערען אונרוהען אין רוסלאַנד האָט חזן סאראווייסקי גענומען זיין וועג קיין אמעריקא, און דאָ האָט ער באטראָטען די פאָלגענדע וויכטיגע שטעלען: קאָנג. בית יהודא, בעדפארד עוועניו, ברוקלין; איליער שוהל; זבחי צדק, ווילאבי אין ברוקלין; עץ חיים סטאון עוועניו; נחל ישראל, טשעסטער סטריט בראָנזוויל; בית המדרש הגדול, סעקמאָן סט. בראָנזוויל; און יעצט ביי די קאָנג. בני יעקב אנשי ספרד, פּענסילווייניא עוועניו, וואו חזן סארא־וועיסקי שטעהט מיט גרויס כבוד. אויסער וואָס ער איז א שעהנער דאוונער דיריגירט ער אליין א כאָהר און איז אָנ־ערקענט אלס איינער פון די וויכטיגסטע מוזיקאלישע חזנים אין גרייטער ניויאָרק.

חזן אלעקסאנדר האַלטץ

אומגליקליך איז דער מענש וואָס קען זיך ניט צופּאַסען צו אומשטענדען. אומגליקליך איז באזונדערס דער מענש וואָס האָט געלעבט בהרחבה און וועלכער מוז פּלוצלונג אָנפאנגען זוכען א נייע היים, זיך צוגעוואָהנען צו אַ נייעם סאָרט לעבען... אַ לעבען וואָס איז פּונקט דער געגענטייל פון דעם וואָס עס איז פריהער געוועזן.

חזן אלכסדר האַלטץ איז 13 יאָהר צייט געשטאַנען אויף איין פּאָסטען אין אַלט האופען, בודאפּעסט, מיט גרויס כבוד, זיך געלעבט רוהיג און צופרידען... און פּלוצלונג איז געקומען די וועלט מלחמה מיט אלע איהרע גרויזאַמקייטען און האָט איהם פארוואָרפען אהער קיין אַמעריקא... אין אַ לאַנד פון רעש און טומעל... אַ לאַנד וואו דער אמת איז פארוואָלקענט און קליינע מעלות ווערען דאָ פאַרצייכענט מיט אַ פאַרגרעסערונגס גלאָז.

חזן האַלטץ, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1886 אין אונגארן. ער האָט ביז צו זיין 19טען יאָהר געלערענט אין די פארשידענע ישיבות אין אונגארן, צווישען זיי אויך די פּרעזשבורגער ישיבה, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט אלס דער ארטהאָדאָקסישער סעמינאַריום. צו 19 יאָהר ווען עס האָט זיך איהם באוויזען אַ וואונדערבארע באריטאָן שטימע האָט ער אָנגעפאנגען צו זינגען ביי די גרויסע חזנים, ביי וועמען ער האָט געלערענט מוזיק און „תפלה“.

ער איז ווי געזאָגט געווען 13 יאָהר חזן אין ערענבורג, איינע פון די אנגעזעהענסטע אונגארישע אידישע געמיינדען, וואו מ׳האָט זיין טאַלאַנט פארגעטערט...

חזן האַלטץ איז אין אמעריקא בלויז א קורצע צייט. ער האָט דאָ געדאַוונט איינציגע שבתים און געגעבען קאָנצערטען און איבעראל האָט זיין שעהנע גרויסע קרעפטיגע און פולע באריטאָן שטימע געוואונען פאַר איהם א סך פאַרעהרער.

ער באַטרעט יעצט די שטעלע אין עליזאבעטה, ניו דזשוירזי, ביי דער קאָנגרעגיישאָן „הולכי יושר ואהבת אחים“.

חזן האַלטץ׳ס סטיל איז ריינע ליטורגיע. דער יסוד פון זיין דאווגען איז נוסח, געבויט אויף ריין מוזיקאלישע יסודות. ער איז ווייט פון די הזן׳ישע קונצען וואָס זיינען לעצטענס שטאַרק אריין אין דער מאָדע. ער איז דער ריינער מתפלל, און מבינים שעצען דאָס.

חזן האַלטץ איז פון די חזנים וועלכע פארמאָגען נאָך שטאָלץ אין זיך און פארביליגען ניט די תפלה און ניט דעם עמוד. ער איז א חזן וואָס האלט דאָס חזנות בכבוד, ער איז אַ טיכטיגער און אנגעזעהענער מיטגליעד אין חזנים פאַרבאַנד.

חזן בערעלע מיללער

חזן בערעלע מיללער איז געבוירען געוואָרען אין טיראָספּאל, חערסאָנער גובערניע. זיין פּאָטער ר׳ ישראל טיראָספּאלער פון דער אלטער כאָהר שוהל אין טשערנאָוויטץ רומעניען איז איינער פון די אָנגעזעהענסטע חזנים. אלס קינד פון 12 יאָהר האָט חזן ב. מיללער געדאַווענט אין זיין פּאָטערס שוהל און מ׳האָט שוין פאָראויסגעזאָגט אז ער וואַקסט א כלי.

ער האָט געזונגען אויסער ביי זיין פּאָטער אויך ביי הזן שלמה שעכטער אין טשערנאָוויטץ (מחבר פון וויכטיגע מוזיקאלישע ווערק) און חזן פינקאָסעוויטץ (וועלכער גרייט זיך אויך צו קומען קיין אמעריקא אין גיכען).

אלס זיין „רבי׳ן“ גיט אָן חזן מיללער, דעם באוואוסטען דאוונער ר׳ משה שטיינבערג פון אָדעסס.

חזן מיללער האָט אויך אבסאלווירט א מוזיק שוהלע, וועהרענד דער צייט וואָס ער האָט פארלאָרען זיין קנאבען שטימע, און האָט געלערנט הארמאָניע און אנדערע צווייגען פון מוזיק.

צו 18 יאָהר איז חזן מיללער אויפגענומען געוואָרען אין יבאהושי רומעניען, וואו מ׳האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און וואו ער איז געשטאַנען צוויי יאָהר. ער איז דאַן ארויסגערופען געוואָרען קיין בוקארעסט, אָבער די אמעריקאנער דאָלארען זיינען איהם געשטאַנען פאר די אויגען און ער האָט די שטעלען אין אייראָפּא ניט געוואָלט אָנהאלטען. דעם 4-טען אויגוסט 1923 איז חזן מיללער אָנגעקומען אין ניו יאָרק וואו ער האָט צוויי ברידער, און כאָטש עס איז געווען קרוב ימים נוראים דאָך האָט ער באלד באקומען א שטעלע ביי דער קאָנגרעגיישאן תפארת ישראל, 5-טע סטריט שוהל אין דזשוירזי סיטי, וואו ער ווערט שטארק געשעצט פאר זיין שעהנע שטימע און פאר זיינע פעהיגקייטען.

מאָריס וואולף

קאָנצערט מענעדזשער

דאָס חזנות, פונקט ווי די קאָנצערט וועלט, האָט זיך אויסער איהר ארטיסטישע זייט, אויך א געשעפטליכע זייט. די וועלט האָט אָבער שוין לאנג געזאָגט, אז אן ארטיסט קען קיין געשעפטסמאַן ניט זיין, און אויב עס איז אמת ביי אן ארטיסט, איז דאָס נאָך טויזענד מאָל מעהר אמת וועגען חזנים.

און נאָך א סך פריהער איידער „חזנות“ איז געוועזן אויף אזא הויכען מאטעריעלען מצב, איז שוין מאָריס וואולף געווען ביי דער זייט פון די חזנים... און מ'קאָן זאָגען, אז מאָריס וואולף האָט פיעלפאך „ארויפגעארבייט“ דעם חזן'אישען פאַך.

מאָריס וואולף איז געבוירען געוואָרען מיט 40 יאָהר צוריק אין ברעטשאַן, בעסאראביע. אלס קינד האָט ער געזונגען ביי דעם באוואוסטען חזן ר׳ איציקעל שקאָלניק, ביי חזן שטראָמבערג אין מאהליוו, און מיט 26 יאָהר צוריק איז וואולף געקומען קיין אמעריקא. און באלד ווי ער האָט נאָר צוזאמענגענומען אביסעל געלד האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין קאָנצערט־מענעדזשמענט. כאָטש אין יענער צייט איז עס געווען א קליינליכער געשעפט.

אונטער זיין מענעדזשמענט זיינען אויפגעטראָטען די פראָמינענטסטע חזנים, ווי חזן מייזעל, ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט, חזן קווארטין, חזן הערשמאַן, חזן חגי, חזן רויטמאַן, חזן שטיינבערג, ראָטהשטיין, מאָרגענשטערן, גיבליכמאַן און אנדערע. און ברענגט יעצט פון יוראָפּ דעם באריהמטען חזן סאָלאָמאָן פינקעסעוויטש, וועלכער איז איינער פון די יונגע שטערן פון עמוד.

וואולף איז אָבער ניט פון די מענעדזשערס, וואָס נעהמען סחורה וואָס זיינען שוין אויפגעבומט. ער האָט גענומען חזנים אויף זיין אייגענע מבינות, דערפאר, וואָס ער פארשטעהט זעהר גוט דאָס חזנות און קען דעם געשמאַק פון פובליקום, און האָט די חזנים געמאַכט גרויס און פראָמינענט.

איבעראל איז מאָריס וואולף באוואוסט — ווייל מיט די דערמאָנטע חזנים און אויך פיעלע קאָנצערטיסטען, איז ער געווען אין אלע שטעדט וואו עס זיינען דאָ אידען, און איבעראל איז וואולף'ס רעפוטאציע זעהר גרויס, ווייל אלעמאָל האָט ער געבראַכט די ארטיסטען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט; ער האָט אלעמאָל דורכגעפיהרט די פראָגראַמען לויט ווי ער האָט פארשפּראָכען.

ביי קאָנגרעגיישאָנס איז ער באוואוסט אלס דער שלימעל צו חזנים. ווען א קאָנגרעגיישאָן פון אויסער ניו יאָרק וויל באקומען א חזן פון'ם בעסערען סאָרט, ווענדעט מען זיך צו מאָריס וואולף, ווייל מ'ווייסט, אז אויף זיין מבינות קען מען זיך פארלאָזען, און אז ער איז א העכסט ראיעלער מענש און וועט קיינמאָל זיין רעפוטאציע ניט ריזיקירען. אזוי ארום האָבען פיעלע קאָנגרעגיישאָנס פון'ם גאנצען לאנד באקומען זייערע חזנים דורך וואולף — און מערקווירדיג, מאָריס וואולף טרעפט צו יעדע קאָנגרעגיישאָן פונקט דעם חזן, וואָס זי דארף.

חזנים וועלכע ווילען מאכען ערפאָלג, ווייסען שוין, אז מאָריס וואולף'ס מענעדזשמענט מיינט צו ווערען באטראכט פון די גרויסע אלס איינער פון די גדולים — אָבער וואולף נעהמט נאָר אזעלכע אונטער זיין מענעדזשמענט, די וואָס קענען באמת צופריעדענשטעלען דעם אידען סיי אין חזנות, סיי מיט שטימע, סיי מיט קענטניס, סיי אין מידות טובות.

אין פארלויף פון די מלחמה, זיינען ארויפגעשוואומען אויפ'ן קאָנצערט פעלד פיעלע, וואָס האָבען געזוכט אויסצונוצען די פּאָפּולאריטעט פון די חזנים און דאָס גרייטקייט פון געלד ביי די מענשען — אָבער זיי האָבען ניט געהאט די ערפאהרונג און די רעפוטאציע פון וואולף, און זיינען אראָב פון'ם קאָנצערט האָריזאָנט אזוי געשווינד ווי זיי זיינען געקומען.

ווי געזאָגט דארף מען דעם ערפאָלג פון חזנים און חזנות מאטעריעל פיעל צושרייבען צו מאָריס וואולף, וועלכער וואוינט אין 146 טשעסטער סטריט, ברוקלין.

מאָריס וואולף איז געווען שוין דריי מאָל אין אייראָפּא, וואו ער האָט געמאכט דירעקטע פארבינדונגען מיט פיעלע גרויסע חזנים, וויאָלינעסטען, פיאניסטען, און איז אין פארבינדונג מיט אייראָפּא אלעמאָל פאר נייע „שטערן“ אין דער חזנים־און־קאָנצערטען־וועלט. ער האָט די קאָנצערטען ביזנעס ארויפגעארבייט אויף א געשעפט אין וועלכען עס זיינען פארוויקעלט צענדליגע טויזענדער דאָלאר.

אברהם וו. בינדער

אברהם וו. בינדער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1895 אויף דער איסט סייד, ניו יאָרק, דער זוהן פון רעוו. שלום בינדער.

ביי זיין 3טען לעבענס יאָהר האָט ער אָנגעפאַנגען צו צייגען זיינע אינסטינקטיווע געפיהלען פון מוזיק.

זיין ערשטע מוזיקאַלישע ערציהונג האָט ער באַקומען ביי חזן פראַכטענבערג ביי וועמען ער איז געווען משורר, אלס וואונדערליכער אלט סאָליסט.

ביי זיין 7טען לעבענס יאָהר האָט ער אָנגעפאַנגען צו קאָמפּאָנירען, און ביי 14 יאָהר טרעפען מיר איהם שוין אלס דיריגענט אין דער קאמענעץ פּאָדאָלסקער שוהל און שפּעטער אין דער קלינטאָן סט. שוהל.

ביי זיין 14טען יאָהר האָט ער שוין זוכה געווען, אז די באַריהמטע ענגלישע מוזיק פּאָבלישינג קאָמפּאַני, ג. שירמער ענד קאָ., זאָל דרוקען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען. זיין העכערע מוזיקאַלישע ערציהונג האָט ער באַקומען אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטי אונטער פּראָפ. מעיסאָן און פּראָפעסאָר ריבנער.

אין יאָהר 1916 האָט ער באַקומען דעם מאָזענטהאַל פעללאָושיפּ — א פּרייז פון $1.000 און אן אויסצייכנונגס צייגניס. אין 1917 איז ער געוואָרען מוזיק דירעקטאָר פון דעם י. מ. ה. א., וואו ער לייטעט א מוזיק דעפּאַרטמענט, וואָס איז א מוסטער פאר אלע יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָנס איבער'ן לאַנד.

פון קינדהייט אָן האָבען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען א אידישע נייגונג געהאט — דאָס האָט נאָך דער באַריהמטער געלעהרטער דר. שעכטער ע"ה אנערקענט און דאָס זעלבע יאָהר איז ער געוואָרען דיריגענט פון דער „הדסה" פרויען־כאָר מיט וועמען ער האָט פיעלע העברעאישע פאָלקס־ליעדער דורכגעפיהרט. ווען דער באַריהמטער וויענער אבערקאנטאָר דן פוקס האָט געמאכט זיין ערשטען אמעריקאנער אויפטריט אין קארנעגי האָל, האָט ער געצייגט פעהיגקייטען אלס דיריגענט פון גרויסע כאָרען.

אויסער זיין ארבייט אין י. מ. ה. א. איז ער אויך דער דיריגענט אין פרי סינאגאָג אין קארנעגי האָל, וואו דר. סטיפען ס. וויז איז דער ראבי. ער איז אויך פּראָפעסאָר פון דער סינאגאָגאַלער מוזיק אין דעם אידישען אינסטיטוט פון רעליגיאָן.

זיינע געדרוקטע ווערק זיינען: אראטאָריא „יהודא המכבי", א באנד חנוכה ליעדער, א באנד פורים ליעדער, צוויי „ושמרו׳ם"; קלאַוויר קאָמפּאָזיציאָנען, ליעדער א. ז. וו.

אין מאנוסקריפּט געפינען זיך ווערק פאר אָרקעסטער, סאָנאטאס, א טריאָ, א שטרייך קוואַרטעט און פיעלע בעארבייטונגען פון אידישע און העברעאישע פאָלקס ליעדער.

חזן ש. טשעסני

חזן ש. טשעסנעי איז א חזן שו"ב ומוהל. ער באזיצט א שעהנע באריטאָן־טענאָר שטימע, באזיצט אויך א געלויפיגען קאָלאָראטור, איז א גרויסער למדן און א שעהנער מנגן.

ער האָט אָנגעהאלטען אייניגע וויכטיגע שטעלעס אין פילאדעלפיא, און זייט די לעצטע 10 יאָהר חזן שו"ב אין קלענערע שטעדטלאך.

חזן ש. טשעסנעי איז געבוירען געוואָרען אין דער באוואוסטער פוילישער שטאָדט בריסק. האָט געזונגען ביי די פאָלגענדע חזנים: קלמן סעגאלאָוויטש פאָלטאווער, ביי ניימאן, גערשענאוויטץ, ביי משה באסס אין ביאלעסטאָק, ביי יאשע סלאָנימער, און ביי אנדערע.

זייט די לעצטע 4 יאָהר איז חזן טשעסנעי דער חזן שו"ב פון דער גרויסער שוהל „אגודת אחים אנשי לאָדזש" אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי וואו ער שטעהט מיט גרויס כבוד און באקומט טאקי א שעהנע סאלערי אויך.

דזשייקאָב גאָלדמאַן

ווען מען זאָגט, אז א כאָר איז באריהמט, איז עס ניט קיין איינצעלנע פערזאָן, נאָר די גאנצע קערפערשאפט. יעדער זינגער האָט א חלק אין'ם ערפאָלג פון'ם גאנצען כאָר, און גלייכצייטיג אין'ם ערפאָלג פון דעם דירינענט. דער בעסטער דיריגענט איז מיט שוואכע קרעפטען א פארלאָרענער. און יעדער מנגן ווייסט, אז דער באסס, — דאָס איז דער גרונד פון יעדען כאָר. און מען קען זאָגען, אז זעהר פיעל אין דעם ערפאָלג און פאָפולאריטעט פון דירינענט מאכטענבערג'ס כאָר איז דער זינגער דזשייקאָב גאָלדמאן, וועלכער האָט איינע פון די גרעסטע און קרעפטיגסטע באסס־קאנטאטא שטימען.

דזשייקאָב גאָלדמאן האָט אָבער ניט נור א שוהל קאריערע, נאָר אויך אין דער אָפּערא. ער איז געווען אין די געזעלשאפטען פון דער האמערשטיין אָפּערא, באָסטאָן אָפּערא, סענטשורי, „אמעריקאן סינגערס“, וואו ער האָט געשפּיעלט פּארטס, און האָט זיך באטייליגט אלס סטיידזש מענעדזשער.

צו 12 יאָהר איז ער אויך געווען באוואוסט אלס אן אויסגעצייכענטער קאָרנעטיסט, און האָט גערייזט איבער רוסלאנד און קאווקאז מיט באריהמטע אָרקעסטערס.

דער „קאמפּף“ אין זיין נשמה צווישען אָפּערא און חזנות איז לייכט צו פארשטעהן ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט אז זיינער א פלימעניק איז געווען דער באריהמטער חזן שלמה נח גארשענאָוויטץ, און אין דער אָפּערא וועלט איז ער געווען פארטראָטען דורך אזא באריהמטהייט ווי דניאל קראסטישעווסקי, רוסישער קייזערליכער אָפּערא זינגער, וועלכער איז זיינער א קרוב.

אויך אין תורה האָט ער גוטע ידיעה. ער איז אן אייניקעל פון'ם באריהמטען רב און צדיק ר' בנימין אליהו גערשענאָוויטץ, וועלכער איז געווען רב אין ירושלים און זיין קבר געפינט זיך אין חברון.

מר. דזשייקאָב גאָלדמאן איז געבוירען געוואָרען מיט 28 יאָהר צוריק אין יעקאטערינאָסלאוו. צו 9 יאָהר האָט ער אָנגעפאנגען זינגען אין דער כארקאָווער כאָר שוהל, אונטער דער לייטונג פון דירינענט פּאָלאק. דער חזן איז געווען ה' קויפמאן.

אין 1891 איז ער געקומען קיין אמעריקא, און האָט דאָ געזונגען ביי די חזנים שעכטער און אברהם'עלע ארענשטיין.

איינינע יאָהר ווי געזאָגט האָט ער פארבראכט אין דער אפּערא, און זייט די לעצטע אכט יאָהר איז ער פארבונדען מיט מאכטענבערג'ס כאָר, איינער פון די בעסטע שוהל כאָרען אין ניו־יאָרק.

און אזוי ווי מאכטענבערג איז פּאָפּולער און זינגט אין פארשידענע שוהלען מיט די גרויסע באריהמטע חזנים, אזוי האָט גאנץ נויאָרק א מעגליכקייט צו קענען גאָלדמאן דעם באסס, און איז זעהר באליעבט ביי אלעמען.

גאָלדמאן איז אויך אן אויסגעצייכענטער פּאָרלעזער, און הומאָריסט. איז גוט באקאנט אין טעאטער קרייזען, וואו מ'האָט איהם ליעב פאר זיינע אָריגינעלע וויצען.

ניט אכטענדיג וואס גאָלדמאן איז אין די לעצטע יאָהרען אין ביזנעס, וואו ער האָט געמאכט ערפאָלג, דאָך איז ער ענג פארבונדען מיט חזנים, און אויסער וואס ער האָט ליעב זינגען און קען זיך ניט אוועקרייסען פון מאכטענבערג'ס כאָר, מענעדזש ער אויך פון צייט צו צייט חזנים, און האָט געמענעדזשט די חזנים הערשמאן און סיראטא.

אָסקאר פּ. דזשוליוס

די חזנים אין אמעריקא קענען אָנצייגען אויף עטליכע יונגע לייט, וואָס זיינען פון קינדווייז אָן ערצויגען געוואָרען אין׳ם קרייז פון חזנות, און זיינען אויסגעוואקסען צו זיין באדייטענדע מוזיקער, און פארנעהמען א וויכטיגען אָרט אין׳ם היגען אידישען מוזיקאלישען לעבען.

איינער פן די דאָזיגע יונגע לייט איז אָסקאר פּ. דזשוליוס, דער יונגער דיריגענט פון קלינטאָן סטרט שוהל, דאָרט וואו דער פרעזידענט חזן יעקב ראפּאפּאָרט איז יעצט חזן.

דער קליינער אָסקאר איז געווען „א נאָטען שלינגער" נאָך אלס אינגעל, און זינגען ביי אזעלכע מוזיקער ווי זיידעל ראָוונער, יאנקעלע ראָוונער (חזן פרוהמאן) ע"ה, דער זקן טאָביאנסקי, דער בארימטער קאָמפּאָזיטאָר וואָהל, איז קיין וואונדער ניט, וואָס אָסקאר איז אויסגעוואקסען ניט נאָר א מוזיקער, נאָר אויך מיט א באשטימטען באגריף וועגען די פאָדערונגען פון׳ם עמוד.

ביז 16 יאָהר האָט ער אליין געזונגען ביי די דערמאָנטע חזנים און דיריגענטען. נאָכדעם ווי ער האָט פארלאָרען זיין שטימע איז ער אוועק צום גרויסען מוזיקער גאָלדמארק און געלערנט טעאָרי און הארמאָני. זייענדיג א צייט אין מאָנטרעאָל האָט ער אויך שטודירט אין מק׳גילל קאלעדזש, און האָט זיך שטודירט אלגעמיינע למודים אזוי גוט ווי מוזיק.

אין דער צייט וואָס ער איז געווען משורר אין ניו יאָרק איז ער געווען א תלמיד אין ישיבה רבנו יעקב יוסף, וואו ער האָט געלערנט גפ״ת, און האָט באקומען אן אמת אידישע ערציהונג.

אָסקאר דזשוליוס איז שוין זייט די לעצטע 4 יאָהר דיריגענט, דאָס ערשטע יאָהר איז ער געשטאנען מיט חזן גודינסקי אין דער רוסישער שוהל אין נוארק; א יאָהר שפּעטער איז ער אויפגענומען געוואָרען אין קענעדע ביי חזן קאָהן; א יאָהר צייט איז ער געשטאנען אין בראָנקס פּארק צוזאמען מיט חזן חיים׳ל שולזינגער, און יעצט שטעהט ער מיט חזן ראפּאפּארט אין דער קלינטאָן סטריט, וואו א דאנק די גרויס פאכמאנשאפט פון׳ם חזן מאכט אָסקאר דזשוליוס געוואלדיגען פּראָגרעס.

דער יונגער דזשוליוס האָט שוין פארפאסט איינינע קאָמפּאָזיציאָנען פאר׳ן מעוד — צווישען זיי „אתה נגלית", „יהי רצון" (ראש חדש בענשען), וואָס פיעלע אנדערע חזנים זינגען, און האָט אויך אראנזשירט פיעלע פערל׳דיגע קאָמפּאָזיציאָנען פון די אלטע ארכיוען אויף א העכסט מאָדערנעם מוזיקאלישען אופן.

אָסקאר דזשוליוס איז פון די דאָזיגע טאלאנטען, וועלכע שטעהען נאָך ביי דער וויגעלע פון זייער קאריערע — איינס איז אָבער זיכער, אז די חזנ׳אישע וועלט פון דער קומענדער צייט וועט האָבען פיעלעס צו פארצייכענען פון דיעזען פיעל פארשפּרעכענדען יונגען מוזיקער.

חבל על דאבדין ולא משתכחין

אל מלא רחמים שוכן במרומים המצא מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים, כזוהר הרקיע מזהירין, את נשמות החברים:

עהרען פרעזידענט פנחס מינקאָווסקי

דייוויד קאהאן, פרעז.
עדווארד קאטשמאראף, טרעזש.
סאלאמאן סאקאלסקי, סעקר.
ישראל קופער
ישראל שאָר
טהעאָדאָר גינזבערג
ל. לעפקאָוויטץ
ישראל מיכאלאָווסקי
קלמן לעוו
אלתר באומאן
יצחק הערלאנדס

משה איבראמסאן
שלמה נח גערשענאָוויץ
יחזקיה סילווערמאן
שמואל לאנדאו
י. מאנדעלבערג
ק. שראמעק
חזן גרינבערג
פ. חפץ
יעקב פרוהמאן
(יאַנקעל ראַווינער)
יחזקאל ברעסלאווסקער

שהלכו לעולמם, בעבור שאגודת החזנים נדבה צדקה בעד הזכרת נשמתם, בגן עדן תהא מנוחתם, לכן בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמתם, ד׳ הוא נחלתם, וינוחו בשלום על משכבם ונאמר אמן.

באריהמטע חזנים פונ'ם נייצענטען יאהרהונדערט

סאלאמאן זולצער, 1890 — 1804.
ניסן בלומענטאל, 1903—1805.
אברהם יעקב ליכטענשטיין, חזן בבערלין, 1880—1806.
הירש וויינטראוב, קעניגסבערג, 1881—1811.
שמואל נאמבערג, חזן אין פאריז, 1880—1817.
חיים וואסערצוג (לאמזשע, ווילנא, לאנדאן)1882—1822.
מאריץ פריעדמאן, בודאפעסט, 1891—1827.
יצחק היימאן, אמסטערדאם, 1906—1834.
היינריך בערגרין, האנאווער, 1889—1838.
ארנאלד מארקזאהן, בערלין, 1900—1839.
רעווערענד מארקוס האסט, לאנדאן, 1911—1841.
יוסף זינגער, וויען, 1911—1841.
לעאן קארטשמאראוו, 1915—1842.
י. סאראזאהן, שטעטין, 1916—1846.
יעקב באכמאן, אדעססא, בודאפעסט, 1905—1846.
בערנארד יאקאבזאהן, לייפציג, —1846.
מאריץ טינטנער, בונצלאו, 1906—1843.
יעקב בוער, וויען, —1852.
עדוארד בירנבאום, קעניגסבערג, —1855.
עמאנועל קירשנער, מינכען, —1857.
גרשון לענהארדט, האנאווער, —1885.
הערמאן צבי העלבערפעלד, —1867.
לואיס לעוואנדאווסקי, בערלין, 1894—1821.
אהרן בער, בערלין 1821—1738.
מאיר זארעצקי, אלבערשטאדט, 1842—1769.
איזראעל לאווי, פאריז, 1832—1773.
יואל דוד סטראשינסקי, (בעל הבית'ל), ווילנא, נפטר בווארשא, —1850.
אשר ליאן, בערלין, 1863—1776.
סענדער מינסקער (פאלאטשעק) 1869—1786.
מאיר קאהן, מינכען, 1875—1802.
מאריץ אייכבערג, שטוטגארט, 1892—1806.
איזראעל זינגער הילניק (אבי החזן הוויני יוסף זינגער), 1987—1806.
ה' גאלדבערג, בראנשוויג, 1893—1807.
אהרן סאלאמאן נאטאנזאן, מאגדעבורג, 1880—1813.
מאקס לעווענשטאם, מינכען, 1881—1814.
סאלאמאן קעטען, פאריז, 1889—1814.
סאלאמאן ווינקלער, גלאוויץ, 1883—1820.

אזיאס אבראס, (פיצי) אדעס, 1884—1820.
ברוך שוהר, לעמבערג, 1904—1823.
אדאלף שיינפעלד, פאזען, 1892—1828.
א. ב. שאפירא, ברעסלאו, 1903—1833.
אברהם באוער, גאטעלבורג, 1894—1834.
דוד קאהן וואראד, —1834.
אברהם בלאושטיין, בראמבערג, 1914—1836.
גרשון ווייס, בוקארעסט, 1904—1836.
עליאס זאענגער, בערלין, 1916—1835.
יוסף גאלדשטיין, וויען, 1899—1837.
יצחק לאכמאן הירבען, 1900—1838.
יהושע פיינזינגער, ווילנע, 1872—1839.
סאלאמאן פאפער, פראנקפורט אם־מיין, 1889—1838.
אדאלף באוער, פאריז, 1913—1840.
מאריץ ראזענהופט, נירענבערג, 1900—1841.
גבריאל ראזענבערג, שטאקהאלם, 1895—1845.
ארמין פרייזינגער, פילזען, 1920—1846.
מאריף וואלערשטיין, פראג, 1906—1847.
מאריץ הענלע, האמבורג, —1850.
צמח שענבורגער, פאטסדאם, 1906—1852.
יוסף העללער, ברין, 1864.
בענעדיקט זינגער, אנגבונצלאו, 1919—1854.
יעקב טענענבוים, שטוטגארט, 1854.
הערשעלע גאלדשטיין, וויען, ניו יארק.
אלאים קולקא, וויען. 9 פ,

אלאים קולקא, וויען ; גודמאן, וויען; דוד'ל, בראדי, אונגארן; צלאל אדעסער ; א. ב. בירענבוים, טשענסטאכאוו, פוילען ; צוריני ברעסלאו ; דייטש ברעסלאו ; ווייס, ווארשא ; ישראל קופער, ווילנא, ניו יארק ; ישראל מיכאלאווסקי, ווילנא, ניו יארק ; אהרן פרידמאן, בערלין ; לאצארוז, בודאפעשט ; אליעזר גורעוויטש, אדעססא, ראסטאוו ; קראטשמאראוו, ניו יארק ; גינזבורג, ניו יארק ; קאהן, ניו יארק ; ירוחם הקטן, בערדיטשעוו, ניסי בעלזער, בערדיטשעוו ; זיידעל ראוונער, בערדיטשעוו ; יוסי סלאנימער ; מאיר לידער ; חזקעלע זשיטאמירער ; מ. בערנשטיין, ווילנע ; ראזאווסקי, ריגא ; לוא חערסאנער, הוא קארטשמאראוו הזקן ; וועלוועלע שעסטאפאל, חערסאן ; רובין עמאנועל, ניו יארק ; האלפערן, חערסאן, לעמבערג ; קאשטאן, דובנא, אבי וויינטראוב ; שקודער ; קאנאריק ; זוטא חזן הספרדים ניו יארק.

אברהם בער בירנבוים ע״ה

אברהם בער בירנבוים איז געבוירען אין א קליין פויליש שטעדטעל „פולטוסק“ אין יאָהר 1865. זיין פאָטער, א גרויסער למדן און קאָצקער חסיד, וועלכער איז באקאנט געווען אין דער חסידישע וועלט, אונטערן נאָמען ר׳ משה ליב פולטוסקער, האָט איהם ערצויגען שטרענג רעליגיעז, און פון 9 יאָהריגען עלטער אָן איהם מיטגענומען צום רבי׳ן.

ווען בירנבוים איז נאָך געווען א קינד פון 4 יאָהר האָבען זיינע עלטערן זיך איבערגעצויגען קיין לאָדז און איהם געהאלטען אין חדרים ביז 12 יאָהר. פון דאן אָן איז ער אריבער לערנען אין בית מדרש פאר זיך.

זיין נשמה, וועלכע איז געווען פון עולם הנגון, האָט איהם פון זיין פריהסטער קינדהייט אָן נישט געלאָזט רוהען, נאָר אינסטינקטיוו געשטופּט איהם אין אלע ערטער ווי מען פלעגט נאָר זינגען און שפּיעלען כדי צו באפרידיגען איהר געברויך.

בירנבוים, בסוד פאר זיינע עלטערן, הויבט זיך אָן אין לאָדז לערנען שפּיעלען פידעל ביי איינעם פון די דעמאָלט באריהמטע כלי־זמר יארוכאָווסקי, און ווערט ענטציקט פון דער שעהנער קונסט. דער סוד ווערט אָבער שנעל ענטדעקט פאר די חסידים, און בירנבוים, מורא האָבענדיג, מען זאָל איהם פאר זיין פאנאטישען פאָטער נישט פאררא͏טען, פארשפּרעכט זיי צו שפּיעלען אויפ׳ן פידעל ביי אלע מלוה מלכות „אתקינו סעודתא“. זיי בלייבען דערמיט צופריעדען און דער שרעקליכער סוד ווערט טאקי פאר זיין פאָטער נישט אזוי שנעל ענטדעקט..

זיצענדיג אמאָל מיט די חסידים ביי א „מלוה מלכה“ האָבען זיי איהם דערמאָנט אָן זיין צוזאָג, און ער האָט ווירקליך אָנגעהויבען שפּיעלען אויפ׳ן פידעל אתקינו סעודתא. אומגעריכט פאר איהם איז פּלוצלינג דערויף אָנגעקומען זיין פאָטער און געפּאקט איהם ביים פארברעכען... הא, אברהם בער, האָט איהם זיין פאָטער ערשטוינט א פרעג געטאָן, פון וואנען קענסטו דאָס? ער, נישט קלערענדיג, האָט איהם גלייך וויציג געענטפערט: „הערסט דאָך, טאטע, דעם נגון קען איך דאָך, און דאָס מאכען מיט די פינגער איז שוין גאָר קיין קונץ נישט“...

ענדליך האָט איהם די חסידישע סביבה נישט געקאָנט באפרידיגען און ער באשליסט אין יאָהר 1886 לערנען זיך שחיטות און גרייטען זיך צו ווערען א חזן־שוחט. צופעליג אָבער באקענט ער זיך מיט דעם באקאנטען מוזיקער און גרינדער פון לאָדזער „הזמיר“ חיים חייקעל יאנאָווסקי און ווערט ביי איהם א שטענדיגער איינגעהער. צו יענער צייט, האָט יאנאָווסקי איינגעאָרדענט ביי זיך קאמער־אָווענדען פון קלאסישער מוזיק, און בירנבוים ווערט איינגעלאדען שפּיעלען די 2־טע פידעל. פון דאן אָן, הויבט זיך אָן די ערשטע עפּאָכע פון זיין מוזיקאלישער ענטוויקלונג.

אין יאָהר 1888 ווערט ער חזן־שוחט אין א קליין שטעדטעל אין אונגארן. דאָרט הויבט ער אָן פלייסיג שטודירען הארמאָניע און קאָנטראפּונקט און ערלערנט גלייכצייטיג גרינדליך די דייטשע שפּראך, וואָס גיט איהם די מעגליכקייט פיעל צו לעזען איבער מוזיק. צו יענער צייט הויבט ער אָן שרייבען זיינע ערשטע ארטיקלען איבער מוזיק אין דער העברעאישער צייטונג „הצפירה“ דורך וואָס זיינען נאָמען ווערט זעהר פּאָפּולער. אין יאָהר 1890 קומט ער ווידער צוריק קיין פּוילען און ווערט חזן־שוחט אין פּראסניש. אין יאָהר 1893 ווערט ער איינגעלאדען אלס אָבער־קאנטאָר אין דער ניי־אויפגעבויטער סינאגאָגע אין טשענסטאָכאָוו. דאָרט געפינט ער פאר זיך א ברייט פעלד צו ענטוויקלען זיין גרויסען טאלענט. ער רעדאגירט באלד א פאכמענישע צייטשריפט אונטער׳ן נאָמען „ירחון החזנים“ און באשליסט צו מאכען צוגענגליך די מוזיק פאר יעדען מנגן. צו דעם צוועק זעצט ער איבער די הארמאָניע, קאָנטראפּונקט און אינסטרומענטאציאָנס לעהרע אויף אידיש און העברעאיש און טיילט זיי איין אין עטליכע פערציג בריעף. פיעל בריהמטע מוזיקער האָבען צו פארדאנקען זיינע מוזיק־בריעף זייער שפּעטערדיגע קאריערע.

אין יאָהר 1897 שרייבט ער אָן געזאנגען פאר קבלת שבת אונטער׳ן נאָמען „הלל וזמרה“, ווי אויך א ראמאנס פאר וויאָלין און קלאוויר. און די בערלינער און לייפּציגער פּראָפעסאָרען פון קאָנסערוואטאָריום, ווי סאָלאָמאָן יאדאססאָן און עמיל ברעסלאאו גיבען אויף זיי די בעסטע הסכמות. צו יענער צייט דרוקט ער אויך זעהר אינטערעסאנטע ארטיקלען איבער חזנות אין דער ביילאגע צום „הצפירה“ „גליון ספרות“. אין א צייט שפּעטער פארעפענטליכט ער ארטיקלען אין דער ציוניסטישער צייטשריפט אין קעלן (דייטשלאנד) אונטער׳ן קעפּעל: „השירה והזמרה בחצרות הצדיקים בפולין“. ער האָט אויך איבער מוזיק פיעל געשריבען אין דער דייטשער פּרעסע, ווי „לאָדזער דייטשע צייטונג“, „האמבורגער פאמיליענבלאט“, „ווארהייט“ און נאָך אין פיעל אנדערע. חוץ דעם, האָט ער אויך געשריבען איבער מוזיק אין א סך אידישע זשורנאלען. אין יאָהר 1902, פארפאסט ער א מוזיק טעאָריע אין אידיש און העברעאיש אונטער׳ן נאָמען: „תורת הזמרה הכללית“

אין יאָהר 1906 עפענט ער אין טשענסטאָכאָוו א חזנים־שול, וואו ער באמיהט זיך צו פאראייניגען חזנות מיט וועלטליכע בילדונג. ער ארבייט אונערמידליך, און עס געלינגט איהם טאקע צו ערציהען מעהרערע מאָדערנע חזנים.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות איז אויך איינער פון די ערשטע תלמידים, וועלכע האָבען געענדיגט זיין חזנים־שול.

דער פארשטאָרבענער האָט געהאט אן איידעלען כא־

ראקטער און איז געווען צו אלע זיינע תלמידים ווי א פאָטער. פיעלע פון די, וועלכע האָבען נישט געהאַט אויף שכר למוד, האָט ער געלערנט אומזיסט.

אויסער אויפצובויען דאָס חזנות גייסטיג האָט ער עס אויך געוואָלט פארבעסערען מאטעריעל, און געוואָלט זעהן די חזנים פאראייניגט אין איין גרויסער „אגודה". צו דעם צוועק ווירקט ער אויס נאָך גרויס מאטערניש אן ערלויבניש ביי דער דעמאָלטיגער רוסישער מאַכט, און אין יאָהר 1906, רופט ער צונויף קיין ווארשא דעם 1־טען חזנים צוזאמענפאָהר. דערמיט האָט ער געלעגט דעם פונדאמענט צו דעם יעצט עקזיסטירענדען חזנים פאראיין.

אין יאָהר 1908 שרייבט ער אָן דעם ערשטען טייל פון זיין ווערק „אמנות החזנות", און אין יאָהר 1912 — דעם צווייטען טייל. דאָס דאָזיגע ווערק איז א מאָנומענטאַל ווערק צווישען די חזנים פארטיטורען.

אין יאָהר 1913, האָט ער אויפגעגעבען זיין פאָסטען אלס קאַנטאָר און זיך באזעצט אין לאָדז. דאָרט פארנעמט ער זיך ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען מיט געזאַנג אונטערריכט אין די אידישע גימנאזיעס.

ער האָט אויך צו פיעל שירים פון באקאנטען העברעאישען דיכטער כהן פארפאסט מוזיק און נעגרייט זיך זיי ארויסצוגעבען. עס איז איהם אָבער, ליידער, נישט באַשערט געווען. עס וואָלט געווען א יושר, אז א געזעלשאפט פון אידישער מוזיק זאָל זיך דערמיט פאראינטערעסירען און נישט לאָזען די שאפונג פון א טאלאנטפולען אידישען מוזיקער פארבלייבען אין מאנוסקריפט.

זיין מאטעריעלע לאגע איז קיינמאָל נישט געווען גלענצענד, לעצטענס האָט זיך שוין זיין מזל אָנגעהויבען פארבעסערען, איז אָבער געקומען דער שרעקליכער טויט און איבערגעהאקט זיין לעבען.

ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, האָט דער פאָרשטאָרבענער זיינע לעצטע יאָהרען געוואוינט אין לאָדז, און ווי עס ווייזט אויס, איז איהם פאָרט באשערט געווען צו שטאַרבען דאָרט וואו ער האָט איינינע 20 יאָהר אונערמידליך געלייסטעט.

פרייטאָג, דעם 10־טען נאָוועמבער, 1922, איז ער געקומען קיין טשענסטאָכאָוו געשעפטליך און שבת, דעם 11־טען נאָוועמבער איז איהם פלוצלונג נישט גוט געוואָרען און האָט זיך מיט אונז געזעגענט אויף אייביג. די טשענסטאָכאָווער אידישע געמיינדע האָט איהם געגעבען א קרקע אויף איינעם פון די אנגעזעהענסטע פלעצער פון דאָרטיגען בית עולם. און די גאנצע שטאָדט, פון גרויס ביז קליין זיינען זיך געקומען פאראָבשיידען מיט איהר באליעבטען חזן און איהם אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד.

מיט דעם טויט פון בירנבוים ז"ל איז אוועק פון דער וועלט איינער פון די געבילדעטסטע חזנים, וועלכע מען קען ביי אונז אויף די פינגער צעהלען.

עהרע זיין אנדענקען!

פ נ ח ס ש ע ר מ א ן, (קאַנטאָר אין דער גרויסער טלאָמאצקער סינאגאָגע אין ווארשא).

חזן יצחק הערלאנדס ע"ה

(1923—1860)

מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק, אין די צייטען, ווען פיניע מינקאָווסקי איז געווען חזן אין דער עלדרידזש סטריט שוהל, איז ניו יאָרק געווען פארהעלטניסמעסיג א דאָרף אין פארגלייך מיט יעצט, און חזנים צו יענער צייט זיינען אהער ניט געקומען צו אגענטען, וואָס זאָלען פריהער מאכען א טומעל וועגען זיי. צו יענער צייט האָט אן ארטיסט געמוזט אליין צייגען וואָס ער קען...

צו יענער צייט איז יצחק הערלאנדס געקומען קיין אמעריקא. אָהן פריינד און אָהן באקאנטע האָט ער געמוזט אויסקעמפען פר זיך זיין וועג. און גליקליכער ווייזע האָט ער געהאַט די זכיה זיך צו באקענען מיט חזן פיניע מינקאָווסי. און חזן מינקאָווסקי איז אזוי איבעראשט געוואָרען פון זיין אמת שעהנע ליריש דראמאטישע טענאָר שטימע, אז ער האָט איהם באלד ארייגענומען אין כאָהר, כאָטש מוזיק האָט ער ווייניג געקענט. די געמיינדע איז געווען אזוי גליקליך מיט'ן טענאָר אז זיי האָבען איהם באלד געמאכט פאר חזן שני (ער האָט זיך צו דער זעלבער צייט ביי מינקאָווסקי א סך געלערנט) און די צוויי יונגע חזנים (פיניע איז אויך געווען א יונגערמאַן) האָבען קאָנקורירט צווישע זיך, און באלד האָבען זיך געגרינדעט פאטריאָטען און גרופען פון ביידע זייטען.

ווען די בראָדער שוהל אין אָדעסס האָט ארויסגערופען מינקאָווסקי צו פארנעהמען בלומענטהאלס אָרט, איז הערלאנדס זעלבסטפארשטענדליך געוואָרען דער חזן פון דער עלדרידזש סטריט שוהל. צו פארנעהמען פיניע'ס אָרט איז געווען א גרויסע זכיה. אָבער באלד האָט מען אפילו אין מינקאָווסקי'ס דאוונען פארגעסען ווייל הערלאנדס האָט אלעמען ווי פאר'כישופ'ט מיט זיין מויל. נאָך איידער זיין קאָנטראקט האָט זיך געענדיגט האָט די פאָרסייטה סטריט שוהל איהם צוגענומען. די שערי צדק שוהל, אין הענרי, א מיליאָנערסקער טעמפעל צו יענער צייט, האָט איהם געוואָלט האָבען פאר זיך און זי האָט איהם צוגענומען נאָך איידער זיין קאָנטראקט האָט זיך געענדיגט. דאָ מוז דערמאָהנט ווערען אז די מלחמה צווישען די קאָנגרעגיישאנס איז געווען אזוי גרויס אז עס איז געקומען אין די קאָורטס. די טרייעל האָט דאן אויפגערודערט גאנץ ניויאָרק, מ'האָט גענומען אינדזשאנקשאנס, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, די הענרי סטריט שוהל האָט געוואונען.

די סענסאציע האָט געמאכט אז פון אלע עקען שטאָדט מוזיקער פון די אומות העולם זיינען געקומען הערען און זעהן איבער וואָס און איבער וועמען שלאָגען זיך צוויי קאָנגרעגיישאנס אין די קאָורטס, און זיי זיינען פון הערלאנדס וואונדערבארע שטימע און זעלטענעם טאלאנט איבעראשט געוואָרען. זיין דאוונען איז געווען א קאָנצערט. מ'האָט צו איהם צוגענומען די פיינסטע כעהרע אין שטאָדט, און עס איז געווען נגינה ותפלה פון זעלטענער קונסט.

ער האָט נאכהער געהאלטען פארשידענע גרויסע שטע־

לעס, אָבער קיין אייביגקייט איז ניטאָ. די גאָלדענע שטימע האָט ביסלעכווייז אָנגעפאנגען פארלירען איהר גלאנץ, אגב האָט ער ניט געקענט נאָכקומען די מאָדערנע סענסאציאָנעלע מעטהאָדען — פון רעקלאמירען זיך, און אזוי ווי ער האָט געהאט הצלחה אין ביזנעס, האָט ער זיך ביסלעכווייז צוריקגעצויגען.

לעצטען זומער איז חזן הערלאנדס געשטאָרבען און זיין נאָמען איז נאָך א זיעסע עראינערונג ביי די עלטערע אידען וואָס געדענקען נאָך זיין גאָלדענע קאריערע, און זיין גאָלדענע שטימע אין דער עלדרידזש סטריט שוהל, פאָרסייטה סטריט שוהל, הענרי סטריט שוהל און די אנדערע פלעצער, וואו ער האָט מתפלל געווען.

חזן הערלאנדס ע"ה איז געווען זעהר איבערגעגעבען דעם פאך, און האָט אימער געהיט דעם כבוד פון דער פראָפעסיע. איז געווען א מענש פון מידות טובות און באליעבט ביי אלעמען ניט נאָר פאר זיין טאלאנט נאָר אויך פאר זיין כאראקטער און פערזענליכקייט.

שבתי פרידמאן ע"ה

שבתי, אָדער שעפסעל פרידמאן ווי מען פלעגט איהם רופען, איז געבוירען אין „ר י מ א ל א ו ו", גאליציען אין דעם יאָהר 1863. זיין פאָטער חיים יהודא פרידמאן האָט געקענט גוט לערנען, געווען אן עהרליכער איד, און האָט זיין שבתי'ן געגעבען א אידישע ערציהונג.

שבתי פרידמאן האָט אלס אינגעל געהאט א זעהר שעהן אלט שטימעלע, און ווען דער באוואוסטער חזן יעקב בער איז געוועזען אין רימאלאוו האָט שבתי פרידמאן ביי איהם געזונגען א גאנץ לאנגע צייט. און אזוי ווי אלע חסידישע אינגלאך פון יענער צייט, האָט ער מקים געוועזען דעם „בן שמונה עשרי לחופה". ער האָט חתונה געהאט פון „סאטאנאוו" (רוסלאנד פאָדאָליער גובערניע) און איז געוואָרען א סוחר פון

תבואה, אזוי ווי אלע אידען אין יענער צייט.

מיט 10 יאָהר שפעטער איז ער אוועקגעפאָהרען קיין יאססי רומעניען און אזוי ווי קיין באשעפטיגונג האָט ער נישט געהאט, און א גוטע שעהנע לירישע טענאָר שטימע האָט ער יאָ געהאט, האָבען איהם זיינע פריינד זעהר צוגערעדט ער זאָל זיך נעהמען צו חזנות. שבתי פרידמאן האָט זייער עצה געפאָלגט און ער איז טאקי באלד געוואָרען דער חזן פון דער „סאראריער שוהל" אין יאססי, און האָט געהאט א גרויסען ערפאָלג.

מיט א צייט שפעטער איז ער פון יענע שוהל אוועק, און איז געוואָרען חזן אין דער „גונארסקער שוהל" וואו ער האָט אָנגעהאלטען די שטעלע פיער יאָהר.

אין דעם יאָהר 1899 איז שבתי פרידמאן געקומען קיין אמעריקא, און אזוי ווי ער איז געוועזען א באריהמטער מוהל, איז ער געוואָרען א רעוו. מוהל ומסדר קדושין. און מיט זיין חזנות פלעגט ער זיך נאָר באנוצען משנה לשנה, וואו ער פלעגט דאוונען ימים נוראים.

זיין הויז איז תמיד געוועזען א בית ועד לחזנים. ער איז אויך געוועזען א גרויסער מכניס אורח און איז געשטאָרבען לעצטען יאָהר ערב פסח 1923 תנצב"ה.

חזן אברהם ליב גאָווסיאוו ע"ה

געבאָרען תר"א — געשטאָרבען י"א שבט תרפ"ב

געבאָרען אין שטעדטעל פעסאָצנע, ביי דער טייך ניעמאן, מינסקער גובערניע, רוסלאנד, ביי זיינע עלטערען ר' חיים מאיר גורין חזן, שוחט פון יענער שטעדטעל, ביז 18 יאָהר האָט ער געלערנט אין ישיבות פון מינסק און חתונה געהאט מיט א פאָטערס א טאָכטער, וואָס זיי זיינען געווען פון דער באוואוסטער משפחה אין יענעם געגענד ר' משה סאמיער. צו 20 יאָהר איז ער געפאָהרען קיין פינסק צו זיינע קרובים לוי יצחק נימצאוויץ, אבא ראָזענטהאל, אום דאָרטען ווייטער לערנען און ענדיגען זיין שטודיום פון רבנות. ער איז דאן באפריינדעט געוואָרען און געווען אן אייגענעהער ביי דעם רב הגאון ר' אליעזר משה הלוי איש הורוויץ זצ"ל און נאָך מיט אלע לומדים פון פינסק, לערנענדיג האָבען די קרובים פארלאנגט פון איהם ער זאָל לעהרנען מיט זייערע קינדער, חתנים, דערווייל איז ער באוואוסט געוואָרען פאר א מלמד להועיל, און געבליעבען געגען זיין ווילען א מלמד אין די רייכסטע הייזער, מיט דעם באוואוסטען נאָמען „אברהם ליב דער קאפוליער". זיינע תלמידים זיינען געוואָרען גרויסע מענשען, ווייל שמואל נח גאָטליב ז"ל דער פינסקער שוחט און אנדערע (שפעטער איז דר. חיים וויצמאן אויך פון זיינע תלמידים) זייענדיג א גרויסער מנגן און א ליעבהאָבער פון זינגען, מיט א שעהנער, קלינגענדיגער לירע טענאָר שטימע, האָט ער זיך באפריינדעט מיט דעם באוואוסטען אונפערגעסליכען חזן ר' יואל זעליג סטראד, און אָנגעהויבען זיך צו לערנען נאָטען, גלייכצייטיג געלערנט שחיטות, וואָס נאכהער האָט ער דאָס אויסגעקליבען פאר זיין לעבענס בארוף ביז סוף פון זיין לעבען. זייענדיג אין הויז פון דעם באוואוסטען נדבן ר' ליב סאלץ האָט ער פאָרפאָלקאָמט חזנות און שחיטות, און אָנגעפאנגען צו שאפען אייגענע קאָמפאָזיציאָנען, איז ער געווען 6 יאָהר חזן אין יאנאווע, גראָדנער גוב. חוה"מ סוכות איז געקומען א קאָ־

מיטע פון שטעדטעל מאטעלע (גראָדנער גוב.) (די געבורט שטאָדט פון דר. חיים ווייצמאַן) און מען האָט איהם אויפגענומען אלס חזן, שוחט מיט א כתב ווי געהעריג. פון אָנפאנג איז געווען מחלוקת, נאָר א דאנק דעם פינסקער גאון ר' אליעזר משה הלוי מיט זיין פריינדשאפט צו איהם אויך צו דער מאטעלער קהלה האָט ער דעם אש המחלוקת איינגעלאָשען, מיט דעם וואס ער האט געמאכט זיין טאָכטערס חתונה שיינע ז"ל מיט דעם באוואוסטען גאון ר' ברוך עפשטיין פון נאוואראדזשין בעהמ"ח תורה תמימה אין א הויף ניט ווייט פון מאטעלע און ער איז געווען דער שוחט, וואס פיעלע פראָמינענטע רבנים זיינען געווען אויף דער חתונה. דערמיט האט זיך די מחלוקת פארלאָשען.

און ער איז פארבליעבען דאָרטען חזן שוחט ביז זיין סוף לעבען מיט א גרויסען כבוד הן אין חזנות און הן אין שחיטות. אין די ערשטע יאָהרען פון זיין אנקומען אין מאָטעלע האָט ער מיט איינינע קינדער געלערנט גפ"ת און צווישען זיי איז אויך דר. חיים ווייצמאַן געווען איינער פון זיינע תלמידים.

ביז איין יאָהר פאר זיין טויט האָט ער נאָך געדאווענט מיט גרויסער באגייסטערונג פון זיינע צוהערער. אָפּדינענדיג דער מאטעלער קהלה 44 יאָהר איז ער געשטאָרבען אין א טיעפען עלטער פון 81 יאָהר, דעם 11־טען שבט תרפ"ב. פון זיינע קינדער האָט נאָר איינער גע'ירש'נ'ט זיין טאלאנט דאָס איז דער באוואוסטער חזן פון קאָנגרעגיישאָן שומרי אמונה אין סט. לואיס, יעקב גאוואסיאוו, א מעמבער פון אגודת החזנים.

חזן אַלכסנדר ערסלער ע"ה

איינער פון די געבילדעטע חזנים פון דער אלטער גענעראציע איז געווען דער נישט לאנג פארשטאָרבענער חזן און מוזיקער פון דער שטאָדטישער סינאַגאָגע אין וולאצלאוועק (פוילען) ר' אלכסנדר ערסלער ז"ל.

ערסלער איז געבוירען אין שקודי, קאָוונער גובערניע, דעם 29טען יוני 1854. ער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געלעהרנט אין די ישיבות פון ווילקאָמיר און ווילנא.

צו יענער צייט איז געקומען קיין ווילנא דער באריהמטער און אלבאקאנטער חזן און מוזיקער פון דער ווארשאווער סינאַגאָגע אויף דאַנילאָוויטשאווסקא גאַס, ר' יעקב גויים. אלע ווילנער מנגנים, וועלכע האָבען געהאט א זין פאר מוזיק, זיינען געקומען באזוכען דעם דאמאלדיגען באַריהמטען חזן און בעטען איהם ער זאל זיי צונעמען צו זיך פאר כאָריסטען, כדי צו האָבען די מעגליכקייט צו לערנען ביי איהם די קונסט פון געזאנג און קאָנטראַפּונקט. איינער צווישען די דאָזיגע באזוכער איז אויך געווען דער פארשטאָרבענער חזן ערסלער, וועלכער האָט נאכהער געזונגען ביי גויים'ען דריי יאָהר.

שפּעטער האָט ערסלער חתונה געהאט און באלד נאָכדעם אָפּגעפאָרען קיין קעניגסבערג צו לערנען חזנות ביים וועלט באריהמטען חזן ווינטרויב. דאָרט האָט ער זיך טאַקי אָנגעזאָפּט מיט'ן טראַדיציאָנעלען אידישען חזנות, אָבער ער איז נאָך דערמיט ניט געבליבען צופרידען, ווייל האָבענדיג שוין גענוג פראַקטיק אלס חזן, האָט ער געשטרעבט צו אויסבילדען זיך אויך טעאָרעטיש. צו דעם צוועק פאָהרט ער אָפּ קיין בערלין און לערנט דאָרט פלייסיג די האַרמאָניע לעהרע, וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט צו פאַרפאַסען שפּעטער איינינע חזנ'יש'ע ווערק. פון בערלין ווערט ער בארופען קיין קאליש אלס קאנטאָר אין די דאָרטיגע סינאַגאָגע וואו ער לייסטעט מיט גרויס בייפאל גאנצע 10 יאָהר. שפּעטער האָט ער אין פארלויף פון א יאָהר פאַרנומען דעם פּאָסטען פון 2טען חזן אין די לאָדזער חאָראל סינאַגאָגע אויף די ספּאַצעראָווע גאַס. פון דאָרט איז ער אוועק קיין מיטו (קורלאַנד) וואו ער איז געווען חזן איין יאָהר. נאכהער האָט איהם די וולאצלאוועקער אידישע געמיינדע געראָפען צו פארנעמען דעם אמט אלס אָבער־קאנטאָר אין דער דאָרטיגער שטאָדטישער סינאַגאָגע, וואו ער איז פארבליבען ביז די ענדע פון זיין לעבען.

אין פאַרלויף פון זיין פערציג יעהריגע טעטיגקייט אלס חזן האָט ער פאַרפאַסט איינינע מוזיקאַלישע ווערק אין גייסט פון מאָדערנעם חזנות. אין יאָהר תרנ"ה האָט ער ארויסגעגעבען א ווערק מיט'ן נאָמען: „מנגינות לתפלות ר"ה ויו"כ, אין וועלכען עס זענען פאַרהאַן פיעל הארציגע געזאנגען און מעלאָדיען. אין יאָהר תרע"ד האָט ער אויך ארויסגעגעבען א ווערק אין 2 טיילען אונטער'ן נאָמען: „תהלה וזמרה". די ערשטע טייל פאַר קבלת שבת און די צווייטע טייל פאַר שחרית און מוסף. חוץ דעם האָט ער נאָך איבערגעלאָזט פיעלע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיווען אין מאַנוסקריפּט.

אויסער וואָס דער פארשטאָרבענער איז געווען א למדן און גרינדליכער קענער פון דער העברעאישער שפּראך און ליטעראַטור, איז ער אויך געווען א מזג טוב און א זעהר אנשטענדיגער מענש.

דער נפטר האָט געלייסטעט צו דער צופרידענהייט פון זיין געמיינדע ביז די ענדע פון זיין לעבען. אין די פאַרגאַנגענע ימים טובים האָט ער זיך דערשפּירט שלעכט און מען האָט איהם געמוזט ברענגען קיין ווארשא אין א הייל אנשטאַלט, וואו ער האָט זיך איינינע וואָכען קורירט אויף א שווערע נירען-קראַנקהייט. לעצטענס האָט מען איהם געמאכט אן אָפּעראַציע נאָך וועלכער ער איז דעם 29־טען אָקטאָבער געשטאָרבען אין עלטער פון 69 יאָהר.

צו זיין לויה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווארשא, זיינען ספּעציעל געקומען צופאָהרען די געמיינדע פאָרשטעהער פון וולאצלאוועק צוזאַמען מיט'ן שטאָדט־רב. אויך זיינען געקומען איהם אָבגעבען דעם לעצטען כבוד אלע ווארשאווער חזנים, מנגנים און דיריגענטען, וועלכע האָבען באַווייגט מיט הייסע טרעהרען דעם געשעצטען און באַליבטען חבר.

אויף דעם אָפענעם קבר האָט איהם מספּיד געווען דער וולאצלאוועקער רב סענאַטאָר קאָוואַלסקי, און האָט ביי אלע אנוועזענדע ארויסגערופען טרעהרען.

ת נ צ ב " ה.

פנחס שערמאַן.

ווארשא, 16טער נאָוועמבער, 1923.

ארי׳ ליב מארכביין ע״ה

(ממעזריטש)

מעזריטש, כאָטש זי איז א פּוילישע שטאָדט, און דאָס חזנות אין פּוילען איז אלעמאָל געווען אויף א נידריגע שטופע, איז אָבער די שטאָדט אימער געווען פאררעכענט פאר אן אינטעליגענטע, פאר א פּאָרטגעשריטענע. זי איז נאָהענט צו ווארשא, איז א שטאָט וואָס ליגט אין שאָטען פון דער „ציוויליזאציאָן", און אין מעזריטש האָט מען טאקי געהערט א סך נגינה וואָס אין א סך פּוילישע שטעדט האָט מען ניט געהערט.

אין מעזריטש איז געווען א שטאָדט חזן וואָס האָט געקענט נאָטען און האָט געזונגען מיט די משוררים פון „בלאט", אָבער ניט וועגען די חזנים וויל איך דאָ רעדען נאָר וועגען דעם חזן פון בית המדרש ר׳ ארי׳ ליב מארכביין, אָדער ווי מ׳האָט איהם בעסער געקענט אונטער׳ן נאָמען ר׳ ארי׳ ליב שוחט.

מ׳האָט ר׳ ארי׳ ליב׳ן לכתחלה צוגענומען פאר א שוחט, און ער האָט לגמרי קיין נאָטען ניט געקענט, און דאָך דערמאָנט מען נאָך יעצט, אין צוואנציג יאָהר נאָך זיין פּטירה, זיין הארציגע תפלה, זיינע זיסע קאָמפּאָזיציאָנען. ווערהענד די חזנים מיט ביכלעך האָט מען פארגעסען, האָט אָבער מעזריטש, און די טויזענדער מעזריטשער לאנדסלייט וואָס געפינען זיך אין אמעריקא, ניט פארגעסען זייער ר׳ ארי׳ ליב שוחט, וועלכער איז געווען א למדן, א מענש מיט א גאָלדענער נשמה, וועמעס שטוב איז געווען אימער אָפען פאר אלע אָרימע, וואנדערער, ליידענדע און אומגליקליכע. ביי זיין טיש האָט מען אימער געפונען אורחים פון דער גאנצער וועלט. עס איז געווען אן הכנסת אורחים. און נאָכמעהר! ר׳ ארי׳ ליב דער נישט־קענער האָט ארויסגעגעבען צעהנדליגע תלמידים, וועלט־חזנים, וועלכע זינגען נאָך היינט זיינע „זאכען", און זיי וויינען מיט ביטערע טרעהרען ווען זיי דערמאָנען זיך, ווי זיי זיינען געווען משוררים ביי יענעם גרויסען צדיק.

ר׳ ארי׳ ליב שוחט איז געווען א יתומ׳ל ווען ער איז אלט געווען 11 יאָהר אין באָדקע. ער האָט געהאט א זיס שטימעלע, האָט איהם דער חזן ר׳ תנחום צוגענומען, און ווען ער איז אלט געוואָרען 14 יאָהר איהם חתונה געמאכט מיט זיין טאָכטער. מ׳דערצעהלט וועגען דעם ר׳ תנחום, אז צו 90 יאָהר, ווען ער האָט געמאכט א „מלא" אויפ׳ן בית עולם, האָט מען עס געהערט אויף דעם אנדערען עק שטאָדט, אזא גרויסע שטימע האָט ער געהאט.

ר׳ ארי׳ ליב האָט ארויסגעוויזען גוואלדיגע כשרונות אין זינגען. ער איז געווען א קוואל פון מעלאָדי. און די בין השמשות׳דיגע שטונדען פלעגט ער זיך צוזאמענשטעלען קאָמפּאָזיציאָנען. ער האָט צוזאמענגענומען אָרימע אינגלאך פון דער ת״ת, וואָס האָבען געהאט שטימען און זיין כאָר פלעגט זינגען מייסטערהאפט.

זיין נאָמען איז געווען באוואוסט אין גאנץ פּוילען און מ׳פלעגט קומען צו איהם „עפּעס נאשען".

דורך א מסירה, אז זיינע זיהן האָבען זיך צום פּריזיוו ניט געשטעלט האָט ער איינמאָהל אין א מוצש״ק געמוזט אנטלויפען פון רוסלאנד. ער איז געקומען קיין אונגארן וואו זיין תפלה און זיין פּערזענליכקייט האָט פאר איהם געפונען באלד א שטעלע נעבען מישקאָלץ. ער איז דאָרט געווען 9 יאָהר, און ווען צאר ניקאָלאי האָט באגנאדיגט די אלע אנטלאָפענע איז ער געפאָהרען צוריק. די שטאָדט האָט איהם מקבל פנים געווען מיט מוזיק און מיט פאראד׳ן, און דאָרט איז ער נפטר געוואָרען אין יאָהר תרס״ד אכצעהן טעג אין ניסן (חול המועד פסח).

אין אונגארן האָט ער איבערגעלאָזט דריי זיהן, בנימין מרדכי, תנחום און אליעזר. די לעצטע צוויי געפינען זיך שוין אין אמעריקא און בנימין מרדכי איז חזן שו״ב אין האמבורג. זיין עלטסטער זוהן ר׳ יעקב משה איז א געשעפטסמאן אין שעדליץ, אָבער איז צו דער זעלבער צייט א גרויסער מוזיקער און האָט דאָרט געגרינדעט דעם „הזמיר" וואָס האָט א שם אין גאנץ פּוילען. איינער פון זיינע איידעם׳ס איז הרב הגאון ר׳ בצלאל ראָזען, און פון זיינע אייניקלעך איז דאָ אלחנן צבי מארכביין, דער זוהן פון ר׳ ליזר, וועלכער מאכט גרויס פוראָר אין מילאן, איטאליען אלס אָפּערא זינגער, און אהרן ראָזען, וועלכער האָט א צייט לאנג פארטראָטען די שטעלע פון מוזיקאלישער קריטיקער אין „טאגעבלאטט".

יעקב משה און תנחום מארכביין, וועלכע זיינען שוין מאָדערנע מוזיקער האָבען פארשריעבען די אלע קאָמפּאָזיציאָנען, וואָס זיי האָבען געהערט פון זייער פאָטער ר׳ ארי׳ ליב, און עס ווערט געפּלאנט יעצט די דאָזיגע קאָמפּאָזיציאָנען צו באארבייטען, ווייל פיעלע פון זיי ענטהאלטען וואונדערבארע מוזיקאלישע איינפעלע, און מעלאָדיען, וואָס זיינען וואונדערליך צוגעפּאסט צום טעקסט.

מיט דער פּטירה פון ר׳ ארי ליב מארכביין איז אָבגעשטאָרבען אין מעזריטש ניט נאָר איינער פון איהרע שעהנסטע און ליעבסטע מענשען, נאָר אויך איינע פון די גרויסע „קאָנסערוואטאָריומס פון תפלה". תנצב״ח.

חזן יעקב סאראקער ספיוואק ע"ה

חזן יעקב סאראקער, וועלכער האָט איבערגעריזט גאנץ יוראָפּ מיט זיין גרויסער שטי־ע און אמת אידישען דאווענען, איז געשטאנען אלס קאנטאָר 10 יאָהר אין אָדעסער שאלאשנע שוהל, און וועמענס נאָמען איז גוט געווען באקאנט, ניט נאָר אין אָדעס נאָר אויך אין בערלין, וויען און פעטערבורג און אז. וו., איז געבאָרען געוואָרען אין א קליין שטעדטעל אין בעסאראביע, סאראקע אין יאָהר 1852. ר' יעקב סאָראָקער'ס 2־טער נאָמען איז געווען ספיוואק, נאָר גערופען האָט מען איהם נאָך דעם נאָמען פון זיין שטעדטעל, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען.

ר' יעקב סאראקער איז ערצויגען געוואָרען אין אן עכט אָרטאָדאָקסישער פאמיליע, און זיינע עלטערן האָבען שטענדיג געהאָפט, אז זייער יענקעלע וועט אויסוואקסען א רב. ווייל אין לערנען האָט ער ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען. נאָר צו 18 יאָהר האָט ער באקומען א שעהנע טענאָר שטימע און אלע זיינע גוטע פריינד האָבען איהם צוגערעדט ער זאָל זיך לערנען נאָטען און זאָל ווערען א חזן. עס האָט ניט לאנג געדויערט, און ר' יעקב סאראקער איז געוואָרען חזן, טאקי אין זיין שטעדטעל סאָראָקאָ. אָבער ניט שפּעטער ווי א פּאָר יאָהר און יעקב סאראקער איז געווען אנגאזשירט קיין בערדיטשעוו אין דער קצבעשער שוהל אין יאָהר 1887. דער עולם, וועלכער האָט איהם געהערט האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז יעקב סאָראָקער איז שוין א גרויסער חזן. דער עולם איז געווען אזוי באגייסטערט פון זיין דאווענען און פון זיין זיסער און גרויסע שטימע, אז זיין נאָמען האָט זיך באלד פארשפּרייט אומעטום, און נאָך 2 יאָהר איז ער געווען אנגאזשירט קיין בערסאָן אין דער גרעסטער שוהל.

אָבער גרויס געוואָרען איז יעקב סאראקער'ס נאָמען ערשט אין אָדעס, ווען מען האָט איהם צוגענומען אין דער גרויסער, שעהנער שוהל, וועלכע מען האָט גערופען שאלאשנע. איהם זיינען געקומען הערען ניט נאָר אידען, נאָר אויך פיעלע קריסטען. די גרעסטע אָפּערען זינגער און אָפט מאָל טאקי דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער אָפּערע. זיי אלע פלעגען באגייסטערט ווערען פון זיין געוואלדיג־גרויסע שטימע, וועלכע האָט געהאט 3 אקטאוועס — דאָס געפינט מען היינט ניט. פאר א מנגן וועט זיין פיליכט אינטערעסאנט א קורצע כאראקטעריסטיק פון זיין שטימע. די לאגע פון דער באסען פאַ ביז דאָ־רע, דאָס הייסט, אן אנדערהאלבען אָקטאוועס האָט די שטימע געקלונגען מיט א גרויסארטיגען באריטאָנאלנע טעמבער. פון מי ביז לא־סי בעמהאל האָט זי שוין אָנגענומען א שעהנעם טענאָראָווע טעמבער נאָר ווייטער סי דא רע מי און אָפט מאָל די אָבערע פא האָט געהאט אזא קראפט, אז ס'איז טאקי געווען „שאגת ארי“, יעדער טאָן איז ארוים מיט אזא פייער און גלאנץ, אז ס'האָט היפּנאָטיזירט דעם צוהערער. אז איך וועל נאָך צוגעבען זיין קאָלאָראטור און מעזזא וואטשע די וואכזאמקייט פון דער שטימע און פיאניסימאָ, וועלכע האָט געקלונגען ווי א וואָלאָנטשעל קאָן מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאר א גרויסע שטימע דאָס איז געווען. פון יעקב סאָראָקער'ס תפילה — דאָס איז אָפּגערעדט, אזא תפילה הערט מען ניט אין היינטיגע צייטען.

צעהן יאָהר איז יעקב סאָראָקער געווען חזן אין שאלאשנע שוהל און פּלוצים איז ער פארשלאָפט געוואָרען און א שטיק צייט ניט געקאָנט דאווענען. עס האָט זיך דענסטמאָל פארשפּרייט א קלאנג, אז יעקב סאָראָקער האָט אָנגעוואָרען די שטימע. אָבער א רייזע נאָך וויען האָט איהם געמאכט געזונט און אזוי ווי אין דער צייט האָט מען צוגענומען ראזומנע'ן אין שאלאשנע שוהל האָט די געמיינדע געוואָלט צונעמען יעקב סאָראָקער מיט די באדינגונגען, אז א שבת זאָל ער דאווענען און א צווייטען שבת זאָל ראזומנע דאווענען, אויף דעם האָט ער ניט איינגעשטימט. ניט לאנג האָט געדויערט און יעקב סאָראָקער איז געווען אנגאזשירט אין דער גרויסער אָמאניער שוהל וואו ער איז געווען חזן 6 יאָהר. זיין שטימע איז דענסטמאָל געווען אין בעסטען גלאנץ און ער האָט זיך פארדינט גרוים ליבשאפט און כבוד פון יעדען איינעם. אין יאָהר 1901 איז די גרויסע אָמאניער שוהל פארברענט געוואָרען, און דאָס האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף זיין געזונט, וועלכע איז אין יענער צייט שוין געווען זעהר ניט אין גוטען צושטאנד. אז מען איז געוואָר געוואָרען, אז יעקב סאָראָקער איז געבליבען אָהן א שטעלע, האָט ער אָנגעהויבען קריגען טעלעגראמעס פון פעטראָגראד, פון קיעוו, פון ווארשע, פון יעקאטערינאסלאוו און פון פיל אנדערע גרויסע שטעט ער זאָל קומען אָננעמען א שטעלע. אָבער יעקב סאָראָקער האָט שוין דענסטמאָל ניט געקאָנט פאָהרען... ער איז פארשלאָפט געוואָרען מיט א פאראליטיש. פערצעהן יאָהר האָט ער געליטען גרויסע ווייטאָגען און אין יאָהר 1918 איז ער געשטאָרבען אין עלטער פון 66 יאָהר. פון זיין שלאפקייט האָט ער זיין שטימע ניט פארלוירען און אָפטמאָל זיצענדיג אויף זיין שטוהל פלעגט ער שיינע מעלאָדיען אויסזינגען.

אחוץ זיין מנגנ'שאפט האָט יעקב סאָראָקער געהאט נאָך גרויסע מעלות. ער איז געווען א גרויסער למדן און אן אמת'ער איד. זייענדיג אָרטאָדאָקסיש געזאָנען (אפילו אין שלאפקייט האָבען איהם זיינע קינדער באדארפט אלע טאָג אָנטאָן טלית און תפילין) האָט יעקב סאָראָקער זיך ניט אָפּגעטיילט פון דער אייראָפּעאישער קולטור. ער האָט געהאט א גאָלדענעם כאראקטער און ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען האָט ער ניט פארגעסען אין מ ע ש ר און האָט 10 פּראָצענט פון זיינע פארדינסטען אָפּגעגעבען אָרימע לייט. אז יעקב סאָראָקער איז געשטאָרבען האָט זיך די גאנצע שטאָט אָנגעטאָן אין טרויער און יעדער איינער האָט געוויינט און מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ געקוקט ווען מען האָט איהם אראָפּגעלאָזען אין קבר — דאָס אָרט פון אייבינער רוה.

א. זנאאידא

REV. LEOPOLD LEVKOWITZ

Born in Smargon, Wilna Guebrne, December 6, 1854. Was Cantor for 6 years in Neustadt-on-die-Warte, Germany. Came to New York in 1885 and became Cantor of Cong. Ateres Zwie in Harlem, and held position for 13 years. Was Cantor of other congregations for several years. Was Secretary of Cantors' Association for a period. Died July 3rd, 1918. Survived by wife and six children.



חזן קלמן לעוו ע״ה

חזן קלמן לעוו, וועלכער איז מיט 10 יאָהר צוריק געשטאָרבען אין ניו יאָרק, איז געווען איינער פון די באדייטענדסטע חזנים־מנגנים פון דער היינטיגער צייט, כאָטש צו די ברייטע מאסען איז ער ניט געווען באוואוסט. ער האָט געשריעבען וואונדערבארע אמת אידישע רעציטאטיוועז, און אנדערע חזנים האָבען דערמיט גרויס פוראָר געמאכט, אָבער ר׳ קלמן לעוו אליין האָט ווענינ ערפאָלג געמאכט און זיין נאָמען איז געבליבען אין די ד׳ אמות פון דער היגער חזן׳ישער וועלט, וועלכע האָבען געקענט אָבשאצען זיין גרויסען טאַלאנט.

חזן קלמן לעוו ע״ה, איז געבוירען געוואָרען אין טארנאָפּאָל, מיט 62 יאָהר צוריק, וואו ער האָט באקומען א גוטע אידישע ערציהונג, און האָט געזונגען ביי די גרויסע חזנים, וואָס זיינען געווען אין טארנאָפּאָל. אלס טענאָר האָט ער געזונגען ביי דעם גרויסען מתפלל ר׳ ירוחם הקטן. נאכהער איז ער אוועק אין כערסאָן, וואו ער האָט געזונגען ביי דעם דאמאָלסט יונגען חזן מנגן און געלעהרטען ר׳ פנחס מינקאָווסקי. צו 22 יאָהר האָט ער געהייראט פרייליין פיינזילבער אין כערסאָן און ציהט זיך אריבער קיין אָדעס, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען אין דער העקערשער שוהל. צוויי יאָהר איז ער געווען אויף דער שטעלע; דערנאָך פארנהמט ער ראזומני׳ס פּלאַץ אין דער ניקאָלאיעווער גרויסע שוהל. פון דאָרט איז ער אויפגענומען געוואָרען אין ניקאפאל, וואו ער איז געשטאנען א משך פון 14 יאָהר, מיט׳ן שעהנסטען כאָר און זינגער.

פון דאָרט איז ער געקומען אין אמעריקא.

לײדער האָט חזן קלמן לעוו, דאָ ניט געקראָגען די נויטיגע אנערקענונג פון די מאסען; ער איז דאן געוואָרען ניט געזונד און איז געשטאָרבען אין עלטער פון 52 יאָהר. ער האָט איבערגעלאָזט צוויי טעכטער און 5 זיהן, וועלכע וואָהנען אין נוארק צוזאמען מיט זייער מוטער.

חזן קלמן לעוו האָט ניט נאָר געשאפען פיעלע סינאַגאָגאלע ווערק אין אמת אידישען סטיל און אמת מוזיקאליש, נאָר ער האָט ארויסגעגעבען א סך תלמידים, זינגער און חזנים, וועלכע זעצען פאָרט זיין ארבייט צו דערהויבען דאָס הזנות אין יעדען הינזיכט.

תנצב״ה

דער פראכטפאָלער טעמפעל סאָנס און איזראעל פון די בראנקס

די קאָנגרעגיישאָן סאָנס אָוו איזראעל אָוו די בראַנקס, 777 איסט 178טע סט. נויאָרק, איז מיט צעהן יאָהר בעפאָר באַשטאַנען פון א פופציג מיטגלידער. האָט יעדער איינער געליהען געלד צו בילדען די שוהל מיט א תלמוד תורה. צווישען די מיטגלידער האָט זיך דאן געפונען דער באוואוסטער ריעל עסטייט מאן מר. יעקב בלום און ער צוזאמען מיט דער בילדינג קאָמיטע: ה. בערקאָוויץ, מאָרים היימאן, דזש. ס. קעניגסבערג, אברהם שטאָלצער, דזש. ה. פילווערשטיין, א. ח. סילווערשטיין, ל. ראָזענטאל, סעמיועל בעס, אייזיק גאָלדשטיין און איזידאָר הערריס האָבען געטהון די ארבייט פון בויען די שוהל.



עס האָט לאנג ניט גענומען און עס איז אויפגעבויט געוואָרען דער פראכטפולער טעמפעל מיט א תלמוד תורה, וואו עס לערנען איבער 300 קינדער. יעצט איז שוין דער טעמפעל ב"ה אויסגעצאָהלט און די קאָנגרעגיישאָן סאָנס אָוו איזראעל איז די פיינסטע און רייכסטע אין דער בראָנקס. זי באַשטעהט פון פיעל איבערגעגעבע מיטגלידער. די ישוהל ווערט טאָג טעגליך באזוכט פון הונדערטער אידען וואָס קומען אהין דריי מאָל דורכ'ן טאָג דאווגען, און וואָס שיקען דאָרט זייערע קינדער לערנען. אויך געפינט זיך דאָרט א חברה ש"ס, א חברה משניות און א חברה עין יעקב, באשטעהט פון אינגערע און עלטערע אידען.

די שוהל האלט אויף א יעהרליכען חזן און א שמש. האָט אויך אן אויסגעצאָהלטע סעמעטערי אויף דער ריווערסייד סעמעטערי מיט א חברה קדישא. די שוהל האָט אויך אן אוקזילערי פון איבערגעגעבענע פרויען, וואס האָבען א סך בייגעטראָגען צו בויען די שוהל, און ארבייטען אונערמידליך אויסצוהאלטען די תלמוד תורה. די יעצטיגע בעאמטע פון דער קאָנגרעגיישאָן זיינען: אברהם שטאָלצער, פרעזידענט; סאל קאָהען, וויים פרעזידענט, דזש. ס. קעניגסבערג, פינ. סעק. איזידאָר דיוווידאָוו רעק. סעק. איזידאָר הערים, טרעזשורער. מאָרים היימאן און ה. בערקאָוויץ, עקס-פרעזידענטען. די בעאמטע פון דער ליידים אוקזילערי זיינען: מרס. קאָהען, פרעזידענטין, מרס. היימאן, וויים-פרעז., מרס. מ. בערקאָוויץ, סעק. מרס. קליבאנד, טרעזשורערין. דער חזן פון דער שוהל איז דער באריהמטער חזן מאיר יפה. דער שמש מר. עווענסאָן און דער פרינסיפאל פון דער תלמוד תורה איז מר. ס. באום.

מזל טוב לחזנים

אין דעם נאָמען פון אונזער קאָנגרעגיישאָן **עין יעקב אנשי ליסאָווקע**, 1426 מינפאָרד פּליים, נ. י., האָב איך די עהרע און דאָס פארגניגען אייך הערצליך צו באגריסען צו אייער 30 יעהריגען יום טוב, און ווינש אייך פון יעצט אָן און ווייטער נאָך א גרעסערען ערפאָלג, ווייל דאָס חזנות איז באמת א שטאָלץ פאר דעם אידישען פאָלק בכלל און פאר דער קאָנגרעגיישאָן בפרט, ווייל דער גאנצער עקזיסטענץ פון א קאָנגרעגיישאָן איז כמעט אפהענגיג אין דעם חזן.

מאיר זעליג ברוין

דעם בעסטען ביישפיעל האָבען מיר פון אונזער קאָנגרעגיישאָן.

ערשט א קורצע צייט פון 5 יאָהר, ווי אונזער שוהל איז געבויט געוואָרען און מיט דער הילף פון די חזנים וואס האָבען ביז יעצט ביי אונז די שטעלע אלס חזן פארטראָטען, האָבען מיר יעצט אונזער שוהל „פרי ענד קליער". און פאר דער קורצער צייט וואס אונזער ווירדיגער און באליעבטער חזן קאָוועצקי איז ביי אונז האָט ער אזוי ווייט געבראכט, אז מיר מוזען יעצט אונזער שוהל פארגרעסערען, וועלכע, מיר האָפען, וועט זיין גאָר אין קורצען. מיר האָפען באלד אָנצופאנגען צו בויען.

און דאָס אלעס האָבען מיר די חזנים צו פארדאנקען!

דעריבער ווינשען מיר אייך א הערצליכען מזל טוב און ווינשען, אז די אמעריקאנער שוהלען זאָלען ענדליך שוין אנערקענען די ווערדע פונ'ם חזן און פארזיכערען מעהר ווייניגער זיין עקזיסטענץ.

מיט אכטונג,

מאיר זעלין ברוין, פרעז.

די ביאַליסטאָקער שוהל

אין דער צייט ווען די אידען פון דער איסט סייד האָבען זי אָנגעהויבען אויסצובריימען אויף די אנדערע טהיילען פון ניויאָרק, אויסער די איסט סייד, איז עס געווען פּשוט ריזיקאַליש, האָבען מאנכע געטראכט, צו בויען א שוהל אויף דער איסט סייד. און דוקא אין יענער צייט, האָבען די ביאַלעסטאָקער אויסגעבויט א שוהל אינ׳ם הארץ פון דער איסט סייד, און איבערצייגט אז א שוהל קען פּראָגרעסירען און וואקסען... אפילו אין דער צייט וואָס לאנדסלייט און פּאטראָנייזער זיינען צושפּרייט איבער די 4 עקען שטאָדט.

מר. מאַקס באַרעט, פּרעז.

די ביאַלעסטאָקער שוהל האָט דערפאר געמאכט גרויס ערפאָלג ווייל זי האָט געשטעלט די העכסטע אידעאַלען פון טראַדיציאָנעלען אידענטהום אַלס דער באַזיס פון איהר איהר אינערליכע אָנגעלעגענהייטען נאָר אויך אין אלעס וואָס איז נוגע דעם גאנצען אידישען פאָלק; זי האָט געבויט און אונטערשטיצט אן אייגענע תלמוד תורה אויפ׳ן נאָמען פונ׳ם גרויסען גאון ר׳ שמואל מאָהליווער זצ״ל; זי האָט איינגעפיהרט שעורים פון למודים אין איהר בית המדרש און האָט אַלס איהר פיהרער דעם באַוואוסטען רב, הרב הג׳ ר׳ יעקב איסקאָלסקי.

און אַלס חזן האָט זי אויך אויסגעקליבען אימער איינעם וואָס איז ראוי צו שטעהן ביי דעם עמוד, ניט נור מיט זיין שטימע און מוזיקאַליטעט, נור אויך מיט תורה און יראת שמים. זי האָט געהאַט אַזעלכע חזנים ווי ר׳ אברהם׳לע ארענשטיין, דעם משכיל ר׳ מנחם מענדעל ראָם, און יעצט שטעהט ביי זיי דער יונגער טאַלאנפאָלער חזן יעקב ברייטמאַן, א יונגערמאַן אויף וועמען מ׳קען זאָגען אז ער איז א שטערן פון דער חזנות וועלט, וואָס געהט ערשט ארויף.

די שוהל האָט אימער ארויסגעוויזען גרויס רעספּעקט צום חזנות פאך — ניט אַלס ביזנעס, און זי איז דערפאר גליקליך צו באַגריסען דעם חזנים פארבאַנד צו איהר גרויסען יום טוב, און ווינשט זיי אז זייער ארבייט זאָל גע־קרוינט ווערען מיט ערפאָלג, ווייל חזנות איז די קייט וואָס פארבינדט דורות מיט דורות, אידען פון דער גאנצער וועלט אין איין נשמה, אין איין וואונש, אין איין האָפנונג...

מ׳מוז אָבער צוגעבען אז דער סענטימענט און די פיהרונג פון א שוהל איז געווענדט הויפּטזעכליך אין איהר פיהרער... און דער „קאָפּ" פון דער ביאַלעסטאָקער שוהל איז דער זעהר פעהיגער פּרעזידענט מאקס בארעט, א געשעפטסמאַן וואָס ווידמעט זיין ענערגיע, צייט און געלד פאר דער שוהל און פאר אַלעס וואָס איז נוגע דאָס אידענטהום. זיין איינפלוס פיהלט זיך אין דער שעהנער הנהגה פון דער שוהל. און דאָס מאכט די ביאַלעסטאָקער שוהל פאר איינע פון די מוסטערהאַפטע שוהלען אין גרייטער ניויאָרק.

היסטאָריע פון חברה קדישא בני ישראל קאַלוואַריער

זונטאָג, דעם 3־טען יאַנואַר 1922, האָט די חברה קדישא בני ישראל קאלווארייער, געפייערט איהר 60 יעהריגען יובילעאום. אין א סואווענייר בוך וואָס זיי האָבען דאן ארויסגעגעבען ווערט דערצעהלט די היסטאָרי פון דער קאלוואריער שוהל, ווי פאָלגט:

אין מאָנאט כסלו, תרכ״ב, אין א געוויסען אָווענד, זיינען זיך צונויפגעקומען איניגע קאלוואריער לאנדסלייט אין 105 באיארד סטריט, ניויאָרק.

קאלווארייע איז א שטאָדט אין רוסלאנד (יעצט אונטער דער ליטווישער רעגירונג) און האָבען אָנגעפאנגען טראכטען וועגען בילדען א צענטער וואו א קאלוואריער איד זאָל קענען טרעפען א לאנדסמאן, א באקאנטען, א פריינד.

צו יענער צייט, מיט זעכציג יאָהר צוריק, איז די גרויסע וועלט שטאָדט ניויאָרק, דער גרעסטער אידישער צענטער אין דער וועלט, ניט געווען דאָס זעלבע וואָס זי איז היינט, איבערהויפּט פאר די איינגעוואנדערטע רוסישע אידען.

און נאָך א לענגערע און פאָלקאָמע בעראטהונג איז געגרינדעט געוואָרען די „חברה קדישא בני ישראל קאַלוואריער", און געבויט איז עס געווען אויף די מאָטטאָ׳ס פון דער תורה — „ואהבת לרעיך כמך" און „ואהבתם את הגר" — העלפען דעם נויטליידענדען, טרייסטען דעם מוטהלאָזען, מקרב זיין דעם פרעמדען, און אויסשטרעקען א הילפסהאנד צום פאלענדען.

און נאָך לאנגער שווערער מיה, און מיט דעם וואוקס פון דער ניויאָרקער אידישער באפעלקערונג איז אויסגעבויט געוואָרען די גרויסע פּראכטפולע קאלוואריער שוהל אין 11—13 פּייט סטריט, און ווען פיעלע מעמבערס האָבען אוועקגעמופט אפּטאון, האָט מען אָפּגעקויפט א קירכע, און דאָרט געמאכט דעם אפּטאונער ברענטש.

די קאלוואריער שוהל וועלכע האָט געקאָסט $150.000 נאָך מיט 18 יאָהר צוריק איז ניט נור באוואוסט פאר

איהר פראכט און שעהנקייט, נור אויך אלס דער אָרט וואו תלמידי חכמים קומען זיך צוזאמען צו לעהרנען תורה.

ווי אזוי די קאלווארייער שוהל באהאנדעלט א חזן איז גענוג צו דערמאָנען, אז דער באריהמטער ווילנער חזן קופער ע"ה איז געווען מיט דער שוהל א משך פון 22 יאָהר. איהר יעצטיגער חזן איז ר' מנחם מענדעל אראנאף, וועלכער שטעהט דאָרט מיט גרויס כבוד, און איז זעהר באליעבט פאר זיינע הארציגע תפלות.

די קאלווארייער זיינען געווען פון די ערשטע אימיגראנטען און די מעהרסטע זיינען זעהר ערפאָלגרייך אין דער קאָמערץ וועלט, און מ'קען דערפאר מיט זיכערהייט זאָגען אז די קאלווארייער האָבען געלעגט דעם פונדאמענט פאר פיעלע פון די וויכטיגסטע אינטיטושאנס וואָס געפינען זיך אין אמעריקא.

און די שוהל אלס א קערפערשאפט באטהייליגט זיך מיט איהר געלד און מיט איהר ארבייט אין אלע וויכטיגע נאציאָנאלע און צדקה ארבייטען. די קאלווארייער האָבען זיך אין אמעריקא ניט „איבערגעביטען". זיי זיינען געבליעבען טריי אידישע טראדיציאָנען און האָבען געהאָלפען דאָס ניויאָרקער און מ'קען זאָגען דאָס גאנצע אמעריקאנער אידענטהום.

צווישען די וויכטיגע בעאמטע און מיטגליעדער פון די קאלווארייער שוהל דארף מען אריינרעכענען דעם פרעזידענט מר. סקלאמבערג, איינער פון די שעהנסטע מנדבים אין שטאָדט; וויים פרעזידענט מר. אברהם מ. אגרעסס, אויף וועמען מען קען זאָגען „תורה וגדולה במקום אחד"; ברודער מאָרים שידלאָווסקי, וועלכער איז פראָמינענט אין אלע צדקה באוועגונגען פון ניו יאָרק, און זיינען די זיילען פון דער קאלווארייער שוהל; אויך דער טרעזשורער ברודער יאָזעף ספעקטארסקי, וועלכער האָט מיט זיין צדקה ארבייט געבראכט כבוד און שטאָלץ פאר די קאלווארייער לאנדסלייט.

די קאלווארייער שוהל ווינשט דעם חזנים פארבאנד גרויס ערפאָלג אין זיין ארבייט צו דערהויבען דעם מצב החזנות.

קאָנגרעגיישאָן טשענסטאָכאָווער חתם סופר ואנשי אינטערסטאַנעשטיער
קלינטאָן סטריט שוהל באגריסט דעם חזנים פארבאנד

מיר קומט אוים דאָבעלט צו באגריסען דעם חזנים - פארבאנד — ערשטענס צו דעם חזנים פארבאנד בכלל, און צו איהר פרעזידענט, חזן יעקב ראפאפארט, וועלכער איז אונזער שליח צבור בפרט.

צווייטענס, קומט מיר אוים צו באגריסען אין נאָמען פון מיין שוהל און אויך אין נאָמען פון די „אגודת הקהלות" פון וועלכע איך בין פרעזידענט.

אין וועמעס נאָמען איך זאָל ניט רעדען אָבער, ווינש איך פון טיעפען הארצען, דעם פרעזידענט און אלע בעאמטע פונ'ם חזנים פארבאנד ווי אויך אלע איהרע מיטגליעדער, אז די ארבייט פונ'ם חזנים פארבאנד להרים קרן החזנות באמעריקא, זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

אונזער קאָנגרעגיישאָן קען זיך ריהמען אז זי האָט געהאלטען א חזן 11 יאָהר צייט; (חזן אראנאף איז געווען דער חזן) און אונזער שוהל איז ניט פון די שוהלען וואו מ'לאָזט צו יעדען שבת אן אנדער חזן צו „פארביזנעסען די שוהל" און ערנידעריגען דעם חזנות פאך.

און איך האָף, אז מיט דער הילפע פון די אנדערע קאָנגרעגיישאנס און אויך מיט דער הילפע פון חזנים פארבאנד, וועט ענדליך קומען א סוף צו די אלע אונווירדיגע פאסירונגען און געשעהענישען וואָס ערנידריגען דעם חזנות-פאך.

די קאָנג. טשענסטאָכאָווער חתם סופר ואנשי אונטערסטאנעשטער האָט לעצטען יאָהר געפייערט איהר 35 יעהריגען יובילעאום, און זי האָט א היסטאָרי פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. איהר שוהל איז איינע פון די עלטסטע אין ניו יאָרק, פריהער געווען ביי די רעפאָרמער, דערנאָך האָבען אונזערע אחינו בני ישראל איבערגענומען די שוהל א דאנק די אונערמידליכע ארבייט פון די עקס פרעזידענטען ש. גליק, ש. שאקאוויטץ, ה. וואלטשינסקי, און די ברידער מ. ב. לעדערמאן, הייטצלער, ד. סאלפעטער און פיעלע פון אונזערע געטרייע מיטגליעדער איז די „חתם סופר" (קלינטאָן סטריט) שוהל איינע פון די איינפלוסרייכסטע אין אלע אידישע ענינים.

די שוהל האָט אָנגעשטעלט א גדול בתורה אלס איהר רב ומנהיג — הרב הגאון ר' בנימין ברוך נוטה; זי האלט אוים אן אייגענע תלמוד תורה; זי האָט א שליח צבור וואָס איז ראוי' סיי מוזיקאליש, סיי אין קענטנים, סיי אין יחום, סיי אין אויפפיהרונג צו זיין דער שליח צבור פאר בני ישראל; מיר באטהייליגען זיך אין אלע אידישע נאציאָנאלע באוועגונגען, און מיר ווענדען אָן אלע מיטלען צו זיין א וויכטיגע ראָד אין דער מאשינערי וואָס רופט זיך אָן דאָס אידענטהום.

מיר פיהלען אז די ארבייט פון „אגודת החזנים" איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי ערנסט געמיינט, אזוי טיכטיג געפלאנט און פאָרבערייטעט ווי איצט, און דערפאר גיבען מיר אייך אונזער ברכה אז אייער אָרגאניזאציע זאָל בליהען און וואקסען צו זיין א וויכטיגער פאקטאָר אינ'ם לעבען פון די אידען פון אמעריקא.

ליבער גרילל, פרעז.

א וואָרט פון דעם ערשטען סעקרעטער

פראָפ. מ. באלאך

אלס גרינדער און ערשטער סעקרעטער פונ'ם חזנים פארבאנד, באגריס איך מיינע קאָלעגען צו זייער דרייסיגיעהריגען יובילעאום יום טוב. עס איז דער שעהנסטער טאָג אין מיין לעבען וואָס איך האָב דערלעבט צו זעהן דעם חזנים־פארבאנד אויף אזא גלאָררייכע שטופע. טויזענד דאנק צו דעם פיהרער חזן יעקב ראפאפארט, זאָל איהם דער רבש"ע בענשען מיט כח און געזונד ער זאָל קענען אָנפיהרען זיין טהעטיגקייט פאר'ן חזנים פארבאנד.

פראָפ. מ. באלאך

יעקב קאַפּעל סענדלער

(פארפאסער פון „אלי אלי“)

יעקב קאָפּעל סענדלער, דער פארפאסער פון „אלי אלי“, וועלכע איז ניט נאָר פּאָפּולער צווישען אידען, נאָר אויך צווישען די אומות העולם, איז געבאָרען געוואָרען אין ביעלאָצערקאָוו (שווארץ טומאה) קיעווער גובערניע. אין זיין פריהסטער יוגענד האָט ער אָנגעפאנגען צו זינגען ביי דעם שטאָדט חזן אין גרויסען בית המדרש מאָטעל גאָדים — אָדער ריכטיגער מאָטעל מינקאָווסקי. דאמאָלסט איז געווען זיין יונגער, זעהר געראָטענער בחור'ל פיניע דער דיריגענט, דער סאָליסט, דער אלעס...

פיניע איז אוועק צו ניסיע בעלזער, און סענדלער איז געבליעבען אין שטאָדט דער איינציגער סאָליסט, נאָטען לעזער, און דיריגענט ביי חזן שמואל פאלישוק. דאָס איז אזוי אָנגעגאנגען ביז צו דער חתונה... געקראָגען נדן און געוואָרען א סוחר... געמאכט א פיין לעבען א שטיקעל צייט... דערנאָך איז געגאנגען מיט דער פוטער אראָב... ביז

אין יאָהר 1888 האָט יעקב קאָפּעל גענומען דעם שטעקעלע און געקומען קיין אמעריקא. דאָ האָט ער געטראָפען זיין יוגענד פריינד פיניע מינקאָווסקי, גרויס באַריהמט אין דער דעמאָלסט רייכער עלדרידזש סטריט שוהל... זיין דיריגענט איז געווען א געוויסער קאנטראָוויטש, א טיכטיגער מוזיקער און דיריגענט און אן ערשטע קלאסע הוסטער... און דאָס הוסטען האָט איהם נעבאך געטריבען אויף יענער וועלט...

דאמאָלסט איז לעאָן קרעמער געווען אין דער פּאָרטוגעזישער שוהל און סענדלער איז געווען דער אנדערער דיריגענט מיט קענטנים און פעהיגקייט.

מ'מעג מיט רעכט זאָגען, אז סענדלער איז פון די ערשטע דיריגענטען אין אמעריקא. ער האָט דיריגירט ביי פיעלע גרויסע חזנים צווישען זיי חזן קופער, חזן קארניאל, חזן גראפמאן און אנדערע...

אין דער זעלבער צייט האָט מען סענדלער'ן צוגענומען אין טעאטער, פריהער אלס געהילף צו זיגמונד מאָגולעסקא א גרויסער מנגן (מאָגולעסקא איז אין די יונגע יאָרען געווען א משורר ביי חזנים אין רומעניען) און שפּעטער אלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט פאר זיך. צווישען די פיעסען, וואָס סענדלער האָט געשריבען מוזיק פאר זיי, זיינען „קידוש השם“, „גבור החיל“, „ברכה“... אין דער דאָזיגער ברכה איז געווען די ליעד „אלי אלי“... און נאָך דאמאָלסט האָט די ליעד געמאכט א געוואלדיגען ערפאָלג. די פיעסע איז געגאנגען צוליעב דער ליעד.

יעקב קאָפּעל סענדער האָט זיך פון טעאטער שוין לאנג צוריקגעצויגען אָבער זיין „אלי אלי“ איז פאראייביגט געוואָרען אין דער גאנצער וועלט. גוים קויפען חזן ראָזענבלאט'ס „אלי אלי“, „ראָזא ראיזא'ס „אלי אלי“ אָדער „סאָפיע ברעסלאו'ס „אלי אלי“ און קוויקען זיך און גיסען מיט טרעהרען פונקט ווי אידישע קינדער...

פון צייט צו צייט דיריגירט נאָך סענדלער א כאָר אין ימי נוראים ווייל ער האָט דאָס חזנות באמת ליעב...

מר. דזש. קאַפּלאַוויץ פון בראַנזוויל

ר׳ יוסף חיים בר׳ גדליהו קאַפּלאַוויץ, באוואוסט אלס מר. דזש. קאַפּאַלאָוויץ, איז א ליעבהאָבער פון חזנים מיט דאָס חזנות, זייענדיג א צייטונג מאן און אין די אדווערטייזינג ביזנעס אין בראַנזווילער „טאגעבלאט" און אין „מאָרגען זשורנאל" אָפּיס, 1808 פּיטקין עוועניו, שרייבט ער אימער וועגען חזנים און העלפט זיי א סך מיט. ער איז דעריבער אין דער חזנ׳ישער וועלט גוט באקאנט, האָט צווישען זיי א סך גוטע פריינד און זיין ביאָגראַפיע איז דאָ זעהר אינטערעסאנט.

מר. קאָפּלאָוויץ איז געבוירען מיט 60 יאָהר צוריק אין דער ליטווישער שטעדטעל מאלארעצנע, ווילייקער אויעזד, ווילנער גובערניע. זיין פּאָטער ר׳ גדליהו ז״ל איז געוועזן א גדול בתורה ובמדות א חסיד וירא שמים, האָט מיט זיין זוהן יוסף חיים ביז 10 יאָהר זיך זעלבסט געלערנט. אין עלטער פון 10 יאָהר האָט ער איהם אוועקגעשיקט לערנען אין מינסקער ישיבות, וואו ער איז פאררעכענט געוואָרען אלס עלוי. זייענדיג א גוטער זינגעריל האָט איהם דער פּאָטער ערלויבט פאר א קורצער צייט צו זיין א משורר׳ל ביים מינסקער חזן ישראל׳קע. דער חסידישער פּאָטער פלעגט איהם אויך נעהמען צום קוידענעווער רבי׳ן ר׳ אהרן׳לע זצ״ל, פאר וועמעס טיש ער האָט געזונגען. צו פופצעהן יאָהר אלט איז ער אוועק לערנען אין דער שטאָדט לידא, ווילנער גובערניע, וואו ער האָט געהערט שיעורים פון דעם גאון ר׳ מרדכי מעלצער זצ״ל, האָט דאָרט שוין אויך געלערנט השכלה, איז פאררעכענט געוועזן אלס גרויסער משכיל.

צו 20 יאָהר אלט האָט ער חתונה געהאט מיט זיין יעצטיגער פרוי, צערניע בת ר׳ נח העשיל אין דער שטעדטעל קראמניע, איז אריין אין דער געשעפט וועלט און שפּעטער ווי אלע אידען צו יענער צייט האָט ער צו 25 יאָהר אלט עמיגרירט נאָך אמעריקא, האָט אריבער געבראכט זיין פרוי מיט 2 קינדער אברהם און ישראל, איז א צייט לאנג געוועזן אין די סיגאר מאנופעקטשורינג ביזנעס, האָט געסטראָגעלט צו סופּאָרטען א פאמיליע מיט 7 קינדער, האָט אָבער מיט אָנגעשטרענגטע כחות געלאָזט בילדען זיינע זיהן. דער עלטערער זוהן איז דער באריהמטער בראָנזווילער דאָקטאָר אייב קאפּלאָוויץ, אין 257 נויאָרק עוועניו, איז יעצט פארבונדען מיט די גרעסטע האָספּיטעלער אלס אויסגעצייכענטער כירורג. זיין זוהן סעמיועל איז צוזאמען מיט איהם אין דעם אדווערטייזינג אָפּיס, אין 1808 פּיטקין עוועניו, בראָנזוויל, פריינק איז אין די דראָג ביזנעס, דער אינגסטער זוהז יצחק אלחנן איז א לאָיער און אויך אן ערפאָלגרייכער אדווערטייזינג אגענט, זיין טאָכטער רחל איז פארהייראט צו מר. הערי קופער, מענעדזשער פון מאָרים פלען באנק, בראָנזווילער ברענטש. אלע זיינע קינדער זיינען יעצט פארהייראט און ער וואָהנט מיט זיין פרוי אין 1335 איסטערן פּארקוויי.

מר. קאפּלאָוויץ איז זעהר פּאָפּולער אין בראָנזוויל, ער באלאנגט אין אלע אינסטיטושאָנס, ער מיט זיין פרוי, וועלכע איז אויך טעטיג אין אלע פרויען סאָסייטיס, איז די פּרעזידענטין פון די קימפּעטארין סאָסייטי. מר. קאפלאָוויץ האָט באזונדערס געהאָלפען תלמוד תורות. די נייע תפארת הגר״א תלמוד תורה, 425 האווארד עוועניו, וועלכע ער האָט געהאָלפען בויען, און איז איהר טעטיגער וויספּרעזידענט. מאכען די דירעקטאָרען צוזאמען מיט בראָנזווילער פּראָמינענטע בעלי־הבתים יעצט אן עהרען באנקעט, מאָנטאג, דעם 11טען פעברואר אין פּתח תקוה טעמפּעל.

מר. קאפלאָוויץ איז א דרשן, אדרעסירט מיטינגען, איז א טעטיגער ציוניסט און אויסער א נאה דורש אויך א נאה מקיים. זייענדיג יעצט א פארמעגליכער בעל הבית גיט ער מיט דער ברייטער האנד און מיט זיין ווארעמער הארץ צו דעם קרן היסוד און צו אלע אינסטיטושאָנס.

ער שרייבט בראָנזווילער נייעס איבער אלע ברוקלינער אינסטיטושאָנס אין די בראָנזווילער אָפּטיילונג פון „טאגעבלאט" און אין „מאָרגען זשורנאל".

מר. דזש. קאפלאָוויץ דריקט אויס א הערצליכען מזל טוב צו דעם חזנים פארבאנד בכלל און בפרט צו זייער 30 יאָהריגען יובילעאום.

הערי בראַדווין

דער אייגענטימער פון דער באוואוסטער פּיאַנאָ און פאָנאָגראַף פירמא, ה. וורְאַדווין און קאָ.

ווען הערי בראַדווין איז אריבערגעקומען קיין אמעריקא איז ער שוין אלט געווען 9 יאָהר. זיין פאָטער יעקב בראָדסקי איז געווען א משורר ביי די גרעסטע חזנים צו יענער צייט אין איירָאפּא און נעמליך: ר׳ ניסן בעלזער ע״ה, און ביי ר׳ זיידעל ראָווגער שליט״א, און וועלכער איד אין בערדיטשעוו האָט ניט געקענט בראָדסקי דעם באַס?

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער קליינער הערשעלע האָט געוויזען גרויס טאלאנט אין זינגען, און ווי דער שטייגער איז, האָבען זיך פיעלע חזנים אין פילאדעלפיא פאראינטערעסירט אין הערשעלען און זיי האָבען נביאות געזאָגט, אז דאָס וואקסט א „כלי“.

ווען זיין קנאבען שטימע האָט זיך געביטען און ער האָט אָנגעפאנגען זינגען באריטאָן האָט זיך אין איהם פאראינטערעסירט דער באוואוסטער חזן רעוו. גן, וועלכער איז דאן געווען חזן אין פילאדעלפיא און האָט איהם ארייגענומען אין כאָר. ער האָט איהם אויך אונטעררריכט אין מוזיק — שטים־בילדונג, און נאכהער ווי ער האָט אָבגעזונגען אלס באריטאָן איניגע יאָהר ביי חזן גן האָט הערי בראָדסקי (הערי בראָדווין) געפיהלט, אז ער מוז זוכען א גרעסערען פעלד וואו זיין טאלענט זאָל זיך אויסברייטען, און ער איז געקומען אין ניו יאָרק, וואו ער איז געוואָרען באריטאָן סאָליסט אין טעמפעל עדת ישראל אין די בראָנקס, וואו קאנטאָר ל. ליפּין איז חזן.

אין א געוויסען פרייטאָג אָווענד ווען הערי בראָדווין האָט געזונגען א סאָלאָ מיט א קינסטלערישען טאָן און זעהר געפיהלפול, האָט זיך אין טעמפעל דאן געפונען דער מענעדזשער פון דער באוואוסטער קנאבע פּיאנאָ קאָמפּאני. זיין זינגען און זיין שטימע האָט אויף איהם געמאכט אזא איינדריק, אז דער מענעדזשער פון די קנאבע פּיאַנאָ האָט איהם איינגעלאדען צו זיך אין דער היים, וואו ער האָט געזונגען און איז געוואָרען א הויז פריינד. נאָך א קורצער באקאנטשאפט האָט ער איהם אפּאָינטעד פאר דיסטריקט מענעדזשער פאר די בראָנקס און האָט פארטראָמען די קנאבע פירמא איניגע יאָהר...

בראָדווין איז ניט נאָר א גרויסער טאלענט אין זינגען געווען. ער האָט געהאט מערקווירדיגע פעהיגקייטען צו ביזנעס, און אין א שעהנעם טאָג האָט זיך ערעפענט אין די בראָנקס א פּיאנאָ און פאָנאָגראף סטאָר אויף קאָרטלאנד עוועניו און 149־טע סט. — דאָס איז געווען הערי בראָדווין׳ס ערשטער אריינטריט אין די ביזנעס. מיט 5 יאָהר צוריק איז עס געווען, דאמאָלסט האָט זיך געגרינדעט די פירמא ה. בראָדווין ענד קאָ., — וועלכע איז באוואוסט אין גאנץ גרייטער ניו יאָרק און אומגעגענד. יעצט האָט הערי בראָדווין זיין סטאָר אין 350 איסט 149־טע סטריט — איינע פון די גרעסטע און שעהנסטע אין די בראָנקס.

אין וואָס באשטעהט הערי בראָדווין׳ס גרויסער ערפאָלג? פארוואָס איז ער אזוי באליעבט? פארוואָס רעקאָמענדירט איינער דעם צווייטען צו הערי בראָדווין?

דאָס איז גאנץ פּשוט. הערי בראָדווין איז א פריינד פון׳ם קאָסטאָמער, און באהאנדעלט יעדען איינעם אזוי, אז ער זאָל איהם קענען בלייבען א פריינד. זיינע מוזיקאלישע פעהיגקייטען העלפען איהם אויסצוקלייבען די בעסטע פּיאנאָס, די בעסטע פאָנאָגראפס און די בעסטע רעקאָרדס פאר זיינע קאָסטאָמער.

ער מאנופעקטשורט יעצט אן אייגענע פּיאנאָ „די בראָדווין פּיאנאָ“, וועלכע איז דער געשפּרעך פון אלע מוזיק מבינים און פּיאניסטען. ער האָט ניט געשפּאָרט קיין געלד, געברויכט די פיינסטע מאטעריאלען און די בעסטע בעלי מלאכות וואָס געלד קען נאָר קויפען. אין די הייזער פון חזנים, דיריגענטען, מוזיקער, זינגער, ארטיסטען געפינט זיך די פּיאנאָ וואָס בראָדווין האָט זיי פארקויפט און זיי זיינען העכסט צופריעדען.

די פירמא איז אויך די פארטרעטערין פאר די בראָנזוויק און סאָנאָרא פאָנאָגראפס.

עס איז ווערטה צו פאָהרען אין די בראָנקס און זיך באקענען מיט הערי בראָדווין!

The Associated Synagogue Choir Leaders of America

די פאראייניגטע שוהל-כאָר דירינענטען

באַגריסען דעם

אגודת החזנים דאמריקה וקנדה

צו זייער דרייסיג יעהריגען יובל

ראובן קאזמירסקי, פרעז.

א. קאנטער, וויס פרעז.   אָסקאַר פּ. דזשוליוס, רעק. סעק.

לואיס פראָהמאן, פינ. סעקר.   מ. מאכטענבערג, טרעזשורער

The Public National Bank
OF NEW YORK

די פּאַבּליק נעשיאָנאַל בּאַנק

„די גרויסע אידישע בּאַנק“

ריסאָרסעס אריבּער $110,000,000

מאנהעטען

בראָדוויי און 25טע סטריט

דעלענסי און לודלאָו סטריט

177 איסט בראָדוויי

עוועניו „סי“ און 7טע סטריט

מעדיסאָן עוועניו און 102טע סטריט

מעדיסאָן עוועניו און 116טע סטריט

בּראנקס

3817 — 3טע עוועניו

940 סאוטהערן בולוואַרד

בּרוקלין

פּיטקין עוועניו און וואטקינס סטריט

גרעהעם עוועניו און ווארעט סטריט

קאָנעי איילענד

2213—2215 מערמעיד עוועניו

Compliments of

Congregation Beth Sholom

of Brooklyn

SOUTH 5TH STREET corner MARCY AVENUE

OFFICERS

MR. N. ROTHMAN .... President
MR. J. REICHER .... First Vice President
MR. G. GROSSMAN .... Second Vice President
MR. I. TEPPER .... Recording Secretary
MR. A. LEFKOWITZ .... Treasurer
MR. D. HOCHBERG .... Financial Secretary

My Best Wishes to the

Jewish Ministers Cantors Ass'n of America

to their

30th Anniversary Celebration

Samuel Rottenberg

564 BROADWAY NEW YORK

Phone Dry Dock 7113 FISCHER BROS.
THE HOUSE OF WILTONS
Dealers in
FLOOR COVERINGS OF THE BETTER KIND
Jobbers and Importers of
CHINESE AND ORIENTAL RUGS
120 ESSEX STREET NEW YORK

MAY SUCCESS BE WITH YOU IN YOUR NOBLE WORK

Bert Korinsky

596 WILLOUGHBY AVE., BROOKLYN, N. Y.

Scadrons'

Scientific Eye Examinations *Optometrists Expert Opticians*

162 West 116th Street (Near 7th Avenue)
403 Grand Street (Near Clinton St.)
New York
111 West 42nd Street New York
41 South 4th Avenue Mt. Vernon, N. Y.

Compliments of a Friend of

Rev. A. SINGER

and the

Cantor' Ass'n of America

D. T. BROOKLYN.

Tel. Drydock 5476

HARRY ABRAHAM S.

ELLSTEIN

125 East 4th Street, New York

Instruction in Sight Reading, Piano Theory and Harmony

Accompanist and Coach

מנהלי ת״ת דביה״כ
„בית שלום“

159 שדרת מרסי, ררוקלין, נ. י.

מברכים את אגודת החזנים לחג יובלם, ומביעים את תקותם כי כל שאיפות האגודה תתגשמנה בעתיד הקרוב.

מרת ראטהמאן, נשיאה

גדליה מאָסקאָוויטץ

דער באַוואוסטער טענאָר

באגריסט דעם חזנים פארבאנד צו זייער יובל

און ווינשט זיי ערפאָלג.

הערמאַן עהרענבערג

דער באַוואוסטער כאָר דיריגענט

227 ריווינגטאָן סטריט, ניו יאָרק

טעלעפאָן: אָרטשאַרד 2549

ווינשט דעם חזנים פארבאנד גרויס ערפאָלג צו זייער יום טוב אין מעדיסאָן סקווער גארדען, און האָפט אז זייער ארבייט צו פארבעסערען דעם מצב החזנות וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

הענרי גאָלדשטיין

דער באַליעבטער באַסס

2077 וויז עוועניו, בראנקס

טעלעפאָן: פאָרדהאַם 6449

ווינשט דעם חזנים פארבאַנד גרויס ערוואָלג

נייטהען קופערמאַן

דיריגענט פון דער

רומענישער שוהל שערי שמים

160 ס. 1טע סט., ברוקלין

ווינשט דעם חזנים פארבאנד בכלל און אַלע חזנים, אז זיי זאָלען האָבען גרויס ערפאָלג אין זייער ארבייט

היימאַן גערטלער

דער באליבטער טענאָר פון נאַדלער׳ס כאָר

305 ס. סעקאָנד סטריט, ברוקלין

ווינשט דעם חזנים פארבאנד גרויס ערפאָלג און האָפט אז אלע חזנים וועלען זוכה זיין צו פייערן צוזאמען דעם פופציג יעהריגען יובל.

סעם לעווין

דער באַליעבטער טענאָר

188 ס. סעקאָנד סט., ברוקלין

באגריסט די חזנים צו זייער יובל און ווינשט אז דער פארבאַנד זאָל פאָרזעצען זיין ארבייט פאָר דער פארשעהנערונג און פארבעסערונג פון נגינה ביים עמוד.

הערי סיגעל

דיריגענט פון דער קאָנג. בני ישראל

בעדפאָרד עוועניו, ברוקלין

באגריסט דעם חזנים פאַרבאַנד צו זייער יובל

און ווינשט זיי ערפאָלג.

די וויקטאָר טאָקינג מאַשין קאָ.

האָט די עהרע צו אַנאָנסירען די

רעקאָרדס

פון די פאָלגענדע ארטיסטען:

חזן יאסעלע ראָזענבלאט
חזן מרדכי הערשמאן
חזן זאווועל קוואַרטין
חזן גרשון סיראָטא
יוסף ווינאָגראדאָוו
דוד קעסלער ע״ה

פאָפולערע רעקאָרדס פון די פאָרנעהמסטע ארטיסטען
און אָרקעסטראס פון דער אידיש מוזיקאַלישער וועלט.

איהר קענט באקומען א קאַטאַלאָג פריי ביי יעדען
דילער וואָס פאַרקויפט וויקטאָר פראָדוקטען.

"HIS MASTER'S VOICE"

Victrola

Look under the lid and on the labels for these Victor trade-marks.
Victor Talking Machine Company, Camden, N. J.

"גוט
ביז'ן
לעצטען
טראָפען"
מאקסוועל הויז קאָפע ווערט צוזאמענ-
געשטעלט פון די בעסטע קאָפע-
בעבלעך און ווערט געמאָלען, קאָמבינירט
און געבלענד אויף אן אייגענארטיגען אופן.
דערפאר איז דיעזע קאָפע גוט ביז'ן לעצטען
טראָפען.
פריי! שיקט פאר דעם אידישען ביכעלע
"ווי אזוי צו מאכען א גוטע קאָפע קאָפע"
CHEEK-NEAL COFFEE CO.,
40th St., & 2nd Ave., B'lyn, N. Y.
מאקסוועל הויז
קאפפע
אויך מאקסוועל הויז טהעע
CHEEK-NEAL COFFEE CO.
NEW YORK NASHVILLE, HOUSTON, JACKSONVILLE, RICHMOND
פערקויפט נור אין
פערזיעגעלטע בלע-
כענע קענס, בע-
קוועהם צו עפענען
און געברויכען.
Maxwell House
HIGH GRADE
Coffee
CHEEK-NEAL COFFEE CO.

טעלעפאָן יוניווערסיטי 6354
7555

רעוו. ס. טייטש

פראַקטישער

מוהל ומסדר קדושין

שמש דקאנגרעגיישאָן כל ישראל א. פ.

24-28 וועסט 114טע סטריט

ניו יאָרק

ווּאהנוּנג

23 וועסט 114טע סטריט

בעט. לענאָקס און 5־טע עווע., ניו יאָרק

מוהל פון בית דוד האָספּיטאַל

גוט באקאנט אין גרייטער ניו יאָרק
אַלס קינסטלער אין זיין פאַך

אלס א פארעהרער פון חזנות און אלס פריינד פון חזן

יעקב בּרייטמאַן

פון דער ביאַליסטאָקער שול

שיק איך מיין באגריסונג צום

חזנים פאַרבאַנד

צו איהר 30 יעהריגען יובל און ווינש זיי
אז דאָס חזנות זאָל בליהען און זאָל זיך
דער הויבען צו דער כבוד'יגער פּאזיציאָ
וואָס עס פאַרדיענט צו זיין.

הערריּ ברעכער,

780 סעינט מארקס עוו., ברוקלין, ניו יאָרק.

מר. און מרס. יעקב טוכמאַן

316 בעדפאָרד עוועניו, ברוקלין

דער זוהן פון'ם גבאי פון חעלעמער שוהל, ר' חיים יקותיאל ז"ל,
באגריסט זיין לאנדסמאַן

חזן יעקב בּרייטמאַן

וועמען ער געדענקט נאָך אַלס אין דער חעלעמער שוהל. און
וועלכער איז היינט איינער פון די וואקסענדע שטערן ביים עמוד,
צו דעם 30 יאָהריגען יובילעאום פון'ם חזנים־פאַרבאַנד, וואו ער
איז א טיכטיגער מיטגליעד.

קאַנטאָר ש. דיינאָף

באזיצט א וואונדערבאַרע טענאָר שטימע, העכסט מוזיקאַליש, געשטודירט אין מאָסקווער קאָנ־סערוואַטאָריום, געווען קאַנטאָר אין הויפּט שולען פון רוסלאַנד. איז אַ זוהן פון באַרימטען גאון ר' דוד טעבעל, מאַלטשער רב.

אדרעס:

S. DAINOW

1728 76TH STREET BROOKLYN, N. Y.

איבער פופציג יאָהר
באַרימט אלס די בעסטע

ר' מאיר לאָנדאָן'ס מצות

זעהט אַז אייער פסח טיש
זאָל זיין באַצירט מיט דיזער
מצה, וועט איהר האָבען אן
אמת'ן עונג יום טוב.

Meyer London, Inc.

494-496-498 GRAND STREET NEW YORK

Tel. Drydock 8850-8851

דער באַוואוסטער דיריגענט

מאַקס סלוצקי

אונטעררכיכט אין אלע צווייגען פון מוזיק.

וואָהנט:

230 איסט 4טע סטריט, נ. י.

טעלעפאָן: דריידאק 5140.

Compliments of

LOUIS DUBROW

238 LEWIS AVENUE BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

L. RABINOWITZ

82 ORCHARD STREET NEW YORK CITY

Compliments of

LEE ROSE & CO.

154-56 E. HOUSTON STREET NEW YORK

Compliments of

JOSEPH GOTTFRIED

1331 46TH STREET BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

HARRY PARNES

VICTROLAS

HARDMAN PIANOS

4509 13TH AVENUE BROOKLYN, N. Y.

Phone: Windsor 6212

Compliments of

ISSAC GINSBERG

1311 49TH STREET BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

LOUIS RACHONITZKY

113 RIVINGTON STREET NEW YORK

Compliments of

Congregation Sons of Abraham

726 GATES AVENUE BROOKLYN, N. Y

A. HABER
President

D. D. SOKOLOV
Secretary

Don't Believe All You Hear Until Your Hear The New Edison

THE new Edison is the only phonograph which dares the test of direct comparison with the living artist.

More than five million music lovers have heard fifty great artists compare their art with their Edison Records. The most exacting music critics could not detect the slightest shade of difference between the living performance and the Edison performance.

You really should hear the new Edison in side-by-side comparison with other phonographs before you purchase.



Hear these present Edison Yiddish Records:

59509 { **Tanjo Omar Rabi Chanine** (Cantor Josef Shlisky)
Kadish—Die Chasinte (Madam Prager)

59511 { **Uvmakhalois** (Cantor Josef Shlisky and his Choir)
Mother's Prayer (Madam Prager)

גלויבט ניט וואָס איהר הערט, ביז איהר הערט ניט די נייע עדיסאָן

די נייע עדיסאָן איז דער איינציגער פאָנאָגראף וואָס קען באשטעהן דעם נסיון פון דירעקטע פארגלייכונגען מיט דעם לעבעדיגען ארטיסט.

מעהר ווי פינף מיליאָן מוזיק ליעבהאָבער האָבען געהערט פופציג גרויסע אַרטיסטען פארגלייכען זייער קונסט מיט זייערע עדיסאָן רעקאָרדס. די שטרענגסטע מוזיק קריטיקער האָבען ניט געקענט ענטדעקען דעם קלענסטען אונטערשיעד צווישען די לייסטונגען פון דעם לעבעדיגען ארטיסט און די עדיסאָן לייסטונגען.

איהר דאַרפט און זאָלט הערען די נייע עדיסאָן אין זייט־ביי־זייט פאַר־גלייכען מיט אנדערע פאָנאָגראַפס איידער איהר קויפט.

הערט דיעזע נייעסטע עדיסאָן אידישע רעקאָרדס:

59509 { **תניא אמר רבי חנינא** (הזן יאָסעלע שליסקי און כאָר)
קדיש (די הזן'טע) (מאַד. פראַגער)

59511 { **מוטער'ס געבעט** (מאַד. פראַגער)
ובמקהלות (הזן יאָסעלע שליסקי)

THOMAS A. EDISON, Inc.

ORANGE, N. J.

כשרות
ריינליכקייט
קוואליטי

באקומט איהר ווען איהר קויפט

בראנפמאנ׳ס

וואורשטען, פרענקפורטערס, קארנביף, צונגען
פאסטראמא און אנדערע געסמוקטע פליישען

1. כשר — גאראנטירט בהשגחת הרב הג׳ דר. קליין ומשגיח תמידי הרב אברהם וויים.
2. ריין — גאראנטירט דורך דער אויפזיכט פון דעם רעגירונגס-דעפארטמענט פון אגריקולטשור.
3. געשמאק, געזונט און נארהאפט — ווייל זיי זיינען געמאכט פון די בעסטע פרישע פליישען.

JACOB BRANFMAN כשר Sausage Factory

כשר וואורשט פעקטארי

יעקב בראנפמאן

FIRST CONGREGATION

of

Kensington Tifereth Israel

Ditmas Avenue and Dahill Road, Brooklyn, N. Y.

Organized 1907 *Dedicated 1912*

OFFICERS 1924

President ....HARRY FALK
Vice President ....S. M. BOCHNER
Treasurer ....B. ROSENFELD
Secretary ....ROBERT RICHMOND
Trustees .... MAX LEVINE, B. RITTER, M. PARISER, HERMAN SPRINGER
Rabbi ....REV. DR. JACOB BOSNIAK
Cantor ....REV. ISAAC KIRCHNER
Sexton ....B. BERNSTEIN

LADIES AUXILIARY

of

Temple Tifereth Israel

Organized 1907

OFFICERS 1924

President ....MRS. M. LEVINTHAL
First Vice President ....MRS. H. FALK
Second Vice President ....MRS. M. FELDMAN
Treasurer ....MRS. M. NATTELSON
Financial Secretary ....MRS. L. DORFMAN
Corresponding Secretary ....MRS. B. BECKER
Trustees .... MRS. FENDRICK, MRS. BRORTERMAN, MRS. WEINSTEIN, MRS. CANTOR

Compliments of

Mr. & Mrs. Chas. Mahler

166 NORFOLK STREET NEW YORK

Compliments of

Mr. & Mrs. Nass

2701 BEVERLEY ROAD BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

JOE HAUPTMAN

113 RIVINGTON STREET NEW YORK

Compliments of

MAX PINE

175 EAST BROADWAY NEW YORK CITY

לואיס ריינעס

דער באוואוסטער כאָר לידער

112 דילענסי סטריט

ווינשט דעם חזנים פארבאנד
און יעדען חזן באזונדער
מזל טוב
צו דעם גרויסען יום טוב.

אונזער פריינד

זיגמונד שוואַרץ

אָנדערטעיקער
און
פיונעראל
דירעקטאָר

אָפיס און פיונעראל פארלארס

312 איסט 5טע סטריט, נ. י.

צווישען 1טע און 2טע עוועניו

כּאַנגריסונג

מר. און מרס. ש. פריעדמאן און פאַמיליע

17 פענסילוויניא עוו., ברוקלין

מעמבערס פון „טעמפעל סיני“

באגריסען זייער קאַנטאָר אפרים ספיוואַק
צו דער געלעגענהייט פון דעם 30 יעהריגען
יובילעאום פון חזנים פארבאנד פון אמעריקא.

מר. משה אהרן דיימאָנד

וועלכער איז יעצט עלעקטעד צום 26טען מאָל פרעזידענט פון דער

רומעניען אמעריקאן קאָנג. „בית תפלה“

224 האפקינס סטריט, ברוקלין

ווינשט אז דער חזנים פארבאנד זאָל האבען ערפאָלג אין זיין ארבייט לטובת דעם מצב החזנות

מר. דיימאָנד ווינשט אז אלע קאָנגרעגיישאָנס זאָלען פאר־שטעהן צו שעצען זייערע חזנים ווי די קאָנג. בית תפלה פארשטעהט צו שעצען חזן משה שעכטער, וועלכער איז שוין 19 יאָהר חזן אין דער שוהל.

מר. מ. שלענקער

באליעבטער טענאָר

280 — 10טע סט., נ. י.

באגריסט דעם חזנים פארבאנד צו זייער
דרייסיג יעהריגען יובל.

זאָל די ארבייט פון חזנים פארבאנד
געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

קלמן נעם

דער באוואוסטער דיריגענט

47 פיירסט עוועניו, ניו יאָרק

ווינשט אלע חזנים „מזל טוב“ צו דעם גרויסען
יובל פון חזנות.

זאַוועל זילבערטס

דיריגענט פון חזנים פארבאנד

זאַוועל זילבערטס

שרייבט צו די האַרדמאַן, פעק ענד קאָ.:

„זינט איך בין געקומען קיין אמעריקא מיט דריי יאָהר צוריק, האָב איך באנוצט די האַרדמאַן פיאַנאָ מיט דער גרעסטער צופרידענהייט. די קליינע האַרדמאַן גרענד אין מיין היים איז געווען אַ קוואַל פון אמת׳ע אינספיראַציע, סיי פאַר מאַדאַם זילבערטס און סיי פאַר מיר, און אלע מיינע לעצטע קאָמפּאָזיציאָנען זיינען געשאַפען געוואָרען מיט דער הילף פון דיזען וואונדערבארען אינסטרומענט.

מיט בעסטע ווינשע, פארבלייב איך,

ערגעבענסט אייערער,

זאַוועל זילבערטס“

Hardman, Peck & Co.

433 - 5th Avenue, New York ***47-51 Flatbush Ave., Brooklyn, N. Y,***

בארימט איבער אכציג יאָהר פאר פאבריצירען פיינע פיאַנאָס

מיר באַגריסען איך, חזנים, צו אייער 30 יעהריגען יובּילעאום, איהר די ערציהער פון דער אידישער מוזיק, איהר וועלכע זינגען פאַר אונז פון וויגעלע ביז צום קבר.

טעאַטריקעל מוזיקעל קלאַב,

מוזיקער פון אידישען טעאַטער

The Day
דער טאָג

ישראל אָסמאַן — י. אפּאטאשו — א. גאָלדבערג
ר. אייזלאנד — ראובן ברײנין — דר. ג. גאָלדמאַן
אהרן גלאַנץ — ב. י. גאָלדשטיין
ב. צ. גאָלדבערג — וולאַדימיר גראָסמאַן
פּרץ הירשביין — ב. זאַלמאַנאָוויטש
מאיר העניש — אַלכסנדר זעלדין
דר. חיים זשיטלאָווסקי
י. חייקין — דר. ש. מארגאָשעס — שמואל ניגער
י ה ו א ש — ה. ד. נאָמבערג — דר. נ. סירקין
ל. סאוױדש — סארא ב. סמיטה — לעאָן עלבע
י. סלאָנים — וויליאם עדלין — אלטער עפּשטיין
דר. קאַרל פאַרנבערג — נ. פראנק
עוזיאל פליישמאן — לעאָן קאָברין
מ. קיפּניס — אלפרעד קליין
דר. א. קאָראַלניק — ל. קעניג
ש. ראָזענפעלד — רעי ראַסקין — שלום עליכם
צ. ה. רובינשטיין — אברהם רייזען — א. שיינמאַן

זיי שאַפען דעם „טאָג“

די בעסטע און שעהנסטע אידישע צייטונג

THE DAY

183 East Broadway New York

MR. A. N. GROSS

433 PUTNAM AVENUE, BROOKLYN, N. Y.

Organist of

TEMPLE ADATH ISRAEL, Bronx

(L. Lipitz, Cantor)

Extends his best wishes to the Cantors' Association on their Thirtieth Anniversary Jubilee.

Compliments of

E. Bacher

ENCRAITED CHINA, STERLING SILVERWARE AND GLASSWARE

90 LENOX AVENUE NEW YORK

Compliments of

Mme. Julius

THE EXPERT CORSETIERE

Carries a Full Line of

HIGH GRADE CORSETS, BRASSIERS, UNDERWEAR, HOSIERY AND GLOVES

104 LENOX AVENUE NEW YORK CITY
(Near 116th Street Station)

Phone University 6742

WOLF'S LUGGAGE SHOP

TRUNKS, LEATHER GOODS AND UMBRELLAS

Branches:
106 Lenox Avenue - - - Phone University 6985
2563 Broadway - - - Phone Riverside 10030

246 WEST 116TH STREET NEW YORK

Compliments and Best Wishes

MR. & MRS. CHARLES D. LOWENTHAL

127 WEST 111TH STREET

NEW YORK CITY

Drydock 3717

Isaac Storper

MEN'S FURNISHER

72 SECOND AVENUE NEW YORK
(Corner 4th Street)

Phone: Williamsburg 5174

Bedford Mansion

I. JONAS, CATERER, *Proprietor*

903 Bedford Avenue Brooklyn, N. Y.

My catering is only strictly Kosher under supervision of Rev. Dr. Philip Klein, Mashgiach.—M. H. Klausner.

Telephone: Orchard 5157 Established 1888

E. FRANK

DIAMONDS, WATCHES, JEWELRY, STERLING AND PLATE WARE, CUT GLASS, CLOCKS, ETC.

ARTISTIC PLATINUM MOUNTING WORK

269 Grand Street New York
(Southwest Corner Forsyth Street)

Compliments of

ISIDORE LASNER

146 WEST 34TH STREET N. Y. CITY

Compliments of

PARNES PHONOGRAPH STORE

45TH STREET & 13TH AVENUE

BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

HEYMAN'S MUSIC STORE

576 LIVONIA AVENUE BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

D. TANENBAUM

1541 PRESIDENT STREET BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

NATHAN SHULMAN

1343 46TH STREET BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

MR. MAX JONAS

1456 46TH STREET BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

HYMAN MOSES

1511 STERLING PLACE BROOKLYN, N. Y.

Compliments of

JOSEPH B. DAVIS

1036 BROADWAY BROOKLYN, N. Y.



עושה צדקה בכל עת, זה המגדל יתום ויתומה בתוך ביתו.

ווערטהער פריינד: —

מיר ווייסען אלע, אַז די וועלט איז פול מיט אונגליקען. יעדער איינער האָט זיך זיין פעקעלע צרות, מיר זיינען אלע אונטערוואָרפען אונטער דעם שיקזאל פון פארשיידענע אומשטענדען, אָבער קיין גרעסערער אומגליק איז ניטאָ ווען קליינע ביידעלאך בלייבען איבער אליין אין דער גרויסער, פרעמדער, קאלטער וועלט, אָן אַ מאַמע, עלענדע, שוואכענקע, פארבלאָנדזשעטע פייגעלאך.

ערוואקסענע מענשען ווערען אויך פאר׳יתומ׳ט, ווען זיי פארלירען זייערע מאַמעס, ובפרט אונשולדיגע קינדערלאך. זייער גאַנצער לעבען פון וויגעלע ביז׳ן קבר איז א טרויעריגער. אזעלכע געשטראָפטע נפשות׳לאך געפינען זיך אין אונזער אינסטיטושאָן ביז 200 אין צאָהל, און פאר זיי בעטען מיר איהר זאָלט אונז העלפען מיר זאָלען זיי קענען ערציהען ביז זיי וועלען אביסעלע אונטערוואקסען און זיך צוגעוואוינען צו די אומשטענדען וואָס א יתום אָדער א יתומה דארפען דורכלעבען ביז זיי ווערען זעלבסטשטענדיג אויף דער וועלט.

גוטע מענשען, גאָט זאָל אייך בענטשען! העלפט אונז אָנגעהן מיט אונזער הייליגע ארבייט, און ווערט א מעמבער אין אונזער בית יתומים. טוט עס היינט, און לייגט ניט אָב אויף שפּעטער. מעמבערשיפ איז פון $5 און העכער.

מיט יתומים גרוס,

מאַקס בלומבערג, פרעזידענט.

Be Sure Your Victrola Comes from Max M. Mandel

איהר קענט הערען דעם גרעסטען קאָנצערט פון די בעסטע חזנים און אָפּערא זינגער ביי זיך אין דער היים צו יעדער צייט ווען איהר ווילט אונטערהאַלטען זיך, אייער פאַמיליע אָדער גאַסט, ווען איר האָט אַ



וויקטראָלא מיט רעקאָרדס

— פון —

מ אַ ק ס מ אַ נ ד ע ל

אייער קרעדיט איז גוט און מיר פאַר־
קויפען וויקטראָלאס מיט בלויז איין
דאלאר אַ וואָך אָפּצאָהלען

מ אַ ק ס מ א נ ד ע ל

110 דילענסי סטריט, ניו יאָרק.

MAX M. MANDEL

110 Delancey Street — New York City

שיקט פאר א פרייען קאטאלאָג פון וויקטראָלאס און רעקאָרדס.

„פּרובירט בעקער בראָס. צוערשט"

מאַנופעקטשורערס זייט די לעצטע 50 יאָהר פון די וועלט בארימטע בעקער בראַדערס אינסטרומענטע, אַזוי ווי:

בעקער בראָדערס פּיאַנאָס
בעקער בראָדערס פּלייערס
בעקער בראָדערס גרענדס
בעקער בראָדערס רעפּראָדוסינג פּיאַנאָס

